STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00754

DER MAMZER

Zalman Shneour

Permanent preservation of this book was made possible by
Tessie & Joseph Newmark
in honor of
their children–Arthur, Lisa & Andrea

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן שניאור / דער ממזר

זלמן שניאור

תשי״ז — ניו־יאָרק — 1957

דער משיח

I

אין זאַוואולעק

ZALMAN SHNEOUR

DER MAMZER

THE ILLEGITIMATE CHILD

COPYRIGHT 1957
BY ZALMAN SHNEOUR
NEW YORK — TEL AVIV

All rights reserved. No part of this book may be reproduced in any form without the permission of the author.

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK

אַ וואָרט
וועגן דער ראָמאַנען־סעריע
„דער ממזר״

דאָס ערשטע בוך פון „ממזר״, וואָס ווערט דאָ געגעבן אין בוך־פאָרם צום ערשטן מאָל, האַלט 327 גרויסע זייטן, איז איינגעטיילט אין 32 קאַפּיטלעך און הייסט **„אין זאַוואָולעק״**. עס איז אַן אָפּגעשלאָסן ווערק, אַזוי ווי די ווייטערדיקע ביכער פון דער זעלבער סעריע: „אַ צאָן פאַר אַ צאָן״, „צווישן גנבים״ און „די קאַלטע שול״.

¶ בשעתו האָט דער ראָמאַן „נח פּאַנדרע״ (אין 5 ביכער) געהאַט אַ שטורעמדיקן דערפאָלג. אין דער יידישער ליטעראַטור האָט ער זיך געדרוקט אין המשכים אין 9 יידישע צייטונגען אויף דער גאָרער וועלט; איז איבערגעזעצט געוואָרן אין פאַרשידענע אייראָפּעאישע שפּראַכן, איז געשטעלט געוואָרן אין יידישן טעאַטער אין וואַרשע, ניו יאָרק, בוענאָס איירעס און אויף העברעאיש אין ישראל.

¶ אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, האַלט דער מחבר, אַז דער ראָמאַן „ממזר״ איז אַ טיפער ווערק, איז געשניצט קינסטלערישער און אויסגעפּירט פּרעציזער און קאָלירפולער.

¶ נאָר יעדעס ווערק, אַזוי ווי יעדער אינדיווידואום, האָט זיין גורל. דער גורל פון „ממזר״ איז געווען פונקט אַזוי טראַגיש ווי דער גורל פון „נח פּאַנדרע״ איז געווען גליקלעך.

¶ דער „ממזר״ איז צום גרעסטן טייל, **פאַר** דער גרינטלעכער איבעראַרבעטונג, געגאַנגען אין „פאָרווערטס״, אַזוי ווי אין אַ סך אַנדערע יידישע צייטונגען, אין די יאָרן 1933־35 — פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז געגאַנגען אין המשכים, ניט אַלעמאָל גוט דורכגעשליפענע. נאָכן פאַרענדיקן אים אין המשכים, איז דער ראָמאַן אינגאַנצן איבערגעאַרבעט געוואָרן און אין זיין נייער, גוט־דורכגעטראַכטער פאָרם, אָוועקגעשיקט געוואָרן צום פאַרלעגער שור („תמר״־פאַרלאַג אין ווילנע־וואַרשע). אָבער די נאַצישע אינוואַזיע האָט דעם מאַנוסקריפּט אומגעבראַכט צוזאַמען מיט אַ סך מיליאָנען יידישע לעבנס און קולטור־ווערטן, ווי סטראַשונ׳ס ביבליאָטעק אין ווילנע און דאָס גלייכן. און דער ראָמאַן איז ביז היינטיקן טאָג אין בוכפאָרם ניט אַרויס.

¶ עס האָט גענומען היפּשע עטלעכע יאָר ביז פון דעם טייל־ווייז געראַטעוועטן מאַטעריאַל און פון שטיקלעך צייטונגען איז רעסטאַווירט געוואָרן די פאַרלאָרענע סעריע פון „משה׳קע ממזר״.

¶ דאָס ערשטע בוך איז פאַרענדיקט און גייט אַרויס ווי אַ גאַנצע און אָפּגערונדעטע ליטעראַרישע זאַך אין פאַרלאַג „דער קוואַל״, וועלכער האָט נאָר־וואָס באַנייט זיין טעטיקייט אין ניו יאָרק, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ישראל לאָנדאָן.

זלמן שניאור

ערב פסח, תשי״ז.

בוך איינס / "אין זאַוואָלעק"

דער מדרש וועגן ממזרים

אָנשטאָט אַ הקדמה

„ושבתי אני ואראה את כל העשוקים״ . . . און כ׳האָב מיך אומגעקוקט און דערזען אַלע רויבערייען, וואָס שפּילן זיך אָפּ אונטער דער זון, די טרערן פון די באַ׳עוול׳טע, וואָס האָבן קיין טרייסטער ניט, וואָס קיינער טרייסט זיי ניט פון די וואָס רויבן זיי אויס מיט געוואַלט... (קהלת, קאַפּיטל ד׳).

דניאל דער שניידערל האָט דאָס איינגעטייטשט וועגן ממזרים: „די טרערן פון די באַ׳עוול׳טע...״ די טאַטעס האָבן געזינדיקט און אָט די אומגליקלעכע, וואָס זיינען זיי שולדיק? קומט אויס, אַז דער הולטאַיעוועט און יענער ליידט אומזיסט... „און קיינער טרייסט זיי ניט פון די וואָס רויבן זיי אויס מיט געוואַלט...״ דאָס מיינט מען די גרויסע סנהדרין, וואָס קומען אויף זיי אָן מיט דעם כוח פון דער תורה און דערווייטערן זיי (די ממזרים) פון כלל־ישראל. „אמר הקדוש־ברוך־הוא...״ האָט געזאָגט דער אייבערשטער: „איך מוז זיי טרייסטן! אויף דער וועלט זיינען זיי פּסולת, אָפּפאַל. אָבער דערפאַר, אַז משיח וועט קומען!...״

האָט אויף דעם געזאָגט זכריה: „איך וועל זיי טרייסטן...״ דאָס מיינט — פאָטער־שטולן פון ריינעם גינגאָלד, וואָס זיינען פאַר זיי אָנגעגרייט אין די קומענדיקע צייטן. —

מדרש: „ויקרא רבה״, פרשה ל״ב

אַ שטרויענער אלמן

א

בײַ זאַוועז — דער שקלאָווער מילנער און גביר — איז אין מיטן ווינטער קראַנק געוואָרן ראָבע זיין ווייב. אַ ווייבערשע קרענק אין די איבערגאַנג־יאָרן. לכתחילה איז דאָס געגאַנגען גאַנץ געוויינלעך, ווי בײַ אַלע ווייבער, ווען די עלטער קלאַפּט זיי אָן אין טיר: רויטע צעשוואָומענע פלעקן אויפן פנים, האַרצקלאַפּעניש, אומרואיקער שלאָף; אויסברוכן פון פלוצלעכן צאָרן אויף דער דינסט, אויפן מאַן, אויף די קינדער; פלוצלעכע געפאַלנקייט בײַ זיך אַליין און טרערן אָן אַ שום אורזאַך.

עט... עס וועט איבערגיין! — אַזוי האָט קראָל דער דאָקטאָר געטרייסט דעם מילנער מיט אַ צווייידייטיקן שמייכעלע און, אַגב, געגעבן אים שטיל־לערהייט צו פאַרשטיין, אַז... יאָ, אַ ווייב, אין געוויסע יאָרן... אין דער צייט ווען אַלץ בייט זיך בײַ איר, דאַרף מען שאַנעווען. ר׳ זאַווע איז נאָך, אָן עין־הרע, אַ גבר אַ ייד, און זי... ער זעט דאָך אַליין. אפילו ווען זי איז היים צו אים זאָל ער איר ניט גלייבן. ס׳איז שטרוי, מער גאָרניט...

דערנאָך האָט דאָקטאָר קראָל מיט אַ קלוגער מינע פאַרריכט די גאָלדענע ברילן אויף דער נאָז, פאַרשריבן אַ געזאַלצענע רפואה, געהייסן די קראַנקע זאָל דאָס נעמען עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד און איז אַוועקגעגאַנגען.

דריי מאָל האָט ראָבע באַשטעלט דעם זעלבן רעצעפּט אין אַפּטייק און איינגענומען ביזקל דעק. געשלאָפן איז זי פון דער פּריקרער רפואה ווי אַ באַטויבטע. נאָר איבערגעגאַנגען איז איר שוואַכקייט ניט. אדרבא, וואָס ווייטער איז געגאַנגען ערגער. אַרום פּסח־צייט האָט זי אָנגעהויבן פאַרלירן בלוט און כוחות און אַוועקגעלייגט זיך. זי האָט געקראַנקט היץ, און דער דאָקטאָר האָט בײַ איר אַנטדעקט אַ געשווילעכץ אויף אַ דעליקאַטן אָרט. אַ היפּשע ווײַלע האָט ער זיך געשושקעט מיט דער קראַנקער. דערנאָך ווי־דער אַמאָל אָפּגערופן ר׳ זאַוועז אָן אַ זייט, און דאָס מאָל גערעדט צו אים אָן אַ שום שמייכעלע, אַז... יאָ, אַביסל שולדיק אין דער ווייב׳ס חולאת איז ער אַליין.

— כ׳מיין, — האָט זאַווע שעמעוודיק אַריינגעקוקט אין זיין געדיכטער ווייכער באָרד — מ׳איז דאָך מער ניט ווי אַ מענטש.

— נו, — שנײַדט אָפּ דאָקטאָר קראָל — אַצינד איז צו־שפּעט צו זוכן װער ס'איז שולדיק: דער מאַן צי דער רבונו־של־עולם. אַצינד בלײַבט נאָר אײן עצה: פירן די קראַנקע אין גובערנסקען שפּיטאָל, אין מאָהליוו. אַז אַן אָפּעראַציע װעט דאָס מער ניט גײן. ער, דער דאָקטאָר קראָל, פאַר־שטײט זעהר גוט, אַז אַזאַ פּולבלוטיקן מאַנסביל װי ר' זאוװע איז, װעט אויספאַלן שװער צו... בלײַבן אַ לאַנגע צײַט אײנער אַלײן. נאָר ס'איז ניטאָ װאָס צו מאַכן. דעם אמת מוז ער אים זאָגן גלײַך אויפ'ן אָרט: אפילו אַז די אָפּעראַציע זאָל גוט דורכגײן, װעט די קראַנקע נאָך לאַנגע־לאַנגע חדשים ניט קענען זײַן זײַן װײַב. ער זאָל דאָס װיסן.

זאוװע האָט דאָס אויסגעהערט מיט אַ שעמעװדיקער מינע פון אַן אָפּגע־שמיסענעם גרויסן יינגל. מיט אַ ניט־זיכערער באַװעגונג האָט ער זיך דער־בײַ געקעמט די שטאַרק־צעװאַקסענע באָרד — װײַיד און געדיכט, װי די האָר פון אַ באָבער, און װאָר־ניט־װאו דורכגעזילבערט מיט װײַסע פעדימער, אויך װי בײַ אַ גוטן באָבער. די שטענדיק רואיקע, אין פעטע קנײטשעלעך פאַרגראָבענע אויגן, האָבן געגנומען אַרומלויפן. הם... עפּעס האָט ראַכע גע־מוזט אָנדערציילן דעם דאָקטאָר. פאַר'מסר'ט אים... און, װי איר שטײגער איז די לעצטע צײַט — איבערגעטריבן... אַזאַ גזלן, װי דער באַרמהאַרציקער דאָקטאָר מײנט, איז ער ניט... חס ושלום! און װאָס מ'שרעקט אים דאָ, אַז ס'װעט אים זײַן „שװער", איז אויך אַ סכנה. די מצוה פון האָבן קינדער האָט ער שוין מקיים געװען. צװײ דערװאַקסענע טעכטער, מיט צונויפגע־פלאָכטענע שװאַרצע קיטקעס האָר אויף די קעפּ, גײען בײַ אים אַרום אײ־בערן שטוב. און דער תכשיט זײַנער, דער פּופּצן־יאַריקער בן־יחיד משה'קע, ענדיקט שוין באַלד די שקלאָװער שקאָלע. און ער, ר' זאוװע אַלײן, איז שוין, געלויבט דער אײבערשטער, אַריבערגעטראָטן די פופציקער...

— אָט, — מאַכט ער — דאָקטער! װאָס אײַך פעלט גראָד אַצינדער אײן... װעמען ליגט דאָס אין קאָפּ? דער עיקר איז דאָך זי... איר טאָר מען אפילו װעגן דער אָפּעראַציע ניט זאָגן...

דאָקטאָר קראָל איז אָבער דאָ אַ הײמישער מענטש. דעם מילנער'ס בן־יחיד האָט ער די ערשטע פּאָקן צוגעשטעלט. ער קען, מאָלט אײַך אויס, זײַנע פּאַציענטן זעהר גוט. האָט ער אַ בלאַנדזשע געטאָן מיט זײַנע קילע אויגן, אונטער די קילע גלעזלעך, איבער ר' זאוװע'ס שטאַרקן גוף. דעם מילנער'ס שװאַרצאַפּלען האָבן יונג געפינקלט אין די פרישע װײַסלען. די דיקלעכע ליפּן האָבן קאַרשן־רויט און אַביסל געפּיעסטשעט אַרויסגעלויכטן פון די ברוינלעכע באָרד און װאָנסעס. אַ געזונטע רויטלעכקײט האָט אים געבליט אין די װײַיד־באַװאַקסענע באַקן. האָט ער נאָר קוים־קוים אַ הײב געטאָן מיט די פּלײצעס, דער דאָקטאָר קראָל, און גאָרנישט געזאָגט. געטראַכט האָט ער אָבער... מאָלע װאָס ער האָט געטראַכט. קײן פּרעסער אין דער װעלט, האָט ער געטראַכט, האָלט ניט פון אָפּעטיט נאָכן עסן..

האָט מען ראַכבען אָוועקגעפירט אין מאַהליוווער שפּיטאָל. מיט איר צוזאַמען איז אַהין אָוועקגעפאָרן סטערע, די עלטערע טאָכטער. אַז מ׳וועט האַלטן בײַ דער אָפּעראַציע וועט זי „קלאַפּן אַ טעלעגראַמע״. אַזוי איז געוועזן אָפּגערעדט.

צום ערשטן מאָל נאָך דער חתונה האָט זאָווע געפּראַוועט דעם סדר אָן דער ווײַב. הינדע, זײַן ייִנגערע טאָכטער, האָט זיך קוים ספּראַוועט מיט אַלע פּסח׳דיקע פּאַטראַוועס. און משה׳קע, דער תכשיט, איז געזעסן און האָט זיך גענודיעט. אַן אומעטיקער סדר איז דאָס געווען. צו „חד־גדיא״ האָט אַפּילו זאָווע פאַרלוירן אַ טרער איבער דער הגדה.

נאָך אומעטיקער איז אים געווען צו שלאָפן איינער אַליין. עס האָט אים געפעלט דער אָטעם פון זײַן ווײַב אין דער טונקעלקייט. און אינדערפרי, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזען דעם ווײַב׳ס פאַרבעטע בעט, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער שלאָפט ניט בײַ זיך אינדערהיים, נאָר אויף אַן אכסניה; נאָר אַזוי ווי אַלע אײַנצעלנע קאַמערן זײַנען פאַרנומען, האָט מען אים אויסגעבעטן אין אַ קאַמער מיט צוויי בעטן...

ביסלעכווײַז האָט ער זיך צוגעוואוינט צו דער פּוסטקייט אין שלאָפצימער. און אַלץ איז אָוועק לויטן אַלטן שטייגער. הינדע, די ייִנגערע טאָכטער, האָט זיך נאָך אַלץ געפּלאָנטערט אין דער באַלעבאַטישקייט. אַז דער מאַמען האָט זי ניט געוואוסט וואו וואָס עס שטייט, וואו עס ליגט, וועלכער שליסל עס פּאַסט זיך צו דעם אָדער צו יענעם שופלאָד. האָט זי זיך מיישב געווען מיטן טאַטן און מיט דער קעכין און צוגענומען אין שטוב אַ „שרות״ (אַ געהילף), חנה׳לע האָט זי געהייסן; אַ זיבעצן־יאָריקע יתומה, מיט צעשראָקענע אַביסל בולטע אויגן. ביז אַהער האָט זיך חנה׳לע אויפגעהאַלטן אין אַ חושבדיקער שטוב, בײַ אירע ווײַטע אָרעמע קרובים — געטשע דער טאָקער און קונע זײַן ווײַב. דער טאָקער און די טאָקעריכע האָבן זי געהאָדעוועט פאַר לייבעטשקען זייער מיזיניק — אַ לײַמער און אַ פרייַלעכער יונג; אַ זינגער און אַ וויצלער, וואָס אין חנה׳ן איז ער געווען פאַרליבט ביז איבער די אויערן. נאָר אַזוי ווי פון פרייַלעכקייט אַליין קען מען קיין חופה ניט שטעלן און פאַר גלייכווערטלעך קען מען אַפילו קיין טלית ניט קויפן, האָט מען פאַר חנה׳לען גענומען זוכן אַ גוטע „שטעל״ און געפונען. אָפּגעגעבן זי אין „גוטע הענט״ און אין אַ גוטער אידישער הויז. דאָ, אין אַזאַ שמאַלץ־גרוב ווי בײַ זאָווען דעם מילנער, וועט זי מירצעשעם אָנקלײַבן אַביסל געלט אויף נדן. אָפּקאַרמענען זיך אויף נגיד׳ישע קעסט איז אויך אַ סך לייכטער ווי אויפן טאָקער׳ס קרופּניק... נישקשה, לייבעטשקע, זייער מוזינעק, קען וואַרטן! זאָל ער בעסער פריער אָפּפּטרן דעם „פּריזיוו״. און בכלל... ס׳איז גלאַט אַ סך גלייכער די „קינדער״ זאָלן אַביסל זײַן פונדערווײַטנס. די שטוב, דעם טאָקער׳ס, איז ענג. און די לעצטע צייט פאַדיעט עפּעס לייבעטשקע צופיל אַרום דער אויסגעוואַקסענער ווײַטער קרובה...

פאַר דעם מילנער׳ס הויז האָט דאָס אויך גוט געפּאַסט. מ׳האָט דאַרטן חנה׳לען צוגענומען מיט דער באַרעכענונג, אַז דערווייל־וואָס וועט זי צוהעלפן הינדען און דער קעכין אין דער באַלעבאַטישקייט. און שפּעטער, אַז די באַ־לעבאָסטע וועט צוריקקומען פון שפּיטאָל און מיט איר — סטערע, די על־טערע און געניטע טאָכטער, וועט חנה׳לע ווערן די „זיצערקע" ביי דער קראַנ־קער און וועט אויף איר אַכטונג געבן בייטאָג און ביינאַכט. וואָרים קראָל, דער דאָקטאָר, האָט הינדען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזוי גיך וועט נאָך די מאַמע ניט געזונט ווערן. מען מוז רעכענען מיט גוטע עטלעכע חדשים, ביז די לעצטע סימנים פון דער אָפּעראַציע וועלן זיך אויסשטיין און די מאַמע וועט זיך שטעלן אויף די פיס.

ב

עטלעכע טעג נאָך פּסח, קומענדיק פון מיל אין אַנגעהאַרעוועטער, אין אָנגעפּודערטער מיט מעל, האָט ר׳ זאַווע דערזען אַ נייעם פּנים אין שטוב. צום טיש האָט דערלאַנגט אַ יונגינקע מיידל, מיט פּוכקע בלאַסע ליפּן און מיט אַ פאַריאָגטן קוק אין די בלויע בולטע אויגן. פון אונטער דער בריה׳ש פאַר־בונדענער קאַפּטיכל האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן עטלעכע רויטע קרייזלעך האָר, און זיי האָבן צוגעגעבן דער מאַטעווער ווייסקייט פון אירע באַקן אַ דורכ־זיכטיקייט פון פּערל. אַפילו די עטלעכע זומער־שפּרינקלעך אויף איר גע־שניצטער נאָז זיינען געווען באַ׳טעמ׳ט, ווי צימרינג־קערנדלעך וואָס זיינען צעשטרייט איבער אַ פרישן טאָרט.

— הם... — האָט זאַווע אָנגע׳ברוגז׳ט די ברעמען אויף קאַטאָוועס און, ניט־ווילנדיק, אַ פּוץ־געגעבן זיך די צעפּלאָשעטע ווייכע באָרד — דאָס ביסטו... דעם טאָקער׳ס קרובה הייסט דאָס?

דערזעענדיק דעם לאַכנדיקן גביר׳שען קוק פון אונטער די אָנגע׳ברוגז׳טע ברעמען, איז חנה׳לע פאַרצאַפּלט געוואָרן.

— ס׳בין איך... חנה... — האָט זי קוים אַרויסגערעדט.

שבת, נאָכן דאַווענען, האָט זי אָפּטמאָל געזען ר׳ זאַווען אַרויסגיין פון ליובאַוויטשער בית־המדרש. דער שוואַרצער געווענטענער פאַלטאַ איז אַלע־מאָל גוט געזעסן אויף זיינע ברייטע פּלייצעס, שענער ווי ביי אַלע דאַווענער. די מומע קונע האָט איר איינמאָל אָנגעוויזן אויף אים און געזאָגט:

— אַ סטאַטנער מאַנסביל, דער מילנער, און אַ גביר אַ ייד.

וואָס עס הייסט אַ „סטאַטנער מאַנסביל" האָט חנה׳לע געגעוי ניט פאַר־שטאַנען. טשיקאַווע איז זי פונדעסטוועגן געוואָרן. מומע קונע האָט דאָס אַ זאָג געטאָן מיט אַ באַזונדער פייערל אין די אויגן, די גאַנץ־געבליבענע ציין אויסגעשטשירעט מיט אַ פאַרגליווערטן שמייכעלע...

פון דענסטמאָל אָן האָט חנה'לע נאָכגעקוקט זאָוועז, ווען ער גייט פון שול. שבת, אַזייגער עלף אינדערפרי, דאַרף מען נאָר אָפּוואַרטן די ריכטיקע מינוט, דערזעט מען אים דורכן טאַקער'ס פענסטערל צווישן אַ סך יידן. זיין הילוך איז גאָר אַן אַנדערער. מען דערקענט אים פון דערווייטנס... אַז עס וועט איר אַליין אַמאָל אויסקומען צו באַדינען אַזוי נאָענט אַט דעם „סטאַטנעם מאַנסביל" מיט דער פאַטערלעכער ווייכער באָרד, דאָס האָט זיך איר קיינמאָל ניט גע'חלום'ט. און אַט זיצט ער ביים טיש, און זי דערלאַנגט אים דעם ערשטן זומערדיקן שטשאַוו, גערדיכט פאַרווייסט מיט סמעטענע און פאַרבראַקט מיט יונגע ציבעלקעלעך... אַ מאָדנע זאַך!

זאָוועז האָט גלייך באַמערקט דעם יראת־הכבוד ביי דער יונגער דינסט־מיידל אין די אויגן און האָט אַ שמייכל געטאָן אין דער געדיכטער באָרד אריין. אַלעמאָל, ווען ער וויל באַהאַלטן אַ שפּילעוודיקע מחשבה'לע, אָדער אַ צווייִדייטיקן אויסדרוק פון פּנים, לאָזט ער אַראָפּ די אויגן אין דער וואַ־ליקער, געדיכטער ברווינקייט פון באָרד און צופּט זיך פאַרטראַכט איין האָר. צו יראת־הכבוד פון מענטשן פאַר זיין סטאַטנעקייט און גביר'ישקייט איז ער, געלויבט דער אייבערשטער, געוואוינט. גויים ברעכן פאַר אים די היטל און יידן, אַז זיי רעדן צו אים, פינטלען אַ קאַפּעלע מיט די אויגן, ווי אויף אַ לאָמפּ... נאָר אַט דער שעמעוודיקער דרך־ארץ פון דער פרעמדער יתומה, מיט די רויטע קרייזעלעך אונטער דער עניוות'דיקער קאַפּטיכל, איז אים גאָר באַזונדער געפעלן געוואָרן.

— אַ פיין קינד! — טראַכט ער און ציט זיך געלאָסן די ברויט־ברעקלעך פון באָרד.

ווען חנה'לע טראָגט צו צום טיש אַ צווייטע געריכט, פאַרוואַרפט זאָוועז ווידער אַמאָל אַ קאַטאָוועס־פראַגעלע:

— דער טאַקער האָט מיר געזאָגט, אַז... דו ביסט נאָך גאָר־גאָר יונג. עפּעס דאַכט מיר —

— באַלד זיבעצן יאָר שוין... — קלאַפּט אָפּ חנה'לע, ווי געכאַפּט ביי אַ ליגן, און אַנטלויפט אין קיך אריין.

ווען זי קומט צוריק, בינדט זאָוועז ווידער אַמאָל אָן דעם איבערגעריסענעם קאַטאָוועס־שמועסל:

— מ'וואָלט דיר געקענט געבן מער... זע, ווי הייסטו? אַך, יאָ, חנה... אָן עין־הרע!

חנה'לע ווערט רויט. אירע זומער־שפּרענקלעך אויף דער געטאָקטער נאָז צעגייען אין דער רויטקייט. ווי אַ פאַרצווייפלטע גיט זי אַ כאַפּ פון טיש אַ פּאָר באַנוצטע טעלער און אַנטלויפט מיט זיי אין קאָכשטוב.

— זי שעמט זיך נאָך, — לאַכט הינדע, זאָוועז'ס יינגערע טאָכטער.

— אַ יענטעטשקע! — בורטשעט אָפּ משה'קע, זיין בן־יחיד, און ציט זיך דעם טונקעלן פוד פון דער אייבערשטער ליפּ.

קוקט אַז זאָווע דעם בן־יחיד׳ס „מאַנסבילן־זיד״ מיט אַנגעכמורעטע ברעמען:

— ביסט שוין אויך אַ מבין?

נאָר באַלד כאַפּט ער זיך, אַז ער שטעלט זיך דאָ צופיל איין פּאָר עפּעס אַ דינסטמיידל, וואָס דינט ביי אים, אגב, דעם ערשטן טאָג אין הויז. מאַכט ער דערפון אַ קאַטאָוועס און ענטפערט אָפּ זיך אַליין, מכלומר׳שט שטי־לערהייט און צום גראַם:

— ווי... אַ הונט אויף הייוון!

און צעשמייכלט זיך צווויידייטיק אין דער געדיכטער באָרד אריין.

וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן — אַז אַ באַלעבאָסטע ביים טיש איז אומע־טיק. און, הפּנים, כדי צו צעשטרייען זיך אביסל, רייצט זיך זאָווע מיט דער שעמעוודיקייט און צעשראָקנקייט פון דער יונגער „יענטעטשקע״ אין שטוב. אַלע טאָג צו וואַרעמעס און צו וועטשערע בינדט ער אָן מיט חנה׳לען דעם נעכטיקן איבערגעריסענעם געשפּרעך. קייטלט זיך אַזוי אַ קאַטאָוועס־שמועס. אַלע טאָג קומט צו אים צו אַ ניי רינגעלע:

— איז זאָגסטו, חנה׳לע, אַז דו ביסט נאָך קיין זיבעצן יאָר ניט אַלט? אי־אַי, ס׳איז אַ ליגן!

— זאָל איך אַזוי געזונט זיין! — שווערט זיך אָפּ חנה׳לע און אַנט־לויפט אין קאָכשטוב. ס׳האַרץ קלאַפּט ביי איר און זי ווייס ניט פאַרוואָס. אפילו אַנטלויפנדיק פילט זי אויף זיך דעם באַלעבאָס׳ קוק.

הינדע, זאָווע׳ס טאָכטער, איז געוואוינט צום טאַטנ׳ס שטיקלעך. מיט דער מאַמען, ווען זי איז געווען געזונט, האָט ער אויך ליב געהאַט צו טרייבן קאַטאָוועסלעך ביים טיש. ביי דער מאַמען האָט עס געהייסן „קלאָיענע חכמות״ — אַ וואונק, אַז וואָס דעם טאַטן בלייבט איבער אויף דער מיל, צווישן פּראָסטע מענטשן, ברענגט ער אהיים... נאָר עפּעס הייבט אַן ביסלעכ־ווייז הינדע׳ן צו פאַרדריסן, וואָס דער טאַטע מאַכט קיין גרויסן אונטערשייד ניט צווישן דער מאַמען און דעם טאַקער׳ס קרובה מיט די געלע קרייזעלעד האָר. בפרט איצטער, אַז די מאַמע ליגט אַזוי קראַנק אין אַ פרעמדער שטאָט. זאָגן דעם אַלטן גלייך אין פּנים אריין — דאָס קען זי ניט. פּרוּווט זי זיך מיט אַן אומוועג. זי פּרוּווט חנה׳לען אינגאַנצן מיאוס מאַכן. און אַז יענע פאַררויטלט זיך פון טאַטנ׳ס אַ „קלאָיענע חכמה׳לע״ און אַנטלויפט, זאָגט זי שטילערהייט אַזוי:

— אַ פּראָסטע זאַך!... אַז זי גייט, מאַכט זי מיט די זייטן...

— אַז גאָט גיט זייטן — שמייכלט זאָווע אין באָרד אריין — פאַרוואָס זאָל מען מיט זיי ניט מאַכן?

אַז אמת איז דאָס אביסל. ניט־קוקנדיק אויף אירע ניט־פולע זיבעצן יאָר, זיינען חנה׳לעס היפטן ווייבעריש אַנטוויקלט און אירע יונגע בריסט שטייען שפּיציק אונטער איר שטוביקן קאַפּטל, ווי די הערנער ביי אַ יונגער בהמה׳לע.

דאָס מאַכט אָבער ניט קאַליע איר שיינעם וואוקס, איר גאַנג. זאָוועו האָט דאָס שוין, ניט־ווילנדיק, באַמערקט צום ערשטן מאָל און זעט אַצינד אַז ער האָט קיין טעות ניט געהאַט.

דערזעט הינדע, אַז דאָס מאַכן מיט די זייטן, וואָס חנה׳לע מאַכט, הייבט דעם טאַטן ניט אָן צו אַרן, פּרואווט זי אַן אַנדער מיטל, אַ שאַרפּערן:

— און מיט אַ חתן איז זי אויך שוין באַזאָרגט...

זאָוועו דעם מילנער גיט דאָס אַ שטאָך אין האַרצן. אין פלוג גענומען — וואָס איז דאָס זיין באַבע׳ס עסק, צי די נייע דינסטמיידל אין שטוב האָט אַ חתן צי ניט?... מאַכט ער טאַקע דערפאַר אַ מינע, אַז עס טוט אים הנאָה:

— אַ־האַ! אַז עין־הרע!... זי אַליין האָט דיר געזאָגט?

— ניין, קונע די טאַקערקע האָט מיר דערציילט.

זאָוועו שלינגט אַראָפּ די ידיעה מיט אַ ניט־דערקייטן ביסן און מיט אַ סאָפּען, ווי פון אַ צו־שאַרפן טראָפּן כריין. עס ווילט זיך אים פּאַנאַנדער־פּרעגן ווער דער חתן איז, וואָס ער טוט... נאָר ער האַלט זיך איין. ער קייט נאָר מיט אַן איבערגעטריבענעם אַפּעטיט און טראַכט זיך אַביסל פאַרדראָסיק:

— העז, קבצנים! האָבן קיין צייט ניט... דער מאַמע׳ס־מוטער׳ס מילך איז ביי איר נאָך אויף די ליפּן. און אַ קאָפּיקע ביי דער נשמה מסתמא אויך ניטאָ...

פונדעסטוועגן, ווען חנה׳לע קומט אַריין פון קיך מיט אַ צוויטן שיסל, ציט ער אויף זיך ווידער אָן אַ פּאַטערלעך־לצ׳עוודיקע מינע און סטראַשעט איר מיט אַ פינגער צום נאָז:

— אַזוי, אַזוי גאָר!... ווילן מיר, הייסט דאָס, גאָר אינגיכן טאַנצן ביי דיר אויף דער חתונה?... אַי, ווילן מיר טאַנצן...

חנה׳לע בלייבט פּלוצלינג שטיין, ווי אַן אָפּגעגאָסענע מיט בוריקעס־ראָסל. די שטוב גיט זיך אַ שאָקל און די פולע שיסל גליטשט זיך איר אַרויס פון די פאַרציטערטע הענט. עס ווערט אַ שטיקל טומעל. הינדע איז אין כעס:

— טאַטע, זעסט־שוין וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט?

משה׳קע דער בן־יחיד טאַנצט אַרום דעם שטיק פלייש, וואָס וואַלגערט זיך אויף דער פּאָדלאָגע איינגעטונקט אין ווייסע שערבלעך, און ווינשעוועט אימיצן הויך אויף אַ קול:

— מזל־טוב, מזל־טוב!... מיט מזל זאָלט איר לעבן!

נאָר איין זאָוועו פאַרלירט ניט דעם קאָפּ.

— ששש־אַ! — באַרואיקט ער זיין טאָכטער — מאַך ניט אַזאַ רעש!... און דו, משה׳קע, אַוועק! — שרייט ער אַז אויף זיין תכשיט — מער קיין צער זאָלן מיר אַלע ניט האָבן...

חנה׳לע וואַרט אָבער ניט ביז אַלע ווילן זיך באַרואיקן. זי אַנטלויפט אין קיך אַ דערשיטערטע, אַן אומגליקלעכע. אין די באַקן שטייען איר רויטע

פלעקן, אין די בלאָנדזשענדיקע אויגן — טרערן. און מיט אַ פּאָר שעה שפּע־טער, ווען קונע די טאַקערקע קומט אַריין, ווי אַלעמאָל, זען וואָס איר „פּלי־מעניצע" מאַכט, געפינט זי זי נאָך אַלץ אַ פאַרוויינטע.

— וואָס איז מיט דיר, חנה'לע? — פאַלט זי צו איר צו.

— זיי... זיי לאַכן פון מיר! — צעכליפּעט זיך חנה'לע.

— טפו־טפו־טפו! — אַלע בייזע חלומות... אַט דאָס גאָר? ווער לאַכט דאָס דאָ פון דיר? דער יינגל אוודאי...

— דער באַלעבאָס לאַכט פון מיר.

— ר' זאַווע גאָר? וואָס הייסט ער לאַכט פון דיר?

נאָר אַנשטאָט צו ענטפערן אויף דער מומע'ס פראַגע צעבייזערט זי זיך גאָר, חנה'לע. זי פאַרשטשירעט אַזש אַלע אירע ווייסע ציין און רעדט גיך־גיך:

— ווער האָט דיך געבעטן דערציילן וועגן אַ... חתן? איך דאַרף ניט קיין חתן. איך וויל ניט קיין חתן! מיר'ן, זאָגט ער, באַלד טאַנצן ביי דיר אויף דער חתונה!... איך... איך דאַרף ניט קיין חתונה!...

צעלאַכט זיך די מומע קונע איבער דער גאַנצער קאַכשטוב:

— כאַ־כאַ־כאַ! קיין גרעסערע חרפּה זאָלסטו קיינמאָל ניט האָבן. ביסט אַ קינד, ביסטו. אַ חתן זאָגט ער? נו, איז וואָס? אַבי ניט קיין טאַ־טע אין אַסטראָג. אַ גביר אַ ייד ר' זאַווע — מעג ער אַ לאַך טאָן. וועסט זען, טאַכטערקע, אַז ס'וועט האַלטן ביי חתונה־האָבן, וועסטו צו דיין באַלעבאָס ניט דערלייגן. אַבי דיין באַלעבאָסטע זאָל נאָר וואָס גיכער געזונט ווערן... זיי אַ מענש, חנה'לע! ניט אַלע מיידלעך וואָס דינען האָבן אַזאַ שטעל ווי דו. זאָלסט פאָלגן וואָס מען הייסט דיר. נ אָ ר פאָלגן וואָס מען הייסט דיר טאָן...

די מומע קונע האָט נאָך לאַנג געשאָטן מיט מוסר־השכל און מיט גוטע רייד. דאָס האָט חנה'לען אַביסל געשטאַרקט, אויפגעמונטערט זי. זי האָט ענגער פאַרצויגן דאָס ווייסע טיכל אַרום איר רויט־געקרייזלטן קאָפּ, שאַרפער פאַרשנירט די פּוכקע ליפּן אירע און גענומען זיך פאַר דער אַרבעט. שפּע־טער געלייגט זיך שלאָפן און פריער אויפגעשטאַנען, דעם מאָרגנדיקן טאָג אָקעגן, דעם באַלעבאָס' קאַטאָוועסלעך אַריינגערעכנט...

אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, הייבן אָן חנה'לען געפעלן ווערן די שפּי־לעוודיקע פראַגעלעך, וואָס דער באַלעבאָס שטעלט איר, זיצנדיק ביים טיש. ווען זי טראָגט אים צו די פולע שיסל, ווערט זי שוין לכתחילה רויט און די אויערן שפּיצן זיך איר פונדעסטוועגן אונטער דעם בריה'ש פאַרבונדענעם קאַפּטיכל. זי איז טשיקאַווע צו הערן וואָס דער באַלעבאָס וועט איבער־אַ־נייעס זאָגן וועגן איר „חתן" און וועגן איר נאָענטער חתונה, און ו ו י אַ ז ו י ער וועט דאָס זאָגן... די אויגן פינקלען ביי אים אַזוי היים ווען ער טשעפּעט זיך צו איר...

עס טרעפט, אז דער באַלעבאָס באַקומט אַ ניט־גוטן בריוו פון סטערען, זיין עלטערער טאָכטער, וועלכע זיצט אַלץ ביי דער קראַנקער מאַמען אין מאַהליוו, אָדער ער עסט זיך אָפּ דאָס האַרץ אין מיל און קומט אַהיים אַזאַ אַנגעלאָדענער, אַ פאַרזאָרגטער. דעמאָלט ליגט אים ניט אין קאָפּ צו טרייבן קאַטאָוועסלעך, און ער קוקט זיך אפילו ניט אום ווער עס דערלאַנגט צום טיש. דעמאָלט פעלט שוין חנה׳לען דער פאָטערלעך־אָפּלאַכערישער שמייכל זיינער, די צווײדײטיקע גוטסקייט וואָס ציטערט אונטער זיינע געדיכטע וואָנצעס און אין זיין צעוואַקסענער באָבער־באָרד. די קיצלדיקייט פון זיינע פראַנגעלעך פעלן איר... די לעצטע טעג איז טאַקע זאָוועס מער פאַרטראַכט ווי אַלעמאָל. די אָפּעראַציע איבער ראָכעס זיין ווייב איז געווען אַ סך שווערער ווי מען האָט גערעכנט. און הינדע, די צווייטע טאָכטער, איז אויך אַוועקגעפאָרן צו דער קראַנקער מאַמען קיין מאַהליוו. וואָרים סטערע, די עלטערע, איז שוין דאָרטן געבליבן אַן כוחות.

ג

די קאַטאָוועסלעך וואָס זאָוועס האָט געטריבן בײטאָג צום טיש איז געווען איין זאַך און די פוסטע נעכט — אַ צווייטע זאַך. זינט אַ טאָג צען האָט ער אָנגעהויבן שלעכט צו שלאָפן. דער ווייב׳ס פאַרבעטע בעט אין שלאָפצימער אַקעגן אים, מיט די הויכע פוכענע קישנס, האָבן אים געשטערט. איינגיכן וועט שוין ראָכע צוריקקומען פון מאַהליוו און וועט דאָ ליגן אַקעגן אים אַן אויסגעמאַטערטע און אַ טויט־בלאַסע. פון זיין געלעגער וועט ער זען איר נאַכט־הייבל, אירע שיטער־געוואָרענע דורכגעגרויטע האָר, וואָס שלאָגן זיך אַרויס פון אונטערן הייבל. נאָר לייכטער וועט אים שוין דערפון ניט ווערן. דאָקטאָר קראָל האָט אים אָנגעזאָגט... און ער פאַרשטייט דאָס אַליין אויך.

ניט נאָר דאָס שווערע בלוט אין די אָדערן האָט זאָוועס אָנגעשפּאַרט. אַ מענטש מיט סטאַלע מנהגים איז ער אַלעמאָל געווען. אַלץ האָט ביי אים שטענדיק געקלאַפּט ווי די רעדער אין זיין מיל. ער האָט אַלעמאָל געלעבט מיט שׂכל: אין דער צייט טיי געטרונקען, געדאַווענט און געגעסן. און אין לויף פון גאַנצע פינף־און־צוואַנציק יאָר זינט ער האָט חתונה געהאַט, איז ביי אים פון יעדער געוואוינהייט געוואָרן אַ צווייטע נאַטור. וואָס באַלעבאַטשען זיי דאָרטן, האָט ער זיך געטראַכט, די היינטיקע יונגעלייט: „ליבע סמיבע״?... געוואוינהייט איז אַ סך שטאַרקער, ווי אַלע זייערע ליבעס וואָס זיי פירן! אונזערע טאַטעס און זיידעס האָבן זייערע באַשערטע ביז דער חתונה אפילו אין די אויגן ניט געזען, און פונדעסטוועגן אָפּגעלעבט אַ סך אַ גליקלעכערן לעבן, מיט אונזערע מאַמעס און באָבעס, ווי אַלע היינ־

טיקע אויפגעקלערטע, וואָס קריגן זיך מיט די עלטערן פון דער „געליבטער" און גנב'ענען זי אַרויס פון אַ פענסטער און אַנטלויפן... דאָס האָט גע־מאַכט די געזונטע געוואוינהייט. ער, זאַווע, איז אַ באַהאַוונטער מענטש און ווייסט דאָס גוט. נענוג געוועזן ער זאָל איינמאָל ניט עסן אין דער צייט, כדי דער מאָגן זאָל אים קאַליע ווערן. ער האָט געפּרואווט און ווייסט. ביז ראַכע'ס קראַנק־ווערן איז אַלץ געגאַנגען אַזוי גוט, און מיטאַמאָל האָט זיך די וועלט אַ שאָקל געטאָן. ווען די מיל דרייט זיך און קיין מעל שיט זיך ניט צווישן די מיל־שטיינער, קלאַפּן זיי און טראַסקען און סקריפּען. פּונקט אַזוי קלאַפּט אים דאָס בלוט אין די אַנגעדראָלענע שליפן. שוין באַלד צוויי חדשים, אַז ער האָט לעבן זיך קיין ווייבערישן אָטעם ניט געהערט. פּרואוו פאַרהאַלטן די הרעבליע*) בשעת אַ געוויסער, אַנהייב וויעסנע־צייט — וועט זי דיר אויפרייסן די מיל מיט אַלע אירע מאַשינעריעס! אָפּלאָזן די גאַנצע הרעבליע אין דניעפּער אַריין — איז אויך אַ צער און אַן עבירה. אַזוי פיל כוח גייט פאַרלוירן פאַר דער מיל!... פּונקט אַזוי פיל כוחות גייען פאַרלוירן פאַר אים אַליין. דער זומער צעבליט זיך שוין, מחיה'דיקע ווינטעלעך בלאָזן אַרום דער מיל פון וואַלד און טייך, און ער, זאַווע, ווייס פּשוט ניט וואָס עס טוט זיך מיט אים. אָט, למשל, די דאָרפישע גויעס, וואָס קומען אויף דער מיל פון די אַרומיקע דערפער, האָבן אים דאָך אַלעמאָל אויסגעזען ווי קי אויפן פעלד. אַצינד האָבן זיי מיטאַמאָל אָנגעהויבן אויסזען ווי ווייבער, אמת'ע ווייבער... מאַרוסיא, פּאַ־לאַהייע, מאַרפאַ, אָט די אַלע באַקאַנטע ניט־אַלטע גויעס פון קופּיאַל און פון מאַקאַראָווקי און פון סטאַרי־שקלאָוו — זייערע קאָפּטיכער האָבן זיך צע־בליט ווי מאָן־בלומען אין די ערדער, און זייער פּויערישער געריידער איז אַזוי זאַפּטיק, אַז עס גלוסט זיך אַריינמישן, ריידן מיט זיי הויך אויפן קול און כאַפּן זיך אַלע ווייַלע פאַרן בויך און פאַר די באַקעס, פּונקט אַזוי ווי זיי... וואָס שרייען אַזוי די סאַראָקעס אין די טראָסטינעס? פאַרנאַכט, ווען ער גייט פון דער מיל, שרייט אַצינד יעדע טראָסטינע מיט אַ פויגלשן קול. מען זאָגט, אַז דאָס פּראַווען זיי חתונות בקאָמפּאַניע. אפילו די הרעבליע קלינגט מאָדנע הילכיק, ווען ער דערווייטערט זיך פון דער מיל. ווי אַ סטרונע פון אַ באַנדורע ברומט זי. זי וויינט ווי אַ מאָנסבילשער באַסאָווער קול אין פאַר־נאַכט אַריין און ציט ביים האַרצן... אָפּטמאָל, ווען ער גייט אַזוי פון דער מיל אַהיים, יאָגט אים אָן די שקלאָווער סטאַדע. אין אַ באַלויכטענעם וואָלקן־שטויב קומט זי אָן, פון פּאַשע אין פראַנצאַווקער וואַלד. שטעלט ער זיך אָן אַ זייט און לאָזט די סטאַדע דורך. אין באַגילדעטן שלייער פון שטויב זעט ער ווי די יונגע, ניט געזעטיקטע קי ברעכן זיך, קריכן איינע אויף דער צווייטער. דער צעלאָזענער בוהיי, מיט בלוט־פאַרלאָפענע, פאַר־הולטאַיעוועטע אויגן, שטעלט זיך פלוצלינג „דיבאָם" און וואָרפט זיך, ווי

*) „הרעבליע" אָדער „גרעבליע", הייסט אַן אָפּגעשלאָמענער שטאַרקער צוים צו פאַרהאַלטן דאָס וואַסער אַרום מיל און אָפּלאָזן ווען מען דאַרף.

גרויס ער איז, אויף אַ יונגער בהמה. ער ווייזט זיי, די נאַרישע קי, אַז ער קען בעסער.

קערט זאַווע אָפּ דעם קאָפּ מיט פאַרדרוס. מאָדנע מחשבות קריכן אין מוח און אויסטערלישע שאלות. פאַרוואָס זיינען, למשל, חיות און עופות אַזוי פריי, און מענטשן זיינען אַרומגעצוימט מיט אַזויפיל צערעמאָניעס?... פאַרוואָס מעג מען עסן אפילו טרפות בשעת אַ סכנה אויסצוגיין פאַר הונגער, און דעם גרעסטן הונגער, וועלכער צעווילדעוועט דאָס בלוט און שטיקט דעם אָטעם און רייסט דאָס לייב אויף שטיקער — דעם דאָזיקן הונגער טאָר מען נ י ט נאָכגעבן? ניט אומזיסט, הייסט דאָס, איז שימעלע, דער סופר סת״ם אין מאַנאַזאָנס „זאַוואולאָק״ אַראָפּ פון זינען, זיין אייגענע טאָכטער ניט געשאַנעוועט... שאַ, כאַפּט זיך זאַווע אינמיטן געדאַנק, אפשר הייבט זיך דאָס ביי מיר אויך אָן?...

ער האָט אַ שטאַרקן קאָפּ, זאַווע דער מילנער. פון זינען אַראָפּצוגיין איז נאָך ביי אים זעהר ווייט. נאָר זעהר קלאָר אין מוח איז ביי אים ניט. ער אַרבעט אין מיל ווי אין נעפּל. אַ מעליקער געשטויב רינגלט אים אַרום אפילו דאַמאָלסט, ווען ער איז אינדרויסן און אינדערהיים... אַ סך ערגער פילט ער זיך ווען ער ליגט זיך שלאָפן אין זיין ווייבער בעט. ווילדע חלומות באַפאַלן אים, און שטיין שטייט ער אויף אַ צעבראָכענער. נאָכמיטאָג גייט די מאַטקייט אַריבער, נאָר דער זכרון איז אָפּגעשוואַכט. ער רעכנט אויף דער מיל און פאַררעכנט זיך. קיין שום חשבון שטימט ביי אים ניט. קונדן האָבן צו אים טענות, און ער צו זיך אַליין — נאָך מער טענות... ער דערמאָנט זיך פלוצלינג וואָס קראָל דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט נאָך פאַר פסח, איידערן אַוועקפירן ראָכען קיין מאָהליוו. „ער פאַרשטייט זעהר גוט, האָט דאָקטאָר קראָל געזאָגט, אַז אַזאַ פולבלוטיקן מאַנסביל, ווי ר׳ זאַווע איז, וועט אויספאַלן זעהר שווער צו בלייבן אַ לאַנגע צייט איינער אַליין״... דאַמאָלסט האָט ער דאָס אויסגעהערט מיט אַ שמייכל, קיין עצה ניט געלאָזן געבן זיך. אַצינד שמייכלט ער שוין ניט. אַצינד מוז ער פאַרבייגן די בושה און פרעגן וואָס צו טאָן, ווי צו באַרואיקן דאָס זינדיקע לייב.

אַראָפּצוברענגען דעם דאָקטאָר אַהיים, אינמיטן העלן טאָג, אָן אַ שום באַזונדערער סיבה, האָט זיך זאַווע געשעמט, פאַר די שטוביקע זיך געשעמט. האָט ער זיך מטריח געווען און אַליין אַוועק צו אים. שווער איז אים אָנגעקומען דאָס וואַרטן ביים דאָקטאָר אין פאָדער־צימער. ער האָט מורא געהאַט פאַר די לאַכעדיקע גאָלדענע ברילן: „אַהאַ, ווער איז געווען גערעכט?״ אָבער דאָקטאָר קראָל האָט אים אויסגעהערט זעהר ערנסט, כמעט פאַרזאָרגט, און האָט אים אַן עצה געגעבן ניט צו עסן קיין שווערע מאכלים פאַרן שלאָף, נאָר אַלטגעבאַקענעם ברויט מיט זויערמילך. קיין טראָפּן משקה אין מויל ניט נעמען, נאָר לייכטע טיי, אָפּוואַשן זיך אַלע אינדערפרי מיט קאַלט וואַסער און שלאָפן אויף האַרטן... וועט אים מן הסתם בעסער ווערן.

זאווע האָט געפאָלגט. ער האָט געהייסן אוועקנעמען די פּערינע פון בעט, ניט דערלאָזן צום טיש קיין משקה, ניט קיין פעטע געפּעפּערטע עסנס. גע־נומען אָפּרייבן זיך מיט אַ נאַסער מאַטשאַלקע פאַרן דאַווגען. אַלץ ווי דער דאָקטאָר האָט אים אָנגעזאָגט. יאָ, נאָר דאָס גאַנצע לעבן איז עפּעס מיט־אַמאָל געוואָרן ווי „מצה־שמורה", אָן טעם און אָן ריח. אין קאָפּ איז געוואָרן פּוסט און אַלע חושים — צוגעטעמפּט, ווי דער טרפה׳ר קיד־מעסער. שווער צו ברעכן סטאַלע געוואוינהייטן מיט פופציק יאָר! שווער איבערצוגיצעווען צונג און גומען, וועלכע זיינען פון קינדוויז אָן געוואוינט צו היימישע גע־שמאַקע פּאַטראַוועס. צוליב וואָס קייען און זשליאַקען, אַז ס׳איז הוילע גראָז? „ומותר האדם מן הבהמה אין"... האָט אים, בשעת פּייניקן זיך אַזוי, געגומען קיצלען אַ האַלב־פאַרגעסענער פסוק פון תהילים. ס׳הייסט: קיין גרויסער אונטערשייד צווישן אַ מענטשן און אַ בהמה איז ניטאָ. האָט ר׳ זאווע גע־קייט און געשמייכלט אין זיך, צום איינגעגעסענעם פסוק. נאָר אינמיטן דער־רינען גיט ער אַ רוק אָפּ פון זיך די פולע טעלער, הייבט אָן ווישן די פינגער אין טישטוך און בענטשן גיך־גיך, זיך אַליין אויף צו להכעיס.

אביסל בעסער שלאָפן טוט ער יאָ. נאָר אין זיין פאַר׳עקשנ׳טער צוריק־געהאַלטנקייט ציט אים אַצינד זעהר שטאַרק צו שאַרפע געטראַנקען. אין דער קלייט, אין פירהויז און אין דער שפּיזאַרניע, אויף די פּאָליצעס, זיינען אָנגעגרייט גוטע נאַליווקעס, ניינציקער ספּירט אויף פלוימען און אויף מאַ־לינעס און אויף געזיסטן אינגבער. נעמט אָפּטמאָל אַז זאווע אַ פאַרבונדענע פלאַש און גיט אַ שאָקל און שטעלט זי צוריק אַוועק אויף אָן אָרט מיט פאַר־ביסענע ציינער. בלייבט נאָר שבת, דאָס קידוש מאַכן. שבת־צו־נאַכט און בייטאָג זעט זאווע יוצא־זיין מיט איין זופּ בראַנפן פון זילבערנעם בעכער. נאָר אפילו דער איינאיינציקער זופּ גיט אים אַ זעץ אין קאָפּ. די ברעמען כמורען זיך אים אָן, און אַ נעפּל פאַרציט אים די הייסע אויגן. דורך דעם דאָזיקן נעפּל דערזעט ער פלוצלינג חנה׳לען ווי זי סאַרוועט און דערלאַנגט צום שבת׳דיקן טיש. אין אַ נייער באַלויכטונג דערזעט ער זי. שבת גייט חנה׳לע אַרום אָן דער וואַכעדיקער בריה׳ש־פאַרבונדענער טיכל און אָן אַ פאַרטוך. די רויטע געדיכטע קרייזעלעך אויף איר יונגן קאָפּ ברענען ווי אַ קליינער פלאַקער, און די הויט פון שטערן און באַקן לויכט אַצינד מיט אַ דורכזיכטיקייט פון ראָזעווע פערל. און די זומער־שפּרענקלעך אויף דער גע־טאָקטער נאָז זיינען צעשאָטן ווי שאַרפע געווירצלעך...

זאווע׳ס אויגן, וועלכע זיינען אַלעמאָל געוואוינט צו די טונקעלע שיטערע צעפּ פון זיין פרוי, צו די קויל־שוואַרצע קיטקעס האָר פון זיינע דערוואַק־סענע טעכטער און צו דער ברוינער האַרטער טשופּרינע פון זיין בן־יחיד, דערזעען אַצינד דאָס פרעמדע, רויט־האָריקע, קוטשעראַווע מיידל אין שטוב ווי אַן אומבאַקאַנטע וואונדערלעכע חיה, עפּעס גאַרניט פונם זעלבן מין ווי ער אַליין, ווי זיין ווייב און קינדער. זיין זשעדנע נייגעריקייט איז אַצינד זעהר גרויס, נאָר ער לאָזט אַראָפּ די אויגן אין באָרד, זיפצט אָפּ און זעצט

זיך צום טיש. ער עסט די ניט־געווירצטע מאכלים, וואָס זיינען געמאַכט פאַר אים באַזונדער, און ווייסט ניט וואָס ער עסט. דערזעט חנה'לע, אַז דער באַלעבאָס זיצט אַ צעטראָגענער און עס ליגט אים אפילו ניט אין קאָפּ צו טרייבן מיט איר קאַטאָוועסלעך, שטעלן איר צווייַדייטיקע פראַגעלעך — פאַרדריסט איר, וואָס זי האָט אַזוי איבערגעזאָלצן מיט איר איבערגעטרייַבענער שעמעוודיקייט. אָט, ר' זאָוועו האָט אפילו מורא צו טאָן אַן איבעריקן קוק אויף איר... ער האָט מורא, זי זאָל ניט רויט ווערן, ניט ברעכן קיין טעלער, ניט אַנטלויפן אין קיך און וויינען... מומע־קונע איז טאַקע גערעכט געווען. זי, חנה'לע, האָט גאָר פריער ניט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ גוטע „שטעל" זי האָט, וואָס פאַר אַן איידעלען, סטאַטנעם מענטשן זי באַדינט. און אָט זיצט ער, דער „סטאַטנער מאַנסביל", אַביסל ברוגז'לעך און קוקט אפילו אין איר זייט ניט מער.

אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס

א

אין אַ טאָג צען אַרום, ווען ביידע דערוואַקסענע טעכטער האָבן די קראַנקע מאַמע געבראַכט צו פירן אַהיים פון מאָהליווער שפּיטאָל, האָט חנה׳לע אויפגעהערט צו דערלאַנגען זאַווען צום טיש. זי האָט אָנגעטאָן אַ ווייסן געקראַכמאַלטען פאַרטוך, אַרומגעבונדן דעם געקרייזלטן קאָפּ מיט אַ פרישן קאַפּטיכל און איז געוואָרן אַ „זיצערקע״. צום טיש, ווי פאַר דער אָפּעראַציע, האָט אַצינד געגרייט און דערלאַנגט די אַלטע קעכין, אָדער איינע פון די טעכטער.

ר׳ זאַווע׳ס בעטגעוואַנט האָט מען אַריבערגעטראָגן אין עס־צימער, און אַלע נאַכט בעט מען אים אַצינד אויס אויף דער ברייטער קאַנאַפּע, און חנה׳לע שלאָפט לעבן דער קראַנקער, אינם באַלעבאָס׳ האַרט און מאַגער געוואָרענעם בעט. נאָר אַפילו אין דעם ביסל איבערגעבליבענעם בעטגעוואַנט, ווען זי וואָרעמט דאָס אויס מיט איר יונגן קערפּער, פילט זי עפּעס אַ באַזונדער ריח. איר שאַרפע, מיט זומער־שפּרענקלעך פאַרשאָטענע נאָז, האָט שוין אָפּטמאָל געפילט דעמזעלבן גערוך אין דער נאָענטקייט פון באַלעבאָס, אין זיין שבת׳דיקן סורדוט, וואָס זי פּלעגט ווען־ניט־ווען אָפּפּוצן, אין זיין סאַמעטענעם טלית־זעקל, נאָר דאָ, אין זיין געלעגער, איז אָפּנים דער קוואַל, דער שורש... עפּעס ווי אַ גרויסער, אויסגעבאַליעטער קאָטער וואָלט זיך דאָ אויסגערוט און אָוועקגעשפּרונגען, איבערלאָזנדיק די וואַרעמקייט פון זיין זיידיגער פעל. אָפּנים אַלע „סטאַטנע מאַנסבילן״ האָבן אַזאַ באַזונדער ריח. נאָר ווי קומט זי צו אַזעלכע מחשבות?...

ר׳ זאַווען אַליין זעט איצט חנה׳לע זעהר זעלטן. אָבער מיט אַ באַזונדער נייגעריקייט הערט זי זיך צו צו זיינע טריט, ווען ער איז אינדערהיים. און אינמיטן דער נאַכט הערט זי אָפּטמאָל ווי ער זיפצט אויף זיין ניט־באַקוועמען געלעגער אין עס־צימער. ער שלאָפט שלעכט, דער באַלעבאָס... הייבט זי אויף דעם קאָפּ און האָרכט זיך צו, ווי צו אַ ווידערקול פון אירע אייגענע נעפּלדיקע מחשבות. עס שטעלט זיך איר פאָר, ווי דער „סטאַטנער מאַנסביל״ ליגט אַצינד צוואָרפן, ווי אַ לייב, מיט זיין צעוואַקסענער ווייכער

באַרד אויף דער גרויסער פּוכאַווער קישן. און עס גלוסט זיך איר ענטפערן מיט אַ שטילן זיפץ. נאָר זי טוט דאָס ניט. וואָס איז דאָס איר עסק? אַצינד איז זי נאָר אַ „זיצערקע", וואָס טאָר ניט עסן אין דער צייט, ניט שלאָפן אין דער צייט; מוז וואַך זיין ביי דער קראַנקער טאָג און נאַכט און נאָכגעבן אַלע אירע קאַפּריזן.

איצטער זעט זי שוין אַליין, אַז באַדינען דעם באַלעבאָס איז געווען אַ סך בעסער ווי די קראַנקע באַלעבאָסטע. זינט מ'האָט דעם באַלעבאָס פאַרטריבן אין עס-צימער, דוכט זיך איר, אַז ער איז אויף איר גאָרניט אַזוי ברוגז ווי זי האָט די לעצטע צייט חושד געווען... זי לויפט אָפטמאָל אין אַ שליחות פון דער קראַנקער און באַגעגנט זיך מיט אים אין קאָרידאָר, ביים גאַניק, אָדער אין הויף. ער רעדט צו איר כמעט קיינמאָל ניט. אָבער אַ פאַרטערלעכע גוטסקייט שטראָמט אַרויס פון זיין מאַטן קוק און פון זיין טרויערן שמייכל אונטער די געדיכטע וואָנצעס. ביידע דערוואַקסענע טעכטער זיינע, סטערע און הינדע, און אפילו משה'קע — דער פּופּצן-יאָריקער בן-יחיד — האַלטן זי, חנה'לען, אין איין אַרומטרייבן. יעדעס וואָרט זייערס איז באַפעלעריש: „גיב און דערלאַנג! נעם צו און ווישׁ אויס!" ר' זאַווע, אָבער, רעדט צו איר גאָר אַנדערש: „וועסט אפשר אַפּפּוצן, חנה'לע?", „זיי אַזוי גוט, זאָג דאָרטן מ'זאָל מיר דערלאַנגען"...

אַצינד ווייסט זי, אַז ר' זאַווע האָט קיינמאָל אין זינען ניט געהאַט אָפּצולאַכן פון איר. דעמאָלט, ווען ער האָט זי געטשעפּעט מיטן „חתן", האָט ער עפּעס יאָ געמיינט אָפּצולאַכן. דעמאָלט האָט איר יאָ עפּעס פאַרדראָסן... פאַרוואָס גראָד דעמאָלט? און פונוואַנען ווייסט זי דאָס אַצינד?... דאָס קען זי זיך אַליין ניט דערקלערן.

אַלע אינדערפרי, באַלד נאָכן אָפּדאַוונען אינדערהיים און פאַרן אין מיל, קומט ר' זאַווע אַריין פרעגן, וואָס ראָכע מאַכט. זעט חנה'לע אויסצומאָרקירן, אַז זי זאָל זיצן מיטן רוקן צום באַלעבאָס און מיטן פּנים צו דער קראַנקער. ר' זאַווע האַלט נאָך אָפטמאָל אין דערזאָגן די לעצטע ווערטער פון „עלינו לשבח"*), און ווי נאָר ער פאַרענדיקט, גיט ער אַ פרעג סתם אין דער וועלט אַריין, ניט ביי ראָכען זיין ווייב, ניט ביי חנה'לען איר זיצערקע, איין קורצע און פּילדייטיקע פראַגע אויפן ניכטערן האַרצן:

— נו?!

ס'איז אַי אַ פאַרקירצטער „גוט-מאָרגן", אַי אַן אומגעדולדיקער נאָכפרעגן זיך ווי די נאַכט איז דורכגעגאַנגען.

אַנשטאָט צו ענטפערן, גיט די קראַנקע אַ קער צום מאַן איר איינגעפאַלענעם פּנים, און אירע גרויסע אויגן קוקן אים אָן מיט אַן אויסגעלאָשענעם שמייכל:

*) די לעצטע תפילה אין דאַוונען.

— זאָ־ווע?... שוין געגעסן... אַ־אַנבײַ־סן?

זי ציט די ווערטער מער ווי זי וואָלט געקענט, אַפּנים כּדי צו דערווייזן אים, ווי שוואַך זי איז נאָך, כּדי דערמיט גופא צו פאַרענטפערן זיך, וואָס זי אַליין קען נאָך ניט אַכטונג געבן אויף זיין עסן און טרינקען, אויף זיין געלעגער.

— כ'וועל באַלד צוביסן... — גיט זאַווע אַ זאָג און קוקט אַוועק פון דער קראַנקער ערגעצוואו אָן אַ זייט. ער פילט זיך שולדיק, וואָס ער איז אַזוי געזונט און דיק און וואָס זיין ראָכע איז אַזוי קראַנק און אַפּגעמאָגערט. ס'איז טאַקע אַ גרויס רחמנות אויף איר! אָבער אין דערזעלבער צייט, ווען ער פילט זיך אַזוי שולדיק, קען ער אין זיך ניט דערשטיקן אַ געוויסע פריקרעקייט. ראָכע'ס האַלב־געפּיעסטשעטע, האַלב־פאַרזינדיקטע ווערטער רייצן אים. דער געמישטער ריח פון קאַרבאָל און יאָדאָפאָרם מאַכן אים גלייך קאַליע דעם אַפּעטיט. קעגן זיין אייגענעם ווילן גיט ער אַ פּיר מיט זיינע ביסטרע אויגן, אונטער די אַנגעכמורעטע ברעמען, פּונקט ווי ער וואָלט אונטערגעצייכנט אַ קורצן חשבון. ער מאַכט אַ פאַרגלייך צווישן דער זיצערקע און צווישן זיין מורא'דיק־פאַרעלטערטער ווייב. המ... זינט מ'האָט זי צוריקגעבראַכט פון מאַהליוו, האָט זיך ראָכע אינגאַנצן פאַרענדערט. עקיק זיינען געוואָרן אירע באַקן־ביינער, און די נאָז איז אויסגעוואַקסן. איר ברוסט איז אינגאַנצן איינגעפאַלן און דער טונקעלער פּוך, וואָס האָט איר קוים־קוים באַדעקט די אויבערשטע ליפּ, וואָס האָט איר אַלעמאָל צוגעגעבן אַ באַזונדער חן, איז אַצינד בולט־טונקל געוואָרן און באַשטעטיקט דאָס, וואָס דאָקטאָר קראָל האָט אים בסוד געגעבן צו פאַרשטיין, אַז... איצטער, נאָך דער אָפּעראַציע, איז ראָכע, הייסט דאָס, אי ווייב, אי ניט קיין ווייב... זי אַליין מוז דאָס אויך פילן, וואָרים אין אירע מאַטע אויגן שטייט עפּעס אַ פאַרגליווערטע אומגליקלעכקייט פון אַ מענטשן, וואָס יעדער נאַטירלעכער באַגער איז אין אים אָפּגעשטאָרבן... און אויפן גרונט פון אָט דער האַלב־טויטקייט און באַטריבטקייט זיצט חנה'לע די יתומה. אַ פּאָר רויטע קרייזעלעך שלאָגן זיך אַרויס פון איר ווייסן קאַפּטיכל און ברענען אויף איר ווייסן נאַקן, ווי לעבעדיקע פלעמלעך. ניט־קוקנדיק אויף איר ניט־דערשלאָפן און אויף איר ניט עסן אין דער צייט, האָט איר די גוטע נגידישע קעסט פאַרט אַ פּעולה געטאָן. די פּלייצעס זיינען ביי איר קיילעכדיק געוואָרן, און די אָרעמס — פעסטער און ווייסער. די בלוי־גרויע אויגן זיינען מער ניט אַזוי בולט, זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט מיטן דיקער־געוואָרענעם לענגלעכן געזיכט. אין איר קרומלעכן קוק, וואָס זאַווע כאַפּט איבער ווען־ניט־ווען, לייענט ער אַ שטומע פראַגעלע. עס בליצט נאָר איין רגע'לע אויף און פאַרשווינדט:

— נו? פאַרוואָס, באַלעבאָס, רייצט איר זיך ניט מער מיט מיר?

ענטפערט אויף דעם דער מילנער אַפּ מיט אַ נאָך קירצערן, נאָך קרומערן קוק:

— אַ קינד וואָס דו ביסט! דו זעסט דאָך וואו איך האַלט... ווי מיר ליגט איצטער אין קאָפּ. שפּעטער אפשר...

ב

איינמאָל בשעת דעם דאַוונען אינדערפרי האָט זאַווע דערשפּירט אַ שאַרפע ביטערקייט פון רויך. ער איז אָבער גראָד געשטאַנען „שמונה־עשרה" צו דער וואַנט און די צונג איז אים געווען געבונדן, האָט ער נאָר צונעלייגט אַ ברעג טלית צו דער נאָז און גענומען געבן צייכנס אויף שטום־לשון:

— נו, אַ, אָה!... אַד, אַד...

קיינער האָט אים ניט געענטפערט. אין קיך איז געשטאַנען אַ גערודער. אויסגעשטאַנען „שמונה־עשרה", האָט ער זיך גלייך צעשריען:

— וואָס איז דאָס דאַרטן ביי אייך פאַר אַ רויך, וואָס?

איז מען פון קיך אַריינגעלאָפן זאָגן אים, אַז קיינער איז דאָ ניט שולדיק. אין אויוון האָט זיך געעפנט אַ שפּאַלט. אַ גרויסער שפּאַלט.

אַז אַנדערש מאָל וואָלט זיך זאַווע אין אַזעלכע קאָכשטוב־זאַכן ניט גע־מישט. נאָר זינט ראָכע איז קראַנק איז ער שטענדיק געררייצט, און יעדע קליינינקייט רופט ביי אים אַרויס כעס, קאַפּרייזיק.

— טאָ זאָל מען, — שרייט ער — נעמען אַביסל נאַסע ליים און פאַר־קלעפּן. דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר...

די אַלטע קעכין האָט גלייך געכאַפּט קלעפּן דעם איינגעהייצטן אויוון מיט ליים. דערנאָך איז איר חנה'לע געקומען צו הילף, געגעבן אַן עצה אַרומ־לייגן דעם רויכערדיקן שפּאַלט מיט נאַסע שמאַטעס. גיכער, גיכער, אַבי דער באַלעבאָס זאָל זיך ניט בייזערן. דערנאָך האָט מען אַרויסגענומען אַלע פאַרסאַזשעטע „יושקעס" פון קוימען... אַלע מיטלען האָבן אָבער ניט גע־האָלפן. דער ביטערער רויך האָט זיך נאָך שטאַרקער געריסן פון האַלב־פאַרליאַפּעטן שפּאַלט און פול געמאַכט די שטוב.

האָט זיך חנה'לע די זיצערקע אָנגענומען מיט מוט און צוגעטראָטן צום באַלעבאָס. ר' זאַווע האָט שוין געהאַלטן אין פאַרוויקלען די תפילין און אומצופרידן געוואָרטשעט.

— אויב, — מאַכט זי, — דער באַלעבאָס וויל, וועט זי, חנה'לע אַ לויף־טאָן צו דער מומען און זאָגן לייבעטשקען... וועט ער קומען און פאַר־ריכטן...

— וועלכער לייבעטשקע? — שטעלט אויף איר זאַווע אַז זיינע יונגע, שוואַר־באַברעמטע אויגן.

— מיין מומע'ס זון — לאָזט חנה'לע אַראָפּ די אויגן — אַ לײמער... כ'האָב געמיינט, אַז איר ווייסט.

— אה־ן!... גיט זאַווע קורץ אַ פּאַנפּע מיט דער נאָז — דער... דיין חתן אפשר?

דער „חתן" קומט ביי אים אַרויס אַפּלאַכעריש־באַטאַנט. כאַפּט חנה'לע אַ קוק פון דער זייט: צי טרייבט ער דאָ ניט מיט איר, דער באַלעבאָס, איינעם פון זיינע פּריערדיקע קאַטאַוועסלעך. דערזעט זי, אַז דאָס מאָל חוזק'ט ער ניט. זיינע וואָנסעס שמייכלען ניט. די אויגן זיינען שאַרף און קאַלט.

— אַך — רעדט זי קוים־קוים אַרויס ווי אַ פאַרזינדיקטע — וואָס די מומע האָט דאָרטן אָנגערעדט....

— איז... — ציט זאַווע אַביסעלע ווייכער — איז זאָגסטו, אַז ער האָט גראָד צייט, דיין... ווי הייסט ער דאָרטן?

— ער זיצט איצטער אַן אַרבעט. די מומע האָט מיר געזאָגט.

גיט זאַווע מכלומרשט זעהר גלייכגילטיק אַ הייב מיט די פּלייצעס:

— נו, אויב דו ווילסט...

נאָר מיט אַמאָל ווערט ער ווידער אין כעס:

— נו, לויף, לויף נאָך אים! וואָס שטייסטו? לויף!

און דרייט זיך אום צו חנה'לען מיטן רוקן.

צו וואַרעמעס, ווען ר' זאַווע קומט צוריק אַהיים, דערזעט ער ביים גאַניק אַ גרויסע מולטער מיט פריש־פּאַרקנאַטענע ליים און זיינע אויערן פאַר־נעמען אַ געזאַנגעכץ. אַז אומבאַקאַנט קול פון אַ יונגן מאַנסביל זינגט ביי אים אין שטוב. הייבט זיך ר' זאַווע פּאַוואָלינקע אויף איין טרעפּל און האָרכט: יאָ, אין קאָכשטוב פּאַטשט אימיצער אין פייכטן לייב אַריין, ווי אין טייג, און זינגט נאָר האָפּעדיק. עס ווערט באַזונגען עפּעס איינער אַ יאַלד, וואָס איז געקומען צו־גאַסט צו זיין רייכער שוועסטער אין דער גרויסער שטאָט און האַלט זיך אין וואונדערן. אַלץ איז ביי אים אַ טשי־קאַוואַסטש. אָט אַצינד, למשל, האָט ער גראָד דערזען „שווערדן"... גייט אים אוים דאָס חיות פאַר נייגעריקייט:

שוועסטער־האַרצע, שוועסטער־לעבן,
דו זאָלסט מיר אָן ענטפער געבן,
וואָס טויגן דיר די שווערדן?...

און די שוועסטער, די גבירה און גרויסע חכמה, פאַרענטפערט אים גלייך אויף אַן אָרט:

ברודער, ברודער,
מאַך ניט קיין געוודער!
ס׳זיינען ניט קיין שווערדן; —
גרויסע מעסערס „קלאַפּס" צו האַקן,
און מען רייבט אויף ביידע באַקן.
ס׳זיינען ניט קיין שווערדן!...

דער מילנער האָט אַנגעכמורעט די ברעמען. דאָס זינגעכץ איז אים אַ האָר ניט געפעלן געוואָרן. „דאָס מוז זיין לייבעטשקע", האָט ער אומצופרידן אַ טראַכט געטאָן, און האָט געמאַכט נאָך עטלעכע שטילע טריט, ביז ער איז שטיין געבליבן ביי דער האַלב־אָפענער טיר פון קיך. און דאָ האָט ער דער־זען אַזאַ סצענע:

דער אויסגעלאַשענער אויוון איז אויפגעבראָכן. דער מיטאָג קאָכט זיך אויפן פּריפּעטשאָק. די אָפענע לאָך איז שוין האַלב־פאַרלאַטעט מיט נייע ציגל און מיט פרישע ליים און זעט אויס ווי אַ גרויסע וואונד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרהיילן. איבער אָט דער דאָזיקער „וואונד" שטייט אַ ברודיקער יונגערמאַן איז אַ לאַנגן פאַרטוך פון זאַק און ליאַפּעט מיט נאַסן ליים. אַ ליאַפּע און אַ זונג; מיט אַ ספּעציעלן ליימערישן טעמפּ. אַצינד חידוש׳ט זיך שוין זיין באַזונגענער יאָלד איבער אַ „קאַסטן":

שוועסטער־האַרצע, שוועסטער־לעבן,
דו זאָלסט מיר אַן ענטפער געבן.
וואָס טויג דיר אַזאַ קאַסטן?...

און די קלוגע שוועסטער ענטפערט:

ברודער, ברודער,
מאַך ניט קיין געוודער;
ס׳איז דאָך ניט קיין קאַסטן!
ס׳איז אַ „פּיאַן" מוזיק צו שפּילן,
און מען טאַנצט אויף אַלע דילן...
ס׳איז דאָך ניט קיין קאַסטן!

ביידע דינסטן, די אַלטע קעכין און חנה׳לע די זיצערקע, שטייען דערביי, גיבן אַכטונג אויפן פּריפּעטשאָק און האָרכן זיך צו צום ליימער׳ס געזאַנ־גענכץ. די אויגן זיינען זיי ביידן פאַרלאָפן מיט געלעכטער. זיי האָבן קענטיק הנאה. הנאה אינמיטן העלן טאָג? איז אַזאַ אומאָרדענונג, איז אַזאַ ברוּ־דיקייט?... ניין! אַזאַ זאַך האָט אַצינד זאָוועל פּשוט ניט געקענט פאַרטראָגן. דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ, ווי ס׳פּאַסירט ביי אים די לעצ־טע צייט ביי יעדער קלייניקייט. האָט ער ברייט אָן עפן געטאָן די טיר פון קיך און אָלעמען דריי דורכגענומען מיט זיינע ביסטרע אויגן.

די ביידע ווייבער זיינען פאַרציטערט געוואָרן פון אַזאַ פּלוצליכקייט. „אוי, אוי!" האָבן זיי כמעט ביידע גלייך אויסגעשריגן און אַ טראַט גע־

געבן אויף צוריק. פארשטויבט מיט מעל און אנגעכמורעט ווי זאוועס האט זיך פלוצלינג אנטפלעקט, האט ער זיי אויסגעזען א סך עלטער און בייזער, ווי ער איז.

— וואס איז דא פאר א... פאר א... — האט זאוועס גענומען זוכן ווערטער — דארטן ליגט א חולה און דא — אזא הארמידער?...

ניט פארלארן מוט האט נאר דער יונגער ליימער. מיט א פאר בלויע אויגן, איינגעפאסט אין ברודיקן געזיכט, האט ער פאר'חידוש'ט אנגעקוקט דעם ברייטן, מעליקן יידן. אבער באלד האט די איבערגעריסענע פריילעכקייט ווידער א שיין געטאן אין זיינע שטארע קוקערס און אין זיין פארריסענער אפלאכערישער נאז. זיין באהיטלט קעפעלע האט זיך צעשאקלט:

— א!... א גוטשינקן מארגן אייך, באלעבאס!

אבער דוקא דער „גוטשינקער", ניט דער „גוטער־מארגן", האט זאוועסן אפגעקלונגען מיט חוצפה'דיקער ברייטלעבסקייט: וואס, א שטייגער, קלערט ער זיך, דער גראבער יונג? וויבאלד זיין „כלה" דינט דא אין שטוב, איז ער שוין מיטן באלעבאס א גאנצער מחותן?...

מיט נאך א שטרענגערן קוק האט ער דערפאר ארומגעכאפט דעם יונגן ליימער. אלץ אין אים האט זאוועסן אויסגעזען פריקרע: די בלויקייט פון די אויגן, די ברודיקייט פון זאק־פארטוך, די בלאנדקייט פון די האר וואס שלאגט זיך ארויס פון אונטער דער צעפלעטשטער היטעלע, די רויטקייט פון דעם נאסן ליים אויף די גרויסע צעפינגערטע הענט. און אנשטאט צו ענטפערן מיט א „גאט־העלף", ווי א פיינער באלעבאס איז זיך נוהג מיט א באלמעלאכע אין שטוב, האט ער זיך נאך העכער צעשריען:

— וואס האט מען דא אנגעמאכט, וואס? געזאגט — א שפאלט, און... און אויפגעריסן דעם גאנצן אויוון...

— באלעבאס — פרוווט חנה'לע פארענטפערן דעם, וועמען ר' זאוועס רופט ניט אן מיטן נאמען — דער שפאלט איז דאך געווען דורך און דורך. קיין אנדער זאך וואלט דא ניט געהאלפן.

— וואלט ניט געהאלפן! — קרימט איבער זאוועס — ווער, א שטייגער, האט דיר געזאגט?

— ע... לייבעטשקע.

— אך — דערמאנט זיך זאוועס — דו האסט מיר טאקע אינדערפרי געזאגט, אז דיין... דער מומע'ס זון זיצט אן ארבעט. נו, האט ער זיך ג ע־מ א כ ט ארבעט.

אפגעזאגט און אוועק אין עס־צימער.

דאס גאנצע עסן פון פריפעטשאק האט זיך ר' זאוועס אפגעגעבן מיט סמאליענעם און מיט רויע ליים. און אפשר האט זיך אים נאר אויסגעדוכט. מחמת אין האלז איז אים געשטאנען א גאליקע ביטערקייט, און צו־

פרידן מיט זיך אַליין איז ער אויך ניט געווען. שוין אַביסל צו גראָב האָט ער זיך באַנומען אין קיך. געמעגט זיך איינהאַלטן אַביסעלע...

באַדינט האָט אים די אַלטע קעכין. חנה'לע איז נאָר אַ פּאָר מאָל דורכ־געגאַנגען דורכן עס־צימער אַ פּאַרוויינטע; שטיין געבליבן איין רגע'לע און ווייטער אַוועק צו דער קראַנקער. ערגעצוואו, אין אַ ווינקעלע פון האַרצן, איז זי אפילו געווען צופרידן, וואָס דער „סטאַטנער מאַנסביל" ביי־זערט זיך אומזיסט־אומנישט. מיט איר ווייבערישן חוש האָט זי געשפּירט, אַז ניט דער אויוון פּאַרדריסט אים דאָ, נאָר עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך. אפשר דאָס, וואָס דעם אויוון פּאַרריכט דער, פון וועלכן מ'רעדט אַז ס'איז איר, חנה'לעס, „חתן"... אָבער שולדיק איז זי פּאַרט. וואָס האָט איר גע־טויגט מישן זיך ניט אין איר זאַך? געבן עצות? לויפן נאָך לייבעטש־קען?....

און זאָווע האָט גוט געמערקט, אַז חנה'לע וויל עפּעס ריידן צו אים און האָט זיך געמאַכט ניט־זעענדיק. אַ גרויס רחמנות האָט ער צו איר געפילט און אַ קאַפּעלע נקמה אויך געהאַט. נאַ דיר, הייסט דאָס, קלייבן נחת פון דיין חתן אינמיטן העלן טאָג, אין אַ פרעמדער שטוב!...

דאָס פאַרבייסן — אַ שיטערן קאָמפּאָט פון פלוימען, האָט אים פלוצלינג צוגעטראָגן ניט די קעכין, נאָר חנה'לע. אַ פאַרוויינטע האָט זי אים אַריינ־געקוקט אין די אַנגעכמורעטע אויגן און די פוכקע ליפּן אירע האָבן גע־ציטערט.

— באַלעבאָס — מאַכט זי שטילערהייט און מיט געבעט — זאָל איך אַזוי געזונט זיין, ווי... קיינער איז ניט שולדיק. איין וואַנט פון אויוון איז געווען איינגאַנצן קאַליע...

— גוט, גוט, גוט! — האָט זיך פון איר זאָווע אָפּגעשאָקלט מיט ביידע הענט — זאָל שוין זיין...

שאַרבענדיק דעם שיטערן קאָמפּאָט זיינען אים חנה'לעס ציטערדיקע ליפּן נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגן.

— פּראַ־אדמס! — האָט ער זיך געטראַכט — אַזאַ בלוט און מילך גייט מען חתונה מאַכן מיט עפּעס אַ ברודיקן יונגל. וואָס פאַרדינט אַזאַ נפש? זיצן און וואַרטן ביז ביי זאָווע דעם מילנער וועט קאַליע ווערן דער אויוון. ברויט קען אַזאַ איינער געבן זיין ווייב?... און צוריקריידנדיק...

מיט האַרץ האָט פּלוצלינג זאָווע אַ רוק געטאָן פון זיך דעם ניט־דערזופּטן פלוימען־קאָמפּאָט.

— גענוג — מאַכט ער צו זיך אַליין — וועט זיין צו זשליאָקען אַזאַ פּאַס־קודסטוואָ! ווי אַ ביטערע ציבעלע האָט מיר שוין קראָל דער דאָקטאָר דערעסן מיט אַלע זיינע אַנזאָגעכצן, מיט אַלע זיינע פּריקרע עסעכצן. מוטשען מוטשעט מען זיך און העלפן העלפט דאָס ווי אַ טויטן באַנקעס...

ג

דעם נאָענטסטן פרייטיק נאָך מעריב, האָט זאַוועַ טאַקע מער ניט אויסגעהאַלטן און אַראָפּגענומען פון זיך דעם דאָקטאָר׳ס „חרם״. לכבוד שבת האָט ער באַשלאָסן צו לאָזן זיך וואוילגיין, מיט געפּעפּערטע פיש, מיט געקנאָבלטע פלייש און מיט פעטן צימעס, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. ער האָט, אַגב, געוואָלט זען, ווי די גוטע שפּייזן וועלן אויף אים ווירקן. און ער האָט געזען.

שוין דער טיפער זופּ ווייז, וואָס ער האָט געטאָן פון דעם בעכער, האָט זיך אים אַ וואָרף געגעבן אין אָנגעשטערנגטן קאָפּ. אַ וואַרעמער נעפּל האָט זיך דאָרטן צעטאַנצט אין שטיפערישע קאַזשעלקעס, אַזוי, אַז ר׳ זאַוועַ האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט לייכט און פריי פון אַלע נדר׳ס אין דער וועלט. אויף דער וועטשערע פון שבת־צו־נאַכט האָט ער זיך אָנגעוואָרפן ווי נאָך אַ לאַנגן תענית. פיש מיט בוריקעס־כריין איז פיש, און יויך מיט פאַר־פעלעך איז יויך. היינט די געהאַקטע קייקעלעך פלייש, וואָס באָדן זיך אין זייער אייגענעם געפּעפּערטן זאַפט! דערנאָך די געפילטע הינערשע העלז־לעך; די מאַרכיקע קנאָכנס פון יויך אויסצוזויגן... שוין באַלד נאָך דעם גוטן שטיק פיש האָט זיך אַ ברייטע הנאה צעשמאָלצן איבער אַלע זיינע שטאַרקע גלידער. און וואָס ווייטער אַ גערעכט איז די הנאה געוואַקסן. ער האָט געסאָפּעט פאַר וואוילטיק אין די געדיכטע באָרד און וואָנסעס, ווי אַ פאַרמאַטערטער מענטש, וואָס האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַ צו־שווערן יאָך, דעם דאָקטאָר׳ס יאָך...

אַ באַזונדער פאַרגעניגן האָט ער געהאַט דערפון, וואָס זיין קראַנקע ראָכע איז היינט אויפגעשטאַנען פון בעט, צום ערשטן מאָל נאָך דער אָפּעראַציע. און לכבוד שבת און כדי אָנטאָן אַ נחת־רוח דעם מאַן און קינדער — האָט זי זיך אַרומגעוואַשן, פאַרקעמט די האָר מיט אַ שטעגעלע אינמיטן, גע־זעצט זיך צום טיש אויף איר שטענדיקן אָרט און גענומען אין מויל אַריין אַ פאָר לעפל הינערשע יויך.

אינם נעפּל פון זאַטקייט, וואָס האָט זאַוועַן אַרומגענומען פון די גוטע שבת׳דיקע געריכטן און נאָך אַזאַ לאַנגער צייט פון איינהאַלטן זיך, האָט אים ראָכע, זיין ווייב, אויסגעזען וווייבלעכער, געזינטער. פון אַלע אירע חסרונות, זינט דער אָפּעראַציע, זיינען געוואָרן מעלות. פון איר בלאַסקייט — ליבשאַפט, פון איר מאַטקייט — שעמעוודיקע בענקשאַפט... מיט אַ אויסערגעוויינלעכער קראַפט האָבן אין זיין צעהיצטן קאָפּ אויפגעבליצט פאַרגעסענע זכרונות פון וואונדערלעכע פרייטיק־צו־נאַכטן, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַנטשיק און די טעכטער — קליין. מיט וואָס פאַר אַ שפּאַנונג ער האָט דאַמאָלסט געוואַרט, אַז די ליכט אויפן שבת׳דיקן טיש זאָלן זיך איינגאַנצן אויסלעשן און ער זאָל בלייבן מיט ראָכען אַליין. ראָכע איז אַלעמאָל געווען אַ צוריקגעהאַלטענע, אַ שעמעוודיקע, אַז אמת׳ע יידי־

שע טאַכטער. און ווי אַז אמת'ע יידישע טאָכטער — אַ געזונט צו איר — איז דאָס אַ גאַנצן פּרייטיק בייטאָג געווען פאַרהאַוועט און פאַרהאַרעוועט, געקאָכט און געבאַקן און געפּרעגלט, און צו דער שבת'דיקער וועטשערע איז זי שוין געזעסן אַ מאַטע, אַליין אַ זיידענע אין זיידנס אַנגעטאָן, מיט די שבת־ליכט באַלויכטן. אַ בת־מלכה! די אויגן האָבן זיך איר אָנגעהויבן קלעפּן. שוין באַלד נאָך דער הייסער יויך מיט מאַנדעלעך... נאָר זי האָט זיך געשטאַרקט. דעם מאַן דעם בעסטן חלק אויסגעטיילט, דעם מיטל־שטיק פון די פיש, דעם פעטערן טייל פון דעם געפילטן העלזל, און מיט אַ גליק־לעכן שמייכל צוגעזען, ווי דער מאַן וווערט זאַטער און פאַרליבטער נאָך יעדן גערעכט. אַה! זיי ווייסן גוט, די יידישע טעכטער, בעסער ווי אַלע „אויפגעקלערטע" ווייבלעך, ווייסן זיי דעם סוד פון פאַרליבעניש און דורך וועלכע רערן זי גייט. על־פּי־רוב, ווייסן זיי, גייט זי דורכן מאָגן... און די זיסע צאַלונג, פאַר אַלע ערב־שבת'דיקע באַמיאונגען, פאַרזאַמט זיך ניט צו קומען. צווישן פיש און יויך קומט דעם מאַנ'ס אַ וואַרעמער גלעט איבערן האַנט. און צווישן פלייש און צימעס — אַ גלעט איבער דער פּלייצע. זי פילט, די יידישע טאָכטער, דעם מאַנ'ס באַהאַלטן פייער און מאַכט זיך, אַז זי ווייסט פון גאָרנישט. ביידע ברענען זיי, ווי די טרוקענע שפענער, און ביידע קנאַקן פרייל'עך דאָס בענטשן. ווילן ווילט זיך אָפּכאַפּן דאָס גאַנצע בענטשן, נאָר מ'האַלט זיך איין. שבת איילט מען זיך ניט. מ'איז דאָך עפּעס ניט קיין גראָבע יונגען!

אָפּגעבענטשט און אָפּגעראַמט פון טיש, גיט די יידישע טאָכטער, כלומרשט אומגערן, אַ הייב־אויף דעם פאַרהאַנג פון צווייטן צימער. און דער פאַרליבטער מאַן דערזעט דאָס, וואָס ער האָט דערזען צום ערשטן מאָל, נאָך דער חופּה־וועטשערע. צוויי אויפגעשלאָגענע ווייסע בעטן שימערן אין דער האַלב־טונקלקייט. די שכינה רוט אויף זיי. און עס דאַכט זיך אים, אַז ער האָט זיין ווייב ערשט היינט מקדש געווען און בלייבט דאָס מיט איר צום ערשטן מאָל אַליין. ער איז צאַפּלדיק און זי — פאַרשעמט. געגעבן דעם מאַן צו פאַרזוכן פון אַלדעס גוטן, וואָס זי האָט צוגעגרייט מיט אירע אייגענע בריה'שע הענט און דערנאָך — זיך אַליין. אונטער־טעניק, דאַנקבאַר, מיט אַ טרער פון טיפער איבערגעגעבנקייט אין די אויגן.

און זאַווע דערמאָנט זיך ווי אומגעזעטיקט ער איז יונגערהייט געווען. ביז טיף אין דער נאַכט ניט געקאָנט אַנזעטיקן זיך. ביז זי פלעגט אָנהייבן בעטן. נאָר גראָד דאָס געפּיעשטשעטע בעטן זיך פלעגט אים נאָך מאַכן פאַרליבטער. און גליקלעכע און אָנגעזעטיקטע פלעגן זיי ביידע איינשלאָפן אַז חלומות. און אויפכאַפּנדיק זיך אינדרפרי, פלעגט זיך וועלן קושן דאָס ווייסע ציבעלע פון קישן, דער ווייב'ס פאַנטאָפל ביי איר בעט.

די ליפּן האָבן אַצינד ביי זאַווע דעם מילנער געשעפּטשעט דאָס בענטשן און די אויגן האָבן זיך האַלב געשלאָסן אין דער וואַרעמער כוואַליע פון אַנגעלאָפענע בילדער... ער כאַפּט זיך אויף פון לייכטן דרימל און קוקט

זיך אַרום, דערזעט ער, אַז ער זיצט נאָך ביים האַלב־אָפּגעראַמטן טיש. די ליכטלעך צאַנקען. ראָכע איז שוין אַוועק צו זיך אין שלאָף־צימער, און זיין נעלעגער דאָ, אויף דער ברייטער קאַנאַפּע, איז שוין געמאַכט. אין שטוב איז קיינער נישטאָ. די טעכטער, דער בן־יחיד און חנה׳לע — אַלע זיינען זיי אינדרויסן. און געטריבן פון דער אַנגעלאָפּענער כוואַליע פון זכרונות און פון איינזאַמקייט הייבט ער זיך אויף און לאָזט זיך אַוועק אין צווייטן צי־מער, הינטערן פאַרהאַנג. מיט ציטערדיקע הייסע הענט טאַפּט ער אַז אין דער פינסטער דעם ווייב׳ס גלאַטן און קילן אָרעם. זי איז שוין איינגע־דרעמלט, נאָר דאָס אַרט אים ניט.

— ראָכעלע! — שעפּטשעט ער ווי אַ באַנומענער, — ראָכעלע, מיין ווייב...

אָבער באַלד דערהערט ער אַז אויפגעוואַכטן הייזעריקן קול:

— זאָווע, דו?... גאָט איז מיט דיר! וואָס ווילסטו דאָ?

ווי מיט אַ שעפל פּאָמינעס אָפּגעפּליוכעט גיט זאָווע אַ טראָט אויף צוריק.

— וואָס איך וויל דאָ? — חזר׳ט ער צאַרנדיק איבער — וואָס איך וויל דאָ?...

און זיין רחמנות צו דער קראַנקער, האַלב־אָפּגעשטאָרבענער ווייב גייט פּלוצלינג איבער אין אַ בלינדער אכזריות:

— איכ׳ל דיר באַלד ווייזן... — קייכט ער — איכ׳ל דיר ווייזן, וואָס איך וויל דאָ...

קרעפּטיק און האַמעטנע, ווי אַ בער, גיט ער זי אַ נעם אַז ביי די אויסגע־מאָגערטע קילע פּלייצעס. ראָכע גיט אַזש אַ שריי אויף:

— אוי־אוי!

אַצינד ערשט ניכטערט זיך זאָווע אויס. ער טרעט אָפּ. נאָר דער צאָרן קאָכט אין אים.

— דו הערסט, ראָכע — בורטשעט ער, קריצנדיק מיט די שטאַרקע ציין — דו זאָלסט געזונט ווערן! געזונט ווערן זאָלסטו מיר!... וואָרים, וואָ־רים...

וואָרים וואָס? דאָס האָט ראָכע מער ניט געהערט. וואָרים אינמיטן סטראַשען האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטביידע הענט און אַרויסגעלאָפן.

איבערן האַלב־פינסטערן עס־צימער האָט נאָך זאָווע אַרומגעשפּרייזט אַ היפּשע ווײַלע, ביז די קינדער און די זיצערקע זיינען אַריין פון גאַס. גע־דריקט האָט אים אַ פּריקרע געפיל פון אַ דורשטיקן מענטשן, וועלכער איז צוגעפאַלן צו אַ קילן טרונק און דערזען, אַז אַ טויטער שרץ שווימט דאָרטן אַרום...

שוין ליגנדיק אין עס־צימער אויף דער קאַנאַפּע, האָט ער דערהערט, ווי ראָכע וויינט שטילערהייט און חנה׳לע פּאַדיעט אַרום איר אַרום און באַ־רואיקט זי. נאָר ס׳האָט אים מער ניט געאַרט. זאָל זי אַביסל וויינען!... אדרבא.

אין דעם פעלץ־קאמערל

א

עטלעכע טעג זיינען אריבער נאכן אינטימען שטורעם, וואס האט זיך אריבערגעטראגן פרייטיק־צו־נאכט, אין דעם מילנער׳ס הויז, צווישן מאן און ווייב. מחמת כעס אויף זיך אליין, פאר זיין אכזריות צו דער קראנקער, און מחמת פארדרוס וואס ראכע האט אים אזוי שלעכט פארשטאנען, אזוי קאלט אפגעשטויסן אים, איז זאווע געווארן געפרעסיק. מיט א מין צו־להכעיס קעגן דער גאנצער וועלט האט ער אוועקגעווארפן אלע עצות פון שטוב־דאקטאר, אלע זיינע פארעווע דיעטעס, און זשעדנע אנגעווארפן זיך אויף שווערע עסנס און אויף די שטארקע נאליוועקעס אין אלמער. דער־טרינקען און דערשטיקן האט ער דערמיט געוואלט דאס צעיושעטע בלוט אין זיין ליַיב. ווייבער ווילט זיך דיר, יצר־הרע? טא נא־דיר. פרעס און זויף און שוויַיג! שווייגן זאלסטו!... מיט שטוינען און אומרואיקייט האבן ווייב און קינדער און קעכין באמערקט, אז זאווע עסט צוויי מאל אזוי פיל ווי פריער און פון דעם ביטערן טראפן זאגט ער זיך אויך ניט אפ. ווי א פארצווייפלטער שלינגט ער די געריכטן צו וואַרעמעס און צו וועטשערע און קייט אפילו ניט געהעריק איבער. און זאגט מען אים א ווארט מכוח דעם, אזוי צינדט ער זיך אן און וואַרטשעט ווי א ווילדע חיה איבער איר רויב:

— גייט, גייט! ניט אייער עסק!

דערנאך, ביַינאכט אויף זיין געלעגער, אין עס־צימער, קרעכצט ער און ווארפט זיך און שנארכט פון שלעכטער פארדייאונג. ער שטייט אויף א זויערער און א ברוגז׳ער און טשעפעט זיך צו אלץ און צו אלעמען. אוועק אינגאנצן זיין אמאליקע זאטע גוטמוטיקייט. אומגעדולדיק קומט ער אפט־מאל צו גיין פון מיל פאר דער באשטימטער וואַרעמעס־צייט און בייזערט זיך וואס דאס עסן איז נאך אזוי שפעט ניט פארטיק. דאס הארץ פאלט אים ארויס. מען לאזט אים אלעמאל, זאגט ער, איבערציען דאס הארץ, דערנאך האט ער מער קיין הנאה ניט פון עסן. כאפט מען זיך גרייטן צום טיש. און ביז דער טיש איז געגרייט, מאכט ר׳ זאווע איין שנאפס נאכן צווייטן און פארבייסט מיט וואס עס מאכט זיך אונטער דער האנט: מיט אלט־

געבאַקענעם לעקעך, מיט אַ זויערער אוגערקע, מיט אַ ציבעלע און זאַלץ. ער שטאָפּט זיך אַזוי אַז שטייענדיקערהייט, און דערנאָך טשעפּעט ער זיך, אַז דאָס פלייש איז ניט דערבראָטן, די בולבעס ניט דערקאָכט. ער איז אינגאַנצן אַראָפּ פון די רעלסן, זאָוועל דער מילנער. די שטוביקע דערקענען אים ניט מער, און ער זיך אַליין — אויך ניט.

און איינמאָל, סוף חודש סיון בייטאָג, איז ר׳ זאָוועלן מיטאַמאָל געוואָרן דושנע אין דער מיל. דאָס גערויש פון דער הרעבליע האָט מיטאַמאָל גע־נומען זעצן אין באַנומענעם קאָפּ, און דער ריח פון די ברייטע לעדערנע פּאַסן, אַרום די רעדער, האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ שפּל׳דיקייט. איז ער אַוועק אַהיים מיט אַ פּאָר שעה פריער.

אויפן וועג, ביים ברייטן דניעפּער, טרעפט ער אַן זיין משפחה. סטערע און הינדע פירן די גענעזענע מאַמע אונטער דער האַנט.

— וואוהין? — גיט ער אַ פרעג.

די לעצטע צייט רעדט ער קורץ און אומעטיק־ברומיק מיט אַלע זיינע שטוביקע.

— שפּאַצירן... — ענטפערט סטערע — געמיינט, מיר׳ן דיך טרעפן אין מיל.

— געמיינט... — גיט זאָוועל אַ בורטש אין די וואָנסעס.

— טאַטע — קוקט אים אָן הינדע, די ייִנגערע טאָכטער — וואָס עפּעס אַזוי פרי? ביסט עפּעס מיד...

— אַז גאַנצענע נעכט שלאָפט ער ניט... — קערט ראָכע אָפּ איר אויס־געמאָגערטן פּנים.

זינט דעם לעצטן פרייטיק־צו־נאַכט קוקט זי אים ניט גלייך אין די אויגן, און מיידט אויס צו זאָגן אים „דו".

— המ... מ׳יאָ! — גיט זאָוועל ביטער און געהיימניספול אַ פּאַנפּע. ווי איינער זאָגט: „ניט שלאָפן אַליין וואָלט נאָך ניט אויסגעמאַכט"...

ראָכע׳ס פּנים פאַרקרימט זיך, ווי פון ווייטיק. גיט סטערע אַ וואָרף מיט אירע שוואַרצע אויגן און שלאָגט איבער די ברוגז׳דיקע האַלבע ווערטער צווישן טאַטע־מאַמע:

— טאַטע, אויב דו ווילסט, טאָ הייס דער קעכין!

— אָדער חנה׳לען... — זאָגט אונטער הינדע.

זאָוועל גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און גייט אָפּ. אין האַרצן איז ער צופרידן וואָס אין שטוב איז איצטער שטיל, און קיינער וועט אים ניט שטערן אָפּ־צורוען זיך.

אָבער ווי נאָר ער קומט און גיט אַן עפן די טיר פון גאַנעק צום קאָרידאָר, גיט אים אַ זעץ אין נאָז אַריין אַ ריח פון נאַפטאַלין און קאַמפער. דאָס

רייצט אים ווידער אמאָל אויף. זינט אַ געוויסער צייט איז ביי אים דער חוש־הריח פאַרשאַרפט, און ער פאַרטראַגט ניט קיין שום שטאַרקן גערוך. און אַט, ווי אויף צו־להכעיס, איז פון די ריחות קיין רו ניטאָ. ניט אין דער מיל ביי די רעדער, ניט אינדערהיים... צעבייזערט ער זיך:

—וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ נייער עיפּוש? פו!

די אַלטע קעכין מיט דער פּאַטשיילע אויף די אַקסלען און מיט אַ קאַשעק אין האַנט לויפט אים אַרויס אַקעגן:

— אַך, איר? — מאַכט זי — דאָס שיט חנה׳לע איבער די פּעלצן. אין שטוב האָט זיך פאַרפירט מאָל. האָט די באַלעבאַסטע מורא געהאַט —

— די באַלעבאַסטע — מורא... — חזר׳ט איבער זאָווע מיט אַ קוועטש — רק זי האָט מורא... טיי איז דאָ?

— טיי? — קווינקלט זיך די אַלטע — אַלע זיינען אַוועק...

— כ׳ווייס, כ׳ווייס. נו, און דעריבער?...

— און איך מוז לויפן איינקויפן אויף וועטשערע. נאָר אויב דער באַ־לעבאָס וויל טיי, וועל איך זאָגן חנה׳לען.

— חנה׳לען? — טרעט איבער זאָווע פון איין פוס אויפן אַנדערן.

ניט־ווילנדיק הערט ער זיך צו צו דער שטילקייט אין שטוב. און אַנ־שטאָט ענטפערן דער קעכין צו דער זאַך, גיט ער נאָר אַ פרעג:

— און דער תכשיט וואו איז?

— משה׳קע? דאַכט זיך, אויך אַוועקגעגאַנגען. פריער האָב איך אים געזען מאַכן די אוראָקן*).

— נו, גוט, גוט, גוט! — הייבט זיך עפּעס אָן זאָווע צו טומלען — נו, גיי, גיי!

— און טיי?

— טיי? — פרעגט איבער זאָווע אַ פאַרטראַכטער — כ׳וועל שוין צו־וואַרטן. גיי, גיי!

נאָר ווען די קעכין לויפט אַראָפּ פון גאַנעק, איז ער זיך מיישב און ברומט איר נאָך:

— כ׳וויל גאָרניט קיין טיי... ס׳איז אַזוי אויך היים...

די קעכין דרייט אויס דעם קאָפּ אַ פאַרוואונדערטע. אַ מאָדנער איז ער עפּעס היינט דער באַלעבאָס. אַט וויל ער טיי, אַט וויל ער ניט. ניט אויס־צוהאַלטן די לעצטע צייט פון זיינע קאַפּריזן. ערגער ווי די קראַנקע באַלע־באַסטע איז ער געוואָרן.

*) לעקציעס.

אַז אומרואיקייט באַפאַלט זאוועז ווען ער בלייבט איינער אַליין אין פוסטן קאַרידאַר. ער ווייסט, אַז די גרויסע געקאַוועטע קאַסטנס מיט ראַבע'ס פעלצן, מיט זיין איינענעם פוטער, מיט אַבלאַמען פעי און קאַראַקול און סקונק־קאַלנערס — פאַוועלע פאַר די טעכטער, שטייט אין אַ האַלב־טונקעלן קאַ־מערל, אין עק שלאָפצימער. אַ הינקענדיקע פאַטער־שטול שטייט דאָרט אין אַ ווינקל און אַ פּראָסטע קאַנאַפּע מיט אַ הורבע בעטגעוואַנט אַן ציכלעך — אויך פאַוועלע פאַר די טעכטער... און דער בלויזער געדאַנק, אַז חנה'לע זיצט איצטער, איינע אַליין, אין אַט דער טונקעלער דושנעקייט פון נייע בעטגעוואַנט און פאַרביקע פעלצן, גייט אים דורך מיט אַ מאָדנעם ציטער דורכן רוקן. דער שווערער גערוך פון קאַמפער און נאַפטאַלין, וואָס האָט אים אַקאָרשט אַזוי געשטיקט, ווערט מיטאַמאָל באַטויבנד־געשמאַק, ווי דער רייך פון כישוף־קרייטעכצער. די נאַזלעכער בלאָזן זיך ביי אים אויף, ווי ביי אַן אַגער. סאַפּענדיק אין די געדיכטע וואַנסעס, טרעט ער פאַוואַליע אַריבער פון קאַרידאַר אין דער אָפענער קיך. דערנאָך מאַכט ער נאָך עט־לעכע ניט־זיכערע טריט. ער שאַרט זיך דורכן עס־צימער, ווי מיט באָרוועסע פיס איבער הייסן פּריסיק. איין פאַלשן שפּאַן און ער ברענט זיך אָפּ... דער ריח פון קאַמפער און נאַפטאַלין ווערט אַלץ שטאַרקער און שטיקיקער. אַזוי דערגייט ער ביז צום שלאָף־צימער.

ב

פלוצלינג דערהערט ער אַ שוואַכן גערודער און צוויי דערשטיקטע קולות פון אַן „ער" און אַ „זי". אין שלאָפצימער איז קיינער ניטאָ. הייסט דאָס, אַז עס רודערט זיך ניט דאָ, נאָר דאָרטן... אין קאַמערל, וואו חנה'לע שיט איבער די פעלצן... עפּעס ראַנגלט מען זיך דאָרטן אויף ווייכן. איין קול בעט זיך, דער צווייטער שטייט צו ממזר'יש און פאַרסאָפּעט.

— לאָזט, לאָזט, משה! כ'וועל זאָגן דעם טאַטן.

— זאָג, זאָג, חנה'לע!

אין געראַנגל גיט דאָרטן עפּעס פלוצלינג אַ פאַל אַנידער. אפנים, דער הינקענדיקער פאַטער־שטול, וואָס שטייט אין ווינקל... זאַווע וויל אַ ברום טאָן פון אויפגעקאָכטן כעס. נאָר קומען קומט ביי אים אַרויס אַ הייזערי־קער קול'כל, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם:

— האַ־האַ? וואָס איז דאָס דאָרטן?

נאָר אויך אַזאַ דערשטיקט אָנשרייען איז גענוג.

דאָס סיצענע פאַרהאַנגל מיט קוויטעלעך, אין עק שלאָפצימער, גיט אַ ציטער און פונם פעלץ־קאַמערל שטעקט זיך אַרויס אַ צעפּלאָשעטער קאָפּ

האָר און אַ צעהיצטער פּנים פון אַ צעלאָזענעם יונג. ער וואָלט געקענט שווערן, זאָגט, אַז ס'איז דער קאָפּ פון זיין אייגענעם בן־יחיד...

— דו ?! — שרייט שוין זאָגע ניט מיט זיין קול.

דער צעפּאַטלטער קאָפּ האָר שטעלט זיך אויף ווי ביי אַ האָן פּאַרן שלאָגן זיך, דער חוצפּה'דיקער יונגער פּנים ווערט רויטער. און איידער זאָגע האָט ציית אַ טראָט צו טאָן, נאָך אַמאָל אַנצושרייען: „וואָס פאַר אַ געשעפטן האָסטו דאָרטן ?" וכדומה... ערשט משה'קע, דער זעכצן־יאָריקער תכשיט, גיט זיך פלינק אַ מאָרדעווע פון אונטערן פּאָרהאַנגל, אַ שפּרונג צווישן ביידע פאַרבעטע בעטן. סקריפּ, סקריפּ מיט די נייע שטיוועלעך און ניטאָ!

— שאַרלאַטאַן ! — שרייט אים זאָגע נאָך — אַנטלויפסט, האַ ?

ער שרייט דאָס כלומרשט אויס אַ צעקאָכטער, אַ צעזאָטענער. אַזוי יונג, הייסט דאָס, און שוין אַזאַ הולטאַי !... נאָר אין האַרצן איז זאָגע עפּעס פאָרט צופרידן וואָס דער תכשיט זיינער אַנטלויפט. אָט הערט ער, ווי די קאָכשטוב־טיר שלאָגט זיך צו. דערנאָך — די הילכיקע טיר פון קאָרידאָר צום גאַנעק. די שטיוועלעך קלאַפּן אַראָפּ די טרעפּלעך און ווערן פאַרשטומט.. כאַ ! דערשראָקן זיך דער בן־יחיד !... און די בלינדעוואַטע קעכין האָט גאָר געמיינט, אַז ער איז שוין פריער אַוועק... ערשט אַצינד איז ער, זאָגע, אַליין. טאַקע איינער אַליין אין גאַנצן שטוב.

ווי אין הינער־פּלעט טרעט ער צו צום האַלב־טונקעלן קאַמערל און גיט פּאַוואָליע אַ הייב־אויף דאָס סיצענע פּאָרהאַנגל מיט די קווייטעלעך. דערזעט ער גלייך אַזאַ סצענע. פּונקט אַזאַ ווי ער האָט זיך שוין פריער פאָרגעשטעלט. אויף דער פּאָדלאָגע ליגן צעוואָרפן כלערליי פעלצן און קאָלנערס און אַבלאַמען: שוואַרצע, ברוינע און גרויע און געלע. עס זעצט מיט אַ שטאַרקן גערוך פון קאָנסערווירטן רויכוואַרג. דער דרייפיסלדיקער פּאַטערשטול ליגט אַז איבערגעקערטער אין ווינקל. און חנה'לע וואו איז ? אָט !... אויף דער קאַנאַפּע זיצט זי מיט איין קיילעכדיקער זייט, און מיטן פּנים איינגעטוליעט אין די זאַפּאַסן בעטגעוואַנט — פּאַוועלע פאַר די טעכטער. זי שעמט זיך מורא'דיק, חנה'לע... אָדער כליפּעט זי גאָר אין די פּוכענע קישענס אַריין ? קיין געוויין הערט מען ניט, נאָר די פּולע פּלייצקעס אירע ציטערן. איר ווייסער קאָפּטיכל וואַלגערט זיך אויף די פעלצן. אין געראַנגל מיטן „תכשיט" אודאי אַראָפּגעגליטשט זיך... און די צעפּאַטלטע גאָלד־רויטע קרייזעלעך קלעטערן, ווי פלאַמען, איבערן זיידיקן, געפּאַסקעטן דאַמאַסק פון דעם ניט־באַנוצטן בעטגעוואַנט.

— חנה'לע, דו ? — גיט זאָגע שטיל אַ פרעג און דערקענט ניט זיין אייגן קול. אַזוי הייזעריק, אַזוי פרעמד הערט עס זיך אָן.

אַפּנים די אומגעוויינלעכקייט פון באַלעבאָס' שטים רופט אַרויס פאַרדאַכט ביי חנה'לען אויך. וואָרים זי גיט אַ הייב־אויף איר איינגעטוליעטן צערויטלטן פּנים און קוקט אָן ר' זאָגען מיט אויפגעריסענע, בולטע אויגן.

זי מאכט א באוועגונג אויפצושטיין און קען ניט. זי וויל א געשריי טאָן און דאָס מויל בלייבט איר האַלב־אָפן. א כוואַליע פון ווייבערשער שרעק קומט איבער איר. זי דערזעט זאַווע'ס אויגן פונקט אַקעגן זיך — קליין־געוואָרענע אויגן, האַלב־פאַרזשמורעטע — ווי אַקעגן א פלאַם־פייער. וואָס נענטער, אַלץ מער זשמורען זיי זיך. די ווייכע, מיט מעל־באַפּודערטע באָרד וואַקסט אויס. ווי א גרויסע מאַנסבילשע חיה קריכט דער באַלעבאָס אין האַלב־טונקעלן צימערל. די נאַז־לעכער סאָפּען ביי אים און דער קורצער געזונטער האַלז איז אויסגעצויגן ווי ביי א באַוואָפנטן גזלן, וואָס גנב'עט זיך הרג'ענען זיינעם א שלאָפעדיגן שונא.

— וואָס... זעט... וואָס ווילט איר? — שטאַמלט חנה'לע קוים אַרויס, און גיט זיך א שטעל־אויף און א טראַט מיט די לעצטע כוחות.

אָזא שטאַמלען און אויפשפרינגען מאַכט דעם מילנער אַביסל ניכטער־רער. ער פאַרשעמט זיך פאַר זיין אייגענעם בערישן קריכן, און זעט האַלטן זיך אַביסל סטאַטנער, מענטשלעכער.

— דאָ איז... — זוכט ער ווערטער — און... וואָס האָט דאָ דער יונגאַטש געטאָן?

דאָס באַרואיקט חנה'לען אַביסעלע. ווייבאַלד אַז גאָר צוליב זיין משה'קען איז זאַווע אַהער אַריין, איז דאַך אָן סכנה.

— ער טשעפּעט זיך צו מיר... — וואַרפט חנה'לע אַריין דאָס פּנים צווישןביידע דלאָניעס. נאָר זאַווע פילט אַז דורך די פינגער קוקט זי אויף אים, ווי א שוואַכערע חיה אויף א שטאַרקערער.

— וואָס הייסט ער טשעפּעט זיך? — שעפּטשעט זאַווע און מאַכט א האַלבן טריטעלע צו איר.

—שוין ניט צום ערשטן מאָל... — קוקט אים חנה'לע ווידער אָן מיט אָן אָפענעם פּנים און מאַכט פונקט אַזא טריטעלע אויף צוריק, צוריק צו דער קאַנאַפּע מיט בעטנעוואַנט.

— אַזוי?... וואונדערט זיך זאַווע עפּעס סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין, און מאַכט נאָך א טריטעלע.

— ער קנייפּט זיך... — שעפּטשעט חנה'לע און שטרעקט ציטעריק אויס א האַנט, כדי ניט צו דערלאָזן זאַוועז ווייטער צו גיין — וואו ער כאַפּט מיך, קנייפּט ער זיך...

— אָט דער יונגאַטש!... פּאַלט זאַווע פלוצלינג אַריין אין א ווילדן צאָרן און מאַכט א קולאַק — אָט דער אויסוואורף! אָט דער שאַלטיק! איך וועל אים... איך וועל —

חנה'לעס אויגן ווערן רואיקער. זי באַגרייפט, אַז א טאַטן דאַרף טאַקע אַזא זאַך פאַרדריסן. אָבער צוליב וואָס אַזא שוים אויף די ליפּן? אַזא רצחנות אין קוק?

נאָר אינמיטן־דרינען פּאַלט זאַוועז ווידער אַפּ דער איבערגעטריבענער כעס. זיינע אויגן באַקומען גאָר אַ פּעטן, פּאַרשוואומענעם אויסדרוק, זיינע דיקלעכע ליפּן צעשמייכלען זיך מאָדנע און שעפּטשען:

— שוין אַ סך מאָל, חנה׳לע? אַ סך, אַ?... ער... דער שייגאַץ, טשעפּעט זיך... און דו דערציילסט גאָרניט...

ניט־ווילנדיק מאַכט חנה׳לע אַ באַוועגונג צו באַשיצן זיך, נאָר אירע בײדע פּאַרקאַטשעטע אָרעמס ווערן פּלוצלינג אַריינגעכאַפּט אין צוויי הייסע קלעמען. פון די אָרעמס שפּרינגען די לעבעדיקע קלעמען איבער צו אירע פּלייצעס. אין חנה׳לעס אויגן ווערט ברויז־פינסטער פון דער צעוואַקסענער וואָליקער באָרד... זאַווע׳ס אָנגעבלאָזענע נאָזלעכער ציען זיך זשעדנע צו די קוטשערעוואַטע רויטע האָר. זייער פּלאָמיקע רויטקייט רויכערט, דאַכט זיך, פונאַנדער אָט דעם ווילדן ריח פון קאָמפּער און נאַפטאַלין אין ענגן קאָמערל. ניין, זיי האָבן גאָר אַ באַזונדער יצר־הרע׳דיקן גערוך: יונג בלוט און שוועבל...

זאַווע׳ס שטאַרקע ציין גיבן אַ קריץ און בייסן זיך אַליין אין דער אונטערשטער ליפּ. די זיבעצן־יאָריקע מכשפה, אין לייכטן זומער־קליידל איבערן העמד, מיט די וואונדערלעכע האָר אויפן קאָפּ, נעמט אָן, אין זיינע פאַרשוואומענע אויגן, משונה׳דיקע פאָרמען. די דושנע קאָלירטע פּעלצן אַרום איר, די גלאַט־האָריקע און געקרייזלטע פּוכיקע, זיינען נאָר אַ פאַרטזעצונג פון איר... אַ לעבעדיקע ווייב־חיה האָט זיך אַרומגערינגלט מיט טויטע פוטערנע שקורעס פון געשונדענע חיות און פאַרטאַיעט זיך... שינדן דאַרף מען זי!... אויך זי!... אויף שטיקער — רייסן איר פעל, אירע אָנטועכצן!... וואָרים אָט די צוויי באַהאַלטענע ברוסטן זויגן אים שוין וואָכנלאַנג דאָס בלוט: „ריר אונז ניט אָן! מיר זיינען הייליק...” און פון הינטן־אַרום קנייפּט מען זיך מיטן ניט־דערוואַקסענעם בן־יחיד. אָה־ה!

— נפקא! — גיט ער הייזעריק אַ ברום און אַ ריס. אַ שוואַכער פּערלמוטער קנאַפּ שפּרינגט אַוועק. און פאַר זאַווע׳ס אויגן ציטערט אויף אַ טייל פון איר יינגן לייב: ראָזיק־צאַרט און מיט אַ פּערל־גלאַנץ. לויט דער ראַזעווער ווייסקייט פון איר נאַקן האָט מען זיך אַלעמאָל געקענט משער זיין וואָס פאַר אַ פלייצקע און ברוסט זי האָט. און אָט! ס׳איז אַן אמת. נאָך ווייסער ווי מען וואָלט זיך געקענט ריכטן.

אַצינד באַשיצט זיך שוין חנה׳לע שוואַכער. גאָר שוואַך. כמעט פון יוצא וועגן. „וואָס טוט איר?”, שעפּטשעט זי און דעקט צו די האַלב־נאַקעטע פּלייצע מיט אַ דלאָניע. אָבער דער „סטאַטנער מאָנסביל”, וועמעס איידלקייט זי האָט די לעצטע צייט אַזוי באַוואונדערט, הערט ניט מער. ווי אַ וואַרעמע כמאַרע האָט ער זי אַרומגענומען. פון זיינע אויגן זיינען געבליבן נאָר צוויי פונקעלעך, און זיין סאַפּעדיקער קול בייזערט זיך:

— ער קנייפּט דיך גאָר, דער סמאַרק! אַ?... אין מאָרדע דאַרפסטו אים געבן! דו הערסט? אין מאָרדע!...

— לאָזט מיך! — בעט זיך חנה'לע קוים־קוים — זעט, לאָזט מיך!... אה!...

פונקט אַזוי האָט זי זיך, מיט אַ ווײַלע צוריק, געבעטן בײַ זײַן אַנטלאָפענעם תכשיט. ער, זאָווע, האָט דאָך אונטערגעהערט... אָרט אים דערפאַר ניט. אַדרבא, ער ווערט נאָך בייזער פון איר בעטן זיך:

— אַט אַזוי האָט ער דיך אַרומגענומען, דער הולטײַ? זאָג, זאָג, אַט אַזוי?

— איך וועל זאָגן דער באַלעבאָסטע! — שעפּטשעט חנה'לע אַ האַלבגע'חלש'טע — איך וועל —

— זאָג, זאָג, חנה'לע!

מאַכט דאָס דער טאַטע אומישנע נאָך זײַן בן־יחיד, אָדער אומגערן? חנה'לע ווייסט דאָס ניט. אין איר באַטויבטן קאָפּ דרינגט אַרײַן דער האַלבבייזער, האַלב־אָפּלאַכערישער „זאָג־זאָג!" מיט אַ מאָדנער קראַפט פון איבערצייגונג. פון משה'קעס שפּילערײַ, מיט אַ ווײַלע פריער, איז בײַ זאָוועז, זײַן טאַטן, געוואָרן אַ גזר־דין: אַ ט אַ ז וי און ניט אַנדערש!... און אַ זיס־פאַרצווייפלטע, אַ פאַר'משפּט'ע, דערפילט זי פּלוצלינג ווי זי גליטשט זיך אַראָפּ אין אַ ווייכן כּת־הקלע, אין אַן אָפּגרונט פון צעוואָרפענע בעטגעוואַנט, אַנגעגרייט פאַר דערוואַקסענע טעכטער, און אין גלאַטע פעלצן — אויך פאַוועלע פאַר טעכטער. דער געמישטער ריח פון קאַמפער און נאַפּטאַלין רייצט און באַטויבט אַזינד ווי אַ טרפה'נער ווײַרוקס. דאָס האַרץ קײַקלט זיך אַוועק טיף־טיף, ביזקל די שפּיצן פינגער פון די פיס...

איר קינדישע פאַר'חלש'קייט שרעקט זאָוועזן אײַן רגע'לע אָפּ. זײַן שכור'ע בייזקייט מישט זיך אוים מיט פאַטערלעכן רחמנות. ווי אַ באַנדורע, בשעת באַזעצן אַ כלה, ברומט זײַן ווײַנענדיק קול:

— שפּיי מיר אין פּנים, חנה'לע! שפּיי! דו זעסט שוין ווער איך בין... שלאָג מיך! פאַרוואָס שלאָגסטו ניט? חנה'לע!...

— ניין, ניין!... — פּרוּווט טאָקע חנה'לע אָפּשטעלן אים צום לעצטן מאָל, אַ שטוים געבן. נאָר איר „ניין־ניין" קלינגט גאָר ווי אַ צוזאָג, אַז שלאָגן זיך וועט זי נ י ט, און איר שטוים גייט איבער אין אַ כאַפּ־אַרום, מיט איין אָרעם, דעם אַנגעגאָסענעם קורץ־געשווירענעם קאַרק פונם „סטאַטנעם מאַנסביל", וועלכן זי האָט אַלעמאָל באַוואונדערט.

ג

אין דעם הינקעדיקן פאַטער־שטול, וואָס איז צוריק אַנגעשפּאַרט אין אַ ווינקל פון פעלץ־קאַמערל, זיצט זאָווע אַז אײַנגעהויקערטער, אַ דערשלאָגענער. די הענט אָפּגעלאָזן, די פיס אויסגעצויגן, די געזונטע באַקן אָפּ־

גערונען, די אויגן ווי געבלענדט. וואו זיינען דאָס פּלוצלינג אהינגעקומען זיין סטאַטנעקייט, זיין באַפּעלערישער קוק, זיין ברומיקער קול? אַן אומגליקלעכער עלטערער ייד זיצט און זופט מיט דער נאָז און רעדט מיט אַ וויינענדיקער שטים:

— נו, חנה'לע, טו וואָס דו ווילסט... איצטער בלייבט מיר נאָר איין זאַך: אריינוואַרפן זיך אין דער הרעבליע... ווי אַמאָל שימעלע דער סופר אין הרעבליע אַריין... אינמיטן יום־כיפור... ווייסט? אַ באָרד; איבערן וואַסער איז געשוואָומען, אַ שטיק קיטל...

— ניין, ניין! — דערשרעקט זיך חנה'לע — כ'וועל מער ניט... כ'וועל שוין מער ניט וויינען...

זי קריכט איבער די פּעלצן צום פּאָטער־שטול אַ האַלב־נאַקעטע. איר העמד הענגט אויף איין פּלייצע. נאָר אים אַרט דאָס ניט. אַן איינגעקאָרטשעטע פּאַלט זי צו צו די האַרטע מאַנסבילשע קני און גלעט זיי:

— ניין, ניין, באַלעב... ר' זאַוועו!

— רוף מיך ניט זאַוועו — גלעט איר דער מילנער מיט אַ ברייטער לאַפּע איבער די קוטשערעוואַטע האָר — גזלן רוף מיך! אַלטער אויסוואורף!... דאָס יאָ, חנה'לע... מיין קינד...

זי איז אָבער טויט־אָנגעשראָקן פון זיין אויסזען, פון זיינע ווערטער. בעט זי זיך ביי אים ווייטער, ער זאָל זיך קיין שלעכטס ניט טאָן. זי וועט שווייגן, קיין פּיפּס וועט זי ניט טאָן. ניין, ניין, קיינער וועט ניט וויסן. קיינער ניט.

אַ שמייכל באַווייזט זיך אונטער זאַוועו'ס געדיכטע וואָנסעס. זיין סוחרישער חוש האָט אים ניט גענאַרט. ער ווייסט ווי צו פּאַרווישן יעדן סליאַד אין דער שרעקלעכסטער מינוט פון צעטומלעניש. ער נעמט זי אַרום, חנה'לען, האַסטיק און פּאָטערלעך. דאָס מאָל מאַכט זי אפילו קיין איינציקע כאַוועגונג ניט. ווי אַ ווייכע ליאַלקע גיט זי זיך נאָך זיינע האַרטע וואַרעמע הענט. זי איז נאָך אַזוי דערדריקט פון דעם בלוט־שטורעם וואָס האָט זיך איבער איר אַריבערגעטראָגן, פאַרעמד בלוט און אייגנס. און ס'איז קיין וואונדער ניט. דאָס וואָס זיבן פּאַרעווע ווייבער לעבן איבער מיט זייערע פּאַרעווע מענער, האָט זי, די זיבעצן־יאָריקע, די ניט־באַהאַוונטע, איבערגעלעבט אין איין ווייל. ליגט זי ווי פון אַ דונער דערשלאָגן און האַלט אַרומגענומען אַ האַרטע קני פון דעם, וועלכער האָט זי אָקאָרשט אומגליקלעך געמאַכט. ס'איז איר לעצטער האַלט. די לעצטע מאַסט, נאָכדעם ווי די שיף איז אונטערגעגאַנגען. פאַר איר — אַ לעצטער אָנהאַלט... פאַר אַ מאָלער — אַן אוראַלט בילד, ווי אַמאָל, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען יעדער עלטסטער און שטאַרקסטער אין שבט איז געווען אי דער טאַטע, אי דער באַשיצער, אי דער מאַן פון אַלע גאָר יונגינקע, יונגע און באַיאָרטע ווייבער... און אַט איז די ראָד פון צייטן אויף אַ ווײַלע צוריקגעקומען און

אפגעשטעלט זיך אין מילנער׳ס האלב־טונקעלן פעלץ־קאמערל. דאס יונגינקע ברוטאל־גענומענע ווייב טוליעט זיך צו די הארטע קני פון איר הערשער און זוכט ביי אים שוץ פאר איר שוואכן לייב, און אביסל ליבשאפט אויך, נאר איין ביסעלע... ווארים ווער ווייסט וואס עס קומט נאך אויף איר? וואס ווייטער וועט זיין?... פינסטער, פינסטער. שטארבן אזוי איינגעקאר־טשעטערהייט.

נאר איר ווייבערשער אינסטינקט, חנה׳לעס, איר חוש פאר א סכנה, איז פארט שטארקער און פרישער ווי ביי אים — דעם פופציק־יאריקן „סטאט־נעם מאנסביל". זי דערמאנט זיך אז עפעס און שפרינגט אויף ווי אן אונ־טערגעשאסענע חיה:

— גייט אוועק, גייט אוועק!... — הייבט זי אן צו שושקען — אוי, אוי! די באלעבאסטע קען באלד אנקומען... די קעכין...

אזוי ווערט צווישן זיי געשלאסן אן אפמאך. א שטומער אפמאך אויף לעבן און טויט: ניט ארויסגעבן איינער דעם צווייטן. א קליינע „זיצערקע" האלט דעם סוד פון א באיארטן באווייבטן מאנסביל אין אירע האלב־קינדערשע הענט. ער איז א טאטע פון קינדער, אן אויבנאן־זיצער אין דער חסידישער שול... איין פאלש טריטעלע ווייטער — און דער סטאטנער מאנסביל און זי, ביידע גייען זיי אונטער. און נאר א האלבע בארד, א קור־טשערעוואטער רויטער קאפ וועלן שווימען איבערן כוואליקן וואסער פון דער הרעבליע...

לייבעטשקע בונטעוועט זיך

א

זינט היינטיקן יום־כיפור איז ביי געטשע דעם טאָקער אין שטוב חושך. ביי לייטן האָבן זיך שוין די „ימים־נוראים" געענדיקט, ביי אים און ביי קונעז זיין ווייב האָבן זיי זיך ערשט אָנגעהויבן. ס'איז אָבער פון יענעם סאָרט „ימים־נוראים", וואָס ניט מען קען זיך אין זיי אָפּבעטן ביים רבונו של עולם, ניט אויסוויינען זיך ביי אַ תחינה, ניט אפילו אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר לייטן... ביי חנה'לען, זייער ווייטער קרובה, זייער „האַדולקע", וואָס דינט ביים מילנער, וואַקסט דער בויך. זי איז שוין אין פערטן חודש. און סיי קונעז און געטשען און סיי חנה'לען אַליין זעט עס אויס ווי אַ גרוי־סער געשוויר, וואָס האַלט אין איין וואַקסן און וואָס קיין מיטל אין דער וועלט קען אים ניט אָפּשטעלן.

באַמערקט האָט מען דאָס טאָקע היינטיקן יום־כיפור. אַלע האָבן, מער אָדער ווייניקער, גרינג אַריבערגעטראָגן דעם שווערן תענית און חנה'לע — ניט. איר איז נעבעך עטלעכע מאָל ניט־גוט געוואָרן, מיט דער גרינער גאַל האָט זי געבראָכן. די מומע קונע האָט זיך געכאַפּט, אַז די גליד־פּלימעניצע אירע איז אַ גאַנציקן יום־כיפּור ניטאָ אין דער ווייבערשער שול. איז זי געקומען צו לויפן צו ר' זאַוועז אויף דער קיך, זען וואָס זי מאַכט. נו, האָט זי דערזען...

באַלד נאָכן אָפּפאַסטן זיך האָט מען חנה'לען שטילערהייט אָפּגעפירט אַהיים צו דער מומען. ניט געוואָלט אַנמאַכן קיין רעש. און דאָ, אינם טאָ־קער'ס ברודיקן שטיבל, ביי געשלאָסענע און פאַרהאַנגענע פענסטערלעך, האָט מען חנה'לען גענומען אויפן „דאַפּראָס".

שווער געווען אַרויסצורייסן ביי איר פון די פאַרשטשירעטע ציין, ווער עס האָט זי אומגליקלעך געמאַכט. עס האָט געדויערט אַ פּאָר טעג. מען האָט זי אָבער אַזוי לאַנג געשלאָגן און געריסן פאַר די קוטשעראַווע רויטע האָר, ביז זי האָט זיך מודה געווען.

איז מען אָוועקגעלאָפן צו זאַוועז אויף דער מיל און דאָרטן, אינם האַר־מידער פון די מילשטיינער און אינם גערויש פון דער הרעבליע, אויסגעגאָסן אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ.

א נס וואס די מיל־רעדער און די הרעבליע האבן פארטומלט די גע־וואלדן־געשרייען, אז ניט וואלט זיך צוזאמענגעלאפן דער גאנצער „אונטער־בארג”, ס׳הייסט: דער גאנצער יידישער ישוב פון ד ע ר זייט דניעפער. זאווע האט זיך אבער געהאלטן אזוי אונטערטעניק, אזוי צעקרימט און אומגליקלעך איז געווען זיין אפגעקארמעטער ברייטער פנים, אז געטשע דעם טאקערס גרימצארן איז שיער־שיער ניט איבערגעגאנגען אין רחמנות, און קונעס גרילצנדיקער קוויטש — אין א שומיקן געמורמל, ווי א ברור־דיק וואסערל אין קאנאווע נאך א שטורעם־רעגן.

אט דער שיינער מאנסביל, וועמעס סטאטנעקייט קונע די טאקערקע האט אזוי באוואונדערט אלע שבת נאכן דאוונען, אט דער מיושב׳דיקער גביר מיט די ברייטע פלייצעס און מיט דער צעפעכערטער, דורכגעזילבערטער בארד, איז עפעס באלד נאכן ערשטן געשריי צוזאמענגעפאלן, ווי א ניט־געלונגענע טייגעכץ. א צעקראכענער און צעטומלטער האט ער זיך גענומען ווארפן אין אלע זייטן, און אלץ ארומגעקוקט זיך, אלץ געבעטן זיך רחמים, מען זאל ניט שרייען; די משרתים אונטן, ארום די מילשטיינער, זאלן ניט דערהערן וואס עס טוט זיך אין „קאנטאר”. בעטנדיק זיך און אפטרעטנדיק אויף הינטן, האט ער אזוי דעם טאקער מיט דער טאקערקע אריינגעצויגן אין א פינסטערן ווייטן ווינקל, אונטערן סאמע דאך פון מיל. און דא, ביי די לעצטע זומערדיקע שפינוועבס, האט ער פארזיכערט, אז ער, זאווע, וועט טאן אלץ וואס מען וועט אים הייסן, אבי ניט ברענגען צו לייטישן געלעכטער. מען זאל אים, זאווען, נאר אביסעלע שאנעווען... ניט אזוי אים, ווי די קראנקע וויב זיינע. זי איז דאך דא גאט די נשמה שולדיק. זי וועט דערהערן וועט זי דאס, חס־ושלום, ניט אריבערטראגן. און אויף דער יתומה, אויף חנה׳לען, איז אויך א רחמנות! ס׳איז געשען אן אומ־גליק...

ליכט־מייזלעך זיינען ארומגעקראכן איבער זאווע׳ס צעקרימטן געזיכט — די אפגעשפיגלטע דניעפער־כוואליעס דורך די שפאלטן פון דאך... פון דער שיינער באבער־בארד האט זיך געשאטן מעל. און ביי דער קארגער ליכטי־קייט האט אויסגעזען, אז דער איינגעפונדעוועטער סטאטנער מילנער צע־שיט זיך אין שטויב פאר די צוויי ארעמע לייט, פארן טאקער און פאר דער טאקערקע, וועלכע האבן אצינד די אייבערהאנט.

אזא געפאלנקייט פון א צווייטן מאנסביל איז געטשען דעם טאקער גע־ווארן פריקרע. האט ער אפגעקערט זיין בולבעוואטע נאז און גערעדט מיט די הענט אויף שטום־לשון. די טאקערקע, די זלידנע, האט זיך אבער נאך אלץ ניט געקענט אנזעטיקן מיט איר ווייבערישער נקמה אינם סטאטנעם מאנסביל, וועלכער ליגט אצינד ביי אירע פארלאטעטע שיך:

— מיך — צעכראבעט זי זיך נאך אמאל — וועט איר מיט ווארפן זיך אין דער הרעבליע ניט אפשרעקן... דאס וועט איר א קינד אזוי אפשרעקן... חנה׳לען. דריי חדשים האט די „בהמה” געהיט אייער נגידיש געזונטעלע...

אבער אויך דער דאזיקער קוויטש איז שוואכער געווארן, ווען זאווע האט קונען ארײנגערוקט אין דער קאריאווער הענטעלע א הייפל מעליקע אסיגנאציעס. אפילו ניט געציילט זיי. ווי ארויסגעשלעפט זיי פון בוזעם־קעשענע, אזוי אין האנט ארײנגעשטעקט... און ווי א טריע הינטיכע, וואס באשיצט די אינטערעסן פון איר באלעבאס, ווען מען ווארפט איר צו א פעטן ביסן, אזוי איז קונע דער טאקערקע׳ס מענה־לשון גלייך שטילער גע־ווארן. איר לעצטער קוויטש איז איבערגעגאנגען אין א פארשעמטן וואר־טשען. מיט אזעלכע טענער האבן זיך טאקער און טאקערקע ארויסגעמאכט פון דער מיל.

זינט דעם איז חנה׳לע פארשוואונדן געווארן פון שקלאוו. און א קלאנג האט די טאקערקע ארויסגעלאזט, אז איר קרובה האט זיך נעבעך איבער־געארבעט ביים מילנער, ארום זיין קראנקער ווייב. יום־כיפור דעם תענית ניט געקענט אריבערטראגן און אין חלשות געפאלן... א קליניקייט! א קינד האט גאנצענע נעכט ניט דערשלאפן! נו, האט מען זי געמוזט אוועק־שיקן צו אירע ווייטע קרובים אין דארף. דער דאקטאר האט אזוי געהייסן.

און זינט חנה׳לע איז אוועקגעפארן זיינען אינם מילנער׳ס הויז געשען אויסטערלישע זאכן. זאווע׳ס קראנקע ווייב, וועלכע האט זיך שוין סוף־זומער גענומען פאפראווען און ארומשפאצירן, אנגעלענט אויף אירע דער־וואקסענע טעכטער, האט זיך ווייטער אוועקגעלייגט. זאווע׳ס קעכין האט בסוד דערציילט, אז עפעס א רוח איז אריין אין ראכען, איר באלעבאסטע. רעדט מען צו איר, ענטפערט זי ניט, און וויינט אפ גאנצענע נעכט. זאווען לאזט זי אפילו אין שלאפצימער ניט אריין. עסט דער באלעבאס באזונדער און שלאפט איינער אליין אין עס־צימער אויף דער קאנאפע. אויף מיינע שונאים געזאגט געווארן אזא לעבן!...

קוקן זיך לייט צו צו זאוועס און זעען באשיינפערלעך, אז די געטרייע קעכין איז גערעכט. זאווע ווערט גרויער פון טאג צו טאג און זיינע גלאטע באקן — איינגעפאלענער. אפילו שבת קומט ער אפטמאל ניט צום דאווענען אין בית־מדרש... זיין סורדוט איז ניט אפגעפוצט. דער שווארצער שאליק איז אייבערהעמד זיצט קרום. די מיל, זאגט מען, האט ער אויך אפגעלאזט. קומט דאנערשטיק צו צאלן די געהילפן, פעלט אים אוים געלט. „אד״, מאכט ער און כאפט זיך ביי דער בוזעם־קעשענע, „איר ווייסט דען וואס קראל דער דאקטאר מיטן אפטייקער נעמען ביי מיר אוועק?...״

אלץ גייט ביי אים אצינד מיט דער פוטער אראפ. עפעס ווי די מיל־רעדער וואלטן זיך געדרייט אויף צוריק און אין הרעבליע וואלט געפעלט וואסער. רק ער פארגעסט און רק ער איז געריייצט, דער מילנער. די געהילפן האבן אפילו שוין ניט איינמאל געהערט ווי ער קריגט זיך מיט משה׳קען זיין בן־יחיד. אזא זאך איז נאך קיינמאל ניט געווען! משה׳קע זאל, הייסט דאס, ניט מיינען, אז דער טאטע האלט פאר אים גרייט ממתקים אין זאק, ער זאל קענען הולטאיעווען און אויסברענגען נאכן טאטנ׳ס טויט... גענוג

וועט זיין צו רייסן געלט ביים טאטן אויף כל'ערליי נארישקייטן און הור־ליאנקעס מיט חברים פון שקאלע. פון אלע ירושות קען זיך אין איין ליאדן טאג אויסלאזן א טייך...

— ניט פאר קיין יידן געדאכט! — שאקלען לייט מיט די בערד — ניטא קיין ערגערע זאך ווי א קראנקע באלעבאסטע אין שטוב...

און אין חודש טבת, בשעת די גרויסע זאווערוכעס, האט זיך דער אומ־גליק אין מילנער'ס שטוב צעוואקסן. ראכע, זיין קראנק ווייב, האט זיך נאך, א צוגאב צו איר פריערדיקער שלאפקייט, שטארק פארקילט. לכתחילה האט מען געמיינט — א קאטער. נאר באלד האט זיך ארויסגעוויזן, אז ס'איז א סך ערגער. צום קאטער האט זיך צוגעווארפן א שארף הוסטעלע און פון הוסטעלע איז געווארן א לונגען־אנצינדונג. קראל דעם דאקטאר'ס פנים איז געווארן פארזארגט. נאך עטלעכע טעג בעקען און מעקען האט ער די שטוביקע נעבלדיק דערקלערט, אז ביי סתם מענטשן איז א לונגען־אנ־צינדונג אויך א שווערע חולאת. נאר אזוי ווי די קראנקע איז אפגעשוואכט פון דער אפעראציע, איז די סכנה גרעסער, א סך גרעסער... נאר די האפענונג דארף מען ניט פארלירן.

די האפענונג האבן ניט פארלוירן ניט סטערע און הינדע, אירע טעכטער, ניט זאווע דער מילנער. געלט האט זיך געגאסן ווי וואסער, נאר ס'האט ניט געהאלפן. סוף וואך, נאך איר פארקילן זיך, האט ראכע צוגערופן דעם מאן צום בעט און אלע זאלן ארויסגיין, ווארים זי האט אים עפעס צו זאגן, אים אליין... צום ערשטן מאל נאך עטלעכע חדשים פון ברוגז, איז זאווע נאענט צוגעגאנגען צום ווייב'ס בעט און, מיט טרערן פון חרטה אין די אויגן, אנגענומען זי ביי דער אויסגעמאגערטער האנט. פון אונטערן אייז־פענכער אויפן קאפ האבן ארויסגעקוקט צוויי אויסגעלאשענע בלאנדזשענדיקע אויגן. די צעברענטע ליפן האבן זיך אויפגעעפנט:

— די יתומה... חנה'לען זאלסטו... אויך... דו...

און ניט פארענדיקט. זי האט א צי געטאן איר האנט פון מאנ'ס דלאניע, פארווארפן דעם קאפ און אנגעהויבן שלוקערצן.

די ערשטע סימנים פון גסיסה זיינען דאס געוועזן.

ב

די גאנצע מאשינעריע ביי געטשע דעם טאקער אין שטוב איז זעהר אז איינפאכע: א בייגיקער פלאכער דראנג איז מיט איין עק אריינגערוקט אונ־טער דער געקאלכטער קראקווע פון באלקן, און פון צווייטן פרייען עק דראנג, איבער געטשעס קאפ, לאזט זיך אראפ א שטארקע אויסגעגלעטע

שטריק. די שטריק כאפט עטלעכע מאל ארום א שטיק געהילץ — טאק־מאטעריאל אויפן מיטן ווארשטאט; און אונטערן ווארשטאט איז די שטריק צוגעבונדן צו א פוס־טרעטער. וואס מער אנוויקלונגען די שטריק מאכט ארום דעם באטרעפנדן שטיק מאטעריאל, אלץ שטארקער איז ער אנגעצויגן, אלץ העכער שטייט דער פוס־טרעטער, אלץ גיכער דרייט זיך דאס שטיק געהילץ אויף די צוויי אייזערנע, געבוימלטע שפיצן פון ווארשטאט. טרעט געטשע דער טאקער מיט זיין צעליאפעטן שוך אויפן פוס־טרעטער, און אליין שפארט ער זיך אן מיט די פארמאזאליעטע הענט אן לען פון ווארשטאט און מיט א שארפן אינסטרומענט — אויפן טאק־מאטעריאל. דער פלאכער דראנג איבער זיין קאפ שאקלט זיך ארויף און אראפ, די ארומגעשלענגלטע שטריק דרייט בליץ־שנעל דאס שטיק געהילץ, אהין און צוריק, אהין און צוריק. דער שארפער אינסטרומענט גייט אים „אין פלייש אריין", פון רעכטס צו לינקס און פון לינקס צו רעכטס, נענטער־ווייטער, שוואכער־שטארקער. אזוי טאקט זיך א טאקעניש. הילצערנע פונקען שיטן זיך; שטערנדלעך, פארפעלעך פליען; רינגעלעך, שרייפעלעך, שלענגעלעך, האלבע־לבנה'לעך... אלע פון האלץ, אלע לייכט ווי פעדערלעך. זיי באשיטן געטשען ווי א חתן נאך דער חופה. זיי הענגען זיך אים אן בארד און פאות און ברעמען, אן נאז און אויערן, אן אלץ וואס לאזט זיך נאר אנטשעפען און אנקלעפן. עטלעכע מינוטן גייען ניט אריבער, און דער טאקער באקומט א לצ'עוודיק אויסזען, אנגעמאכעסט און מיט טאקעכץ באוואקסן ווי א משונה'דיקער באבוק; דער רוח פון טאקארניע אליין, אין זיין פייערלעך־אומגעלומפערטן אנטועכץ.

נאר די פארצייטיקע ברילן בלישטשען ארויס פון דער צעשויבערטער מאסקע, און מיט פארגרעסערטע קוקערס פארפאלגן זיי דאס געטאקטע שטיק מאטעריאל. גיך־גיך, רעכטס־לינקס. כל־זמן דער פוס־טרעטער באוועגט זיך און דער בייגיקער דראנג איבערן ווארשטאט הוידעט זיך, דארף מען האלטן קאפ. איין קאפעלע צופיל ארויסגערוקט דעם שפיציקן שארף פון אינסטרומענט — און דער באארבעטער שטיק מאטעריאל שניידט זיך איבער ווי א רעטעך. דערפאר טאקע האט געטשע פיינט צו רעדן בשעת ער טוט זיין מלאכה. דאס געטאקטע האלץ רעדט אנשטאט אים, עס זידט און עס פייפט, עס פייקלט און עס מורמלט.

אבער היינט איז געשען אן אויסנאם. היינט איז געטשע אריינגעפארן מיטן אינסטרומענט אין געטאקטן האלץ אריין, שיער־שיער ניט איבערגעשניטן עס אין רעכטן מיטן. ווארים קונע, זיין ווייב, האט אים אנגעטראגן פון מארק א פלוצלעכע נייעס, אז ראכע... ער ווייסט דאך: ראכע דעם מילנער'ס ווייב, איז... הקיצור... אונז צו לאנגע יאר!

האט געטשע אפגעשטעלט די גאנצע מאשינעריע און אויסגעזונגען:

— א־א־אן?... מצ־מצ־מצ... — ברוך דיין אמת!...

דערנאָך האָט ער זיך מיושב'דיק גענומען ווישן באָרד און פּנים פון די האַלץ־שלענגעלעך און מיושב'דיק געצויגן ווערטער:

— מ'נאַ... על פּי דין... דו הערסט? על פּי דין און על פּי יושר וואָלט ער מיט איר געדאַרפט איצטער חתונה האָבן...

— דין־סמין! — קרימט קונע איבער — אַ נייער רב אין סטאַרי־שקלאָוו, גרונם דער שדכן וואָלט אַזאַ וואָנט מיט אַ צווייטער וואָנט אויך ניט צו־זאַמענגעפּירט. אַ זיבעצן־יאָריקע נפקא מיט אַ פופציק־יאָריקן מילנער. און וואָס וועלן זאָגן לייט?

— לייט? — פרעגט איבער דער טאָקער מיט ביטול. ער שטעלט צוריק אַרויף דעם צעשנאָפּערטן שוד אויפן פּוס־טרעטער און צעוויגט אים. דער דראַנג איבער זיין קאָפּ צעהוידעט זיך. — האָסט עפּעס אַ בעסערע עצה? ע... אין וויפילטן חודש איז זי שוין?

— קענסט שוין אָנהייבן קאָכן באַב־און־אַרבעס צום בן־זכר... און די קינדער זאָווע'ם זיינען אַ הונט? זאָלן זיי זיך נאָר דערוויסן. נו־נו!...

— נו־נו, — ענטפערט איר געטשע צום טאָן.

ער טאָקט אַ ווײַלע מיט רוגזה, ווי אַ פאַרצווייפלטער, דערנאָך וואַרפט ער אַרוים אַ פּאָר ווערטער צוזאַמען מיט האַלץ־שלענגעלעך פון אונטערן אינסטרומענט:

— איז שוין גלייבער מיט לייבעטשקען...

— אַלע וויסטע פינסטערע חלומות צו דיין קאָפּ, צו דיין לייב און לעבן!

— שריי ניט אַזוי! — ווערט געטשע אַ האָר ניט נתפּעל — ער בלאָזט זיך כלומרשט, ער וועט בעסער ווערן...

ניט אומזיסט האָט זיך קונע גענומען אַזוי שילטן. איר אַלטער האָט דאָ אָנגערירט אַ וואונד, וועלכע זי האָט בשום־אופן ניט געקענט פאַרהיילן. סטייטש! אַזאַ מעשה אָפּטאָן איר, אַזוי מיאוס אָנשפּייען איר אין באָרשט!... זי, קונע, האָט דאָך חנה'לען קליינערהייט אַרויסגעשלעפּט פון מיסט, וואו זי האָט זיך אַרומגעוואַלגערט נאָך איר מאַמע'ס טויט, געהאָ־דעוועט זי, געפילנעוועט, צוגעזען ווי די מויד ווערט שענער פון טאָג צו טאָג און ווי לייבעטשקע דער מיזיניק איז אין איר פאַרקאָכט, ווי ער שעמט זיך צו קוקן חנה'לען אין די אויגן, ווען ער קומט אַהיים פון דער אַרבעט, מיטן ליימיקן זאַק־פאַרטוך איבער די פלודערן, און ווי ער פוצט זיך צו־ליב איר אַלע ערב־שבת. וואו ער האָט אַן איבעריקן גראָשן, קויפט ער איר וואָס־עס־איז. דאָס — צוקערקעס אין אַ פּאַפּירן זעקעלע, דאָס — סיץ אויף אַ קליידל. און זי, די נפקא, נעמט און טוט אָפּ אַזאַ מעשה! נאָר ווייניק וואָס זי האָט אָפּגעטאָן, שטעלט זי זיך נאָך איין פּאָר דעם, ווער עס האָט זי אומגליקלעך געמאַכט. בשעת מען האָט זי גענומען אויפן צימבל, שלאָגן און רייסן פאַר די האָר, אויספאָרשן, האָט זי וועגן זיך אַליין ניט געקלערט,

ניט וועגן „ממזר" אין בויך. ניט פאר דער מומען געזארגט זיך און ניט פאר דעם חתן. זי האט נאר געהאלטן אין איין זארגן פאר זאוועז דעם חזיר. ניט ער, הייסט עס, דער מילנער איז שולדיק, נאר זי אליין, זי אליין... ניין און ניין! מ'זאל ר' זאוועז, חס־ושלום, ניט טשעפען! ער קען זיך נאך א מעשה אנטאן. ער קען זיך נאך אין הרעבליע ארייגווארפן! אזא שטי־לינקע, דאכט זיך, אלעמאל געווען... און אט!... א־הא־א! שטילע וואַ־סער, זאגט מען, גראבט טיף.

געטשע'ס איראניע וועגן לייבעטשקען, אז „ער בלאזט זיך, נאר ער וועט בעסער ווערן", האט אויך א גרונט. זינט מ'האט חנה'לען, א זינדיקע, א געשלאגענע, אוועקגעשיקט ערגעץ ווייט פונדערהיים, גייט לייבעטשקע דער לימער אום שווארץ ווי די ערד. זיינע פריילעכע לידער זיינען פאר־שטומט געווארן. די אפלאכערישקייט פון זיין אביסל פארריסענער נאז איז אינגאנצן פארשוואונדן. געבליבן זיינען נאר די צוויי שווארצע נאזלעכער — צוויי טויטע אויגן פון דער מרה־שחורה אליין. טיפער ווי ביז אהער האט לייבעטשקע אנגערוקט זיין ברודיקן קאשקעט איבער זיינע אומעטיקע אויגן. און בשעת דער ארבעט, אין באלעבאטישע הייזער, איז ער שווייגנדיק און בייז. דינסטמיידלעך, וועלכע קענען זיינע טאלאנטן, שטייען צו אים צו: ער זאל זיי עפעס זינגען. אט, למשל... וועגן יאלד וואס דערזעט „שווערדן" ביי זיין רייכער שוועסטער אין דער גרויסער שטאט, ווי הייבט זיך דאס דארטן אן? —

„שוועסטער־הארצע, שוועסטער־לעבן,
דו זאלסט מיר אן עטפער געבן..."

נו, נו, און ווייטער?... ווייטער? לייבעטשקע האט אפילו בדעה ניט אונטערצוזאגן וואס ווייטער ווערט געזונגען. עס ווילט זיך אים קיינעם מער ניט פריילעך מאכן. ענטפערט ער אפ אויף אלע צושטייערנישן מיט א שטארקן ליאפען דאס נאסע לים אין די אויפגעריסענע שטוקאטורקעס, אין געשפאלטענע הרובעס. ליאפ־ליאפ, ווי אין ווייכן לייב אריין. מ'זאל זאוועז דעם מילנער געווען געבן אזעלכע קלעפ און אזעלכע בוכצעס אין די פעטע זייטן, וואלט זיך דאס אויך אזוי אנגעהערט.

א פארטאיעטער ווייטיק פרעסט לייבעטשקען די לעבער. ער איז איינער פון די היימישע מענטשן, וועלכע וויסן דעם גאנצן אמת. ער ווייסט וואס מיט חנה'לען איז געשען אין מילנער'ס הויז און צוליב וואס זי איז פלוצ־לינג אוועק פון שטאט. ניט צו ווייטע קרובים־ישוב'ניקעס אויסרוען זיך, ווי די מאמע דערציילט אין מארק, נאר ערגעצוואו אין א פויעריש דערפל, וואו ס'איז ניטא קיין ייד אויף א רפואה...

וועז ער, לייבעטשקע, גייט אצינד פארביי זאוועז'ס הויז און דערזעט דעם שיינעם גאניק, מיטן בלעכענעם דעכל און מיט די געצאצקעטע סלופעס, קערט ער אפ דעם קאפ ווי פון א נבלה. אים שטעלט זיך גליך פאר, ווי

חנה׳לע, זיין חנה׳לע, האָט דאָ, הינטער אָט דעם געצאַצקעטן גאַניק, הינטער אָט דעם פאַרהאַנגענעם פענסטערל אפשר, ארומגענומען אַ גראָבן פרעמדן האַלז — און עס פאַרגלוסט זיך אים וויינען. כל׳ערליי בייזע מחשבות קריכן אים אין מוח, אונטער דעם ליימיקן קאַשקעט מיטן האַלב־אָפּגעריסענעם דאַשיק. מען זאָל נאָך אים, ניט היינט איז מאָרגן, קומען צו לויפן ער זאָל דאָ ווידער אַמאָל פאַרריכטן אַ געשפּאָלטענעם אויוון, וועט ער ניט גיין. אָט!... און ווערט דאָרטן דערשטיקט פון רויך אַלע מיטאַנאַנדער!... עט, ליגט ער זיך איבער אין אַ ווײַלע אַרום, אויך מיר אָפּגעטאָן! וויניק ליימערס אין שקלאָוו? אָט, אָפּוואַרטן דעם שיינעם יידן, ווען ער גייט שבת פון דאַוונען, מיט דער „דעליע” אויף די ברייטע פּלייצעס, און פּלעטן אים דעם מוח מיט אַ האַלבן ציגל, דאָס איז עפּעס אַנדערש! זאָלן יידן וויסן... אַוועקלייגן מיט איין קלאַפּ און דערנאָך צוקיילן און צובייַלן אים מיטן אָפּצאַס — דער גאַנצער בית־מדרש זאָל זיך צוזאַמענלויפן...

לייבעטשקע זעטיקט זיך מיט אַזאַ נקמה־בילד נאָר איין ווײַלעטשקע. ער ליגט זיך באַלד איבער, אַז דורך אַזאַ אָנפאַל וועלן זיך אַלע דערוויסן וועגן חנה׳לעס שאַנד... דער כעס לאָזט אים אָפּ, און דער ווייטיק אין האַרצן ווערט שאַרפער. ערשט איצטער, אַז זי איז ניטאָ, ווייסט ער וואָס חנה׳לע איז אים געווען און ווי זי פעלט אים. פאַרפאַלן חנה׳לע, אויף אייביק פאַרפאַלן פאַר אים... אויף אייביק? עפּעס גלייבט זיך אים פאָרט ניט. אין שטוב איז זי אָנגעקומען אַ זיבן־יעריקע, געהאָדעוועט זיך מיט אים צוזאַמען, ווי אַ יינגערע שוועסטער. ווען ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען חומש, האָט מען שוין אין שטוב אָנגעהויבן צו כיכיקען, אַז דאָס וואַקסט פאַר אים אַ „כלה”... ער זאָל גוט לערנען, וועט מען אים גאָר אינגיכן פירן מיט חנה׳לען צו דער חופּה. ער, לייבעטשקע, האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ קאַטאַוועס. פונדעסטוועגן פלעגט ער רויט־ווערן און ניט קענען קוקן חנה׳לען אין די אויגן אַריין. עס האָט זיך אַזוי געצויגן אַ שפּיל און ערנסט, ביז טאַטע־מאַמע האָט זיך פאַרגלוסט חנה׳לע זאָל אָנקלייבן אַ נדן. און אָט האָט זי שוין פאַספּעיעט אָנצוקלייבן... עס וועט איר און אים גענוג זיין אויף ס׳גאַנצע לעבן. אַז אָנגעפּרעסענער ייד האָט זיין אָרעם שיסעלע מיט שטשאַוו אויסגעזשליאָקעט. ער, לייבעטשקע, „דער חתן”, קען זיך באַנוגענען מיט שיריים, מיט פּאַמינעס... נישקשה, פאַר אַ ליימער־יונג איז דאָס גאַנץ גענוג...

ג

דערווײַלע איז זיך דער ווינטער געגאַנגען מיט זיין גאַנג. האַרט און בייז, ווי זיין שטייגער איז אין רייסן. פּראָסטיק אָנגענאָדלט, שנייאיק־צעקודלט און צעוויכערט. ער האָט פאַרוויט אַלע סימנים פון זינד אַרום דעם מילנער׳ס

הויז און ליבעטשקע׳ס טרויעריקע טריט — ארום טאַקער׳ס שטיבעלע. איין קילע ווייסקייט האָט אויסגעבעט אַלע גאַסן און אויסגעגלייכט אַלטע און נייע דעכער. נאָר וואָס אונטער די דעכער — דאָס איז אַן אַנדער זאַך... קונע האָט שוין אַ פּאָר מאָל קאַליע געמאַכט די קלאָרע גאַנצקייט פון פריש־געפאַלענעם שניי. אַ פּאָר מאָל פאַר דער פאַרלאָפענער צייט האָט זי גע־דונגען אַ גויעשקן שליטן און ערגעצוואו אַוועקגעפאָרן.ביידע מאָל פאַר־נאַכטלעד, ווען פּנים׳ער זײַנען פאַרשוואומען און אַנגעקילטע יידעלעד האָבן קיין חשק ניט נאָכצוקוקן איינער דעם אַנדערן. געקומען צוריק איז זי ביידע מאָל אַ פינסטערע, אַ שווייגנדיקע.

— נו, פלעגט זי דער טאַקער שטילערהייט אַ פרעג־טאָן, און אַזוי, אַז ליבעטשקע זיין מיזיניק זאָל ניט הערן.

— נו־נו!... — פלעגט קונע ענטפערן בייז און געהיימניספול — עס וואַקסט ברוך השם! אַ כשר קינד האַלט זיך ניט אַזוי...

— נו, און די „זנאַכערקע" דיינע?

— אַלץ אויסגעפּרואווט. ביטערע קרייטיכצער געגעבן, אָפּגעשפּראָכן. אַז אַרויסגעוואָרפענע טירחה!

— טאָ זאָל ער צאַלן! — פלעגט דער טאַקער אָפּ׳פּסק׳ענען גלייך אויף אַן אָרט. און צוליב שטאַרקייט ווענן אַ זופ־געטאָן מיט דער בולבעוואַטער נאָז.

— ער זאָל צאַלן פאַר אַלץ! — פלעגט מיט אַמאָל די טאַקערקע אַריינ־פאַלן אין מורא׳דיקן כעס און קריגן דערביי אַ פּנים פון אַ מכשפה.

און מיט ווילדער האַסט און מיט גערייצקייט פון אַ חיה איז זי ביידע מאָל, נאָך אַזאַ צוריקקומען, אַוועקגעלאָפן אויף דער מיל און געבראַכט, אונטער דער פאַטשיילע, אַ נייעם פּעקעלע מיט מעליקע פאַפּירענע רובלס. דער פאַרקרימטער פּנים אירער האָט זיך אויסגעגלייכט.

דערזעענדיק אַזאַ מטבע, ווערט געטשע דער טאַקער יעדעס מאָל מטושטש. וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן? מיט זיין „טאַקן" האָט ער נאָך קיינמאָל ניט פאַרדינט אַזוי פיל פאַפּירענע קאַרבן אויף איין מאָל. אפילו אין אַ יאָר צייט אויך ניט. נעמט ער זיך קראַצן אין דער קודלאַטער באָרד אַזוי, אַז האָלץ־פאַרפעלעד הייבן זיך אַן צו שיטן פון איר:

— אפשר... קונע... אַביסעלע צופיל... ווי מיינסטו?

— נישקשה — ווערט די טאַקערקע אומרואיק און קריגט ווייטער אַ פּנים פון אַ מכשפה — די טעכטער זיינע, דעם חזיר׳ס, וועט נאָך בלייבן גענוג אויף נדן.

געטשע דער טאַקער האָט מיטאַמאָל גענומען פראַנטעווען אין אַ נייער שבת׳דיקער קאַפּאָטע, און עטלעכע וועגענער מיט דראַניצעס האָט ער אויך איינגעהאַנדלט. — אָט, מאַכט ער, דער שניי וועט צעגיין, וועט ער איבער־דעקן דעם דאַך פון זיין הייזקע, שוין לאַנג צייט געווען...

קונע האָט אויך געקראָגן אַ נייע קאַסינקע אויפֿן קאָפּ. איר אַלטן קרבן־מנחה האָט זי געלאָזן איינבינדן אין ברוינעם לעדער און איר „ש״ס־תחינות — אין גרינעם קאַלענקאָר. נאָר אַז נייגעריקע שכנים גיבן גוטמוטיק אַ פרעג: „געטשע האָט, אַפּנים, געכאַפּט אַ גוטן פּאַרדינסטל, אַז עין־הרע?... אָדער אפשר גאָר לייבעטשקע, ווי?...״ דאַמאָלסט צינדט זיך קונע אָן ווי אַ פייער:

— די אויגן ביי לייטן זיינען צו גרויס...

און קיינער פֿאַרשטייט ניט, וואָס איז דאָ וואָס אין כעס צו ווערן.

נאָר איינמאָל, פאַרנאַכט, האָבן שכנים דערהערט קולות־געוואַלדן אין טאַקער'ס שטיבעלע. די אָנגעפּעלצטע טיר האָט זיך אויפֿגעריסן און אַן אָפּ־שניט פֿון טונקעלן געוואַנט איז געפֿלויגן אין צעטאָפּטשעטן שניי אויף דער גאַס. לייבעטשקע דעם טאַקער'ס מיזיניק איז געשטאַנען אין דער אָפֿע־נער טיר, פֿון מויל האָט אים געראָיכערט אַ פּאַרע און ער האָט געשריגן אַז... ער וויל ניט קיין נייעם גאַרניטער! ער וויל ניט... תכריכים, אויב מען וויל, קען מען אים נייען פֿאַר דעם געלט. דאָס יאָ.

טאַטע־מאַמע האָבן לייבעטשקען צוריק אַריינגעשלעפּט אין שטוב. מיט מי און מאַטערניש איז דאָס זיי אָנגעקומען. אַזוי צעיושעט האָט ער זיך דער מיזיניק... דעם צעוואָרפֿענעם שטיק שעוויאָט האָט דערנאָך קונע גע־פּוצט אויף דער גאַס מיט קרומע וואַרצלדיקע פֿינגער. דאָס מאָל איז זי צו די נייגעריקע שכנים ווייכער געוואָרן. מיט אַ צעקרימטן פּנים האָט זי זיי דערציילט, אַז דאָס מאַרעט זיך לייבעטשקע צום „פּריזיוו״, און זינט ער מאַרעט זיך, איז ער געוואָרן אויס מענטש...

האָבן שכנים און שכנ'טעס אויסגעהערט און צוגעלייגט אַ פֿינגער צום מויל. ס'הייסט, אַז וועגן אַזעלכענע זאַכן טאָר מען ניט רעדן הויך אויפֿן קול. נאָר קונע האָט קלאָר געזען אויף די נעזער, אַז מ'הייבט איר ניט אָן צו גלייבן. וואָרים מאַרען זיך צום פּריזיוו איז נאָך צו פֿרי. דער פּריזיוו פֿאַלט דאָך אויס אָסיען־צייט, און דערווייל איז נאָך ווינטער אויף דער וועלט. פֿאַלג מיך אַ גאַנג! דריי פֿערטל יאָר . . .

די שכנ'ישע אייגעלעך און דער גאַנצער סקאַנדאַל, וואָס לייבעטשקע, איר מיזיניק, האָט דאָ אָנגעמאַכט, האָט קונען אינגאַנצן צעקאָכט און צע־זאָטן. אַריינגעפֿאַלן צוריק אין שטוב, האָט זי שטורעמדיק אַרויפֿגעכאַפּט אויף זיך איר קאַצענעם זשאַקעט און איבערן זשאַקעט אַ פּאַטשיילע, און איבער דער פּאַטשיילע נאָך אַ פּאַטשיילע. געטשע'ס וואַרעמע שטיוול האָט זי אַרויסגעשלעפּט פֿון אונטערן בעט און אויך אָנגעטאָן אויף זיך, אונטער די פּאַרשלומפּערטע קליידלעך, ווי אַלעמאָל ווען זי קלייבט זיך אין וועג אַריין. די גאַנצע צייט, ווען זי האָט זיך אַזוי רוגזה'דיק אָנגעפּעלצט, האָט איר געשלאָגן אַ שוים פֿון מויל מיט קורץ־אָטעמדיקע און ביטערע ווער־טער צוזאַמען:

— נייז, איצטער מאכט זי א סוף!... מער קען זי שוין ניט אויסהאלטן. פריער די געטרייע „פלימעניצע”, די נפקא... דערנאך — דער מאנדל: אמאי אוועקגעגעבן זי אין פרעמדע הענט... טאמער וויניק הארצקלעמעניש, קומט נאך דער מיזיניק און מאכט אויף די גאנצע גאס... לייטיש געלעכ־טער!... איז אט לויפט זי אצינדערט צום חזיר אין מיל, לויפט זי. זי האט אים אין דר'ערד מיט זיינע מעליקע רובלס! די נפקא וועט זי מער אויף דער שוועל ניט ארויפלאזן. זי מוז דאס אים זאגן! זאל ער זיך אליין ניאנטשען מיטן ממזר, ווען זי וועט אפהאבן... זי וויל פון דער גאנצער חתונה מער ניט וויסן! ווער עס האט אנגעברודיקט, דער זאל נעמען די שמאטע און ווישן. אזוי וועט זי אים זאגן. און צו דער נפקא אין דארף פארט זי אויך צו... צום לעצטן מאל! זי מוז דאס איר אויך זאגן. ניט דערוועגן זאל זי זיך צו קומען אהער. איר געדעכעניש זאל דא מער ניט זיין! אט!...

אפגעפייערט, א טראסק געטאן מיט דער טיר און אוועק.

אין יענער נאכט און א שטיק טאג צומארגנס איז טאקע קונע מער אהיים ניט געקומען, ווי אין די פריערדיקע פאר מאל, ווען זי איז ערגעצוואו אוועק מיט דעם גויעשקן פורל.

דאָס צעטעלע

א

אַ צווײ וואָכן נאָך פּורים איז, ניט ווײט פֿונם מילנער׳ס פּאַר׳אַלמנ׳טער שטוב, שטײן געבליבן אַ בויד. דער נאַסער שליטן איז צוגעקראָכן אַז אַ הוק און אַז אַ פּײף. גאָרניט ווי דער שטײגער איז פֿון געניטע באַלעגאָלעס, וואָס צעכוואַטעווען זיך ווען זײ פֿאָרן אַרויס און פֿאָרן אָן... אונטער־גע׳גנב׳עט האָט זיך די בויד, און אַ צוגעדושעטער גראָבער קול האָט אַ פֿרעג געטאָן פֿון דער קעלניע:

— אַט דאָ גײסטו אַראָפּ?

אַ צעשראָקן ווײבעריש שטימעלע האָט פֿון בויד אַרויסגעשושקעט:

— ניט צו נאָענט?

— נאָך אַלץ צו נאָענט? ביזקל גאַנעק איז נאָך ווײט. וועסט נאָך אָנ־שעפּן פֿולע שיך...

פֿון בויד האָט אָפּגעענטפֿערט אַ שטיל געווײנדעלע.

— נו — מאַכט דער ברומיקער קול — איז ווי דו ווילסט!

פֿון דער קעלניע איז אַראָפּגעקראָכן אַ הויכער בײנערדיקער ייִד מיט אַן אויפֿגעשטעלטן שפּיציקן באַשליק. לויטן סיוון צײל האָר אינמיטן זײַן שוואַרצער באָרד, וואָלט מען געקאָנט שווערן, אַז ס׳איז ניט קײן אַנדערער ווי ר׳ ישראל כאַדאַק, דערזעלבער ר׳ ישראל כאַדאַק, וועמעס גוטסקײט און ליבשאַפֿט צו חדר־ײנגלעך און צו קינדער בכלל מען קען אין גאַנץ שקלאָוו... אַראָפּגעקראָכן, אַרײנגערוקט דאָס בײטש־שטעקל אין גאַרטל, באַלעגאָליש אָנגעקלאַפּט אײן אָפּצאָס פֿון, מיט לעדער־אַרומגענײטן, וואָליק אָן אַנדערן, און כמורנע אַרומגעקוקט זיך, פֿון אויפֿגעשטעלטן באַשליק און קאָלנער, ווי פֿון אַ שמאָלן טורעם־פֿענסטערל. ס׳איז געווען פֿינסטער און נעפּלדיק־קאַלט, ווי אַלעמאָל צווישן פּורים און פּסח, בשעת אַז „אָטליע“, ווען דער שליטן־וועג ווערט קאַליע און די פֿאַרהאַרטעוועטע קנוילן פֿערדן־מיסט קריכן אַרויס פֿון האַלב־אָפּגעגאַנגענעם שנײ... שטאָט איז שוין לאַנג גע־שלאָפֿן. קײן צינגעלע שײַן פֿון אַ לאָדן, קײן סקריפּ פֿון אַ טויער. נאָר די ווײַטע הרעבליע פֿון מיל האָט אַצינד גערוישט דײַטלעכער ווי בײַטאָג.

אויפֿן גרונט פֿון דער נאַכט האָט זי זיך אַנגעהערט טעמפּ און סומנע, ווי א פֿאַנפֿאַטער געוויין פֿון אַ מאַנסביל:

— בו־בו־בו־בו...

זאווע דעם מילנער׳ס הויז איז דאָ געשטאַנען פֿריציש אָפּגעזונדערט, מיט אַ הויכן פּלאַנקען ארומגענומען, געגלאָצט מיט די ווייסע פֿראָנט־לאָדנס אין דער נאַכט אריין און געכמורעט דעם גרויסן אָנגעדעכלטן גאַנעק. די איינגעשלאָפֿענע נגידישקייט האָט ר׳ ישראל דעם באַלעגאַלע אביסל אָפּגע־שראָקן. האָט ער אָפּגעזיפֿצט און פּאַוואָליע אריינגעשטעקט דעם אנגעקאָל־נערטן קאָפּ אין פֿינסטערן בויד:

— חנה׳לע, אפשר וואָלט פּאַרט געווען גלייכער צוצופֿאָרן אַפריער צו... דער מומען דיינער? זאָל זי בעסער צו־וויסן געבן... אָט, ד ע ם דאָ...

— ניין־ניין־ניין! — האָט זיך דאָס שוואַך וויבעריש קול צעכניקעט — זי וועט מיך הרג׳ענען... זי וועט מיך אויפֿן שוועל ניט אַרויפֿלאָזן, זי וועט...

— שלע—עכט! — ציט ר׳ ישראל אוים אַ פֿאַרזאָרגטער — אַ גאַנצע קאַפּעדעראַציע קען דאָ ווערן... געפֿעלט ר׳ ישראלן אַ קלאַפּאָט!...

אַ שטיל געוויין אַן ווערטער האָט אים אָפּגעענטפֿערט. דאָס מאָל איז דאָס געווען אויסגעמישט מיט אַ מאָדנעם מיאַוקען, ניט פֿון אַ קאַץ, ניט פֿון אַ קינד וואָס קרימט נאָך אַ קאַץ...

— נו־נו־נו — פֿאַרכאַפּט זיך דער באַלעגאַלע — איכ׳ל שוין גיין, איכ׳ל שוין טראַסקען... איז ווייסטו, חנה׳לע, אויף געווים, אַז די שטוביקע זיינען ניטאָ?

— ער איז אַליין — כליפּעט מען אין בויד — ער איז געווים אַליין...

— און איבעריקנס — צעכוואַטעוועט זיך פּלוצלינג ר׳ ישראל — שאַ־נעווען אים אפשר? אין זיין טאַטנס טאַטן!... ווער עס האָט פּאַרקאַכט, דער זאָל כליאַבען!... וועלכע פֿענסטער זאָגסטו?

— אָט דאָרטן... — ווייזט אַן אַ גרויע ציטערדיקע הענטשקע פֿון בויד ארוים — דאָס צווייטע נאָכן גאַנעק... זינט ראָכע האָט זיך אוועקגעלייגט —

— זי ליגט שוין איצטער גוט. גלייכער פֿאַר איר...

— זינט דעמאָלט שלאָפֿט ער אין עס־צימער...

— אַזוי? אין עס־צימער דריכניעט ער גאָר? טאָ וואַרט אויף אַ ווייַ־לעטשקע!... יעמוד רבי זאווע!...

האַסטיק כאַפּט ר׳ ישראל צוריק אַרוים דאָס בייטש־שטעקל פֿון גאַרטל, און בורטשענדיק און טופּענדיק מיט ברייטע באַלעדערטע וואַליקעס, טרעט ער צו צום אַנגעוויזענעם פֿענסטער, דאָס צווייטע פֿענסטער נאָכן גאַנעק. ער הייבט אויף ס׳שווערע בייטש־שטעקל אַ טראַסק צו טאָן. נאָר אין דעם לעצטן רגע׳לע האַלט ער זיך אָפּ און פּייקלט אין לאָדן גאָר שטיל, ווי מיט אַ נאָגל פֿון פֿינגער: טוק־טוק־טוק!...

א ווײַלע וואַרט ער אָפּ. אפילו קײן שאָרך הערט ער ניט. ער הערט נאָר ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אים אונטער אַלע באַלעגאָלישע פּעלצן. גיט ער אַ בורטש בײַם סאַמע לאָדן:

— ר' זאַווע... איר שלאָפֿט?

און האָט שוין בדעה שטאַרקער אַ זעץ צו טאָן. נאָר ער פֿאַספּעיעט שוין ניט. ער דערהערט הינטער זיך אַ ריגלעניש און דרייט אום דעם קאָפּ: יאָ. הינטער דער טיר פֿון גאַנעק ריגלט אימיצער גנביש־שטיל. אַ קליאַמקע גיט אַ קלימפּער, אַ האַלבע טיר שפּאַלט זיך אויף שטיל־שטיל און אויפֿן גאַנעק קריכט אַרויס אַ ברייטע שווייגנדיקע געשטאַלט אין אַ פוטער אָן אַ היטל, מיט גרויע צעפּלאַשעטע האָר און מיט אַ גרויער צעוואַקסענער באָרד און מיט טונקעלע פּלעקן אָנשטאָט אויגן. אַ האַנט פּאַכעט, אַ שטיל זידן צווישן פֿאַרשטשירעטע ציין וואָרנט און בעט זיך:

— ש־ש־ש!...

אין דער פֿאַרעלטערטער געשטאַלט האָט ישראל דער באַלעגאָלע קוים־קוים דערקענט זאַווע דעם מילנער.

ב

שוין עטלעכע וואָכן אַז זאַווע לעבט ניט אויף דער וועלט. ס'הייסט לעבן לעבט ער יאָ, נאָר דער טויט איז גרינגער פֿאַר אַזאַ לעבן.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז קונע די טאַקערקע געקומען צו לויפֿן, ווי אַ בייזער רוח אויף דער מיל, און צום לעצטן מאָל געסטראַשעט אים, אַז מיטן „ממזר", נאָכן אָפּהאָבן, וויל זי קײן עסק ניט האָבן. די „נפקא" וועט זי מער אויפֿן שוועל ניט אַרויפֿלאָזן, סיידן זי וועט קומען איינינקע אַליין... מיטן ממזר זאָל זאַווע אַליין טאָן וואָס ער וויל. זי וועט אויף זיך קײן בלוט ניט נעמען. ער הערט, צי ער הערט ניט?... ער מעג זיך ריכטן פּורים־צייט אויף אַ „שלח־מנות"... ער הערט?

ראָפּע האָט ביי דער טאַקערקע געשלאָגן פֿון מויל. אַזוי צעווילדעוועט האָט ער זי קיינמאָל ניט געזען. קײן געלט האָט זי אויך מער ניט געוואָלט נעמען. ער האָט מיט געוואַלד געפּרוּווט אַרײַנשטופּן איר אין דעם וואָרצל־דיקן הענטעלע אַן אַפּותיקי, האָט זי שיער די ניכפּה ניט גענומען. „טפו־טפו!" האָט זי זיך גענומען שפּייען: „לייבעטשקע מיין זון וויל אייער טריפֿה'נע געלט אפילו ניט אָנרירן!"... צום ערשטן מאָל האָט זי טאַקע אַ שליידער געטאָן די עטלעכע פּאַפּירענע אַסיגנאַציעס און אַרויסגעלאָפֿן. אַ מעליקער שטויב איז נאָר געבליבן שטיין נאָך איר.

זינט דאַמאָלסט איז זאַווע קײן איינציקע נאַכט ניט געשלאָפֿן. ער האָט געוואוסט, אַז ס'איז דער סוף. די חרפּה וואַקסט אַזוי ווי אַ געשוויר, און ניט

היינט־מארגן וועט עס פלאצן. ניט היינט־מארגען וועט אים דאס פעקל אנ־קומען פון דארף. די טאקערקע האט דאס גאנץ דייטלעך געגעבן צו פאר־שטיין און מער אויס׳טענה׳ן זיך מיט איר איז ניט געווען מעגלעך. מער אויף דער מיל איז זי ניט געגאנגען, אויסבאהאלטן זיך פון אים. האט זאווע געפרואווט פארפירן א שמועס מיטן טאקער. אראפגעווארפן פון זיך דעם באלעבאטישן האנאר און נאכגעגאנגען געטשען איינמאל א שבת־צו־נאכט.

— סטייטש אזוי און אזוי, ער וועט פון זיך א העמד אויסטאן, נאר מיט חנה׳לען מוז מען זען מאכן א טאלק. זי זאל אהער ניט קומען...

האט אים דער טאקער אפילו ניט געלאזט אויסריידן זיך ביזקל סוף. ער האט נאר א זופ געטאן מיט דער בולבעוואטער נאז און איבערגעשלאגן:

— איך מיש מיך ניט מער אין דעם. רעדט איבער מיט קונען!...

און אוועק אז „א גוטע וואך" צו זאגן.

ווי א מענטש וואס טרינקט זיך, האט זאווע, אין זיין איינזאמקייט, גע־מאכט פארצווייפלטע אנשטרענגונגען צו ראטעווען וואס מען קען. די דער־וואקסענע טעכטער זאלן כאטש ניט באקומען אזא „שלח־מנות" אויף די הענט, דער בן־יחיד זאל ניט אויסלופען די חוצפה׳דיקע אויגן זיינע און ניט ארוים מיט א געלעכטער:

— טאטע, דו? דאס האסטו גאר... כא־כא־כא!

האט זאווע גענומען פארשטאפן אלע שפארונקעס מיט געלט. דערווייל האט דאס נאך געהאט א זין. דערווייל זיינען נאך די שפארונקעס געווען קליין. געציילטע מענטשן האבן געוואוסט דעם סוד, און נאך ווייניקער — האבן זיך אנגעשטויסן... קודם־כל האט ער דעם תכשיט זיינעם אוועקגעשיקט פון די אויגן. דער בן־יחיד האט היי־יאר, פאר סוכות, געענדיקט די שקלא־ווער שקאלע. טא זאל ער זיך ווייטער לערנען פריוואט אין מאהליוו און זאל ער זיך טאקע, דארטן אויף אן ארט, ארומזען, צי קען ער ניט אנקומען אין גימנאזיע. עס האט זיך אים דאך אלעמאל געגלוסט אנצוטאן א גימ־נאזיסטיש היטעלע מיט א זילבערנער קאקארדע, איז אט, לאמיך זען צי קאן ער דאס דערוויזן, צי ניט...

דערנאך האט זאווע איינגערעדט די דערוואקסענע טעכטער זיי זאלן זיך „דורכפארן"... אויף עטלעכע וואכן קיין וויטעבסק, צו דער משפחה פון דער פארשטארבענער מאמען. נאר אין דער פרעמד און נאר ביי נאענטע קרובים וועלן זיי פון זיך, אפשר, אפטרייסלען די מרה־שחורה... דא, אינ־דערהיים, וואו דער מאמע׳ס שאטן טוליעט זיך נאך צו יעדן ווינקעלע און צו יעדן קליידער־הענגער, וועלן זיי קיינמאל ניט קומען צו זיך... פאר אים, פארן טאטן, זאלן זיי זיך וואס ווייניקער זארגן. ער איז א מאנסביל און מער כוח פאר זיי ביידן האט ער אויך. די אלטע באהאוונטע קעכין קען דאס גאנצע באלעבאטישקייט בעסער פאר זיי. פאר אים אליין איז זי גאנץ גענוג. המ... און אגב, — אזוי האט ער סטערען, דער עלטערער טאכ־

טער, אַ וואונק געגעבן — דער וויטעבסקער פעטער האָט, זאָגט מען, גע־ראַטענע זין, און אַז גאָט וויל... מען קאָן ניט וויסן.

אַזוי האָט זאַווע, אין זיין גרעסטער געפּאַלנקייט און אין זיין טויט־שרעק פאַר זיינע אייגענע קינדער, ניט פאַרגעסן אויך די פּראַקטישע זייט פון יעדער זאַך...

געבליבן איינער אַליין אין שטוב, האָט ער אַביסל פריער אָפּגעאָטעמט. דעם וויב'ס קאַמער האָט ער אָפּגעשלאָסן און מיט דער אַלטער קעכין איז ער אויך דורכגעקומען. אַביסל האָט ער איר צו פאַרשטיין געגעבן אויפן וואונק מכוח דעם וואָס איז מיט אים געשען אין אַ בייזער שעה... אַביסל האָט זי זיך אַליין אָנגעשטויסן, פונם גרויסן ברוגז וואָס האָט געהערשט צווישן באַלעבאָס און דער באַלעבאָסטע אַ פּאָר חדשים פאַר איר טויט... אַ געטרייע הארץ האָט די קעכין געהאַט און אַ מתנה האָט זי אויך גע־קראָגן... און מיט איר זאַווע געוועזן זיכער. געדריקט האָבן אים נאָר אָצינ־דערט די איינזאַמקייט, דאָס ווארטן, דאָס זיין שטענדיק אויף דער וואַך, די פאַרדאַכטן אויף אַלץ און אויף אַלעמען. ווי אַ רוח, אָנגעשטויבט מיט מעל, האָט ער זיך אַרומגעדרייט בייטאָג אין דער מיל, און ביינאַכט — פאַרגראָבן זיך אין זיינע פּאָר באַוואוינטע צימערן פונם אָפּגעלאָזטן הויז. און פון דאָרטן, מיט פאַרביטערטער עקשנות, שאַרף געטשיקעוועט, און ווי אַן אָפּגעשוואַכטע חיה אַרויסגעהאַרכט, פונוואַנען די חרפּה, אויף די עלטערע יאָרן, וועט קומען... אַז „דאָס פּאַרל" וועט אָנקומען אין דער נאַכט, אין דעם איז ער כמעט ווי געוועזן זיכער. ווי ביז די טאָטערקע זאָל ניט זיין, אָבער אינמיטן העלן טאָג וועט זי אַזאַ זאַך ניט וועלן אָפּטאָן. ניט אים, ניט חנה'לען איר קרובה... און אַז „דאָס פּעקל" וועט אָנקומען — וואָס דאַמאָלסט?... ווענן דעם האָט זאַווע מורא געהאַט קלאָר צו טראַכטן. אַלע פּלענער האָבן זיך געגליטשט אין שווארצן תהום אַריין, מיט אים צוזאַמען...

פון אַזאַ לעבן און שטענדיקער שפּאַנונג איז ער מורא'דיק פאַרעלטערט געוואָרן, אָפּגעלאָזן זיך. קיין שום טרייסט און קיין שום אָנהאַלט האָט ער אין זיך אַליין מער ניט געקאָנט געפינען. עפּעס ווי אַלע זיינע כוחות וואָלטן אויסגעברענט געוואָרן פון דער גרויסער ליידנשאַפט, וואָס די זיבעצן־יאָ־ריקע חנה'לע האָט אָנגעצונדן אין זיין מאַסיוון גוף מיט אַכט חדשים צו־ריק. פאַראַן, האָט ער געהערט, אַזעלכע מיני באַשעפענישן, וואָס באַלד נאָכן צוזאַמענפּאָרן זיך פאַלן די זכרים טויט. מוראַשקעס, למשל... אַ שפּיניכע פרעסט אויף דעם זכר באַלד נאָכדעם ווי ער האָט זי באַפרוכפּערט... עפּעס ענלעכס איז מיט אים אַליין געשען. ווי נאָר ער האָט דאָס זייניקע דער־גרייכט, איז ער האַלב אָפּגעשטאָרבן. שוין דאַמאָלסט, אין פּעלץ־קאַמערל, באַלד נאָכדעם ווי ס'איז געשען, איז ער געבליבן זיצן אַ האַלב־טויטער, אַ נעבעכדיקער אויף אַ הינקענדיקן פּאָטער־שטול, און חנה'לע האָט א י ם נעגלעט די קני. ער האָט אפילו ניט געהאַט קיין מוט צו טרייסטן זי, צו־

צוזאַגן איר הילף, ווי אַז עלטערער, ערלעכער מאַנסביל טוט אין אַזאַ פֿאַל. ער האָט נאָך אין זיך געפֿונען געגנוג געמיינהייט פֿון אַ טרוס אַנצושרעקן זי, די אומגליקלעכע האַלב־נאַקעטע קליינע, אַז ער וועט זיך וואַרפֿן אין הרעבליע אַריין... געביטן מיט די ראָלן האָבן זיי זיך: ער, דער פּופּציק־יאָריגער שטרויענער אַלמן האָט געסטראַשעט, און זי, די זיבעצן־יאָריקע יתומה׳לע, האָט באַרואיקט... זינט דעם האָט די מיאוסע געפֿאַלנקייט זיינע געהאַלטן אין איין וואַקסן; טאַקע ווי אַ מאַווים׳דיקע שפּיניצע האָט זי זיך אין אים איינגעגעסן און זויגט אים טאָג ווי נאַכט די לעצטע קרעפֿטן אויס. האָסט דיינס אָפּגעטאָן, זאָווע מילנער? איצטער קענסטו אונטערגיין...

אָפּטמאָל ליגנדיק אַזוי פֿאַריאָגט און אָפּגעשוואַכט אויף זיין אַלמן־געלעגער אין עס־צימער, האָט ער זיך אַליין, מיט ביטערניש, געשטעלט די פֿראַגע:

— נו, האָט זיך דאָס אינגאַנצן געלוינט?

— געוויס האָט ניט געלוינט...

אַזוי האָט יעטוועדן מאָל געענטפֿערט דער באַלעבאַטישער שכל־הישר, אָבער אַ מאָדנע זאַך! קיין אמת׳ע חרטה אויף דער גאַנצער מעשה האָט ער פֿאָרט ניט געפֿילט אין זיך. זיין בלוט און לייב האָבן זעהר גוט אָפּ־געשאַצט די ווערט פֿון אַזאַ איבערגעלעבטער הייסער מינוט. דאָס, וואָס צען יידן מערידאַלניקעס פֿון זיין עלטער, באַלאַדענע מיט מצוות און מיט אָפּגעשוואַכטע גלידער, לעבן איבער מיט זייערע יענטעוואַטע ווייבער אין משך פֿון וואָכן, האָט ער איינער אַליין איבערגעלעבט אין אַ קורצער שעה פֿון זינד... ווי? צי קאָן מען בכלל אָנרופֿן אַזאַ איבערלעבעניש „זינד"? אויב אַזוי, איז אַ דונער פֿון הימל „זינד". אַ געוויסער, אַז אָפּגעריסענע הרעבליע — אויך זינד... מיט אַ ברענענדיקן ווייטיק און מיט אַ העלישער הנאה ליגט ער זיך ביז היינטיקן טאָג איבער אין זכרון אַלע איינצלהייטן פֿון יענער ווילדער שעה אין האַלב־טונקעלן קאַמערל, צווישן פֿאַרביקע פּעלצן און שאַרף־קאַלירטע בעטגעוואַנט — פּאָוועלע פֿאַר די טעכטער. חנה׳לעס שרעק, ווען ער איז אויף איר אָנגעגאַנגען; און זיין צוריקטרעטן עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, ביז זי האָט נאָכגעגעבן. נאָר איין זאַך קען ער פֿון דאַ־מאָלסט אַז מער ניט אַריבערגעטראָגן, דאָס איז דער ריח פֿון קאַמפֿער און נאַפּטאַלין. אַ טייוול־בשמים איז דאָס, ניט קיין איבערשיטעכץ פֿאַר פּעלצן!... ווען ניט אָט דער דאָזיקער באַטויבנדיקער ריח אינם הייסן זו־מער־טאָג, וואָלט דאָס אפֿשר אינגאַנצן ניט געשען. אפֿשר טאַקע דערפֿאַר אַליין וויל ער מער ניט ליגן אין דעם ווייב׳ס שלאָף־צימער. אין עק פֿון יענעם צימער געפֿינט זיך דאָס פּעלץ־קאַמערל מיטן סיצענעם פֿאָרהאַנגל פֿאַרהאַנגען, מיט דעם גרויסן געקאַוועטן קאַסטן. פֿון קאַסטן שטראָמט אַרויס דערזעלבער ריח ביז צום היינטיקן טאָג. ביינאַכט אין דער אָפּגע־שלאָסענער שטוב צעשפּרייט ער זיך און דערגרייכט און פּייניקט... וואָס ווייטער, וואָס ווייטער, וואָס ווייטער פֿונם דאָזיגן ריח!...

ג

עך האָט געקוקט אין לוח, ווען ס'איז געשען, געמאַכט חשבון און געציילט די טעג. געשען איז דאָס אין חודש סיון, סוף סיון... אין חודש אדר וועט ווערן נ י י ן חדשים. אַ וואָך קינפּעט. אפשר נאָך עטלעכע טעג, און דערנאָך —

וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן? — פריער, אַז דער טאָקער מיט דער טאָ־קערקע פלעגן צו אים קומען אויף דער מיל און צאַפּן בלוט, איז אים פּאַרט געווען לייכטער. ער האָט געהערט אַ וואָרט. ער האָט געוואוסט, וואו עס האַלט. איצטער טאַפּט ער איינער אַליין אין דער פינסטער. ער מוז גרייט זיין יעדע מינוט און ניט וויסן וואו עס וועט אויסברעכן. ס'איז אַ וויסטער פּלעט, אין וועלכן יעדער געווינס איז אַ צרה. און דער גרעסטער געווינס — אַ גרויסע צרה...

האָט זיך אים דערפאַר אָפּטמאָל אויסגעדאַכט, אַז ניט זי, חנה'לע, וואַרט ערגעצוואו, אין אַ פאַרוואָרפן דערפל, אויפן סוף פון איר טראָגעדיקייט, נאָר ער, זאַוועל. שווערער ווערט אים פון טאָג צו טאָג צו טראָגן דעם באַ־לייבטן גוף. עס דריקט אונטערן האַרצן. עס עקלט און עס שרעקט. אפילו ברווינלעכע לעבער־פלעקן זיינען ביי אים אַרויסגעטראָטן אַרום די גרוי־געוואָרענע שלייפן. אויך ווי ביי אַ טראָגעדיקער.

באַרעמהאַרציקע ווייבער פון גאָס האָבן געזען ווי זאַוועל דער אַלמן ווערט חושכ'ער פון טאָג צו טאָג און האָבן דאָס אויסגעטייטשט אַזוי:

— הען, ווי אַ מענטש נעמט זיך דאָס לעבן נאָכן ווייב! אָט דאָס הייסט אַ מאַן!...

צו זיין אמת'ער לאַגע האָט עס זאַוועל גראָד געפּאַסט. לייכטער געווען אים צו מאַסקירן זיך פאַר די קליינשטעטלדיקע אויגן. דערזען אַ יידענע קומט אַן אַקעגן, פלעגט ער זיך מער אָנכמורען, איינבייגן זיך און אוועק־קוקן אין אַ זייט... דעם גרעסטן פּרסום האָט אים אָבער געמאַכט גרונם דער שדכן. ר' גרונם האָט דערהערט, אַז זאַוועל איז איינער אַליין, די טעכ־טער — אין וויטעבסק, דער בן־יחיד — אין מאָהליוו, האָט ער באַשלאָסן, אַז איצטער איז די ריכטיקע צייט איבערצורריידן מיט אים. דער אַלמן האָט ניט פאַר וועמען צו שעמען זיך און מ'קאָן מיט אים ריידן אָפענע ווערטער. איז ער איינמאָל, נאָך וועטשערע, אַרויפגעקומען צו אים, מכלומרשט וועגן עפּעס גאָר אַ זייטיקער זאַך. אַהער־אַהין און פאַרוואָרפן אַ וואָרט מכוח נעמען אַ באַלעבאַסטע אין שטוב...

דערהערט ר' גרונמ'ס עצה, איז זאַוועל אויפגעשפּרונגען און ווי אַ וויל־דער געגומען טופען מיט די פיס:

— אַרויס פון שטוב! אַ בהמה אַ ייד וואָס איר זענט... אַרויס!

האָט ר' גרונם געכאַפּט דעם פאַראַסאָל, אַ קוש געטאָן די מזוזה און איז אוועק. נאָר באַליידיקט האָט ער זיך ניט. נישקשה! ער איז שוין, געלויבט

דעם אייבערשטן, א שדכן ניט פון נעכטן אַז. ער האָט שוין געזען אַזעלכע מיני געטרייע אַלמנס, וואָס אַפריער וואַרפן זיי הייסע גלעזער טיי דעם שדכן אין קאָפּ אַריין, דערנאָך שיקן זיי אַליין שדכנים און האָבן חתונה מיט אַ מיידל. ניט מיט אַ גרושה און ניט מיט אַן אַלמנה, נאָר דווקא מיט אַ מיידל... נאָר אַביסעלע געדולד, ר' גרונם! די צייט איז דער בעסטער שדכן...

ווי אַ באַהאַוונטער מענטש האָט ער אָבער פון זיין דורכפאַל ביי זאַוועז אין שטוב געמאַכט אַ גאַנצן שם־דבר אין שטאָט: הען, אַ מענטש קאָן ניט פאַרגעסן!... פון די כלים גייט ער אַרויס, ווי נאָר מ'זאָגט אַ וואָרט וועגן אַ באַלעבאַסטע אין שטוב...

זיינען ווייבערשע הערצער דערפון אינגאַנצן צעבראָכן געוואָרן. באַ־טיכלטע און צעפּאַטלטע קעפּ האָבן אַצינד זאַוועז נאָכגעשאָקלט, ווען ער גייט פון שטוב אין מיל און פון מיל אַהיים.

דער לוח איז דערווייל ניט געשטאַנען אויף איין אָרט. דער טאָג, ווען „דאָס פּעקל" קאָן אָנקומען, לויט זאַוועז'ס חשבון, איז געוואָרן אַלץ נענ־טער... און איינמאָל, נאָך וועטשערע, האָט ער מער ניט אויסגעהאַלטן און, ניט־קוקנדיק דער קעכין גלייך אין די אויגן, האָט ער הייזעריק אַ זאָג געטאָן:

— טאָמער וועט מען אָנקלאַפּן אין טיר... ביינאַכט... וועל איך אַליין עפענען...

די קעכין איז איין רגע'לע געבליבן שטיין מיט אַן אָפענעם מויל און מיט באַנוצטע טעלער אין די הענט. נאָר באַלד האָט זי זיך דערמאָנט און אַ שעפּטשע געטאָן אין די ברודיקע גפּעפּס אַריין:

— גוט־גוט... וואָס ווייס איך?...

די טעג האָבן זיך ווי ניט איז געשלעפּט. די רעדער אין מיל האָבן די שווערקייט פון אַזעלכע טעג ווי ניט איז צעמאָלן, די הרעבליע האָט זיי פאַרטומלט און אַוועקגעטראָגן מיט ווייסן שוים. דערפאַר — די נעכט, די לעצטע נעכט לויט זאַוועז'ס חשבון, זיינען געוואָרן ניט אויסצוהאַלטן. שרעקלעך איז צו זיין איינגעשלאָסן אין אַ שפּייכלער מיט שטרוי און וואַרטן אויף אונטערצינדער... יעדער שאָרך האָט אים אויפגעטרייסלט פונם קרענק־לעכן דרימל. מיט אַ פאַרשטיקטן קרעכץ און מיט אַ רויען ווייטיק האָט ער זיך יעדעס מאָל אויפגעכאַפּט, ווי ווען אימיצער וואָלט אים אַ ריס געטאָן אַ שטיק צוגעטריקנטע מאַרלע פון אַ וואונד. איין נאַכט אַזוי, צוויי נעכט אַזוי... און מיטאַמאָל... יאָ, מען קלאַפּט! מען קלאַפּט טאַקע! מען קלאַ־אַפּט...

אַ פאַרצאַפּלטער איז זאַוועז אויפגעשפּרונגען און, מיט שוואַך־געוואָרענע הענט, גענומען אַרויפציען אויף זיך, אין איילעניש, וואָס עס לאָזט זיך. אַ שוך, אַ לייבל, אַ פוטער... דער קורצער טוק־טוק־טוק אין לאָדן איז אים אַדורך דורך אַלע ביינער. די ציין אין מויל האָבן אָפּגעענטפערט מיט פּונקט

אזא קלאפּן... אין אַ רגע אַרום האָט זיך שוין זאווע אַ לאָז געטאָן פון פינסטערן עס־צימער צו דער שוואַד־באַלויכטענער קאַכשטוב. דאָרטן ברענט אַלעמאָל אַ נאַכט־לעמפּעלע. בשעת ער האָט אַנגעכאַפּט די קליאַמקע צום קאָרידאָר־אַרויס, האָט אין אַלקערל, הינטערן אויוון, אימיצער שוואַך אַ הוסט געטאָן, אַ בעט האָט זיך צעסקריפּעט. די אַלטע קעכין אַפּנים... האָט זאווע קוים צוזאַמענגעשטשירעט די קלאַפּנדיקע ציין אין מויל און גע־בעטן, אויף שטום־לשון געבעטן זיך:

— ש־ש־ש!...

אָבער די גרויסע חתפה וואָס זאווע האָט אָפּגעוואַרט, מיט אַזויפיל שרעק און האַרצקלעמעניש, איז אָפּגעלאָפן אַ סך איינפאַכער און אַ סך רואיקער, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט. ר' ישראל, דער באַלעגאָלע, מיט זיין האַ־מעטנעם יושר האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן פאַר אַ יידישן גזלן. ביידע מאַנסבילן, איינער אויפן גאַנעק און דער צווייטער אונטערן גאַנעק, האָבן שטילערהייט אַ בעקע געטאָן, דערנאָך אַ מעקע געטאָן. אַ קאַפּעלע גע־שושקעט זיך. „וואו"? האָט איינער דערשראָקן אַ פרעג געטאָן, „דאָרטן"! האָט אַ בייטש־שטעקל אָנגעוויזן. און זאווע איז גלייך אַראָפּגעלאָפן פון די גאַנעק־טרעפּלעך. טיאָפּ־טיאָפּ מיט די שיך אָן קאַלאָשן אין אַ נאַסן שניי. אַזוי האָט ער זיך דערקליבן ביזקל שליטן, ביים הויכן פּלאַנקען, אָן אַ זייט.

— חנה'לע, דו? — האָט ער הייזעריק אַ שעפּטשע געטאָן.

אַ כליפּ האָט אים געענטפערט פון דער שוואַרצער בויד אַרויס.

— נו־נו־נו... — האָט ער זיך גענומען בעטן — זיי אַ מענטש! וועסט זען...

וואָס זען?... אין נעפּל פון טרערן און נאַכט האָט חנה'לע כמעט גאָר־נישט ניט געזען. אימיצער האָט זי, מיט איר עופ'עלע צוזאַמען, אַרויפגע־טראָגן אויפן גאַנעק. ר' ישראל באַדאַק, דאַכט זיך... אין פינסטערן קאָרי־דאָר האָבן זיך נאָך ביידע מאַנסבילן איין רגע'לע געשושקעט. איינער האָט צוגעזאָגט, דער צווייטער האָט שטיל געדאַנקט, און די גאַנעק־טיר האָט זיך פאַרזיכטיק פאַררינגלט הינטערן באַלעגאָלע... דערנאָך איז זי, מיט איר קינד אויף די הענט, אַריבערגעטראָטן די שוועל פון קאַכשטוב. דאָס ליכט פון דעם נאַכט־לעמפּעלע האָט זי געבלענדעט. דאָס איינגעדרעמלטע קינד האָט זיך גענומען באַוועגן. פון דער פאַרבלענדעניש איז אַרויסגעשוואומען דער גרויסער אויוון, דערזעלבער אויוון וואָס לייבעטשקע איר „חתן" האָט אַנהייב זומער פאַרריכט. פאַרריכט און געזונגען... אַ הוסטעלע און אַ סקריפּ פון אַ בעט האָט זיך דערהערט אין אַלקערל.

— ווער איז דאָס? — האָט חנה'לע אַ טראַט געטאָן אויף צוריק.

— ס'איז גאָרנישט! — האָט זי גלייך דערהערט זאווע'ס הייזעריק שעפּטשען איבער זיך — ס'איז די אַלטע... קום, קום!

מיטן נאכט־לעמפּעלע, וואָס ער האָט אָוועקגענומען פון קיד, איז זאוועע נעגאַנגען פאַראויס און זי נאָך אים. אין עס־צימער איז זי שטיין גע־בליבן אַ צעטומעלטע. האַרט לעבן זיך האָט זי דערזען דעם באַלעבאָס׳ אָפּגעדעקט געלעגער און האָט זיך פאַרשעמט.

— לייג אַוועק! — האָט איר זאוועע צוגעגעבן מוט — זעץ דיך!...

האָט זי דאָס קינד אָוועקגעלייגט אויפן ווייכן געלעגער און אַליין זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. ניט געהאַט גענוג מוט צו שפּילן דאָ די היימישע.

אַ נייע לופט איז אַצינד געשטאַנען אין שטוב. ניט דיזעלבע, ווי מיט אַ האַלב יאָר צוריק, איידער זי, חנה׳לע, האָט געמוזט אַוועקגיין. אַ ריח פון אָפּגעלאָזנקייט, פון ניט־גוט געוואַשענע דילן און ניט־ריינע געפעס. פריער, ווען זי איז נאָך געווען די „זיצערקע", האָט דאָ אַלץ געפינקלט... נאָר דאָס אַלץ איז גאָרנישט אַקעגן דער פאַרענדערונג וואָס איז פאַר די עט־לעכע חדשים פאָרגעקומען מיטן „סטאַטנעם־מאַנסביל" אַליין. חנה׳לעס דערשראָקענע אויגן האָבן אַצינד אָנגעקוקט דעם סטאַטנעם מאַנסביל, וועלכן זי האָט אַזוי ציטערדיק אַרומגענומען צום ערשטן מאָל אין פּעלץ־קאַמערל און שפּעטער — וואו עס האָט זיך געמאַכט... אַ טאַטע האָט ער אַצינד געקענט זיין ביי יענעם ר׳ זאוועען. די באַקן — איינגעפאַלן, זעקעלעך אונטער די אויגן. די באָרד — גרוי און ניט־געכאַליעט. אין פאָר־טער אַנגעטאָן, אַזוי ווי ער איז צוגעלאָפן, אינדרויסן צום בויד, און מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ. אַזוי האָט ער נאָך אַרומגעפּאַדיעט איבערן עס־צימער, געפּרעסטלט און, קענטיק, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך, פון וואָס אָנצוהייבן. אַ גרויס רחמנות האָט חנה׳לע דערפילט צו אים. זי האָט איינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיך און איר קינד... זי וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט זי צו אים צוגעקראָכן אויף די קני, ווי דאַמאָלסט אין פּעלץ־קאַמערל, ווען ער האָט זי געסטראַשעט אַריינצוואַרפן זיך אין הרעבליע... זי וואָלט אים די הענט געקושט, אַבי ער זאָל זיך אַביסל באַרויקן, ער זאָל זיך אַוועקזעצן, אַ וואָרט אויסריידן מיט איר.

— די באַלעבאָסטע... — הייבן ביי איר אָן די ליפּן דריבנע צו ציטערן — איך האָב געהערט...

— אַך... — גיט זאוועע אַ מאַך מיט איין לאַנגן אַרבל פון פוטער און שטעלט זיך אָפּ. זיין פּנים איז אַצינד קילער, ווי ביי אַ צעטראָגנענעם מענטשן וואָס האָט זיך צו עפּעס דערטראַכט. ער קוקט אָן חנה׳לעס אויסגעבלאַסט פּנים׳ל, די בלויע קרוהעס אונטער אירע אויגן. ער באַטראַכט זי, ווי מען באַטראַכט אַ קראַנקן צאָן אין שפּיגל. יעדער ריר, יעדעס איבעריק וואָרט רופט אַרויס אַ מורא׳דיקן ווייטיק. און דערפאַר טאַקע מוז מען אים אַ ר ו י ס ר י י ס ן , און וואָס גיכער אַרויסרייסן.

— איז האָסטו שוין געהערט?... — רעדט ער נאָך איין רגע׳לע צע־שטרייט — אַז זי... מיין ראָכע —

נאר באלד שלאגט ער זיך אליין איבער און רעדט ניכטערער:

— זאג מיר בעסער, ווער האט געשיקט נאך דיר... ר׳ ישראל׳ן?...

— די מומע. — ענטפערט חנה׳לע קורץ.

— אלעמאל די מומע... — שאקלט צו זאווע מיטן סיוון קאפ — און דו האסט געפאלגט?... קומען און מאכן מיך צו... צו שאנד און צו שפאט. ניט געקענט אין דארף בלייבן?...

— ניין, ניין, — כליפעט חנה׳לע און באשיצט זיך מיט בײדע הענט ווי פון קלעפ — די גויע האט מיך פון שטוב געטריבן. די „מומע" האט מער ניט געצאלט. און מיר האט זי געהייסן זאגן, אז איר זענט איינער אליין...

— נו גוט־גוט־גוט!... — גיט זאווע א מאך מיט דער האנט און א סאפע אין די וואנצעס. ערווארפט פון זיך אראפ דעם פוטער און בלייבט שטיין פאר חנה׳לען א האלב־אנגעטאנענער, אין העמד און הויזן. נאר ס׳ארט אים ניט.

—אוף! — זיפצט ער ווידער אפ, ווי א מענטש, וועלכן ס׳איז מיט־אמאל זעהר היים געווארן.

ער קוקט זיך ארום מיט בלאנדזשענדיקע אויגן און זאגט טריקענער:

— דא קענסטו נישט בלייבן!

ער גייט צו צום קאמאד, נעמט פון דארטן א טינטערל מיט א פעדער, און שטעלט דאס אוועק אויפן ברעג טיש, לעבן נאכט־לעמפעלע.

— מ׳מוז מאכן א טאלק! — גיט ער א זאג נאך שטרענגער און זוכט עפעס ווייטער מיט די אויגן.

נאר א שוואכער מיאוקען פון א קינד שלאגט אים איבער. דאס איבער־געדעקטע פעקלע, אויף זיין געלעגער, הייבט זיך אן צו קאפאשען.

— א ייִנגל צי א מיידל? — גיט ער שטיל אבער שטרענג א פרעג.

— א ייִנגעלע... — דערפרייט זיך חנה׳לע וואס דער באלעבאס האט זיך דערמאנט. זי מאכט אפילו א באוועגונג אפצודעקן דאס קינד. אבער דעם מילנער׳ס פנים פארקרימט זיך פלוצלינג ווי פון זויערס.

— מען דארף ניט, מען דארף ניט!... — צעפאכעט ער זיך מיט בײדע הענט און טרעט ווידער אמאל צו צום קאמאד און זוכט דארטן אין איי־בערשטן שופלאד.

ערשט אצינד דערפילט חנה׳לע ווי עלנד און איבעריק זי איז אויף דער וועלט, זי, אזוי ווי איר קינד. דא, אזוי ווי דארטן ביי דער גויע אין דארף... באהאלט זי דאס פנים אין בײדע הענט און וויינט.

מען לאזט אבער ניט וויינען. זאווע׳ס באפעלערישע האנט נעמט זי אן פאר א פלייצע. א צווייטע האנט רוקט איר צו א ווייכע זאך, נאענט צו די אויגן. זי גיט א וויש די טרערן און דערזעט אויפן ברעג טיש אן אפענע

העפט, קרום און גראָד געווירעט. זי דערקענט, אַז ס׳איז איינע פון די שקאָלע־העפטן, אין וועלכע משה׳קע, זאַווע׳ס בן־יחיד, פלעגט מאַכן די אוראָקן. נאָר זי פאַרשטייט ניט צוליב וואָס מען דערלאַנגט דאָס א י ר.

— חנה׳לע... — דערהערט זי איבער זיך זאַווע׳ס קול — נעם און שרייב אָן אַ פּאָר ווערטער... דו קענסט דאָך שרייבן.

אַצינד איז שוין דער קול זיינער ווייכער. ס׳איז דער קול פון אַן על־טערן דאָקטאָר, וואָס רעדט איין אַ קינד עס זאָל זיך לאָזן... ער בעט זיך און הייסט, אין איין־און־דערזעלבער צייט. און חנה׳לע פאָלגט. זי נעמט אָן די פאַרזשאַווערטע פען און גיט אַ טונק איין. דאָס קול איבער איר שעפּטשעט אַצינד, דיקטירט:

— „האָט רחמנות אויף מיין קינד... ס׳איז אַ יידיש קינד"...

ערשט אַצינד כאַפּט זיך חנה׳לע, וואָס מען הייסט איר טאָן. דאָס הייסט מען איר אונטערשרייבן אַ גזר־דין איבער איר יינגעלע, וועלכן זי מוז אימיצן אַוועקשענקען מיט די גויעשקע גראָבע פּעליאַנקעס צוזאַמען; און זי וועט אים מער קיינמאָל נישט זען און טאָר אים מער ניט זען...

— ניין, ניין, — פאַרצאַפּלט זי זיך — לאָזט מיך! איך... איך... וויל ניט!...

אָבער די האַנט האַלט זי נאָך אַלץ פעסט פאַר איין פּלייצע און אַ גע־בראָכן קול בעט זיך איבער איר:

— מאַך מיך און זיך ניט אומגליקלעך. מיין כתב קען מען, דיינעם — קען קיינער נישט...

די שווערע מאַנסבילשע האַנט אויף איר פּלייצע דריקט זי און דער קול גלעט. דער אונטערשייד צווישן האַנט און קול צעברעכט זי אינגאַנצן. ווי אַ פאַר׳משפּט׳ע צום טויט נעמט זי ווייטער אָן די פען און טונקט.

— דערנאָך, חנה׳לע — שעפּטשעט מען איבער איר, מיט אַ קוועטש אויפ׳ן „דערנאָך" — ד ע ר נ אָ ך וועסטו קענען גיין צו דיין מומען. האָב קיין מורא נישט... ד ע ר נ אָ ך וועסטו קענען גיין...

די זשאַווערדיקע, שוין לאַנג ניט־באַנוצטע פען, קריצט מורא׳דיק, ווי מיט אַ זעג איבערן לייב, און חנה׳לע שרייבט אויף אַ געווירעט ברעגעלע אין העפט, דאָס וואָס מען הייסט איר.

בעזדיעטניקעס

א

ביי קיווע דעם לעקעכמאכער שלאָפט מען נישט. ניט ער, ניט זיין ווייב די עקרה — שצערע הייסט זי. פון שכנ'ס הויז, קעגנאיבער, טראָגן זיך קולות פון א געווינעריז, גליקע, ווייגדער דעם וואָלד־סוחר'ס ווייב, גייט שווער צו־קינד.

אין קיווע'ס הויז, אויפן קאַפּטער פון גרויסן אויוון, ברענט רויטלעך א האַלב־פאַרדרייט נאַכט־לעמפּעלע. ווי אַלע „בעזדעטניקעס" איז קיווע קאַרג. קאַרג פון געוואוינהייט נישט אויסצוגעבן קיין איבעריקן גראָשן אויף א דריטן, אויף א קינד אין שטוב... דער רויטלעכער שיין גיסט זיך איבער די פאַרשוויצטע דאָפּלטע פענסטערלעך מיט די סיצענע בלוילעכע פאַר־האַנגלעך. און פול זיינען אַלע דריי צימערלעך פון שטוב מיט א געדיכטן געווירצטן ריח פון האָניק־לעקעך, נעגעלעך, געאינגבערטע איינגעמאַכטן — קיווע'ס סחורות. דער ריח זעצט פון סקאָווערדעס און מולטערס אין קאַכ־שטוב, ער רינט פון דעם מעבל אין עס־צימערל, ער טריפט פון די פּאָליצעס און זייעט זיך דורך די פאַרהאַקטע שופלאָדן פון אַלט־מאָדישן קאָמאָד. אפילו די אָפענע פּאַמוניצע ביים טיר, מיט פאַרדעכטיקע צעווייקטע רעשט־לעך, זיינען ניט בכוח איבערצושלאָגן דעם איינגעגעסענעם געווירצטן ריח אין שטוב.

רופט זיך אָפּ שצערע — קיווע'ס ווייב — פון אונטער דער פערינע:

— אויב ס'וועט זיין א יינגעלע, וועט זיך טאָן!... ווייגדער וועט פון זינען אַראָפּ פאַר שמחה. א קליינינקייט! נאָך אַזויפיל מיידן — א קדיש...

קיווע איז געדייצט פון נישט שלאָפן. און, בכלל, פון דעם, וואָס ביי ל י י ט ן ג י י ט מ ע ן צ ו ־ ק י נ ד און ביי אים נישט. שווייגט ער. רעדט שצערע ווייטער:

— און א ברית וועט ער מסתמא מאַכן... און לעקעכער ביי אונז וועט ער באַשטעלן!... א וואָלד־סוחר אַז ער צעלאָזט זיך...

— יאָ, — רופט זיך אָפּ קיווע בייזלעך — ווער עס באַקט לעקעכער און ווער — קינדער... שלאָף!

שווייגט א ווײַלע שצערע נאָכן מאַנ'ס שטאַד. נאָר צו קיווע'ס ביטער־קייט איז זי שוין געוואוינט און די לוסט צו רכילות'ן אביסעלע איז גרויס. קען זי זיך לאַנג ניט איינהאַלטן:

— דאַכט זיך, צום פערטן מאָל, אַז די ווײַגדעריכע ווערט געלעגן און ס'לויפט אַפּ כשורה. און דאָס מאָל — די קולות! די געוואַלדן! מ'וואָלט געקענט מיינען — אַן ערשטלינג...

ביי קיווען אין מויל ליגט גרייט נאָך אַ קלאָרערער ענטפער: ווער עס גייט צו־קינד צום פערטן מאָל און ווער קיין איין מאָל אויך ניט. ווי אַ יאָלעווע בהמה... נאָר אים ווילט זיך ניט ווײַ־טאָן שצערען אַן איבעריק מאָל. און צוליב וואָס? ס'איז דאָך אַ פאַרפאַלענע זאַך. אַן עקרה אין די פופ־ציקער... די מאַהליוועער דאָקטוירים האָבן שוין פאַר פופצן יאָרן דערקלערט, אַז גיכער וועט אים אַ טעלעגראַפּנער סלופּ האָבן אַ צווילינג, איידער שצערע — די אשת־חיל זיינע — איין בן־יחיד. גיט קיווע עפּעס אַ מעקע, אַ שאָקל מיט דעם גרויליקן בערדל, ווי אַ צאַפּ ביים איבערקייען, און דרייט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט.

איינגאַנצן גערעכט, מיט זייער משל, זיינען די מאַהליוועער ספּעציאַליסטן ניט. שצערע האָט קיין שום ענליכקייט ניט מיט אַ טעלעגראַפנעם סלופּ; מיט אַן אַלטער ווינקל־ברעט פון אַ פּסול'ער סוכה — דאָס יאָ. פּלאַד און הויך איז זי, און מחמת הויכקייט האַלט זי דעם קאָפּ אביסל איינגעבויגן. אַזאַ טבע האָבן שוין ווייבער: אָדער זיי טראָגן הויכע אָפּצאַסן, כדי אויס־צוזען גרעסער, אָדער זיי האַלטן דעם קאָפּ איינגעבויגן — צו אויסזען קלענער. קיין שום סימן פון ברוסטן האָט זי ניט און אָרעמס אַז אַ שום ווייכן איבערגאַנג פון אַקסל צום עלנבויגן. און די הענט אַליין זיינען אויס־געאַרבעט, אָדערדיק, מיט צענומענע פינגער ווי די הראַבליעס, מיט אַן איינגעגעסענער ברוינער רויטלעכקייט פון האַניק און געווירצן. דאָס קליידל הענגט אויף איר ווי אויף אַ טשוואַק, און דער פאַרטוך שטייט ניט צו צום בויך, כאַטש נעם און שלאָג אים צו מיט האָבער־טשוועקלעך. און שוין באַלד אַ יאָר צען, ווי עס שיט זיך איר, אַן עין־הרע, אַ בערדל, איין האָר ווייט פון דער אַנדערער, ווי ביי אַ פּרוש, וואָס האָט זיך אויסגעצופּט די גאָמבע ביים לערנען. אַ נס נאָך, וואָס די האָר זיינען געלבלעך סיוו, זעט מען זיי דערפאַר אַזוי ניט אַן. פונדעסטוועגן, אַז זי דינגט זיך, פאַר גרויס קאַרגשאַפט, מיט די איבערקויפערקעס אויפן מאַרק און קלאָגט זיך צופיל אויף שלעכטע צייטן, הייסט מען איר אַפּטמאַל, זי זאָל מוחל זיין און אַ זוך טאָן ביי זיך אין די ציצית־בייטעלעך פון איר „ארבע־כנפות", וועט זי שוין געפינען... ס'איז אַן איידעלער וואונק, אַז זי איז מער זכר ווי נקבה.

אָבער ניט קוקנדיק אויף אַט די אַלע עקרה'שע סימנים, זיינען אירע אויגן שיין און פריש, זיי זיינען שוואַרץ און גרויס, פייערדיק און אומ־רואיק. זיי זוכן, דאַכט זיך, ביי אַלע מענטשן אין קוק אַ באַהאַלטן אַפּלאַ־כעריש פונקעלע איבער איר זכר'ישקייט. עס ברענט אין זיי דער אייביקער

צער פון א ניט־פארענדיקטער ווייב־באשעפעניש, וועלכע האט קיינמאל ניט זוכה געווען צום גרויסן שמארץ און צום גרויסן גליק צו באשאפן א מענטשן, צו אויסטראגן אים מיט יסורים און מיט שיכור'ער הנאה און שענקען אים דעם מאן און דער גאנצער וועלט מיט בלוט און מיט וויי־גע־שרייען פון א קעמפער אויפן מלחמה־פעלד; אט פונקט אזוי ווי עס שרייט און קעמפט אצינד די שכנ'טע — גליקע די וואלד־סוחר'טע...

און א מאדנע זאך! ניט קוקנדיק אויפן הארבן פסק־דין פון די מאה־ליווער דאקטוירים איבער איר, שוין באלד פופצן יאר, און ניט קוקנדיק אויף קיווע'ס קאלטקייט, גלייבט זי נאך ערגעצוואו טיף אין הארצן, אז עס וועט נאך געשען א נס... ניט היינט איז מארגן. זי ווייסט ניט ווי אזוי, נאר געשען מוז אזא זאך. געשען וועט דאס מיט איר, און א קינד וועט זיין אין שטוב. ווען ניט — לוינט גארניט צו לעבן אויף דער וועלט...

ב

קיווע דער לעקעכמאכער איז דער היפוך פון זיין ווייב. סיי אין גוף, סיי אין כאראקטער. קיווע איז א געפאקט יידל, מיט אביסעלע פארשלא־פענע אויגן — שמאל ווי ביי א יאשטשערקע און אן א באשטימטער פארב. ער קוקט, דאכט זיך, אויפן מענטשן, מיט וועמען ער רעדט, און קוקט אוועק. קיין טרוימער איז ער אבער בכל אופן ניט. ער האט א טרוקענעם און א באשטימטן קוק אויף זאכן. ער גופא האט שוין לאנג א מאל געטאן מיט דער גראבינקער הארטינקער האנט אויפן גליק פון ווערן א טאטע. ער ווייסט אויף געוויס, אז א באק קען קיין מילך ניט געבן און האט מיטן געדאנק שלום געמאכט. געווען א צייט, א צען יאר נאך דער חתונה, ווען טאטע־מאמע האבן נאך געלעבט. ביידע פרומע יידן און הארטע מתנגדים, האבן זיי זיך אויף אים אנגעזעצט: איינמאל פאר אלעמאל, ער מוז זיך גט'ן מיט שצערען און חתונה האבן מיט אן אנדערער. דער מתנגדישער רב איז אויך געווען אנגעשטעלט פון טאטן און מאמען. דעם רב ר' ישעיה'־לעס איידעם האט אים א פאר מאל פארבעטן צו זיך אהיים און געגעבן אים צו פארשטיין, אז די ערשטע מצוה פון „פרו ורבו" איז די גרעסטע מצוה פון אלע תרי"ג מצוות. ווייל מיט דער ערשטער מצוה הייבט זיך אן די וועלט. אן איר וואלטן די איבעריקע מצוות קיין שום ווערט ניט גע־האט, ניי טו מצוות, אז קיין יידן זיינען ניטא!...

קיווע איז אבער פון דער נאטור געווען א באקוועמע זאך. ער האט פיינט געהאט אויפרעגענישן, גט'ן שרייבן און ווינען. די שטוב טיילן מיט שצערען און וויטער ווינען. דערנאך איינלעבן זיך מיט א צווייטער ווייב, אויסלערנען זי ווי צו העלפן אים אין דער פרנסה... ס'איז א שווערע

הלכה!... אויסער דעם האָט נאָך זיין שצערע דאַמאָלסט געהאַט אַ גלאַט פּנים, און הויך און בייגיק איז זי געווען, ווי אַ צווייג פון אַ הושענה־בוים. די גרויסע אויגן האָבן ביי איר געפינקלט און דאָס דינע מויל איז נאָך געווען פול מיט ציין... האָט ער אַזוי אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג און פון יאָר צו יאָר. קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט זיך פונם רב'ס עצה און קיינמאָל ניט געגט זיך. ביז די צייט איז אַוועק, סיי פאַר שצערען, סיי פאַר אים אַליין.

נאָר עפּעס דאַ, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָט געטראָפן אַ זאַך, און ס'האָט אים כמעט ווי פאַרדראָסן, וואָס ער איז ניט קיין געגט'ער. איינמאָל אינ־דערפרי, ווען ער איז אַרויס פון שטוב מיט צוויי גרויסע בלעכן אויסגע־באַקענעם לעקעך אונטער די אָרעמס, און געהאַט בדעה אַראָפּצולאָזן זיי, אויף די פּריזבעס פון שטוב, צום קילן... דערזעט ער אַ סצענע, וואָס ער האָט דערנאָך אַ לאַנגע צייט ניט געקענט פאַרגעסן. די הויפּט־ראָלע אין דער סצענע האָבן געשפּילט: ווינגדער דעם שכנ'ס אַ נייע דינסט־מויד, אַ ציג און אַ מעלק־שעפל. די נייע דינסטמויד איז געזעסן אײנדרויסן אויף אַ קליינעם הילצערנעם בענקעלע מיט איר שטאַרקן קיילעכדיקן געזעס און געמעלקט אַ שוואַרצע געזונטע ציג. די באַקן ביי דער דינסטמויד זיינען געווען ראָזיק־פריש, די אויגן האַלב־פאַרשלאָפן און די רויטלעכע און רונדע פאַרקאַטשעטע אָרעמס האָבן זיך רעגלמעסיק באַוועגט, ווי ביי אַ וועבער. די ווייס־געלבע פעטלעכע מילך־שטראַלן האָבן געשאָסן פון די ראָזעווע ציגענע אייטער אין מילך־שעפל אַריין, געבלעזלט זיך דאָרטן ווי זעלצער־וואַסער, און געשוימט ווי געשלאָגענע אייער־ווייסלען. צום טאַקט פון די ראָזעווע ווייבערשע אָרעמס און ווייסע מילך־שטראַלן האָבן זיך גע־וויגט די פּלייצעס ביי דער יונגער דינסט און אירע האַרטע ברוסטן זיינען אַרומגעפּאַרן אונטער איר אַנגעצויגענעם געפּאַסקעטקן פאַרטוך. ס'איז גע־ווען אַ מין וואונדערלעך געטאַנץ פון לייב און בלוט און מילך און יוגנט. די ברכות פון דער ערד, פון לעבן און פון פרימאָרגן האָבן זיך דאַ אויס־געמישט. אַ ווילדע פריידן האָט אים דאַמאָלסט אַ זעץ געטאָן אין אָפּגע־שוואַכטן האַרצן און אַ פאַרגעסענער באַגער האָט אים דורכגענומען. איז ער אַזוי שטיין געבליבן פאַרגאַפּט, מיט די צוויי הייסע בלעכן אונטער די אָרעמס און פאַרגעסן אַראָפּלאָזן זיי אויף דער פּריזבע. די בלעכן האָבן געברענט אין די ריפּן, און ער האָט דאָס אפילו ניט געפילט. ער איז גע־שטאַנען און געקוקט ווי אַ פּלייסיקער אָרימער פויער קוקט אויף אַ ניט־אויפגעאַקערט פעט שטיק פעלד, ביים רייכן סטאַראָסטע דעם שיכור, און דערמאַנט זיך דערביי אַז ז י י ן לוימיק, שיטער געראָטל, אָט דאָ גלייך הינטער דער „באָטע"...

קיוועס פאַרגליווערונג האָט נאָר געדויערט איין ווייליניקע. באַלד האָט זיך קיווע אויסגעטשוכעט פון זיין באַצויבערונג, דערפילט, אַז די בלעכן ברענען אים אין לייב און געגעבן זיי קודם־כל אַ שטעל־אַראָפּ אויף דער

פריזבע. דערנאָך האָט זיך אים פאַרגלוסט מאַכן אַ שניידעריש קאַטאָוועסל, און ער האָט הויך אויפן קול אויסגעשפּיגן.

— טפו — מאַכט ער — זאָל דאָס ווערן!

די מוזיק פון מילך און ליב איבערן מעלק־שעפל איז גלייך אַנטשוויגן געוואָרן. די פרישע מויד האָט צו אים פאַרדעכטיק אַ קער געטאָן איר צע־פּאַטלטן שוואַרצן קאָפּ און קרום אָנגעקוקט אים. איר ראָזעווע פּנים האָט אַצינד געלויכטן אויפן שוואַרצן האַריקן גרונט פון דער ציג'ס בויך, ווי אַ גאָלדענע אויסנייעכץ אויף סאַמעט. אַזוי האָט זי איין רגע'לע באַטראַכט דעם לעקעכמאַכער, די ברעמען צוזאַמענגעצויגן.

נאָר איר ווייבערשער חוש האָט איר באַלד אונטערגעזאָגט, אַז דער גע־זעצטער ייד פון אַנטקעגן שטייט און באַוואונדערט זי. האָט זי געמאַכט אַ מינע פון אַ דאָרפישער יפת־תואר און, כלומרשט, בייזלעך אַ פרעג געטאָן:

— געפעלט אייך אפשר ניט?

— חס ושלום! — מאַכט ער — נאַרעלע... נאָר קוקנדיק אויף דיר האָב איך זיך דערמאָנט אַז מיין דראַניצע איז שטוב... מער גאָרנישט.

די מויד האָט זיך צעלאַכט. גיך־גיך האָט זי דערמעלקט די ציג און אויפ־געהויבן זיך פון בענקעלע, אַז אַ שום קרעכץ פון מאַטקייט, ווי אַ גומענע ספּרוזשינע. קיווע האָט זיך נאָך אַלץ ניט גערירט פון אָרט. די מויד איז אַצינד געשטאַנען פאַר זיינע אויגן אין דעם ראָזעווען שיין פון פרימאָרגן, ווי אַ יונגע מכשפה מיט אַ שוימענדיקן געטראַנק אין דעם נייעם היל־צערנעם שעפל. און ס'האָט אים פאַרדראָסן, קיווען, וואָס ער איז אַ ייד אַ באַלעבאָס, אַ באַווייבטער און ניט קיין גראָבער יונג, אַ בחור אַ באַלמע־לאָכע... אַ שניידער־געהילף וואָלט זיך שוין אַן עצה געגעבן אין אַזאַ היי־סער מינוט. אַ כאַפּ פאַר אַ פולער זייט, אַ קניפּ אין קלייעכדיקן אָרעם, אַ שטויס מיט דער פּליִיצע אין ווייכס אַריין. נישקשה!... זי וואָלט זיך שוין געלאָזן, אָט די מעלקערין. ער, קיווע, פילט דאָס זעהר גוט.

אַ טריקעניש אין האַלז איז אים באַפאַלן. ווי ער איז אַ ייד!... ער זאָל זיך ניט געווען שעמען, וואָלט ער זיך איינגעבויגן אונטערן מעלק־שעפל, ווי אליעזר דער קנעכט אונטער מוטער רבקה'ס קרוג. אָט ווי ער שטייט און גייט אַזוי, אין בלויזן „טלית־קטן" און יאַרמולקע, וואָלט ער זיך איינגע־בויגן און בעטן אַ טרונק. אין אַלע אברים וואָלט אים די וואַרעמע ציגענע מילך אַריין. אויף צען יאָר וואָלט ער יינגער געוואָרן...

נאָר טאָן האָט ער דאָס ניט געטאָן. די פרישע דינסטמויד מיטן פולן מעלק־שעפל איז לאַכנדיק אַריין אין וויגדער'ס הויז. די שוואַרצע ציג איז מעקענדיק אַנטלאָפן. און ער, קיווע, איז נאָך אַלץ געשטאַנען ווי אַ גע־בונדענער. אַן אמת'ער גולם פון באַלעבאַטישן שטאָט.

ג

פון יענעם פרימארגן אן האט זיך צווישן אים און דעם שכנ׳ס דינסט־מיידל פארבונדען א שטומע קאקעטעריי, אויב מען קאן דאס נאר אזוי אנרופן. ער פלעגט שטענדיק זוכן ניט דורכצולאזן דעם מאמענט, ווען זי מעלקט די ציג און זי פלעגט זיך באמיען אויסצוזען וואס שענער, אפע־טיטלעכער און פרישער, מיטן ראזעווען ווייבעריש־חוצפה׳דיקן פנים אויפן האריקן גרונט פון דער ציג. זי פלעגט בייטן די פאזעס אזוי ווי די פארבן פון אירע סיצענע קליידלעך און פארטוכער. אדרבא, הייסט דאס, זאל טאקע א געזעצטער יידל קוקן און, שונאי ישראל, צעזעצט ווערן. ווארים צוליב וואס, א שטייגער, האט ער זיך צוגעאיילט מיט... עטלעכע־און־צוואנציק יאר צוריק און חתונה געהאט מיט אזא דראניצע ווי שצערע איז? א מצוה אויף אים! זאל אים אצינד דאס הארץ אויסגיין קוקנדיק...

און קיווע איז טאקע „אויסגעגאנגען". וואס איז דא וואס צו ריידן? דאס בילד, וואס חזר׳ט זיך איבער כמעט אלע אינדערפרי, די מילך־שטראלן אין דעם זידנדיקן מילך־שעפל, די ראזעווע מיידלשע ארעמס, איר גומע־נער געזעס אויפן ביינקעלע, דער ממזר׳יש־קרומלעכער קוק פון אונטער די צעפאטעלטע האר, דער אטעמענדיקער אנגעבלאזענער בויך פון דער שווארצער ציג, — דאס אלץ האט זיך צוזאמענגעגאסן אין איין באגער, וואס איז אזוי נאענט, שטוב קעגן שטוב, דאכט זיך, און דאך אזוי ווייט! עפעס ווי א מין מלכה פון שבא, וואס פארט צו אים און פארט און ער וויים ניט ווען זי וועט קומען... צום ערשטן מאל, זינט זיין טאטע און מאמע זיינען געשטארבן, האט ער שצערען פארווארפן א ביטערווארט, אז... יא, ס׳איז טאקע אמת, דאס לעבן אזוי איז קיין לעבן ניט און מ׳וואלט גע־דארפט זוכן אן עצה, וואלט מען געדארפט...

שצערע האט דאס דערהערט. האט זי זיך צעוויינט. די עצה איז געווען אן אלטע עצה פון שווער און שוויגער און פון ר׳ ישעיה׳לעס איידעם... קיווע האט דאס קלאר ניט ארויסגעזאגט, נאר זי האט דאס שוין פאר־שטאנען מיטן אייגענעם שכל. זי האט אבער ניט פארשטאנען, וואס עפעס פלוצים מיטאמאל. קיווע האט דאך שוין לאנג שלום געמאכט מיטן גע־דאנק, אז קיין דאקטאר וועט דא מער ניט העלפן און קיין קדיש וועט ניט זיין. שווער און שוויגער ליגן שוין לאנג אין דער ערד און דער מתנגדישער רב, דער לעקיש, איז אויך אנטשוויגן געווארן, און אט איז קיווע עפעס וויטער אומרואיק געווארן. זינט א געוויסער צייט, באמערקט זי, איז קיווע פארטראכט; און אין ריידן, מיט איר, איז ער געווארן קורץ און גראבלעך...

און ס׳וואלט אפשר געבליבן פאר איר א סוד, ווען ניט קיווע אליין. בשעת א קריגעריי האט זיך איינמאל קיווע ארויסגעכאפט:

— וואָס דערמאָנסטו מיך אַלץ, אַז דו ביסט מיין ווייב ?... ווייב, ווייב !... אַט די, רישע די דינסטמויד פון אַנטקעגן, וואָס מעלקט די ציג, אַט דאָס איז אַ ו ו י י ב , אַט דאָס וועט זיין אַ מאַמע, אַט דאָס וועט זיין —

שצערע האָט אָנגעשפּיצטביידע אויערן. אַ ליכט איז איר אויפגעגאַנגען אין די אויגן. אַט די מויד, אַ ! די דאַריפּשע מויד פון אַנטקעגן איז שולדיק אין קיווע׳ס גראַבקייטן. זי איז אפילו געפערליכער פאַרן אַמאַליקן ברוגז פון שווער און שוויגער, פאַרן מתנגדישן רב מיט זיינע פּסוקים... דאָס ערשטע, וואָס זי האָט געטראַכט צו טאָן איז צו פאַרפירן אַ בייז לעבן מיט דער מויד, אָנווייזן איר דאָס ריכטיקע אָרט, וואוהין זי געהערט, אָנרייצן אויף איר די באַלעבאַטים אירע, ווינדערן און גליקען זיין ווייב, זיי זאָלן איר הייסן גיין אַהין, פון וואַנען זי איז געקומען... דער חוש פון אַ ווייב און חיה האָט אָבער שצערען אונטערגעזאָגט, אַז אַזאַ סאָרט אַרויסטריט קעגן דער יונגער קאָנקורענטקע איז נאָך געפערליכער. אַוועקגייענדיק פון קיווע׳ס אויגן, וועט זי נאָך ווערן מער אָנציענדיק, מער פאַרפירעריש. זי וועט דאָך מסתמא אַוועקגיין דינען אין אַן אַנדער הויז אויף אַן אַנדער גאַס. און גאָט ווייס וואָס דערפון קאָן נאָך אַרויסקומען... האָט שצערע געטאָן גראָד דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס ס׳האָט זיך איר געגלוסט. אָנשטאָט צו באַפאַלן די דינסט פון קעגן־איבער, האָט זי זיך מיט איר צעהאָניקט און צעלעקעכט: „רישינקע, האַרצעניו און ליובעניו !”. פּאַסקראַביקעס פון די בלעכן מיט לעקעך געגעבן איר. אדרבא, זאָל זי פרעסן. זי האָט זי אַזוי פּאַוואָלינקע געגלעט און אַ וואָרט פאַרוואָרפן, אַז זי סטאַרעט זיך פאַר איר, אַז זי זוכט פאַר איר אַ חתן... צוליב וואָס זאָל זי, אַזאַ שיין מיידל, דינען אין אַ פרעמד הויז ? — אַז זי קען זיין אַ באַלעבאָסטע און מעלקן אַ ציג ביי זיך אַליין...

און איר וואָרט האָט שצערע געהאַלטן. לכתחילה, געזען צוזאַמענפירן זי מיט דעם גאַרבער׳ס יונגען, וואָס קומען צו איר שבת, איידער אַוועקצוגיין שפּאַצירן מיט מיידן אין וואַלד, און נעמען ביי איר געפּרעגעלטן מאָן אויף באָרג. האָט זיך אָבער רישע, די דינסטמויד, געקרימט. זיי שמעקן, מאַכט זי, מיט זייערע „קוואַשעס”, די שיינע בחורים... האָט גאָט געהאָלפן, אַז פון פּאָלק איז געקומען אַן אויסגעדינטער יון, אַ זון פון אַ באַלעגאָלע, וועל־כער פירט אַפּטמאָל אָפּ שצערען אַהיים די איינגעהאַנדלטע רויע סחורות פאַר איר לעקעך־פאַבריקאַציע. אַ געזונטער בחורעץ איז דאָס געווען. דאָס היטעלע האָט ער געטראָגן אָן אַ זייט, און געגאַנגען איז ער אַביסל מאָדנע, מיט לאַנגע פּיס — אויסגעקרימטע פון רייטן... האָט שצערע געמאַכט אַזוי, אַז ווען דער בחורעץ טראָגט איר אַריין אַ זעקל מעל פון דעם טאַטנ׳ס וואָגן, זאָל ער גראָד אין קיך ביי איר אָנטרעפן רישען — די שיינע דינסט־מויד פון שכנ׳ס הויז. נו־נו, האָט זיך דאָס דער אויסגעדינטער יון אַביסל פאַרפּרעגלט ! אַלע פאַרנאַכט האָט ער גענומען טשאַטעווען אויף רישען ביים ראָג פון גאַס און געשעפּטשעט זיך מיט איר אין דער פינסטער, ביי

די צווימען פון די נאָענטע קרויט־גערטנער. אַפּרייסן האָט מען אים מער ניט געקאָנט.

דאָס אַלץ איז געווען אַפּגעאַרבעט אַזוי ווייבעריש־קונציק הינטער קי־ווע׳ס פּלייצעס, אַזוי זיס־אינטריגאַנטיש, אַז לכתחילה האָט קיווע גאָרניט באַמערקט. אַלע אינדערפרי איז ער אַרויסגעלאָפן מיט די הייסע בלעכן, כדי כאַפּן אַ קוק ווי רישע מעלקט די ציג... אַלץ אַזוי ווי געווען. נאָר אַז דאָס פּאָרל האָט זיך שוין געהאָט פאַרליבט ביז איבער די אויערן, האָט זיך שצערע, די עקרה, גענומען אָפּרעכענען פאַר איר שפיכת־דמים. מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן האָט זי איינמאָל פאַרנאַכט אָנגעוויזן קיווען אויף צוויי שאָטנס הינטער דעם שכנ׳ס הויז.

— גיב נאָר אַ קוק — מאַכט זי — ווי דער יון האָט זיך דאָס פאַרקאָכט אין וויגדער׳ס דינסטמויד...

קיווע גיט אַ קלעם אין האַרצן. נאָר ער פאַרבייסט אַ ליפּ און שווייגט. אָציננד אַלע ביינאַכט, ווען ער קומט פון מעריב, באַמערקט ער טאַקע, ווי אונטער דער סטרעכע, ביים שכן, שטייען צוויי שאָטנס און שעפּטשען זיך. אין איין שאָטן דערקענט ער רישען, די מויד פון מעלק־שעפּל. אין שטוב קומט ער אַריין, נאָך אַזאַ באַגעגעניש, אַ שווייגנדיקער. צו וועטשערע זעצט ער זיך פינסטער ווי די נאַכט.

שצערע ווייסט גוט פאַרוואָס קיווע איז אַזוי סומנע. מאַכט זי אַ זיס פּיסקעלע און רעדט צום מאַן ווי אַ קעצעלע:

— זאָ, קיווע, פאַרוואָס עסטו מער ניט קיין געהאַקטע לעבער? אפשר איז דיר צו טרוקן, וועל איך דיר אַריינטאָן נאָך אַביסעלע הינערשע שמאַלץ.

— כ׳וויל ניט מער! — גיט קיווע אַ בורטש און קייט פאַרטראַכט אַ שטיקעלע טרוקן ברויט.

אָבער שצערע וויל יאָ... איצטער איז איר צייט געקומען צו צאַפּן בלוט פאַר אַלע אירע האַרצקלעמענישן.

— מיר דאַכט — מאַכט זי, ווען זי דערלאַנגט דאָס געקעכץ — מיר דאַכט, אַז... די וויגדערס וועלן באַלד מוזן איינהאַנדלען לעקעך אויף אַ תנאים...

— דיר דאַכט? — שפּיצט זיך קיווע אָן — אַזוי וויט האַלט שוין ביי דיר מיט וויגדער׳ס טעכטער?

— ניין, — מאַכט שצערע אַ שנעבעלע — וואָס פאַר אַ טעכטער? רישע, דאַכט מיר, די דינסטמויד זיינע, שרייבט תנאים... עס האַלט ביי איר גאָר, גאָר...

קיווע ווערט גרוין און פאַרלירט אינגאַנצן דעם אַפּעטיט:

— און דו ווייסט דאָס אַלץ?... ס׳איז דיין עסק?...

— איך?... — מאכט זיך שצערע תמ'עוואטע — אז די ווינגדעריכע אליין האט מיר געזאגט היינט אויפן מארק. אפשר, מאכט זי צו מיר, קענט איר מיר נאראיען א דינסט אין שטוב? רישע וועט מסתמא באלד אוועקגיין. שפילט זיך מיט אן אויסגעדינטן יון! עס האט אים אנגעשפארט, האט אים. א וואד נאך תנאים שרייבן וויל ער שוין שטעלן א חופה.

שצערע דערציילט דאס אלץ בנעימות'דיק, זי קייט און זופט דאס גע־קעכץ און ווישט זיך דאס שנעבעלע רעכטס און לינקס, ווי א פייגעלע בשעת עס פיקעט. זי קוקט־אונטער, בשעת־מעשה, מיט איין אויג וואס פאר אן איינדרוק דאס מאכט אויף קיווען און האט הנאה.

נאר קיווע גיט פלוצים אינמיטן דערינען א זעץ מיטן לעפל אין טעלער און צעשרייט זיך:

— איך פארשטיי ניט וואס קריכסטו מיר אין וועטשערע אריין מיט תנאים, ווינגדעריכע־סמינגדעריכע! ווער פרעגט דיך? און ווער בעט דיך? און וואס ווילסטו?

שצערע'ם הנאה וואקסט צוזאמען מיט קיווע'ס כעס. גיט זי זיך א וויש דאס שנעבעלע רעכטס און לינקס און דרייט מיט די שווארצע ברענענדיקע אויגן:

— זע נאר, זע נאר ווי ער האט זיך צעשריען! מען טאר שוין ניט דער־ציילן וואס די ווינגדעריכע האט מיר געזאגט? כ'האב ניט געוואוסט, אז רישע'ס תנאים וועלן דיך נעמען אזוי ביים הארצן...

זי האט ניט געוואוסט האט זי... קיווע האט אצינד דערשמעקט, אז וויסן האט זי דוקא יא געוואוסט, די דראניצע זיינע. האט ער א ווארף געטאן מיט די מוטנע אייגלעך, א וויש געטאן זיך דאס סיוולעך בערדל און געכאפט בענטשן גיך־גיך, ווי אן אפגעבריטער. וואס איז דא וואס צו ריידן? ס'איז א פארשפילטע שפיל.

אינגיכן האט טאקע די שיינע מויד אויפגעהערט צו מעלקן די שווארצע ציג. אויף איר ארט אינדערפרי, אויפן נידעריקן ביינקעלע, זיצט אצינד און מעלקט אין שעפל אריין גאר אן אנדער דינסט־מיידל, א געלס, א דארס, אן חן, אן לייב און לעבן. און קיווע האט פון דאמאלסט אן א הארץ אויף שצערען זיין ווייב. ער פילט, אז זי האט דא געהאט א האנט אין רישע'ס חתונה האבן, נאר וועז און ווי אזוי זי האט דאס אפגעארבעט — דאס ווייסט ער ניט.

די מציאה

א

אַ שאַרפער ווײ־געשריי פון דער געווינערין האָט פּלוצלינג אַריינגע־דרונגען אין קיווע׳ס שלאָפצימער.

— אײ־אײ... נעבעך! — האָט זיך שצערען פונקט ווי אָפּגעשלוקערצט. זי האָט אויפגעהויבן דעם באַהייבלטן קאָפּ, צוגעהערט זיך איין רגע׳לע און אוועקגעזעצט זיך אין בעט.

אַזאַ ווייבערישע נאָכקרימעניש האָט שוין קיווען פאַרדראָסן. האָט ער זיין באַיאַרמלקטן פּליך אויך אויפגעהויבן, אויך אוועקגעזעצט זיך, און זיינע פאַרשלאָפענע אייגלעך האָבן זיך צעבליאַסקעט ווי אַ גרין וואַסערל. אַ פינטעלע קאַטאָוועס איז אין זיי אַרומגעשוואומען.

— מילא, — מאַכט ער — ווײגדעריכע׳ס „אײ־אײ״, פאַרשטיי איך נאָך. אַ יידענע גייט צו־קינד... אָבער וואָס — דו? דו אויך אײ־אײ?...

שצערע האָט געשוויגן. צום מאַנ׳ס שטעכווערטלעך און צו זיינע גראָב־קייטן איז זי שוין, ברוך־השם, געוואוינט. זינט דער מעשה מיטן שכנ׳ס דינסט שאַנעוועט ער זי מער ניט ווי פריער און טשעפּעט זיך צו יעדן וואָרט. קיווע האָט זי אָבער ניט אָפּגעלאָזן.

— די ווײגדעריכע איז, הייסט דאָס, די חזנ׳טע און דו די באַהעלפערין? זי אײ־אײ, דו אײ־אײ... בלייבט מיר — איך זאָל שרייען „אמן״...

דאָ האָט שצערע געפונען דאָס ריכטיקע וואָרט.

— וואָס איז מיט דיר פאַראַן וואָס צו רעדן? אַז דו האָסט אַ האַרץ פון אַ טאָטער...

דאָס האָט אַביסל אָפּגעקילט קיווע׳ס מיטל־נאַכטיקן הומאָר. האָט ער זיך צוריק אַריינגענורעט מיט דעם שיטערן בערדל און מיט דער זיידענער יאַרמולקע אין קישן און אָפּגעבורטשעט ניט אויף דעם ווייב׳ס אַדרעס, ניט אויף דעם אַדרעס פון דער געווינערין:

— מאָדנע מענטשן די ווייבער. אַפריער ווילן זיי, דערנאָך, אַז עס קומט צו עפּעס, שרייען זיי. אַלעמאָל אַזוי. סיי זיי זיינען מיידלעך, סיי זיי זיינען ווייבלעך.

צום איינשלאָפֿן איז אָבער ניט געקומען. די ווײ־געשרייען פֿון דער גע־ווינערין אין שכנ׳ס הויז זײַנען געוואָרן שטאַרקער, שטורמישער.

— ניט אַזוי לײַכט צו האָבן קינדער, — האָט זיך שצערע געטראַכט אונ־טער דער פּערינע. — מען קען מיינען, אַז מען רײַסט פֿון דער ווײגדעריכען שטיקער פֿלייש. די אַקושאַרקע האָט מען שוין געדופֿן פֿיר אַזייגער בײַטאָג און אַצינד איז שוין נאָך האַלבע נאַכט און ס׳איז נאָך אַלץ גאָרניט...

אַ ווײַטער נעפּלדיקער געדאַנק האָט איר יאָ הנאה געטאָן, וואָס איר, שצערען דער בעזידיעטניצע, האָט דער רבונו־של־עולם פּאַרהיט פֿון אַזעלכע יסורים און ווייטיקן. ניטאָ, הייסט דאָס, קיין חסרון אָן אַ מעלה. אָבער איר אייביקע פּאַרטייעטע לײדנשאַפֿט נאָך אַ קינד, איר ניט־אויסגעלעבטע ווײַב־ליכקייט, זײַנען געווען שטאַרקער פֿון איר קליינינקער קערפּערליכער הנאה. ניט־ווילנדיק און אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין, האָט זי, ליגנדיק אין בעט, נאָכגעמאַכט אַלע קאַנוואָלסן פֿון דער ניט־געזעענער געווינערין הינטער וואַנט און פּלויט. די דאַרע פֿינגער שצערע׳ס האָבן זיך אויסגעדרייט ווי פֿון ספּאַזמעס. זי האָט זיך שטילערהייט געוואָרפֿן, עס האָט איר געשטיקט אין האַלז... דאָס נאָכמאַכן האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז זי האָט פּלוצלינג דערהערט אַ טופּען פֿון פֿערדישע פּאָדקאָוועס, אַן אָנפֿאָרן פֿון אַ שליטן מיט גלעקלעך, אַ קנאַק פֿון אַ בײַטש און אַ „טפּררו־טפּררו״... דעם שכנ׳ס גאַנעק־טיר האָט אַ סקריפּ געטאָן, און עס האָט זיך דערהערט אַ דערשטיקטע הודזשעריי פֿון עטלעכע מענטשן וואָס רעדן צוזאַמען. אַפֿנים, מ׳האָט זיך מער ניט פֿאַרלאָזן אויף דער עובר־בטל׳ער אַלטער אַקושאַרקע און אויפֿ־געוועקט דעם דאָקטאָר קראַל אינמיטן דער נאַכט. דעם באַזונדערן קלונג פֿון זײַנע קיילעכדיקע לאַכנדיקע גלעקלעך אונטער דער דוהע קען מען אין גאַנץ שקלאָוו... אַפֿנים בײַ דער ווײגדעריכען גייט ניט כשורה.

האָט זיך שצערע מער ניט געקענט אײַנהאַלטן, אויסגעדרייט זיך צו קיר־ווע׳ס בעט און אַ רוף געטאָן אין דער האַלב־טונקלקייט:

— קיווע!... אַ... קיווע? געדאַרפֿט זען וואָס בײַם שכן טוט זיך. דעם דאָקטאָר האָט מען שוין אויך אַראָפּגעבראַכט.

קיווע, וועמען עס האָט זיך אויך ניט געשלאָפֿן, האָט אייגענטליך אַליין געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט. עס האָט זיך אים שוין לאַנג געגלוסט אַרויס־צוגיין, כאַפּן אַביסל לופֿט, אַ פֿרעג טאָן וואָס עס הערט זיך בײַם שכן... נאָר ער האָט זיך געפֿוילט און אָפּגעלייגט. זײַן ווײַב׳ס ווערטער האָבן אים אונטערגעגעבן חשק. נאָר כּדי ניט ווײַזן דער עקרה זײַנער, אַז ער גיט איר נאָך אויף דער עלטער אַלע אירע קאַפּריזן, האָט ער קריכנדיק פֿון אונטער דער פּערינע אַביסעלע געבורטשעט:

— געדאַרפֿט, געדאַרפֿט־נו!... איך ווייס אַליין וואָס מען דאַרף...

און שצערע האָט זיך שוואַך פֿאַרענטפֿערט:

— אַז... עפּעס געפֿעלט זי מיר ניט הײַנטיקן מאָל — גליקע... אירע געשרייען!... הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן.

ב

דער לעקעכמאַכער האָט קרעכצנדיק און אַכצנדיק אַרויפגעצויגן אויף די אָנגעדראָלענע פיס די קורצע וואָלענע זאָקן, אַריינגערוקט זיי אין די געפוטערטע ווינטער־שיך אויף נידעריקע אָפּצאַסן, אָנגעפּעלצט זיך אינם גרויסן בליי־שווערן שאַפּענעם פוטער איבערן וואַטאָוון לייבל און תחתונים, אַריינגעשטופּט קאַפּ־און־יאַרמלקע אין סאַמעטענעם היטל און, ווידעראַמאָל קרעכצנדיק און אַכצנדיק, אָפּגעקייטלט די שווערע טיר. די טיר האָט אויך צוגעקרעכצט, ווי זי וואָלט אים געגעבן גערעכט: „אוי־אוי, ר׳ קיווע, טאַקע ניטאָ די אַמאָליקע יאָרן...” די שטוב האָט אַן עפּן געגעבן אַ פּירקאַנטיקן שוואַרצן מויל אין דער פינסטערקייט פון פירהויז, אין דער נאַכט אַריין. און שצערע אין בעט האָט דערהערט אַ געדיכטע קלאַפּעריי פון שווערע טראָפּנס. עס האָט אַן עטעם־געטאָן מיט קעלט און מיט פייכטקייט פון אַן אָדר־נאַכט אין שטעטל, ווען דער פראָסט לאָזט פּלוצלינג אָפּ און אַ שוואַרצער נעפּל כאַפּט אַרום די קליינע איינגעקאָרטשעטע הייזקעס. ס׳איז ביטער־קאַלט און אַ זיסליכקייט טריפט אַריין אין דער ביטערניש — אַ ווייטער אָנזאָג אויף ווייסנע.

— הען אַ מעשה — טראַכט זיך שצערע — געלייגט זיך שלאָפן, איז געווען אַ פראָסט און מיטאַמאָל — אַן „אָטליע”. עס גייט שוין צו פּסח...

פון לאַנגווייליקייט האָט זיך שצערע גענומען אויסמאָלן, ווי קיווע אין די וואַרעמע שיך מיטן פוטער איבער די תחתונים שטופּט זיך אַריין צו ווינגדערן אין באַלויכטענעם קאָרידאָרל. מען עפנט אים. גוט־נאָוונט, גוט־יאָר! וואָס מאַכט די געווינערין? ווער, גליקע?... אַ מאָד מיט דער האַנט. דעם דאָקטער אַראָפּגעבראַכט, און די אַקושאַרקע איז אוים מענטש. און גאָט ווייסט וואָס עס וועט זיין... תהילים געדאַרפט זאָגן! אַ מאַמע פון פיר קינדער... ניט אַנדערש — דאָס קינד ליגט שלעכט, עס גייט מיט די פיסלעך אַראָפּ. ביז די פּלייצקעס דערגאַנגען און ווייטער ניט פון אָרט. עס קען נאָך חס־ושלום דערשטיקט ווערן. שאַ־שאַ, מזל־טוב!... אַ יינגל צי אַ מיידל? אַ יינגל! ער ליגט שוין אַפילו אויפן נגידישן זילבערנעם טאַץ. יידן מיט פאַרטאַבאַקטע נעז קוקן אַז בלינדעוואַטע דעם זכר אויפן טאַץ, קייען געקאָכטן אַרבעס און זשוואַקען: „אַי־אַי, אַן אַנטיק!”... ווער איז דאָס דער אַנטיק? דער זכר צי די געקאָכטע אַרבעס? אייגער פון די יידן, אורי דער קאַסאַקער, טראָגט צו יעדן אַרבעס צו איין אויג, איידער ער לייגט אים אַריין אין מויל... נאָר מיטאַמאָל פאַרקרימט זיך ביי אים דאָס פּנים, די קאַסאָקע אויגן בלייבן שטיין פאַרגליווערטע און קוקן אַז די אייגענע נאָז... וואָרים פון זילבערנעם טאַץ קאַפּעט בלוט. קאַפּ־קאַפּ־קאַפּ, ווי פון דער סטרעכע אויף דער גאַס. דאָס בלוט גיסט זיך ווי פון ניי־געבוירענעם. יידן שפּרינגען אויף. געקאָכטע אַרבעס שיט זיך ביי זיי פון די אָפּגע׳חלש׳טע פינגער. דער ניי־געבוירענער זעצט זיך אַוועק אינמיטן זיל-

בערנעם טאָץ און קוויטשעט. זיינע בלויע אויגן שטעכן שצערען דורך, ווי מיט שפּיזן. זיי בעטן זיך רחמים: שצע־רע! שצע־רע!... דאָס קינד וואַקסט אַזוי גיך, אַז ער דערשרעקט מיט זיין גרויס. ער טראָגט שוין אפילו אַ פוטער אויף די פּלייצעס, אַ בערדל אַ סיווע האָט ער שוין אויך. ער שטרעקט אויס די וואַטאַווע אָרבל און שרייט, מיט קיווע׳ס קול שרייט ער:

— שצערע, זע! שצע—רע!

די לעקעכמאַכערין האָט געגעבן אַ געשריי און אַ ריס געטאָן זיך פון קלעפּיקן שווערן דרימל, ווי פון פּעך; מיט דערזעלבער האַסטיקייט האָט זי זיך אַ זעץ געטאָן אין בעט. דער חלום און די ווירקלעכקייט זיינען נאָך געווען אויסגעמישט ווי מיט שפּיגוועבס. אַ גרויסער האָריקער שאָטן איז איבער איר געשטאַנען, פאַרשטעלנדיק די קאַרגע ליכטיקייט פון נאַכט־לעמפּעלע אויפן קאַפּטער. נאָר צעטומעלט פון דער שרעקלעכער פאַרבלוטיקטער געשטאַלט, וואָס זי האָט אַקאָרשט געזען, האָט זי היסטעריש אַ קוויטש געטאָן:

— אַי, ווער איז דאָס?

דער כישוף פונם האָריקן שאָטן איז גלייך אָראָפּגעפאַלן און ס׳איז פון אים געוואָרן קיווע, איר אייגענער מאַן. די יאַרמלקע מיט דעם וואַרעמען היטל זיינען אַצינד געווען פאַרשאַרט ביי אים אויף דער פּאַטילניצע, דער פוטער — ברייט צעעפנט איבערן לייבל און תחתונים, דאָס פּנים — רויט און פאַרשוויצט, און אין האַנט האַלט ער עפּעס אַ מאָדנעם פּעקעלע, וואָס קוויטשעט און קאַפּאַשעט זיך:

— זע, שצערע, אַ קינד!...

ג

קיווע האָט אַנגעזאָגט די בשורה מאָדנע הייזעריק, און אינגאַנצן איז ער געווען צעיאָכמערט און צעטומעלט, ווי אַ מענטש וואָס האָט געוואָרן דאָס גרויסע געווינס און ער גלייבט נאָך ניט אין גרויסן גליק וואָס עס האָט אים געטראָפן.

אין איין העמד און מיט איין שפּרונג איז שצערע אַרויס פון בעט:

— טפו, טפו! אַלע בייזע חלומות... ווי קומט צו דיר גליקע׳ס קינד?

— גליקע?... — פּינטלט קיווע מיט די אויגן.

— אַלע וויסטע חלומות צו מיינע שונאים׳ס קעפּ! דו קומסט דאָך פון ווינדעריכען...

קיווע האָט זי אָנגעקוקט, ווי מען קוקט אַז אַ גערירטע:

— דאָס פּעקעלע איז דאָך געלעגן אונטערן גאַנעק...

— אונטער וועלכן גאַנעק?

— אונטער א ו נ ז ע ר גאַנעק, ניט אונטער ווינדער׳ס גאַנעק...

נאָך אַ גאַנצע מינוט איז אַריבער אין שטאַמלעניש און אין אויפרעגונג, אין איבערשלאָגעניש און אַריינפאַלן איינער דעם צווייטן אין וואָרט, ביז מאַן און ווייב האָבן זיך דעררעדט. קיווע האָט דאָס קוויטשדיקע פּעקעלע אַראָפּגעלאָזן אויף שצערע׳ס ליידיק בעט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שווערן פוטער און, ווישנדיק זיך דעם שוויס, גענומען אין איילעניש און זיין שפּייעכץ שלינגענדיק דערציילן ווי אַזוי עס איז געשען:

— ער גייט — זאָגט ער — אַרויס פון שטוב און גייט גלייך צום שכנ׳ס טויער... ניט צום גאַנעק, נאָר צום טויער, כדי ניט אַריינפאַלן גלייך אין זאַל אַריין. ערשט דעם דאָקטאָר׳ס שליטן שטייט דאָרטן... טאַקע דעם דאָקטאָר קראָל׳ס שליטן. אין שטוב, הערט ער, איז אַ טומל... גייט ער פּאַוואָליע דורך דעם הויף און גיט אַ עפן די טיר צו דער קיך... ערשט דאָס נייע דינסטמיידל, די דעריגע פּאַסקודסטווע, לויפט אים אַרויס אַקעגן: „וואָס ווילט איר דאָ? און וואָס דאַרפט איר דאָ? גייט, גייט געזונטער־הייט! מ׳וועט דאָ איצטער אויסקומען אָן אייך!..." געהערט אַ לשון פון אַ טראַנטשיכע? ס׳איז דאָך אָבער פּאַרט אַ שכן... ווישט ער, קיווע, אָפּ די וואָנצעס פון אַזאַ ברוך־הבא און פרעגט וואָס מאַכט די יולדת. „אַז ס׳וועט אַריבער בשלום, וועט מען צו אייך קומען קויפן לעקעך", — אַזוי מאַכט זי צו אים, די מיאוסע חצופה, און פאַרהאַקט די טיר... גייט ער דאָך צוריק אַ צעקאָכטער... גיי, זיי אַ גוטער שכן!... ערשט לעבן גאַנעק פון שטוב, לעבן א ו נ ז ע ר גאַנעק, באַטאַנט קיווע נאָכאַמאָל, קאַ־פּאָשעט זיך עפּעס אַ ווייסע זאַך און קוויטשעט. לכתחילה האָט ער גע־מיינט — קעץ. ער האָט שוין אפילו בדעה געהאַט אַ בריק צו טאָן מיטן פוס און אַ געשריי טאָן: פּססיק, צו אַל־די קאַדיק! אַ נס וואָס ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן. געקענט ממית׳ן אַ קינד... ער בייגט זיך איין — הע־הע, אַ שיינע קאַץ, כ׳לעבן! גאָר אַ וואָזשנע קאַץ...

שצערע הערט און הערט ניט. דאָס פּנים איז איר רויט, די אויגן בלאַנ־דזשען, זי טרעט צו צום פּעקעלע און טרעט אָפּ. זי גלויבט נאָך אַלץ ניט, אַז די מציאה געהערט איר, איר מיט קיווען און מער קיינעם ניט... לסוף האַלט זי ניט אויס און שלאָגט דעם מאַן איבער:

— וואָס זאָגסטו אַלץ — א ו נ ט ע ר ן גאַנעק? פאַרוואָס ניט — א ו י פ ן גאַנעק?...

קיווע טראַכט אַ ווײַלע:

— הערסט וואָס איכ׳ל דיר זאָגן, שצערע? מיר איז דאָס אויך געווען אַ חידוש... געוואָלט האָט מען, מסתמא, איבערלאָזן ביי אונז א ו י פ ן גאַנעק. ס׳איז טרוקענער... נאָר דעם דאָקטאָר׳ס שליטן מיט די גלעקלעך איז הפּנים אָנגעפאָרן, איבערגעשלאָגן. נו, האָט מען אוועקגעלייגט וואו עס האָט זיך געמאַכט...

— האט מען... — קרימט שצערע איבער, און דאס פנים פלאקערט בײ איר, — װער איז דאס בײ דיר דער... דער „מען״?

— ביסט א יידענע! — איך װײס אזױ װי דו...

ערשט אצינד װערט שצערען אינגאנצן קלאר, אז די לעבעדיקע מציאה איז א הפקר־זאך. קײנער װעט דאס ניט מאנען צוריק, און זי און קיװע קענען מיט דעם טאן װאס זײ װילן... בײגט זי זיך אראפ צום פעקעלע אויף איר אויסגעװארעמטן בעט, און הײבט דאס אן פאנאנדערװיקלען מיט ניט־געניטע פענגער, אויסגעהארעװעטע אדערדיקע פינגער, װאס האבן שוין אפגעטאן כל׳ערלײ מלאכות אין דער װעלט, נאר ניט אזא מלאכה װי פיל־געװען א פיצעלע. זי ברענט און בראט זיך דערבײ װי מיט הײסע קױלן. די אײנגעפאלענע ברוסט, װאס האט נאך צו זיך קײנמאל ניט געטוליעט א מחיה׳דיק קערפערל פון א זױג־קינד, הײבט זיך פאר גרױס אויפרעגונג: איז טאקע געשען דער נס? דער גרױסער נס, אויף װעלכן זי װארט זינט דער חתונה?...

— א ייִנגעלע! — האט זי פלוצלינג אויסגערופן, איבערשרײענדיק דעם קינדערשן קװיטש.

— א ייִנגעלע? — פרעגט קיװע איבער. ער זיצט אין די תחתונים בײ זיך אויפן בעט און באטראכט עפעס. — המ... א ייִנגעלע...

— װאס זיצסטו? גזלן אײנער... — הײבט זיך שצערע אן צו טומלען — דערלאנג אביסל הײסע װאסער, א לעק האניק... װײ איז מיר! מען מוז דאך דאס אטכאיען. װער װײסט װי לאנג ס׳איז געלעגן אין קעלט...

אבער קיװע הײבט זיך ניט אן צו אײלן. ער צופט זיך מיושב׳דיק דאס בערדל און צײלט װערטער:

— זע נאר אקארשט גוט נאך אין די „פיעלאנקעס״! מען מוז דאך װיסן װאס, װער, װעמען... טאמער איז דאס גאר א גויעשקער...

— װאס גויעשקער? װען גויעשקער? — פאלט שצערע אן — פון װאנעט װײסטו אז א גויעשקער? צו דײן קאפ און צו דײן לײב און לעבן!

און קיװע װערט ניט נתפעל און צײלט װערטער:

— הײב זיך נאך אן מיט גויעשקע ממזרים! װעסט דאך ניט גײן האר־דעװען א שײגעץ!...

שצערען פאלט אײן דאס הארץ. דער נס, װאס איז אקארשט געשען, װערט קלײן, גאר קלײן. װי א מאנעלע די גרױס. די האפענונג לעשט זיך אויס. מיט ציטערדיקע הענט נעמט זי זוכן צװישן די װיקעלעך. זי טאפט אין גויעשקען לײװנט און צװישן דארפישע שטיקער װאל... די ליבשאפט, װאס זי האט אקארשט געפילט צום פיצל קינד, פארשװינדט. זי נישטערט און װארטשעט אצינד: „װאס זײ האבן דא אנגעװיקלט, װאס זײ האבן דא אנגעפלאנטערט... פויערשע טראנטעס... זאל גאט שומר ומציל זײן...״

נאָר אינמיטן דערינען בלייבט זי שטיין און שרייט אויס:

— קיווע! אַ צעטעלע...

— נאָ, זעסט שוין! — מאַכט קיווע, פּונקט ווי ער וואָלט אויף דעם געוואַרט — גיב אַקאַרשט אַהער!

קיווע כאַפּט זיך צו די שפּאַקולן, זאָטלט זיי גיך אַן אויף דער הויקער־דיקער נאָז און לויפט צום לעמפּעלע אויפן קאַפּטער פון אויוון. ער דרייט אַ ווײַלע דאָס צעטעלע אין ביידע הענט און זאָגט אַז שצערען זיינע סימנים:

— אַ מאָדנע צעטעלע... קרומע ווירעס... אָפּגעריסן פון אַ העפט אין דער קרים... אַ ווינקל... אין גרויס אייַלעניש זעט אויס... אַ כתב... נאַ! געשריבן ווי מיט אַ טשוואַק. מען זעט אפילו, אַז מען האָט דאָס געטריקנט איבער אַ לעמפּל, איבערגעטריקנט... געלבע קרוהעס אַרום די אותיות...

— נו־נו־נו! — ווערט שצערע אומגעדולדיק.

— „האָט רחמנות" — לייענט קיווע — דו הערסט, שצערע, וואָס דאָ שטייט? „ה אָ ט ר ח מ נ ו ת, ס'א י ז אַ י י ד י ש ק י נ ד..."

— געלויבט דער אייבערשטער! — רופט זיך שצערע אָפּ.

קיווע דרייט נאָך אַלץ דאָס צעטעלע אין האַנט.

— גוט אויסגערעכנט, ווי איך בין אַ ייד! געוואוסט, הפּנים, ווער עס האָט אָנגעגרייט רחמנות פאַר אַן אונטערגעוואָרפן קינד...

— גענוג דיר שוין צו דרש'ענען! — צעבייזערט זיך שצערע — און וואָס שטייט דאָרטן ווייטער?

— וואָס ווילסטו זאָל דאָ ווייטער שטיין?... ר' יצחק אלחנן זאָל זיך דיר אפשר אונטערשרייבן, אַז ער איז דער טאַטע, בהמה!...

שצערע האָט דעם וואַרימען קאָמפּלימענט, נאָך האַלבער נאַכט, אַראָפּ־געשלונגען און פאַרשוויגן. אַז אַנדערש מאָל וואָלט זי קיווען געגעבן אויס־גאָב. דאָס מאָל ניט. אַ זיסע אונטערטעניקייט האָט זי אַצינד דערפילט צו איר אַלטן מיט די שפּאַקולן אויף דער נאָז און מיט דעם צעטעלע אין האַנט. אַ לעבעדיק קינד האָט ער איר אַריינגעבראַכט פון דער קאַלטער נאַכט אין שטוב אַריין. אַן יסורים, אַן ווייטיקן, ווי ביים שכן... אַט קאַ־פּאַשעט זיך דאָס מיט רויטע הענטלעך און פיסלעך אויף איר בעט. אַן אמת יידיש קינד... לעבן זאָל דאָס און געזונט זאָל דאָס איר זיין!

ברית־קאַמעראַדן

א

צו מאָרגן, נאָכן ערשטן מניז, זיינען פון דער קאַלטער שול אַוועק צוויי נייעסן איבערן שטעטל. ערשטנס: אַז גליקע, ווייגדער דעם וואַלד־סוחר׳ס ווייב, האָט געבוירן מיט מזל אַ יינגל; זי איז אָבער אַ חולה מסוכן. דאָס קינד איז געגאַנגען פּאַרקערט. און צווייטנס: אַז קיווע דער בעזדעטניק האָט ביי זיך אונטערן גאַנעק געפונען אַ ממזר׳ל און ס׳איז אַ יידיש קינד. נאָך אפילו ניט גע׳מל׳ט, אָבער פּאָרט אַ יידיש קינד. אַזוי שטייט אין צעטעלע... מ׳האָט שוין אפילו געוואוסט, ווי די בעזדעטניקעס, קיווע און שצערע, וועלן אים אַ נאָמען געבן. ווען מען וועט פּראַווען דעם ברית, וועט מען אים אַ נאָמען געבן — משה׳קע.

דער לץ פון דער קאַלטער שול, פישל דער לוידיקגייער, האָט אפילו דערקלערט דעם שׂכל פאַרוואָס מ׳עט אים אַזוי אַ נאָמען געבן... און דערביי האָט ער מיט גרויס חכמה אויסגעמאָלן ווי די זאַך איז געשען:

— ויהי בחצי הלילה... שטייט אַזוי קיווע דער לעקעכמאַכער לעבן גאַנעק, די פוטער איבער די תחתונים, און טוט זיך זיין באַדערפעניש. זיין גאַנעק און זיין באַדערפעניש... איז ווי ער שטייט אַזוי און לאָזט זיך וואָוילגיין, ערשט מיטאַמאָל שווימט אַן אַ קעסטעלע פון פימסנהאָלץ. דרויסן אויסגעפּעכט און אינווייניק אויסגעבעט, אַזוי ווי אין חומש שטייט... און אין קעסטעלע ליגט אַ ממזר׳ל אין וויקעלעך און שרייט: „קוואַ־קוואַ־ראַטעוועט! איך שטאַרב עסן!"... נו, האָט אים קיווע גלייך געכאַפּט און אַריינגעטראָגן צו שצערען זיין ווייב. פאַרשטייט זיך, אַז די פופציק־יאָריקע עקרה האָט אים גלייך געגעבן צו זויגן פון איר אייגענער ברוסט. און שמעלצדיק זיך פאַר נחת, איז דאָס פאַרפאַלק גלייך מושוה געוואָרן צווישן זיך, אַז דעם געפונענעם תכשיט זאָל מען אַ נאָמען געבן משה׳קע. אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: „כי מן המים משיתיהו"... ווייל פון וואַסער האָב איך אים אַרויסגעצויגן. וועלכע וואַסער? — דער צעגאַנגענער שניי, צי אַן אַנדער וואַסער? דאָס טייטשט דער פּסוק ניט אויס. קיווע ווייסט דאָס בעסער...

ערנסטערע לייט האָבן גלאַט באַוואונדערט גאָט׳ס דרכים, וואָס אין דערזעלבער נאַכט, ווען גליקע דעם וואַלד־סוחר׳ס ווייב גייט צו־קינד און

שצערע, די בעזדעטניצע, ליגט אין בעט און קען ניט איינשלאָפן פון די געשרייען, — גראָד דעמאָלט שיקט איר דער רבונו־של־עולם צו אַ יורש אויף דער עלטער: נאָ דיר, הייסט דאָס, אויך און זיי ניט מקנא!... טאַקע, אַז גאָט וויל יידן און יידענעס זאָלן הנאה האָבן, טרייסלט ער זכרים פון שוואַכע געווינערינס און פון פּעקעלעך לעבן אַ גאַנעק...

דערהערט אַזעלכע נייעסן, האָבן נייגעריקע שכנים גלייך גענומען לויפן צו די בעזדעטניקעס אויפן בייז וואונדער. ניט אַזוי שכנים, ווי שכנ׳טעס. די קומט מכלומרשט אַנטלייען אַ טעפּל ביי שצערען, די גייט אַריין בעטן אַ קויל פייער פאַרן סאַמאָוואַר. ביי אַ דריטער האָט, ווי איר זעט זי אַ לעבעדיקע, פאַרפעלט אַ לעפל זאַלץ. יידענעס, וועלכע זיינען שוין אינ־גאַנצן געבליבן אָן אַ שום אויסרייד, האָט זיך פאַרגלוסט מאַן... גראָד אַצינד אינדערפרי אויפן ניכטערן הארצן האָט זיך זיי פאַרגלוסט גע־פּרעגלטע מאַן. וואָס קיווע און קיוועכע האָבן אין יענעם טאָג אַפגעלייזט פאַר נאַשערייען האָבן זיי דאָס קיינמאָל ניט אַפגעלייזט אַן ערב־פּורים. קינד און קייט האָבן מיטאַמאָל געקראָגן אַפּעטיט אויף געהאַקטע ראַזשינ־קעס אין האָניק און אויף געפּרעגלטע ניס. ביי אַלעמען האָבן זיך מיטאַמאָל געפונען אָפּגעשפּאַרטע קאָפּיקעס. פון אַנבייסן אָפּגעשפּאַרט, אַבי דערהערן אַ פּיפּס פון געפונענעם ממזר׳ל, אַבי האָבן אַ זכיה צו דערזען אַ שפּיץ פון זיינעם אַ וויקעלע... אַ קליינינקייט, ווען די קליינשטעטלדיקע נייגע־ריקייט צעשפּילט זיך! ווייבער מיט פּיסקלעך האָבן אַפילו געהאַט מוט צו מאַכן זיך תמ׳עוואַטע בשעת איינהאַנדלען אַ טאָוועלע מאַן פאַר אַ קאָפּיקע און פאַרוואַרפן אַ זיסינקע פראַגעלע:

— זעט, ר׳ קיווע, וואָס קוויטשעט דאָרטן ביי אייך?

אָבער קיווע האָט שוין פון אינדערפרי אָן געהאַט צוגעגרייט אַ הויפן מיט תירוצים אויף אַזעלכע צווייַדייטיקע קשיות׳לעך:

— וואָס קוויטשעט דאָס? אַ קאַץ אין זאַקן.

— צוציק אין אַ יאַרמלקע.

— אונזער הון האָט זיך געציגלט...

אַ שעמעוודיקע גוטמוטיקייט איז אים פונדעסטוועגן געווען צעגאָסן אַרום די שמאָלציקע אייגעלעך און אונטער די שיטערע וואָנסעלעך פון אַ בעז־דעטינק. ער האָט דערביי צוגעשמייכלט און מ׳האָט צו אים געשמייכלט און מ׳איז זיך צעגאַנגען אין גוט־פריינטשאַפט.

ניט אַזוי גלאַטיק איז עס אַפּגעלאָפן מיט שצערען. אין קעגנזאַץ צו איר מאַן, איז שצערע געווען צעקאַכט און צעזאַטן און בייז ווי אַ בין. זי האָט זיך זעהר זעלטן באַוויזן פון הינטערן פאָרהענגל איבערן שלאָף־צימער. און טאָמער האָט זי זיך יאָ באַוויזן, איז געווען אַ סכנה אַנצוהייבן זיך מיט איר. קורץ און שאַרף האָט זי מיט אַלעמען געמאַכט:

— וואָס ווילט איר?... פאַר אַ קאָפּיקע לעקעך? נאָט אייך און גייט געזונטערהייט!

— זעט, און ווער קאַניוקעט דאָס ביי אייך?

— אַרויס פון שטוב!

אירע שוואַרצע אויגן האָבן דערביי מוראַ׳דיק געפינקלט. איר מאַנסבילש געזיכט, מיט די וואַרצעלעך און הערעלעך, איז דערביי געווען קרענקלעך אויפגערעגט. אַלע קאָלירן האָבן זיך איר געביטן אין פנים, פונקט ווי מען וואָלט זי געבאָפּט ביי דער האַנט, ביי גנב׳ענען פיש אין מאַרק... אפילו דעם שטאָט-משוגענעם האָט זי אין איר בייזקייט ניט געשאַנעוועט. אַלטערקע דער מרה-שחורה׳ניק, וואָס זיצן זיצט ער אַ גאַנץ יאָר הינטערן אויוון אין לויה-בית-מדרש, האָט דערהערט, אַז ביי דער לעקעכמאַכערין איז אויף דער עלטער געפונען געוואָרן אַ זכר, איז ער גלייך געקומען צו לויפן אָפּ־געבן מזל-טוב. אַלעמאָל, ווייסט ער, ווען ער שטעלט זיך אָפּ אַ פּאַראומער־טער ביי קיווע׳ס גאַנעק און קוקט מרה־שחורה׳דיק אויף די וואַרעמע בלעכן מיט האָניק-לעקעך, טראָגט אים שצערע די בעזדעטניצע וואָס ניט איז אַרויס. אַמאָל אַ צוגעברענטן אָקרייציק לעקעד, אַז אַנדערש מאָל — אָפּפאַל פון געשניטענעם מאָן... אָבער גראָד דאָסמאָל, נאָך אַזאַ פיינעם „מזל-טוב", האָט זי זיך גאָר צעפּאָכעט אויף אים מיט אַ שוואַרצער לאָפּעטע:

— אַרויס, „סאַמאַסעץ" דו! דיין „זוואַניע" זאָל דאָ ניט זיין!

ב

וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן? — אין איין וואָך צייט האָט זיך שצערע אַנגעמאַכט אַ סך שונאים ביי יונג און אַלט. ווי אַ ווילדע קאַץ האָט זי באַשיצט דאָס געפונענע קינד, כאָטש קיינער האָט אפילו ניט געהאַט בדעה אים אָנצורירן. די גאַנצע דערשטיקטע מוטערליכקייט, די גאַנצע דעגנעג־רירטע צערטלעכקייט, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי איר, זינט אירע מיידלשע יאָרן, האָבן אַצינד אויפגעפּלאַמט מיט אַ דאָפּלטן פייער. און זי האָט געברענט און געצאַפּלט זיך איבערן געפונענעם יינגעלע פון אינ־דערפרי ביז ביינאַכט. און אַלעמען, אַפילו קיווען איר מאַן, האָט זי באַ־האַנדלט ווי ניט-פאַרגינער, וואָס ווילן איר שלעכטס טאָן, וואָס ווילן אַן עין-הרע געבן, באַרויבן איר געפונענעם אוצר. און וואָס ווייטער — אַלץ ערגער. דעם ערשטן און צווייטן טאָג האָט זיך איר נאָך געגלייבט, אַז קיווע האָט דאָס קינד געפונען. דעם דריטן טאָג האָט זי גענומען צווייפלען. דעם פערטן טאָג האָט זיך איר שוין גענומען דאַכטן, אַז ס׳איז א י ר קינד, שוין פון לאַנג אַן. פון איר ביינקשאַפט איז דאָס באַשאַפן געוואָרן, פון איר אומעטיקן לעבן — אָפּגעטיילט זיך, און קיינער האָט אין אים קיין חלק ניט. קיווע אויך ניט... „טשעפּע ניט!" „קוק ניט!" „גיי אַוועק!" מער ווי דאָס האָט איצטער קיווע פון איר ניט געהערט.

א מאן איז פארט א מאן — פארשווייגט ער. ניט פארשווייגן טוען אבער פרעמדע, באליידיקטע לייט. אונטערן פענסטער דערהערט זי אפטמאל א קאנצערט. מען מאכט נאך ווי א קינד וויינט: „א־או, א־או, א־או!"... און אימיצער זינגט־צו הייזעריק־געצויגן, מיט א ווייבעריש־מאנסבילשן קול, פונקט אזא קול ווי ביי איר אליין:

אה־אה־אה, ליוליעניו!
שלאפע, שלאפע, ממזריל! —
אונטער משה־ינקעס וויגעלע
שטייט א ווייס־ינקע ציגעלע...

דאס קרימען איבער ייִנגלעך־שקצים. נאר שצערע איז זיכער, אז ד ע ר־ ו ו א ק ס ע נ ע האבן זיי אונטערגעשיקט. טאטעלעך און מאמעלעך וואס פארגינען איר ניט און ווילן איר נעמען לעבער... א בייזער יאר אויף זיי! קנאפ ממזרים האבן זיי אנגעפלאדיעט?... ווארט, ווארט, אט וועט זי זיי מאכן א „שלאפע־שלאפע"!...

נאר ווען זי לויפט ארויס א ווילדע פאר כעס, מיט א שווארצער לאפעטע אין האנט, צו מקיים־פסק זיין די „ניט־פארגינער", זעט זי נאר פלינקע פיסלעך וואס אנטלויפן: כליופ, כליופ אין האלב־צעגאנגענעם שניי. און די פארהאנקעס ביי די שכנים אין די פענסטער שאקלען זיך קוים־קוים... אבער שצערע ווייסט, אז הינטער די פארהאנקעס קוקן איר נאך טאטעלעך און מאמעלעך און כיכיקען אין די פויסטעלעך.

אזוי האבן זיך אירע צרות געצויגן ביי א וואך צייט. א מורא'דיקע וואך. הארצווייטיק און נחת האבן אין איר געזאטן ווי בוימל אין וואסער. דער ברית, וואס מ'האט געפראוועט, האט אבער אריינגעבראכט אביסל שלום צווישן שצערען און אירע „ניט־פארגינער", אביסל איינגעשטילט די צע־רייצטע געמיטער פון נייגעריקע, אנטוישטע און ארויסגעטריבענע.

ס'איז שוין געווען איינמאל א ברית! דער מתנגדישער רב אליין, ר' ישעיה'לעם איידעם, האט אויף אים געגעבן זיין הסכמה. מיט גרויס כוונה האט ער עטלעכע מאל איבערגעלייענט דאס געפונענע דרייעקעדיקע צעטעלע און גע'פסק'נט מיט גרויס חכמה אזוי: פון דעם וואס אין צעטעלע שטייט געשריבן קען מען אפילו ניט וויסן, צי ס'איז א כשר קינד, צי ניט... נאר אז דאס איז א יידיש קינד — דאס איז זיכער. גויים שרייבן ניט קיין יידי־שע צעטעלעך... און וויבאלד קיווע און שצערע זיין ווייב נעמען זיך אונטער צו זיין טאטע און מאמע פארן געפונענעם נפש'ל און דערציען אים מיט יידישן שטאט — טא זאל זיין מיט מזל! דער אייבערשטער וועט זיי מיר־צעשעם העלפן וואס זיי לאזן ניט פארלארן גיין א יידישע נשמה.

דער ברית פונם געפונענעם האט אזוי ארום אריינגעטראפן אינם ריכטיקן ארט. ניט מער און ניט ווייניקער ווי קיווע'ס הויז האט ער זיך אויסגע־זוכט, קיווע דעם לעקעכמאכער — וועלכער באזארגט מיט „בורא מיני

מזונות" אַלע ברית'ן פון שטאָט. נו־נו, האָט מען דאָס ביי קיווען אָנגע־באַקט לעקעכער און טאָרטן און מאַנדל־בייגעלעך און געפּילטע קיכעלעך און האָניק־טייגלעך און געהאַקטע קייקלעך פון ראַזשינקעס מיט מאָן. קיווע און שצערע האָבן זיך אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן, צעגאַרטלט און ברייט אויפגעעפנט די טירן פאַר נייגעריקע שכנים און פאַר טעלערלעקער פון פרעמדע גאַסן. קומט, הייסט דאָס, מאַכט אַ ברכה און זאָל אייך, שונאי־ישראל, די גאַל צעזעצט ווערן פאַר קנאה, וואָס די בעזדעטניקעס האָבן אַ קדיש אויף דער עלטער!

אויסער דעם ברית ביי זיך אין שטוב, האָט נאָך קיווע אין יענעם טאָג געהאַט צו באַזאָרגן דעם ברית פונם שכן — ביי ווייגדער דעם וואַלד־סוחר, טיר קעגן טיר. אין איין נאַכט איז דאָך, ביי ביידע שכנים, אַריין דער ריח פון וויקעלעך און וויגעלעך אין שטוב. גליקע די שכנ'טע איז אַפילו נאָך געלעגן אַ פאַרבייאיקע. נאָר דער ברית פון איר געבאָרענעם יינגעלע איז זיך געגאַנגען מיט זיין גאַנג. דער סנדק ביי ווייגדער דעם וואַלד־סוחר איז גע־ווען דער מתנגדישער רב אַליין. און אַלס אַ סגולה פאַר דער פאַרבייאיקער קינפּעטאָרין האָט ער געהייסן געבן איר אַ פּאָר לעפעלעך פון קידוש־וויין, גלייך נאָך דעם ווי מען גיט פאַרזוכן דעם גע'מל'טן עופ'עלע, ווי דער מנהג איז.

עס פאַרשטייט זיך, אַז צום ערשטן האָט ר' איטשעלע דער מוהל מל געווען דאָס קינד פון ווייגדער דעם וואַלד־סוחר. אי מחמת ווייגדער איז אַ ייד אַ נגיד, אי מחמת דאָס קינד איז אַן אמת כשר־קינד... און אַ נאָמען האָט מען אים געגעבן דן, אָדער „דאַניע"; אויך צוליב אַ סגולה פאַר דער קראַנקער מאַמע זיינער. ווייל עס שטייט געשריבן אין חומש: „דן זאָל זיין אַ שלאַנג אויפן וועג, אַ פּיפּערנאָטער — אויפן שטעג"... און אַ שלאַנג איז אַלעמאָל געווען דער צייכן פון רפואה, ווי, למשל, די קופּערנע שלאַנג אין מדבר. (זע פרשה חוקת אין „במדבר").

מען האָט דאָס אָנגעזאָגט גליקען — דאַניע'ס קראַנקער מאַמען. נאָר זי איז געלעגן אין גרוים היץ און האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו איר. אַז זי האָט דערהערט דעם נאָמען „דן", האָט זי אַ כליפּע געטאָן און גענומען שרייען, מען זאָל פון איר אָוועקטרייבן דעם גוי מיטן פעלץ... דעם גוי מיטן שאָפענעם פעלץ, מיט אַ שטריק אין די הענט... וואָרים ער וויל שלעכטס טאָן איר עופ'עלע. און איר אַליין איז היים... איר איז זעהר היים...

גלייך פון ווייגדער'ס הויז האָט איטשעלע דער מוהל, מיט זיין מוהל־מעסער אין שייד און מיטן אייבערמאַנטל איבערגעוואָרפן איבער דער אַט־לעסענער זשופּיצע, אַוועקגעשפּרייזט צו קיווע דעם לעקעכמאַכער אַקעגנ־איבער. קיינמאָל איז נאָך ר' איטשע ניט אַדורך מיט אַזאַ פּאַראַד צו אַן ערלה. צווישן ביידע שכנישע גאַנעקעס איז מען פּשוט געשטאַנען אויף קעפּ, יידן און יידענעס, קינד און קייט. מ'האָט ר' איטשען, קענטיק, אָפּ־

געוואַרט מיט זשעדנעם אומגעדולד, און ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן ביים וואַלד־סוחר, אויף די גאַנעק־טרעפּלעך, האָט מען אים געמאַכט אַ וואַרע:

— ער גייט, ער גייט! שאַ!...

—אַ יישר־כּוח, רב איטשעלע!

— ר׳ איטשע, פּאַסטאַרעט זיך!

— מאַכט אַ י ם פּאַר אַ יידן, ר׳ איטשע!

מיט דעם „אים" האָט מען, פאַרשטייט זיך, געמיינט ניט קיין אַנדערן ווי דעם, וועמען קיווע האָט געפונען. אייניקע האָבן באמת געהאַט אַ יידישע הנאה וואָס ר׳ איטשע גייט דאָ פּאַרדינען אַזאַ שיינע מצוה. די איבעריקע האָבן זיך דערביי צווייַדייטיק איבערגעוואונקען. ס׳הייסט: אויך מיר אַ שמחה! מ׳גייט מל־זיין אַ ממזר... הכּלל, פּאַסטאַרעט זיך, ר׳ איטשע!

אינדרויסן ווי אינדרויסן, אָבער אינעווייניק אין קיווע׳ס שטוב האָבן זיך די פאַרבעטענע און ניט־פאַרבעטענע געסט געהאַלטן מיט דרך־ארץ. מיט געמאַכטן, צי מיט ניט־געמאַכטן דרך־ארץ, דאָס איז קיין נפקא־מינה ניט. אַ ברית איז אַ ברית. פון איין זייט איז די נייגעריקייט צום געפונענעם זויג־קינד געווען זעהר גרויס, פון דער צווייטער זייט האָבן אונטער־געקויפט די גוט־געגרייטע טישן מיט אַ סך משקה און מיט אַ סך גוטע פאַרבייסעכצן. איז מען געשטאַנען שטיל, מיט אַ בנעימות׳דיקער מינע, נאָר די אויגן האָבן געפינקלט.

און ר׳ איטשע האָט געטאָן דעם געפונענעם יאָטל זיין רעכט, ניט געקוקט וואָס ער שרייט, אַז ער איז ניט מסכּים, אַז ער האָט זיך קיינמאָל ניט אונ־טערגענומען טאָן וואָס אין דער הייליקער תורה שטייט; קיווע, וועלכער איז געווען סנדק, האָט אים גוט געהאַלטן, און ר׳ איטשע האָט געשניטן און געריסן מיט די נעגל און געמאַכט קידוש און מודיע געווען דעם „צאַרטן־גע׳מל׳טן", אַז ער טראָגט פון איצטער אָן דעמזעלבן נאָמען וואָס משה רבנו. יענעם האָט פּרעה׳ס טאָכטער געפונען אין טראָסטינעס, און אים האָט קיווע געפונען אין שניי, אונטערן גאַנעק. עס איז אַלץ איינס. פּישל דער ליידיקגייער, דער לץ פון דער קאַלטער שול, האָט דאָס מאָל ריכטיק געטראָפן...

ג

בשעת אין שטוב האָט זיך געטומלט מיטן ברית, איז שצערע, ווי איר שטייגער איז אין די לעצטע טעג, געווען צעקאָכט און צעפּלאָמט און צעיאַכמערט; און אירע הרעבליע־העלפנט האָבן זיך געטרייסלט פון גרויס אויפרעגונג. לכבוד אַזאַ שמחה האָט זי זיך יום־טוב׳דיק אויסגעפּוצט. נאָר דאָס זיידן קלייד איז אויף איר דאַרן גוף געהאַנגען ווי אויף אַ טשוואָק,

און די שווארצע קאַסינקעס איבער אירע גרויע האָר, און די גרויע האָר אונטער דער קאַסינקע, זיינען ביי איר געשטאַנען „דיבאָם", ווי די פעדערן פון אַ הון אַ קוואָקעבע, אונטער וועלכער מ'האָט אַ טשעפּ געטאָן די אויסגעוואַרעמטע אייער. מיט די מזל־טוב'ס, וואָס מ'האָט איר ברייטלעך, אַביסל צו־ברייטלעך, און מיט אַ באַזונדער שמייכעלע צוגעוואונשן פון אַלע זייטן, האָט זי זיך געברענט און געבראָטן ווי מיט הייסע בולבעס: ניט אַראָפּצושלינגען און ניט אויסצושפּייען, און עסן ווילט זיך אויך... וואָרים געפילט האָט זי, אַז די ווייבער, בשעת זיי ווינטשעווען איר, טראַכטן זיך: אַט אַ יידענע האָט ניט געטראָגן, ניט געבוירן, בלויז ניט פאַרגאַסן, די ברוסט ניט געגעבן צו זויגן — און מיינט, אַז זי איז אַ גאַנצע מאַמע... אין משך פון דער פאַרגאַנגענער וואָך האָט זיך אָבער שצערע אַזוי צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז ס'איז א י ר קינד, אַז עס האָט איר מורא'דיק פאַרדראָסן וואָס די פרעמדע ווייבער גלייבן ניט.

האָט זי דערפאַר איר גאַנצן פאַרדראָס אַריינגעלייגט אין איבערגעטריבענער גאַסטפריינטשאַפט. צו דריי מאָל אַנגעלייגט יעדערן אין די טעלערלעך און צו פינף מאָל אָנגעגאָסן די קעלישאַקעס. „מזל־טוב!" „מיט מזל זאָלט איר לעבן!" „טרינקט! פאַרוואָס טרינקט איר נישט?" „פאַרבייסט! פאַרוואָס פאַרבייסט איר נישט"?... און — דאָס האַרץ ברענט ווי אַ פייער.

האָבן זיך בראָנפן און נאַליווקעס געגאָסן ווי וואַסער, און האָניקדיקע באַבקעס פון טייגלעך זיינען געהאַנגען אָנגעקלעפּטע אויף שווארצע, געלע און סיווע בערד. און דאָרט הענטלעך פון ישיבה־בחורים האָבן זיך זשעדנע געצויגן, צווישן די קעפּ פון די וואָס זיצן אַרום טיש, און געכאַפּט פון די טעלער. דאָס האָט אַלעמען פאַרקלעפּט די מיילער מיט האָניק און פאַרגאָסן די העלזער מיט שטאַרקע משקאות. טאַבאַק־נעזער האָבן זיך אַזש צעפּאַנפּעט פון וואָוילטאָג און איינער האָט איבערגעשלאָגן דעם צווייטן:

— ר' קיווע, אַ, ר' קיווע! גאָט זאָל געבן אַז, אַז —

— איר זאָלט מגדל זיין דעם... דעם...

— אייער משה'קען, נו, לתורה ולחופה —

— און למעשים־טובים טאַקע אויך! דער עיקר איז מעשים־טובים...

בינו לבינו, בשעת אין שטוב האָבן זיך יידן געשמאַלצן אין וואוילטאָג און אין ווינשעוואַניעס, איז דער אַנגעלאָף אינדרויסן געוואָרן שטאַרקער. אויפן גאַנעק און ביים טיר פון פירהויז האָט געווימלט פון קבצנים, פון פאַרשפּעטיקטע און ווייטע שכנים, וואָס האָבן שוין אין שטוב מער ניט געקענט אַריינגיין, עסן לעקעך אומזיסט און מאַכן לחיים אומגעשטערט. גבאים־לעך פון צדקה האָבן זיך געבראַכן אין טיר, און גבאי'טעס פון ביקור־חולים האָבן אָנגעקלאַפּט אין די פענסטער.

— סטייטש, — האָבן זיי זיך געבייזערט — גאָט האָט די בעזדעטנינקעס צוגעשיקט אַ קדיש אויף דער עלטער, און זיי ווילן גאָר פון קיינעם ניט וויסן... סדום, ווי איר זעט אונז לעבעדיקע! סדום!...

אפילו אַלטערקע, דער מרה־שחורה׳ניק פון לויה־בית־מדרש, האָט פאַר־געסן, אַז שצערע האָט אים שוין געהאַט אוועקגעטריבן מיט דער גרויסער בעקער־לאָפּעטע פאַר אָפּגעבן צו־פרי מזל־טוב, און ער איז געקומען ווינ־שעווען אַ צווייט מאָל. אפשר וועט זיך דאָס מאָל פאַרט איינגעבן... אין שטוב האָט מען אים אָבער ווידעראַמאָל ניט אַריינגעלאָזט. האָט ער צוגע־דריקט דעם משוגענעם פנים צו אַ פענסטער און, מיט אַ צעפּלעטשטער נאָז, צוגעקוקט ווי יידן מאַכן ברכה. פאַר גרויס זשעדנעקייט האָט ער אַזש געלעקט די טאַפּעלע שויב.

לכתחילה האָבן קיווע און קיוועבע געזען יעטוועדערן צופרידנצושטעלן אפילו די וואָס שטייען אינדרויסן. אָנגעשניטענע חלקים לעקעך אַרויסגע־טראָגן און פּאַלומעסיק, קופּערנע נדבות פאַרטיילט. האָבן זיי אָבער גלייך דערזען, אַז ס׳איז ערגער. דאָס שטופּעניש ווערט וואָס אַמאָל גרעסער און די חלה קלעקט ניט אויף המוציא. די שטיקער לעקעך האָט מען צעכאַפּט און דעם פּאַלומעסיק צעבראַכן און די קופּערנע מטבעות צעשאָטן. האָבן מאַן און ווייב מיט פאַראייניקטע כוחות פאַרהאַקט די טיר, פאַרריגלט און פאַרקייטלט. אויף סתם קלאַפּן מער ניט געענטפערט. און אַלע טענות און חניפות, פון יענער זייט טיר, אָפּגעשניטן מיט אַ שאַרף וואָרט:

— אוועק פון שטוב און אַ סוף אַן עק!

— סטייטש, ר׳ קיווע, אַ ברית אויף דער עלטער...

— ניט אייער באַבע׳ס עסק!

— מיר ווילן אייך נאָר אָפּגעבן מזל־טוב, ווילן מיר...

— אַ דאַנק! איר קענט דאָס לאָזן ליגן אויפן גאַנעק.

— ר׳ קיווע, איר דערקענט מיך גאָר ניט?

— היינט ניט. מאָרגן — וועלן מיר זען.

ביסלעכווייז איז דער אָנגעלאָף שיטערער געוואָרן און נאָר איינגעגעסענע קבצנים און שנאָרער האָבן נאָך אַלץ ניט געוואָלט אָפּטרעטן. פאַרביטערטע און מכלומרשט שטאַרק באַליידיקטע האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט אַרום שטוב און באַרעדט קיווען און קיוועבען אויף וואָס די וועלט שטייט:

— גיט נאָר אַ קוק אויף דער „דראַניצע”, ווי זי איז דאָס צעיאַכמערט...

— אַ קלייניקייט, צו פופציק יאָר געפונען אַ ממזר אין בלאָטע...

— אַז אַנדערע האָט פאַרגאָסן דמים און זי קלייבט נחת.

— ווער אַ שטייגער האָט דאָס געקענט אונטערוואַרפן?

— וויניק יידישע טעכטער פאַלן אַריין?

— אַלעמאָל טעכטער פון אָרימעלייט.

— שאַ, אפשר גאָר חיה־שרה׳קע די משוגענע —

— אַלע יאָר האָט זי טאַקע אַ ממזר.

— כא־כא! אַט וועט די בעזדעטניצע אויסהאָדעווען אַ „סאַמאַסעץ״.
— כדי צו האָבן אַ ניט־כשר קינד דאַרף מען ניט זיין משוגע.
—גענוג קלאָרע ווערן משוגע אויף אַ ווייל...
— זאָגט, וואָס איר ווילט — נאָר ניט יעדער ממזר האָט אַזאַ גליק.
— אין אַ דייזשקע מיט האָניק־טייג אריינגעפאַלן.
— יענע, וועלכע האָט אונטערגעוואָרפן, האָט, מאַלט אייך, דאָס אַלץ גוט געוואוסט.
— משוגע איז זי שוין גאָרניט געווען.
— העז אַ שמחה אויף די טאַבאַק־נעזער, אויף די למדנישע גערגעלעד!
— צעזעצט ווערן זיי דאָרטן פרעסנדיק.
— אַז אָרימאַן — קיין איין שמיר ביים ליפּ...

נאָר וואָס טויגן אונז אַלע חכמות און אַלע בייזע מיילער פון די קבצנים? דער ברית איז מיט גאָט'ס הילף געווען אַ ברית, און נאָך וואָס פאַר אַ ברית! אָנגעסניאַשקעט און אָנגעזעטיקט זיינען פיינע יידן און גוטע שכנים אַרוים פון קיווע'ס שטוב העט־העט נאָך האַלבן טאָג, און זוינגנדיק די זיסע ברעקלעך פון צווישן די ציין האָבן זיי צווישן זיך געפּאַנפעט, אַז „מי כעמך״... וואו איז נאָך דאָ אַזאַ פאַלק ווי יידן אויף דער וועלט? געפונען אַ פרעמד קינד, ווער ווייסט פון וואַנעט און פון וועמען און... און... און געלאָזן זיך קאָסטן אַזאַ מטמון מיט געלט. געפּראַוועט אַ ברית ניט ערגער פאַר ר׳ וויגדער דעם נגיד. און ווער? אַן אונזעריקער, אַ ייד אַ קבצן במחילה, אַ לעקעכמאַכער...

אָבער נאָך אין דעמזעלבן פאַרנאַכט האָט זיך געלייגט אַ כמאַרע צווישן די צוויי שכנ׳ישע הייזער, וואָס האָבן בייטאָג געפּראַוועט אַזעלכע שיינע ברית׳ן. קראָל דעם דאָקטאָר׳ס שליטן איז ווייטער אָנגעפאָרן און טרויעריק פאַרקלונגען קיווע'ס הויז מיט די קליינינקע גלעקלעך פון אונטער דער געצאַצקעטער דוהע. און אַ בייזע נייעס איז באַלד אַרוים אין גאַס, אַז גליקע, וויגדער'ס ווייב, האָט נעבעך ניט אויסגעהאַלטן דעם קינפעט־פיבער. מענטשן! די ליפּן זיינען ביי איר אינגאַנצן פאַרברענט און זי נעמט שוין מער ניט קיין טראָפּן וואַסער אין מויל. דעם רב׳ס סגולות האָבן אויך ניט געהאָלפן: ניט די פּאָר לעפעלעך ווייז פון קידוש־בעכער, ניט דער נאָמען „דן״... מענטשן! זי כאָרכלט שוין — אַ מאַמע פון פיר קינדער און פון איין אַכט־טאָגיקן זויג־קינד... געוואַלד געשריען, זי גוסס׳ט!...

און נאָך האַלבע נאַכט איז שוין דאַנקע, וויגדער׳ס מיזיניק, געבליבן אַ יתום, וואָס זויגט פון אַ ראָזשיק, פונקט אַזוי ווי משה׳קע ביים שכן. און די געוויינען און געוואַלדן ביים וואַלד־סוחר אין הויז האָבן פאַרטומלט די שוואַכע קוויטשערייען פון ביידע ברית־קאַמעראַדן; ביי וויגדערן, אַזוי ווי ביי קיווע דעם לעקעכמאַכער.

גאַנעק קעגן גאַנעק

א

דאָס ווינקעלע, וואו קיווע׳ס „האָדולניק״ איז געפונען געוואָרן, הייסט אין גאַנץ שקלאָוו: „מאַנאַזאָנ׳ס זאַוואולעק״ אויפן נאָמען פון דעם גביר שלמה מאַנאַזאָן, וועלכער האָט דאָ אַמאָל געוואוינט, אין די ציַיטן פון די „כּאַפּערס״, אין ניקאָלאַי דעם ערשטנ׳ס צייטן. דער זאַוואולעק האָט שוין לאַנג אָפּגעברענט און איבערגעבויט זיך אויף גאָר אַן אַנדער שטייגער, און פונדעסטוועגן הייסט דאָס נאָך עד־היום „דער זאַוואולעק״.

אַצינד איז דאָס גאָר אַ זייטיקע קופּקע הייזער ביי דער גרויסער שול־גאַס; ניט קיין פּלאַץ, ניט קיין ווינקל. עפּעסביידע זאַכן צוזאַמען. וואָרים צוויי זייטן פונם געבוי באַשטייען פון צוויי שורות׳לעך הייזער און צוויי — פון קרויט־גערטנער.

פיר הייזער קעגן פיר הייזער צעגייען זיך דאָ ווי אַ „דלד״, ביז די שי־טערע פּלעקענער־צוימען פון די קרויט־גאָרטנס. פיר הייזער קעגן פיר הייזער האָבן אַנגעכמורעט די שינדל־דעכער, אַנגעהאָרנט די ציגעלנע קוימענס, געשטעלט זיך דיבאָם, „אויף די הינטערשטע פיס״ און צעבוקעט זיך מיט צוויי גאַנעקעס. איין גאַנעק — רעכטס, געהערט ווינדער דעם וואַלד־סוחר׳ס הויז, דער צווייטער גאַנעק — לינקס — קיווע דעם לעקעכמאַכער.

„דיבאָם״, דאַכט זיך, האָבן זיך אויפגעשטעלט ביידע שורות׳לעך הייז־קעס דערפאַר, ווייל צו די קרויט־גערטנער לאָזן זיך די דעכער אַראָפּ, און צו די צוויי גאַנעקעס שטייגן זיי אויף. אונטער זייערע דעכלעך האָבן זיך די הייזקעס איינגעשפּאַרט, איין בלינדע וואַנט אין דער אַנדערער, און שטופּן זיך באַרג אַרויף צו די גאַנעקעס, אין ווינקל... איז דאָך אין פלוג די קשיא: ווייניק פּלאַץ אין שקלאָוו? פאַרוואָס אַזוי ענג?... איז דער תירוץ: מען האָט זיך אַזוי צוריק־אויפגעבויט באַלד נאָך דער גרויסער שרפה מיט אַ יאָר פופציק צוריק. נו, איז דאַמאָלסט, זאָגט מען, געווען אַ גרויסער דוחק אויף געהילץ און אויף שינדלען, איז מען געווען שפּאָ־רעוודיק... איז דאָך ווייטער אַ קשיא: סטייטש? אַקאָרשט האָט מען אָפּגעברענט בקאָמפּאַניע, ווייל מען איז געשטאַנען דאַך אויף דאַך, גייט מען און מ׳מאַכט דעמזעלבן פּעלער? נאָר גיי פרעג קשיות, אַז די אַלע

וואָס האָבן זיך צוריק אויפגעבויט זיינען שוין לאַנג אויפן „גוטן־אָרט", אין רישקאַקי; און די וועלכע זיינען איבערגעבליבן, אינם הילצערנעם „דלד", לעבן און גערייען דאָ, געלויבט דער אייבערשטער, ווי גאָט האָט געבאָטן. און ביז איצטער, הלואי ווייטער, האָט מען דאָ פון קיין שום נייער שׂרפה ניט געהערט. טאַמער, אַמאָל אין אַ שמיטה, צינדט זיך אָן די פּעטע סאַזשע ביי קיווע דעם לעקעכמאַכער אין קוימען, קלעטערט ער אַליין אַרויף אין איינע הויזן, במחילה, אויפן דאַך, גיסט אַריין אין קוימען אַן עמער וואַסער, דעקט צו מיט אַן אייזערנעם טאַץ, און אַלץ גייט ווייטער כשורה.

ס'איז בכלל ניטאָ קיין חסרון אָן אַ מעלה. דער סאַמע ווינקל, למשל, וואו די צוויי גאַנעקעס האָבן זיך „צעבוקעט", איז אָפּן ווי אַ מין הויכער שמאָלער טויער צו דער שול־גאַס אַרויס. ציט דאָ דערפאַר שטענדיק אַ ווינטעלע, אפילו אין די הייסעסטע טעג אין תמוז. שכנים פון אַלע אכט הייזער קומען אַהער אָטכאַיען זיך אין דושנע אַוונטן. בכבוד'יקע שכנים זעצן זיך אויס אויף וויגדער דעם וואַלד־סוחר'ס גאַנעק און אָרימע — אויפן גאַנעק ביים לעקעכמאַכער. און שכנים קעגן שכנים פּאַכען איבער די פּאַר־שוויצטע העלזער מיט וואָס גאָט גיט און זאָגן אַז ס'איז אַ מחיה.

אַלע שכנים גייען אַ גאַנצינקן טאָג אַדורך, צווישן אָט דיביידע גאַנעקעס, צום שול־גאַס אַרויס און, פון שול־גאַס, אין „זאַוואָלעק" אַריין. סיידן מ'וויל מאַכן אומוועגן איבער סטעזשקעס צווישן פּלעקערנע צוימען. זומער מאַכט מען אָפּט מאָל אַזאַ אומוועג. מיט געדיכטן גרינס זיינען פאַרוואַקסן די גרויסע קרויט־גערטנער. עס שמעקט מיט פרישע ערד און מיט קירבעס־בליעכץ. יינגלעך גראַבלען אַרוים אַ ניט־צייטיק אוגערקעלע פון אונטער אַ צוים... אָבער ווינטער ליגט דאָ אומעטום אַ טויטע ווייסקייט. וויסט זיי־נען די גערטנער און גליטשיק און נאַס זיינען די שמאָלע סטעזשקעס. גייט מען דאַמאָלסט אַדורך נאָר צווישן ביידע גאַנעקעס.

וויסן, דאַכט זיך, די גאַנעקעס אַליין ווי חשוב זיי זיינען און וואָס פאַר אַן אָרט זיי פאַרנעמען ביים הויפּט־איינגאַנג פון קליינעם ישוב. גאַנעק אויף גאַנעק האָט אָנגעכמורעט זיין דעכעלע — גרויסע שינדל־דאַשיקעס — „איבער די אויגן". ביידע זיינען זיי אָביסל ברוגז און ביידע כוואַטעווען זיך. וויגדער דעם וואַלד־סוחר'ס גאַנעק איז טונקל־גרין באַפאַרבט, און די איינגאַנג־טיר איז העל־גרין. און אונטערן לעצטן טרעפּל, איינגעגראָבן אין דער ערד, ליגט אַ האַלבער מילשטיין פון מזל וועגן. קוקט טאַקע דער גאַנ־צער גאַנעק אויס פריש און האַפערדיק. אַקעגן אים שטייט קיווע דעם לע־קעכמאַכער'ס גאַנעק אַ פאַרעלטערטער, אַ גרויער, און דער צו־גרויסער שינדל־דאַשעק זיינער איז באַוואַקסן מיט פליכעוואַטן גרינעם מאָך, ווי מיט פאַרצייטיקן סאַמעט צעפרעסן פון מאָל. די סלופּעס, וועלכע שפּאַרן אים אונטער, זיינען אָנגעשפּאָלטן פון רעגן. און אָנשטאָט אַ מילשטיין אונטערן לעצטן טרעפּל, ווי ביים וואַלד־סוחר, ליגט דאָ איינגעגראָבן אַ האַמעטנע קלאָץ מיט אַן אָפּגעריבענער אייזערנער פּאַדקאָווע. אַן אָרימער גאַנעק און

אַז אַרימע סגולה... קוקט ער טאַקע דערפאַר אויס אַביסל ברוגז'לער, דעם לעקעכמאַכער'ס גאַנעק ברוגז'לער אָבער שטאַלץ. ווי אַ באַלמעלאַכע אויף אַ שטשאַגל־אַ־לײַדיקגײער, אַזוי קוקט ער פון אונטערן דאַשעק אויף דעם גרינעם גאַנעק, וואָס אַקעגן. „איך האָב דיך, הייסט דאָס, אין דר'ערד מיט דײַן גאַנצן פּראַנטעוועז! מיט מײַן פּאַדקאָווע פאַל איך אסור ניט אַראָפּ פאַר דײַן מילשטײַן".

האָט אַזוי יעדער גאַנעק זײַן באַזונדער אויסדרוק. און פּונקט אַזוי ווי זייער אויסזען, אַזוי איז פאַרשיידן זייער ריח. עפנט מען אויף אַ טיר, גיט זיך אַ טראַג, פון קיווע'ס גאַנעק, אַ געדיכטער ריח פון צוגעברענטן האָניק מיט ניס, געווירצעלעך און אינגבער. און פון וויגדער'ס גאַנעק — אַ וואַ־רעמער גערוך פון הינערשע שמאַלץ, פון פריש־געלאַקטע מעבל און פון פּאַרפיום... די מוסטערן פון ביידנס געשעפטן זעט מען דאָ אויך אויף אַן אָרט. פון ביידע זייטן גאַנעק, ביי ווינגדערן דעם אַלמן, ליגן אָנגעהויר־בעט דעמבענע קלעצער, דיקע ברעטער פאַר פענסטער־שוועלן, שוועלן פאַר דער אייזנבאַן און וואָרצלדיקע געפינטלטע שטיקער „טשעטשאַטקע", פון וועלכער מען טאַקט רעדלעך פאַר מאַסטן. פרישער פעך טריפט פון די קלע־צער — אַ נחת פאַר אַלע קינדער פון זאַוואָלעק. זיי רייבן מיטן פעך אַן די סטרונעס פון פידעלעך און מיינען, אַז זיי שפּילן; זיי באַשמירן מיט פרישן דורכזיכטיקן פעך קאַלירטע פּאַפּירעלעך און לייגן זיי אויס אויף דער זון: מיינען די פלעדערלעך אַז דאָס זיינען בלומען, פליען זיי אַן און קלעפּן זיך צו...

דערפאַר איז קיווע'ס גאַנעק זומער־צייט אַ גאַנצע אויסשטעלונג פון בלעכן און סקאָווערדעס פול מיט געפּרעגלטן מאַן, מיט לעקעך און מיט מאַנדל־בייגעלעך. דאָ שטעלט מען זיי אַרויס צום קילן, און יידישע קינדער און חדר־יינגלעך קוקן און עס נאַגט זיי אין האַרצן. מאַנטשען־אויס באַ־לעבאַטישע קינדער אַ קאַפּיקע ביי דער מאַמען און כאַפּן זיך אַריין צו קי־ווען נאָך אַ שטיקעלע געפּרעגלטע מאַן, אָדער קאָרן־לעקעך. און ביי אָרעמע קינדער רינט די סלינע. שטייען זיי פאַרשעמטע אַקעגן קיווע'ס גאַנעק און ציען אין זיך דעם וואָרעמען האָניק־ריח. נאָר וואָס מער זיי ציען, אַלץ מער גייט זיי אויס דאָס האַרץ. צוגיין נענטער צום גאַנעק — דאָס זיינען אומזיסטע יסורים, און לאַטכענען איז אוודאי זעהר שווער. מ'האָט שוין געפּרוּווט און עס גייט ניט. ווי נאָר מען שטעלט אַ פוס אויף דער איי־זערנער פּאַדקאָווע, ביים אונטער־טרעפּל, אַזוי וואַקסט אויס שצערע די בעזדעטניצע אין דער אָפענער טיר, אירע שוואַרצע אויגן ברענען מיט פאַרדאַכט און די בלויע ליפּן שפּאַלטן זיך אויף:

— יינגלעך, יינגעלע...

אפילו ווינטער־צייט, ווען די טיר איז פאַרמאַכט, לאָזט זי אויך ניט איר סחורה פון אויג. ווי נאָר מען מאַכט אַן איבעריק טריטעלע, אַזוי צע־טראַסקעט זיך איר וואָרצלדיקער פינגער אין אַ שויב:

— יינגעלע, יינגעלע...

דערפאר האבן איינמאל די ארעמע קינדער פון זאוואלעק געהאט נקמה אין שצערעז, אין איר קארגשאפט און אין אירע אומזיסטע פארדאכטן. ווי ניט געהיט זי האט איר לעקעד אויפן גאנעק, אבער פון אלטערקע דעם משוגענעם האט זי דאס פארט ניט געקאנט איינהיטן. ווי א פארהונגערטער רוח איז ער איינמאל, א פאר־ווארעמעס, אויסגעוואקסן פון אונטער קיווע׳ס גאנעק, א שפרונג איבער אלע טרעפלעך און א כאפ געטאן א סקאווערדע מיט געפילטן לעקעד און גלייך געכאפט פרעסן און לויפן; ביידע זאכן אויף איין מאל. שצערע האט זיך גענומען יאגן נאך אים און פלאנטערן זיך אין לאנגן קליידל און פאכען מיט די הראבליע־הענט. קיווע, אין איינע תחתונים און יארמעלקע, איז ארויסגעלאפן נאך איר. איז געווארן פריילעך אויף דער שול־גאס. שמייסער־יונגען האבן געהאלפן און אלטערקען האט מען סוף־כל־סוף אנגעיאגט און גענומען געבן קלעפ פון אלע זייטן... אבער ארויסצורייסן ביי אים דעם האלב־אויפגעפרעסענעם לעקעד איז קיינעם ניט געלונגען. א צעבלוטיקטער, א צע׳מזיק׳טער האט זיך אלטערקע איינ־געקלעמט אין גוטן ביסן מיט ציין און נעגל. בלוט און טרערן האבן זיך פון אים געגאסן, און דעם לעקעד האט ער ניט אפגעגעבן. „אר־אר־או א נכפה!...״ האט ער מיט פארביסענע ציין געוואיעט און געשלונגען, אנ־ווארפנדיק א שרעק אויף אלע זיינע פארפאלגער. און שוין נאך אלעמען, אז מען האט אים אפגעלאזן און ער איז געבליבן זיצן איינער אליין אינמיטן גאס, אז איין פיצל לעקעד איז האנט, ערשט דאן האט ער זיך מיישב געווען, אנגעקוקט מיט בלוט־פארלאפענע אויגן ביידע פוסטע דלאניעס און אויפגעהויבן א מורא׳דיק קול פון פראטעסט:

— איבער א פיצל לעקעד... א מענטשן גע׳הרג׳עט... א שרפה זאל אויף אייך קומען!

ב

היינטיקן פרילינג, נאך אזא שיינעם ברית ווי זיי האבן געפראוועט, האבן קיווע און קיוועכע אויפגעבונדן דעם בייטל. דאס צוקומען פון א דריטן עסער אין שטוב האט זיי ווייכער געמאכט זייערע אלט־געבאקענע הערצער. אימיצן אויף צעפלאצעניש האבן זיי געלאזן אפפארבן, אויף טונקל־גריז, זייער אלטן גאנעק און די טיר פון גאנעק אויף העל־גריז, פונקט אזוי ווי ביי ווינגדער דעם אלמן, און טראגט מען ארוים ביים אלמן אויפן גאנעק דאנקע דעם יתומ׳ל, אזוי טראגט גלייך ארוים שצערע די לעקעב־מאכעריו דעם געפונענעם משה׳לען אויף א י ר גרינעם גאנעק. טשערניע, די אם אין ווינגדער׳ס הויז, דריקט איר פולע ברוסט דאנקען אין פיסקל

אריין; און שצערע טוליעט איר משה'קען צום פלאַכן האַרצן און שטופּט אים אַ ראַזשיק אין מויל. ס'איז אַן אַנצוהערעניש, ווינגדער דעם אַלמן און דעם גאַנצן זאַוואָולעק, אַז זי, די לעקעכמאַכעריו, וואָס האָט אָפּגעשמאַכט אַ לעבן אַן איין קינדערשע פּיעלאַנקע, האָט זיך, אויף די עלטערע יאָרן, אויך ניט מיט וואָס צו שעמען.

דערזעט מען אין ווינגדער דעם וואַלד־סוחר'ס שטוב דעם „ממזר" אין שצערע'ס דאַרע אָרעמס, ווערט מען דאַרטן פאַרדראָסיק: וואָס הייסט? די בעזדעטניצע גייט גאָר קאָנקורירן מיט אַזאַ טייערן יתומ'ל ווי דאַנקע איז? אַ חלשות גייט פּשוט אונטער פון איר האַליובען דעם ממזר אירן! ווער ווייסט אויף וואָס פאַר אַ אומריינעם מיסט ער איז געוואַקסן... קלאַפּט מען אַן דער אָם אין פענסטער:

— טשערניע! טראַג אַריין דאָס קינד.

טראָגט מען דאַנקען אַריין צוריק צום וואַלד־סוחר אין דער דושנער שטוב און שצערע'ס אויגן ווערן רויט פאַר כעס.

— נישקשה, — מאַכט זי שטיל צו איר האָדולניק — משה'לע, מיין גאָלד! מירן זיי נאָך איבערלעבן... סטאַרע זיך, משה'לע!

און דער געפונענער יאַטל פאָלגט, וואָס די נייע מאַמע הייסט אים, און סטאַרעט זיך. ער זשליאָקעט פון די גומענע ראַזשיקעס, אַז ס'איז אַ מחיה צו קוקן. די בעקלעך ווערן ביי אים פולער פון טאָג צו טאָג און די אויגן ליכטיקער. אויפן זעקסטן חודש שניידן זיך ביי אים אויס די ערשטע ציינד־לעך, אָן קולות און אָן איבעריקע סגולות. אַ וואָלף־ציינדל האָט אים שצערע אויפגעהאַנגען אויפן האַלז — רייבט ער די יאַסלעס און מאַכט „מאַם־מאַם־מאַם"... ס'הייסט: מען זאָל זיך צופיל ניט זאָרגן אַרום אים, ער וועט שוין, ווי ניט איז, די יאַסלעס דורכרייבן...

און דוקא דאַנקע, דעם וואַלד־סוחר'ס ציטערדיקער מיזיניק, וואָס זויגן טוט ער פון אַ געזונטער ברוסט און ווערט געפּיעסטשעט און געכאַליעט, דוקא ער איז עפּעס שטענדיק ניט־אינגאַנצן. דאָס רינט אים פון נעזל, דאָס טוט אים וויי אין העלזל, דאָס שרייט ער אויפן בייכל און דאָס — אויף די ציינדלעך: רק מען מוז אים וויגן דאָס וויגעלע און רק דאָס שלאָפט ניט. פאַרגינט מען ניט משה'קען דעם געפונענעם אַזאַ געזונט און אַזאַ גוטן שלאָף, ווי ער האָט ביי דער לעקעכמאַכעריו אין שטיבל.

— מ'זעט טאַקע — מורמלט די קנאה ביי ווינגדערן אין הויז — מ'זעט טאַקע, אַז ס'איז אַ טרפה'נע ביין...

בימלעכווייז געוואוינען זיך ביידע שכנים צו צום גרויסן אונטערשיד. די קאָנקורענץ מיט ביידע קינדער ווערט שוואַכער. דער אונטערשיד צווישן יתום און ממזר גלייכט זיך מיט דער צייט אויס. סוף זומער ציען שוין ביידע קינדער די הענטלעך איינער צום צווייטן פון די גרינע גאַנעקעס, און

ווינגדער׳ס אַנגעבלאָזענע אַם און די פאַרביטערטע לעקעכמאַכערין לאָזן די קינדער צו נענטער, זיי זאָלן זיך דורכשמועסן אויף זייער אייגענעם לשון.

— גאַגל, גאַגל, גאַגל! — אַזוי באַגריסט משה׳קע זיין זיבן־חדשים׳דיקן חבר׳ל.

— אַגיל, אַגיל, אַגיל! — מאַכט נאָך דאַנקע דער יתומ׳ל, אָבער אַ סך אומעטיקער און שוואַכער.

און טשערניע די אַם און שצערע די לעקעכמאַכערין לאַכן הויך אויף אַ קול. צענעמען זיך, אַפּטמאַל, די פאַרהאַנגלעד אין וואַלד־סוחר׳ס הויז, און ווינגדער׳ס שמאָלער קאָפּ, אין דער זיידענער זעקס־קאַנטיקער יאַרמעלקע, רוקט זיך אַרויס. ער הארכט זיך צו, ווי די ביידע צוצעקעס שמועסן זיך דורך אויף זייער אויסטערלישן לשון און שמייכלט אויך צו, קאַרג און מיושב׳דיק, פּשוט — אַ רענדל אַ שמייכל...

ווינטער זיינען ביידע גאַנעקעס געשלאָסן. שניי ליגט אויף ביינקלעך און טרעפּלעך. ניט קיין קינדער שפּילן זיך דאָ ביי טאָג, ניט קיין שכנים קומען זיך אַהער אויסשמועסן פאַרנאַכט. ערשט אַ פּאָר וואָכן נאָך פּסח טריקענען זיי זיך ווידער אויס און די גרין־געפאַרבטע טירן עפענען זיך אויף. אויף קיווע׳ס גאַנעק קאַראַבקעט זיך אַרויס משה׳לע אין אַ פּאָר מולטענע הייז־לעך מיט אַ שפּענצער. ער דערקריכט ביזקל באַנק, כאַפּט זיך אָן ביי אַ האַל־צערנעם פּיסל, שטעלט זי דאַויף, שטרעקט אויס דאָס פוזעלע זיינס און שרייט פון פולן האַלז:

— מאַם־מאַם... טיע־טיע־טיע!

אויף קינדער־לשון הייסט דאָס: מאַמע, מאַמע! זע, זע! איך שטיי שוין!

און אויף ווינגדער דעם וואַלד־סוחר׳ס גאַנעק, וואָס אַקעגן, קריכט אַרויס דאַנקע. ער איז איינגעוויקלט אין וואָל און אין מולט, ווי אַן אתרוג אין פּאַקליע. איין פּאָר הייזלעך אויף די צווייטע און איין ליבעלע איבערן אַנדערן. זיין פּנימ׳ל איז גרין און אַפּגעבליאַקעוועט, ווי דעם טאַטנ׳ס גאַ־נעק פאַרן ווינטער. ער קריכט אויף אַלע פיר. דערזעט ער משה׳לען זיין חבר׳ל שטיין אויפן צווייטן גאַנעק מיטן בייכל פאַראויס, וויל ער נאָכמאַכן די קונץ און קאָן ניט. ער איז נאָך צו־שוואַך, דאַנקע, צו שטיין אויף די אייגענע פיסלעך. דאָס איינציקע, וואָס גיט זיך אים יאָ איין, איז צו שרייען פונקט אַזוי ווי משה׳לע: „טיע־טיע־טיע!"...

שצערע די לעקעכמאַכערין און טשערניע די אַם זיצן אויף די גאַנעקעס און גיבן אַכטונג — קליינוואַרג זאָלן זיך, פון גרויס כראַברען זיך, ניט אַראָפּקייקלען פון די טרעפּלעך און ניט גע׳ניזוק׳ט ווערן.

— טצ... טצ... טצ, דאַנקעלע! — קנאַקט שצערע מיטן צינגל — דו שטייסט נאָך גאָר ניט?

— א „סעדיורע!" (א זיצער) — ענטפערט פאר אים טשערניע זיין אם, מיט ביטול, און קערט אפ דעם קאפ.

אפטמאל קריכט אצינד משה'לע ארויס אויפן גאנעק און גריזשעט א הארטן אקרייציק פון קארענעם לעקעך. דאס איז גוט, זאגט שצערע, צו די יאסלעס. דערזעט דאנקע דער יתומ'ל פון צווייטן גאנעק, אז דער חבר'ל זיינער איז עפעס זעהר פארסמאקעוועט און פאר'נחת'ט: די אייגעלעך זיינע שיינען און נאז און באקן זיינען אים אויסגעשמירט ברויז־רויט און קלעפעדיק... פארגלוסט זיך אים אויך. הייבט ער זיך אן שארן מיט א זייטל גלייך צו די טרעפלעך און ציט אויס א הענטל.

—עהן־עהן־עהן! — קוואקצעט ער ווי א הינדל און ווייזט אן אויף משה'קען. דאס הייסט, אז דאס וואס משה'קע עסט געפעלט אים און ער וואלט אויך געוועז א בעלן צו פארזוכן.

כאפט זיך שצערע אריין אין שטוב און טראגט גיך ארויס פארן יתומ'ל פונקט אזא אלט־געבאקענעם שטיק קארן־לעקעך, ווי ביי משה'קען אין די הענטלעך.

— ס'איז גוט פאר די ציינדלעך! — פארענטפערט זי זיך פאר טשערניען.

קראצן זיך ביידע קינדער די יאסלעס מיט זיסע פרענטלעך און קוויטשען פאר הנאה.

פאר די ימים־נוראים, ווען דער ערשטער אסיען־נעפל צעשפרייט זיך איבער דער שקלאָווער אזיערע, כאפט דאנקע דער יתומ'ל א הוסטעלע. ער פארקייכט זיך און די אייגעלעך זיינען ביי אים רויט. „ס'איז גארנישט!" בארואיקט טשערניע די קיוועבע, ווען יענע רוקט זיך אפ מיט איר האַ־דולניק. נאר דאס אפרוקן זיך העלפט ניט. אין א פאר טעג ארום הייבט אן אויך משה'קע צו הוסטן. דאנקע'ס הוסטעלע גייט ביסלעכווייז איבער אין א קייך־הוסט. ער פארגייט זיך און פארגייט זיך, ווערט בלוי־רויט און קרייעט, אז אז אטעם, ווי א קראנק הענדל. נעמט איבער משה'לע די זעלבע שטיקלעך און קרייעט אויך. ביידע גאניקעס זיינען שוין אצינד געשלאסן. נאר דעם הוסט פון די קינדער הערט מען אין ביידע שכנ'ישע הייזער. ווי נאר דאנקעלע צעהוסט זיך, ענטפערט אים באלד משה'לע אפ מיט זיין נוסח, אבער מיט א סך מער כוח...

שילט זיך שצערע:

— מיינע שונאים'ס קעפ!... אט דאס האט מען פון די נגידישע שכנים!... „זאראזשעט" דאס קינד... א נס נאך, וואס דאנקע — משה'לען און ניט פארקערט... אויסצאלן וואלט מען זיך די בעלי־גאוה'ס ניט געקענט...

פאיעט מען משה'לען מיט ווארעמע האניק־וואסער, מיט לינדן־בליעכץ, און עס שטייט זיך ביי אים, אז עיז־הרע, אויס. אין עטלעכע וואכן ארום איז ער שוין א געזונטער. סיידן עס פארגלוסט זיך נאכמאכן דאנקען, ווען יענער צעהוסט זיך... שרייט אויף אים שצערע אז און משה'לע האלט

זיך איין. ביים יתום, אָבער, אין שכנ׳ס הויז, ציט זיך דער קייך־הוסט און ציט זיך חדשים־לאַנג. גרין און מאָגער איז דאָנקע פון הוסט געוואָרן און זעט שוין אויס ווי אַ „מאַלאָסאָלנע" אוגערקעלע. קראָל דער דאָקטאָר פאָרט אַן אַלע וואָך מיט זיינע גלעקלעך, און טשערניע די אַם לויפט אַלע ווײַלע אין אַפּטייק מיט נייע רעצעפּטן.

אַזוי גייט דאָס יעדעס מאָל מיט מאַנדעלעך, מיט מאָזלען, מיטן מעגעלע. משה׳קע דער בייסטרוק טראָגט אַלץ אַריבער לייכט, טרייסלט זיך אָפּ, ווי אַ גענזל פון וואַסער און איז טרוקן, און ביי דעם געפּיעסטשעטן יתומ׳ל גייט אַלץ צו שווער. איין חולאת האָט נאָך ניט פאָספּעיעט אַוועקצוגיין און די אַנדערע איז שוין דאָ.

משה׳קע הייבט דער ערשטער אָן צו רעדן. „פאָפּע" — הייסט שוין ביי אים ברויט, „העניע" — הערינג, „טוטע" — צוקער און „טעקע" — לע־קעך... ס׳איז אַ נחת צו הערן וואָס דער קליינער קלערט אויס פאַרן טאָג. און דער יתומ׳ל שאָקלט נאָך אַלץ זיין שליימיק צינגל און זאָגט נאָך אַלץ „גאָגל־גאָגל", וואָס משה׳קע האָט אים אַמאָל אויסגעלערנט. און אַלץ הייסט ביי דאָנקען „טיאַ־טיאַ". צוקער — טיאַ־טיאַ, טאַטע — טיאַ־טיאַ, שפּאַצירן גיין — אויך טיאַ־טיאַ...

משה׳קע איז אַ שלאַנקער יאַטל, מיט אַ פּוזעלע, מיט רויטלעכע געקרייזל־טע האָר און מיט בלויע קלוגע אויגן. אַ פּיסקל האָט דאָס פול מיט ווייסע ציינדלעך און אַ גריבעלע אין באַק — ווען ער לאַכט. און זינט ער האָט געמאַכט די ערשטע פאָר טריט, קען דאָס מער אַ מינוט ניט איינזיצן אויף אַן אָרט. אין אַלע לעכער איז ער פול און פון אַלע לעקעד־בלעכן נאַשט דאָס. ער יאָגט זיך נאָך דער קאַץ אין שטוב און פאַרשטייט ניט דעם שכל, פאַרוואָס ער קאָן זי ניט כאַפּן. ער האָט זיך שוין איינמאָל אפילו אַראָפּ־געקייקלט פון די גאַנעק־טרעפּלעך און אַ בוכצע געטאָן זיך אָן דער איי־זערנער פאָדקאָווע. נאָר איין ווײַליטשקע איז ער געבליבן זיצן אַ פאַר־וואונדערטער און געהאַט בדעה צו מאַכן אַ געוואַלד. ניט אַזוי פון ווייטיק, ווי פון חרפּה, וואָס מיט אים, אַזאַ כוואַט, האָט געטראָפן אַזאַ מיאוסע מעשה. האָט אים אָבער שצערע אַ חנפ׳ע געטאָן:

— זע, משה׳לע — געפונען אַ קאָפּיקע?

— אַ טאָפּטע! — דערפרייט זיך משה׳קע, וואָס מ׳האָט אים דאָ אַזוי קונציק אַרויסגעהאָלפן פון זיין גרויסער שאַנד און הייבט זיך אַליין אויף און, ניט־קוקנדיק אויף דעם ווייטיק אין דער קליינער „מחילה", חזר׳ט ער איבער „אַ טאָפּטע" — און קריכט אַרויף אויף איין טרעפּ. „אַ טאָפּטע" — און קריכט אַרויף אויפ׳ן צווייטן טרעפּל... גלייך צו שצערען אין די דאַרע אָרעמס אַריין.

און דער יתומ׳ל גייט נאָך אַלץ ניט. ער רוקט זיך נאָך אַלץ אויפן הינטער־חלק מיט אַ זייטל, מיט אַ זייטל. די שיטערע הערעלעך אויף זיין ווייך קעפּל

זיינען עפּעס אַן אַ שום פאַרב, ניט בלאָנד, ניט ברוין, ניט פאַפּעליאַטע. דאָס קעפּל אַליין איז ביי אים ניט קיילעכדיק, נאָר לאַנג, ווי אַן אוגערקע, מיט אַ זשליפּעץ. אין „זאַוואולעק״ רעדט מען, אַז דאַנקע איז אַ שלאַק, ווייל ער איז געגאַנגען פאַרקערט, ווען ער איז געקומען אויף דער ווייסער וועלט. אָבער ווידער דער וואַלד־סוחר האָט אַן אַנדער מיינונג: „נישקשה״ — טרייסט ער די שטוביקע — „ער וועט נאָך מירצעשעם האָבן אַ גוט קעפּל״...

דערווײַלע זעט מען דאָס „גוטע קעפּל״ ניט אַרויס. נאָר וואָס אמת איז אמת. אַ זעלטענע איידלקייט ליגט אויסגעגאָסן איבער דעם יתום׳ס פּנימ׳ל. אַן אינעווייניקסטע ליכטיקייט שיינט ביי אים אין די ווינקלען פון די גרויסע אָפענע אויגן. אַ פיינקייט און אַ ליבליכקייט — אין די ווינקלען פון די ליפּן. קערפּערליכע ירושה פון עלטער־עלטערן, געפּיעסטשעטע און געקעכלטע, אין פוד און וואַל געוואָרעמטע, אין מילך און פּוטער געבאָדענע, רופט זיך אָפּ אפילו ביי אַזאַ ווייסקראָבעק וואָס האָט אומגעבראַכט די שוואַכע מאַמע זיינע, ווען ער איז געבוירן געוואָרן.

און ניט אומזיסט ווערט ווידער ברוגז׳לעד, ווען ער הערט די שטוביקע רעדן מיט קנאה וועגן ממזר׳ל פון אַקעגנאיבער, ווי געזונט יענער איז און ווי זשוואַווע.

— אַ פאַרגלייכעניש... — ציט ער זיך אַ צייל האָר מיט ביטול — י ע נ ע ר איז אַ וואַיט, אַ קאַצאַפּ, אַ אַ... שדים ווייסן וואָס! און דאָס איז זייד, אַן אפּרוח׳ל, אַ פליג אויף דער וואַנט טשעפּעט דאָס ניט...

די שטוביקע פאַרגינען אָבער פאַרט ניט. עס פאַרדריסט זיי, וואָס דאָס ניט־כשרע קינד געדייעט אַזוי גוט ביי קיווען, ביי דעם שטענדיק אָנגע־הייצטן אויוון, אין ענגשאַפּט און צוג־ווינטן. אים, ווידערן, ווען ער זיצט אַזוי און טרינקט טיי און גלעט זיך די באָרד, איז לייכט צו רעדן. ער וואָלט אָבער אַליין געפּרואווט ניאַנטשען זיך מיט אַזאַ „סעדיורע״ ווי זיין דאַנקע איז, וואָלט ער אַנדערש גערעדט.

יתום און ממזר

א

וועןביידע קינדער, דאַנקע און משה׳קעלע, זיינען אונטערגעוואַקסן, די ערשטע מייטקעלעך אָנגעצויגן, די טרעפּלעך פון די גאַנעקעס אָראָפּגעשטיגן און גענומען אַרומלויפן אין „זאַוואָולעק״, האָבן זיי אויפגעעפנט זייערע אייגלעך און נשתומם געוואָרן. זיי האָבן דערזען אַ קליינע אָפּגעשלאָסענע וועלטל, וועלכע צעלויפט זיך אין צוויי ציילן הייזער און שליסט זיך אָפּ מיט „גוואַלדאַוונע״ גערטנער.

פאַראַן נאָך אַ וועלט, נאָך אַ גרעסערע, נאָך אַ געהיימניספולערע. דאָס איז די שול־גאַס, וואָס שימערט אין אָפענעם דורכגאַנג, צווישן ביידע גרינע גאַנעקעס... נאָר דאָרטן, זאָגן די טאַטעס און מאַמעס, טאָר מען ניט אַרויס־גיין. אפילו אַרויסקוקן טאָר מען ניט. וואָרים, דאָרטן, אַזוי זאָגן זיי, פאָרן פערד מיט אייזערנע פּאַדקאָוועס, גויים מיט טאָרבעס, לויות פון געשטאָר־בענע גייען דורך און קי פון סטאַדע. און גאָט ווייסט וואָס מיט קליינע קינ־דער קען טרעפן אויף דער שטורעמדיקער וועלט אויסער די צוויי גאַנעקעס, אין ווינקל פון ביידע שורות הייזער. און אַ גוט קינד, אַזוי זאָגן זיי, וואָס וויל לעבן און געזונט זיין, דאַרף אפילו ניט טראַכטן פון דער שול־גאַס און מוז בלייבן דאָ, אין זאַוואָולעק...

און טאַקע, צוליב וואָס זאָל מען לויפן און קריכן שדים ווייסן וואוהין? אַז דאָס אָפּגעשלאָסן וועלטל, צווישן די עטלעכע בערוועגע הייזער און גערטנער־צוימען, איז נאָך אויך גענוג גרויס און פאַר׳סוד׳עט, און קיין איינציק ווינקעלע איז דאָ נאָך ניט גענוג אויסגעפאָרשט.

אויף קיווע דעם לעקעכמאַכער׳ס הויז, למשל, שפּאַרן אָן, ערשטנס: הירשל דעם מלמד׳ס שטוב. ר׳ הירשל קנעלט מיט דרדקי־קינדער אין צווייטן קאַמער און ציפּע זיין ווייב, אַ יידענע מיט גראָבע לעפצן, באַקט ברויט צום פאַרקויפן. אַ געזאַנג פון לערנען „עברי״ טראָגט זיך פון דאָרטן; און אין מעל־געשטויב, אין דער קיך, ברענט רויט אַ גרויסער אויוון און עס שמעקט דאָרטן מיט קימל און מיט זויערטייג... נאָכ׳ן מלמד שטופּט זיך צו די הייזקע פון שמחה דעם סטאָליאַר. דעם סטאָליאַר׳ס הייזקע קוועטשט־צו אַ האַלב־אָפּגעברענטע, האַלב־פאַרלאָטעטע פירהויז פון אַ געוועזענעם מויער

מיט חרוב'ע ווענט און מיט טיפע אויפגעריסענע קעלערן. דאָס זיינען די רעשטלעך פון אַמאָליקן שלמה מאַנאַזאַנ'ס מויער, פון פאַר דער גרויסער שרפה, אויף וועמעס נאָמען דער גאַנצער זאַוואָלעק ווערט אָנגערופן ביז צו היינטיקן טאָג. אינם פאַרלאָטעטן, גאַנץ געבליבענעם טייל פון דער חורבה וואוינט אַצינד ה ע נ ע ך דער פאַרבער, מאַנאַזאַנ'ס אַ ווייטער קרוב. און באַלד נאָך אים הייבן זיך אָן די קרויט־גערטנער.

איצטער דאָס צווייטע שורה'לע הייזער, וואָס שפּאַרט אָן אויף ווידער דעם וואַלד־סוחר'ס שטוב. ערשטנס: שימעלע דעם סופר'ס הייזקע. שי־מעלע איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ. אינמיטן יום־כיפור, פאַר נעילה, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין הרעבליע, איבער עפּעס אַ שרעקלעכער מעשה, וואָס איז מיט אים געשען. אַנשטאָט אים וואוינט דאָ אַצינד קאַרפּל זיין יורש, אויך אַ סופר סת"ם. נאָר די הייזקע ווערט נאָך אָנגערופן אויף שימעלע'ס נאָמען ביז צו היינטיקן טאָג. אַ מאָדנע הייזקע איז דאָס. ניט מען גייט צו איר אַ ר ו י ף אַ טרעפּל, ניט מען טרעט אַריבער איר שוועל, ווי אַלע געוויינלעכע הייזער, נאָר מען גייט אין איר אַ ר אָ פּ אויף טרעפּ־לעך, ווי אין אַ קעלער אַריין. איר דיל איז איינגעזונקען אין דער ערד, און אירע פענסטערלעך זיינען נאָך אַ פּאָר צאָל העכער איבער דער פלאַך פון זאַוואָלעק. זיצט זומער־צייט ביים אָפענעם פענסטער קאַרפּל דער סופר און שרייבט אויף פּאַרמעט. זיין פּנים איז מורא'דיק מאָגער און אומבאַ־וועגלעך, זיינע בולטע אויגן זיינען אויך אומבאַוועגלעך, און אַ פונקעלע פון אַ באַהאַלטן משוגעת'ל דרימלט אין זיי. ער טוט חס־ושלום קיינעם ניט קיין שלעכטס. ער טשעפּעט ניט קיין פליג אויף דער וואַנט. און פונדעסט־וועגן האָט פאַר אים דער גאַנצער „זאַוואָלעק" מורא... שטילער ווי די מאַנסבילן גייען שימעלע'ס הייזקע פאַרביי ווייבער און דערוואַקסענע מייד־לעך. אַ סוד שוועבט איבער דער דאָזיקער איינגעזונקענער הייזקע, און וואָס דאָס באַדייט פאַרשטייט ניט משה'קע קיווע דעם לעקעכמאַכער'ס. דאַנקע דער יתום — אוודאי ניט.

באַלד נאָכן סופר שטופּט זיך צו אַ צווייטע הייזקע, אויך אַביסל איינ־געזונקען אין דער ערד, אָבער ניט אַזוי טיף ווי דעם סופר'ס שטוב. דאָרטן וואוינט אַ יונג פּאָר־פּאָלק — וועבער. די וועב־מאַשין זעט מען ניט אין „זאַוואָלעק", ווייל זי שטייט אין אַ ווייטן צימער, צוגערוקט צו די פענסטער־לעך, וואָס גייען אַרויס צו דער שול־גאָס. מען הערט נאָר, ווי אימיצער טרעט אויף די וויג־העלצער און ווי דאָס שטאַלענע שיפעלע לויפט און שיסט מיט פאָדעם: ציק־צאַק, ציק־צאַק! אָפטמאָל זינגט דאָס פּאָר־פּאָלק, הערט מען דאַמאָלסט ניט ווי דאָס שיפעלע לויפט...

דערפאַר זעט מען אַלעמאָל אין זאַוואָלעק די באַלעבאָסטע פון דער הייז־קע, זלאַטקע הייסט זי. אַ יידענע אין יאָרן, מיט אַ געגאַלטן קאָפּ און מיט אַ זיידן טיכל ביז איבערן שטערן שבת און אינדערוואָכן. קינדער שיקן איר געלט פון אַמעריקע און איר שטוב טראָגט איר אויך אַביסל איין —

דירה־געלט, וואָס די וועבער צאָלן איר. האָט זי ניט גאַנצע טעג וואָס צו טאָן. מאַכט זי אַ זאָק. מיט איר גוידערדיקער גאָמבע זיצט זי איינגעבויגן איבער די שפּיזלעך און אירע בלינדעוואַטע שמאַלציקע קוקערלעך ציילן „אויגן". די ליפּן באַוועגן זיך ווי אין אַ שטילער אומענדלעכער תפילה און די שפּיזלעך לויפן: פּינק־פּונק, פּינק־פּונק!

פאַר וואָס־זשע נעמען זי בעסער די קינדער ניט אַריבער קיין אַמעריקע?... הערסטו, אויף דעם קלאָגט זיך דאָך טאַקע זלאַטע. זי קלאָגט זיך פאַר וועמען עס מאַכט זיך. וועד עס האָט נאָר אַביסל געדולד אויסצוהערן זי, פאַר דעם באַקלאָגט זי זיך און מאַכט אַ זאָק...

נאָך זלאַטע'ס הייזקע איז דאָ נאָך אַ הויז, אַ גרעסערס, וואָס שפּאַרט זיך אָן אין אַ קרויט־גאָרטן, מיט צוויי געוויסטע פענסטער און קערט אויס איר „מחילה", ס'הייסט איר בלינדע וואַנט, צום זאַוואָלעק. אָן אַ פענסטער און אָן אַ איינגאַנג — ברוגז מיטן זאַוואָלעק... דאָרטן וואוינט נאָך איינער אַ מלמד, אָבער ניט פון דרדקי־יינגלעך, ווי ר' הירשל, נאָר פון דערוואַקסענע יידישע קינדער. אַבא „דער טשאַסניקער" הייסט דער מלמד. ער איז אַביסל אַ זאַאיקער און קיין גרויסער למדן איז ער אויך ניט און האָט פונדעסטוועגן די פיינסטע תלמידים פון שטאָט. זיין קאַריערע האָט ער געמאַכט דורך זיין באָרד. אַ שיינע באָרד, ניטאָ וואָס צו רעדן! ווי אַ צעפּלאָשעטער רויטלעכער צאָפּ לאָזט זי זיך אים אַראָפּ ביזן גאַרטל. און ווייבער זאָגן, אַז ער איז אַ שיינער מאַנסביל. ער איז אפילו ניט קיין היגער ר' אבא דער מלמד. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער געקומען פון טשאַסניקי און פאַרוואָרפן די לאַנגע באָרד ווי אַ נעץ אין שקלאָווער געמויזעכץ און געכאַפּט תלמידים. און וואָס פאַר אַ תלמידים! פּופּצן רובל אַ זמן, זאָגט מען, באַקומט ער פאַר יעדן תלמיד. אָבער אַז אַפּמאָד האָט ער מיט די באַלעבאַטעם פון דער גאַנצער שול־גאַס, אַז מער ווי ניין תלמידים טאָר ער אין חדר ניט אַריינעמען, כדי ער זאָל זיך קענען אָפּגעבן מיט יעדן תלמיד ווי עס געהערט צו זיין. פאַרוואָס עפּעס ניין און ניט אַכט? — פאַרוואָס ניט צען? הייבט זיך אָן מיט קשיות!... אַזוי איז דער טשאַסניקער מלמד מושוה געוואָרן מיט די בכבוד'יקע באַלעבאַטעם און אַנדערש גייט דאָס ניט. די ניין באַלעבאַטישע תלמידים, וועלכע לערנען ביי אים, זיינען דורכגעדרונגען מיט זייער וויכטיקייט, מיט זייער הייליקער צאָל און פּריווילעגיעס, און גרייסן זיך אָקעגן די תלמידים פון אַנדערע חדרים און בלאָזן זיך אויפן גאַנצן זאַוואָלעק און לאָזן צו זיך ניט צו משה'קען — קיווע דעם לעקעכמאַכער'ס האָדולניק, ניט דאַנקען — ווינגדער דעם וואַלד־סוחר'ס יתומ'ל. די דרדקי תלמידים'לעך פון הירשל'ס חדר פּאַסט זיי אפילו ניט אַנצוקוקן. פאַר'גנב'עט זיך אַמאָל אַ נייגעריק ייִנגעלע אין קרויט־גאָרטן, אָדער פון דער שול־גאַס־זייט, און קוקט אַריין צום טשאַסניקער מלמד אין אַ פענסטער, אַזוי דערהערט ער באַלד אַ זידל־וואָרט פון אַן אָנגעבלאָזענעם תלמיד:

— שלעפּער, אַוועק!

דער יצר־הרע פון נאָשן איז אָבער שטאַרקער פאַרן האָנאָר. נידערן אָפּט־מאָל אַראָפּ די שיינע תלמידים פון טשאַסניקער מלמד צו קיווע דעם לעקעכ־מאַכער, כדי צו קויפן געפּרעגלטן מאָן פאַר אַ קאָפּיקע, אָדער אַ קייקל גע־האַקטע ראַזשינקעס. פּלאָנטערט זיך דאָמאָלסט משה׳קע צווישן די פיס און באַטראַכט זשעדנע דעם הויכן סאָרט יינגלעך. ווי באַשעפעניש פון גאָר אַן אַנדער וועלט זעען זיי אים אויס. נאָר זיי קערן פון אים אַוועק דעם קאָפּ. בלייבט ער שטיין אין אַ ווינקעלע אַ קליינינקער, אַ פאַרשמאַכטער. די גוטע זאַכן אין שטוב פאַרלירן ביי אים דעם טעם. פון האַרצקלעמעניש נעמט ער גאָר אַריין אַ פינגערל אין מויל און זויגט און טראַכט...

אינטערעסאַנטער, ווי אַלעמאָל, ווערט דער זאַוואָלעק, ווען עס ווערט אַ שטיקל טומל: אַ שכנ׳ס אַ קאַץ גנב׳עט אַוועק אַ שטיק פיש פון אַ פרעמדער שיסל, אַ ציג שלעפּט אַוועק אַ קעפּל קרויט פון אַ פירהויז, אָדער ביי קיווע דעם לעקעכמאַכער צינדט זיך אָן די פעטע סאַזשע אין קוימען. לויפן זיך דאָמאָלסט צונויף אַלע שכנים פון זאַוואָלעק: הירשל דער מלמד מיט דער רצועה אין האַנט, ציפּע זיין ווייב מיט דער ברייטער לאָפּעטע פון אַ ברויט־בעקערין, שמחה דער סטאָליאַר מיטן הובל, זלאַטע מיט אַ האַלבן זאַק צווישןביידע הענט און מיט אַ קניילכל פאַדעם אונטער דער פאַכווע. די שכנים אירע — אַ באָרוועסער וועבער און אַ באָרוועסע וועבערקע, ביידע באַשאָטן מיט קאָלירטן אָפּפאַל פון זייער וועבעכץ, שצערע מיט פאַרהאָ־ניקטע הענט ווי „האָראַבליעס"... הירשל דעם מלמד׳ס תלמידים׳לעך צע־שיטן זיך ווי די שרעטעלעך צווישן די דערוואַקסענע און עס ווערט גאָר־גאָר פריילעך... דעם איינציקן וועמען עס פּאַסט זיך ניט אַריינצומישן — דאָס איז דער טשאַסניקער מיט זיין גרויסאַרטיקער באָרד. ניט ער אַליין איז נייגעריק, ניט זיינע וואַזשנע תלמידים׳לעך. און משה׳קע קען בשום אופן ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי מענטשן קאָנען זיך דאָס אַזוי איינהאַלטן. שטופּט ער זיך אָפּטמאָל דורך אינמיטן טומל צווישן די סוקעוואַטע פלעקענער פון גרויסן קרויט־גאָרטן און שרייט אַרויף צום „טשאַסניקער" אין אַן אָפענעם פענסטער:

— די... די... ציג טאַקע אויפגעגעסן ביי אונז אַלע אוגערקעס!...

ער פאַרזאָרגט זיך אַזש פון גרויס אויפרעגונג און מסירת־נפש, אַבי דעם טשאַסניקער׳ס תלמידים זאָלן וויסן וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע זאַכן עס קומען פאָר אין זאַוואָלעק. אָבער פון אָפענעם פענסטער רוקט זיך אַרויס אַ פאַרריסן נעזל פון אַן אָנגעבלאָזענעם תלמיד׳ל און אַ חוצפּה׳דיק קאַלט קול׳כל גיסט אים אָפּ ווי מיט פאָמינעס:

— אַוועק, שלעפּער!

מיט קיין זאַך אין דער וועלט קאָן מען זיי ניט פאַראינטערעסירן, באַטש גיב זיי אַ קרענק!... פאַרלירן דעם מוט טוט אָבער משה׳קעלע בשום אופן

ניט. אין זיין רשות איז דא א גאנצער זאוואלעק. דאנקע דער יתומ׳ל איז אפילו א שוואכינקער, אבער אוועקמאכן מיט דער האנט קאן מען אים אויך ניט. הירשל דעם מלמד׳ס דרדקי־יינגלעך זיינען אויך ניט קיין גרויסע בעל־גאוה׳ס. און זיי שטייען אפטמאל צו צום שפיל. און מיט וואס זיך צו שפילן איז, געלויבט דער אייבערשטער, אויך דא געווג. אינמיטן זאוואלעק, צווישן דעם דריי־עק פון הייזקעס און גערטנער, וואלגערן זיך שטיינדלעך און ביינדלעך, צעבראכענע טעלער און שמחה דעם סטאליאר׳ס אפפאל פון ווארשטאט. צווישן די בערגלעך זאמד און מיסט וואקסן כל׳ערליי מיני גראזן און גרעזלעך. א גאנצע מלוכה! און א קאנאווקע גייט דא אויך דורך אין סאמע מיטן מלוכה. נאך א שטארקן רעגן פלייצט דא דורך א מוטנע וואסער און בולבעט זיך און רינט אוועק צווישן די קרויט־גערטנער. דאמאלסט איז די ריכטיקע צייט צו לאזן שווימען שטיקלעך קארע און הובל־ליעבעץ און אלטע קארקעס פון פלעשער. זיי שווימען אוועק מיט אן אומגעוויינלעכן אימפעט, ווי לעבעדיקע זאכן; און משה׳קע ווערט אזש שיכור פון אזא פלינקייט. ער האט מער קיין פיצל רחמנות ניט איבער זיין געזונט און שפרינגט, ווי א באנומענער, איבער דער קאנאווקע און שרייט צום יתומ׳ל — יענער זאל אויך שפרינגען:

— דאנקע, שפרינג! שפרינג, דאנקע!

נאר דאנקעלע רירט זיך ניט פון ארט. דאנקע שטייט אויף יענער זייט קאנאווקע און ציטערט.

—שפרינג! — מונטערט אים משה׳קע און טופעט־צו מיט א פיסל — אט שפרינג איך צו דיר אריבער. זע, זע: האפ!... אט אזוי!...

נעמט זיך דאנקע סוף־כל־סוף אן מיט מוט. ער לאזט זיך אויף קידוש־השם און מאכט אויך: „האפ! אט אזוי!” פונקט ווי משה׳קע האט געמאכט און... פאלט אריין אין קאנאווקע...

ער קריכט פון דארטן ארויס א פארבלאטיקטער, א פארכלינעטער. ער פאכעט מיט ביידע הענטלעך ביז ער קריגט אטעם און צעשרייט זיך מיט קולי־קולות.

אויף דאנקע׳ס געוואלדן לויפט מען ארויס פון וויגדער דעם וואלד־סוחר׳ס הויז מיט נאך גרעסערע קולות. ווייסט שוין שצערע די לעקעכמא־כעריז וואס דאס מיינט און לויפט ארויס מיט דארע צענומענע הענט, ווי מיט הראבליעס, צו באשיצן איר האדולניק. צעווערטלט מען זיך אין א נאווינע:

— אליץ אייער תכשיט!... — פאלט מען אן אויף שצערען, און מען שלעפט דאנקען פאר א נאסן ארבעלע אין שטוב אריין.

גיט שצערע אויסגאב גלייך אויפן ארט:

— טא האלט אים, דעם אנטיק, ביי אייך אונטער דער פערינע!...

פונקט אזוי, ווי דאָס שפּרינגען איבער דער קאַנאַווקע, ענדיקן זיך, מיט־טענס, אַלע אַנדערע שקאַצערייען. אַזוי לאָזט זיך אויס מיט גליטשן זיך, ווען די אויסגעגאָסענע פּאַמינעס ווערן פאַרפרוירן אין זאַוואולעק, מיט אַנהענגען זיך אַן אַ פויערשן וואָגן, וואָס ברענגט צופירן האָלץ פאַרן ווינ־טער. משה'קע גליטשט זיך אַהין און צוריק און טרובעט אין פויסטעלע פאַר גרויס וואוילטאָג. דאַנקע גיט זיך אַ גליטש און פאַלט גלייך אַנידער און צע'מזיק'ט זיך אַ קני און מאַכט אַ געוואַלד. משה'קע הענגט זיך אָן אָן דעם פויערישן וועגל און שאָקלט זיך און פאַרט מיט. דאַנקע פאַלט אַראָפּ און ציט זיך אויס און וויינט, גייט אַרויס אַ דערוואַקסענע שוועסטער, די דינסטמיידל און אַפּטמאַל ר' ווינגדער דער וואַלד־סוחר מיט זיין איי־גענעם כבוד. אַנשטאָט צו באַרואיקן זיין מיזיניק, שלעפּט ער אים נאָך, מיט גרויס רוגזה, אין שטוב אַריין, פאַר אַן אויער, און וואַרפט בשעת־מעשה בייזע אויגן אויף דאַנקע'ס חבר'ל.

— גוט ? — שיט ער אים נאָך זאָלץ אויף די וואונדן — אַה ? גוט ?... וויפל מאָל האָט מען דיר געזאָגט, זאָלסט זיך ניט לערנען פון אַט־דעם־דאָ ?... אַה ?

מיט „אַט־דעם־דאָ" מיינט מען משה'קען. עס חלש'ט זיך ווינגדערן און זיין משפּחה אָפּן אַרויסצושרייען „מיט־אַט־דעם־ממזר !" נאָר מ'האָט פּחד פאַר שצערע'ס מויל. פילט משה'קע, אַז באַשולדיקן אין אַלץ טוט מען אים. בלייבט ער שטיין און קוקט נאָך אַזאַ סצענקעלע מיט אַ האַלב־אָפּן מויל. ער וואָלט געהאַט גענוג ווערטער, וואָלט ער געפרעגט :

— זעט, זעט !... וואָס בין איך שולדיק וואָס אייער דאַנקע איז אַזאַ שלים־מזל ?...

ב

אַזוי מישן זיך ווידער אַריין די דערוואַקסענע און ציען ווידעראַמאָל אַ שאַרפע ליניע, מאַכן אַן אונטערשיד צווישן יתום און „ממזר". מען באַליידיקט איינער דעם צווייטן און מען זידלט זיך ; מען רייסט די שול־דיקע פאַר די אויערן — עס העלפט ניט. דאָס לעבן איז שטאַרקער פון יעדן מוסר־השכל. די קינדערשע ליידנשאַפטן זיינען הייסער ווי שטאַטנעקייט און יחוס. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס אַלעמאָל פאַלט דאַנקע אַריין אין אַן אומגליק, ווען ער שפּילט זיך מיטן שכנ'ס ייִנגעלע, און ניט האַרכנדיק אויף אַלע מיאוסע נעמען וואָס מען גיט אים אונטער די אויגן, ווי „ממזר", „בייסטרוק", „אויסוואורף" וכדומה — ציט עס דאַנקען צו זיין זשוואַוון חבר'ל, ווי צו אַ מאַגנעט. ער ווערט בטל פאַר משה'קעס דרייסטקייט, פאַר זיין קראַפט, פאַר זיין פרייליעכקייט, פאַר זיינע איינפאַלן.

— דאַ—אַנקע! — דערהערט זיך משה׳קעס קלינגענדיק קול פון זאַוואולעק — קו—ם, דאַ—אַנקע!

דער יתום צאַפּלט אויף און לאָזט זיך גלייך לויפן צו דער גאַנעק־טיר, ווי אַ פאַר׳כישופ׳טער. אָבער די שטוביקע גוטע־פריינט פאַרלויפן און שניידן אים אַלעמאָל אָפּ דעם וועג:

— זאָלסט זיך ניט דערוועגן אַרויסצוגיין! דו הערסט?...

אָדער:

— שוין לאַנג ניט צעריסן די הייזלעך מיט דיין חבר׳ל, וואָס? איז שטוב זאָלסטו בלייבן!

דערהערט דאָס שצערע ביי זיך אויפן גאַנעק און לאָזט זיך אויך ניט שפּייען אין דער קאַשע:

— רוף אים ניט! — שרייט זי אויף משה׳קען — נייטיק דאַרפסטו אים האָבן, דעם „סעדיורע"! שפּיל זיך אַליין!...

שפּילט זיך משה׳קע אַליין, נאָר דאָס האַרץ גייט אים אויס נאָכן שוואַרצינקן דאַנקע, ווי ביי אַן אומגליקלעך־פאַרליבטן. קיינער אין דער וועלט האָט ניט ליב אַזוי צו שפּילן די ראָל פון פאַרזאָרגער און באַשיצער, אַזוי ווי קינדער. משה׳קען רירט דאַנקע׳ס אומבאַהאָלפנקייט. עס חלש׳ט זיך אים צו ווייזן דעם יתומ׳ל אַ דרך, ווי מען שטיפט, ווי מען איז פלינק, ווי מען זשאַלעוועט ניט דאָס געזונט... און דאָס גיט זיך אים איין נאָר דאַמאָלסט, ווען די דערוואַקסענע נעמען אַראָפּ אויף אַ ווײַלע זייער השגחה און לאָזן זיי ביידן אַליין. נאָר ווייל דאָס ווערט געטאָן בחפזון, געכאַפּט־געלאָפּט און פון הינטן־אַרום, דערפאַר קומט יעדע נייע שטיפעריי אַרויס נאָך ווילדער ביי משה׳קען און נאָך אומגליקלעכער לאָזט זי זיך אויס פאַר דאַנקען. וואָס מער ער פאַלט אַריין, אַלץ שטרענגער שטעלן זיך די דערוואַקסענע צווישן אים און זיין חבר׳ל. ס׳איז אַן אומענדלעכע שרויף, און ווער ווייסט וואוהין זי קען דערפירן.

און פונקט אַזוי ווי אין זייער טעמפּעראַמענט, אַזוי זיינען ביידע קינדער פאַרשיידן אין זייער פסיכיק, אין זייער רעאַגירן אויף מענטשן און דערשיינונגען. משה׳קע איז פאַרזיכטיק און אויסגערעכנט, דאַנקע איז פאַרחלומ׳ט און פאַר׳חוש׳ט. וואָס דאַנקען שרעקט אָפּ, דאָס ציט משה׳קען צו. דאַנקע ווען ער דערזעט, למשל, אַן אָפּגעריסענעם קבצן אין קאַכשטוב, דערשרעקט ער זיך קודם־כל, ער קוקט פונדערווייטן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. און ווען דער אָרימאַן גייט אַוועק, הייבט ער אַן צו נודיען:

— זע, זע, ווער איז דאָס געווען?

— אַן אָרעמאַן.

— וואָס איז אַן אָרעמאַן?

— ווער עס האָט ניט קיין געלט.

— פאַרוואָס האָט ער ניט קיין געלט?

— ווייל גאָט וויל אַזוי.

— פאַרוואָס וויל גאָט אַזוי?

— פאַרדריי מיר ניט דעם קאָפּ, דאַנקע!! דו הערסט? דעם קאָפּ זאָלסטו מיר ניט פאַרדרייען!...

משה׳קע אָבער, ווען ער דערזעט אַז אַרעמאַן איז זאַוואָלעק, וואַרט ער ניט ביז יענער וועט קומען אין קיך אַריין און וועט בעטן אַ נדבה. נאָר ער פאַרלויפט אים דעם וועג און פאַלט אַריין אין שטוב מיט אַ בשורה:

— מאַמע! אַז אַרעמאַן גייט!

— אַ שמחה אין שטעטל! — ווערט שצערע אַ האָר ניט נתפּעל.

נאָר משה׳קע לאָזט זי ניט אָפּ:

— מאַמע, אַ קאָפּיקע!

— אויף וואָס אַ קאָפּיקע? וויניק נאַשערייען האָסטו אין שטוב?

— נייז־נייז־נייז! — באַליידיקט זיך משה׳קע — דעם אַרעמאַן!...

אָדער עס טרעפט, אַז דער גרויסער קלויסטער־גלאָק צעקלינגט זיך, אינ־מיטן טאָג, אין שרעק און אין אײַלעניש: „באָם־באָם־באָם!...” שפּיצט משה׳קע אַז אײן אויערל און שרייט אויס מיט שמחה:

— אוי, מאַמע, אַ שרפה! באַלד וועלן לויפן די „פּאָזשאַרניקעס”... און רײַסט זיך פון זאַוואָלעק אויף דער שול־גאַס. מען מוז אים אָפּהאַלטן מיט געוואַלד. ער שרייט און בריקעט זיך ווי אַ לאָשעק. די פּאָזשאַרניקעס וויל ער זען, זייערע העקעלעך אין די ברייטע גאַרטלען, זייערע מעשענע היט אויף די קעפּ.

דאַנקע, ווען ער דערהערט אַזאַ מין סאָרט קלינגען, לויפט ער באַהאַלטן זײַנע צעוואָרפענע צאָצקעס. מיט שוואַכע הענטלעך שאַרט ער זיי צוזאַמען אין אַ קערבעלע און טוליט זיך צו דער עלטערער שוועסטער אָדער צום טאַטן.

— מען קלינגט!... — ציטערט ער — אַ שרפה...

ווי אין מיטל־פּונקט פון אַ ברען־גלאָז, אַזוי שפּיצן זיך אין דאַנקע׳ס קינדיש הערצל צונויף אַלע אַנגסטן אין שטוב און אינדרויסן. יעדע זאָרג וואָס ער דערזעט ביי די דערוואַקסענע אויף די פּנים׳ער, שפּיגלט זיך אין אים אָפּ מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שאַרפקייט, און ער קנייטשט זיך צו־זאַמען ווי אַ שנעק אין זיין הייזקעלע. פון פענסטער דערזעט ער, ווי משה׳קע, זיין חבר׳ל, פילט זיך גוט און האָפערדיק בשעת די עלטערע מענטשן זיינען פאַרזאָרגט. ער פאַרשטייט דאָס ניט און איז אים מקנא.

דאָס זעלבע איז ווען אַ קודלאַטער הונט פאַרבלאָנדזשעט זיך אין זאַ־וואָלעק. דאַנקע הייבט אָן ציטערן. דער פּחד פון יידישע עלטער־עלטערן פאַר הינט ליגט אים אין בלוט. דאָס פּנימ׳ל צעקרימט זיך ביי אים. און ער

הייבט אָן אָפּטרעטן אויף הינטן. משה'קע רירט זיך פון אָרט ניט. ער קוקט דעם ניט־געבעטענעם גאַסט גלייך אין די הינטישע אויגן און, קוקנדיק אַזוי, בייגט ער זיך אַראָפּ נאָך אַ שטיין. זעלטן וועז דער הונט וואַרט ביי אים אויף כבוד, נאָר ער גיט גלייך אַ קוויטשיקן קורצן ביל און לאָזט זיך לויפן אויף אַלע פיר...

די דרדקי־יינגלעך פון הירשל דעם מלמד'ס חדר פאַרטשעפּען אָפטמאָל דעם שוואַכינקן יינגעלע. זיי טרייבן דאַנקען אָוועק פון זיך:

— גיי, גיי! דו טאַקע... ניט לערנסט אַלף־בית...

שטעלט זיך פאַר אים משה'לע איין:

— ער ט'לערנען בעסער פאַר איך!... ער איז נאָך אַ קלייניקער...

און איז מכבד אָפטמאָל מיטן קולאַקעלע וועמען מען באַדאַרף.

פאַר אַזאַ שוץ צאָלט אים דאַנקע מיט וואָס עס מאַכט זיך: מיט קנעפּ־לעך, מיט צעבראָכענע צאַצקעס, מיט קאָלירטע פּאַסאַליעס. מיט דער צייט געוואוינט זיך משה'קע צו צו אַזאַ לוין, ווי אַ געדונגענער יון. ער נעמט אַן, ווי אַ זאַך וואָס קומט אים, אַלץ וואָס דאַנקע טראָגט אים שטילערהייט אַרויס פון שטוב. ער האָט אפילו איינמאָל אָנגענומען ביי דאַנקען אַ ביי־נערנעם ציבעק, וויגדער דעם וואַלד־סוחר'ס אַ ציבעק פון אַ צעבראָכענער פּיפּקע. און, נישקשה, ס'איז דורכגעגאַנגען. מ'האָט זיך ביי וויגדערן אין הויז ניט געכאַפּט.

אַ קריגערייַ האָט נאָר איינמאָל אויסגעבראָכן צווישן ביידע גאַנעקעס, ווען דאַנקע האָט אַרויסגעטראָגן פון שטוב אַ קליין זילבערן לייכטערל. עס איז געווען אַן אַלט־מאָדיש באַבע־לייכטערל מיט אַ שווערן געגאָסענעם פוס און מיט אַ טרייבל ווי אַ „פינפערל", אַריינצושטעקן אַ ליכט. וויגדער דער וואַלד־סוחר האָט דאָס לייכטערל טייער געהאַלטן, אַלס אַן אָנדענקען פון זיין פאַרשטאָרבענער ווייב. גליקע, דאַנקע'ס מאַמע, עליה השלום, האָט דאָס באַנוצט אין שלאָף־צימער. נו, נו, האָט מען זיך ביי וויגדערן אין שטוב געכאַפּט, אַז דאָס לייכטערל פעלט, איז געוואָרן אַ טומל און אַ רעש — הימל עפן זיך!

סוף־כל־סוף איז מען, מיט גוטן און מיט בייזן, דערגאַנגען ביי דאַנקען, אַז דאָס לייכטערל האָט ער אָוועקגעשענקט משה'קען. איז מען גלייך אָוועק־געלאָפן צו שצערען מיט קולות און געוואַלדן:

— אַט שוין אויף אַן אָרט זאָל מען אָפּגעבן דאָס לייכטערל!...

— וועלכעס לייכטערל?

— וואָס דער תכשיט אירער האָט אויסגענאַרט ביי דאַנקען...

—משה'קע האָט אויסגענאַרט? — צעשיפּעט זיך שצערע ווי אַ שלאַנג

— משה'קע, משה'קע, וואו ביסטו?

נאָר משה׳קע האָט ניט אָנגעהויבן צו וואַרטן, ביז מען וועט אים נעמען אויפֿן פֿאַרהער. ווי נאָר ער האָט דערהערט וועגן וואָס עס טומלט זיך אין קיד, האָט ער געכאַפּט און פֿאַרוואָרפֿן דאָס לייכטערל ווייט אונטערן אַלטן קאַמאָד, און אַליין איז ער אַוועק און האָט זיך באַהאַלטן אונטער שצערע׳ס בעט. וואָס דען? ער וועט זיך לאָזן מען זאָל ביי אים אָפּנעמען זיין לייכטערל?... משה׳קע, משה׳קע! און משה׳קע ענטפֿערט ניט.

אַז מען האָט אים דערטאַפּט און אַרויסגעשלעפּט ביי די פּיסלעך, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל: ער האָט ניט קיין לייכטערל... האָט מען ביידע קינדער גענומען אויג אויף אויג:

— געגעבן אים דאָס לייכטערל? זאָג, דאַנקע!

— גע—געבן...

—משה׳קע, וואו איז דאָס לייכטערל?

משה׳קע זיצט און שווייגט אַן אָנגעבלאָזענער. מיט שאַרפֿע אויגן קוקט ער נאָר אַן דעם כּניקענדיקן חבר׳ל זיינעם, ווי מען קוקט אַן אַ מסור, און רעדט קיין וואָרט ניט מער.

האָט מען גענומען טאַפּן מיט קאַטשערעס און לאָפּעטעס אונטער אַלע בעטן און אַלמערס. לאָפּעטעס זיינען ביי קיוועז אין שטוב פֿאַראַן גענוג. שצערע האָט רוגזה׳דיק געזוכט. די שכנים האָבן געהאָלפֿן. האָט מען קודם־כּל געפֿונען דעם ביינערנעם „ציבעק״ פֿון ווינגדער׳ס פּיפּקע און מ׳האָט זיך איבערגעקוקט. ווי באַלד, הייסט דאָס, מען האָט דאָ געפֿונען דעם פֿאַרלוי־רענעם ציבעק, וועט מען שוין, מיט גאָט׳ס הילף, געפֿינען דאָס לייכטערל אויך. און כּה־הוה! גאָט האָט קיווע׳ס שכנים געהאָלפֿן און דאָס פֿאַרלוירן לייכטערל האָט זיך אַרויסגעקייקלט מיט אַ קלונג פֿון אונטערן אַלטן קאָמאָד. און משה׳קע האָט אויפֿן קלונג געענטפֿערט מיט אַ גרויס געשריי:

„מיין לייכטערל! מיין לייכטערל!״ אַזוי איז ער באַשטאַנען מיט קולי־קולות, אויף זיינע רעכט און געקלאַפּט מיט די פּיסלעך אין פּאָדלאָגע.

אין יענעם טאָג האָט קיווע דער לעקעכמאַכער, צום ערשטן מאָל, אָפּ־געשמיסן זיין „האָדולניק״ מיטן פּאַסעק פֿון די הויזן. און ווינגדער׳ס משפּחה האָט מיט גרויס טריאומף אַוועקגעטראָגן דאָס זילבערנע לייכטערל צוריק אַהיים.

— איר ווייסט דען וואָס דאָס וואַקסט? — האָבן זיי אַרויסגעלאָזן אַ קלאַנג אין גאַנץ זאַוואָלעק — אי דאָס איז אַ „ממזר״, אי דאָס וואַקסט אַ גנב... אָט!

פֿון דענסטמאָל אַן האָט דער פּינף־יאָריקער משה׳קע גענומען באַמערקן, אַז די גרעניץ צווישן אים און דעם יתומ׳ל איז געוואָרן שטרענגער און באַוואַכטער; אַז פֿון זאַוואָלעק האָט זיך די דאָזיקע גרעניץ אַוועקגעצויגן, און שניידט זיך שוין אַציַנד אַריין אין אַלע אַרומיקע גאַסן. ניט נאָר צו

דאַנקען לאָזן אים די דערוואַקסענע מער ניט צו, אפילו אַנדערע קינדער, ביי וועלכע ער האָט קיין לייכטערל ניט גענומען, לאָזן אים אויך ניט צו. יינגלעך, למשל, מאַכן אַ „קאָמעדיע", אין אַ געבויטער סוכה אויף דער שול־גאַס, און ברענגען זיך דאָרטן אויף אַ הוידע און מאַכן קאָזשלקעס און נעמען אַ קנעפּל פאַר יעדן איינטריט. גרייט משה'קע אָן דאָס שענסטע פון זיינע קנעפּלעך אין האַנט, נאָר מען לאָזט אים ניט אַריין. ווייל ער גיבן צוויי... די קאָמעדיע־מאַכער זיינען זיך מיישב. נאָר עפּעס אַלעמאָל איז דאָ איינער וואָס גיט אַ שושקע דעם צווייטן יינגל, דער צווייטער — דעם דריטן, און אַלע כמורען זיך אָן און טרייבן אים בקאָמפּאַניע:

— גיי, גיי, משה'קע!... גיי!...

ער גייט אַוועק אַ פאַרוויינטער, אַ פאַרביטערטער. ער קלאָגט זיך פאַר שצערען.

— זעסט... — ווישט אים שצערע די ביטערע טרערן — דאָס האָסטו זיך אַליין אָנגעמאַכט מיטן לייכטערל...

— דאַנקע האָט דאָך מיר געגעבן... מאַמע!...

— ניט געדאַרפט באַהאַלטן...

משה'קע קלאָגט און ענטפערט ניט. ער ווייסט, אַז די דערוואַקסענע זיינען ניט גערעכט. דאָס געפיל פון אייגנטום איז ביי קינדער זעהר גרויס. דאָס וואָס מ'האָט אים געשענקט איז דאָך געוואָרן ז י י נ ס... האָט ער געמעגט באַהאַלטן אונטערן קאָמאָד און ניט וועלן אָפּגעבן צוריק. נאָר ער האָט אויף דעם ניט גענוג ווערטער. וויינט ער און טראַכט. ווישט זיך דאָס נעזל מיטן אַרבל און טראַכט.

אַ שטיין פון האַלז

א

אַ לאַנגע צייט נאָך ר׳ ישראל כאַדאַק׳ס אַפּפאָרן מיט דער בויד האָט זיך נאָך זאַווע דער מילנער געפילט ווי אויסגעשמירט מיט דזשעגעכץ און אויסגעקייקלט אין פּעדערן. מיט אונטערוואַרפן דאָס ניט־כשר׳ע קינד האָבן זיך נאָך די צרות מיט חנה׳לען ניט געענדיקט. קונע — חנה׳לעס מומע — און געטשע דער טאָקער האָבן זי אפילו צוריק אַריינגענומען אין שטוב און געמאַכט אַ שוויג. נאָר פון צייט צו צייט פּלעגט נאָך חנה׳לע אַליין אַריינכאַפּן זיך שטילערהייט צו זאַוועס אין מיל אָדער אין זיין אַפּגעלאָזטן הויז און פלעגט וויינען נאָכן קינד, וואָס געפינט זיך אין פרעמדע הענט, און וויינען אויף איר מזל. פּאַרוואָס, אַ שטייגער, קומט דאָס איר, אַז איר בלוט־און־פלייש זאָל זיך געפינען ביי ווילד פּרעמדע בעזדעטניקעס און זי — אַ מאַמע — טאָר אפילו ניט צוגיין אַ קוק טאָן. מיט וואָס איז זי ערגער פון אַלע שכנים אין מאָנאַזאָנ׳ס „זאַוואולעק״?

און גיי דערקלער איר „פּאַרוואָס״!... זאַווע האָט איר פאַרענטפערט די קשיא מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט. די ערשטע צייט איז דער בעסטער תירוץ געווען — אַ גלעט צו טאָן, מיט דער שווערער לאַפּע, איבערן רויטן קוטשעראַווען קעפּל; און אַרומנעמען און אַ קיצל טאָן אין האַלז מיט דער ווייכער באָרד, עס זאָל חנה׳לען דערמאָנען אָן דער הייסער מינוט אין פעלץ־קאַמערל... אין זיין עלנטקייט האָט דאָס זאַווע געטאָן ניט נאָר צוליב טרייסט אַליין... חנה׳לעס אומבאַהאָלפנקייט האָט ביי אים, אין רעכטן מיטן האַרצקלעמעניש, אַרויסגערופן אַ ווילדן באַגער, און אירע טרערן האָבן אויף אים געווירקט ווי אַ ליבע־געטראַנק. על־פּי־רוב, נאָך אַזאַ באַזוך אין זאַווע׳ס הויז, פלעגט זיך חנה׳לע צוריק אַרויס׳גנב׳ענען דורך אַ הינטער־טירל אין הויף. דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, די קינדערשע אויגן פאַרוואונדערט, און אין האַנט, אונטער דער וואַרעמער פאַטשיילע, זיינען געווען פאַרקלעמט עטלעכע פּאַפּירענע רובלס. פון די דאָזיקע רובלס האָט אפילו די מומע קונע ניט געטאָרט וויסן...

שפּעטער איז אַזאַ וואַרעמער תירוץ אויך געוואָרן צו שוואַך און האָט ווייניק־וואָס געווירקט. שפּעטער זיינען חנה׳לעס שאלות געוואָרן קלעפּיקער

און נודנער: פֿאַרוואָס, למשל, מעגן אַלע ווייבער שרייען בשעת זיי גייען צו קינד, און זי, חנה׳לע, בשעת זי איז געלעגן געוואָרן אין דאָרף, האָט דאָס אויך ניט געטאָרט טאָן. אין דער פֿויערשער הייזקע, וואו זי האָט זיך געוואַלגערט אויף שטרוי, האָט זיך אַרומגעדרייט עפּעס אַ מיאוסע, אַלטע גויע, אַז אמת׳ע מכשפה, און אַלץ געסיקעט אויף איר זי זאָל זיין שטיל... אַ פּאַרע זאָל מען פֿון איר ניט הערן. די ניט־אויסגעשריענע קולות שטיקן זי נאָך אין האַלז ביז היינטיקן טאָג. דערפֿאַר צעקלאָגט זי זיך, ווי נאָר זי הייבט אָן צו ריידן אַ וואָרט... ס׳איז ניט איר שולד... זי קאָן זיך ניט איינהאַלטן. זי בייסט זיך די צונג און כליפּעט פֿונדעסטוועגן...

— ווייִן, ווייִן! — דערלויבט איר זאַווע מיט אַ ביטערן שמייכל — אדרבא, ווייִן זיך אויס!

ער גלעט זיך פּינסטער די ברייטע באָבער־באָרד און איז זיך מיישב.

— יאָ, — מאַכט ער אין אַ ווײַלע אַרום — נאָר זאָגן מעג זי אים פֿונ־דעסטוועגן: וואו, למשל, האָט זי דאָס געהערט פֿון אַזעלכע גליקלעכע געווינערינס, וואָס מעגן יאָ ווייִנען?

— וואו?... אָט אפילו דאַמאָלסט, נאָך האַלבע נאַכט, ווען זי האָט דאָס עופ׳עלע אַוועקגעטראָגן אונטער דער פּאַטשיילע, ווי אַ פּעקל ברודיקע און צעריסענע וועש, וואָס מען שעמט זיך אפילו אָפּגעבן וואַשן... צווישן די ביידע גאַנעקעס אין „זאַוואָלעק״ האָט זי דאַמאָלסט געהערט ביטערע קולות פֿון אַ געווינערין. העגט און פּיס האָבן זיך איר געטרייסלט, פֿונדעסטוועגן איז זי געשטאַנען אַן איבעריקע ווײַלע און געהאָרכט. זי שעמט זיך ניט צו זאָגן: זי האָט מקנא געווען... ווען ניט דעם דאָקטאָר׳ס שליטן, וואָלט זי נאָך געשטאַנען און געהאָרכט... נאָר זי האָט זיך דערשראָקן פֿאַר די אָנגעפּאַרענע גלעקלעך. האָט זי אַ ליוג געטאָן דאָס פּעקעלע... זי געדענקט שוין אַליין ניט וואו. אין די אויגן איז איר פֿינסטער געוואָרן. זי איז קוים אַ לעבעדיקע אַנטלאָפֿן...

זאַווע איז משער, אַז געשריען האָט דאָס דאַמאָלס אין זאַוואָלעק גליקע דעם וואַלד־סוחר׳ס ווייב.

— אָט, — מאַכט ער — חנה׳לע! געפֿונען וועמען מקנא צו זיין. זי איז דאָך געשטאָרבן אין קינפּעט... ווינדער׳ס ווייב איז דאָס געווען...

— זי האָט זיך אָבער אויסגעשריען, — כליפּעט חנה׳לע — אויסגעשריען זיך פֿאַרן טויט. אַזוי איז בעסער... צוויי חדשים זיינען דאָך שוין באַלד אַריבער זינט דאָס אָפּהאָבן אין דאָרף און איר, חנה׳לען, גלוסט זיך נאָך אַוועקלייגן אין בעט און שרייען, שרייען. שכנים זאָלן זיך צוזאַמענלויפֿן...

און גיי געפֿין אַ רפֿואה צו אַזעלכע ווייבערישע ספּאַזמעס און צו אַזעלכע מאָדנע ווערלכצן!...

ד

קיין נחת האָט זאַוועל אויך ניט געהאַט פֿונם לײמער־יונג, פֿון לייבעטשקען, הייסט דאָס — חנה־לעס געוועזענער חתן. דורך כּל־ערליי מיילער איז דורכגעגאַנגען לייבעטשקע׳ס חוצפּה, ביז ס׳איז דערגאַנגען צו זאַוועל׳ס אויערן.

אַנומעלטן, ווען ס׳איז וואַרעמער געוואָרן און מ׳האָט אויפגעהערט צו הייצן, האָט מען לייבעטשקען באַשטעלט ער זאָל קומען פֿאַרריכטן די הרובע ביים טאָקער׳ס שכן פֿון אַקעגנאיבער, ביי אורי דעם קאַסאַקן. האָט לייבעטשקע, ווי זיין שטייגער איז די לעצטע צייט, געגומען אָפּשלעפּן פֿון טאָג צו טאָג. דאָס טוט אים דער קאָפּ וויי, דאָס איז ער פֿאַרנומען... אַ יחסן! נאָר אַז מען האָט שוין געהאַלטן ביי נעמען אַן אַנדער לײמער, האָט זיך לייבעטשקע אָפּגעריסן ווי פֿון אַ תּליה. ראַגעטשקע איז ער געקומען צולויפֿן מיט זיין זאַק־פֿאַרטוך און מיט זיין האַנטשאַרסקן האַמער און גענומען ברעכן די געשפּאָלטענע קאַכליעס מיט רוגזה און מיט פֿאַרשטשירעטע ציין. „אַן כעס!" מאַכט צו אים פֿעטער אורי, „ס׳איז דאָך ניט פֿליִיוונע!"*) נאָר לייבעטשקע האָט געהאַלטן אין איין האַקן און זעצן. ער, מאַכט ער, דער עזות־פּנים, ווייסט בעסער ווי מען מאַכט צורעכט אַ הרובע... מער האָט ער קיין וואָרט ניט גערעדט. נאָר אַ שטויב און אַ הקדש האָט ער אָנגעמאַכט אין אורי׳ס הויז, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין. פּונקט אַזוי פֿאַרביסן איז ער געווען דערנאָך, בשעת׳ן ליאָפּען נאָכן ליים צווישן די נייע און אַלטע קאַכליעס. מיט אַ רוגזה׳דיקן סאָפּען און מיט פֿאַרקריצטע ציין, האָט ער דאָס געטאָן, עפּעס ווי ער וואָלט אַריינגעלייגט וואַגיקע קלעפּ אין אַ פּעטן, אָפּגעקאָרמעטן לייב אַריין.

ווען אורי איז אַוועק צום שחרית־דאַווענען, האָבן די שטוביקע מוחל געווען לייבעטשקען דעם גאַנצן הקדש, וואָס ער האָט דאָ אָנגעמאַכט און גענומען צושטיין צו אים ער זאָל זינגען. קיינער האָט ניט געקענט לייבעטשקע׳ס טאַלאַנטן אַזוי גוט ווי די נאָענטע שכנים. עס זיינען צו אים צוגעשטאַנען אַפּריער טעלצע די דינסט־מויד, דערנאָך רייזל, אורי׳ס טראָגעדיקע שנור, דערנאָך די חדר־ייִנגלעך: וועלוול, פֿייווקע און ירחמיאל׳קע. אָבער לייבעטשקע טוט זיך זיין זאַך, ער ליאָפּעט ליים און ענטפֿערט ניט.

— ווי קומט, — מאַכט ער דערנאָך בורטשענדיק — אַזאַ קבצן ווי געטשע דעם טאָקער׳ס זון צו זינגען? אָט, אַזאַ גביר ווי... ווי זאַוועל דער מילנער איז עפּעס אַנדערש...

לסוף, כּדי אָפּצוטשעפּען זיך פֿון אורי׳ס חדר־ייִנגלעך, האָט ער זיי אָפּגעבאַפּט אַ שטראָם־גראָם־רעטעניש. וואָס איז דאָס, מאַכט ער —

*) די באַרימטע טערקישע פֿעסטונג.

לוב*) געבויגן,
האָר געצויגן;
פּיטש־פּאַטש
אַוועקגעפלויגן?

האָבן זיך די דריי ווייסע חבר'ניקעס שיער דעם קאָפּ ניט צעבראָכן און בשום אופן ניט געקאָנט טרעפן. האָבן זיי גערופן די מאַמע צו הילף.

— נאַרישע קעפּ! — האָט זיי די מאַמע הויך אויפן קול אויסגעזידלט און שטילערהייט עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן.

— אַ סיטע! אַ סיטע! — האָבע זיך אַלע דריי חדר־יונגען צעשריען. לייבעטשקע — אַ סיטע!

נאָר לייבעטשקע האָט אפילו קיין שמייכל ניט געטאָן צו די קינדער. פּאַטשנדיק אין ליים אַריין, האָט ער זיי כמורנע און פאַרביסן אָפּגעקנאַקט אַ צווייטע רעטעניש. נאָך אַ שווערערע און משונה'דיקערע.

קרומע בלעך,
שטיך־און־שטעך,
און מען האַלט דאָס
פאַרן לאַץ:
ריב־רייב
און מען פינטלט
קריץ און קראַץ!
און מען וויינט...
זאָגט־זשע, קינדער,
וואָס מען מיינט?

איצינד האָט שוין דער מומע פייגע'ס קאָפּ אויך ניט געהאָלפן. און וואָס מער מ'איז צוגעשטאַנען צו לייבעטשקען ער זאָל אויסזאָגן, אַלץ שטאַרקער האָט ער געליאַפּעט ליים און געשוויגן. כאָטש גיב אים אַ קרענק... און נאָר פּלוצלינג, ווען די חדר־ייִנגלעך האָבן זיך שוין מיאוש געווען, האָט זיך לייבעטשקע געטאָן אַ מאָרדעווע אויף זיי, ווי אַ הונט, און אַ שיפּע געטאָן דורך די ציין:

— אַ ריבאייזן... אַ רוח אין אייער טאַטן אַריין!...

און ווי אָפּגעריסן פון אַ קייט, האָט ער זיך באַלד נאָכדעם צעזונגען הויך אויפן קול מיט אַ שפּאָגל־נייַ ליד, וואָס קיינער האָט נאָך פון אים ניט געהערט, אויף וואָס קיינער אין אורי'ס שטוב האָט זיך שוין מער ניט געריכט: —

*) קאָרע פון ביימער

כאַפּט זיך זאָװע שבת פרי,
טוט ער מיט דער נאָז אַ צי:
— ס׳שמעקט מיט סמאַליענעס... אוי, אוי,
גיט אַ רוף דעם שבת־גוי!

ענטפערט מען אים: „שרייט ניט, זאָװע!
יוזעף גוי זיצט אין קאַנאַװע,
פּרעסט אַ קוגל װי אַ פּאַס
און פאַרטרינקט מיט קאַלטן קװאַס".

טעלצע די דינסטמיידל און רייזל — די טראַגעדיקע שנור — זיינען גלייך אַריינגעלאָפן אין עס־צימער, כדי בעסער צו הערן. אפילו מומע פּייגע איז נייגעריק געװאָרן און אַריינגעטראָטן מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, מיט צװיי פינגער ביים באַק און מיט אַ צװיידייטיקן שמייכעלע אויף די דינע ליפּן, װי אַלעמאָל בשעת אויסהערן אַ רכילות.

דערזען אַזאַ עולם װייבער, אַן עין־הרע, איז לייבעטשקע אַ װיילע שטיל געװאָרן.

— זינג, זינג! — האָט אים מומע פּייגע אויפגעמונטערט.

— װאָס ביסטו שטיין געבליבן? — איז צוגעשטאַנען די טראַגעדיקע שנור.

— איר מיינט אפשר איך האָב מורא? — גיט לייבעטשקע אַ קער אַ פּרצוף־פּנים פאַרשפּריצט מיט שיטערן ליים און מאָדנע צעקרימט װי פון באַהאַלטענעם כעס — איך האָב א י ם אין דר׳ערד, דעם גראָבן בויך!

און עפנט אויף אַ ליימערשן מויל און זינגט אָפּ דאָס פּאַסקוויל־לידעלע ביזקל סוף:

פּאַרך! װי קומט צום ערל יוזעף
קוגל פאַרן דאַװנען מוסף!
הערסט דאָך, ראָכע, ביסט אַ מבין?
טו אַקאָרשט אַ קוק אין אויװן!

„אונזער לאָקשן־קוגל טאַקע!"
— אוי, אַ חרפּה, אוי, אַ מכה...
אידן, ראַטעװעט, געװאַלד!
מ׳איז דאָך ניט אין שװאַרצן װאַלד...

איז דאָס חוזק־לידל אַװעק פון מויל צו מויל ביז ס׳איז דערגאַנגען צו דער קעכין אין זאָװע דעם מילנער׳ס הויז. האָט זיך די אַלטע געשװאָרן מיט שבועות־חרמות, אַז זינט זי דינט ביים מילנער אין הויז האָט קיינער קיין קוגל ניט גע׳גנב׳עט, ניט יוזעף דער שבת־גוי, ניט סתם אַ גוי; ניט

בשעת ראָכע האָט געלעבט, ניט נאָך איר טויט. ס'איז שקר וכזב! ליי־בעטשקע דער עזות־פּנים האָט דאָס אויסגעקלערט, ווייל מען וויל אים דאָ קיין אַרבעט ניט געבן. ר' זאַווע האָט איר בפירוש אָנגעזאָגט, אַז טאָמער דאַרף מען עפּעס פאַרריכטן אין קיך זאָל מען לייבעטשקען ניט רופן...

דערנאָך איז דער אינהאַלט פון לידל דערגאַנגען צו ר' זאַווען אין בית־המדרש. איז ער נאָך אַ קאַפּעלע רויט געוואָרן און אַ הייב געטאָן מיט די ברייטע פּלייצעס. געמיינט האָט מען, אַז ער וועט זיך מיטן עזות־פּנים אָפּרעכענען. העט נעמען און אויסקלערן אַ מעשה — ניט־געשטויגן ניט־גע־פלויגן — און זינגען דאָס, ווי אַ מאַרשעליק אויף חתונות, איבער דער גאַנצינקער שטאָט, אין אַלע קאָכשטובן!

נאָר ר' זאַווע האָט דאָס דורכגעלאָזן פאַרביי דער לינקער פּאה... ווי ניט אים מיינט מען דאָס.

— ניין, — האָט מען זיך געשושקעט הינטער זיינע דיקע פּלייצעס, — זינט ער איז, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, אַן אַלמן, איז ער גאָר געוואָרן אַן אַנדער מענטש, ר' זאַווע... בשעת ראָכע, זיין ווייב, האָט נאָך געלעבט, וואָלט ער אַזאַ מזמור פון אַ ליימער־יונג ניט פאַרשוויגן...

ג

און ניט נאָר אויף פרעמדע מיילער און פרעמדע באַשיצער האָט זאַווע אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט, אפילו משה'קען, זיין אייגענעם בן־יחיד, האָט ער ניט דערלאָזן יענער זאָל זיך פאַר אים איינשטעלן. משה'קע זיין תכשיט איז צוריקגעקומען פון מאָהליוו. דעם עקזאַמען האָט ער דאָרטן ניט אויסגעהאַלטן, אין גימנאַזיע איז ער ניט אַריין. דערפאַר אָבער איז ער, פאַר די פאַר חדשים, אויסגעוואַקסן; מיט איינמאָל אַ הייב געטאָן זיך פון די הויזן אַרויס, ווי עס טרעפט ביי אַזעלכע לייטלעך אין דער איבער־גאַנג־צייט צווישן ייִנגל און בחור. זיין קול האָט באַקומען אַ קלאַנג פון אַ גראָבער סטרונע און די חוצפּה'דיקע אויגן — אַ נייעם זשעדנעם גלאַנץ. ער האָט זיך פאַרלאָזן באַקנבאַרדן ביז אונטער די אויערן און גענומען פראַנ־טעווען אין שטיוועלעך מיט געלאַקטע כאַליאַוועס און מיט אַ סוקעוואַטן טראַסטינע־שטעקעלע. אויפן שטעקעלע פלעגט ער זיך אפילו ניט אָנשפּאַרן. ער פלעגט נאָר מיט אים פאָכען, מעשה־כוואַט, בשעת שליאַנדערן זיך אי־בער די גאַסן. אַזוי איז ער געוואָרן אַ באַלעבאַטישער לידיקגייער.

דערהערט אין שטאָט ווי מ'באַזינגט דעם טאַטנ'ס אַ גע'גנב'עטן לאָקשן־קוגל און דעם טאַטנ'ס כלומשטע געוואַלדן, האָט ער זיך צעכוואַטעוועט און אָנגעהאָנגען אויף זאַוועג אין מיל מיטן טראַסטינע־שטעקעלע.

— הער נאַר, — מאַכט ער — טאַטע, לאָז מיך! איכ'ל אים שוין לער־נען דרך־ארץ, דעם פאַרדריפּעטן ליימער־יונג...

האָט נאָר זאווע אָנגעכמורעט די געדיכטע ברעמען:

— גיי, לערן בעסער דיינע גראַמאַטיקעס אויף אויסנווייניק! הערסט? דעם כבוד פון לאָקשן־קוגל וועל איך שוין אַליין באַשטיין...

דער בן־יחיד האָט נאָר אַ הייב געטאָן מיט די פּלייצעס אין פּראַנטע־וואַטן רעקל. אויך ער האָט דעם טאַטן ניט דערקענט. פריער וואָלט דער טאַטע אַזאַ זאַך ניט דערלאָזן.

משה'קע און די בית־מדרש־לייט וואָלטן אָבער געוואוסט דעם ריינעם אמת, וואָלטן זיי זיך ניט געוואונדערט.

ווי אַזוי זאָל זאווען ליגן אין קאָפּ אַזעלכע פּוסטע מעשיות, ווי פּאַטשן זיך מיט אַ ליימער? ער האָט ברוך־השם גרעסערע זאָרגן. אַז מען קריגט אַ צאָן־געשוויר פאַרגעסט מען אַן דעם ווייטיק פון אַן איינגעשניטענעם פינגער...

מיט עטלעכע טעג צוריק, פאַרנאַכט, ווען ער איז געווען איינער אַליין אין דער פּוסטער שטוב, האָט זיך צו אים חנה'לע אַריינגע'גנב'עט דורכן הינטער־טירל פון הויף און האָט גלייך גענומען קלאָגן, אַז ביי דער מומען אין שטוב איז איר געוואָרן שלעכט. שלעכטער קאָן גאָרניט זיין. די מומע קונע ווי די מומע און דער פעטער געטשע ווי דער פעטער. צרות האָט זי גאָר אַצינד פון לייבעטשקען — איר גלידשוועסטערקינד. אַט דער ליימער־יונג, וואָס פאַרן אומגליק האָט ער איר געקושט די טריט, האָט זיך גע־מאַכט אַ נייע מאָדע. ווי נאָר ער דערזעט זי, הייבט ער אָן צו בורטשען ווי אַ הונט איבער אַ ביין. און וויל זי אים גרייטן צום טיש, ווען ער קומט פון דער אַרבעט, לאָזט ער ניט. „אַוועק!" מאַכט ער. די מאַמע זאָל אים בעסער גרייטן. נאָר דאָס איז אַלץ גאָרנישט... אַט, אַנומלטן, ווען קיינער איז ניט געווען אין שטוב, איז ער אויף איר אָנגעפאַלן מיט אַ רציחה און גענומען קריצן מיט די ציין: איז האָט ער דיך געהאַט דער... דער אַלטער... דער —

— דער אַלטער וואָס? — האָט איבערגעפרעגט זאווע.

— דער... דער אַלטער נואף!... האָט ער דיך געהאַט?...

חנה'לע איז אַנשוויגן געוואָרן. רויטע פלעקן זיינען איר אַרויסגעטראָטן אויף די בלאַסע באַקן.

— נו, נו! — האָט זאווע פינסטער אונטערגעהאָלפן.

מיט האַלבע ווערטער האָט אים חנה'לע ווייטער דערציילט, אַז זי האָט זיך פאַר לייבעטשקען מורא'דיק דערשראָקן. האָט זי זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקעלע און געציטערט מיט אַלע אברים. דערפון איז לייבעטשקע נאָך מער צעקאָכט געוואָרן: פון... פונם גראָבן בויך האָסטו זיך אַזוי באַ־

האלטן?... און פּלוצלינג, אינמיטן דערינען, האָט ער זי אָנגעכאַפּט פאַר די האָר מיט בײדע לאַפּעס: ווײז, שיפּעט ער, ווי האָט ער דיך געהאַט דער אַלטער נואף! אַזוי האָט ער דיך אַרומגענומען? אַזוי?... ווײז, נפקא!...

— נו? — שטופּט זי זאַווע אונטער מיט אַ פינסטערער מינע.

פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך לײבעטשקע געמאַכט אַ מאָדע צו פּײניקן זי, ווען קײנער איז אין שטוב ניטאָ. ער קנײפּט זי און שלאָגט זי, און זי מוז אים אַלץ אױסדערצײלן ווי אַזוי עס איז געשען... ווי אַזוי זי איז געזעסן און איבערגעשאָטן די פּעלצן אַ האַלב־נאַקעטע, ווי אַזוי משה'קע דער בן־יחיד האָט זיך צו איר געטשעפּעט און ווי אַזוי דער באַלעבאָס איז מיטאַמאָל אָנגעגאַנגען פון מיל... לײבעטשקע רײסט בײ איר אַרױס יעטוועדער וואָרט ווי מיט צוואַנגען פון מױל, און די א ױ ג ן פלאַמען בײ אים ווי בײ אַ ווילדן. וואָס מער זי שעמט זיך און וואָס מער זי ווײנט, אַלץ מער ווילד ווערט ער. ער עסט זי מיט די אױגן און קריצט מיט ניט־געזונטע צײן. זי שרעקט זיך פאַר אים. ער שטײט איבער איר האַלז מיט אױסגעדרײטע צענומענע פינגער. אָט־אָט דערשטיקט ער זי... און אָט, נעכטן, בשעת פּײניקן זי אַזוי האָט זי... האָט ער...

חנה'לע האָט זיך פאַרכלינעט מיט טרערן. אַצינד האָט פון איר זאַווע געמוזט ציען ווערטער, פּונקט ווי זי האָט דערצײלט פון לײבעטשקען... בלאָס ווי קרײד איז דערבײ געווען ר' זאַווע. די דורכגעגרױטע באָבער־באָרד האָט בײ אים געציטערט:

— האָט ער וואָס?... זאָג, זאָג!... הע—ערסט?...

חנה'לע האָט דורך די נאַסע פינגער אַ קוק געטאָן און דערזען, אַז איר געוועזענער באַלעבאָס האָט פּונקט אַזעלכע אױגן ווי דער לײמער־יונג בשעת ער פּײניקט זי. האָט זי באַקומען פּחד און מודה געווען זיך:

— איר פאַרשטײט דאָך שוין אַלײן...

— און דו האָסט זיך געלאָזן? — פרעגט זאַווע מיט אַ הײזעריקן פרעמדן קול — אַזאַ ביסטו?

— ער וואָלט אױף מיר מײן לעצטע העמד צעריסן, ער וואָלט מיך צע־ריסן אױף שטיקער...

מיטאַמאָל איז זאַווע באַפאַלן אַ מאָדנע רואיקײט. מיטן שפּיץ פון דער פאַרגרױטער באָרד, צווישן די שטאַרקע צײן, איז ער געבליבן זיצן און געטראַכט. ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז איצטער מוז ער מאַכן אַ סוף, אַן אמתן סוף. עס גײט גאָר־גאָר שלעכט. עס פאַרקאַכט זיך אַ נײע מיאוסע קאַשע. מען קען אים נאָך צושרײבן פרעמדע זינד אױך...

— אַלץ וואָס דו דערצײלסט — הײבט ער אָן מיט אַ געמאַכטער גע־לאַסנקײט — אַלץ, חנה'לע, וואָס דו האָסט דאָ דערצײלט איז אַ סימן, אַז...

נו, ס'איז אַן סכנה. ער האָט דיך נאָך אַלץ ליב, דיין חתן. הם... לייבעטשקע. איז טאַקע גלייכער —

צעוויינט זיך חנה'לע. זי גלייבט ניט אירע אייגענע אויערן:

— וואָס רעדסט איר?... מיט אים? מיטן גראָבן יונג? מיטן...

— דו מוזט, חנה'לע! אַזוי קען מען דאָס ווייטער ניט לאָזן. אַצינד איז צייט. שפּעטער —

זאָווע האָט שווער צעפּירט מיטביידע אָרעמס.

זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי אַ האַרטער קני, ווי דאַמאָלסט, שוין נאָך אַלעמען, אין טונקעלן פּעלץ־קאַמערל:

— איך וויל ביי אייך זיין אַ דינסט, — האָט זי זיך פּלוצלינג צעכליפּעט — גרעט וועל איך אייך וואַשן... אַלץ...

און ער האָט זי פּאַטערלעך באַרואיקט. געגעבן איר צו פאַרשטיין, אַז עס קאָן נאָך ווערן ערגער. איצטער וועלן זיך אַלע אָנשטויסן, פאַרוואָס ער האָט צעטריבן די קינדער פון שטוב, פאַרוואָס ער האָט אָפּגעלאָזן די מיל. און פון וועמען קיווע דער בעזדעטניק האָט געקראָגן אַ קינד... אַצינד זיינען אַלע דריי אומגליקלעך: סיי ער — זאָווע, סיי זי — חנה'לע, סיי דער... דער חתן אירער, לייבעטשקע. הם... אַצינד איז ביי איר אין די הענט אַלעמען גליקלעך צו מאַכן. איבעריקנס... ער פאַרשטייט זעהר גוט ווי עס טוט איר וויי. און ער דאַנקט איר דערפאַר וואָס זי, אַזאַ יונג בלוט, וויל בעסער אים — זאָווען, אַן עלטערן מאַן... ס'איז דערפאַר בעסער ניט ריידן מיט איר אַליין. זאָל זי בעסער שיקן צו אים די מומע קונע. מיט דער טאַקערקע וועט אים זיין לייכטער דורכצושמועסן זיך...

ד

דאָס מאָל האָט זיך די טאַקערקע געלאָזט איבעררייידן און איז געגאַנגען... נאָר וואָס זי האָט דאָרטן מיטן מילנער אָפּגערעדט, דאָס ווייסט חנה'לע ניט ביז היינטיקן טאָג. זי ווייסט נאָר, אַז גאָר אין אַ קורצער צייט אַרום האָט די מומע קונע געגומען גרייטן צו דער חופּה. דעם טאַקער האָט זי געקויפט אַ פּאָר נייע געווענטענע הויזן, און לייבעטשקען, דעם חתן, געלאָזן אויפנייען אַ גאַרניטער... און דאָס מאָל האָט זיך לייבעטשקע אויך געלאָזן. ער האָט ניט געסקאַנדאַלעוועט און נישט געוואָרפן דעם שעוויאָט פון שטוב אַרויס. ער איז נאָך זשעדנער נאָכגעגאַנגען נאָך חנה'לען. ווי אַ קאַץ אויף פליייש געקוקט אויף אירע בריסט און נאָך שטאַרקער געפּייניקט זי ווען קיינער איז ניט געווען אין שטוב. „סיי־ווי־סיי", מאַכט ער, „וועסטו דאָך באַלד גיין מיט מיר צו דער חופּה, היינט וואָס „ברעקלסטו" זיך?..." אָדער גאָר פּראָסט: „דער אַלטער נואף האָט געמעגט? מעג איך אויך..."

אין א פּאָר וואָכן אַרום האָט מען זי טאַקע געפירט צו דער חופּה, מיט א ווייסן טוך איבערן פּנים, אָנשטאָט א דינעם שלייער. מומע קונע האָט ניט געוואָלט מען זאָל זען די אָנגעשוואָלענע אויגן פון דער כלה. און די כלה אַליין האָט אויך אַזוי געוואָלט... וואָס פּאַר א כלה — אַזאַ שלייער. און אַלץ איז צוגעגאַנגען כשורה...

אומרואיק איז חנה'לע געוואָרן נאָר דאַמאָלסט, ווען זי האָט דערקענט ר' זאַוועס פיגור ביי דער חופּה. דעם מילנער'ס פּנים האָט זי דורכן דיקן האַלב־אָראָפּגעלאָזענעם שלייער ניט געקענט זען. זי האָט אָבער דערקענט זיין ברייטן סורדוט איבער זיינע קני, זיין אָפּהוסטן זיך... א דריבנע ציטערניש האָט זי אָנגענומען: „ווי אַזוי קען ע ר דאָס ביי זיך פּועל'ן? ווי אַזוי קען ער דאָס צוזען?..." איר ציטער איז נאָר אַוועק מיטן ערשטן זופּ וויין, וואָס מ'האָט איר דערלאַנגט אונטערן שלייער, נאָך דער ערשטער ברכה „יקדש עמו ישראל..."

א נאַרישע חנה'לע וואָס דאָס איז! ר' זאַוועס האָט זיך דערביי געהאַט זיין חשבון. מיט זיין קומען צו דער חופּה האָט ער אַזוי נאָענט צוגעטראָגן דעם לאָמפּ צום נאָז פון גאַנצן חתונה־אָנגעלאָף, אַז אַלע זיינען פאַרבלענדעט געוואָרן... דאָס שיטערע שושקען זיך אין שטאָט, אַז דער כלה'ס מומע לויפט עפּעס צו אָפט צו ר' זאַוועס אויף דער מיל, איז צעגאַנגען ווי שוים אויף קלאָרע וואַסער. לויט זאַוועס וואונק האָבן אפילו דער טאַקער און די טאַקערטע קיין סוד ניט געמאַכט דערפון, אַז דער נגידישער מילנער גיט צושטייער אויף אַן אָרעמער יתומה, וואָס איז אַזאַ לאַנגע צייט געווען א „זיצערקע" ביי זיין פאַרשטאָרבענער ווייב, ביז זי אַליין איז שלאָף געוואָרן... אַלע האָבן געוואוסט ווי ר' זאַוועס האָט זיך גענומען דאָס לעבן נאָך ראָבע'ס טויט, ווי ער האָט אַרויסגעטריבן פון שטוב גרונים'ען — דעם זאַיאַדלען שדכן... איז דאָך טאַקע דער שענסטער „אל מלא רחמים" — נאָך אַזאַ ווייב — חתונה צו מאַכן א יתומה!... האָט מען אים דערפאַר אָנגעקוקט ביי דער חופּה ווי א גאָר נאָענטן מחותן, שיער ניט געווינשעוועט זיך מיט אים נאָכן צעברעכן דאָס קידוש־גלעזל...

צו דער חופּה־וועטשערע איז ער פונדעסטוועגן ניט געגאַנגען. נאָך קיין האַלב יאָר ניט אַריבער נאָכן ווייב'ס טויט און ער וועט גיין עסן חתונה־וועטשערעס? חס ושלום!... באַהאַוונטע מחותנים זיינען אפילו צוגעשטאַנען צו זאַוועס, ער זאָל ביי דער חופּה־וועטשערע מכלומרשט סאַרווערן. עס וועט הייסן, אַז ער טוט א נייע מצוה ביי חתונה־מאַכן א יתומה. און אַזוי אַרום וועט ער יוצא זיין לכל־הדעות... נאָר אויף אַזאַ חכמה'דיקן איינפאַל, כדי צו עסן אינדיק ביים טאַקער און מאַכן לחיים, האָט זיך ר' זאַוועס א קאַפּעלע אָנגעבלאָזן. „מוחל!..." האָט ער קורץ א זאָג געטאָן און אַוועק. ער האָט געוואוסט וואו אָפּצושטעלן זיך, דער מילנער.

דערפאַר אָבער, ווי נאָר ער איז געקומען אַהיים פון דער חופּה און א זעץ געטאָן זיך אויף דער קאַנאַפּע, האָבן זיך ביי אים אַלע אָנגעצויגענע

געזיכט־שטריכן אפּגעלאָזן. ער האָט געמאַכט „אוף!" און שווער געאָטעמט עטלעכע מינוט נאָכאַנאַנד. דער מילשטיין איז אים אַראָפּ פון האַלדז, אָבער אַלע ביינער ברעכן נאָך. צום ערשטן מאָל נאָך דער ווילדער געשעעניש אין פּעלץ־קאַמערל האָט ער זיך דערפילט פריי. הענט און פיס זיינען אָפּגעפּענטעט... אַצינד קען מען אָנהייבן ראַטעווען אַלץ וואָס איז נאָך געבליבן גאַנץ: די שטוב, די קינדער, די מיל, זיך אַליין...

קודם־כל האָט ער זיך אָנגעקוקט אין שפּיגל. אַ סך גרויער איז ער געוואָרן. דאָס מוז מען מודה זיין. אָבער די אויגן קוקן שוין האַפּערדיקער. נאַ, מ׳עט נאָך לעבן, ר׳ זאַווע!

באַלד נאָכדעם האָט ער טאַקע צוריק אויסגעשריבן די דערוואַקסענע טעכטער פון וויטעבסק. סטערע, די עלטערע טאָכטער, האָט אים אַפילו געגעבן צו פאַרשטיין אין אַ בריוו, אַז זי און דער עלטערער זון ביי די וויטעבסקער קרובים זיינען זיך זעהר געפעלן. דער טאַטע זאָל נאָך אַביסעלע צוואַרטן... נאָר זאַווע האָט שוין מער קיין געדולד ניט געהאַט. די איינזאַמקייט אין שטוב איז אים מיאוס געוואָרן. האָט ער סטערען אַוועקגעשריבן אַ בריוו, אַז זי זאָל פונדעסטוועגן קומען. אַז ס׳האַלט אַזוי וועט מען דער וויטעבסקער שוועסטערקינד אַראָפּקומען אַהער, וועט מען זען...

אין שטוב איז וויטער געוואָרן פרייליכער מיטן אַראָפּקומען פון די אויסגערוטע טעכטער. אין די ווינקעלעך האָט גענומען גלאַנצן און אין קיך האָט זיך גענומען פּרעגלען. די געהילפן אויף דער מיל האָבן דערפילט אַ נייעם פּליעם ביי זאַווען. אַ פרישע שטרענגקייט אין זיין קול און ברעמען, און האָבן זיך אונטערגעגאַרטלט.

ווי אַ קודלאַטער הונט פון וואַסער אַרויס, אַזוי האָט זיך ר׳ זאַווע אָפּגעטרייסלט פון זיינע זאָרגן אין משך פון פופצן חדשים. די דיקע אָפּגעלאָזענע פּלייצעס האָבן זיך גענומען אויסגלייכן. ער האָט אַפילו דערלויבט צוריק אויפצושליסן דעם האַלב־טונקעלן צימערל וואו די פּעלצן ליגן. און דער ריח פון נאַפטאַלין האָט אים שוין מער ניט געשטיקט אַזוי ווי פריער. אדרבא, דער ריח איז אים געוואָרן אַביסעלע טשיקאַווע, ווי אַן אויסגעוועבטע פאַרפּיום נאָך טיפע איבערלעבונגען...

צווישן די קרויט־גערטנער ביי דער אָזערע, איינמאָל אַ שבת נאָך מנחה, האָט זאַווע באַגעגנט חנה׳לען. זי האָט אים געוואָלט אויסמיידן און ניט געקענט. די סמעזשקע צווישן די הויכע פּלעקענער־צוימען איז געווען צו שמאָל. איר נידעריק־געוואַרענע ברוסט, איבער איר אויסגעוואַקסענעם בויך, האָט זיך גיך באַוועגט. די סימנים פון אַ נייעם טראָגן זיינען געווען זעהר דייטלעך.

אַ ווערעמל אַן איינגעשלאָפענער האָט זיך אויפגעכאַפּט און שאַרף גענומען זויגן ביי זאַווען אונטערן האַרצן. נאָר ער האָט דאָס ניט אַרויסגעוויזן, און פאַטערלעך־שטיל אַ פרעג געטאָן:

— נו, וואָס מאַכסטו?

— געלויבט איז גאָט! — האָט חנה׳לע פרום אָפּגעענטפערט.

— איך זע שוין! — גיט זאַוועל ביטער אַ שמייכל.

— ע ר איז געוואָרן סטאָלער...

— זעסטו, — גלעט זיך זאַוועל די באָרד — כ׳האָב דיר געזאָגט... געדענקסט?

— יאָ, — גיט חנה׳לע צו מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. איצטער זעט זי טאַקע אַז לייבעטשקע האָט זי האָלד געהאַט... און זי האָט געמיינט, אַז —

זי האָט אים נאָך געוואָלט זאָגן, ר׳ זאַוועלען, אַז איצטער ווייסט זי שוין, אַז מען קריצט אַזוי מיט די ציין ווי לייבעטשקע האָט געקריצט פאַר דער חתונה, איז דאָס נאָר פון ליבשאַפט און פון כעס. דער כעס גייט אַוועק. די ליבשאַפט בלייבט...

נאָר דאָ איז אימיצער אָנגעקומען אויף דער סטעזשקע פונדערווייטן, און ר׳ זאַוועל און חנה׳לע האָבן זיך גלייך אויסגעמידן און צעגאַנגען זיך, יעדער איינער אין זיין זייט.

צוויי משה׳קעס

א

אַלץ וואָלט איצטער געגאַנגען גאַנץ נישקשה׳דיק ביי זאַווע דעם מיל־נער. בפרט ער האָט שוין פּאַספּעיעט אויסצוגעבן זיין עלטערע טאָכטער אויך. צווישן סטערען און איר ליטישן שוועסטערקינד אין וויטעבסק איז טאַקע געוואָרן אַ שידוך... און קונע די טאָקערקע, זאַווע׳ס געוועזענער שונא, איז געקומען סאַרווערן צו דער געהויבענער חתונה ביים מילנער אין שטוב.

דער פייער וואָס האָט אין זאַוועס געטליעט און דער ביטערער פּאַרדרוס אויף דעם, וואָס די יוגנט האָט מער רעכט אויף אַזאַ בלוט־און־מילך ווי חנה׳לע, האָט אין אים איבערגעברענט. און אָפּגעטרייסלט פונם אַש האָט ער זיך מיט איין אויער געגומען צוהערן צו ר׳ גרונם דעם שדכנ׳ס זיסע רייד, וועגן נעמען אַ באַלעבאַסטע אין שטוב... ר׳ גרונמ׳ס נבואה איז מקוים געוואָרן.

אַצינד, נאָך אַזאַ באַרואיקונג, וואָלט זאַווע געקענט אָנהייבן פירן אַ בעסערן לעבן, אַ סך אַ בעסערן, ווי פּאָר ראַבע׳ס טויט... אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער זונדל זיינער — משה׳קע דער בן־יחיד. צעוואַקסן האָט ער זיך, דער תכשיט, און צעפּיעשטשעט און צעלאָזן. דאָס לערנען זיינס אויף אַכט קלאַסן גימנאַזיע האָט ער שוין לאַנג אָוועקגעוואָרפן. זיינע צו־פרי פּאַרלאָזענע באַקנבאָרדן און זיינע שטיוועלעך מיט געלאַקטע כאַ־ליאַוועס זיינען אַלעמען געקראָכן אין די אויגן. פונם פּופּצן־יאַריקן עזות־פּנים, וועלכן זאַווע האָט נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ניט היינט געדאַכט, געכאַפּט ביי טשעפּען זיך מיט דער „זיצערקע" אין פּעלץ־קאַמערל, איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אַ געזונטער בייבאַק, מיט אַ קאָפּ העכער פּאַרן טאַטן, וועלכער קוקט טאַקע אויפן אייגענעם טאַטן פון אויבן אַראָפּ, מיט אייגלעך פון אַן אויסגעוואַקסענעם האָן און מיט אַ באַהאַלטענער איראָניע, ס׳הייסט: וואָס מיר כע־כע בחורים קענען, קענען ניט קיין אַלטע לייט!...

דער גאַנצער „כיבוד־אב", וואָס דער תכשיט ווייזט אים אַרויס, האָט זיך צוזאַמענגעשפּיצט אין קומען צום טאַטן אויף דער מיל און רייסן געלט.

— אויף וואָס ווייטער?

משה'קע קוקט אַז אין דער קרום דעם טאַטנ'ס מיט מעל אָנגעשטויבטע באָרד און ענטפערט האַלב־עזות'דיק, האַלב־געפּיעשטשעט:

— טאַטע, וועסט אַלץ וויסן, וועסטו גיך אַלט ווערן...

— שאַרלאַטאַן! — ענטפערט אים זאַווע אָפּ צום טאָן.

ער קוקט אַז זיין אויסגעוואַקסענעם בן־יחיד פון אונטער די מעליקע ברעמען און פאַלט ביי זיך אַראָפּ. די פרישקייט פון משה'קעס פּנים, איינגעראַמט אין טונקעלע באַקנבאַרדן, און די חוצפּה פון זיינע אויגן, לויכטן אין דער קילער טונקלקייט פון דער מיל, מיט אַ ליבלעכער דראָהונג:

„מען ווערט אַלט, ר' זאַווע, מען ווערט אַלט..."

ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין מוט צו געוועלטיקן איבער זיין תּכשיט מיט אַ פעסטער האַנט און מיט אַ פעסטן ווילן; איצטער, נאָך ראָכע'ס טויט, נאָך סטערע'ס אַוועקגיין פון שטוב מיט איר מאַן — אַוודאי און אַוודאי ניט. און משה'קע געניסט פון דער דאָזיקער צו־פרי־געקומענער פריי־הייט, ווי אַ זאַך וואָס ס'קומט אים. ער גייט אַוועק און קומט שפּעט ביי־נאַכט. די אַלטע קעכין מאַכט אים אויף די טיר אַ פאַרשלאָפענע, אַ בייזע; און דער ליידאַק שרייט נאָך אויף איר אַז, וואָס אים איז אויסגעקומען צו וואַרטן אויפן גאַנעק אַ פּאָר איבעריקע מינוטן.

און אַלע טאָג האָט ער נייע פאַנטאַזיעס — דער טייערער בן־יחיד! דאָס פאַרט ער אַוועק קיין מאַליוו מיטן פאַרעכאָד אַז „אַ גוטן טאָג" צו זאָגן. דאָס פאַרקריכט ער מיט אַ גויישן יעגער אין וואַלד און ווערט דאָרטן פאַר־פאַלן צוויי טעג נאָכאַנאַנד און מען זוכט אים אַרום ווי אַ דערטרונקענעם. דאָס באַשטעלט ער ביי קוליע דעם בלעכער צוויי ריזיקע בלעכערנע גענז, צוזאַמענגעהעפטע מיט צוויי הילצערנע שטאַבעם און מיט אַ זיץ אינמיטן. אָט אַזוי און ניט אַנדערש גלוסט זיך אים צו שווימען אויף דער אַזערע. דאָס דאַרף, לויט זיין מיינונג, מאַכן אַן איבערקערעניש אין דער אַלטער מעטאָדע פון שיפן זיך. נאָר די בלעכערנע גענז אַז אַ „קיל" און אַז אַ רו־דער האַלטן ניט אויס די שווערקייט פון אַ בחור'עץ ווי משה'קע איז און קערן זיך איבער מיטן יונגן נאַטור־פאַרשער צוזאַמען. האַלב שקלאַוו לויפט אַרויס קוקן אויפן בייז־וואונדער, ווי דעם מילנער'ס בן־יחיד, אַן אָנגע־טאָנענער, אין לאַק־שטיוועלעך, „ליגט קלאַפּטער" אינמיטן אַזערע, איינ־מיטן העלן טאָג, און שלעפּט נאָך זיך נאָך צוויי משונה'דיק־גרויסע גענז פון פּוסטן בלעך, מיט די בייכער אַרויף און מיט די שנאָבלם אַראָפּ.

ערגער פון אַלץ איז ווען גרוניע די עגונה, די אַלטע נייטערקע, קומט צו לויפן אין מיל און קלאָגט זיך, אַז משה'קע, זיין בן־יחיד, טשעפּעט זיך צו איר טאָכטער, אַז ער לאָזט זי ניט צורו אפילו ביינאַכט. ער קלאַפּט איר אַן אין לאָדן זי זאָל צו אים אַרויסגיין...

פון אַזאַ מסירה ווערט זאַווע אַן אויפגעקאָכטער. דער עגונה'ס טענות דערמאָנען אים די ביטערע צייטן, ווען קונע די טאָקערקע פלעגט צו אים

אליין לויפן אויף דער מיל און מאכן סקאנדאלן, הלמאי ביי חנה׳לען, איר גליד־פלימעניצע, וואקסט דער בויך... הייבט ער אן צו קלאפן מיטן קור־לאק אין שרייב־טיש אזוי, אז א מעליקער רויך גייט פון אים. סטייטש אזא יונגאטש! אזא לײדאק! אזא נישטערבצע! אט זאל ער נאר קומען וועט ער אים... ער וועט אים... ער וועט...

נאר ווי די נייטערקע גייט אוועק, אזוי הייבט אן דער כעס זיינער אפ־צופאלן. וואס וועט ער?... גארנישט וועט ער!... דער זונדל איז געראטן אין טאטן. דאס עפעלע פאלט ניט ווייט פון בוים... און אז דער בן־יחיד קומט שפעטער אן אן אויסגעפוצטער, א פרישער, א חוצפה׳דיק לאכנדיקער, גייען זאוועז אינגאנצן אוים אלע שטראף־ווערטער. ער קוקט אן, פון אונ־טער די מעליקע ברעמען, דעם קראסאוויעץ זיינעם און בורטשעט אפ, ווי פון יוצא וועגן:

— דו!... מער ווי דער נייטערקע׳ס מיידלעך פעלן דיר ניט? וואס פאר א געשעפטן האסטו מיט גרוניע׳ס מיידל?

— איך?... — שטעלט משה׳קע אוים א פאר לאכעדיקע אויגן.

— אט גיי הער וואס די עגונה זאגט! דו לאזט איר מיידל ניט צורו...

— איך — זי? — ווערט משה׳קע קוים־קוים אין כעס — טפו! אז וואו איך גיב זיך א קער פארנאכט, שטייט זי אין איר פאטשיילע און טשי־קעוועט אויף מיר. אלע טאג שיקט זי מיר צעטעלעך...

טיף אין הארצן האט זאוועז הנאה וואס מען לויפט אזוי נאך דעם אויס־געוואקסענעם תכשיט זיינעם, נאר ער גיט דאס ניט ארוים. ער בורטשעט ווייטער:

— איז טאקע גלייבער! דו זאלסט זיך היטן פאר... פאר... דו ווייסט נאך ניט אויף וואס אזעלכע יענטעטשקעס זיינען קאפאבל...

— א, איך ווײ—ײם! — ציט משה׳קע מיט א ממזרישן פונקל אין די אויגן.

און זאוועז דוכט זיך, אז משה׳קע ווייסט טאקע. אים דוכט זיך, אפילו, אז ס׳איז א וואונק אויף די צרות וואס דער טאטע האט געהאט פון חנה׳לען און פון איר משפחה... וואו האט ער דאס דערשמעקט, דער לײדאק?

און משה׳קע דערשמעקט באמת, אז דער טאטע איז עפעס פארלעגן, אז ער קוקט אוועק אן א זייט... נוצט ער אוים די געלעגנהייט און הייבט אן רייסן פרישע קעשענע־געלט. אט, אנדערע נגידישע קינדער לעבן בעסער פאר אים... אנדערע באלעבאטישע קינדער...

— אנדערע? — קרימט איבער זאוועז. ער ווערט מיושב׳דיק און רעדט שוין מיטן בן־יחיד׳ס טאן — דו ווייסט ווי אנדערע משה׳קעס לעבן?

— וועלכע משה׳קעס? — שפיצט זיך אן דער תכשיט.

— פאַראַן געננג משה'קעס... — קוקט אים זאָווע אָן מיט אַ מאָדנעם קוקעלע — אַזעלכע משה'קעס וואָס מען וואַרפט אונטער. אַט... ווי ביי דעם... ווי הייסט ער דאָרטן? ווי ביי קיווע דעם לעקעכמאַכער...

זאָווע ציט די ווערטער און דאָס האַרץ קלאַפּט אים דערביי. עס גלוסט אים צו שפּילן זיך מיט פייער, קונציק איבערוואַרפן זיך, מיטן בן־יחיד, מיט אַזאַ הייסער קויל; יענער זאָל אַפילו ניט חושד־זיין וואָס פאַר אַ גליענדיקער סוד ס'איז דאָ פאַרטאַיעט.

משה'קען שרעקט־אָפּ דעם טאַטנ'ס קוק, וואָס איז אַ שאַרף אַ פאַר־שלייערט אין איין און דערזעלבער צייט.

— איז... איז וואָס? — הייבט ער אָן צו שטאַמלען — וואָס פאַר־גלייכסטו?

— איך פאַרגלייך גאָרניט... — לאָזט זאָווע אַראָפּ זיין צווייד־ייטיקן שמייכעלע אין דער געדיכטער באָבער־באָרד און ציט זיך אַ גרויע האָר — המ... אַ מאָדנע זאַך! — טראַכט ער זיך — ביי קיווע דעם לעקעכמאַכער — אַ משה'קע און דאָ אַ משה'קע. און ביידע האָבן גאָר אַ גרויסע שייכות מיט א י ם. איינער דאָ, אַ צווייטער — דאָרטן. און ער זיצט דאָ צווישן ביידן און ציט זיך אַ האָר און דרש'נט.

— איך זאָג נאָר אַזוי — מאַכט ער נאָך אַ ווייטעטשקע קלערן — איך זאָג נאָר דרך־משל...

ער גיט זיך אַ ריס די געצויגענע האַרטליכע האָר און באַטראַכט זי.

— טצ... טצ... — שמונצערט ער מיטן שפּיץ צונג — אַט אַזוי ווערט מען דאָס גרוי און אַלט פון א י י ד...

משה'קע איז שוין ווידער באַרואיקט פון טאַטנ'ס שפּילעוודיקייט. משה'קע פּיעשטשעט זיך.

— פון „אייד"?... — קרימט ער איבער דעם טאַטן — דערווייַלע בין איך נאָך ביי דיר איינער. אַט אַז גרונם דער שדכן וועט דיר איינריידן...

זאָווע'ס אויגן הייבן אָן אַרומלויפן אונטער די מעליקע ברעמען.

— נאָך זעהר ווייט!... — שמייכלט ער שעמעוודיק.

— איז באַהאַלט, טאַטע, די האָר דיינע אין אַ ספר און מיר גיב בעסער עטלעכע רובל. כ'דאַרף האָבן.

— שאַרלאַטאַן! — גיט זיך אויף אים זאָווע אַ בייזער, אָבער שוין אָן רוגזה אין האַרצן איז ער פון תכשיט צופרידן, פון זיין יוגנט און פון זיין פרישקייט און פון זיין וויסן, וואָס ער ווייסט, ווי אויסצורייסן אַ קערבל.

ב

חנה'לע האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו בענקען נאָך איר ערשטן קינד. אפילו ווען זי איז נאָכאמאָל טראָגעדיק געוואָרן, אפילו ווען זי האָט אָפּגעהאַט אַ צווייטן, אַ כשר'ן... זי האָט געוואוסט כמעט אַלץ וואָס מיט איר ערשטן קינד קומט פאָר ביי די בעזדיעטניקעס אין הויז. ווען עס כאַפּט אַ פאַרקילונג און ווען עס ליגט אין מאַזלען האָט זי געוואוסט און געזאָרגט זיך ניט ווייניקער, ווי שצערע די בעזדיעטניצע, די צווייטע „מאַמע"...

מיט הינטער־ריידערייען, ביי די טישלעך אין מאַרק, וואו מען פאַרקויפט קיווע'ס לעקעך, און אויף דער שול־גאַס, ביי ווייבער וואָס פאַרקערן אין „זאַוואָלעק", פלעגט זי דערגיין כמעט אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט וויסן. מיט דער צייט האָט זיך ביי איר אויסגעאַרבעט אַ מכלומרשטע רכילות־מאַניער אויסצופרעגן. אין האַלז שטיקט אַ טרער און דאָס צינגעלע גייט אויף שרייפלעך. דאָס וואָס דער גרעסטער קאָמעדיאַנט קאָן ניט דערווייזן, האָט דאָ קונציק דערוויזן דער נאַטור־געפיל פון אַ מאַמע: „שצערע'ס „מציאה", זאָגט איר, וואַקסט ווי אויף הייוון? כאַ־כאַ... אַן עין־הרע! קיין כשר'ע מאַמע האָט ניט אַזאַ גליק. קיווע, זאָגט מען, ניאַנטשעט זיך מיט אים, ווי אַ באַבע... ווי?..."

וואָס ווייטער פון „זאַוואָלעק", אַלץ פרייער האָט זיך חנה'לע געפילט און וואָס נעענטער — אַלץ מער האָט איר אָפּגענומען דער לשון. ס'איז גענוג געווען זי זאָל, פון שול־גאַס, דערזען די צוויי גאַנעקעס אויפן עק זאַוואָלעק, דאָס האַרץ זאָל איר אָנהייבן קלאַפּן ווי אַ האַמער, און די פיס זאָלן אָנהייבן לויפן פון זיך אַליין. שפּעטער, ווען זי איז שוין לאַנג געווען חתונה־געהאַט פאַר לייבעטשקען, איז זי געוואָרן אַביסל כראַברער און האָט געפּרוּווט אַריינדרינגען אין זאַוואָלעק דורך הינטער־געסקעס און סטעזשקעס, וואָס שלענגלען זיך צווישן די דאָרטיקע גרויסע קרויט־גערטנער, הינטער דער חורבה פון די מאַנאַזאַנס. אַזוי איז איר איינמאָל געלונגען צו דערזען פונדערווייטנס דעם קליינעם איינגעשלאָסענעם פלאַץ צווישן אַכט הייזקעס און צווישן פלעקענער צוימען. אינמיטן פלאַץ אַ קאַנאַווקע. און ביי דער קאַנאַווקע שפּילן זיך חדר־ייִנגעלעך. און צווישן די ייִנגעלעך — אַ ייִנגעלע מיט אַ רויט קעפּל. ניט־ווילנדיק האָט זי אַ טאַפּ געטאָן אירע אייגענע רויטע גרייזעלעך אויפן שטערן און פאַררוקט זיי טיף אונטערן קאָפּטיכל... צי דאָס איז ער — משה'קעלע דער... „געפונענער", צי אַן אַנדער קינד — דאָס האָט זי אויף זיכער ניט געוואוסט. ס'האָט איר אָבער אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן. האָט זי קורץ אַ כליפּע געטאָן און אַנטלאָפן הינטער די פאַרזייטע גערטנער.

נאָך שפּעטער, ווען זי איז שוין געווען טראָגעדיק פון איר מאַן אַ צווייטן מאָל, איז זי געוואָרן ביי זיך נאָך מוטיקער און האָט גענומען פּלאַנעווען אַריינצוגיין אַ פּרייטיק פאַר־ליכט־בענטשן צו קיווען, כדי צו קויפן,

בלומרשט, אַ האַלבן לעקעך אויף שבת, און אין דער אמת'ן אַנצוקוקן דעם, ווען זי האָט אַזוי לייכט אוועקגעשענקט צו בעזדיעטניקעס, אַמאָל... איז אַ נעבלדיקער ווינטער־נאַכט...

אַרויסגיין פלעגט זי פון טאַקער'ס שטוב אַן אַנטשלאָסענע. נאָר וואָס ווייטער זי האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער שול־גאַס, אַלץ קירצער און צוריקגעהאַלטענער זיינען געוואָרן אירע טריט, אַלץ אומזיכערער דער קוק. און ניט דערגייענדיק ביזקל ווינקל פון זאַוואולעק, האָט איר דאָס האַרץ אַזוי געקלאַפּט, אַז זי האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן, וזי אויף אַ צו־הויכער טרעפּ. זי האָט געפילט, אַז זי איז גאָר ניט אימשטאַנד אויפצועפענען אַ מויל. ווי נאָר זי וועט אַרויסריידן אַ וואָרט מכוח לעקעך, וועלן די בעז־דעטניקעס גלייך דערקענען צוליב וואָס זי איז געקומען... פלעגט זי זיך פאַרקירעווען אויף צוריק און אַנטלויפן. ווי דורך אַ כישוף זיינען גלייך געפאַלן אַלע פּענטעס. די מאַטע פיס האָבן זיך ווידער באַוועגט לייכט און פריי, אַזוי ווי פריער.

איז זי אַזוי געגאַנגען, ווי אַ פאַר'כישופ'טע הינטיכע, אין קרייזן אַרום דער הייזקע, וואו משה'קע האָדעוועט זיך. אין גרעסערע אָדער קלענערע קרייזן, אָבער צום מיטלפּונקט איז זי קיינמאָל ניט דערגאַנגען. מיט פאַר־טאַיעטער בענקשאַפט האָט זי זיך איינמאָל צוגעהערט אויפן מאַרק וועגן קיווע'ס „האָדולניק” און וואָס פאַר אַ פקח דאָס איז. אַנומלטן האָט ער אַוועקגעשלעפּט אַ שטיק הייסע לעקעך פון אַ בלעך. האָט אים שצערע אָנ־געפּאַטשט אַ הענטל. נו, נו, האָט דער קליינער גענומען טופּען מיט אַ פיסל און שרייען:

— האָסט דאָך אַ סך!...

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך חנה'לע צעקאַטשעט אויף בײדע זייטן פאַר געלעכטער. זי האָט געלאַכט מיט אַזאַ מאָדנער באַגייסטערונג, אַז די באַ־ריידערקע אין קראָם האָט אויפגעעפנט אַ פּאָר אויגן.

— אַז די וועלט זאָגט, — האָט די קרעמערקע צוגעגעבן — אַז אַ וועלט זאָגט „קלוג ווי אַ ממזר”, מסתמא איז אַז אמת... וויפיל פּאַסאַליעס ווילט איר?

חנה'לען האָט פאַרקאַכט דאָס האַרץ. אָקאָרשט אַזוי פריילעך, איז זי מיט־אַמאָל פינסטער געוואָרן. עס האָט זיך איר פאַרגלוסט אַריינצופאָרן דער זלידנער קרעמערקע אין די האָר. וויניקסטנס — אַ שפּיי טאָן און אַנטלויפן פון קראָם. זי האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן און מיט אַן איבערגעביטענער שטים קוים אַרויסגערעדט:

— אַ פונט... ס'וועט גענוג זיין.

אַ סך רואיקער און זיכערער איז חנה'לע געוואָרן, ווען זי האָט שוין איר צווייטן כשר'ען קינד גענומען אַרומטראָגן ביי דער ברוסט. די שאַרפע בענקשאַפט נאָך איר אַוועקגעוואָרפענעם ערשטלינג איז שטילער

געוואָרן. ווי אַ פּאַנצער קעגן צו־שאַרפע אויגן, זיינען פאַר איר געוואָרן אירע נייע קינדערלעך — איינער ביי דער זייט, דער צווייטער — אויפן אָרעם. אַ מאַמע פון קינדער גיט אַמאָל אַ גלעט איבערן קעפּל אַ פרעמד קינד אויך... וואָס איז דאָס פאַר אַ חידוש? און ווען גייט דאָס אָן?...

און טאַקע איינמאָל, אין אַ זומער־פאַרנאַכט, ווען דער געפונענער משה'קע־לע איז שוין אַלט געווען אַ יאָר פיר, זיצט ער זיך אַזוי, מיט דאַנקען זיין חבר'ל, אינמיטן זאַוואָלעק, ביי דער קאַנאַווקע, און שפּילט אין שטיינ־דעלעך און אין טעלער־שערבלעך. און מיטאַמאָל שאַרט זיך אַרויס פון צווישן די קרויט־גערטנער אַ יונג ווייבל מיט אַ קאַפּטיכל ביז איבער די אויגן און מיט אַ קינד אויפן אָרעם. זי בלייבט אַ ווײַלע שטיין ביי די פלעקער־צוימען און העצקעט כלומרשט איר קינד און שמונצערט צו אים. דערנאָך מאַכט זי אַ טראָט און נאָך אַ טראָט און נאָך אַ טריטעלע. עפּעס ווי מיט איין זייטל רוקט זי זיך צו די ביידע יינגלעך לעבן דער קאַנאַווקע. און מיטאַמאָל גיט זי זיך האַסטיק אַ בייג־אָן, אַביסעלע צו־האַסטיק... מיטן לינקן אָרעם האַלט זי צו איר איינן קינד און מיט דער רעכטער האַנט גיט זי אים אַ גלעט איבערן קעפּל.

— קינדעלע, — אָטעמט דאָס פרעמדע ווייבל הייס און קורץ — ווי הייסטו? משה'קע?...

צו אַזאַ שטורמישער ליבשאַפט פון שכנים אין זאַוואָלעק איז משה'קע נים געוואוינט. אַלע פרעמדע, ווען זיי רופן אים צו, שפּאָטן זיי אָביסל, ווינקען־אונטער מיט אַן אייגל. זיי זיינען אים אפילו אָפט מכבד מיט אַ לייכטן שנעל אין נעזל מחמת גרינגשעצונג... און דאָ, גיב נאָר אַ קוק! וואָס וויל זי פון אים די פרעמדע? וואָס ציטערט זי אַזוי?...

אַ טויטער איז משה'קע געבליבן זיצן פון אַזאַ אומגעריכטן איבערפאַל. ווי אַ פליוך פון הייסער מאַמעשאַפט האָט אויף אים געווירקט דאָס ליידנ־שאַפטלעכע גלעטן פון דער פרעמדער האַנט... האָט ער זיך פלוצלינג ווילד צערעוועט פון פולן האַלז אַרויס:

— מאַמע, אוי, זע!... מאַ־מע!...

דאָס פרעמדע ווייבל מיטן קינד אויפן אָרעם האָט גלייך גענומען אָפּ־ציען. ס'איז געווען די העכסטע צייט. וואָרים אויף קיווע לעקעכמאַכער'ס גאַנעק איז אַרויסגעלאָפן שצערע די בעזדיעטניצע מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט אַ שוואַרצער לאַפּעטע אין ביידע הענט, גרייט צו באַשיצן איר האָדולניק. די פאַרגייענדיקע זון האָט איר אָבער אַ זעץ געטאָן אין פנים און אַנגעצונדן אַלע אירע רוגזה־קנייטשן מיט העלישן פייער. גאַרנישט זעענדיק, אין דער רויטער פאַרבלענדעניש, האָט זי פונדעסטוועגן גענומען פאָכען מיט דער לאַפּעטע און שרייען:

— ווער איז דאָרטן?... וואָס איז דאָס דאָרטן?

— זי... זי!... — האָט משה'קעלע אָנגעוויזן מיט אַ פינגערל ערגעצוואו אין אַ זייט, און געכאַפּט לויפן צו שצערען.

האָט די לעקעכמאַכעריז געמאַכט אַ דעבעלע איבער די פֿינטלדיקע אויגן און דערזען, אַז עפּעס אַ פֿרעמד ווייבל מאַכט זיך אַוועק צו די גערטנער־צו. האָט זי איר נאָכגעשריען:

— וואָס ווילט איר פֿון קינד, וואָס?

יענע האָט ניט געענטפֿערט. דעם קאָפּ אַפֿילו ניט אומגעדרייט. נאָר גיך אַריין און פֿאַרשוואונדן אין אַ סטעזשקע צווישן די פּלעקענער־צוימען.

אָבער אין דער אַראָפּגעבויגנקייט פֿון איין קײלעכדיקער פּלייצע, אינם שעמעוודיקן אַוועקמאַכן זיך, אין דעם טיכל אויפֿן קאָפּ און אין דעם גאַנצן הילוך, האָט עפּעס שצערן אַ שימער־געטאָן אַ באַקאַנטע פֿיגור. זי וואָלט שווערן, אַז זי האָט שוין ניט איינמאָל געזען די דאָזיקע פֿיגור ביי איר לעקעך־טישל אין מאַרק. צי איז דאָס ניט טשאַסאַם דעם טאָקער׳ס שנור?...

— טפֿו, טפֿו, טפֿו! — האָט שצערע אַרומגעכאַפּט משה׳לען מיט אירע הראַבליע־אָרעמס. — וואָס האָט זי דיר געטאָן, זונעלע?

— זי־זי־זי... אַט אַזוי... אַט אַזוי, — האָט זיך משה׳קע פֿאַרכלינעט אין אויפֿרעגונג און מסר׳ן — אַט אַזוי... אַט אַזוי!...

און קינדיש־איבערגעטריבן האָט ער געוויזן, ווי דאָס פֿרעמדע ווייבל האָט אים געגלעט איבערן קעפּל. ער האָט דאָס נאָכגעמאַכט אַזוי גיך, אַז מ׳וואָלט געקאָנט מיינען, אַז יענע האָט אים ניט געגלעט, נאָר בייז געקעמט די רויטע הערלעך.

— אַט אַזוי... אַט אַזוי... זי, זי!...

אַ גאַנצן פֿאַרנאַכט איז שצערע געווען שווייגעדיק. אירע שוואַרצע גרויסע אויגן האָבן זיך בייז געדרייט און מיט סומנעם חשד אַרויסגעקוקט אַלע ווײַלע צו די פּלעקענער־צוימען פֿון די נאָענטע קרויט־גערטנער... איר אומד רוּאיקייט האָט זיך איבערגעגעבן משה׳קען אויך. און דער קליינער האָט אויך אַרויסגעקוקט פֿון פֿענסטער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, דאָס פֿרעמדע ווייבל זאָל נאָכאַמאָל קומען, אָננעמען אים ביי די קוטשעראַווע האָר און אַוועקשלעפּן אים אין אַ סטעזשקע, צווישן די גערטנער.

צו וועטשערע האָט משה׳קע, שוין ליגנדיק אין בעטל, דערהערט ווי די „מאַמע״ רעדט צו קיווען שטילערהייט אַזוי:

— דו הערסט, קיווע? מיר דאַכט זיך, אַז איך ווייס שוין...

איר קול ווערט שטילער. און קיווע גיט אַ פֿרעג:

— ער שלאָפֿט? גיב אַ קוק...

— ער שלאָפֿט... — ענטפֿערט די „מאַמע״ שצערע — און ביידנס קול נייט איבער אין אַ שושקעניש.

און וואָס איר „דאַכט זיך״ דער „מאַמען״ און וואָס זי „ווייסט שוין״ איז משה׳קען ניט אויסגעקומען צו הערן. ווארים אַלץ איז גיך פֿאַרזונקען געוואָרן אין האַלבן דרימל און אין שאָטנס.

ג

אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט זיך משה'קע פאַרסאַרעט אַז אייגל. פריער האָט ער געפינטלט, דערנאָך האָט ער זיך געריבן, דערנאָך איז אים דאָס אויגן־לעפּל אַביסל אָנגעשוואָלן געוואָרן און די וויעס האָבן גענומען אויס־קריכן. בשעת שפּילן זיך מיט קינדער, אויף דער זון, האָט זיך משה'קע משונה'דיק געקרימט און געטרערט. און אינדערפרי האָט ער זיך אויפגע־כאַפּט מיט אַ געוויין, אַז ער קאָן דאָס אויג ניט אויפמאַכן. די וויעס זיינען פאַרקלעפּט.

האָט אַ שכנה, ציפּע די בעקערין, הירשל דעם מלמד'ס וויב, געגעבן שצערען אַן עצה, זי זאָל איר האָדולניק, למען השם, אויסוואַשן די אויגן מיט פרישע קרענעצע־וואַסער, אַ פּאָר מאָל אין וואָך, וועט דאָס איבערגיין. נו, און ווער האָט דאָס צייט צו גיין זוכן אַ קרענעצע עטלעכע מאָל אין וואָך?... טאָ זאָל זי, שצערע, מוחל זיין און נעמען מיט זיך אַ פלעשל. איינמאָל אויסוואַשן משה'קעלעס אייגל גלייך פון קרענעצע, דערנאָך, אינדער־היים, פון פלעשל. וועט דאָס אויך אַריבערגיין.

האָט שצערע איינמאָל אין אַ זוניקן פאַרמיטאָג, געגעבן משה'קען אַ לע־קעכל אין האַנט, און פאַרן צווייטן הענטל אָנגענומען אים און אַוועקגעלאָזט זיך זוכן אַ קרענעצע. די בעסטע קרענעצע, האָט מען איר געזאָגט, געפינט זיך לעבן דער גרויסער מיל, זאָוע'ס מיל, וואָס צווישן די ווערבעס, ביי דער הרעבליע.

דורכן שטאָט האָט שצערע געשפּרייזט מיט אירע לאַנגע און דאַרע פיס, מיט גרוים שטאָלץ און מיט האַרט פאַרשנירטע ליפּעלעך. פּשוט — מוטער שרה מיט די ביינער, וואָס נאָך איר אַלט ווערן האָט זי געקראָגן אַ קינד... פונדעסטוועגן זיינען אירע שוואַרצע אויגן אַרומגעלאָפן מיט פאַרדאַכט פון פענסטער צו פענסטער און פון טיר צו טיר. און יעדן דורכגייער האָט זי שאַרף דורכגענומען מיט אַ שאַרפן קוק. און טאָמער האָט זי באַמערקט אַ צו נייגעריקן קוקעלע, אַ ווייז־אָן מיט אַ פינגער, האָט זי איבער משה'קעס קעפּעלע גלייך אָפּגעשפּראָכן אַז עין־הרע אויף איר אייגענעם שטייגער:

— טפו־טפו!... זאָל זיי די אויגן אַרויס!

די קרענעצע האָט זיך טאַקע אָפּגעזוכט, ניט וויַיט פון דער הרעבליע; דאָרט וואו מען גייט אַראָפּ אין קיילעכדיקן, טיפן טאָל פון דניעפּער, וואָס איז פול מיט שוימענדיקע וואַסער בשעת אַ געוויסער און גרינט און געלבט מיט גראָז און קראַסקעלעך אַ גאַנצן זומער. צווישן צוויי האַרבאַטע ווער־בעס האָט שצערע דערזען אַ וואַסערל. אַזוי איז גאָרניט געווען צו דער־קענען, אַז ס'איז אַ לעבעדיקע קרענעצע. אַ קלאָר וואַסערל אין אַ גרוב, וואָס גיסט זיך איבער, ווי אַ פולער בעכער, און רינט אַראָפּ אַן גערויש און אַן בלעזלעך. נאָר אַז מען טוט דאָס וואַסערל אַ ריר מיט אַ פינגער דער־

שפּירט מען, אַז ס'איז קאַלט ווי אייז. ס'איז עפּעס גאָר אַ באַזונדער פרישקייט אויפן זומערדיקן גרונט פון טאָל. און שיט מען אַריין אַ הייפעלע זאַמד אין גרוב, אַזוי ווערט דאָרטן דאָס גאַנצע וואַסער מוטנע, פון דעק ביז אויבן אַרויף, עפּעס ווי עמיצער וואָלט דאָס געמישט מיט אַ לעפל. און באַלד דערקענט מען טאַקע, אין דער מוטנעקייט, אַ באַוועגונג. עס הייבט דאָרטן אָן צו פּולסירן אַ מין וואַסער־הערצל, שלאָג נאָך שלאָג. און מיט יעדן שלאָג ווערט די מוטנעקייט אַוועקגעשטויסן, אָפּגערוקט אַן אַ זייט, ביז דאָס וואַסערל ווערט ווידעראַמאָל קלאָר ווי טייערע קריסטאָל. די באַוועגונגען פון וואַסער־הערצל שטעלן זיך אָפּ און פאַרביקע שטיינדעלעך שימערן אויף אויפן דנאָ.

שצערע האָט אַ שעפּ געטאָן מיט איר הראַבליע־האַנט און אַ שאַרבע געטאָן: „אַ! אַ מחיה!...” מאַכט זי און גיט משה'קען אויך צו פאַרזוכן פון דער דאַרער דלאָניע, ווי פון אַן אַלטער קאָכלעפל. דערנאָך האָט זי משה'קעס קעפּעלע אַראָפּגעבויגן, איבער דער קרענעצע, ווי איבער אַ מולטער. און מיטן זעלבן „קאָכלעפל” גענומען שעפּן פון קוואַל און וואַשן דאָס ווייטיקדיקע אייגל. אַ שעפּ און אַ וואַש. און ביי יעטווידער וואַש צוגעוואָרטשן און צוגעזונגען. ווי אַ שטילער אָפּשפּרעכן האָט זיך אָנגעהערט איר געמורמל אין דער פרישקייט פון דניעפּר־טאָל:

צו געזונט און צו רפואה דיר, משה'קעלע!
צו געזונט און לאַנגע יאָר!
מיר זאָל זיין פאַר דיין אייגעלע,
פאַר דיין ברעמעלע און קעפּעלע!
וואַסערל, וואַסערל, נעם אַוועק דאָס בלאַטערל
און שענק משה'ינקען אַ ריין אייגעלע,
אַ ריינינקע, אַ שיינינקע...

שצערע'ס אויסגעקלערט לידעלע האָט זיך געגאָסן ווי דאָס ריטשקעלע פון דער איבערגעפילטער קרענעצע, און דאָס וואַסער איז טאַקע געווען קיל און מחיה'דיק. און משה'קען האָט זיך באמת גענומען דוכטן, אַז דער ווייטיק איז לעפל ווערט לייכטער און דאָס אייגל ווערט ליכטיקער.

— נאָך! — בעט זיך משה'קעלע — אוי, אוי... נאָך!

אויסגעוואַשן דאָס אייגל, ווי עס געהערט צו זיין, נעמט שצערע אַרויס אַ ריין טיכל, טונקט־איין דעם מיטן אין קוואַל־וואַסער, דרייט־אויס און בינדט משה'קען אַרום דאָס שוואַכע אייגל, מיטן ווייסן קניפּל אין די פלאַמרויטע קוטשעראַווע הערלעך. דערנאָך לאָזט זי אַראָפּ דאָס מיטגענומענע פלעשל אויפן דנאָ פון קוואַל. דאָס פלעשל מאַכט: באַק־באַק־בול־בול, ביז זי פילט זיך אָן. דאָס איז זאַפּאַס פאַר אינדערהיים...

מיטן איין־איינציקן פרייען אייגל באַטראַכט אַצינד משה'קע דעם נייעם אַרום. אַלץ איז דאָ מורא'דיק אינטערעסאַנט. איבער דער הרעבליע איז

איבערגעוואָרפן אַ הויקערדיקער בריקל, וועלכער פירט צו דער שוואַרצער אָפענער טיר פון מיל. אונטער אָט דעם דאָזיקן בריקל שטורעמט די הרעבליע ווי אין אַ פוסטער פאַס אַריין. פון דער אַזערע פאַלט דאָס וואַסער אין טיפן דניעפּער. צום אָנהייב — ווי אַ גרויסע שטיק גרינלעכע גלאָז. בוטלגלאָז. דערנאָך צעשיט זיך דאָס אין ווייסע פּאַטשערקעס. מיליאָנען־מיליאָסן פּאַטשערקעס. גאַנצע שנירלעך און צעשאָטענע ווי האָגל. אַביסל טיפער צעקלאַפּן זיך שוין אַלע פּאַטשערקעס אין שטויב און אין בלעזלעך און אין נאַסער רויכיקייט. און איבער דעם אַלעמען ציטערט אַ שטיקל רעגנבויגן. רויט, בלוי, גריז, געל... די וואונדער זיינען גרויס און דער קינדערשער פּחד ניט קלענער... האָט זיך דערפאַר משה'קעלע צוגעטוליעט צו שצערע'ס איינגעפּאַלענער ברוסט און מיט טיפער נייגעריקייט באַוואונדערט דאָס שפּיל פון וואַסער, ליכט און קולות, אין וועלכן די פאַרבן ברומען און די געשרייען לויכטן — — —

ד

אינדערהויך, אויפן סאַמע הויקער פון בריקל, וואָס פירט צו דער מיל. וואַקסט אויס אַ שאָטן. אַ שלאַנקע פיגור פון אַ בחור שטעלט זיך דאָרטן אַוועק און קוקט. די כאַליאַוועס פון זיינע שמשעגאַלסקע שטיוועלעך גלאַנצן, און די חוצפּה'דיקע אויגן, צווישן די טונקעלע באַקנבאַרדן, גלאַנצן אויך. ער בייגט אַראָפּ זיין קיילעכדיקן קורץ געשוירענעם קאָפּ איבער דער פּאַרענטשע פון בריקל און גיט פּלוצלינג אַ געשריי. ער שרייט איבער דאָס גערויש פון דער הרעבליע:

— העי, איר! וואָס טוט איר דאָרטן?...

שצערע און משה'קעלע, ביידע ציטערן אויף פונם פּלוצליכן אַפּלאַכערישן געשריי. עס פאַלט אַראָפּ ווי אַ שטיין פון הימל. מאַכט שצערע אַ דעכעלע איבער די אויגן און כאַפּט אַ קוק אַרויף. דערקענט זי אויפן בריקל זאוועס מילנער'ס בן־יחיד. אויך אַ משה'קע... קיין גוטן נאָמען אין שטאָט האָט ער ניט, זאוועס תכשיט. ווערט זי דערפאַר אַ האָר ניט נתפּעל פון זיין שמשאַגעלסקן אויסזען, און שרייט צו אים אַרויף:

— דיין טאַטנ'ס ירושה נעם איך דאָ צו!

אויף אַזאַ אויסגאַב פון אַ יידענע האָט זיך, ווייזט אויס, זאוועס בנ'אַק ניט גערעכנט. וואָרים ער גיט אַ וואָרף מיטן חוצפּה'דיקן קאָפּ, ווי פון אַ שפּיי אַוועק. דערנאָך סקאַליעט ער אויס אַלע ווייסע ציין און שרייט אַראָפּ:

— וועמען האָט איר דאָרטן די אייגעלעך געוואַשן? דעם „ממזר" אייערן? כאַ־כאַ־כאַ...

צום ערשטן מאָל אין לעבן דערהערט משה'קע אַזאַ מאָדנעם וואָרט, וואָס מיינט אים. וואָרים קיין אַנדערער איז דאָ מיט דער „מאַמען" ניטאָ... לויט דעם, ווי ביי שצערען פאַרקרימט זיך דער אַפּגעניצעוועטער פּנים, דערפילט משה'קע, אַז עס איז גאָר אַ מיאוסער וואָרט, אַ קלעפּיקע צונעמעניש... הייבט ער גלייך אָן צו כניקען און צו ציען שצערען פאַרן אַרבל:

— קום אַהיים, מאַמע! זע, זע... קום!

נאָר שצערע איז שוין אויסער זיך פאַר כעס און באַמערקט אפילו ניט ווי משה'קע צופּט זי. זי עפנט אויף אַ מויל פון אַ מאַרק־יידענע און שרייט אַרויף צום מילנער'ס בחור:

— צו דיין קאָפּ און צו דיין לייב־און לעבן! פּוסטאַפּאַסניק דו! אָפּגע־פּרעסענער הולטאַי! צייל בעסער ד י י נ ע ממזרים, וואָס דו האָסט געלאָזן אין שטאָט...

אויפן בריקל באַווייזט זיך אַ צווייטער שאָטן. אַ האַריקער און מעליקער לויפט ער אַרויס פון דער שוואַרצער פּירקאַנטיקער לאָד פון מיל, שטעלט זיך לעבן בחור מיט די לאַק־שטיוועלעד און קוקט אַראָפּ, ווער עס שרייט דאָרטן אַזוי אונטער דער הרעבליע. דערזעט אַ יידענע מיט אַ ייִנגעלע ביי דער זייט, הייבט ער אויף איר אָן צו פאָכען מיט ביידע מעליקע הענט:

— נו־נו־נו!

אָבער שצערע וואַרפט צו אים כעס'דיק אַרויף מיטן באַטיכלטן קאָפּ. זי איז אַזש הייזעריק פון איבערשרייען די הרעבליע:

— וואָס נוקעט איר וואָס? נוקעט בעסער צו אייער אייגענעם תכשיט! אַזאַ אויסוואָרף!... מיין משה'קען — „ממזר"?... איכ'ל אים ווייזן!

— דו הערסט? — לופעט אוים דער בן־יחיד אויף דעם טאַטן זיינע חוצפּה'דיקע אויגן — א ו י ך א מ ש ה ' ק ע! איינער פון די, מיט וועלכע דו פאַרגלייכסט מיך...

זאָווע ווערט רויט ווי פייער. ערשט איצטער דערקענט ער ווער די יידענע איז און ווער ס'איז איר רויט־האַריקער ייִנגעלע.

— טרעט־אָפּ! — ברומט ער אויף זיין בן־יחיד, אָבער מאָדנע־פאַרלעגן — מיט אַלעמען מוזטו זיך טשעפּען!...

ער כאַפּט אים פאַר אַ האַנט און שטופּט אים. אָבער דער בן־יחיד מאַכט אָן אָנשטעל, אַז ער גייט זיך שלאָגן.

— לאָז מיך! — רייסט ער זיך פון טאַטנ'ס הענט און ווייזט אַ קולאַק דער יידענע אונטערן בריקל.

— דו, מיך? — קוויטשעט די יידענע אַרויף — דו?... קום אַקאָרשט אַהער!... די הולטאַיסקע אויגן וועל איך דיר אויסדראַפּען! ... דיין טאַ־טינקען, אויב ער וויל — אויך...

זאווע קארטשעט זיך צוזאמען, ווי אונטער ווייבערשע אנגעשטעלטע נעגל. דער שרעק פאר ווייבער־מכשפות ליגט אים נאך אין די ביינער זינט ער האט געהאט צו טאן מיט דער טאקערקע... שטופט ער דעם תכשיט זיינעם נאך שטארקער אוןווארטשעט; אבער גאר ניט ווי א גביר א תקיף, וואס האט זיך קיינמאל ניט געלאזן שפייען אין דער קאשע. אצינד איז שוין דער תכשיט אין הארצן צופרידן, וואס מען לאזט אים ניט גיין שלאגן זיך מיט קיווע׳ס יידענע. עס קאן ווערן גאר געפערלעך פארן אויסגעכאליעטן פנים און פאר די ארומגעגאלטע באקנבארדן. פאלגט ער א טאטן און ער לאזט זיך אוועקשלעפן פון דער פארענטשע.

און שצערע אונטערן בריקל בלייבט שטיין א פארוואונדערטע איבער איר צו־לייכטן נצחון. מיט אן אפענעם מויל, פול מיט ניט־אויסגעשאלטענע קללות און מיט א דעכעלע איבער די אויגן, קוקט זי נאך דעם מילנער מיט זיין בן־יחיד, ביז זיי ביידע פארשווינדן אין דער שווארצער לאך פון מיל.

ביי הירשל דעם מלמד

א.

פון קדמונים פירט זיך שוין אזוי אין שקלאוו: אז א באַלעבאַטיש ייִנגעלע וואַקסט אונטער און קאַראַבקעט זיך אַריבער דעם שוועל פון פינפטן־זעקסטן יאָר, הייבן אָן גיין דרדקי־מלמדים אין שטוב. נאָך פּורים הייבן זיי אָן צו קריכן און חול־המועד פּסח פּאַרענדיקן זיי זייערע וויזיטן. יעטוועדער מלמד ברענגט עפּעס א „גוטע זאַך": א נאַקעט צוקערל, א מעליקן „קאָנפּעט" אין א פּאַרביק פּאַפּירל, א ראָזשינקע־לעקעכל פּאַר א גראָשן, און גיט דאָס אָפּ דעם קומענדיקן תּלמיד'ל אין די הענטלעך אַריין.

— אַן עבירה געלט!... — ברוגז'ן זיך בלומרשט די גערירטע טאַטע און מאַמע.

— זאָל ער עסן געזונטערהייט! — ווינטשעוועט דאָס קלוגיטשקע מלמד'ל מיט א זיסינקן שמייכעלע.

דאָס האַרץ צופּט אים אפילו, דעם מתּנה־געבער, אָבער דער באָבערדלטער פּנים איז איינגעטונקען אין לאַקריץ. ער איז כּלל ניט זיכער, אַז דאָס גראָשענע לעקעכל וועט אים איינברענגען פּרנסה, נאָר ער שטעלט דאָס איין ווי אין קאָן פון א „דאַמקע־שפּיל" און איז זיך פון דעם מיאש. טאָמער יאָ!... מען קאָן ניט וויסן. ווי זאָגט שלמה המלך אין משלי? „שלח לחמך"... שיק דיין ברויט אויפן וואַסער! פּריער־שפּעטער וועסטו דאָס געפינען מיט פּראָצענט.

דערנאָך נודיעט דאָס זיסע מלמד'ל א גוטע שעה וועגן דער פּאָגאָדע, וועגן נייעס אין די גאַזעטן און וועגן לעצטן געשלעג פּאַר „מפטיר" אין דער קאַלטער שול. „די פּעטש, מאַכט ער, צווישן די הויכע געוועלבן, האָבן דאָרטן געשאָסן ווי פון פּיסטאָלן..." וכדומה, נאָך אַזעלכע ריידערייען.

אַזוי לאַנג אַזוי ברייט ביז דאָס מלמד'ל געפינט די ריכטיקע מינוט און בעט מ'זאָל אים אָפּגעבן דאָס ייִנגעלע צו לערנען „עברי". אים און ניט קיין אַנדערן.

און דאָס ייִנגעלע?... דאָס ייִנגעלע נעמט אָן די אומזיסטע מתּנות ווי א קליין הערשערל. ער איז שעמעוודיק און פילט פונדעסטוועגן זיין וויכטיקייט.

דאָס יידישע קעפּעלע האָט אים ניט געדאַרט. ער ווייסט, דער ממזרוק, אַז חשוב'ע יידן דינגען זיך איבער אים. זשוואַקעט ער די לעקעכלעך און סמאַטשקעט די צוקערלעך און לאָזט זיך וואוילגיין. ער איז אפילו ניט חושד, דאָס אונטערגעקויפטע נאַרעלע, אַז אין איינעם פון די גוטע זאַכן ליגט באַהאַלטן אַ זיסער גיפט. וואָרים סוף־כל־סוף וועט ער דאָך אַריינפאַלן צו איינעם פון די קלוגיטשקע שוחד־געבער אין די הענט. און פאַרן אומזיסט אויפגענאַשטן צוקערל וועט ער מוזן באַצאָלן מיט אַ הייס־געשמיסענעם הינטער־חלק איין מאָל אין וואָך לכל־הפחות. וואָס דען? אומזיסטע מתנות וועט אַ שקלאָווער בכבוד'יקער מלמד טראָגן אַ פינף־יאָריקן שנעק און וועט זיך בוקן צו אים?

איז טאַקע גלייכער, אַז דער יאַטל ווייסט דאָס דערוויילע נ י ט. דער־וויילע וואָס, צווישן פּורים און פּסח, איז חי־געלעבט! דערוויילע נאַשט ער אַז עין־הרע. די מלמדים טענה'ן אַריין אין טאַטע־מאַמע, און טאַטע־מאַמע דינגען זיך און זאָגן צו צו באַטראַכטן דעם עניין. יעטוועדן מלמד, נאָך זיין אוועקגיין, וואַשט מען איבער די ביינדעלעך: דער האָט אַ שיינע באָרד, איז ער אָבער אַ קאַפּעלע זאַאיקע. און יענער האָט לשון... נאָר וואָס טוט מען אַז די צורה איז קיין צורה ניט. אַ ציגענע בערדל. און אַ דריטער האָט אַי אַ שאַרפע צונג אַי אַ פיינע באָרד — איז ער קאַסאַקע. היינט ווי אַזוי זאָל מען וויסן אויף וועמען אַזאַ רבי שרייט אַן? אויפן תלמיד צי אויף דער אייגענער נאָז?... שאַצט מען אַזוי לאַנג און מען וועגט און מען וואוילט, ביז מען שטעלט זיך אָפּ אויף איינעם.

דער גליקלעכער אויסגעוויילטער מלמד רופט צו זיך צו דעם אָפּגעגע־בענעם יינגעלע, פאַרקוועטשט אים צווישן די קני און גיט אים אַ קניפּ מיט צוויי פאַרטאַבאַקטע פינגער אין בעקל. אַ קעלט גייט דורך דעם שוואַ־בינקן נפש'ל דורך אַלע ביינדעלעך. ערשט אַצינד דערפילט ער נעבעך, אַז ס'איז אַ סוף מיט אַלע גליקן, מיטן פריי־זיין און מיט לויפן אַלע וויילע צו דער מאַמען פיעשטשען זיך... נאָר ס'איז שוין צו שפּעט חרטה צו האָבן. אויפגענאַשט די פרעמדע לעקעכלעך, אַראָפּגעשלונגען די מלמדישע „גוטע־זאַכן", פאַרקויפט זיך פאַר אַ תלמיד'ל און... פאַרפאַלן.

אַזוי איז דער דין מיט אַלע באַלעבאַטישע קינדער. אָבער ווען משה'קע־לע, דער געפונענער משה'קעלע, איז אונטערגעוואַקסן און אַריבערגעטראָטן דעם פינפטן יאָר פון זיין לעבן, האָט אפילו קיין איינציקער מלמד ניט אַריינגעשמעקט צו קיווע דעם לעקעכמאַכער אין שטוב. וואו צוקערלעך, וואָס צוקערלעך? אפילו אין טיר האָט קיינער ניט אָנגעקלאַפּט. אינגאַנצן פאַר־געסן, אַז ס'איז דאָ אַ משה'קע אויף דער וועלט, וועלכער דאַרף לערנען אלף־בית מיט אַלע יידישע קינדער גלייך.

קיווע און שצערע זיין אשת־חיל וואָלטן זיך אפשר אַליין ניט געכאַפּט, אַז דעם האָדולניק זייערן ווערט דאָ געטאָן אַ עוולה, דאַנקע פון אַקעגן־

איבער האָט זיי דערמאָנט. דאַנקע, ווײַגדער דעם שכנ׳ס יתומ׳ל, איז אין איינע יאָרן מיט משה׳קען. און היינטיקן חול־המועד־פּסח האָט זיך די גאַנעק־טיר ביים האָלץ־סוחר ניט צוגעמאַכט. אַלע מעלאַמעדוקעס זיינען שוין דאָרטן איבערגעוועזן צו בעטן דאַנקען פאַר אַ תּלמיד, און צו קיווע דעם לעקעכמאַכער האָט זיך קיינער ניט אַריבערגעכאַפּט. אַרויסגעמאַכט זיך פון „זאַוואָלעק” אויף דער שול־גאַס און ניטאָ. און, דאַכט זיך, דאָ, אַזוי נאָענט, זיצט און וואַרט אַ צווייטער תּלמיד׳ל. גאַנעק קעגן גאַנעק. מיטן האַנט צו דערלאַנגען...

אַפּריער האָט דאָס פּאַרדראָסן שצערען, דערנאָך האָט זיך דער פאַרדראָס איבערגעגעבן קיווען אויך. נאָר מילא, די דרדקי־מלמדים פון שול־גאַס און פון קאַרפּיליקע־גאַס און פון אַרום מאַרק — כאַפּט זיי דער וואַטנמאַכער! קיווע וואָלט זיין האָדולניק סיי ווי סיי ניט אָפּגעגעבן צו אַ מלמד ווייט פון שטוב. אַזאַ פּיצל קינד!... אָבער דו, הירשל מעלאַמעדוק! אינם זעלבן זאַ־וואָלעק, די צווייטע שטוב, אַז אייגענער מענטש — דו ווייסט, כלומרשט, אויך ניט, אַז משה׳קע דאַרף אָנהייבן לערנען?... סטייטש? קום כאַטש אַריין פון יוצא וועגן...

קיווע׳ס פאַרדראָס האָט סוף־כל־סוף אַרויסגעפּלאַצט. מוצאי־יום־טוב, דעם לעצטן טאָג פּסח, ווען אַלע מלמדים זיינען שוין פאַרזאָרגט מיט תּלמי־דים אויף אַ פולן זמן, האָט ער הירשלען זיין שכן פאַרגעהאַלטן. ניין! אויף אַזאַ אַן עוולה האָט ער זיך, פון אַן אייגענעם שכן, ניט גערעכט...

האָט הירשל דער מלמד געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז נאָך ניט פאַר־טיק מיט דאַוונען. אומהו!... אַה, אַה!... ס׳הייסט: באַלד וועט ער ענדיקן מעריב וועט ער ענטפערן. אין דער אמת׳ן האָט ער נאָר געוואָלט אויס־טראַכטן אַ תּירוץ און ניט אויסגעטראַכט.

אויסגעשפּיגן און אָפּגעבראָכט „עלינו לשבח” האָט הירשל גענומען דרייען מיט דער צונג: גאָט איז מיט אייך, ר׳ קיווע! ער, הירשל, וויל דען ניט? וואָו האָט דאָס ר׳ קיווע געזען, אַז אַ מלמד זאָל ניט וועלן פאַרדינען אַן איבעריקע פאַר רובל אַ זמן? אַלאַ וואָס דען? די באַלעבאַטים! נאָר די באַלעבאַטים... קיווע ווייסט דאָך פון זיינע אייגענע לעקעכער. קען מען דען אַלעמען האָווירן?... וואָס הייסט האָווירן? כ׳מיין אַ קלוגן יידן ווי קיווע דאַרף מען דען צעקייען און אַריינלייגן אין מויל? ער פאַרשטייט דאָך אַליין... באַלעבאַטים קרימען זיך... וועלכע באַלעבאַטים? אַלערליי באַלעבאַטים. באַלעבאַסטעס — אויך...

— מסתמא ר׳ ווייגדער דער יחסן... — פּרוּווט קיווע טרעפן, און די אייגעלעך ווערן ביי אים שאַרף ווי די נאָדלען.

— ער וויל ניט פירן קיין רכילות, — קוקט הירשל דער מלמד אויף זיין אייגענער באָרד — ניין, דאָס ניט. נאָר מ׳האָט אים בפירוש געזאָגט, האָט מען אים, אַז אויב ער וועט אַריינגעמען אין חדר משה׳קען, איז... איז...

קיווע האָט זיך ניט דערוואָרט ביז דער מלמד וועט זיך אויסשטאַמלען. ער האָט אים אויסגעדרייט דעם רוקן און איז אַוועק אַז אַ „גוטע וואָך" צו זאָגן.

נאָר צומאָרגנס, ביים דאַווענען, איז צו אים ר' הירשל אַליין צוגעגאַנגען און איבערגעבעטן אים. אַ שכן איז פּאָרט אַ שכן. אַזוי און אַזוי — קיווע זאָל קיין פאַראיבל ניט האָבן. ער האָט פאַר אים אַ נייעס, האָט ער פאַר אים: אַזוי ווי ווינגדער דער יחסן האָט זיין דאַנקען אָפּגעגעבן אַן אַנדער מלמד, אויף דער שול־גאַס... איז אויב ר' קיווע וויל...

„אויב ר' קיווע וויל..." העז, אַ לשון פון אַ מעלאַמעדוק מיט אַ באַלע־באָס! אַ מלמד, וואָס פון קנעלן עברי מיט אַ כאַפּטע יינגלעך האָט ער נאָך ניט געגנוג אויף דער הוצאה און „ציפע מיט די לעפצן" — די יידענע זיינע באַקט נאָך ברויט צום פאַרקויפן, אַזאַ מלמד'ל האָט נאָך אַ העזה זאָגן: „אויב קיווע וויל". ס'הייסט אַז טאָמער וויל ער נ י ט — דאַרף מען ניט...

נאָר צוליב שלום וועגן, כדי ניט אויפרייצן שצערען זיין וויב, איז קיווע געקומען צום אָנבייסן און אָנגעזאָגט קיוועכען אַ בשורה, אַז יאָ... הירשל דער מלמד וויל שוין נעמען משה'קען מיט בײדע הענט. לכתחילה האָט ער געמיינט ר' הירשל... הכלל, וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו שמועסן? מען איז מושוה געוואָרן פיר קאָרבן אַ זמן, איז מען, און מאָרגן הייבט משה'קע אָן צו גיין אין חדר.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי „גיין אין חדר". ג י י ן איז דאָ ניט געווען שייך צו זאָגן. צו מאָרגן אינדערפרי האָט מען משה'קען גענומען פאַר אַ הענטעלע און אַריינגעפירט אים אין דער צווייטער שטוב צו ר' הירשלען: אָט איז דיין רבי, און אָט זיינען נאָך אַ סך יינגעלעך! לערן וואָס מען הייסט דיר!...

ב

דעם ערשטן מאָל איז משה'קע אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פון דער חושב'דיקער שטוב, וואָס ער האָט ביז־אַהער געקענט נאָר פונדרויסן. דאָס ערשטע וואָס משה'קע האָט דערזען איז געווען אַ מורא'דיקע לאָך פון אַן אָנגעהייצטן אויוון מיט אַ הורבע גליענדע קוילן אין דער טיף. לעבן אַ גרויסער באַק־דייזשע זיינען געשטאַנען די הירשעליכע — אַ קלאַציקע יידע־נע מיט גראָבע ליפּן, און דאָבע, די טאָכטער אירע, פּונקט אַזאַ קלאַציקע און גראָב־ליפּנדיקע ווי די מאַמע; ביידע מיט בריה'ש פאַרבונדענע טיכלעך אויף די גרויסע קעפּ, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט גרויסע שטיקער טייג אויף די רויטע דלאָניעס. פון האַנט צו האַנט האָבן זיי איבערגעוואָרפן

די שטיקער טייג, ווי אַוועקגעַחלש׳טע קינדערלעך, און געפּאַטשט אין זיי. דאָס האָבן זיי אַזוי געפורעמט די לאַבנס ברויט איידער אַריינזעצן זיי אין הייסן אויוון. פּאַפּערעק, איבער אַ לעז פון אַ שטול און איבערן פּריפּעטשאָק, איז געלעגן גרייט אַ ברייטע לאָפּעטע. משה׳קעלע איז אַדורכגעגאַנגען אונ־טער דער דאָזיקער לאָפּעטע, ווי דורך אַ טויער פון טריאומף. און קיווע איז געבליבן שטיין אויף יענעם זייט. וואָרים דער טריאומף־טויער איז אים נאָר דערגאַנגען ביזקל גאַרטל. „גיי, גיי! — האָט ער משה׳קעלען אונטער־געמונטערט — בלייב ניט שטיין!..." און משה׳קע איז אַריין אין אַ צווייטן צימער — אַ קילערער און אַ ליכטיקערער.

אַ סך יינגעלעך זיינען דאָ געזעסן אויף הויכע הילצערנע בענקלעך, ענלעך צו „קאָזלעס", אויף וועלכע גויים זעגן האָלץ... דער ערשטער יינגעלע, וואָס איז געזעסן נענטער צו הירשל דעם מלמד, האָט געלערנט פון אונטערן טייטל:

— וואָס איז דאָס?

— אַ־אַ־אַ־אַן... אלף.

— שריי אויף אים!

— אלף!

אַ שאָטן לויפט דורך און אַ צוקערל, איינגעוויקלט אין אַ פּאַרביקן פּאַפּירל, גיט אַ פאַל איבערן טיש... „אַ מלאך, זאָגט דער רבי, האָט דאָס דיר גע־וואָרפן, ווייל דו לערנסט גוט..."

משה׳קען איז דאָס שטאַרק געפעלן געוואָרן. מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט אויף זיין ריי. ניט אַזוי ווייל ער איז געווען זשעדנע נאָך אַ זיסע זאַך. זיסע זאַכן האָט אים אינדערהיים אויך ניט געפעלט. די גאַנצע מאַשי־נעריע האָט אים פאַר׳כישופ׳ט. מען דאַרף נאָר אַ געשריי טאָן אויפן „אלף" און אַ צוקערל פאַלט פון הימל.

און אַט האָט אים ר׳ הירשל אויך אַנגענומען ביי די פּלייצקעס און אַרויפגעזעצט אויפן הויכן בענקל: „וואָס איז דאָס?" האָט ער דעם יאַטל פאַרזעצט אַ האַרבע קשיא, אָן שום איבעריקע הקדמות.

— אַן־אַן... אלף! — זוכט משה׳קע מיט די אייגלעך אויף דער סטעליע.

— אין סידור קוק!

— אלף!

—שריי אויף אים!

דאָ האָט משה׳קע צוזאַמענגענומען אַלע זיינע כוחות און דערלאַנגט אַ רעווע „אלף", אַז די בעבעבעס אין בויך האָבן זיך ביי אַלע יינגלעך אָפּ־געריסן. דער רבי אַליין האָט זיך אַ קרים געטאָן:

— שריי ניט אַזוי!

מען איז ביסלעכווייז דערגאַנגען ביזקל „זין" און אַ צוקערל פֿון הימל איז משה'קען אויך געפֿאַלן. נאָר מיט זיין שאַרפֿן אויערל האָט ער דער־כאַפּט, אַז בשעת לערנען מיט אים איז דעם רבינ'ס קול ניט אַזוי ליבלעך ווי מיט די אַנדערע קינדער. אָדער ער וואַרפֿט אים פֿאַר, אַז ער שרייט צו־שטאַרק, אָדער ער טשעפּעט זיך אַז ער איז פֿאַרשלאָפֿן...

דעם צווייטן טאָג איז משה'קעס פֿאַרדאַכט שטאַרקער געוואָרן. כמעט אַלע יינגלעך האָט דער מלאך נאָכאַמאָל געוואָרפֿן צוקערלעך פֿון הימל. פֿאַר אים, פֿאַר משה'קען, איז ניט געבליבן. אינמיטן לערנען אלף־בית האָט ער אַ פּאָר מאָל געכאַפּט אַ קוק צום באַלקן. פֿאַר וועלכע זינד, אַ שטייגער, האָט אים דער מלאך אינגאַנצן פֿאַרגעסן? און... האָט באַקומען אָנגע־שריען פֿון רבי'ן:

— וואָס זוכסטו אויפֿן באַלקן וואָס? מעגסט לערנען אַזוי אויך. אינ־דערהיים ביי דיין „מומען" האָסטו גענוג גוטע זאַכן. די „מומע" דיינע מאַכט זיי אַליין...

אין יענעם טאָג איז משה'קע געקומען אַהיים וואַרעמעס עסן און איז צוגעפֿאַלן צו שצערען מיט צוויי קשיות: ערשטנס, פֿאַרוואָס האָט אים דער מלאך אַזוי גיך פֿאַרגעסן?... און צווייטנס, פֿאַרוואָס זאָגט עפּעס דער רבי אַז ער האָט אַ „מומע" אינדערהיים? ער וויל ניט קיין „מומע". ער וויל אַ „מאַמע" ווי אַלע יינגעלעך...

— אַלע וויסטע חלומות!... — זידלט זיך שצערע אויס סתם אין דער וועלט אַריין.

אי ביטער אי זיס איז דער בעזדיעטניצע געוואָרן פֿון משה'קעס טענה. און ווי פֿון געזיסטן כריין זיינען איר אַזש אַנגעלאָפֿן טרערן אין די אויגן.

— הערסט דאָך, — מאַכט זי — קיווע, וואָס ע ר זאָגט! ער וויל ניט קיין מומע"; ער וויל אַ „מאַמע" וויל ער... אַ מאַמע בין איך דיר משה'נקע! אַ מאַמע!

— אַז אמת'ע מאַמע?

— אַז אמת'ע!

— יאָ — מאַכט שצערע נאָך אַזאַ פֿריילעכער דערקלערונג צו קיווען — דיין קלוגן מלמד קענסטו זאָגן ער זאָל די צונג זיינע צו... צו... צו...

וואָס זאָל דער מלמד טאָן מיט זיין צונג?... דאָס האָט משה'קע מער ניט געקענט הערן, וויל שצערע'ס ווערטער ווערן פֿאַרשוואומען אין אַ בייזער שעפּטשעניש צווישן איר און קיווען.

פֿון דאַמאָלסט אָן האָט משה'קע באַמערקט, אַז הירשל, אָדער דער „קלו־גער מלמד", ווי מען האָט אים אינדערהיים גערופֿן, מיידט אויס צו געברויכן „מאַמע" אָדער „מומע" ווען ער רעדט צו אים, צו משה'קען. און פֿאַרגעסט ער זיך און זאָגט „מומע", פֿאַרכאַפּט ער גלייך און פֿאַרריכט.

למשל: גיי משה'קע אהיים און זאָג דער מום... כ'מיין דער מאַמען דייר־נער..." אָדער: „די מום... די מאַמע דיינע האָט געהייסן..."

דערפאַר האָבן אים שטאַרק דאָקוטשעט די דרדקי־יינגעלעך אין חדר. משה'קע האָט גענומען באַמערקן, אַז די עלטערע כיתה יינגעלעך, וואָס לערנען שוין „עברי", שעפּטשען זיך יעדן מאָל ווען ער גייט־צו. און שפּילט מען בקאָמפּאַניע, מיט די אלף־בית־יינגעלעך, זעט מען אים אויסצומיידן. האָט ער, די ערשטע צייט, געפּרואווט אַריינשטעקן אַ פינגערל אין מויל און ווערן ברוגז. האָבן אים די יינגעלעך געלאָזן שטיין אין זיין ברוגז וויפל זיין האַרץ געלוסט.

דערזען, אַז ווערן ברוגז איז אַ שוואַכע סגולה, האָט ער זיך אַליין גענומען אויסזוכן חברים'לעך צווישן הירשל'ס תלמידים'לעך, און האָט זיי גאָר אינגיכן אויסגעזוכט. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען אַזעלכענע יינגעלעך, וועלכע זיינען, פּונקט אַזוי ווי ער אַליין, אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון חברה. דהיינו: זעלמעלע יאַץ — אַ יינגעלע מיט אַ ווייסער בעלמע אויף איין אויג, וואָס קוקט אויף אַלעמען מיט אַ זייטל, ווי אַ האָן אויף אַ קערנדל. און נאָך עפּעס אַ יינגעלע — שייקעלע: אַ בלאַסער נפש'ל מיט אַ פאַר־קאַטערטן נעזל, וואָס וויל קיינמאָל זיין וואַטאָווע היטעלע ניט אַראָפּנעמען. און רירט מען אים אָן, אַזוי פאַרקרימט ער זיך ווי פון זויערע אַגרעסן און שרייט „מאַמע!" זאָגן זאָגט ער, אַז ער האָט אַ לישאַי אויפן קאָפּ, דער־פאַר האָט אים די מאַמע אָנגעזאָגט ער זאָל חס־ושלום דאָס וואַטאָווע היי־טעלע ניט אויסטאָן. ער קען זיך פאַרקילן. אָבער אַלע יינגעלעך זיינען חושד, אַז ער האָט, פּשוט גערעדט, אַ פאַרכבעלע און שעמט זיך דערמיט...

מיט אָט דיביידע יינגעלעך האָט זיך משה'קע גע'חבר'ט איין טאָג, אַ צווייטן טאָג, ביז זיי זיינען אים נמאס געוואָרן. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז דאָס זיינען צוויי לעקישעוואַטע, דערשלאָגענע און נאָכגעביקע נפשות'־לעך. גיט ער אַ שפּרונג, גיבן זיי אויך. גיט ער אַ קריי — זיי אויך. שטעלט ער זיך ראַקאָם און גייט אויף די הענט — מאַכן זיי אים נאָך. אַליין עפּעס אויפטאָן קענען זיי ניט. גייען זיי אים דערפאַר נאָך און קוקן חניפה'דיק אין די אויגן, ווי קראַנקע הינטלעך. אַ חלשות גייט אונטער פון אַזאַ קריכן.

האָט זיך משה'קע אין איין העלן פרימאָרגן אָנגענומען מיט מוט, אָפּגע־טריבן פון זיך ביידע שלימזלען און אָנגעגאַנגען אויף אַ קופּקע עלטערע יינגעלעך פון חדר און ווענד געגעבן זיך צום גרעסטן כוואַט פון דער קאָמפּאַניע, צו שלמה'קע פּופּיק:

— זע, — מאַכט ער — שלמה'קע, לאָז מיך אויך שפּילן!

שלמה'קע דער זיבניאַריקער כוואַט האָט גענומען פינטלען פון פאַרוואונ־דערונג. משה'קעס גרוי־בלויע אויגן האָבן האַרט און מיט פאַרשטאַנד גע־קוקט גלייך אין זיינע חוצפּה'דיקע שוואַרצע אייגלעך. משה'קעס קוטשע־

ראַווע האָר האָבן זיך ווי רויטע סטראַשענדיקע פּלעמלעך געריסן פון אונ־טער זיין היטעלע. די דרייסטקייט פונם רויטינקן, לעבעדיקן יינגעלע איז שלמה׳קען אַליין שטאַרק געפעלן געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט ער גענומען שטאַמלען:

— אָבער... די מאַמע זאָגט, די... די מאַמע —

אָפּגעהאַקט זיך און שטיין געבליבן.

— וועמעס מאַמע? — פרעגט משה׳קע איבער. זיין איבערפרעגן איז פונקט אַזוי האַרט ווי זיין קוק. ער טרעט ניט אָפּ.

— מיין מאַמע... — דערשרעקט זיך שלמה׳קע, — זי זאָגט טאַקע די מאַמע, אַז... דו ביסט —

— וואָס זאָגט זי? זאָג, זאָג!

— אַז דו ביסט אַ „ממזר״...

דו ווייסט, איך בין אַ ממזר...

א

ווי אַ כּמאַל איבערן קעפּל האָט משה'קע באַקומען דאָס וואָס שלמה'קעס מאַמע זאָגט פון אים... אַזאַ מיאוס'ן וואָרט ווי „ממזר" האָט ער שוין איינמאָל געהערט פאַלן פון דעם מיל־בריקל. די „מאַמע" זיינע, שצערע, איז דאַמאָלסט שטאַרק צעקאָכט געוואָרן. אַצינד הערט ער דאָס אַ סך נאָענטער און קלאָרער. ווי אַ שוואַרצער שריַ, מיט שפּאַטישע אייגלעד, איז דאָס אַרויסגעשפּרונגען פון שלמה'קע פופיק'ס מויל; גלייך אין פּנים אַ שפּרונג געטאָן און באַשפּיִט... רייבנדיק זיך ביידע אויגן, ווי פון אַ גיפטיקער נאָסקייט, האָט זיך משה'קע אָפּגערוקט אַן אַ זייט און באַטראַכט וואָס דאָ איז מיט אים געשען. די צוויי דערשלאָגענע יינגעלעך, זיינע געוועזענע חברים'לעך: זעלמעלע יאַץ און שיקעלע פּערכל, האָבן זיך צו אים צוגעשאַרט ווי צוויי קליינע בעטלערלעך, געוואָלט אים באַווייזן זייער טריישאַפט, כאָטש אפילו ער איז... דאָס וואָס מען זאָגט אויף אים; אַריינגעקוקט אים אין די מיט טרערן פאַרלאָפענע אויגן, נאָר משה'קע האָט זיי אַוועקגעטריבן. „גייט!" מאַכט ער, פונקט אַזוי ווי שלמה'קע פופיק האָט אַקאָרשט געטאָן מיט אים אַליין. אין קעפּל האָט זיך אים געמישט. די נייגעריקייט צו הירשל דעם מלמד'ס „עברי" האָט אים אינגאַנצן אָפּגעלאָזן. און אַז ס'איז געקומען זיין ריי צו לערנען „אלף־בית", האָט ער נאָך אַלץ ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט אים.

— נו, נו! — האָט אים הירשל געמינטערט — קמץ־למד — לאָ!... שריי אויף אים!

— „סריי" אויף אים!... — האָט משה'קע קינדיש נאָכגעזאָגט, אַ פאַרטראַכטער. נאָר וואָס צו שרייען האָט ער ניט דערזאָגט.

צום ערשטן מאָל האָט אים הירשל אָנגעריסן פאַר אַן אויער:

— הערסט דאָך!... איך — „שריי אויף אים", ער אויך — „שריי אויף אים..."

האָבן זיך אַלע יינגלעך צעלאַכט. מער ווי אַלע האָבן זיך צעכיכיקעט זיינע נעכטיקע חברים'לעך, וועלכע ער האָט היינט אָפּגעטריבן פון זיך.

זעלמעלע יאָץ און שיקעלע פּאַרד. נאָר משה׳קע אַליין האָט קיין פּיפּס ניט געטאָן. ניט פאַרשעמט זיך אפילו. מיט קינדערשער עקשנות האָט ער נאָר אָנגעכמוערט די ברעמעלעך, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. נאָר גאָר אומגעריכט גיט ער זיך אַ ווענד צו הירשל דעם מלמד:

— רבי, זעט... וואָס איז דאָס אַ „ממזר״?

דער רבי איז עפּעס מטושטש געוואָרן. אַ טאָפּ געטאָן דאָס יאַרמלקעלע אויפן קאָפּ און גענומען שטאַמלען, גענומען זוכן מיט די אויגן: ווער האָט עס געקאָנט זאָגן משה׳קען אַזאַ זאַך? אַלע יינגלעך האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. האָט ער ניט געפונען קיין אַנדער אויסוועג ווי אָנצושרייען אויף משה׳קען גופא:

— אינמיטן לערנען גאָר?... זאָג! קמץ־למד — לאָ...

ערשט איצטער האָט משה׳קע אַ כליפּע געטאָן.

— נו, נו, נו! — האָט אים הירשל דער מלמד גענומען טרייסטן אויף זיין שטייגער — ס׳איז גאָרנישט... ס׳איז אַזוי... אַז מען ווייסט ניט ווער ס׳איז דער טאַטע... טאָ זאָג־זשע, משה׳קע, קמץ־למד — לאָ. שריי אויף אים!

נאָר פון „זאָג־זשע״ און „שריי אויף אים״ איז היינטיקן מאָל גאָרנישט ניט אַרויסגעקומען. זאָג־זשע אהער און זאָג־זשע אהין — משה׳קע האָט ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. די אויגן זיינען געווען פאַרלאָפן מיט טרערן. דער רבי מיטן אלף־בית זיינען צעשוואומען אין איין גרויסן פלעק. און הירשל האָט אים סוף־כל־סוף געמוזט אַראָפּזעצן פון בענקל.

אַצינד האָט זיך משה׳קע קוים דערוואַרט אויף דער צייט פון וואַרעמעס. און ווי נאָר דער רבי האָט געהייסן גיין, האָט משה׳קע, ניט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם, געכאַפּט לויפן. שיער ניט אומגעפאַלן איבער דער רביצינ׳ס באַק־לאָפּעטע אין קאָכשטוב.

אין קיווע׳ס שטוב איז ער אַריינגעפאַלן ווי אַ קליינע פאַרוואונדעטע חיה, און באַלד איינגעקלעמט אין שצערע׳ס פאַרטוך מיט ביידע הענטלעך. דעם קאָפּ איינגעטוליעט אין איר איינגעפאַלענעם בויך פון אַ בעזדיעטניצע:

— זיי... זיי... זאָגן. זיי אַלע זאָגן אויף מיר...

— וואָס זאָגן זיי, זונעלע?.. אַז וואָס?

משה׳קע ענטפערט ניט, נאָר ער טוליעט זיך נאָך שטאַרקער.

— אַז וואָס?... — רייסט אים שצערע אָפּ פון איר פאַרטוך און קוקט אים אַריין אין די אויגן — אַז וואָס זאָגן זיי?

—אַז איך בין אַ „ממזר״! — רעדט משה׳קע קוים־קוים אַרויס.

שצערען שטאַרבט אַ רגע׳לע אָפּ די פלינקע צונג, נאָר באַלד לעבט זי אָפּ און הייבט אָן צו שילטן.

— טפו־טפו־טפו! אַ מגפה און אַ מהומה אויף זייערע אַלעמענס קעפּ! ווער האָט דאָס דיר געזאָגט? זאָג, זאָג!

— שלמה'קע פופיק...

— אזא „סוואליע"! אזא „מארזאוויע"! אט וועל איך גיין, וועל איך, און... און... די הינטישע אויערן וועל איך אים אויסרייסן!

און שצערע זידט און קאכט א גאנצן ווארעמעס. א פארע זעצט פון קדופ־ניק, און פון איר מויל — פלאם און פייער. קיווע בעט זי זי זאל זיך באַ־רואיקן. נאר ס'העלפט ניט. באלד נאך ווארעמעס כאפט זי אן משה'קען פאר א הענטל און לאזט זיך אריין צו הירשלען אין חדר. די תלמידים'לעך האבן זיך נאך ניט אומגעקערט פון מיטאג. נאר שצערען ארט דאס ניט. זי קען אין זיך מער ניט איינהאלטן דעם קאכעדיקן צארן. דער רביצינ'ס לאפטע, וועלכע ליגט אלעמאל פאפערעק איבערן פריפעטשאק און באק־דייזשע, ווארפט שצערע אפ, ווי א שוואכן שליאבאם, און גייט דורך. אינ־מיטן מילכיקן קרופניק פאלט זי הירשלען אריין און אן שום הקדמות נעמט זי אים אויפן צימבל.

— סטייטש, ווי אזוי דערלאזט דאס א רבי זיינע פארסמארקעטע תלמי־דימ'לעך, זיינע פארדריפעטע שפענצערלעך זאלן זיך הלומען איבער א קינד? זאלן א קינד רופן שדים וויסן וואס?...

ס'העלפט ניט הירשל דעם מלמד'ס פארענטפערן זיך, ס'העלפן ניט דער רביצינ'ס שבועה, אז זי ווייסט ניט פון וואס צו זאגן. ס'העלפט ניט דאס אריינמישן זיך פון דאבען, דעם רבינ'ס טאכטער, און איר אריינ'טענה'ן אין שצערען זי זאל זיך דאס ניט נעמען צום הארצן. ווארים מאלע וואס קינדער זאגן איינער אויפן צווייטן. אט איז דא איינער אין חדר, וואס חברה האט אים געגעבן א צונעמעניש „יאץ", זעלמעלע יאץ. און גיי וויים פאר־וואס ער הייסט „יאץ". א צווייטן רופן זיי שיקעלע פארד. כאטש וואו פארד, ווען פארד? א ריינע קעפעלע ווי גאלד... ניטא ביים טאטן אין חדר קיין פארד... א דריטן רופן זיי —

שצערע שלאגט איר איבער. זי קען זיך בשום אופן ניט בארואיקן. דער רבי, שרייט זי, האט באדארפט אפשמייסן אלע קליינע „מארזאוועצעס". דערהויפט דעם „פופיק"... וואו איז דא א יינגעלע וואס הייסט „פופיק"? שלמה'קע פופיק וואו איז?...

הירשל דער מלמד גיט א שארבע מיט הארץ דעם מילכיקן קרופניק און זעט, אז ער איז, בינו־לבינו, קאלט געווארן. ווערט אים דערפון היים אין לעבער: ער דאנקט, מאכט ער, דער באלעבאסטע פאר דער גוטער עצה. ער זאל נעמען אלע תלמידים שמייסן פאר יעדן ווארט וואס זיי זאגן איינער אויפן צווייטן, דארף ער ארבעטן מיט די „לאקשן" פון אינדערפרי ביז ביי־נאכט. הייגט דעם „פופיק" פאר משה'קען, מארגן משה'קען פארן „פופיק"... ער וועט דא האבן אן אנגעלאף פון אלע טאטעס און מאמעס. נו, און ווען וועט ער קנעלן?... נייז, מ'זאל אים בעסער לאזן!... ער ווייסט בעסער ווען צו שמייסן און פארוואס צו שמייסן. אט... אפילו אביסל ווארעמעס לאזט מען רואיק ניט אפעסן... ציפע! ווארעם מיר אן דעם קרופניק!

ב

איז אַוועק פון דאַמאָלסט אָן אַן אומצופרידנקייט, אַ רייסעניש און אַ טומלעניש, צווישן שצערע דער לעקעכמאַכערין און הירשל דעם מלמד, צווישן משה'קען און די חדר־ייִנגלעך. די ייִנגלעך לאָזן אונטער אַ נאָדעלע משה'קען. משה'קע לויפֿט מסר'ן שצערען. שצערע פֿאַלט אָן אויפֿן רבי'ן, דער רבי שרייט אויף די ייִנגלעך, אַז מ'טאָר אַזעלכע ווערטער אויף אַ חבר'ל ניט זאָגן און סטראַשעט זיי מיט די לאָקשן... נאָר אַרויסקומען קומט דערפֿון גאָרנישט ניט אַרויס. אַלץ בלייבט ביים אַלטן. דער רבי אַליין, אַז ער ווערט אויף אַ ייִנגל אין כעס, שרייט ער אויף אים: „ממזר, אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין!... נאָר אַ מאָדנע זאַך. אַלע ייִנגלעך קוקן בשעת מעשה אָן, ניט דעם געשאָלטענעם ייִנגעלע, נאָר משה'קען, משה'קע קיווע דעם לעקעכמאַכער'ס... און משה'קע לאָזט אַראָפּ די אייגלעך. ער ווערט רויט. ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט ביידע הענט...

לסוף האָט זיך משה'קע אַרומגעזען, אַז קיינער וועט אים דאָ ניט העלפֿן. האָט ער אַליין גענומען זוכן עצות, ווי אַזוי צו פֿאַרשטאָפּן די בייזע מיילער מיט היימישע מיטלען. דאָס לעצטע מאָל, ווען ער האָט גע'מסר'ט שצערען דאָס וואָס די ייִנגלעך זאָגן וועגן אים, האָט די „מומע" אַליין אַ געשריי געטאָן: „די ציינער האַק זיי אויס... זיי זאָלן וויסן!"...

האָט זיך דאָס משה'קע אַריינגענומען אין זינען. אַ ייִנגעלע איז ער געווען אַ „וויאַרטקער", אַ געזעצטער. און ניט קוקנדיק וואָס שלמה'קע פּופּיק איז גרעסער און עלטער פֿון אים, האָט ער אים דער ערשטער מכבד געווען. געשען איז דאָס, איינמאָל, ווען דער „פּופּיק" האָט זיך גענומען שושקען מיט די חברים'לעך און טייטלען אויף אים מיט די פֿינגערלעך. משה'קע האָט דערטאַפּט, מיט איין אויער, אַז מען שושקעט זיך דאָ וועגן עפּעס „אַ לייכטערל"... „גע'גנב'עט אַ לייכטערל"... האָט ער זיך דערמאָנט וואָס פֿאַר אַ „חתונה" ער האָט אַמאָל געהאַט פֿון די שכנים פֿאַר אַ לייכטערל וואָס דאָנקע האָט אים געשענקט. נאָר אויפֿגעוואָרפֿן האָט מען אים, אַז ער האָט דאָס גע'גנב'עט...

ווי אַ קאַץ איז צו אים משה'קע צוגעשפּרונגען, מיט אַ ווילדן קוויטש און מיט פֿאַרסקאַליעטע ציינדלעך, און מיט אַ האַרטן קולאַקעלע אַ זעץ געטאָן דעם „פּופּיק" אין אָפּגעקאָרמעטן פּנים'ל. ניט געלונגען אַ זעץ געגעבן. וואָרים פֿון חוצפּה'דיקן נעזל האָט גלייך אַ שפּאַר געטאָן מיט רויטער יויך.

— בלוט, בלוט, בלוט! — האָט דער „פּופּיק" געמאַכט אַ געוואַלד. און, פֿון וויטיק און פֿאַרבלענדעניש, איינגעשמירט זיך הענט און אַרבל.

— בלוט, בלוט! — האָבן זיך אַלע ייִנגלעך אַרום אים דערשראָקן אויף טויט.

דער רבי מיט זיינע „לאָקשן" איז אַרויסגעלאָפֿן, די רביצין מיט דער בעקער־לאָפּעטע, דעם רבינ'ס טאָכטער. דער גאַנצער „חדר" איז אַוועק כאַדאָראָם.

— ווער האט דאס געטאן? — האבן זיך די דערוואקסענע געטומלט.
און א סך בלאסע פינגערלעך האבן געטייטעלט:

— ער, ער, ער!

— משה׳קע, משה׳קע!...

— משה׳קע ממזר!

די ערשטע רפואה וואס דער רבי האט געבראכט דעם גע׳ניזוק׳טן איז געווען: א כאפּ צו טאן משה׳קען צווישן די קני און אריינצימבלען אים וויפיל ס׳האט זיך געלאזן. געצימבלט און אונטערגעזונגען:

— א יינגעלע, א יינגעלע זאל זיך ניט שלאגן! א יינגעלע, א יינגעלע זאל ניט בלוטיקן... א יינגעלע, א יינגעלע...

אזא גליענדיקן ווייטיק אויפן לייב האט נאך משה׳קע, זינט ער לעבט אויף דער וועלט, ניט געפילט. האט ער אויפגעהויבן אזא „ויצעקו", אז דער רבי אליין האט זיך דערשראקן און שלמה׳קע פּופּיק האט אינגאנצן פארגעסן אויף זיין צעבלוטיקטער נאז. דעם שוואכן מאמענט ביים רבי׳ן האט משה׳קע אויסגענוצט און ניט פארשפּיליענדיק די הייזלעך איז ער גלייך פון רבינ׳ס קני אוועקגעלאפן אהיים און געוויזן וואס דער רבי האט אים דא אפּגעטאן. די רויטע סימנים זיינען געווען גוט קענטיק. בולטע רויטע פּאסן איבער פּאסן. איז שצערע געקומען צו לויפן צו הירשלען א צע־ווילדעוועטע, א צעפּאטלטע, מיט רעש און געפילדער:

— סטייטש, משה׳קען שמייסן אזוי! מיין משה׳קען!

— אייער משה׳קען!... — באשטעטיקט הירשל דער מלמד מיט א קוועטש — וואס דען, אן אנדער משה׳קען?

דאסמאל איז הירשל א האר ניט נתפעל געווארן פאר שצערע׳ס קולות. ער האט איר געוויזן דעם „פּופּיק׳ס" צעבלוטיקטן נעזל, און דער סקאנדאל איז ווי ניט איז אפּגעלאפן גלאטיק. אבער פון דענסטמאל אן זיינען די שלע־גערייען צווישן משה׳קען און די יינגלעך געווארן א גאנץ געוויינלעכע זאך. ס׳איז דערגאנגען אזוי וויט, אז ווען הירשל׳ס א תלמיד׳ל לויפט אריין אין חדר מיט א געוויין, ווייסט שוין דער רבי פאראויס וואס ס׳איז געשען אינדרויסן:

— מסתמא ווייטער משה׳קע!...

און רופט אים אריין, דעם מזיק, און גיט פּעטש.

נאר איינמאל איז געשען א מיאוס׳ער טעות. א תלמיד׳ל מיט א צעדרא־פּעטער באק איז אריינגעלאפן פון „זאוואלעק" און גענומען כליפּען. האט ר׳ הירשל, אן א שום חקירה ודרישה, אריינגעשלעפּט משה׳קען פאר אן אויער און מכבד געווען אים ווי עס געהער צו זיין. אין דער מלמדישער לײדנשאפט פון שמייסן, וואס ס׳האט הירשלען אנגענומען, האט ער אפילו ניט געהערט וואס די חדר־יינגלעך רעדן צו אים. דערנאך ערשט איז קלאר

געוואָרן, אַז משה׳קע איז דאָס מאָל ניט שולדיק. ס׳ייִנגעלע האָט זיך גאָר אויסגעגליטשט אויף די הורבעס געהילץ ביי ווייגדער דעם וואַלד־סוחר׳ס הויז און צעדראַפּעט זיך אַ באַק...

אַזאַ עוולה האָט שוין שצערע ניט געקאָנט פאַרטראָגן. איז זי וויטער געקומען צו לויפן אינמיטן עסן וואָרעמעס און אָוועקגעגעבן הירשל דעם מלמד אַ גאָב פאַר שמייסן אומזיסט־אומנישט, אַז הירשלען איז אינגאַנצן פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט. די מעליקע רביצין מיט איר טאָכטער זיינען אַרויס באַשיצן דעם רבי׳ן. האָט קיווע דערהערט די קולות און איז געקומען צו לויפן, אָן אַ קאַפּאָטע, באַשיצן זיין שצערען. איז אין „זאַוואָולעק" געוואָרן אַ האַרמידער, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין. שכנים האָבן אַריינגעקוקט אין די פענסטערלעך און גאַסן־ייִנגלעך האָבן אינדרויסן געשריען „הוראַ". האָט הירשל דערזען וואָס דאָ טוט זיך, איז ער אינגאַנצן אַרויס פון די כלים. אַנשטאָט מורא צו האָבן פאַר שצערע׳ס נעגל, אַנשטאָט שטאַמלען ווי ביז אַהער, איז ער אַרויס מיט לשון:

— אויב ס׳געפעלט אייך ניט, נעמט אים אינגאַנצן אָוועק, אייער תכשיט! איך וויל מיט אים מער ניט לערנען!... אַלע באַלעבאַטים סטראַשען מיר סיי־ווי־סיי.

— קיווע, דו הערסט? — מאַכט שצערע מאוים׳דיקע אויגן.

— ער הערט, ער הערט! — ענטפערט ר׳ הירשל אַנשטאָט קיווען. ווען ניט ר׳ קיווע, וואָלט ער, הירשל, דעם תכשיט שוין לאַנג אַרויסגעטריבן. די גאַנצע פּרנסה מאַכט ער אים קאַליע... אַלע וואַרפן אים אויף אַזאַ תלמיד, וואָס... וואָס...

דערהערט אַזעלכע דיבורים, האָט קיווע אָנגענומען שצערען זיין ווייב פאַר איין טרוקענער פּלייצע און פאַוואָליע געשטופּט זי צום טיר:

— נו, נו, שצערע! לאָז דאָ איבער דעם כשר׳ן רבי׳ן זיינע כשר׳ע תלמידים׳לעך... קום, לאָמיר גיין!...

ג

אַזוי איז משה׳קע אַרויס פון הירשל׳ס חדר נאָך פאַרן סוף פון „זמן", און ביז מען וועט דאָקאַזשען פאַר אים אַן אַנדער רבי׳ן, מיט אַנדערע חברים׳לעך, האָט קיווע אַליין גענומען לערנען מיט אים „עברי". משה׳קע האָט פריי אָפּגעאָטעמט. איצט האָט ער ווייניקער געלערנט און מער גע־וואָוסט. צווישן איינמאָל לערנען און דעם צווייטן האָט זיך מיט אים קיינער ניט געטשעפּעט און קיינער האָט ניט געטייטלט מיט פינגערלעך. האָט ער זיך אַליין געשפּילט, גערעדט צו זיך אַליין, צו שטיין און צו ביין; און שטיין און ביין, פון זייער זייט, האָבן אים געענטפערט אויף שטום־לשון.

די תלמידים׳לעך פון הירשל׳ס חדר, זיינע געוועזענע חברים׳לעך, אז זיי דערזעען אים, ווערן זיי שטום. זיי ווייסן, אז משה׳קע איז איצטער אַ סך געפערלעכער, ווי פריער. פאַר דעם רבינ׳ס „לאַקשן" האָט ער איצט קיין מורא ניט. און אַז דער „ממזר" וועט אַצינד עמיצן אָנברעכן די ביינער, וועט קיין האָן ניט קריִען. שווייגן זיי און מאַכן זיך אַוועק. נאָר די אייגע־לעך ברענען ביי זיי מיט פאַראַכטונג. פילט משה׳קע די דאָזיקע פאַראַכטונג פונדערווייטנס און קוקט זיי נאָך, ווי אַ בייסיקער הינטל פון זיין קאַנורע, ס׳הייסט: פון קיווע׳ס גאַנעק, וואו ער שפּילט זיך איינער אַליין. ער ווייסט אפילו וואָס זיי ריידן פון אים אין דער שטיל. זיי שושקען זיך, אַז הירשל דער מלמד האָט אים אַרויסגעטריבן, ווייל... ער איז אַ גנב און אַ ממזר. ביי אַ שכן האָט ער גע׳גנב׳עט אַ זילבערנעם לייכטערל און קיין טאַטע און מאַמע האָט ער אויך ניט, נאָר אַ „מומע" און אַ „פעטער"...

אויף מאַלע־וואָס עס זאָל זיך ניט טרעפן, האָט זיך משה׳קע באַוואָפנט מיט אַ קורצן שטיק פון אַן אָפּגענוצטער לאָפּעטע און געוואָרנט פונדער־ווייטנס אַלע תלמידים׳לעך פון הירשל׳ס חדר:

— וואַרט, וואַרט!... איכ׳ל אייך געבן — „ממזר"...

דערזעען דעם אָפּגעסמאַליעטן שטיק פלאָקן, האָבן זיך די ייִנגלעך נאָך מער געהיט צו באַגעגענען זיך מיטן קליינעם מזיק. נאָר איינהיטן זיך אינ־גאַנצן האָבן זיי ניט געקאָנט. אין זייערע כלומרשט אַראָפּגעלאָזענע אויי־געלעך לייענט משה׳קע דאָס וואָס זיי טראַכטן פון אים. און כאַפּט ער אַ ייִנגעלע אַזאַ, וואָס גייט איינער אַליין צווישןביידע גאַניקעס, אין עק „זאַוואָולעק", קלאַפּט ער אים אָן און לויפט אַריין אין שטוב. מסר׳ן העלפט אַצינד ניט. הירשל׳ס „לאַקשן" האָבן שוין מער קיין שליטה ניט איבער משה׳קען. און שצערע שטעלט זיך נאָך פאַר אים איין:

— טשעפּע אים ניט, וועט ער דיר אויך ניט טשעפּען...

— ער רופט מיך „ממזר" — מסר׳ט משה׳קע אונטערן נאָז.

ווי ביי אַלע פאַרביטערטע קינדער גייט ביי אים איבער דאָס געפיל אין אַ ממשות׳דיקער זאַך. צווישן טראַכטן און זאָגן איז ביי אים קיין אונטער־שייד ניטאָ.

— אוי, אוי, ס׳אַראַ ליגן! — מאַכט דער געשלאָגענער ייִנגעלע גרויסע אויגן — איך האָב גאָרנישט ניט געזאָגט...

עס העלפט ניט. שצערע גלייבט משה׳קען מער ווי די פרעמדע ייִנגלעך.

האָבן זיך געפּרוּווט צוזאַמענעמען עטלעכע געשלאָגענע ייִנגעלעך אין איין קאָמפּאַניע. שלמה׳קע „פּופּיק" איז געווען דער אָנפירער. בקאָמפּאַניע איז מען באַפאַלן דעם קליינעם זלידניק. נאָר משה׳קע איז אַ בראַנד אַ יאַטל. ער שלאָגט זיך ווי אַ רוח. ער כאַפּט קלעפּ און טרעט ניט אָפּ. ווען דער אָפּגעסמאַליעטער פלאָקן ווערט אים אַרויסגעריסן פון די הענט, בריקעט ער זיך און בייסט זיך ווי אַ ווילדער. די באַפאַלער שניידן מיאוס אָפּ. מיט צעדראָפּעטע נעזער אַנטלויפט מען און מיט צעביסענע פינגער.

איז געוואָרן ניט אויסצוהאַלטן פון קיווע׳ס האַדולניק. מאַמעס און טאַ־טעס האָבן זיך גענומען אַריינמישן אין די שלעגערייען. יידענעס אין פאַר־טשיילעס האָבן גענומען לויפן מיט רוגזה צו קיווען אין הויז. בלויע פאַר־שוימטע ליפּן האָבן געוואָרנט:

— האַלט איין אייער... אייער תכשיט! וואָרים, וואָרים...

שצערע ווייסט זעהר גוט וואָס די צערייצטע יידענעס האָבן ניט דער־זאָגט. גלוסטן האָט זיך זיי געגלוסט אַרויסצושרייען „אייער ממזר"... זיי האָבן נאָך פּחד פאַר אירע פלאַקערדיקע אויגן, פאַר אירע נעגל. לאָזט זי דערפאַר אוים צו זייערע באַטיכלטע קעפּ דעם גאַנצן צאָרן וואָס האָט זיך ביי איר אָנגעזאַמלט, זינט מ׳האָט איר „האַדולניק" אַרויסגעטריבן פון חדר צוליב די כשר׳ע קינדערלעך.

— האַלט בעסער איין אייערע אייגענע „אַנטיקלעך!"... וואָס דען, שווייגן וועט ער זיי, מיין משה׳קע?

דער איינציקער יינגעלע אין זאַוואולעק, מיט וועלכן משה׳קע לעבט נאָך בשלום, איז דאַנקע דער יתום, וויגדער דעם וואַלד־סוחר׳ס יינגעלע. לערנען לערנט דאַנקע אין אַן אַנדער חדר, ביי אַ ליטוישן רבי׳ן אויף דער שול־גאַס, ניט ביי עפּעס אַ יידליק, ווי הירשל דער מלמד איז, אין אייגענעם זאַוואולעק. ר׳ וויגדער האָט דערביי געהאַט זיין באַזונדער כוונה אויך: וואָס ווייטער צו האַלטן זיין דאַנקען פון קיווע׳ס „האַדולניק", וואָס מען ווייסט ניט פון וועלכער מיסט ער קומט און שניידט זיך שוין קליינערהייט אויף גנבה. אָט, למשל, דאָס זילבערנע לייכטערל, וואָס מ׳האָט ביי קיווען געפונען אונטערן קאַמאָד.

אָבער פאַרנאַכט, ווען דאַנקע קומט אַהיים פון זיין מיוחס׳דיקן חדר און פון זיין יחוס׳דיקן רבי׳ן, כאַפּט ער אָפּ וועטשערע און קוקט זיך אַרום, ווי אַן איינגעשלאָסענער וועלפעלע. איין מינוטקעלע פון אָפּגעשוואַכטער השגחה — און דאַנקע גנב׳עט זיך אַרויס פון זיין שטוביקער געפענגעניש און לויפט צו משה׳קען. פאַר משה׳קעס מוטיקייט און גבורה פאַלט ער נאָך אַראָפּ ביז צום היינטיקן טאָג. ער שענקט משה׳קען קנעפּלעך, נייע פענעס; און משה׳קע אים — פרישן לעקעך און געפּרעגלטע קייקלעך ראָזשינקעס איינגעטונקט אין מאָן. ביידע באַהאַלטן זיך ערגעצוואו אין אַ ווינקעלע, צווישן די קרויט־גערטנער, אין עק זאַוואולעק און שפּילן זיך צוזאַמען. עס טרעפט אָבער, אַז אין רעכטן מיטן שפּילן שטעלט משה׳קע אַן אויף זיין חבר׳ל זיינע בלויע פאַרשנדיקע אויגן:

—דאַנקע, — מאַכט ער — דו האָסט פאַר מיר קיין מורא ניט?

— ניין, — קוקט אים דאַנקע אָן פאַרוואונדערט — פאַרוואָס זאָל איך מורא האָבן?

— איך „סלאָג" זיך! — מאַכט משה׳קע אַ פנים׳ל פון אַ רוצח.

נאָר אויף דאַנקען מאַכט דאָס קיין שום איינדרוק ניט:

— מיך שלאָגסטו דאָך ניט...

— זע ווי איך בין צעדראַפּעט! — שרעקט אים משה'קע — דאָס האָבן מיך יינגלעך געשלאָגן. אָט דאָ, אויפן האַלז... אויפן שלייף אויך.

ער וויל דערמיט שטעלן דאַנקע'ס פּריינטשאַפט אויף אַ פּראָבע, צי זי איז אַן אמת'ע, אַ גרינטלעכע.

אָבער דאַנקע שרעקט זיך ניט. אדרבא. ער באַוואונדערט משה'קעס כוח, משה'קעס מוט:

— מיט וויפל יינגלעך האָסטו זיך געשלאָגן?

— מיט פיר. אַלע פון הירשל'ס חדר...

— אויף איין מאָל?

— אויף איין מאָל...

— אַ־האַ־האַ! משה'קע, דו ביסט געזונט ווי מיין טאַטע!

דערהערט דאָס וואָרט „טאַטע", ווערט משה'קע איין ווייליקנע אַנטשוויגן. ער טראַכט... דערנאָך קומט דער העכסטער שטאַפּל פון אָפנהאַרציקייט און וואָרעניש:

— דו ווייסט, דאַנקע? איך... איך בין דאָך אַ ממזר...

דאַנקע בלייבט זיצן אַ צעטומלטער. און משה'קע האַלט אים אין איין וואָרענען:

— מיין טאַטע איז אַ „פּעטער" און מיין מאַמע איז אַ „מומע"...

אָבער דאַנקע נעמט אים באַלד טרייסטן:

— נו, איז וואָס? ס'איז גאָרנישט. איכ'ל זיך מיט דיר אַלעמאָל שפּילן, משה'קע... ווּעסט זען! נאַ דיר נאָך אַ נייע פּענע!...

דאַנקע טוט דאָס מיט אַזאַ היץ און מיט אַזאַ וואָרעמען גלאַנץ אין די אויגן, אַז משה'קען פאַרדריסט שוין וואָס ער האָט זיין איידעלען חבר'ל אַזוי ווי געטאָן. אים דוכט זיך, אַז ער האָט אים אָקאָרשט געשטאָכן מיט זיינע ווערטער, ווי ער שטעכט אָפטמאָל אַ פאַרטאַיעטן זשוקל, כדי צו זען אויב ער לעבט אָדער ניט...

און כדי צו פאַרגלעטן דעם שלעכטן איינדרוק, כאַפּט ער אים אַן פּאָר אַ דאַרינקער פּליעצקע:

— טאָמער ווען דיך יינגלעך וועלן „סלאָגן" — זאָג מיר! דו הערסט, דאַנקע? זאָג מיר. איכ'ל... איכ'ל...

נאָר גראָד אין רעכטן מיטן פון אַזאַ אידיליע שאַלט אויף, כמעט אַלעמאָל שאַלט אויף אַ ניט־גוטער קול פון דאַנקע'ס שטוב. מען זוכט אים. מען איז חושד, אַז ער שפּילט זיך ערגעצוואו מיט דעם ניט־אָנשטענדיקן שכנ'דל פון קעגנאיבער —:

— דאַנקע! דאַנקע! וואו ביסטו, אַ...?

— איך בין דאָ! — ווערט דאַנקע אַ פאַרצאַפּלטער.

— אין שטוב אריין!

דאַנקע גייט אַוועק מיט דריבנע וואַקלדיקע טריטעלעך, ווי אַ געפּענטעט־טער לאַשעק וואָס איז פאַרקראָכן אין „היזק". ער גייט אַהיים און קוקט זיך אַלע ווײַלע אום אויף הינטן. מיטן קוק בעט ער זיך ביי משה'קען, ער זאָל אים דאָס ניט נעמען פאַר אומגוט. ער זעט דאָך... ער קען ניט אַנדערש...

ווי אַ הונגעריקער, וועלכער כאַפּט אַריין אַ ביסן אין מויל און מ'רייסט אים אַרויס צוריק, אַזוי דערפילט זיך משה'קע אין זיין טונקעלן ווינקעלע, ווען מען רופט אַוועק פון אים זיין איינאיינציקן איבערגעגעבענעם חבר'ל. זיין קינדערשע פאַרביטערטקייט לאָזט ער אויס צו קיוועץ זיין דערציער און צו שצערען — זיין ניט־אמת'ע מאַמע. ער, דער זיבן־יאָריקער, אַז עס קומט אים אַצינד אויס זיך ווענדן צו קיוועץ אינמיטן לערנען „עברי", מיידט ער אויס דאָס וואָרט „טאַטע", ער דוצט אים אַפילו ניט, ער זאָגט צו אים „איר". און שצערען רופט ער ניט מאַמע און ניט מומע, נאָר „מומ..." ס'איז אַ האַלב־שטומער צווישן־וואָרט, אָן שום התחייבות פון משה'קעס זייט. אַ וואָרט וואָס זאָגט ביידע זאַכן און זאָגט גאָרנישט...

אָבער שצערע'ס אויער איז שאַרף. דער שטומער „מומ..." פאַרשאַפט איר הארצווייטיק. נאָך אַזוי פיל יאָרן אַז קינדער דערשלאָגן זיך אַ קינד זאָל זי רופן „מאַמע", און אַט רינט דאָס איר ווידער אַמאָל אויס פון די הענט. שייגעצט זי דערפאַר משה'קען אויס:

— שוין ווייטער „מומ..."? וואָס פאַר אַ וואָרט איז „מומ"? וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט!

משה'קע שוויגט.

— איך רעד דאָך עפּעס מיט דיר! — בייזערט זיך שצערע.

משה'קע לאָזט טיפער אַראָפּ דעם קאָפּ און שוויגט.

דערמאָנט זיך שצערע, אַז דער ערשטער, וועלכער האָט אין משה'קעס מוח איינגעפלאַנצט אַזאַ באַגריף איז געווען הירשל דער דרדקי־מלמד. לאָזט זי צו אים אויס דאָס האַרץ אונטער די אויגן:

— די צונג האָט אים געמעגט אָפּדאַרן, דעם קלוגן רבי'ן דיינעם...

און קיווע, אַז ער לערנט איינער אַליין מיט משה'קען, טרייסט ער אים:

— האָב קיין צער ניט, משה'קע, קענסט שוין עברי בעסער ווי אַלע הירשל'ס תלמידים'לעך...

פון שצערע'ס קללות און פון קיווע'ס גרינגשאַצונג צעבליט זיך אַ טיפע שנאה אין משה'קעס הערצל. אויך אים הייבט זיך אָן צו דוכטן, אַז הירשל דער מלמד איז שולדיק אין אַלץ. ער געדענקט נאָך זעהר גוט, אַז הירשל האָט זיך פאַר אים ניט געגוג איינגעשטעלט, הירשל איז אַפילו געווען צו־פרידן, וואָס מ'האָט אים, דעם ממזר, סוף־כל־סוף אַוועקגענומען פון חדר. לעבצט ער, משה'קע, צו זען אַ נקמה אָן זיין געוועזענעם רבי'ן.

און גאָר איינגיכן האָט ער אַזאַ נקמה דערלעבט.

אַן איידעלע פּרנסה

א

אינגיכן, נאָכן ארויסטרייבן משה'קע־ממזר פון חדר, האָט זיך הירשל דעם מלמד פאַרגלוסט האָבן נחת פון זיין איינציקער טאָכטער — דאָבע האָט זי געהייסן. וואָרים די זין זיינע זיינען שוין לאַנג אַנטלאָפן פון פּריזיוו, אַוועק קיין אַמעריקע און מחלל־שבת געווען אין דער פרעמד. געשריבן האָבן זיי אים זעהר זעלטן. און צי אַזעלכע בנים וועלן נאָך אים זאָגן קדיש, נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, איז ר' הירשל געווען שטאַרק מסופּק. האָט אים דערפאַר אָנגענומען אַ גלוסטעניש אַריינצונעמען אין שטוב אַן איידעלן איידעם און אַזוי־אַרום באַזאָרגן זיך מיט אַ גוטער „עולם־הבא" באַ־צייטנס... איז ער אַוועק אין דער גרויסער ישיבה, אין אַלטן בית־מדרש אויף דער שול־גאַס, און אויסגעקליבן זיך אַ בחור אַ תכשיט, אַ קיילעכדיקן יתום, אַ שטילע זאַך, וואָס קוקט מיט טרויעריקע אויגן און טשעפּעט ניט קיין פליג אויף דער וואַנט און שלינגט שטענדיק זיין אייגענעם גאָרגל און קען אים ניט אַראָפּשלינגען. אפילו זיין נאָמען זוסקע האָט זיך זעהר געפּאַסט צו זיין אומבאַהאָלפנקייט.

מיט דעם כוח, וואָס דער ראש־ישיבה האָט אים געגעבן, האָט הירשל דער מלמד געזאָגט צו זוסקען אַזוי צו זאָגן:

— דו וועסט מירצעשעם ווערן מיין איידעם...

אַזוי איז זוסקע געוואָרן מיט מזל דער חתן פון הירשל'ס טאָכטער, פון אַט דער גראָב־פּיסיקער, גראָב־לעפּצנדיקער דאָבע, וואָס העלפט דער מאַמען אין דער ברויט־בעקעריי און איז שטענדיק אָנגעפּודערט מיט מעל, ווי די מאַמע, און איז פאַרעלטערט ווי די מאַמע.

אָבער אַ יונגערמאַן, ווי געראָטן ער זאָל ניט זיין, מוז ער דאָך האָבן אַ פּרנסה אין די הענט אויך, האָט זיך הירשל דער מלמד מישב געווען מיטן ראש־ישיבה און ס'איז געבליבן מ'זאָל זוסקען מאַכן פאַר אַ שוחט. אי אַ לייכטע מלאכה אי אַ בכבוד'יקע, אי ס'איז גרינגער צו קריגן אויף איר „סמיכה" ווי אויף רב... גלוסטן האָט זיך אפילו ר' הירשלען געגלוסט, דער איידעם זיינער זאָל ווייטער לערנען תורה, נאָר דער ראש־ישיבה האָט אים

אפגערעדט. וואו, מאכט ער, האט דאס א מלמד כוח אויסצוהאלטן אזוי לאנג אז איידעם מיט קעסט ביז ער וועט זיך דערשלאגן צו רב?... בכן, איז א סך גלייכער דער יונגערמאן זאל זיך אביסל פאפראווען נאך דער חתונה, אפקארמען זיך אביסל, אויסרוען זיך. ווארים לעת־עתה איז אויף אים נעבעך א צער־בעל־חיים צו קוקן. לעת־עתה איז ער נאר א האלבער נפש. הויט און ביינער און א גארגל. אט, נאך דער חתונה, מירצעשעם, אז ער וועט זיך פאפראווען...

און דער קומענדיקער שווער און ראש־ישיבה זיינען מושוה געווארן, אז זיי ביידע וועלן זיך פאסטארען — די אלטע שוחטים זאלן דעם יונגנמאן צולאזן צו פרנסה. ניט מיטאמאל, נאר ביסלעכווייז. די ערשטע צייט, פארשטייט זיך, וועט דער יונגער שוחט זיין נאר אן ארויסהעלפער — ערב יום־טוב און ערב יום־כיפור, למשל, ווען די שחיטה אויף עופות איז גרויס. שפעטער וועט מען, מיט גאט'ס הילף, זען אריינצושטופן אים צווישן די יאטקעס, וואו די „בהמה דקה", ס'הייסט: יונגע קעלבלעך און ציגעלעך ווערן געקוילעט אויף אן ארט. נאך שפעטער וועט שוין לייכטער זיין אריינצופירן דעם חתן־דנן אין קוילער־שטיבל הינטער דער שטאט, וואו מען שעכט די בהמה־גסה, ס'הייסט, גרויסע בהמות און אקסן אפגעקארמעטע אויף בראי.

גאנץ פיין מושוה געווארן צווישן זיך און געגומען צו ביסלעך בראנפן, האט מען צוגערופן דעם קומענדיקן בעל־פרנסה, ער זאל אויך נעמען א קאפעלע און מ'האט אים גלייך אויף אן ארט מודיע געווען, אז פונקט אזוי ווי מ'האט אים באזארגט מיט א ווייב האט מען אים באזארגט מיט פרנסה אויך. און, נישקשה, דער אייבערשטער וועט העלפן!

—א דאנק, — מאכט זוסקע דער חתן, און שלינגט שיער ניט אראפ דאס גארגל־ביינדעלע פון שעמעוודיקיים.

אזוי איז געמאכט געווארן דער חשבון אן באלעבאס. ווארים זוסקע'ס צעשראקענע אויגן, די אדערלעך אויף זיין דארער נאז און די בלאסע ליפן האבן, ווייסט גאט, ניט געפאסט פאר בלוט־פארגיסונג. א מענטשל, וואס ביים דאווענען שבת אין בית־מדרש מיטן שווער זיצט ער אויף א שפיץ באנק מחמת איידלקייט און שוועבט, אזוי צו זאגן, אין דער לופטן; א מענטשל, וואס פארשטעכנדיק זיך א פינגער, ביים איינפעדעמען זיך א הויזן־קנעפל, הייבט אים אן צו טיאכקען דאס הארץ פאר שרעק, אזא נפש זאל גיין מאכן א קאריערע אין קוילער־שטיבל?... נאר פארפאלן. עלטערע קלוגע יידן זיינען דורכגעקומען צווישן זיך און האבן אים באזארגט — האט ער אליין ניט מער וואס צו זארגן. אדרבא, ביז אהער איז ער, זוסקע, א קיילעכדיקער יתום, געשלאפן אין בית־מדרש אויף א הארטער באנק, געגעסן „טעג" און ניט דערעסן, אצינד וועט ער זיך אויסרוען אויף ר' הירש דעם מלמד'ס פערינעס, און א געזונט ווייבל גיט מען אים אויך אין די ארעמס. אן אקראיעץ ברויט, ווי הירשל אליין האט זיך בארימט, וועט געבן די רבי־

צין און קרופּניק צום ברויט וועט ער, הירשל דער מלמד, געבן צושטייער. היינט וואָס זאָל זיך דאָ אַ ישיבה־בחור, ווי ער, שטופּן מיט זיין דעה? טוט ער דעם רצון פון שווער און פון ראש־ישיבה און האָט בטחון.

און וואָס אמת איז אמת, מיט טעאָריע, ס'הייסט מיט די דינים פון שחיטה, איז אַלץ געגאַנגען כשורה. אַ קאָפּ האָט זוסקע געהאַט אַ גוטן און אַ מתמיד איז ער אויך געווען... און אין איין חודש צייט, צווישן תנאים און חתונה, און אין איין חודש נ אָ ך דער חתונה, האָט שוין זוסקע געקענט אויס־ווייניק אַלע דינים. וועקט אים אויף אינמיטן שלאָף, וועט ער זיי אייך אָפּ־קלאַפּן נאָכאַנאַנד. און אַ מייסטער אַנצושטעלן דעם חלף איז ער אויך גע־וואָרן. ער האָט זיך אפילו פאַרלאָזן אַ נאָגל אויפן לינקן צייג־פינגער, צו פּרואוון דעם חלף ווען מען דאַרף.. אַלץ ווי עס געהער צו זיין... אָבער ווי נאָר עס איז געקומען צו פּראַקטיק, איז אים געוואָרן אָביסל קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. די הענער, מיט פאַרוואָרפענע קעפּ און העלזער, זיינען ביי אים געזעסן ניט פעסט אין דער לינקער האַנט. דאָס האַלטן דעם חלף צווישן די שוואַכע ציין האָט אים געברענט ווי אַ קאַלט פייער. דאָס אויספליקן אַ פּאָר פעדערלעך פון אַנגעצויגענעם הינערשן האַלז איז אים אויסגעקומען ווי פון אַ לעבעדיקער זאַך. די ברכה איבער שחיטה האָט ער געמאַכט ווי אַ פּאַר'משפּט'ער צום טויט... ער האָט אַזוי געקווילעט און ניט דערקווילעט. ער האָט טריף געמאַכט. ער האָט צעראַצט דעם חלף אָן די הינערשע גרגרת'לעך. ער האָט געקראָגן געזידלט פון באַלעבאַטים און פון שווער. און דערנאָך, נאָך יעדער אַזאַ ניט־געלונגענער שחיטה, איז זוסקעלע אַרומ־געגאַנגען אַ טויטער עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד.

אַזוי לאַנג, אָבער, ווי די קוילערשע פּראַקטיק איז אַנגעגאַנגען אויף די הינער פון דער אייגענער שוויגער און אויף די הענער פון נאָך אַ פּאָר באַ־קאַנטע הייזער אין „זאַוואָלעק" — איז נאָך געווען צו פאַרטראָגן: מ'האָט אים מוחל געווען. מ'איז דורכגעקומען. מ'האָט גענומען אין חשבון דאָס, וואָס דער יונגערמאַן איז ערשט עטלעכע וואָכן נאָך דער חופּה און איז נאָך ניט געוואוינט צו לעבן מיט אַ ווייב און איז פאַרשעמט און צעטומלט פון אַזויפיל נייע איבערלעבענישן. האָט מען אים געלאָזט צורו, ניט געצוואונגען אים צו גיין פאַרדינען מיטן חלף, פונדעסטוועגן איז דער יונגערמאַנטשיק ניט געוואָרן פלייסיקער. די בלויע אָדערלעך אויף דער דאַרער נאָז זיינען ניט פאַרלאָפן מיט פעטס. און ווי פריער איז ער שבת צום דאַווענען געזעסן אויף אַ שפּיץ בענקל, לעבן שווער אין חסידישן בית־מדרש, און מיט אויס־געלופּעטע אויגן געקוקט אויף די מתפּללים אַרום אים. ער האָט באַוואונ־דערט זייער באַלעבאַטישע זיכערקייט, זייער סטאַלעקייט, זייער הרחבה'דיקע באַלייבטקייט אונטער די שבת'דיקע טליתים. דעם שוחט'ס גרויסע אויגן האָבן דאַכט זיך געמאָנט אָן ווערטער, שטום געבעטן זיך: „סטייטש, יידן בני־רחמנים! וואָס האָט איר צו מיר געהאַט? פאַרוואָס האָט איר מיר

געגעבן אַזאַ אַלטע בתולה מיט גראָבע לעפּצן און אַזאַ ברודיקע פּרנסה, צו קוילענען?... מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי פאַרזינדיקט?"

נאָר חשוב'ע ייִדן האָבן זוסקע'ס שטום־לשון אַ האָר ניט פאַרשטאַנען. אַרומדרייענדיק זיך אין בית־מדרש אַרום באַלעמער, האָבן זיי נייגעריק באַטראַכט דעם יונגן שוחט'ל און אָפּגעגעבן הירשלען דעם מלמד אַ יישר־כּוח וואָס ער האָט דאָקאַזשעט פאַר זיין טאָכטער אַזאַ אַנטיקל, אַזאַ איידעלע זאַך. און ניט איין באַלעבאָס, מיט ניט־אויסגעגעבענע מיידן אויפן האַלז, האָט זיך דערנאָך באַקלאָגט אינדערהיים ביים טשאָלנט, אַז... אָט זעט איר דאָך? אַ מלמד, דאַכט זיך... אַ קבצן אַ ייִד, הירשל דער מלמד פון „זאַ־וואָלעק", און האָט שוין, מאַלט אייך אויס, מער נחת פון טעכטער ווי איך...

הירשל דעם מלמד'ס נחת האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט. נאָך אַ פּאָר חדשים איז אַזוי זוסקע זיין איידעמל געזעסן אויף קעסט, דער חלף אין שייד, און סוף־כּל־סוף אָנגעהויבן צו פּאַפּראַווען זיך. דאָבע, די קלאָציקע ווייב זיינע, מיט די גראָבע לעפּצן, איז, אָן עין־הרע, געוואָרן מעוברת.

נו, ווייבאַלד אַזוי, איז דאָך זוסקע אַ מאַנסביל מיט מאַנסבילן גלייך. היינט וואָס פּיעסטשעט ער זיך דאָ אַזוי און וואָס מאַכט ער זיך אַזוי צי־טעריק און אַזוי איידל?... האָבן טאַקע באַלד נאָכדעם הירשל און הירשע־ליבע גענומען געבן דעם געראָטענעם איידעמל אָנצוהערענישן, אַז ס'איז שוין כּ'לעבן גענוג צו זיצן אויף גרייטן און ניט זוכן קיין תּכלית...

ביסלעכווייז זיינען די אָנצוהערענישן געוואָרן אַלץ קלאָרער און גראָבער, ביז זוסקע האָט דערפילט, אַז ער עסט דעם מלמד'ס קרופּניק אומזיסט און מוז עפּעס אויפטאָן. האָט ער אונטערגעגאַרטלט דעם שוואַכן בויך מיט אַ חסידישן גאַרטל, געשטאַרקט דאָס ציטערדיקע האַרץ און אַנטשלאָסענער גענומען זיך צו שחיטה...

און גיב אַ קוק! אַפּנים הירשל'ס קעסט און דאָס אויסרוען זיך אויף הירשעליבע'ס פּערינעס האָבן טאַקע געהאָלפן. די הענט ביים שעכטן הינער זיינען געוואָרן האַרטער. זוסקע האָט, אַזוי צו זאָגן, געכאַפּט דעם שניט. ער קוילעט, מיט גאָט'ס הילף, צוביסעלעך און ס'איז אָן סכנה. צום גליק האָבן די הינער הינערשע קעפּ. נאָכן אָפּשעכטן זיי גיבן זיי נאָך איין קורצן געשריי, פאַלן אַראָפּ פון האַנט ווי טויט־שיכור'ע, צאַפּלען זיך איין מינוט און אויס. דאָס זיינען קליינע קעפּ, מיט איין טראָפּן בלוט אין די אָדערן. אויך מיר נפשות! זיי פילן, כּמעט, קיין שום ווייטיק ניט... פּשוט אַ מצווה צו קוילען זיי און קאָכן יאַייכעלעך פאַר ייִדישע יולדת'טעס, פאַר ייִדישע חולאים.

די ערשטע דריי קאָפּיקעס שחיטה־געלט פאַר אַ כּשר געקוילעטער הון, וואָס זוסקע האָט געבראַכט אַהיים, איז געווען אָנגעלייגט ביי שווער און שוויגער, ווי אַ גאָלד־שטיקל. ביי דאָבען זיין ווייב — אוודאי און אוודאי. אַזוי שטאַרק ווי אין יענער נאַכט האָט זי אים נאָך קיינמאָל ניט אַרומגע־

נומען. די הון, וואָס איר מאַנדל האָט אומגעבראַכט מיט אַזוי פיל דער־פאַלג, האָט זי שיכור געמאַכט פון גליק. היינט ווער רעדט, אין אַ וואָך אַרום ערב שבת, ווען אַנשטאָט איין הון האָט זיך זוסקע פאַרמאַסטן מיטן חלף אויף גאַנצע פינף, און פון די דריי קאַפּיקעס איז געוואָרן פופצן, אַ גאַנצער גילדן, אַ כשר פאַרדינטער! דאַמאָלסט האָבן שווער און שוויגער, בשעת דער שבת׳דיקער וועטשערע, פשוט ניט געוואוסט וואו אוועקצוזעצן דעם געראָטענעם איידעמל. דעם גרעסטן חלק פיש און געפילטע קאַטשקע אויסגעטיילט אים. „העז, אַזוי האָבן די אַלטע לייט גערעדט צווישן זיך מיט אַ גליקלעכן שמייכעלע, ער מענטשלט זיך, אונזער שוחט׳ל!”...

און באמת, צוזאַמען מיט די ערשטע פאַרדינסטלעך זיינען זוסקע׳ס באַקן געוואָרן פולער, דאָס געדגעלע רואיקער, דער קוק זיכערער. וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן? ער מענטשלט זיך, דאָס שוחט׳ל!...

ב

דאַרף זיך אָבער מאַכן אַזוי, אַז צווישן די באַשיידענע הינער, וואָס קומען אום אַזוי שטיל און עניוות׳דיק, מישן זיך אריין צוויי קאַטשקעס... אימיצן אַ שכן אין זאַוואָלעק האָט זיך פאַרגלוסט צו האָבן קאַטשקע־גע־בראָטנס אויף שבת. און כדי ניט לויפן צו ווייט, ביזקל טאַקסע־שטיבל, און כדי ס׳זאָל קאָסטן מיט אַ פּאָר קאַפּיקעס וועלוולער, האָט מען אַ רוף געטאָן ר׳ הירשל׳ס איידעמל מיטן חלף.

צוויי עופות, אַ קאַטשער און אַ קאַטשקע, זיינען געלעגן געבונדן ביים שוועל. אַ הייפעלע אַש צו פאַרדעקן דאָס בלוט, איז אויך געווען אָנגעגרייט אויף דער ערד. אַלץ אַזוי ווי ביים קוילענען הינער... נאָר שוין ביים פאַר־וואַרפן דאָס גרין־גאָלדיקע קעפּל פון קאַטשער האָט זוסקע שוחט דערפילט אַ נייעם כוח. עפּעס גאָר אַן אַנדערער כוח ווי ביי אַ הון: אַ האַרטערע פלייש ביי די פאַרבראַכענע פליגלען, אַ שטאַרקערער אַקעגנשטעלן זיך, אַ שאַר־פערער געשריי, אַ טיפערע זשעדנעקייט צום לעבן.

זוסקע האָט גיך אויסגעפּליקט די עטלעכע פעדערלעך פון האַלז. אַ קוילע און אַ וואָרף געטאָן, אַ קוילע און אַ וואָרף געטאָן; פריער דעם קאַטשער, דערנאָך די קאַטשקע. ער האָט דערהערט אַ פליגל־פּאַטשעריי פונקט ווי ביי הינער און מער ניט אומגעקוקט זיך. פּאַוואָליע האָט ער אויסגעווישט דעם חלף אַן אַרבל פון העמד און געצומען אריינלייגן אין שייד. נאָר דאָ האָט ער אַ קוק געטאָן און אויסגעלופּעט ביידע אויגן.

די קאַטשקעס האָבן זיך ניט געצאַפּלט אין די לעצטע ספּאַזמעס פון לעבן און טויט, ווי דאָס טוען געוויינלעך הינער אַ מינוט נאָך דער שחיטה, נאָר געשטאַנען זיינען זיי, איינער אַקעגן דעם אַנדערן, אויף די געבונדענע,

געלע און צעבליאַבעטע לאַפּקעס, און שטילערהייט, כמעט געמיטלעך אי־בערגעוואָרפן זיך מיט אַ קורצן גאָרגלדיקן קריאַקען. פון געקוילעטן האַלז ביים קאַטשער, פון צווישן די גרינגאָלדיקע פעדערלעך, פּערלט דאָס טונ־קעלע בלוט גיך־גיך, איינס נאָך איינס. ווי אַ צעריסענע בייטש פון גראַנאַט־פּאַטשערקעס קויקלען זיך רויטע קייקעלעך איבער דעם אויסגעבויגענעם אנגעגאָסענעם „גאָידער" און איבער די פעטע פעדערלעך, און דער קאַטשער קוקט זיך אפילו ניט אום. עס אַרט אים ניט. „קריאַ!"... אַזוי לצ'עוועט ער הייזעריקלעך צו זיין ווייבל, און די טאַטערישע אייגלעך זיינע לויפן ביי אים כיטרע אַרום. „קריאַ!"... ס'הייסט, ער מיינט אפּנים, זוסקע דער שלימזל, אַז ער האָט מיך טאַקע אָוועקגעקוילעט... אַ טריאַטער, ווי איך בין אַ קאַטשער!...

— „קריאַ!" —ענטפערט אים אָפּ, קורץ און אָפּלאַכעריש, די אשת־חיל זיינע, די קאַטשקע, און דאָס בלוט פּערלט ביי איר פונקט ווי ביי איר באַ־שערטן — אַזוי לאַנג ניסט ער, הירשל'ס איידעמל, ווי לאַנג איך שטאַרב נאָך ניט... כיאַ־כיאַ!

— קריאַ־כאַ־כי! — צעבאַרכלט זיך לאַכנדיק דער קאַטשער. ער האָט, קענטיק הנאה פון זיין ווייבל'ס חכמה — אַזוי לאַנג... ווי זאָגסטו? קריאַ־כאַ־כאַ!

צעכראַברעט זיך די געשאָכטענע קאַטשקע פונם מאַנ'ס אַנערקענונג. זי גיט זיך אַ האָפּקע מיט די געבונדענע רויטע פיסלעך און שילט זיך מעשה־יידענע און פאַרהוסט זיך:

— כ... כ... כ'האָב אים טאַקע אין דער ערד מיט זיין חלפ'ל... אַ כבאַ־אַ־לע־רע.

טוט איר דער קאַטשער נאָך און גיט אויך אַ שפּרונג:

—מירן אים נאָך איבערלעבן, די פגירה, וועסט זען!

— קריאַ! מיין מאַן... אפשר גאָר אַוועקלאָזן זיך צו דער אָזערע?... כאַפּן אַ שווים...

— אדרבא, געגאַנגען זאָל ווערן!...

אַזוי כוואַטעוועט זיך אַ ווילע דאָס פּאָר פּאָלק פאַר זוסקע דעם שוחט'ס אויפגעריסענע אויגן... אָבער אינמיטן־דערינען גיט גאָר די קאַטשקע אַ לאָז־אַראָפּ דעם ברייטן שנאָבל און גיט אַ הוסט מיט בלוט. אַנשטאָט „קריאַ" קומט ביי איר אַרויס אַ הייזעריקער „כיר־כיר־כרי", וואָס דאַרף באַדייטן:

— אוי, אוי מיין מאַן? וואָס איז ד אָ ס?

דער קאַטשער שטעלט זיך איבער אויף זיינע געפּענטעטע לאַפּקעס און גיט צו מיט פונקט אַזאַ פאַרוואונדערטן הוסטעלע:

— קריאַ! מ י ר געפעלט דאָס אויך ניט! עס הייבט מיר ניט אָן געפעלן צו ווערן.

אצינד לאכן זיי שוין מער ניט אפּ, דאס געקוילעטע פאַר־פאָלק. נאָר יע־דער פון זיי הערט זיך צו צו זיין אייגענעם ווייטיק!

— כרי־י! מיר שווינדלט אין קאפּ... דיר ניט?

—יענטע איינע, נאָר שווינדלען?

— כ'האב מורא צו זאגן... כרי־י! נאָר מיר דאכט...

— דיר דאכט?... אז וואס?

— אז מיר זיינען געקוילעט...

— געקווי־ילעט?

די ערשטע פארלירט איר ענטעלשן קאפּ די קאטשקע. אז א פּיצל בושה צעקריאקעט זי זיך, ווי א געשלאגענע מארק־יידענע:

— געוואלד, רא־אטע־ווע־עט!

פון איר געשריי דערשרעקט זיך דער קאטשער אויך. פון זיין כראברען זיך איז קיין שריד־ופּליט ניט געבליבן.

— כררריא—א! — שרייט ער אריבער זיין ווייבל — געשאכטן טאקע... בלוט, בלוט, בלוט!

און לאזט זיך לויפן האפּקענדיק מיט די געפּענטעטע פיסלעך, פּאטשנדיק מיט די אונטערגעבונדענע פליגלען, שרייענדיק און כארכלענדיק מיטן ברייטן שנאבל און מיטן רויטן לאך אין האלז. די קאטשקע טוט דאס אלץ נאָך, אבער שוואכער און אומגעשיקטער, מעשה־יידענע, פּלאנטרנדיק זיך אין די ראבע אפּגעהאנגענע פעדערן, ווי אין א צו־לאנגן קליידל. קאפּ אן דר'ערד פאלט זי לויפנדיק און בויך אן דר'ערד. א פאל און א שטיי אויף מיט א גראגערנדיקן געוואלד־געשריען. זי שרייט און דער געקוילעטער מאנדל שרייט זי איבער:

— יידן, מיר זיינען פארלארן!

— א דאקטאר!

— לאָמיר פליען אין שפּיטאָל...

— געקווי—לעט טאקע! געוואַ —

— זוסקע, הירשל'ס איידעמל...

— כריא—כריא—כריא!...

ערשט אצינד זיינען זיי אנידערגעפאלן, אײן געקוילעטער קאטשקע־האלז איבערן צווייטן, אפּגייענדיק מיט די לעצטע טראפּנס בלוט. און די אמת'ע גסיסה האט זיך אנגעהויבן. די גסיסה פון צוויי זאַיאדלע עופות, וואס ווילן ניט פּגר'ן...

די גאנצע סצענע האט זיך אין איין מינוט אפּגעשפּילט פאר זוסקע'ס אויסגעלופּעטע אויגן, און ער האט קלאָר פארשטאנען זייער פויגלשן לשון, ווי שלמה המלך אין זיין צייט. קוים־קוים וואס ער האט געפונען דעם

שפּאַלט אין שייך דעם חלף אַריינצוזוקן. שיער זיך אַ פינגער ניט אָפּגע־שניטן. אַזוי האָבן זיך ביי אים די הענט געטרייסלט.

מעכאַניש, ווי אין הינער־פּלעט, האָט ער זיך געלאָזן גיין אַהיים און כמעט ניט באַמערקט ווי מען האָט אים אַריינגערוקט אַ קופּערנעם פינף־קאָפּיקע־שטיק אין האַנט. און ווען דאָבע זיין ווייב האָט אים אַ פרעג גע־טאָן: „וואו איז דאָס שחיטה־געלט?" האָט ער ניט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו אים:

—אַ... שחיטה־געלט? מיר דאַכט, אַז דאָ אין קעשענע... אין כאַלאַטל... נייז, דאָ אין בוזים... אפשר נאָך ניט באַצאָלט...

האָט אים זיין אשת־חיל געהאָלפן אַרומזוכן אין אַלע קעשענעס און... געפונען דעם קופּערנעם פּיאַטאַקל שטאַרק פאַרקוועטשט אין זוסקע'ס לינ־קער דלאָניע —:

— אָט האָט מען דיר דאָך באַצאָלט! וואָס טוט זיך מיט דיר?

ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט זיך געשעמט זאָגן, אַז דער קאָפּ דרייט זיך אים, אַז פאַר זיינע אויגן שוועבט נאָך די סצענע, וויביידע קאַטשקעס מאַכן זיך ניט־געקוילעט און כראַברען זיך, און ווי אַזוי זיי דערפילן דעם ביטערן אמת און הייבן אָן לויפן און פאַלן איבער די אייגענע לאַפּקעס און שרייען, שרייען, שרייען; עפּעס גאָר ניט ווי עופות, נאָר ווי מענטשן, ווי יידן אויף אַ פּאָגראָם.

אַ פאַרשטערטן שבת האָט דאָמאָלסט זוסקע געהאַט. עס האָט אים געקערט די גאַל פון דער שבת'דיקער וועטשערע. ער האָט ניט געקענט עסן דעם טשאָלנט צומאָרגנס נאָכן דאַווענען. און פון דאָמאָלסט אָן האָט ער מיט כל'ערליי קונצן אויסגעמידן צו קוילענען קאַטשעקס. ער האָט מורא געהאַט פאַר זייער לאַנגער און מענשלעכער גסיסה. דאָ זאָגט ער אַ תירוץ, אַז דער חלף איז ניט אָנגעשטעלט, דאָרטן קלאָגט ער זיך, אַז ער איז היינט ניט אינגאַנצן און די האַנט ציטערט ביי אים... ער האָט בכלל אויסגעמידן צו שעכטן. די גסיסה פון די קאַטשקעס האָט אים אָפּגעקלונגען אין יעדער פליגל־פּאַטשעריי, אין יעדן קוואַקטש פון אַ געקוילעטער הון...

און דאָ נעמט דאָבע זיין ווייב און לייגט זיך אַנידער און האָט אים אָפּ אַ יינגעלע. אַ נפש'ל איז צוגעקומען אין שטוב און אַ גוטער שרייער אין דער ענגשאַפט פון דער שוויגער'ס ברויט־בעקעריי און. אינם האַרמידער פונם שווער'ס תלמידים'לעך. שווער און שוויגער זיינען געוואָרן כמורנער און האָבן דעם איידעלן איידעמל געגומען געבן אָנצוהערעניש אַז... כ'מיין... וואָס וועט טאָקע זיין דער סוף? שוין צייט דאָס יונגע פּאָרל זאָל דינגען אַ דירה'לע פאַר זיך אַליין, און לעבן מיט לייטן גלייך...

און זוסקע האָט דערפילט אַ ציטערניש אין די קני פון אַזעלכע אָנצוהע־רעניש. עפּעס פונקט ווי שווער און שוויגער וואָלטן אים אונטערגעשטופּט אין אַ כף־הקלע אַריין. ער האָט מורא געהאַט צו מאַכן אַ טראָט ווייטער,

און בלייבן שטיין אויף איין אָרט איז אויך ניט מעגלעך. דאָס ייִנגעלע שרייט, שרייט, שרייט... דאָס ווייבעלע יאָדעט:

—פּרנסה, זוסקע! פּרנ—ס—ה.

ג

בדי צו פאַרדינען אַ מטבע אויף איינמאָל און קענען אַריבערציִען זיך אין אַן אייגענער דירה, האָט זוסקע נאָכגעגעבן. ער האָט אין זיך סוף־כּל־סוף גובר געווען די אינערלעכע שוואַכקייט און אַ טאָג פאַר יום־כּיפּור אַוועק אין קאַראַבקע־שטיבל קוילענען כּפּרות. דער אַלטער און געניטער שוחט ר׳ עליע האָט אים גענומען צו הילף.

אַוועק איז זוסקע מיט זיין חלף אין דער נאַכט וואָס פאַר ערב יום־כּיפּור, כּדי צו פאַספּעִען אָפּ׳פּטר׳ן אַלע שטאָטישע כּפּרות ביז מאָרגן, פאַרן דאַווענען שחרית. מען האָט געשאָכטן ביי אַן אָפענעם פענסטער אין קאַראַבקע־שטיבל און ביי אַ קאַרגער געלבער ליכטיקייט פון צוויי קעראָסין־לעמפּלעך. זוסקע און ר׳ עליע,ביידע שוחטים אין ברודיקע אַנטועכצן, שטייען אין אָפענעם נידעריקן פענסטער, און ווייבערשע הענט דערלאַנגען פון דער נאַכט אַרויס די געבונדענע שרייענדיקע עופות. יונגע, אַלטע, דיקע און דינע הענט; שוואַרצע, ראָבע, געלע און ווייסע עופות, אַז אַ שיעור און אַן עק... און גיב נאָר אַ קוק!... עס אַרט אים ניט. אים, זוסקען, אַרט דאָס ניט.

עליע דער שוחט האַלט דעם חלף צווישן די ציין — האַלט זוסקע אויך. עליע גיט אַ נעם אַן עוף אונטער די פליגלען און פאַרוואַרפט אים דאָס קעפּל — טוט זוסקע דאָס זעלביקע. עליע טוט אַ פליק אַ פּאָר דריבנע פעדערלעך — זוסקע אויך. עליע אַ פידל מיטן חלף איבערן אָנגעצויגענעם העלזל — ער אויך. עליע אַ קוועטש מיטן גראָבן פינגער דעם געשאָכטענעם גאָרגל — זוסקע אויך אַ קוועטש... די געשאָכטענע עופות ווערן אַרויסגעוואָרפן דורך דעם באַלויכטענעם פענסטער אין דער נאַכט אַריין. מען הערט נאָר זייער לעצטע פליגל־פּאַטשעריי, זייער צאַפּלענען, ערגעצוואו הינטער דער וואַנט פון ווייבערשע פאַטשיילעס. נאָר זען זעט מען זיי ניט מער. איז וואָס־זשע אַרט דאָס אים, זוסקען? ער טוט נאָר וואָס עליע דער שוחט טוט. ער אַליין האָט קיין שום ווילן ניט. ער שפּאַרט זיך אַן מיט זיין פאַר׳חלש׳טער נשמה׳־לע אַן דעם אַלטן באַהאַוונטן לערער זיינעם. יענער אַ פידל מיטן חלף — ער אויך אַ פידל. יענער — אַ פּרוּאוו דעם בלויען שאַרף אַן נאָגל — ער אויך... קיין איינציקע רגע׳לע לאָזט מען אים ניט קומען צו זיך. גייסטער־הענט פון ווייבער, מאָדנע באַלויכטענע, כמעט אַן שום פליישליכקייט, שטרעקן זיך פון חושך אַרויס מיט אַלץ נייע און נייע קוואָקצענדיקע גע־בונדענע פעקלעך פעדערן. זיי שטרעקן זיך אויס, די הענט, זינקען אַראָפּ

און ציען זיך ווידער אַן ווי געוועבן אין אַ וועבשטול פון טויט. און בייזע מיילער קווינטשען־איבער די געשרייען פון פּאַר׳משפּט׳ע עופות:

— מיינע, מיינע, ר׳ עליע!

— ר׳ זוסיע, מיינע כפּרות אויך!

— איך בין פריער געקומען!

— איר גאָר?... איך, איך!

— נאַט, נעמט!

— נעמט! — —

אַ סך שרעקלעכער איז די מאַסן־שחיטה פון שקלאָווער כפּרות געוואָרן צומאַרגנס, גאַנץ פרי, אויפן ניכטערן האַרצן, נאָך אַן אָפּגעכאַפּטן דאַווענען, ווען די זון איז רויט אויפגעגאַנגען אינם ערשטן אָסיען־נעפּל... די טונקל־קייט פון דער נאַכט, וואָס האָט נאָך נעכטן, ווי אַ שוואַרצער פּאַראַוואַן, אָפּגעטיילט דאָס ה ע ר ץ פ ו ן ז ע ן, און דעם גאַנצן שחיטה־הויף הינטער דעם באַלויכטענעם פענסטער, איז אַצינד געפאַלן, אַוועקגעווישט געוואָרן: יאָ, הייסט דאָס, זוסקע, זע אַצינד וואָס דו טוסט! אַלץ זאָלסטו זען!...

און זוסקע האָט ניט־ווילנדיק געזען, געמוזט זען דעם ווינסטן אַנגעלאָף און די ווילדע גלוסטעניש פון קוילענען און שעכטן וואָס האָט דאָס גאַנצע שטעטל אַנגעכאַפּט. פולע קאַשיקעס מיט געבונדענע עופות האָבן זיך שווער געהוידעט אַרום אים, אין שטופּעריי און געטומל און געזידל. צו די אויס־געשטרעקטע הענט זיינען אַצינד צוגעקומען אָפענע ווייבערשע פּיסקעס, פאַרטוכער און גרויע פאַטשיילעס, וועלכע פאַכען ווי גרויסע פלעדערמייז...

— מיינע כפּרות! נאַט, קוילעט!

— מיינע! מיינע... קוילעט!

זוסקע האָט גלייך דערפילט אַ שוואַכקייט אין די דינע קני און געפּרוווט דעם נעכטיקן מיטל. דאָס הייסט: ער האָט געפּרוווט אינגאַנצן פאַרלייר־קענען זיין אייגענעם ווילן, זיין אייגענעם הערן און זען. ער האָט געפּרוווט אינגאַנצן פאַרלאָזן זיך אויף ר׳ עליע׳ן, ווערן עליע׳ס שאָטן; קוילענען און ניט טראַכטן. עליע אַ נעם אַ כפּרה — ער אויך. עליע אַ פידל מיטן חלף — ער אויך אַ פידל... נאָר דאָסמאָל האָט דאָס אים ווייניק־וואָס געהאָלפן. אין זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן איז רויט געקראָכן די זון, און פעדערן זיינען געפלויגן צוזאַמען מיט צעשפּריצטע טראָפּנס בלוט. וואונדערלעכע גרינ־גאָלדיקע עקן פון געקוילעטע הענער האָבן מאַוים׳דיק געפאַכעט, ווי בלוטיקע פעכער, און זיינען געפאַלן אין די צאַפּלדיקע הורבעס פון ראָבע און ווייסע און שוואַרצע הינער. און אין אַ כאָר פון לעצטע קראַמפּן און אין בלוט־דערשטיקטע קוואָקצעניש האָבן זיי אַלע געפּאַטשט פראַטעסט קעגן די צוויי יידישע שוחטים, צו דעם וועלכער האָט זיי באַשאַפן, מיט פעדערן באַפעדערט און געהייסן לעבן אויף דער וועלט...

זייערע הינערשע און הענערשע קראַמף־געשרייען זיינען, אין זוסקע׳ס אויערן, ביסלעכווייז אַריבערגעגאַנגען אין מענטשלעכע, כמעט יידישע געשרייען, געשרייען פון געקוילעטע אויף קידוש־השם... פון די גרינגאַלדיקע עקן ביי די הענער זיינען געוואָרן צעשליסענע אַטלאָסענע קאַפּאָטעס, פון די פּייערדיקע קאַמען — געשפּאָלטענע קעפּ מיט אויסגערונענע געהירן... אַלע אַזעלכע מעשיות, וואָס ווערן באַשריבן אין „שבט יהודה" און אין דער געשיכטע פון די קרייץ־פאַרער... העלזער פון קדושים אויפגעעפנטע, ווי בלוטיקע מיילער פון אויער ביז אויער, כאַרכלען „שמע ישראל". און דער ווייבערישער טומל אַרום די קרבנות — דאָס זיינען אומ׳ברחמנות׳דיק זשעדנע קולות פון מאָרד און רויב:

— מיינע כפּרות!

— מיינע אויך!

— מיינע!

און איבער אַט דעם גאַנצן שרעק שטייט אַ רויטער שיין פון אַ קאַלטער זון, און אַ רויטער תשרי־נעפּל... דער אייבערשטער אַליין איז אין כעס און האָט קיין רחמנות ניט. עליע דער שוחט — דאָס איז דער מלאך־המות, וואָס ער האָט אַראָפּגעשיקט איבער זיינע זינדיקע באַשעפעניש. שטייט ר׳ עליע, מיט אויסגעלופּעטע רויטע אויגן, צווישן די לעבעדיקע און טויטע, און טוט זיין זאַך ווי אַ געניטער רצחן... זיין צעשליסענע קאַפּאָטע איז באַשפּריצט מיט בלוט, די ווייסע שפּיצן אַרבל פון זיין העמד זיינען רויט באַפלעקט פון אָפּווישן אַלע ווילע דעם חלף. ער, זוסקע, איז זיין גרויאינקן צעקנייטשטן כאַלאַטל, איז נאָר אַ שלימ׳מזל׳דיקער געהילף פון מלאך־המות. ער שטייט אַליין, ווי אַ פאַר׳משפּט׳ער, אויף אַ פוס־בענקעלע אין אָפענעם פענסטער פון קאַראַבקע־שטיבל, און טוט וואָס מען הייסט אים. עליע אַ פידל, ער — אַ פידל; עליע טוט אַ וואָרף, טוט ער אויך אַ וואָרף...

פּלוצלינג איז זוסקע פאַרצאַפּלט געוואָרן: אַ גרויסער גאַלאַגאַנער האָן, איידער פאַרברעכן אים דעם קאָפּ צום שעכטן, האָט אים ווילד און דורכדרינגענדיק אָנגעקוקט מיט מענטשלעכע אויגן. אין רויטן פּנים, ווי ביי אַן איבערגעמאַטערטן חזן, האָט זיך ביים האָן אויפגעעפנט אַ שנאָבל — אַ רויטער כף־הקלע אין אַ טיפן האַלז אריין...

זוסקע האָט זיך אַ שאָקל געטאָן... „ר׳ עליע, ר׳ עליע!..." האָט ער זיך שוואַך געגומען בעטן אין זיין שווינדלעניש; און דער שווערער האָן האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון דער שוואַך געוואָרענער האַנט.

ניט אומזיסט איז אָבער עליע דער שוחט אַן אַלטער באַהאַוונטער קוילער. ער ווייסט, אַז אַזעלכעס טרעפט מיט יונגע שוחטים, ווען מען שטרענגט זיי צופיל אָן. אין זיין טיפער קעשענע ליגט אַלעמאָל גרייט אַ גוטע רפואה... נישקשה.

האָט ער געלאָזן אינמיטן־דרינען אַלע געשאָכטענע און ניט־געשאָכטענע עופות, מיט אַלע אומגעדולדיקע ווייבער צוזאַמען. זאָלן זיי קוואַצקען און שרייען וויפל זייער האַרץ גלוסט! ער אַליין האָט אונטערגעכאַפּט זוסקען, ווי אַן אונטערפּירער, אונטערן אָפּגעחלש׳טן אָרעם, אַוועקגעצויגן אים אין אַ שטילן ווינקעלע אין דער טאַקסע־שטיבל, אַרויסגעכאַפּט פון דער טיפער קעשענע אַ סאַמקעלע בראַנפן מיט אַ שטיקל לעקעך; געמאַכט „לחיים" מיט זוסקען און פאַרביסן און טאַקע נאָכאַמאָל „לחיים" און ווייטער פאַר־ביסן.

— נו, יונגערמאַן? — גיט עליע כיטרע אַ וואונק מיט איין אייגל — וואָס זאָגסטו עפּעס אַצינד?

וואָס זאָל זוסקע, הירשל׳ס איידעם, זאָגן אַצינד? דער פאַרשווינדלטער קאָפּ ביי אים האָט זיך גענומען דרייען „אויף צוריק"... דער ווייטאָג אין האַרצן איז געוואָרן טעמפּער. אַ וואָרעמער נעפּל האָט זיך פאַרצויגן איבער די אויגן און אויערן און די מלאכה פון קוילענען איז טאַקע אַוועק בעסער. וואָס טויג אים דאָס גאַנצע טראַכטן און אַריינקוקן צו תרנגולים אין די יאָלדישע אויגן אַריין? עליע אַ פידל מיטן חלף — ער אויך אַ פידל. עליע אַ וואַרף אַן עוף — ער אויך אַ וואַרף. די ווייבער שרייען? זאָלן זיי! הורבעס פעדערן וואַרפן זיך: געלע, ראָבע, ווייסע, פּאַפּעליאַטע, זאָלן זיי! כאַ־כאַ־כאַ־כי־כי־כי...

אַ געלעכטער האָט זיך צעברויזט ביי זוסקען אין האַרצן. נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות ניט אַרויסצופּלאַצן. וואָרים וואָס פאַר אַ פּנים וועט דאָס האָבן ווען אַ שוחט וועט זיך שטעלן כאָכאָטשען איננ־מיטן שעכטן כפרות פון אַן אָפּענעם פענסטער אַרויס?...

דערפאַר, שפּעטער, נאָך דער לעצטער כפרה, ווען ער איז געקומען אַהיים צום אָנבייסן אַן איבערגעמאַטערטער, אין ברודיקן קורצן כאַלאַטל, אַ פאַר־בלוטיקטער, אַ באַשאָטענער מיט אָנגעקלעפּטע פעדערלעך, האָט ער גיכער אויסגעזען ווי אַן אויסטערלישער שאָטן פון אַ שוחט. ניט ער האָט געקווי־לעט, נאָר א י ם האָט מען ערגעצוואו געקוילעט. די נשמה אָפּגעקוילעט...

דער ריח פון די ערב־יום־טוב׳דיקע מאכלים און געקאָכטע כפרות האָט אים אַ זעץ געטאָן אין שוואַכן קאָפּ. און ער האָט דערפילט אַ חלשות און אַן אָפּגעלאָזנקייט אין אַלע אברים. זיין לעצטן פּיצל ווילן האָט ער איבער־געלאָזן ערגעצוואו אין טאַקסע־שטיבל, פאַרקויפט עליע דעם שוחט פאַרן טרונק בראַנפן מיט אַ שטיקל לעקעך...

— וואַש זיך איין! — האָט ער דערהערט לעבן זיך זיין ווייב׳ס קול.

און ער האָט זיך איינגעוואַשן.

— לייג זיך אַ וויילינקע צו! — האָט זי צו אים ווייטער גערעדט.

און ער האָט זיך צוגעלייגט.

„נעם א גלאז טיי!..." „טו זיך איבער!..." „גיי צו מנחה!..." האבן זיך ווייטער געשאטן איבער אים זיין ווייב'ס באפעלן. און ער האט געפאלגט. ער האט אלץ געפאלגט.

ווען ער איז געקומען מיטן שווער פון מנחה, איז ער נאך אלץ געווען ווי אין הינערפלעט. „וואש זיך"! „זעץ זיך"!... האט דאבע זיין ווייב גע־האלטן אין איין באפעלן און ער האט ווייטער געפאלגט. ס'איז אבער גע־גאנגען אזוי נאר ביזקל עסן. עסן האט ער ניט געקענט. וויפל מען איז צו אים ניט צוגעשטאנען, האט ער עסן ניט געקענט. אראפגעשלונגען איין לעפל לאקשן און שטיין געבליבן.

— ביסט ניט געזונט? — פרעגט מען אים.

— ניין, ניין.

— היינט וואס עסטו ניט?

— אזוי.

מיט א גלאז טיי און א שטיקל קיטקע האט ער זיך פארפאסט. קוים א לעבעדיקער פון טיש אוועק. א מורא'דיקע שפל'דיקייט האבן ביי אים ארויס־גערופן די געקאכטע כפרות, די בלויע פופקעלעך און די ברוינע לעבערלעך.

יום־כיפור פאר „נעילה" איז אים אין בית־מדרש ניט־גוט געווארן און מ'האט אים אוועקגעטראגן א גע'חלש'טן אהיים. דער רב האט בפירוש מתיר געווען ער זאל עסן פאר מעריב. א גלאז טיי האט דער חולה ווי־ניט־איז אויסגעטרונקען, אבער אפגעפאסטן זיך מיט קאלטע כפרה האט ער בשום אופן ניט געוואלט. מיט א ניט־גוטקייט פון א שוואכער יידענע, וועלכער מען טראגט צו אונטערן נאז א שטיק נבלה, אזוי האט ער אפגעשטופט פון זיך די קאלטע ווייסע פאלקע. אפילו נאכן תענית, ווען אלע זיינען שוין געקומען פון שול און אפגעפאסט זיך, האט ער צו זיך קיין שום געריכט ניט צוגעלאזן. און גאר פלוצלינג, ווען דאס ווייב איז צו אים ווייטער צו־געשטאנען, האט ער זיך מורא'דיק צעשריען:

— נעם אוועק די כפרה, בהמה איינע! נעם אוועק די כפרה!

מען כאפט זיך צו זיינע הענט און שטערן, ערשט ער האט היץ. ער ברענט ווי פייער, דער געראטענער שוחט'ל.

ער איז אזוי אפגעלעגן עטלעכע טעג מיט קאלטע קאמפרעסן אויפן קאפ. אזוי האט דער דאקטאר געהייסן. נאר זיי האבן ווייניק־וואס געקילט דעם הייסן פיבערדיקן קאפ. אין האלב־דרימל האבן געשוועבט ווילדע חלומות. און די חלומות זיינען געווען פול מיט געקוילעטע העלזער און העלזלעך — א פארזעצונג פון דער ערב־יום־טוב'דיקער טאקסע־שטיבל. הינער מיט ווייבערשע קופקעס אויף די קעפלעך, און הענער מיט באנרד און פאות און יארמלקעס... און די לעבער אין זייערע העלזער האבן געכארכלט מיט בלוט און מיט „שמע ישראל", ווי די יידישע קדושים אין „שבט יהודה".

דער געקוילעטער צאַפּ

א

פון זיין נערוועאישן פּיבער האָט זיך זוסקע דער שוחט ווי־ניט־איז אַרויסגעקאַראַבקעט, נאָר זיין חולאת האָט אויפגעגעסן דאָס ביסל פּאַרדי־נעכץ פון די געשאָכטענע כּפּרות. אַנגעקומען איז דאָס אים זעהר שווער. יעדע פּאַרדינטע קאָפּיקע איז געווען באַגאָסן מיט הינערשע בלוט און מיט אייגענע יסורים. און אַוועק איז דאָס לייכט: דעם „פּערשל״, דעם אַפּטייקער. קיין צווייער איז ניט געבליבן. דאָס ציען זיך איז אַ באַזונדערער דירה איז אַזוי געבליבן ערגעצוואו ווייט, ווייט, הינטער די פּיבערדיקע ווילדע חלומות פון זיין קראַנקהייט. און ווידער־אַמאָל איז ער געבליבן שטעקן אין דער דושנעקייט פון דער שוויגער׳ס ברויט־בעקעריי און אינם טומל פון שווער׳ס קנעלונג.

נאָר גויט, זאָגט מען, ברעכט אייזן. באַלד נאָך סוכּות, ווי נאָר די ערשטע פרעסטלעך גיבן אַ כאַפּ, נעמען זיך די גענזלערקעס צום שעכטן די הייאָריקע גענז אויף שמאַלץ. דער שמאַלץ־סעזאָן ציט זיך אַזוי אַוועק ביז העט־העט איבער חנוכּה. ניטאָ אַזאַ באַלעבאָסטע וואָס זאָל זיך, פאַר דער דאָזיקער צייט, ניט באַזאָרגן מיט חמץ׳דיקע און פּסח׳דיקע שמאַלץ... איז ווייטער געוואָרן אַ דוחק אויף שוחטים. האָט מען זוסקען, הירשל׳ס איידעם, ווייטער צוגעצויגן צום טאַקסע־שטיבל. אַביסל האָט אים עליע דער שוחט געשלעפּט, אַביסל האָבן ווייב און שוויגער אונטערגעשטופּט: „סטייטש! פינף קאָפּיקעס אַ גאַנז!...״ האָט ער געפאָלגט. געפאָלגט ווי אַן איינגע־שפּאַרטער קראַנקער בייקל, וועלכן מען פירט אין קוילער־שטיבל, אין אַ זומפּ פון פינסטערניש, וואו עס טראָגט זיך דער זיסלעכער געשטאַנק פון קאַליע־געוואָרענעם פאַרגאָסענעם בלוט.

און דאָ, אין טאַקסע־שטיבל, האָט זיך פאַר זוסקע׳ס אָפּגעשוואַכטן גע־מיט אַנטפּלעקט אַ נייער שרעק. אַ נייער קאַפּיטל פון זיין „איידעלער פּרנסה״ האָט זיך פאַר אים צעוויקלט.

אַ גאַנז איז דיר ניט גלאַט אַזוי אַן עוף — אָפּגעקוילעט און פאַרטיק. צו אַ גאַנז דאַרף מען האָבן כּוח און געניטקייט, מיט אַ גוטן פּאַטש פון אַ פליגל קען אַ גאַנער איבערברעכן די פינגער פון זיין שעכטער, ווי מען ברעכט איבער שוועבעלעך. ווי קרעפּטיק מען זאָל אים נישט בינדן, קען

נאָך אַזאַ שטאַרקער עוף צעראַצן דעם חלף, ביים וואַרפן זיך, און טריף מאַכן זיין אייגענע שמאַלץ און פלייש. ווערט דערפאַר דער גרויסער גוף פון אַ גאַנצן אַריינגענומען צווישן דעם שוחט'ס קני, ווי אין אַ לעבעדיקן קלעם, און דאָס גענזענע קעפּל מיטן לאַנגן שיינעם האַלז ווערט פאַרזיכטיק, כמעט ליבליך, געצויגן פונם געניטן שוחט, ווי דאָס קעפּל פון אַ קינד וואָס מען וויל צוואָגן מיט הייסע וואַסער. נאָר אַנשטאָט אַנזייפן און וואַשן, מאַכט גאָר דער שוחט, איבערן אָנגעצויגענעם האַלז „כיק!" אַ קוועטש דעם דורכגעשניטענעם גאָרגל און אַ וואַרף־אָפּ פון זיך דעם שווערלעכן גוף, ווי עס לאָזט זיך. די גאַנז כאַפּט לויפן מיט האַלב־צעשפּרייטע פליגלען און מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלז ווי צום וואַסער. דעם וויכטיקסטן עלעמענט פון איר לעבן און אַנטוויקלונג זעט זי אפילו פאַרן טויט... אַזוי לויפט זי אָפּ עטלעכע טריט, פאַרלירט איר בלוט און זעצט זיך אַוועק ווי צום אויס־פירן גענזעלעך. דער געקוילעטער הויכער האַלז איז אָבער ניט געגוג שטייף. ער וואַקלט. אַזאַ פּלוצליבע שוואַכקייט מאַכט, דאַכט זיך, וואונדערן די גאַנז אַליין. פּרוּווט זי ציען אַ טאָן, כדי צו זען וואו זי האַלט אין דער וועלט. אָבער אַנשטאָט אַ גענזענעם קול דערהערט זיך אַ מאָדנער בלאָז פון אַ געשפּאָלטענעם שופר. געפעלט דאָס דער גאַנז אַ האָר ניט. הייבט זי זיך פּאַוואָלינקע אויף, מאַכט אַ טריטעלע און זעצט זיך צו. אַ טריטעלע — און זעצט זיך צו. ביז זי לאָזט זיך איינגאַנצן אַראָפּ אויף אירע אָפּגע'חלש'טע רויטע לאַפּקעס. אַצינד גיט זי נאָכאַמאָל אַ פּרוּוו וואו עס האַלט מיט איר. איר לאַנגן האַלז בייגט זי שלאַנגיש אויס, ווי ווען זי באַשיצט אירע יונגע גענזעלעך פון אַ הונט, און גיט אַ טריב די לופט. די קראַפט פון בלאָזן פייפט אָבער הייזעריק, ווי דורך אַ לעבערדיקן קינדערשן פּיאַל*) און קיין קול הערט זיך ניט. אין בעסטן פאַל הערט זיך דאָס אַז ווי אַ שוואַכער, אין דער לענג געצויגענער, הוסט. ווייסט אַצינד די גאַנז, אַז ס'איז מיט איר געשען אַן אומגליק, אַז איר חזנ'ישער קול איז פאַרלוירן... שטעלט זי ווי־דער אויף איר לאַנגן האַלז צווישן די האַלב־אָפּגעלאָזטע פליגלען און שאָקלט דעם קאָפּ פון רעכטס צו לינקס און פון לינקס צו רעכטס, אַזוי רעגלמעסיק, אַזוי איינטאָניק, ווי אַ פאַרקערטער א ו מ ר ו. מיט פאַרמאַכטע אויגן שאָקלט זי אַזוי דעם קאָפּ און מיט טיפער כוונה. ס'זעט אויס אי מורא'דיק, אי קאָמיש. עפּעס ווי אַ שטומע קלאָגערקע וואָלט באַקלאָגט איר אייגענעם מזל:

— אוי, אַ פינסטערער ביטערער אומגליק האָט מיך געטראָפן! אוי, מענטשן, זעט וואָס מען האָט מיט מיר אָפּגעטאָן! אוי, איך ווייס דאָך גאָר אַליין ניט וואָס איבערצוקלערן!...

אינמיטן־דרינען רייסט איבער, די געשאָכטענע, איר איינטאָניקע שאָקלע־ניש מיטן קאָפּ. זי גיט אַ שטרעק־אויס דעם האַלז און אַ פּרוּוו דעם גענ־

*) פּלייט.

זענעם שופר: „אפשר א טעות געווען?" ענטפערט איר אבער אפ פון דאס ניי א סיפלער־בלאז, א הוסט מיט בלוט און ווייטיק, א פאנפען פון אן אויסגעפאמפעטן פעסל... און ווייטער שאקלט זיך דער געזוענער קאפ פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס; פאמעליכער, פאמעליכער; נידעריקער און נידעריקער. די אויגן־פארטוכלעד פארציען זיך אלץ שטארקער. דער האלז ציט זיך אוים. בלייבט א רגע'לע שטיין פארגליווערט, און לאזט זיך אראפ. ביז עס ליגט אויסגעצויגן ווי א טויטע שלאנג. נאר א שטומער שוידער בלאנדזשעט דורך די גרויסע אפגעלאזענע פליגלען.

אט די דאזיקע שאקלענישן פון לאנגע העלזער מיט רויטע שנאבלען, פון רעכטס צו לינקס און פון לינקס צו רעכטס, ארויף און אראפ, אראפ און ארויף, האבן זיך ווי צענדליקער לעבעדיקע און אפגעשטאנענע „אומרוען" צעשווינדלט פאר זוסקע דעם שוחט'ס אויגן. דער גרויסער אויסגעשנייטער הויף פון טאקסע־שטיבל האט פון זיי געווימלט. די רויטע פלעקן און בלוט־סליאדן, וואס די געקוילעטע גענז לאזן נאך זיך איבער אויפן שניי, האבן נאך פארשטארקט דעם איינדרוק. שטארע רויטע פלעקן אויפן שניי, און באוועגלעכע רויטע שנאבלס. און אפשר גאר פארקערט... פארקערט?... שנאבלען שטארן און פלעקן באוועגן זיך...

העלזער שאקלען זיך און שטעלן זיך אפ און זינקען און נייע קומען צו אויף דעם ארט פון די געזונקענע. פריש געשאכטענע „אומרוען", צאפלדיקע, באפעדערטע צעהוידען זיך און דורכגעשניטענע גארגלס בלאזן שופר, בלי־פען און פארכלינען זיך. לאנגע העלזער, ווייסע און גרויע און שווארצע. שטרעקן זיך צום ווינטערדיקן הימל, בעטן רחמים מיט פארגלאצטע געזוענע אייגלעך. אנדערע שאקלען זיך, ווי לולבים, נאך ברכה־מאכן אויפן אתרוג. אויף אלע זייטן פון דער וועלט. אויסטערלישע לולבים, בויגיקע, פארבלוטיקטע... עס איז פון זינען ארויפצוגיין! ווי אזוי האט ער דאס נאך בכוח, זוסקע דער שוחט'ל, צו האלטן זיך אויף די פיס, צו פידלען מיטן חלף, צוצוקוועטשן מיט די דינע ישיבה־בחור'ישע קני די שטארקע ווארעמע געזוענע פליגלען?... ער פארשטייט דאס טאקע אליין ניט. ווען ניט די שארפע פרישקייט פון דער ווינטערדיקער לופט, וואלט ער שוין לאנג אנידערגעפאלן. עס חלש'ט זיך אים באמת אנידערפאלן אין שניי, איינטוליען דעם שוואכן קאפ אונטער א ווארעמער פליגל פון א גאנז, כדי ניט צו זען מער די מורא'דיקע שאקלענישן פון לולבים־העלזער, די רויטע שנאבלען, די צעווארפענע רויטע פלעקן איבערן אויסגעשנייטן הויף.

ב

פונדעסטוועגן איז דאסמאל, ווי־ניט־איז, גלאטיק אפגעלאפן. זוסקע איז אפגעקומען מיט קאפ־ווייטיק און מיט אן אומרואיקן שלאף אין משך

פון עטלעכע טעג. אינגיכן איז אים אבער אויסגעקומען איבערצולעבן א טיפערע דערשיטערונג הינטער די יאטקעס. אין איין קאלטן פארמיטאג איז אנגעקומען אבראשע דער קצב מיט א בלוי־רויטן פנים. מיט א ריח פון יאטקע־קלאץ און מיט א קול פון א פוסטער פאס ארויס — געבעטן הירשל דעם מלמד ער זאל אים „אנטלייען״ דעם איידעם. נאר אויף איין ווייל׳עטשקע „אנטלייען״... ער, אבראשע, האט אקארשט איינגעהאנדלט אין מארק א יונגן „קאזיאל״. היינט גיי שלעפ א קאזיאל אין אזא פראסט צו עליע דעם שוחט אין קוילער־שטיבל, ווייט הינטער דער שטאט! וויל ער דאס מאכן בקיצור. א טאקס־צעטל האט ער שוין ארויסגענומען. אט האלט ער אים אין האנט. אים פעלט נאר א שוחט אפצושעכטן דעם צאפ הינטער די יאטקעס... „איז אנטלייט מיר, מאכט ער, ר׳ הירשל, אייער איידעם! א פאר קאפיקעס וועט ער קריגן און דעם לונג־און־לעבער אויך...״

און הירשל האט דעם איידעם זיינעם „אנטליען״. די שוויגער האט צוגע־האלפן און דאס ווייב אויך. און זוסקע איז אוועק מיטן קצב.

הינטער די יאטקעס, אויפן צעגאנגענעם שניי, צווישן פארווילדעוועטע גאסן־הינט, האט אבראשע גראב־געפענטעט דעם געזונטן יאריקן צאפ. אלע פיר פיסלעך צוזאמען האט ער אים געבונדן, אזוי אז דער צאפ איז אליין אנידערגעפאלן אויפן רוקן. און זוסקע האט נאכאמאל א פרואוו געטאן דעם חלף אויפן ארבל. ס׳איז געווען דער מיטעלער חלף, וועלכער איז באשטימט פאר „בהמה דקה*). זינט זוסקע האט דעם חלף באקומען אין דרשה־געשאנק האט ער נאך מיט אים ניט געשאכטן.

מיט ביסטרע אויגן האט דער צאפ געקוקט אויף די צוויי משונה׳דיקע מענטשן וואס פאדיען דא ארום אים ארום. איינער — א גראבער און א רויטער, דער צווייטער — א דארער און א בלאסער. נאר קיין גוטס, ווייזט אויס, וועט פון זיי בײדן ניט ארויס... מילא, אויב שפילן זיך, טא זאל זיין געשפילט. אבער צוליב וואס פענטען אלע פיר פיסלעך?... „מע־מעע!״ האט ער זיך געווארפן און די רעשטלעך שניי האבן געטייעט אונטער זיין הייסן ווייס־האריקן גוף.

אבראשע דער קצב האט שוין אליין דערזען, אז דער שוחט איז א חלוש און אז אינגאנצן קען מען זיך אויף אים ניט פארלאזן. האט ער זיך מיט איין פארשמאלצעוועטער האמעטנער קני ארופגעלאזט איבער די פיר גע־בונדענע קאפיטקעס, צוגעדריקט זיי צו דער ברודנע־שנייאיקער ערד; און מיט איין רויטער, געזונטער האנט אנגעכאפט די יונגע ניט־אויסגעוואק־סענע הערנער. ערשט דא האט זיך דער צאפ דערשראקן אויף אן אמת. האט ער אויסגעלופעט בײדע גרינלעכע ציגענע אויגן, מיט די לאנגע שפעלט־לעד־שווארצאפלען, און ארויס מיט א הארצרייסנדן „מע־מע״... נאר דער ציגענער גוואלד האט זיך גלייך אפגעהאקט, ווארים אבראשע דער קצב

*) קליינע בהמות.

האָט אים ברוטאַל פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אין אַ פאַרקערטער זייט פון די געפּענטעטע פיסלעך. אַיין האָרן — ווי אַ טשוואָק אַריינגעשטאָכן אין דער נאַסער ערד. דער ווייסער האַריקער האַלז האָט זיך אָנגעצויגן ווי אַ קרומע סטרונע. נאָר דער גאָרגל האָט זיך שוואַך באַוועגט אונטערן פעל.

זוסקע דער שוחט האָט זיך אויך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. אין דער רעכטער האַנט דער חלף — האָט ער מיט דער לינקער אָנגעקילטער האַנט געוואָלט אָנטאַפּן דעם ריכטיקן אָרט. צווישן וישט*) און גאָמבע. נאָר די וואָרעמקייט פון דער לעבעדיקער ווייכער פעל האָט אים געטראָפן ווי אַ בליץ. דאָס טיפע קלאַפּן פון די הייסע אָדערן און ציגנע האַרץ האָט אים דורכגענומען דורך און דורך. פונקט אַזוי קלאַפּט דאָס האַרץ ביי אים אַליין, ביי זוסקען, ווען ער איז דערשראָקן אָדער אויפגערעגט. ביזקל סאַמע האַלז קלאַפּט דאַמאָלסט דאָס האַרץ... „וואָס גיי איך דאָ טאָן?" האָט אים דורכגעשווינדלט אַ צעשראָקענער געדאַנקעלע. אַ רחמנות, וואָס גרעניצט זיך מיט ליידנשאַפט, האָט אים אָנגעכאַפּט: ניט קוילענען נאָר צופאַלן מיט ציטערדיקע ליפּן צום וואָרעמען אָנגעצויגענעם האַלז... נאָר די בולטע, מיט בלוט און פעטס פאַרלאָפענע, אויגן פונם קצב האָבן אים אָפּגעשטעלט. זיי האָבן אויף אים געקוקט מיט געפּרעסטן צאָרן. אַט־אַט שיסט ער אויס: העז, אַ מעשה! ער, אַבראַשע, שטרענגט אָן אַלע כוחות ניט צו דערלאָזן דעם צאַפּ רירן זיך, און דער יאָלד מאַכט גאָר מלאכות.

נאָר איין רגע׳לע האָט ער דעם שוחט׳ל געמאָסטן מיט די בלוטיקע אויגן און דער כעס האָט ברומיק אַרויסגעשאָסן:

— קוילע שוין! דו!...

מעכאַניש, ווי ניט מיטן אייגענעם, נאָר מיטן קצב׳ס ווילן, האָט זוסקע געכאַפּט און אַ פידל־געטאָן מיטן בלויען חלף איבערן ווייסן האַלז. אַהער און אַהין, אַביסעלע צו־גיך, צו־דערשראָקן.

אַ מאָדנער טאָן האָט זיך אַרויסגעריסן פונם צאַפּ׳ס נאָזלעכער. עפּעס ווי ער וואָלט זיך אַ וואָרג־געטאָן מיט אַ צו־גרויסן ביסן. אַבראַשע דער קצב איז אויפגעשפּרונגען. אָבער זוסקע האָט קיין כוח ניט געהאַט צו טאָן דאָס זעלבע. כדי דאָס בלוט זאָל אים ניט באַשפּריצן, האָט ער נאָר אַ פּויזע־געטאָן אַ זייט מיטן בלוטיקן חלף אין האַנט, און ערשט דאָ האָט ער זיך אויפגעשטעלט אַ דערשיטערטער, אַ טויט־בלאַסער. די דאָזיקע לעקישעוואַטע באַוועגונג און צעטומלטקייט האָט דעם קצב צעקיצלט, אַקאָרשט אין כעס איז ער אַרויס מיט אַ גרויס געלעכטער:

— אַה־אַה־אַה!... ביסט שוין איינמאָל אַ בריה, וואָס?

נאָר זוסקען האָט דאָס ניט געאַרט. דאָס וואָס זיינע אויסגעשטאַרטע אויגן האָבן דערזען האָט ער דערנאָך אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט פאַרגעסן.

*) גאָרגל.

פון אַן אָפענער וואונד, אונטער דער ווייסער האַריקער מאַרדע, אַזוי גרויס ווי אַ צווייטער ציגענער מויל, נאָר אַ סך אַ סך רויטער, האָט געשאָסן, אַן אַנדערטהאַלבן איילן אינדערהויך, אַ פונצענער פאָנטאַנדל. די זינדיקע ערד אַליין, הינטער די יאַטקעס, האָט דאַכט זיך אויפגעעפנט אַ פּיסק און געשפּייט אין הימל אַריין מיט בלוט. אָבער באַלד איז דער פאָנטאַן נידעריקער געוואָרן, אויסגעגאַנגען. דערפילנדיק מיט זיין בהמה'שן חוש, אַז דאָס לעבן אַנטלויפט פון אים דורך אַזאַ גרויסער וואונד, האָט דער צאַפּ, מיט די לעצטע כוחות צוזאַמענגעדריקט זיין געשאָכטענעם האַלז, אַראָפּבייגנדיק די מאַרדע און הערנער צום ברוסט. געמאַכט אַ „גאַידער"... דערשטיקט דעם פאָנטאַן. די דאָזיקע ציגענע איינגעשפּאַרטקייט איז אים אָבער געלונגען נאָר איין רגע. די שרעק פון טויט און דער ווייטיק זיינען געווען שטאַרקער. און באַלד האָט דער צאַפּ צוריק אָפּגעלאָזן דעם געשאָכטענעם האַלז, דעם באַטויבטן קאָפּ פאַרוואָרפן און דאָס בלוט האָט זיך ווידער אַ רים געטאָן פון אָפענעם וואונד, דאַסמאָל ווי אַ נידעריקע געקרויזלטע כוואַליע, ווי רויטער שוים פון אַן איבערגעקאָכטן טאָפּ. און אַ פאַרצווייפלטער „מע-ע-ע" האָט זיך צעטראָגן הינטער די יאַטקעס. עס האָט זיך אָנגעהערט ווי אַ געצוויגענער „פּבע-ע" פון שפּל'דיקייט און פון טויט-נודנאָטע. די צעקרימטע ציגענע ליפּן און נעזלעך האָבן באמת אויסגעדריקט פּריקרעקייט, ווי ביי איינעם וואָס האָט איינגענומען ריצנאייל און שלוקערצט דאָס אָפּ צוריק...

דערשמעקט דאָס פרישע בלוט, האָבן זיך די פאַרווילדעוועטע יאַטקעהינט צעוואָיעט, אָנגעבערשטלט די ברודיקע האָר פון די פלאַכע שטערנס, און קריכעריש, ווי די בעטלער, גענומען פויזן צום פאַרגאָסן בלוט. אָבער דער קצב האָט זיי אָבער אָפּגעטריבן: „וואָז, קרעציקע!"... און די הינט האָבן, מיט אַראָפּגעלאָזטע עקן, גערוקט זיך אויף צוריק. אַ שפּאַן פאַראויס, אַ שפּאַן צוריק. די הינטישע אויגן, ווי די נאָדלען צו אַ מאַגנעט, געווענדט צום רויטן צעגאָסענעם פלעק; און די פוסטע בייכער זייערע שאָקלען זיך פון אַן איינגעהאַלטענעם וואָיען און בילן... אַ מאָוים'דיק בילן, ווי אַ רוח אין קוימען. אַזוי האָבן זיי אַרויסבאַגלייט די נשמה פון דעם געשאָכטענעם צאַפּ.

משמעות דער גוסס'ער צאַפּ האָט דערפילט, אַז מיט עקשנות וועט ער שוין גאָרנישט אויפטאָן, אַז ס'איז דער סוף, ניטאָ מער וואָס צו שאַנעווען זיך, ניטאָ וואָס צו שעמען זיך! ווארים ער האָט, געבונדענערהייט, גענומען וואַרפן זיך און מאַכן קאָזשעלקעס. דער גרעסטער קאָמעדיאַנט וואָלט געקענט מקנא זיין. ניט געזשאַלעוועט דאָס לעצטע ביסל כוחות און די זייטן אויך ניט. ליאַפּ-ליאַפּ אין צעגאַנגענעם שנייַ פון זייט צו זייט. קאָפּ אַראָפּ און רוקן אַרויף און פאַרקערט. דער ציגענער קול איז שוין מער קיין קול ניט געווען, נאָר אַן אָפּגעפּאַרענער כריפּען פון יענעם זייט לעבן. ווי אַ טויט-קראַנקער חזן, להבדיל, וואָס פרוּווט זיין „כלי" פאַרן טויט:

„מהע־ע!" עס גייט ניט. „מהי־י!" עס גייט ניט. אפשר „קהע־ע?" עס גייט אויך ניט...

און אבראַשע דער קצב שטייט נאָך דערביי אויף זיינע האַמעטנע שטי־וואַלעס, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און ווינקט־אונטער, צום צעשראָ־קענעם שוחט'ל, מיט איין פאַרשוואומענ אייגל:

— העז, ווי דאָס וויל ניט פגר'ן!... וואָס זאָגסטו, אַה?

ג

זוסקע איז אַ ווײַלע געשטאַנען, דער דאַרער קאָפּ האָט זיך אים שוואַך געשאָקלט, לויטן קלאַפּן פון זיין איבערגעשראָקן האַרץ. און פּלוצלינג, ניט־אָפּווישנדיק אפילו דעם חלף, האָט ער אים אַ וואָרף געטאָן אין שניי אַריין און אַנטלאָפן. ווי אַזוי ער איז געקומען אהיים, געדענקט ער ניט. ער גע־דענקט נאָר, אַז אין שטוב האָט ער געטראָפן דאַבען זיין ווייב, ווי זי זיצט אין בעט און גיט זויגן דעם קינד. איז ער צוגעלאָפן מיטן קאָפּ צו איר וואַרעמען שויס, מיט דאַרע הענט אַרומגענומען אירע דיקע קני, עפּעס גאָר־ניט ווי אַ שוחט, נאָר ווי אַן אומגליקלעכער העלד פון אַ מעשה־ביכל. אפשר גאָר ווי אַן אָפּגעשמיסענער פאַרזינדיקטער יינגל, וואָס האָט מורא פאַר נייע שמיץ...

— דאַבע — האָט ער זיך צעכליפּעט — דו הערסט, דאַבע? איך קען ניט מער. איך קען מער ניט שעכטן...

אָבער דאַבע, זיין גראָבלעפּצנדיקע אשת־חיל, האָט אים ניט פאַרשטאַנען. זי האָט פּראַקטיש אַ קוק געטאָן אויף דער זאַך, זי האָט אים קוים־קוים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און באַרואיקט אים אויף איר שטייגער:

— זע נאָר, זע נאָר! וואָס מאַכסטו אַזאַ ווען פון אַ צאַפּ? אַ שיינע ריינע כפרה!... וואו האָסטו געלאָזן דעם חלף? און וואו איז שחיטה־געלט? דעם לונג און לעבער האָט דאָך דער קצב אויך צוגעזאָגט...

מיט פאַראַכטונג איז זוסקע אָפּגעטראָטן פון זיין דיקער ווייב און האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּקע. ער האָט זיך אויסגעדרייט צום וואַנט און געקרעכצט:

—איך קאָן ניט מער. טוט וואָס איר ווילט. בעסער וועל איך מיך אַליין שעכטן.

אַזעלכע דיבורים האָבן שוין אַנגעשראָקן. האָט אים דאַבע געפּרואווט צולייגן אַ נאַסן האַנטוך צום קאָפּ. נאָר זוסקע האָט זי מער ניט צוגעלאָזן צו זיך. האָט זי גערופן צוהילף דעם טאַטן. איז דער שווער צוגעטראָטן צו זוסקען מיט שטרענגע זיסלעכע רייד און מיט פּסוקים: סטייטש! היתכן? ווי שעמט זיך דאָס ניט אַ בן־תורה צו מאַכן אַזעלכע סקאַנדאַלן? ווייסט

ער דען ניט צוליב וואָס הינער און קעלבער זיינען באַשאַפן געוואָרן? סוף בהמה לשחיטה*). מיט אַ ברכה וואָס מען מאַכט איבער איר פליש איז מען מתקן איר נשמה. וואָס דאַרף אַן עוף צי אַ צאַפ בעסער? זיי זיינען אפשר גאָר צופרידן דערפון. עפּעס גרעסערע גליקן אויף דער וועלט האָט אַ נאַרישע ציג? עסן גראָז און פּאַבריקעווען איז אפשר מער תכלית?...

אַזוי און אַזוי האָט אים דער שווער גע'מוסר'ט, געשעמט אים, געשטאַרקט זיין הארץ. נאָר זוסקע איז פון אַזעלכע קלוגע רייד אַ האָר ניט געשטאַרקט געוואָרן. ער האָט אפילו ניט געענטפערט. אַ גאַנצינקן טאָג איז ער אָפּגעלעגן אויף דער קאַנאַפּקע. צום לונג־און־לעבער וואָס אַבראַשע דער קצב האָט געבראַכט — ניט געוואָלט צורירן זיך. דעם אָפּגעבראַכטן חלף ניט גע־וואָלט אָנקוקען. האָט זיך שוין ר׳ הירשל דער מלמד אַליין מטריח געווען, אָפּגעווישט און אַריינגעלייגט אין שייד.

— איז וואָס וועט זיין? — איז צו אים דאָבע זיין ווייב צוגעשטאַנען.

— גאָרנישט. — האָט זוסקע שוואַך אָפּגעענטפערט.

האָט הירשל דער מלמד געקראָגן פּחד, אַז ער וועט מיט זיין שלים'מזל־דיקן איידעמל גאָרנישט מאַכן, אַז ער וועט אים מוזן זוכן אַ נייע פּרנסה און ווייטער האַלטן אויף קעסט. און דאָ דערגייט אים ציפּע זיין ווייב די יאָרן: ניטאָ, זאָגט זי, אַזוי אויך וואו אַ קער צו טאָן זיך מיטן „חדר" און מיטן ברויט־באַקן...

איז הירשל דער מלמד צו מאָרגן פאַרנאַכט אַוועק צו עליע דעם שוחט. געלאָזן דעם „חדר" אונטער ציפּע'ס השגחה און אַוועק מנחה דאַווענען אין ליובאַוויטשער בית־מדרש. און צווישן מנחה און מעריב מיישב געווען זיך מיטן אַלטן שוחט וואָס צו טאָן מיט זיין איידעמל דעם חלוש, וואָס פאַר־מאָגט אַליין ניט קיין טראָפּן בלוט און קאָן קיין טראָפּן בלוט ניט פאַרגינען.

— עט... — מאַכט עליע דער שוחט, נעמט אַרויס זיין קאָרענע פּושקעלע טאַבאַק און קוקט אַז ר׳ הירשלען מיט קלוג אויסגעלופּעטע אויגן. — אַלע יונגע שוחטים זיינען אַזוי...

— וואָס־זשע, ר׳ עליע, טוט מען מיט אים? איך האָב שוין מער קיין כוח ניט. מיין ציפּע פאַרקלאָגט מיר דעם קאָפּ, מיין טאָכטער וויינט...

שטאָפּט זיך ר׳ עליע דער שוחט אַז ביידע נאָזלעכער מיט טאַבאַק און פּסק'ענט אַזוי:

— מ'דאַרף אים נעמען ראַפּטום!

— וואָס הייסט — ראַפּטום?

— ראַפּטום וואָס הייסט?... — פרעגט איבער ר׳ עליע מיט פאַרגאַסענע אויגן — מען האָט מיט אים געמאַכט צופיל חכמות מיט אייער איידעם.

*) דער סוף פון אַ בהמה איז צו שעכטן זי.

אנגעהויבן מיט קליינע עופות, איבערגעגאנגען צו גענז און צו בהמה דקה*). צופיל געצויגן. געדארפט שוין לאנג אנהייבן מיט א „גסה"**), טאקע דער־פאר, וואס ער איז אזא „רך לב"***)... דעריבער זאג איך — ראפּטום! דוקא אין קוילער־שטיבל מחוץ־לעיר*) און דוקא אן אקס פון בראי, צי א גוטע קוה: נעם, יונגערמאן, און שעכט, און מאך ניט קיין מלאכות!...

צעפירט הירשל דער מלמד שעמעוודיק מיט ביידע הענט:

— אויף וויפל דער שכל טראגט מיר, איז די טבע פון יעדער מלאכה אזוי צו זאגן — „מן הקל אל הכבד", מען הייבט אן מיט א לייכטערער זאך און מען גייט אריבער צו א שווערערער. אט, למשל, איך אליין אלס א מלמד. צום אנהייב קמץ־אלף־א, דערנאך עברי, דערנאך חומש, דערנאך —

— עט — שלאגט אים איבער ר' עליע — וואס פאר א פארגלייכעניש? ס'איז די זעלבע מלאכה נאר א גרעסערער חלף. ווער האלט דעם אקס? דער שוחט האלט אים? קצבים־יונגען האלטן אים. אלא וואס דען? ס'איז ווי אפ'טובל'ען זיך... משל למה הדבר דומה? — רעדט ווייטער עליע דער שוחט מיט גרויס חכמה — ס'איז ווי גיין טובל זיין זיך אין מקוה גאנץ פרי. די באד איז נאך ניט געהייצט. גלוסט זיך ניט. נאר די מצוה איז שטארקער און כדי גובר־זיין די קעלט, דארף מען זיך אפ'טובל'ען „ראפּטום". ווארים טאמער וועט איר זיך נעמען טובל־זיין ביסלעכווייז, א טובל א קני, א טובל א האנט, ווי גאר יונגע חסידים טוען, וועט איר כאפּן א קאטער, אדער אן ערגערע פארקילעכץ; און מ'עט אייך נאך דארפן שטעלן געהאקטע באנ־קעס. עס ליגט שוין אזוי אין דער טבע פון דער זאך...

*) קליינע בהמה.
**) א גרויסע בהמה.
***) ווייכהארציקער.
*) הינטער דער שטאט.

מען נעמט אים ראַפּטום...

א

מען האָט זוסקען דעם שוחט ווי־ניט־איז איינגערעדט ער זאָל גיין אין קוילער־שטיבל. מען האָט געשטאַרקט זיין שוואַך האַרץ מיט קלוגע רייד און מיט זיסער ציקאַריע... און דאַנערשטיק ראַנעטשקע, ווען מען קוילעט אויף שבת, האָט ער אַנגעצויגן זיין אַלטן פּעלצל, פון פאַר דער חתונה, און מיטן גרויסן חלף אין שייד — אַוועקגעלאָזן זיך הינטער דער שטאָט. דורך אַ פּראַסטיקן נעפּל איז ער געגאַנגען מיט ניט־זיכערע טריטעלעך. דער קאָפּ — שווער, האַלב פאַרשלאָפן, און די אויגן־הייטלעך האָבן געברענט.

אין קוילער־שטיבל, ביי אַ נאַכט־לעמפּל, אינם זיסלעכן געשטאַנק פון בלוט, האָט זוסקע אָנגעטראָפן ר׳ עליען דעם שוחט, וועלכער האָט אים באַגעגנט מיט אַ ברייטן גוט־מאָרגן. און אַבראַשען דעם קצב האָט ער דאָרטן אויך געטראָפן אַז אַרומגעגאַרטלטן, אַ הויך באַשטיוולטן, אַן אַנגעגליטן פון פראָסט. עס האָט זוסקען גלייך אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן. די קני זיינען שוואַך געוואָרן. דער געקוילעטער צאַפּ איז אויפגעשוואומען פאַר די אויגן... נאָר דער קצב האָט אים לאַנג ניט געלאָזן טראַכטן. ער האָט אים באַטויבט מיט זיין הויכן קול, ווי מיט אַ פויק:

— אַה!... ברוך־הבא! ר׳ הירשל׳ס איידעם? אַ טריאַטער, ווי איך בין אַ ייד. געקוילעט מיין „קאַזיאָל" און געמאַכט אַ ויברח...

— נו־נו־נו! — האָט ר׳ עליע אַ וואונק געטאָן צום קצב.

נאָר דער קצב׳יש־אַפּלאַכערישער קבלת־פנים האָט גראָד געהאַט אַ גוטע פעולה. ער האָט צערייצט זוסקע׳ס האַנאָר; און ער האָט באַשלאָסן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַנצונעמען זיך מיט כוח און דערווייזן דעם גראָבן־יונג, אַז ער איז אַ שוחט ווי עס געהער צו זיין.

שווערע טריט פון קלאָען האָבן זיך דערהערט און אַ בהמה׳שער סאָפּען פול מיט פאַרדאַכט. פונם ברויז, ביים פריץ אין „הויפל", האָבן קצבים־יונגען געטריבן אַ שוואַרץ־ווייס געפלעקטן אָקס. גוט אָפּגעקאָרמעט איז דער אָקס געווען. זיינע הערנער שפּיציק און ווייט צענומען. אַן אמת׳ער „הונגאַר", פון דער אונגאַרישער פּאָרדע. זיינע ווייסע פלעקן האָבן ווייך גע־

לויכטן ווי מאַטאַווער סאַמעט, און די שוואַרצע — געגלאַנצט ווי אַטלאַס. די געזונטע פלייצן זיינע געזעסן ווי געקאָוועטע פּאַנצערס איבער די פאַר־דערשטע ליטקעס און איבערן דיקן האַלז. און דער „גאַידער", אונטער דער פּיר־עקיקער מאָרדע, איז אַראָפּגעהאַנגען ווי אַ פאַליבאַם פון סאַמעט — זאַפּאַס פאַר פלייצן וואָס קענען נאָך צוקומען.

איבער אַ האַלבן ווינטער איז ער געשטאַנען אויף בראַנפעז־בראַי. דער־פאַר זיינען זיינע אויגן געווען פאַרלאָפן מיט אַ רויכל פון שטענדיקער שיכרות און איבערגעזעטיקטקייט, און פאַרגלייזט זיינען זיי געווען פון באַ־גינען־שיין. גרויס ווי עוג־מלך־הבשן און מיט אַ גראָבער שטריק אַרום די הער־נער, האָט ער, טעמפּ און אונטערטעניק, געלאָזן זיך פירן פון צוויי קצבים־יונ־גען אויפן שטעגעלע צום קוילער־שטיבל. אַ דריטער קצב־יונג האָט אונטערגע־נוקעט פון הינטן און געפּאַכעט מיט אַ קורצן בייטש. דריי קאַרליקעס אַרום אַ ריז... און פונדעסטוועגן האָט דער ריז געשטעלט פיס און מיט בהמה'שער הכנעה צוגעשאָקלט מיט דעם גרויסן באַהאָרנטן קאָפּ: „יאָ, יאָ, יאָ!..." ס'הייסט: אַלץ וואָס די צוויי־פיסיקע טוען מיט אַזאַ בהמה ווי איך — איז מסתמא גוט און פיין. גוט און פיין.

אָבער ניט־דערגייענדיק אַ וועלכע דרייסיק טריט צום קוילער־שטיבל, האָט זיך דער שוואַרץ־ווייסער ריז פּלוצלינג אַ שטעל געגעבן. ער האָט גענומען דרייען מיטן רעכטן שוואַרצן אויער, דערנאָך — מיטן לינקן ווייסן. ער האָט גענומען ציען די קאַלטע לופט מיט זיינע ברייטע פּייכטע נאָז־לעכער, ביז ער האָט אַריינגעצויגן דעם פאַדעם שליים וואָס איז אים געווען אַראָפּ־געהאַנגען. ער האָט קורץ און דערשראָקן אַ טרובע געטאָן פון בויך אַרויס און געמאַכט אַ באַוועגונג אויסצודרייען זיך.

די קצבים־יונגען האָבן אָבער ניט דערלאָזן. מיטן האַרט־פאַרקניפּלטן עק פון שטריק האָט אים איינער פון די קצבים־יונגען אַ שינד געגעבן אי־בערן האַלז, ווי מיט די בלייערנע שפּיצן פון אַ קאַזאַצקער נאַהייקע. אַ צווייטער — האָט אים אַ זעץ געטאָן אין אָנגעדראָלענעם בויך מיטן נאָז פון שטיוול, און דער דריטער קצב־יונג, פון הינטן, האָט אים אַ שטאָך געגעבן אין אַ ווייכן אָרט מיטן בייטש־שטעקל, ווייל צו געבן דעם ריכטיקן שמייך האָט אים פאַרפעלט אָרט. און אַלע דריי האָבן זיך אַ נעם געטאָן הוקען און נוקען. אַ קאַלטער רויך אויסגעמישט מיט טויטע קללות האָט אַ זעץ געטאָן ווי שוועבל פון זייערע קצב'ישע מיילער:

— סאַפּע סאַפּע, אין דער ערד מיט די ביינער!

— ער האָט שוין דערשמעקט... נאַ־נאַ!

— פאַרברענט זאָל ער ווערן!...

דער אָקס האָט אויסגעלופּעט ביידע פאַרגאָסענע אויגן פאַר ווייטיק. ער האָט טיף אַ סאַפּע געטאָן, פאַוואָליע אָפּגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר טריטעלעך און ווידער שטיין געבליבן נאָך מער באַטויבט, נאָך מער פאַר'עקשנ'ט ווי

פריער. זיין טעמפּער, פון בראַנפן־בראַי פאַר'שיכור'טער מוח, האָט זיך גע־נומען אויסטשוכען: „האַ? וואָס איז דאָס פאַר אַ ריח? אַ מאָדנער ריח... מאַ־אַ־אַ!" און מיטן ברייטן הינטן — אַ מאַרדעווע געטאָן זיך אויף צוריק, און אַזוי אומגעלומפּערט און האַסטיק, אַז דער דריטער קצב־יונג, מיט דער בייטש אין האַנט, האָט זיך אַ גליטש געטאָן. טופּ־טופּ, אין וואַקלעניש אויף צוריק מיט די געקאָווועטע אַפּצאַסן, און — אומגעפאַלן. מיט אַ מורא'דיקן כעס איז ער אָבער באַלד אויפגעשפּרונגען אויף די ברייט־נאַזיקע שטיוואַ־לעס, און גענומען קאַטעווען די געפלעקטע לעבעדיקע פעל מיט דער קור־צער בייטש:

— אַ, אַ... גע'הרג'עט... אַ בראַנד... אַ מגפה אין דיר!

האָט דערהערט אַבראַשע דער קצב די גראָבע קולות פון קוילער־שטיבל. איז ער אַרויסגעלאָפן צו־הילף מיט אַ דראַנג און אויך געכאַפּט שלאָגן און שטויסן.

ווי מיט אַ דאָרניקן קראַנץ פון שמערצן איז אָצינד דער אָקס אַרומגע־רינגלט געוואָרן. דער קצב שטויסט אין בויך, איין קצב־יונג קאַטעוועט פון הינטן און אַנדערע צוויי יונגען רייסן, מיט אַ גראָבער שטריק, די הערנער פון קאָפּ...

האָט עליע דער שוחט דערהערט דעם טומל, איז ער אויך אַרויסגעלאָפן און שעמעוודיק גענומען מוסר'ן די קצבים, אַז... המ... אַז אָקס איז טאַקע אַן אָקס, נאָר אַ בהמה פאַר דער שחיטה טאָר מען ניט מצער זיין... ס'איז אַ דין אַזאַ. ס'איז אַן עבירה.

נאָר אַבראַשע דער קצב, אַ פאַרשוויצטער און אויפגערעגטער פון אָנ־שטרענגונג, האָט אויפגעעפנט זיין קצב'ישן מויל און חוצפה'דיק אויסגע־לאַכט דעם שוחט'ס מוסר:

— איז ווי־זשע ווילט איר, ר' עליע? פאַר אַ בעקל אפשר אָננעמען אַזאַ תכשיט? פאַר אַן אויער פירן אים אין חדר אַריין?...

און זעצנדיק מיטן דראַנג אין די לעבעדיקע פליישן גענומען שרייען אויף זיינע יונגען:

— נו, נו, נעמט אים, שלעפּט אים! אין אייער טאַטנ'ס טאַטן...

— מאַ־אַ־אַה! — האָט דער אָקס ווידעראַמאָל אַ טרובע געטאָן פון גע־דראַלענעם בויך, און צוריק אַריינגעצויגן די לופט מיט אַ פּייף. דאָס האָט געהייסן:

— מע־ענטשן! וואוהין?... וואוהין שלעפּט איר מיך דאָס?... ס'איז דאָך ניט קיין שטאַל...

די קצבים באַארבעטן דעם עקשנות'דיקן אָקס מיט רויטע צעהיצטע פנים'ער און מיט ווילדע אויגן, און עליע דער שוחט פּאַדיעט אַרום און רעדט צו אים אויף גוייש און מיט גוטן:

— נו־נו־נו! כּאַדי! אַ־אַה!... וואַט־וואַט!...

עס איז ווי־ניט־איז געלונגען אריינצוטרייבן דעם גרויסן הארניקן קאפ אין דער שווארצער לאד פון קוילער־שטיבל. אבער ווי נאר דער ילד האט א שמעק געגעבן דעם זיסלעכן עיפוש, דערזען דאס לעמפעלע אין ווינקל און זוסקע׳ס בלאס־גרינעם פנים׳ל, דעם אויסגעשאטענעם זאמד און די פארדעכטיקע שאטנס — האט ער זיך ווידער איינגעשפארט מיט די פאדערשטע קלאען: ער גייט ניט!... שלאגט אים, הרג׳עט אים — ער גייט ניט. ער האט מורא.

שליים האט גענומען רינען פון פירקאנטיקן מויל און בלוטיקע טרערן זיינען אנגעלאפן אין די גרויסע אויגן. ער האט אראפגעלאזן דעם שטארקן קאפ, ווי ער וואלט געסטראשעט אויפצוהייבן עמיצן אויף די הערנער. דער שטריק אין די הענט פון די קצבים־יונגען פון פארנט האט זיך אנגעצויגן ווי א סטרונע. און, באהאלטנדיק אזוי דעם קאפ צווישן די פאדערשטע איינגעשפארטע פיס, האט ער ארויסגעלאזן א דערשראקענעם לאנגן בריל, וואס איז אלעמען דורכגעגאנגען ווי א פראסט דורכן רוקן. אקסיש־קינדיש האט זיך דאס אנגעהערט:

— מהו־או־או! איך האב מורא...

ב

מיט קצבישער גבורה האט אבראשע איינגעפלאנצט זיין דראנג אין א געפרווירענעם גריבעלע, און מיטן איבערשטן שפיץ אנגעלייגט זיך אויפן אקס פון הינטן. ער האט דערביי צוזאמענגעשפיצט די גאנצע משא פון זיין גוף אויפן ווארצל פון דעם אקס׳ וויידל, צווישןביידע ליטקעס. דער ווייטיק האט געמוזט זיין גרויס, ווארים דער אקס האט אינגאנצן געציטערט מיט אלע זיינע הארטע פליישן, נאר נאכגעגעבן האט ער פארט ניט. דער נאטיר־לעכער בהמה׳שער שרעק איז געווען שטארקער... און מער ווי ביז איבערן האלז איז בשום אופן ניט געלונגען אריינצושטויסן אים אין האלב־פינסטערן קוילער־שטיבל.

— א מ־ג־פ־ה!... — גיט אבראשע א ווארף דעם דראנג מיט גרימצארן און ווישט זיך דעם שוויים — אצינד, חברה, שלאפט ניט!... — גיט ער א ברום צו זיינע יונגען, וואס ציען דעם אקס פאר די הערנער.

ער כאפט ארויס פון די פלודערן א רימענע שטארקע פענטע און גיט זיך א מארדעווע צו דער געפרווירענער ערד מיט רציחה. אין איין רגע זיינען שוין דעם אקס הינטערשטע פיס פארכאפט אין א קונציקער פעטליע, און אזוי שטארק, אז ביידע קלאען זיינען איבערגעקרייציקט ווי א האלב־אפענע שער...

אצינד איז שוין גאר ניט שווער צו מאכן־שטרויכלען די ריזיקע בהמה. און אבראשע דער קצב מאכט טאקע ניט קיין שהיות. מיט איין שטארקן פוס, וואס איז אים באשטיוולט ביז איבערן קני, כאפט ער שלאנגיש ארום די הינטערשטע פיס; מיטן געקאוועטן אפצאס פארטשעפעט ער די גע־פענטעטע קלאען, און טוט א ריס צו זיך און א שטויס מיט די לאפעס פון זיך אוועק... „היט זיך!"... פאספעיעט ער נאך א געשריי צו טאן צו זיינע יונגען און דער איינגעשפארטער גיבור גיט א פאל אויף א זייט. מיטן באהארנטן קאפ אינעווייניק אין קוילער־שטיבל און מיטן גרויסן גוף — דרויסן. א ווייס־שווארץ געפלעקטער בארג פון לעבעדיקע פליישן.

— בום! — האט טעמפ אפגעהילכט צווישן די דינע ווענטלעך פון קוילער־שטיבל.

די פייכטע אויגן ביים געפאלענעם ריז האבן זיך בולט אויסגעגלאצט. די לאנגע בערשטלדיקע צונג האט א לעק געטאן דעם געפרוירענעם אויסגעשא־טענעם זאמד. און א טיפער זיפץ האט זיך ארויסגעריסן פונם אנגעדרא־לענעם בויך און צוריק אריין אין בויך מיט א פייפנדיקן אטעם. ווי איינער זאגט: „אוים!... כ'האב געטאן אלץ, וואס ס'איז מעגלעך, צו בלייבן לעבן... און וואס? גארנישט... די מענטשעלעך זיינען שטארקער..."

און נאך א זיפץ א קירצערער, א פארצווייפלטער:

— בוף... ס'הייסט: מוטשעט ניט. קוילעט!

נאך א פאר קצבים זיינען דערווייל אונטערגעקומען און מיט פאראייניקטע כוחות האט מען זיך פלייסיק א נעם געטאן צום אנידערגעפאלענעם ריז. כדי ער זאל עמיצן ניט מזיק'ן און ניט אנטאן היזקות האט מען אים קודם־כל אויף דאס ניי געבונדן. דהיינו: די הינטערשטע ארומגעשטריקעוועטע קלאען צוזאמענגעפענטעט מיט די פאדערשטע אין איין הויפן. אזוי, אז אין זוסקע'ס צעשראקענע אויגן האט דער אקס באקומען דעם זעלבן נע־בעכדיקן אומבאהאלפענעם אויסזען, ווי דער באק וואס ער האט, דא ניט לאנג, געקוילעט הינטער די יאטקעס. נאר א סך, א סך גרעסער. א הונדערט־פאכיקער געבונדענער באק.

דערנאך האט מען דעם אקס אריינגעשלעפט אויף איין זייט אין טונקעלן קוילער־שטיבל. שפאן נאך שפאן. און מיט האפערדיקע אויסגעשרייען פון נאסקע־טרעגער, וואס שלעפן שווערע משאות. „הא־הא! נאכאמאל!... איטשע, צי אן! רררא! אט־אט־אט!... דווא!..." ביז מען האט אים אזוי ביסלעכווייז געבראכט אויפן ריכטיקן ארט מיטן דיקן האלז אויף דער אנגעגרייטער קופקע זאמד.

אצינד איז דער אקס געווען שטיל, ווי א גרויסער האמעטנער יונג, וועלכן מען וויל דא אפטאן א מעשה, און וויינען קען ער ניט. דער האלז איז פאר־קוועטשט... נאר דער גרויסער בויך הייבט זיך ווי א בלאז־זאק. און צווישן

טויט און לעבן שטייט א נעבל פון שליימיקע טרערן. אבער וואס איז דארטן ה י נ ט ע ר ן נעבל? דארטן...

לאנג טראכטן האט מען דעם אקסענעם מוח ניט געלאזן. צוויי שווערע קצבים־יונגען האבן זיך ארויפגעווארפן אויפן צוזאמענגעפענטעטן בונד פון די פיר קלאען און צוויי — אויפן הינטן. אויסגערעכנט אזוי, אז דער פלייש־בארג זאל האלטן גלייכגעוויכט. אבראשע דער קצב און נאך א גע־הילף האבן אנגעכאפט דעם אקס פאר די הערנער. יעדער מיט ביידע לאפעס פאר איין הארן, און מיט כוח פארדרייט דעם גרויסן פיר־עקיקן קאפ אויף צוריק, אזוי אז דער דיקער האלז איז פונקט געלעגן אויסגעבעט אויף דער צעווארפענער קופקע זאמד און אנגעצויגן זיך ווי א גומי. נאר דער גרויסער גארגל האט נאך שוואך געצוקט אונטער דער פעל.

— נו?... — גיט עליע דער שוחט קורץ א פרעג.

— פארטיק... פארטיק, ר' עליע! — ענטפערן אפ עטלעכע קצב'ישע העלזער אין איין כאר און מיט קייכנדיקע אטעמס.

— נו! — גיט עליע א וואונק צו הירשל'ס איידעמל, און נעמט אן דעם נאפט־לעמפל.

ווי איין הינערפלעט איז זוסקע ארויס פון זיין ווינקעלע, און עליע דער שוחט מיטן לעמפל — הינטער אים. זוסקע'ס שאטן האט זיך דערפון אויס־געצויגן און ווי א גרויסע פלעדערמויז צעפלאטערט זיך איבערן אויסגע־צויגענעם קרבן.

צוגעטראטן איז ער, פונדעסטוועגן, מכלומר'שט זעהר בראבערע, מיטן בלאנקן גרויסן חלף אין האנט. דער פלאם פון לעמפל האט זיך אין חלף פלוצלינג א שפיל געטאן און ס'איז פון אים געווארן געלבער פייער, אז אפגעבראכענער שטיק פון א בליץ; עפעס ניט־ערדיש, אן ממשות, ווי דער שווערד פון מלאך המות אליין. און זוסקע דער שוחט'ל אליין איז אויך אן ממשות... עפעס ווי ניט ער, א צווייטער זוסקע, האט זיך אראפ־געלאזן אויף די שפיציקע קני. אין די באקן האבן זיך אים צעבליט רויטע קדחת־פלעקן, די אויגן־לעפלעך זיינען אנגעלאפן מיט פייער און דאס שוואכע הארץ האט זיך צעפייקלט. א מין משוגענע פרייל עכקייט און אויפ־רעגונג האט אים ארומגעכאפט: „כי־כי! אט וועל איך א י ם טאקע באלד קוילענען...”

נאר דא האט דער אויסגעצויגענער אקס שוואך א פיר געטאן מיט זיין פארגלאצטן, פארגאסענעם קוק איבער זוסקע'ס פנים'ל. מיט אקסענער פאר־אכטונג א פיר געטאן:

— אט דער פאסקודניאק גאר? אט דער לאקש? מיך, אזא ריז?... ער?

געפרואווט א רעווע־טאן אויך, נאר מער ווי א „גור־גור” איז ביי אים פון אנגעצויגענעם און פארדרייטן גארגל ניט ארויס.

זוסקע׳ם משונה׳דיקע פֿרייִלעכקייט איז באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן. זיינע אויגן האָבן גענומען בלאַנדזשען.

אַ צעקנייטשטע האַנט מיט אַ פֿאַרקאַטשעטן צעפּליקטן אַרבל האָט זיך אויסגעצויגן. אַ פֿינגער מיט אַ קאַריאַווען נאָגל האָט אָנגעוויזן דעם אָרט וואו מען דאַרף שעכטן, און עליע דעם שוחט׳ס קול האָט קורצאָטעמדיק באַפֿוילן:

— אַט־דאַ־אַ, נו!

מיט איין צעפֿינגערטער הענטעלע האָט זיך זוסקע אָנגעשפּאַרט אַן דעם גרויסן וואַרעמען האַלז און מיט דער צווייטער — האָט ער, ווי אין חלום, כמעט בלינדערהייט, אַ פֿיר געטאָן דעם גרויסן חלף, פֿון אַ ווייסן פֿלעק אויף דער פֿעל אין אַ שוואַרצן אַריין, און צוריק... ער איז אַריין מיטן חלף ווי אין אַ ווייכער וואַרעמער מאַסע פֿון טייג און געוואונדערט זיך בשעת מעשה וואָס ס׳איז אַזוי לייכט!... פֿאַרכאַפּט פֿון אַט דער פּלוצלינגער נייגעריקייט האָט ער פֿאַרגעסן אָפּרוקן זיך באַצייטנס אַן אַ זייט און איז איין איבעריקע רגע׳לע געבליבן קניען איבערן איבערגעשניטענעם האַלז.

אַ הייסע פֿעטליכע כוואַליע האָט אים אַ זעץ געטאָן צווישן די צעשפּרייטע פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט, און גלייך נאָכדעם האָט דאָס הייס און קלעפּעדיק אַ פֿליוד געטאָן אים אין מאַגערן פּנים. און אַלץ איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן אין אַ רויטער העלישקייט, ווי אין אַן אָפּשיין פֿון אַ נאָענטער שׂרפֿה.

ג

וואָס דערנאָך איז געשען, ווייסט מער ניט זוסקע דער שוחט, הירשל דעם מלמד׳ס איידעם. דאָס ווייסן אַנדערע. מיט אַ פֿאַרבלוטיקטן פּנים, ווי אין אַ משונה׳דיק־רויטער מאַסקע, און מיטן גרויסן חלף אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פֿון קוילער־שטיבל אויף דער פֿרייער לופֿט, געכאַפּט לויפֿן און שרייען מיט אַ באַנומענעם קוויטש:

— געוואַלד, געוואַלד, געוואַלד!

פֿון מויל האָט אים געשלאָגן ראַפּע. די אויגן זיינען אים אינגאַנצן אַרויס פֿון קאָפּ. אַזוי איז ער אין באַגינען־נעבל דערלאָפֿן ביזקל אַנהייב פֿון דער שול־גאַס. און דאָ, דערזעענדיק מענטשן, האָט ער נאָך מער אויסגעלופּעט די מוטנע אויגן, אויפֿגעעפֿנט אַ גרויסן מויל און פֿון האַלז אַרויס צערעוועט זיך מאָוים׳דיק, ווי דער אָקס וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט אין איינגאַנג פֿון קוילער־שטיבל:

— אום־מהו־אר־או!

און צוריק אַריינגעצויגן אין זיך די לופֿט מיט אַ פּייף, אויך אַזוי ווי דער אָקס.

אין אַ רגע אַרום איז שוין זיין שרעק איבערגעגאַנגען אין אַ ווילדער לוסטיקייט. ניט מיר ניט דיר האָט ער פּלוצלינג גענומען דרייען אַ פּאה, ווי אַ למדן בשעת׳ן לערנען, צעשאָקלט זיך און צעזונגען זיך מיט אַ ניגון פון משניות:

— הכל שוחטין... אַלע מעגן קוילענען, אפילו חרש, שוטה וקטן... אפילו אַ טויבער, אַ נאַר און אַ יינגל...

נאָר פאַרענדיקן האָט ער פאַרענדיקט ווי אַן אָקס, וואָס לאָזט זיך ניט אומברענגען:

— מאַ־אַ־הו־או!..

און גלייך גענומען בוקן, מיטן צעשויבערטן קאָפּ, אויף רעכטס און אויף לינקס. דאָס חסיד׳ישע היטעלע האָט זיך אים אַראָפּגעקויקלט, נאָר ער האָט עס ניט אויפגעהויבן.

לכתחילה זיינען אים פונדערווייטנס נאָכגעלאָפן אַ פּאָר חברה׳שע יינג־לעך־מוזיקים פון חברה־יתומים. דער בלאָנקער חלף און דער מיט בלוט אויסגעשמירטער פּנים האָט זיי מורא׳דיק געשראָקן. די נייגעריקייט איז אָבער פאַרט געווען גרעסער... דערנאָך האָבן גענומען שרייען יידן מיט טלית־זעקלעך אונטער די אָרעמס, וועלכע גייען צום ערשטן מנין דאַווענען. זיי האָבן געפּאַכעט מיט די וואַטאָווע אַרבל און געגוואַלדעוועט „אי־אי־אי״ און „זעט־זעט!״ און פון אָרט ניט גערירט זיך... דערנאָך זיינען אָנגע־פאָרן באַלעגאָלעס און מיט פערד און פור גענומען יאָגן זיך נאָך זוסקען. און ס׳איז געווען די ריכטיקע צייט. וואָרים דער משוגענער, מיטן גרויסן חלף, איז געוואָרן געפערליך. פאַר הירשל דעם מלמד׳ס שטוב האָט מען אָבער ניט באַוויזן צו כאַפּן אים.

פאַבריקעוועדיק און בוקנדיק און רעוועדיק איז זוסקע אַריינגעלאָפן צום שווער אין שטוב, איבערגעקערט, לויפנדיק, דער שוויגער׳ס דייזשעס מיט טייג און איז גלייך צוגעלאָפן צו דער וויגעלע פון זיין קינד, און גענומען שאָקלען זיך איבער אים מיטן חלף אין האַנט און מיטן ניגון פון משניות:

— הכל שוחטין... אַלע מעגן קוילענען. אפילו חרש, שוטה וקטן...

און פאַרענדיקט פּלוצלינג זיין שטיקל משניות מיט אַ רעווען פון אַן אָקס:

— מאַ־אַ־הו...

אויף די באַנומענע קולות פון דאָבע זיין ווייב זיינען כראַברע באַלעגאָ־לעס אַנגעלאָפן פון דער גאַס. מיט אַ דיקן בייטש־שטעקל האָט אימיצער אַרויסגעשלאָגן זוסקען דעם חלף פון האַנט. אַ צווייטער האָט אים אונטער־געשטעלט אַ פיסל און אומגעשליידערט אויף דער פּאָדלאָגע. און אַלע אָנ־געלאָפענע און שטוביקע מענטשן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן בינדן אים מיט האַנטיכער. אָבער בינדן אים איז גאָר ניט געווען פון די לייכטע זאַכן. אָט דער צעקראָכענער נפש, אָט דער ישיבה־בחור׳ל מערידאַלניק, וואָס האָט

קיינמאָל אַ קאַץ אַן עק ניט געקענט פאַרבינדן, האָט פּלוצלינג באַקומען אַ מורא׳דיקע גבורה. ער האָט זיך געוואָרפן ווי אַן אַנגעטראָטענע ווילדע קאַץ, ער האָט זיך געגליטשט ווי אַ שלייען, ער האָט געהאַמערט מיט די ביינער־דיקע קולאַקעלעך, ער האָט זיך געדראַפּעט און געביסן...

לסוף האָט מען אים ביינעקומען, און דער משוגענער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַק פון אַנגעפּענטעטע האַנטוכער און צעריסענע אַלטע ליילעכער. נאָר אפילו איינגעבינטעוועט אַזוי, ווי אַ גרויס קינד אין שמאַטעווּיקעלעך, האָט ער זיך נאָך אַלץ געוואָרפן, געקויקלט זיך און געריוועט און פּלוצלינג צעכאַכאַטשעט זיך און גענומען זינגען פון „חד־גדיא״:

— ואתא שוחט ושחט לתורא... איז געקומען דער שוחט און געקוילעט דעם אָקס, וואָס האָט געטרונקען דאָס וואַסער, וואָס האָט געלאָשן דעם פייער... דעם פייער... אַ פייער זאָל אייך אַלעמען נעמען, כאַ־כאַ־כאַ!...

פון אַ גרויסן קופּערנעם טשייניק האָט מען אים גענומען גיסן קאַלטע וואַסער איבערן קאָפּ. פריער אָפּגעשווענקט אים דעם מאַוים׳דיקן, מיט בלוט פאַרפלעקטן פּנים און דערנאָך איבערגעגאַנגען צום מיטן שאַרבן. מען האָט אַזוי לאַנג געגאָסן, ביז זוסקע האָט גענומען שרייען און וויינען, אַז מען זעגט אים דעם מוח מיט אַ זעג. האָט מען אים אָפּגעלאָזן, און דער משוגענער האָט זיך אַביסעלע באַרואיקט.

אָבער ניט אויף לאַנג. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט ווי עס האָט זיך געוואָרפן דער ווייסער באָק, וועלכן ער האָט געשאָכטן הינטער די יאַטקעס. ווי די געשאָכטענע קאַטשקעס ביים שכן האָבן ניט געוואָלט פּגר׳ן און געשריען „קררר־אַ!״ ס׳הייסט, אַז זיי לעבן נאָך, אַז אַלעמען אויף להכעיס וועלן זיי נאָך לעבן... פאַר זיינע צעמישטע אויגן זיינען אַרויסגעשוואומען די גענז וואָס בלאָזן שופר פאַרן טויט און שאָקלען מיט די לאַנגע העלזער ווי מיט לולבים. אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס ער האָט פּאַספּויעט אומצוברענגען, זינט ער איז געוואָרן שוחט, זיינען לעבעדיק געוואָרן אין זיין צעמישטער פאַרשטעלונג, אָפּגעשפּיגלט זיך, שטיקלעכווייז, צעריסן, ווי אין אַ מוטנעם צערודערטן וואַסער, אָפּגעקלונגען פון יענער זייט וועלט אין קראַנקן קאָפּ, געטאַנצט אַ קאַרעהאָד אַרום אים. און כדי פּטור צו ווערן פון אַט די אַלע גלגול׳ס האָט ער געהאַלטן אין איין שרייען און בעטן זיך מ׳זאָל אַוועקנעמען די קאַטשקעס, מ׳זאָל אַוועקנעמען די גענז, מ׳זאָל דעם געקוילעטן באָק פאַרמאַכן דעם אויפגעשניטענעם האַלז, דעם רויטן מויל און־טער דער מאָרדע... מע־ע־ע!...

דער גאַנצער „זאַוואָולעק״ איז שוואַרץ געוואָרן פון מענטשן. פון אַלע אַרומיקע גאַסן און געסקעס איז מען זיך צוזאַמענגעלאָפן אויפן בייז־וואונדער. אויף ביידע גרינע גאַנעקעס, אין איינגאַנג פון „זאַוואָולעק״, איז מען געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ, ווי אויף ענגע גאַלערייעס אין „טריאַטער״. מ׳האָט אַזש איינגעבראָכן די צוימען פון די וויסטע גערטנער אין עק זאַ־

וואולעק... און אַלץ כדי צו כאַפּן אַ קוק, צו דערהערן כאָטש איין געשריי פון הירשל דעם מלמד'ס איידעמל, וועלכער איז פּלוצלינג משוגע געוואָרן און געוואָלט שעכטן זיין אייגענע מיידעלע. לכל הפּחות — דערהערן איין קוויטש פון דאַבען זיין ווייב, וואָס וואַרפט זיך, ווי מען זאָגט, אין ספּאַזמעס; דערזען פאַר דער טיר ווי ציפּע, די שוויגער, רייסט זיך די גרויע האָר פון אונטער איר מעליקן קאָפּ־טיכל...

ניט אַלעמען איז דאָס געלונגען. בפרט אַצינד, ווען הירשל דער מלמד, מיט די „לאָקשן" אין האַנט און מיט די צעטומלטע תלמידים'לעך אַרום זיך, ווי אַ טשערעדע צעשראָקענע שאָף, האָט זיך אַרויסגעריסן פון שטוב און גענומען שרייען און בעטן ראַטונעק:

— האָט רחמנות, נעמט אים אַוועק פון שטוב!... דאַבע וועט אויך אַראָפּ פון זינען...

האָבן גוטע מענטשן אויף הירשל דעם מלמד רחמנות געהאַט און האָבן דעם געבונדענעם איידעם אַרויסגעטראָגן ווי אַ בר־מינן און אַוועקגעשלעפּט צו אַ שכן אין שטוב אַריין, טאַקע צו ר' שמחה'לע דעם סטאָליאַר — אַ גוטער מענטש און אַ קליינע קינדער וואָס זאָלן זיך קענען דערשרעקן... אויף אַ קופּע פון ווייכע סטרוזשקעס האָט מען דאָרטן דעם משוגענעם אַוועקגעלייגט און צוגעלייגט אים אַ נאַסן האַנטוך צום שאַרבן ביז דער דאָקטאָר וועט קומען.

שפּעטער פאַר אַלעמען זיינען אַנגעלאָפן די אמת'ע עדות פון אומגליק, ס'הייסט: די קצבים־יונגען פון וויטן קוילער־שטיבל מיט אַבראַשע דעם קצב און מיט עליע דעם שוחט בראש. עליע דער שוחט — אַ בלאָסער, אַ דערציטערטער, מיט אַן אויסגעטריקנטן האַלז, האָט זיך גלייך גענומען נאָכפרעגן ביי די אַנגעלאָפענע אין זאַוואולעק, וואָס מיט זוסקען, זיין תלמיד, איז געשען. אַ מאָדנע זאַך! דאַכט זיך געמאַכט די ברכה און געשאָכטן ווי אַ מענטש... אינמיטן־דרינען... נאַ־דיר!

אַ ניט־גוטע סצענע האָט זיך דאַמאָלסט אָפּגעשפּילט אינמיטן אַנגעלאָף. הירשל דער מלמד האָט ניט געוואַרט ביז ר' עליע וועט זיך צו אים אַריינלאָזן אין שטוב מיט פאַרעוועטע טרייסט־ווערטער. הירשל דער מלמד איז אים אַרויסגעלאָפן אַקעגן מיט די „לאָקשן" אין האַנט, מיט זיין צעקנייטשטער יאַרמלקעלע אויפן קאָפּ און מיט זיין צעפּאַטלטן בערדל. אַזוי האָט ער זיך דורכגעשטופּט צווישן עולם און גענומען שפּרינגען דעם בכבוד'יקן שוחט אין די אויגן אַריין, ווי אַ ווילד־געוואָרענער קאָטער:

— איר האָט דאָך עפּעס געזאָגט „ראַפּטום", האָט איר דאָך געזאָגט!... וואָס זאָגט איר צו אייער „ראַפּטום"? אַ שיינעם „ראַפּטום" האָט איר מיר געמאַכט...

ר' עליע האָט עפּעס גענומען מאַכן מיט די הענט, געוואָלט, ווייזט אויס, פאַרענטפערן זיך. נאָר ר' הירשל דער מלמד האָט אים דערצו ניט דער־

לאָזן. טענצלענדיק פאַר כעס און אויפרעגונג האָט ער זיך אַצינד געווענדט צום אַנגעלאָפענעם עולם:

— איר הערט דאָך: ראַפּטום" האָט ער געזאָגט... אַזאַ גזלנות! אייער אײדעם, מאַכט ער, איז אַ חלוש. נעמט אים אָקאָרשט „ראַפּטום"... קיין נענז קען ער ניט קוילענען, לאָזט אים קוילען אַן אָקס, וועט ער געהאָלפן ווערן. לאָזט מיך, זאָגט ער, איך וועל אים נעמען „ראַפּטום"... אָט האָט ער אים געמאַכט „ראַפּטום" — אַזאַ רוצח אַ ייד!

אַלע די, וואָס האָבן ניט געוואוסט וואָס ר' עליע דער שוחט האָט אַן עצה געגעבן און וואָס מ'האָט מיט הירשל'ס איידעמל געטאָן, האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם מלמד'ס קאַכיקע און קוויטשענדיקע אויסגעשרייען. גיכער האָבן זיי געמיינט, אַז הירשל איז, פון גרויסע צרות אַראָפּ פון זינען. אַ געמורמל איז אַוועק איבערן גאַנצן אַנגעלאָף, פון איין עק „זאַוואולעק" ביזקל צווייטן.

פון הילצערנעם איינגעטשוועקעוועטן בענקל, אויף קיווע דעם לעקעב־מאַכער'ס גאַנעק, האָט דער אַכט־יאָריקער משה'קע נייגעריק געשלונגען אַלע סצענעס אַרום הירשל'ס הויז און דעם גאַנצן טומל ביי זיין געוועזענעם רבי'ן... מען קען ניט זאָגן, אַז ער האָט זיך שטאַרק אָפּגעגעסן דאָס האַרץ. פאַרקערט, ס'איז פאַר אים געווען דער שענסטער „טריאַטער". בפרט אַז ער האָט דערזען זיין שטרענגן רבי'ן מיט די „לאָקשן" אין דער ציטערדיקער האַנט, אין זיין טיפסטער געפאַלנקייט... און אָט דער זעלבער יידל האָט גע־האָט די העזה אַרויסטרייבן אים פון חדר!... דאָס וואָרט „ראַפּטום", וואָס ר' הירשל האָט געשריען און אַריבערגעשריען דעם גאַנצן טומל, איז משה'קען גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט גלייך גענומען שפּרינגען אויפן בענקל, פונקט אַזוי ווי הירשל דער מלמד עליע'ן דעם שוחט אין די אויגן. ער האָט דאָס אפילו געמאַכט בעסער ווי ר' הירשל. די פאַרבאָרגענע שנאה, וואָס ער האָט געטראָגן אויף הירשלען און אויף הירשל'ס תלמידים'־לעך, האָט ער אויסגעגאָסן אַצינד אין שקאָצעוואַטע אויסגעשרייען:

— איר האָט דאָך געזאָגט „ראַפּטום", האָט איר געזאָגט! אײ־אײ „ראַפּ־טום"! געמאַכט מיר אַ שיינעם „ראַפּטום"!

אָבער דער גרויסער טומל האָט אַצינד פאַרשלונגען זיין קינדערשע נקמה אין הירשלען, זיין קונציקן נאָכמאַכן דעם געוועזענעם רבי'ן אין זיין אומ־גליק.

דערפאַר, צומאָרגנס, ווען משה'קע האָט דערזען זיין געוועזענע רביצין, ציפּען, אַרויסלויפנדיק פון שטוב אַ פאַרוויינטע, אַ פאַרסאָפּעטע און אַן אַ טיכל אויפן קאָפּ, האָט ער געמיינט, אַז אַצינד איז די ריכטיקע צייט איר־בערצוקרימען די נעכטיקע סצענע. געטראַכט און געטאָן. ער האָט זיך צע־טענצלט אויף זיינע פלינקע פיסלעך און גענומען קוויטשען מיט ר' הירשל'ס הייזעריקן קול'כל:

— ראַפּטום״ האָט איר דאָך געזאָגט! אַט האָט איר „ראַפּטום״! וואו איז עפּעס אייער „ראַפּטום״?

ציפּע די רביצין האָט אויף אים אַנגעשטעלט אירע ווילדע אויגן. די ערשטע רגע האָט זי ניט פאַרשטאַנען וואָס קיווע׳ם האַדולניק וויל דאָ פון איר. נאָר באַלד האָט זי אויסגעשטשירעט די ציין פאַר כעס, אָנגעכאַפּט משה׳קען פאַר אַ הענטל און גענומען טרייסלען אים און שרייען מיט באַנומענע קולות:

— הירשל, קום אַרויס! הירשל — דער ממזר!...

איר צו הילף איז אַרויסגעלאָפן דער געוועזענער רבי מיט די „לאָקשן״ און גענומען שמייסן ווי אַן אייגענעם תלמיד:

— נאַ דיר „ראַפּטום״! אַט האָסטו „ראַפּטום״!...

אויף משה׳קעס יללות זיינען אַרויסגעלאָפן שצערע און קיווע צו ראַטעווען זייער האַדולניק. און אַ ניט־שיינע קריגעריי, אַמאָל אין אַ נאָווינע, האָט אויסגעבראָכן אינמיטן זאַוואָלעק צווישן די פאַרביסענע שכנים. קיווע און שצערע האָבן געשריען: „אייער משוגענעם אידעם שלאָגט בעסער!...״ און ציפּע און ר׳ הירשל ענטפערן: „אייער ממזר נעמט אַוועק! איר הערט? אייער ממזר!...״

משה׳קע האָט דערווייל־וואָס געכאַפּט די פיסלעך אויף די פּלייצעס, אַנטלאָפן פון טומל און באַהאַלטן זיך אין אַ ווינקעלע ביי קיווע דעם לעקעב־מאַכער אין שטוב. אַ סך מער ווי פאַר די „לאָקשן״ האָט ער זיך דערשראָקן פאַרן מיאוס׳ן וואָרט... דער רבי אַליין האָט דאָס אים נאָכגעשריען. אַ ייִד מיט אַ באָרד. ווי, ווי! אַצינד איז עק וועלט. ס׳איז טאַקע אַן אמת. און ס׳איז אַ סך מיאוס׳ער ווי „משוגענער אידעם״, ווי „ראַפּטום״... אַ סך, אַ סך מיאוס׳ער!

דער זינגענדיקער סטאָליאַר

א

נאָכן פּסק, וואָס משה'לע האָט געכאַפּט פאַר שפּרינגען דער געוועזענער רביצין אין די אויגן, האָט זיך דאָס זידל־וואָרט „ממזר" נאָך טיפער איינגעגעסן אין אים, ווי זשאַווער אַריין אין זיינע יונגינקע ביינער. אין „זאַוואולעק" איז ער נאָך פאַראיינזאַמטער און עלנדער געוואָרן. די יינגלעך פון הירשל'ס חדר האָבן זיך נאָך מער דערווייטערט פון אים. וואָרים הירשל דער מלמד האָט זיי אָנגעזאָגט, מ'זאָל מיטן ממ... ס'הייסט מיטן „בויאַן" און „בעזבאַטשקעוויטש" מער ניט שפּילן; ניט קוקן אפילו אין זיין זייט... האָט מען געפאָלגט. און משה'קע האָט זיך נאָך מער פאַרגראָבן אין זיך אַליין. צוגעהערט זיך שטום צו דעם וואָס אין „זאַוואולעק" קומט פאָר, גענישטערט אין ווינקעלעך, געטרעדט צו שטיין און צו ביין, ווי צו חברים'לעך. צייט האָט ער געהאַט גענוג. קיין נייעם רבי פאַר אים האָט קיינער ניט געפונען. אַ תירוץ: אינמיטן „זמן" נעמט מען קיין תלמידים ניט אָן... און דאָס שטיקל „עברי" אָדער חומש, וואָס קיינער פלעגט מיט אים אַריינכאַפּן צווישן איין לעקעד־טייג און דעם צווייטן, האָט אָפּגענומען זייער ווייניק צייט, ביים היימישן „רבי'ן" אַזוי ווי ביים היימישן תלמיד. די גאַנצע שולד האָט אָבער קיינער אַרויפגעוואָרפן אויף משה'קען:

— האָט אַ טייערן קאָפּ, נאָר ער וויל ניט לערנען...

— וואָס הייסט ער וויל ניט? — שטעלט זיך שצערע איין פאַר איר האָדוליקל — אַז דו פאַרהערסט אים ווייסט ער דאָך?

— ער ווייסט און געדענקט גוט. וואָס אמת איז אמת. איינמאָל פאַרטייטשט אים — איז גענוג.

— נו, אויב אַזוי, איז דאָך גוט...

— ביי דיר איז שוין גוט און ביי מיר ניט. חזר'ן וויל דאָס ניט.

— וויבאַלד ער געדענקט, היינט צוליב וואָס חזר'ן?

— מ'וואָלט דיך געפאָלגט, וואָלטן אַלע יידישע קינדער אַרומגעטריבן חזירים.

קיווע איבערטרייבט ניט. משה'קע נודיעט זיך זעהר שטארק איבער־צו'חזר'ן דאס וואס ער געדענקט. דאס וואס קיווע הייסט אים: זיצן און חזר'ן איינער אליין איז אלץ איינס ווי עסן אן קאמפאניע. אפגעכאפט און פארטיק... דערפאר האט משה'קע אויסגענוצט זיין לידיק־גייןן און זיין קינדערשע נודאטע אויף א צווייטער זאך. אנשטאט צו בלעטערן און ווי־דער־אמאל בלעטערן א טויטן ספר מיט שווארצע אותיות, האט ער נייגע־ריק געבלעטערט דעם לעבעדיקן בוך ארום זיך — דעם גאנצן „זאוואולעק" און זיינע שכנים. ווי א הינטל אן א באלעבאס האט ער זיך קודם־כל פאר־נאדיעט צו ר' שמחה דעם סטאליאר. מיט זיין קינדערש הארץ האט משה'קע דערשפירט, אז שמחה איז א גוטער מענטש. האט ער זיך צו אים געצויגן, ווי א פארטריבענער און דערפרוירענער צו א קהל'שער הרובע.

געוואוינט האט שמחה סטאליאר אין דער דריטער הייזקע, נאך קיווע'ס שטוב, באלד נאך הירשל דעם מלמד. איין קרומער שינדל־דאך האט גע־שיצט פון שניי און רעגן דעם מלמד און דעם סטאליאר, נאר דער איינגאנג איז געווען אן אנדערער.

א צונעמעניש האט שמחה געהאט „דער מגיד". נאר קיין מגיד איז שמחה קיינמאל ניט געווען. ניט ער, ניט דער טאטע זיינער. א סטאליאר בן סטא־ליאר. און „מגיד" האט מען אים א נאמען געגעבן, ווייל ביי דער ארבעט האט ער ליב געהאט צו דרש'ענען, מגידות זאגן. און ניט אזוי פראסט און פשוט, נאר מיט א ניגון און מיט התפעלות. די הענט הובליעווען און דער ניגון גיסט זיך איבערן הובליעבנ. ארויף און אראפ גייט דער ניגון און פילט אן דאס ארעמע שטיבעלע. זיינע שטוביקע און זיינע געהילפן האט ער שוין לאנג דערעסן. דערפאר פלעגט זיך שמחה דער סטאליאר מחיה זיין מיט יעדן נייעם מענטשן, מעג עס געוועזן זיין א ייד וואס קומט בעטן א נדבה, דער וואסערטרעגער וואס פארשטייט יידיש, א יידענע וואס קומט פארריכטן א בענקל, אדער דער אכט־יאריקער משה'לע — קיווע'ס האדולניק.

א שוואכן אבער הארציקן קול'כל האט ר' שמחה געהאט, ווי ביי א חזנ'דל נאך א גרויסן תענית. מיט טרויער איז דער קול געווען אנגעזאפט און מיט טרייסט צו דער גאנצער וועלט. אן ארבעט האט זיך שמחה סטאליאר ניט געזונגען, און אן געזאנג האט זיך ניט געארבעט. צוגערירט זיך צום הובל אדער צו דער זעג, האט זיך דאס אין אים צעזונגען, ווי אן אנגעדרייטער שפיל־קאסטן. געקראגן האט ער אזא געוואוינהייט מיט יארן צוריק, ווען זיינע צוויי יינגלעך, צוויי „קדישים", זיינען געגאנגען פון דער וועלט בשעת א מגפה פון דיפטעריע... געבליבן איז אים אפילו אן עלטערע טאכטער, וועל־כע מ'האט שוין לאנג חתונה געמאכט. נאר קיין גרויסע טרייסט אין אויס־געבן זיין טאכטער האט שמחה סטאליאר ניט געהאט. א קלייניקייט! גיין פון דער וועלט אן א קדיש... דערפון האט זיך גענומען זיין גאנצער טרויער. ווי א טיפער קוואל האט דאס געשלאגן אין אים ביז ס'האט זיך ארויסגע־

שלאַגן אין אַ מגיד׳ישן ניגון; איינמאָל און צווײמאָל און דרײמאָל, ביז ס׳איז בײ אים געוואָרן אַ מין צווייטע טבע צו זינגען און דרש׳ענען צו זײן געצײג בײ דער אַרבעט.

משה׳קע קיווע׳ס האָט אין דעם סטאָליאַר, ווי אַ הינטל, דערשמעקט פּונקט אַזאַ עלנדקייט ווי אין זיך אַליין, נאָר אַ סך גרעסער און שווערער. פּונקט ווי ער, משה׳קע, רעדט צו שטיין און ביין, בשעת ער שפּילט זיך אין טונקעלע ווינקעלעך, פּונקט אַזוי רעדט שמחה צו זײנע כּלים און צו זײן הובעליעכץ, נאָר אַ סך שטאַרקער און שענער... מיט זשעדנע אויגן האָט משה׳קע באַטראַכט דעם קוואַל פון איינזאַמקייט, וואָס מאַכט ריידן דעם פאַרטריקנטן סטאָליערל צו זיך אַליין. זײן אַמאָל שוואַרצע בערדל איז איצט פאַרגרויט און שיטער־האָריק צעפּעכערט אויף זײן איינגעפאַלענער ברוסט. זי האָט אַ פליכעלע אויפן מיטן דער גאָמבע און איז באַשאָטן מיט שלענגלעלעך הובליעכץ און באַשפּרענקלט מיט פּיצלעכע האָלץ. דער גרויער קאָפּ האָט אויך אַ פּליכל און איבער אים — אַ לייכטע יאַרמלקעלע, אַ דורכגעשוויצטע, אַ פאַרשאַרטע ביזקל פּאַטיליניצע. די שלייפן — איינגעפאַלן און דער לאַנגלעכער פּנים איז געלבלעך־גרוי, פון שווערער פּראַצע און פון אַריבערגעטראָגענע צרות. אָבער אין דער דאַזיקער אַשיקער געלקייט זיצט אַ שיין געשניצטע נאָז, און פון בײדע זײטן נאָז לויכטן אַ פּאָר העלע גרין־בלויליכע אויגן. ווי די גרויסע טירקיזן בײ דער מומע שצערע אין דער אַלטער שבת׳דיקער בראַשע. אַזוי לויכטן זײ און פּאַסן זיך ניט צום אויסגעמוטשעטן פּנים, ניט צו דער איבערגעבליבענער שוואַרצקייט אין באָרד און פּאות. צו בליק איז די ראָם, צו טייער זײנען די איידעלע שטײנער. אַ שטראַלנדיקע פּאַרקלערטקייט לויכט אַרויס פון די דאָזיקע פרעמדלעכע אויגן. זײ קוקן האַלב צו דעם, וועמען זײ זעען און האַלב זײנען זײ פאַרגלאָצט צום הימל. שמחה סטאָליאַר קוקט עמיצן אָן און זעט עפּעם העכערס פון יענעם... פּונקט אַזוי ווי ער קוקט, אַזוי זינגט ער און דרשנ׳ט. ער ווענדט זיך צו עמיצן מיט זײן געזאַנג און מיינט אַן אַנדערן „עמיצן", וועלכער איז ה ע כ ע ר פון דעם וואָס האָרכט... און צוויי הענט האָט ער — ניט בערך גרעסער ווי אַזאַ יידעלע באַדאַרף צו האָבן. שוואַרצע, אויסגעאַרבעטע זײנען זײ, מיט פאַרפאַרבטע נעגל. און זײנען אויך שלעכט צוגעפּאַסט צו זײנע געלבלעך־בלאַסע פאַרקאַשערטע אָרעמס. ווי באַזונדערע באַשעפענישן, וואָס לעבן זייער אייגענעם לעבן, אַזוי באַוועגן זיך די פּאָר הענט. זשעדנע גיבן זײ אַ כאַפּ — דאָס דעם הובל, דאָס דעם צירקל, דאָס דעם בלייפען. און יעדע אַזאַ ביסטרע באַוועגונג קומט בײ אים אַרויס צום טאַקט פון זײן געזאַנגעלע. אַט די אַלע באַזונדערלעכקייטן גיבן צו אַ מאָדנע וואַרעמקייט זײן איינגעטריקנטן גוף׳על, זײנע איינגעפאַלענע שלייפן. און דער גאַנצער ר׳ שמחה זעט אויס אַ סך יינגער ווי ער איז.

דערפאר איז רישע, זיין ווייב, א סך מער פארעלטערט, פאר־דער־צייט צעקנייטשט. א פארביסענע יידינקע, שטענדיק אין פארגרינטן פאריק איבער די רעשטלעך האר. צוועלף יאר זיינען שוין אריבער זינט אירע חדר־ייִנגלעך זיינען פון דער וועלט געגאנגען און זי האט דאס נאך עד־היום ניט פאר־דייעט. עד־היום ברענט אין איר א ווייבערישע ניט־פארגינערישקייט צו אלע יידענעס וואס האבן קדישים... אירע בלוילעכע ליפן זיינען שטענדיק פארשנירט מיט א שטומער טענה קעגן רבונו־של־עולם. פאר וואס און פאר ווען האט ער זי אומזיסט געלאזן בלוט פארגיסן, אנטוויינען פון דער ברוסט, אין חדר געבן לערנען און דערנאך צונעמען זיי ביידן ? ביידן אין איין וואך...

פאר משה'קען, אין זיין קינדערשער איינזאמקייט, איז דעם סטאליאר'ס הייזקע געווען א גאנצע אנטפלעקונג. נאך דער וועלט־באשאפונג, וואס ער האט געלערנט מיט קיווען אין חומש, איז שמחה'ס ווארשטאט געווען דאס באשיינפערלעכע פון דער שאפונג. אין חומש „תהו ובהו” און גאט'ס גייסט שוועבט איבערן וואסער... און דא — א מיש־מאש פון ברעטער און קלע־פעכץ און טשוועקעס און הובליעכץ. און אויף די ווענט זיינען אנגעהאנגען כל'ערליי זעגן און דלאטעס און ווירעס און צירקלען, און שמחה דער סטא־ליאר, ביז די קני אין שפענדלעך, שוועבט איבער דעם דאזיקן „תהו־ובהו” און מעסט און עגבערט און קלעפט און טשוועקעוועט. צאלקע, זיין געהילף, מיט דער בעלמע אויף איין אויג, העלפט אים. עס עפוש'ט מיט געקאכטן קליי און עס שמעקט מחיה'דיק מיט פרישן לאק. סטרושקעס פליען און האליץ־מעל שיט זיך ווי א שפריי־רעגן. און פונם גאנצן מיש־מאש וואקסט ארויס א שטיק מעבל: א טיש, א בעט, א שטול. א שמעקנדיקס, א לאַ־בעדיקס. געברוינט אדער געשווארצט. אויף זיין צעפאטלטן קאפ טראגט דאס צאלקע דער געהילף אוועק, פאר די קונדן וואס האבן דאס באשטעלט. על־פי־רוב טרעפט דאס פרייטיק נאך האלבן טאג. ניט אלעמאל גייט שמחה דער סטאליאר מיט, אויפצומאנען פאר דער ארבעט. אפטמאל בלייבט ער שטיין אין דער אפענער טיר פון זיין אויפגערוימטער הייזקע מיט א פרישן העמד אונטער דער פאכווע און מיט א גרינעם טרוקענעם בעזים אין האנט. ער קלייבט זיך גיין אין באד און קוקט נאך צאלקען, וועלכער שפרייזט אוועק מיטן שטיק מעבל אויפן קאפ. שמחה איז נאך אנגעטאן אין זיין וואכעדיקייט, אין זיינע ברודנע פלודערן און פארטוך. נאר די רואיקייט פון א שעפער, וואס האט אפגעטאן זיין ארבעט, איז שוין אויסגעגאסן אויף זיין לענגלעכן פנים און אז אפגלאנץ פון א טיפער פרייד שטראלט ארויס פון זיינע בלוי־גרינע אויגן — לעבעדיקע טירקיזן פון מומע שצערע'ס בראשע...

און פרייטיק־צו־נאכט אין בית־מדרש, בשעת קבלת־שבת, זעט משה'קע מיט וואס פאר א כונה שמחה דער סטאליאר זאגט „ויכלו השמים.. וכל צבאם...” מיט פארמאכטע אויגן און צעשטראלטע קנייטשעלעך ארום דער

געשניצטער נאז. און משה׳קען דוכט זיך, אז קיינער פון די דאָוונער האָט ניט אַזאַ הנאה פון „ויכלו״ ווי ר׳ שמחה. יענע, וואָס זיצן אַ גאַנצינקע וואָך אין קראָם און שלעפן פּויערים פאַר די פּאָלעס, קענען אַזאַ הנאה ניט האָבן. שמחה דער סטאָליאַר — יאָ. ער האָט עפּעס געשאַפן. ער האָט זיין זאַך אָפּגעטאָן. אַ שותף צו דעם וואָס האָט די וועלט באַשאַפן איז דער סטאָליאַר געוואָרן.

ב

משהיקעס צוגעבונדנקייט צום סטאָליאַר האָט זיך אָנגעהויבן שוין דאַמאָלסט, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַריבערגעטראָטן שמחה׳ס שוועל, אַ פאַרשעמטער מיט איין פינגערל אין מויל, און האָט זיך אומזיכער אַרומ־געקוקט: מאַכן אַ טראָט ווייטער צי ניט?...

ר׳ שמחה האָט גלייך אויפגעהערט צו הובליעווען, אָנגעשטעלט אויפן קליינעם אורח די טירקיזענע אויגן און צעזונגען זיך מיט אַ קול פון אַ חזנ׳דל נאָך אַ תענית און מיט אַ ניגון פון אַ מגיד:

— אָך, דאָס ביסטו גאָר, משה׳לע? קום אַריין מיין קינד, קום אַריין! אדרבא, זע ווי יידן האָרעווען, זע ווי שמחה סטאָליאַר פאַרדינט כשר זיין ברויט... האָסט שוין אָנגעהויבן, האָב איך געהערט, „חומש״?

— אָנגעהויבן...

— איז ווי שטייט דאָרטן? „בזעת אפך תאכל״... איז דער טייטש?

— מיט... מיטן שוויס... — שטאַמלט משה׳קע — מיטן שוויים פון דיין פּנים זאָלסטו... זאָלסטו עסן ברויט.

— אַט, אַט, אַט, משה׳לע! זעץ זיך צו. קוק.

און שמחה האָט זיך צוריק אַ נעם געטאָן הובליעווען.

משה׳קע האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ קלאָץ און אַ ווײַלע נייגעריק צו־געקוקט. די רויע ברעט, אונטער שמחה׳ס הענט, איז געוואָרן אַלץ גלאַטער און שענער און דינער.

— וואָס טוט איר? — האָט משה׳קע אַ פרעג געטאָן.

— וואָס טו איך? — האָט זיך שמחה גלייך צעזונגען. און משה׳קען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז שמחה האָט בכיון שווייגנדיק געהובלט און געוואַרט אויף אַזאַ פראַגעלע, כדי געבן אַ זינגענדיקן לאַנגן ענטפער. — כע־כע, וואָס טו איך? בעטעלעך מאַך איך, משה׳נקע מיין קינד! אַלכעם וואַקסן אין וואַלד און דעמבעס וואַקסן און ווייסן אַליין ניט צוליב וואָס

און צוליב וועמען. שמחה ווייסט אָבער יאָ. קאָפּ איבער קאָפּ קוקן זיך איבער די בוימדעלעך, ווען וועט קומען אַ מענטש און וועט זיי אויסזאָגן... קומט צו גיין דער זעגער און זאָגט: „איך ווייס״. קומט צו גיין שמחה דער סטאָליאַר און זאָגט: „איך ווייס נאָך בעסער״. ברעטער הובליעוועט שמחה דער סטאָליאַר און גלעט זיי אויס. ברעטעלע מיט צעשפּרייטע האָלצערנע פינגער גיט אָפּ שלום אַ צווייטער ברעטעלע: „אַט אַזוי איז גוט. איז הייסט דאָס אָפּגעמאַכט״... שמחה סטאָליאַר גיסט נאָך אָפּ זייערע הילצערנע פינ־גער מיט הייסן קליי, דער שלום זאָל זיך האַלטן. שטאַרק ווי אייזן זאָל ער זיין. אַזוי מאַכט שמחה בעטעלעד פאַר ייִדישע קינדער. ער רייבט זיי אָפּ מיט גלאָז־פּאַפּיר, צאַצקעט זיי אויס מיט פאַרב און באַדעקט זיי מיט לאַק. לויכטן זיי ווי העלפאַנט־צאָן.

ייִדישע פאַרלעך, ווען זיי ווילן חתונה האָבן, קומען זיי פריער צו שמחה'ן. אַ סך שקלאָווער פאַרלעך, משה'נקע, שלאָפן אין שמחה'ס בעטן. שטאַרק זיינען זיי און ראַיעל געמאַכט. זיי סקריפּען ניט ווי די בעטלעך פון די היינטיקע טאַנדעטניקעס. דערפאַר קומט מען צו שמחה'ן. דו האָסט דען אַ ידיעה, משה'לע, ווי חתן־כּלה פרייען זיך ווען זיי דערזעען שמחה'ס אַר־בעט? צוויי בעטן ווי די טייבעלעך — צוגעטוליעט מיט די שיינע צוקאָפּנס, אָדער מיט די אויסגעלאַקטע זייטן...

די לויכטנדיקע טירקיזענע אויגן פון סטאָליאַר האָבן אַצינד געקוקט ער־געץ־ווייט. משה'קעס אויערן זיינען שוין דאָ מער ניט געווען דער עיקר. שמחה האָט שוין אַצינד געזונגען און גע'דרש'נט צו זיך אַליין... נאָר דאָס געזאַנג, וואָס הערט זיך אַן ווי אַ יום־כּיפּור'דיקער געבעט פון אַ באַהאַרצטן חזנ'דל, ווערט פּלוצים איבערגעשלאָגן דורך אַ טרוקענעם ווייבערשן קול. רישע די סטאָליערקע שטעקט אַרויס איר פאַרסאַזשעטן פּנים פון קיך אַרויס און איר ברודיקער פאַרטוך איז וואַכעדיק אַזוי ווי איר קול:

— גיב נאָר אַ קוק, — מאַכט זי — ווי ער האָט זיך דאָ צעזונגען און צע'דרשנ'ט...

— אַ קדיש'ל, רישינקע, — פאַרענטפערט זיך שמחה — קיזוע'ס קדיש'ל זיצט ביי מיר...

— איז וואָס פאַרשטייט אַ קינד? וואָס דולסטו אים אַ קאָפּ? בעטן־„סמעטן״...

— וואָס פאַרגינסטו מיר ניט, רישינקע? — בעט זיך ר' שמחה — כ'האָב עפּעס גרעסערע פאַרגעניגנס? קדישים ברוך־השם האָב איך ניט — רייד איך צו פרעמדע קדישים. קינדער הערן מיטן האַרצן, רישינקע מיין ווייב. דו פאַרשטייסט דאָך, משה'נקע, וואָס איך זינג צו דיר? זאָג, זאָג!

נאָר משה'לע זאָגט גאָרנישט. ער זיצט אַ פאַרשעמטער אויף אַ רויער קלאָץ און האָט קיין מוט ניט צו זאָגן, אַז שמחה'ס זינגען געפעלט אים

זעהר שטארק און אז די צעקנייטשטע יידינקע מיטן פארוויכערטן פנים און מיטן פארטוך האט זיך דא אריינגעמישט און קאליע געמאכט... לעקט ער א פינגער און ווארט די סטאליערקע זאל צוריק אוועק אין קיך אריין און... דערווארט זיך.

צעהובלט זיך וויטער ר' שמחה. ער צעוויגט זיך און ציט א טאן דורך דער געשניצטער נאז, ווי א חזן וואס שטעלט אן די „כלי". געפונען דעם איבערגעריסענעם קול, זינגט ער זיך ווייטער ווי גארנישט וואלט געשען. זינגט און הובליעוועט צום טאקט:

— אין א בעטעלע, משה'נקע מיין קינד, ווערט מען געבוירן, אין א בעטעלע, נאך הונדערט־און־צוואנציק יאר, זאגט מען ווידוי... איז מען קליין, ליגט מען אין בעטעלע, איז מען אלט, ליגט מען אויך אין בעטעלע. א שטיק לעבן פארברענגט מען אין בעט, משה'נקע. גבירים לענגער, קבצנים קירצער. א מענטש אן א בעט איז קיין מענטש ניט — א וואגלער, א גאר־נישט. ווער עס האט ניט קיין אייגן בעטעלע, דער האט ניט קיין מנוחה און אנדערע מענטשן האבן פון אים אויך קיין מנוחה ניט... צו א בעט קערט מען זיך אום ווי צו א מאמען. מען פארט, דאכט זיך, אוועק פון איר, וויט־ווייט. די ביטערע פרנסה יאגט אוועק. פאראן א סך אזעלכע יידן... נאר דאס בעטעלע אין שטוב ציט פונדערווייטנס. דעם קליאק פון די ביינער ציט זי. קערט מען זיך אום צו איר. צו שמחה דעם סטאליאר'ס בעט... הא? וואס איז דאס?

מיטאמאל רייסט שמחה אליין איבער זיין יום־טוב'דיק געזאנגעלע און שרייט אוים מיט א ניכטערער, וואכעדיקער שטימע צו זיין געהילף:

— צאלקע! דערלאנג מיר אקארשט דעם גרויסן הובל! דא איז א סוק. דער קליינער הובל נעמט ניט...

צאלקע, מיט דער בעלמע אויף איין אויג, כאפט אראפ פון וואנט דעם גרויסן הובל און דערלאנגט דעם באלעבאס. מיט א פארזארגטן פנים שניידט ר' שמחה אן דעם הארטן סוק ארום און ארום. „ס'זאל נאר קיין לאך ניט ווערן"... רעדט ער צו זיך אליין. דערנאך גיט ער א פאר מיטן גרויסן הובל איין מאל און צוויי מאל און דער פנים לויכט אים ווידער אויף. ער פארגלעט דעם רויען ארט מיטן קלענערן הובל. פוסטע האלץ־שלענגעלעך פליען דעם סטאליאר אין פנים אריין. פוסטע סטרוטשקעס פון זוימען...

משה'קע ווערט אומגעדולדיק. דער גרויסער הובל און דער הארטער סוק האבן זיך אים דא וואכעדיק אריינגעמישט, פונקט ווי די ברודנע סטא־ליערקע פריער...

— זעט, — בעט ער זיך און קוקט אוועק אן א זייט — זינגט נאך אביסעלע...

הייבט אויף שמחה סטאָליאַר זיינע מאָדנע־שטראָלנדיקע אויגן און קוקט אָן דעם קליינעם צוהערער זיינעם מיט אַ שמייכל.

— אַ חכם! — מאַכט ער שטיל צו צאַלקען זיין געהילף — דו הערסט דאָך... פאַרשטייט אַלץ.

און צעשאָקלט זיך גלייך נאָכדעם איבער זיין אַרבעט און צעפאָרט זיך מיטן הובל איבער דעם צווייטן זייט ברעט, און זיין זינגענדיקע איבער־געריסענע דרשה פלעכט זיך ווייטער:

— גויים ווייסן ניט דעם אמת'ן טעם פון אַ בעט. יידישע קינדער ווייסן יאָ. אפילו די אָרימסטע... געזען ווי איוואַן שלאָפט אין דאָרף? אויף די הילצערנע „פּאָלאַטיעס" — פּאָליצעם אָזעלכענע, אויף שטרויענע זעק... אַ חלשות! אָדער שלאָפט אפשר יורקע כאָם אין קאַזאַרמע, ווי עס געהערט צו זיין?... יידישע קינדער, פאַר זייערע קעפּעלעך זאָל מיר זיין, זיי ווייסן שוין גראָד יאָ. בקבלה האָבן זיי דאָס פון זייערע עלטער־עלטערן, ווי שבת'דיקן צימעס, ווי פּסח'דיקע קניידלעך...

אָבער שמחה'ס בעט אַליין איז נאָך גאָרנישט. שמחה גיט דעם גוף און די נשמה גיט די מאַמע. אָן אַ מאַמען איז שמחה'ס בעט קיין בעט ניט. פּוכעלע צו פּוכעלע קלייבט די מאַמע אָן פּעדערל צו פּעדערל. די קישעלעך פאַר דער טאַטער וואַקסן אָן עין־הרע. די פּערינקעס פאַר דער טאַטער וואַקסן. מיט איבערבעטן און אונטערבעטן פילט מען אויס שמחה'ס בע־טעלעך. ליגט אַ יידישע טאָכטער אין אויסגענייטן הייבל און איר כשר'ער פּנים לויכט אַרויס פון דער מאַמע'ס בעטגעוואַנט — אַ בת־מלכה! אין מקוה אויסגעקילט, אַלע דינים אָפּגעהיט. ווי זאָל מען זי ניט ליב האָבן און ווי זאָל מען זי טייער ניט האַלטן?... היינט ווער רעדט נאָך — אַז גאָט גיט, אַ קדיש ווערט געבוירן. באַברעט זיך דער תכשיט'ל ביי דער מאַמען אויף דער ברוסט, יעדער גליד זיינער איז אויסגעקושט, יעדער ביינ־דעלע אויסגעגלעט. פרעג איך ביי דיר, משה'נקע, קען מען ווייט אוועק פון אַזאַ בעט? קען מען ווייט אוועק פון אַזאַ ווייב און קינד?

משה'קען ווערט פּלוצלינג הייס אין די אויגן־לעפּלעך, רויטע פלעקן צעברענען זיך אין זיינע פּולע בעקלעך. אָן אומרואיקייט קומט אָן אויף אים: „זע! און וואו זיינען דאָס ז י י ן טאַטע און מאַמע? ז י י ע ר ע בעטן?... קיווע און שצערע זיינען דאָס ניט. אַ ממזר איז ער דאָך. הירשל דער מלמד אַליין האָט אים דאָס נאָכגעשריען..."

עס ווילט זיך אים אַ פרעג טאָן מכוח דעם ביים זינגענדיקן סטאָליאַר. נאָר ער שעמט זיך. ס'איז אַ טיפע קינדערשע וואונד, וועלכע ער האָט מורא אָנצורירן. נאָר זאָגן מוז ער עפּעס. הייבט ער פּאַוואָליע אויף די בולטע קליינע אויגן און גיט שטיל אַ פרעג:

— זעט, ר' שמחה, און איכ'ל האָבן אַ... אַזאַ בעט?

— אודאי, — מאכט דער סטאָליאַר — וועסטו האָבן. מיט אַלע יידישע קינדער גלייך. שמחה סטאָליאַר וועט נאָך דערלעבן מאַכן דיר צוויי בעטן צו דיין חתונה און שלאָף זיך געזונטשינקערהייט מיט דיין באַשערטער.

נאָר משה׳קען גלייבט זיך עפּעס ניט. ער גייט אַרויס פון סטאָליאַר׳ס וואַרשטאַט אַ פאַרטראַכטער, אַ טרויעריקער. עס גלוסט זיך אים וויינען און ער ווייסט ניט פאַרוואָס. זיינע אויגן קוקן אַביסעלע פאַרגלאַצט. צי זעט ער שוין ניט אַצינד, מיט זיין קינדערשן חוש, זיין סוף? צי פילט ער ניט, אַז דעם סטאָליאַר׳ס ברכה וועט קיינמאָל ניט אָנקומען, אַז ער, משה׳קע ממזר, וועט קיינמאָל זיין אייגענע בעט ניט האָבן?...

ג

פונדעסטוועגן ווערט משה׳לעס צוגעבונדנקייט צום סטאָליאַר פון טאָג צו טאָג שטאַרקער. אַזעלכע גלעטנדיקע ווערטער ווי ער הערט ביי ר׳ שמחה׳ן אין וואַרשטאַט הערט ער פון קיינעם ניט. אפילו פון שצערען זיין „מומע", וואָס וויל שפּילן די אמת׳ע מאַמע. ער ווערט אַ בן־בית אין סטאָליאַר׳ס שטיבעלע; ער קען שוין אַלע זיינע געצייג ביי די נעמען און קען זיין גאַנץ ביסל אַרעמקייט.

און איינמאָל האָט ער באַמערקט, אַז ר׳ שמחה׳ס אייגענע בעטן זיינען אַלט און געמאַכט פון פּראָסטן האָלץ. און ניט געלאַקט זיינען זיי, נאָר רויך־פאַרגעלבט מיט אַ מיאוס׳ער אויסגעבליטער פאַרב. און אַז מען לייגט זיך אין זיי אַריין, קרעכצן זיי און אָכצן, ווי אַלטע יידן מיט קראַנקע ביינער. איז אים די זאַך זעהר קשה געוואָרן. און ווען ר׳ שמחה האָט זיך איינמאָל ווידער געוועזן צעזונגען וועגן בעטעלעך פאַר יידישע קינדער, האָט אויף אים משה׳קע אַנגעשטעלט זיינע בלויע, אַביסל שטאַרע אויגן און אַ פרעג געטאָן:

— זעט, ר׳ שמחה, פאַרוואָס מאַכט איר זיך אַליין ניט קיין נייע בעטן?

און אָנגעוויזן מיט איין פינגער אויף ר׳ שמחה׳ס שלאָף־ווינקל, הינטערן סיצענעם פאַרהאַנגל...

שמחה האָט אָפּגעלאָזן זיין אַרבעט און גענומען דרייען דעם הובל אין זיינע זשעדנע, פּליסיקע הענט. זיינע בלוי־גרינע אויגן האָבן זיך צעשטראַלט.

— ביסט אַ טייער קינד, — מאַכט ער — משה׳לע! ווי אַ חכם פרעגסטו!...

און באַלד נאָך פליסיקער אַ נעם געטאָן זיך העבליעווען און זינגען. סטרוזשקעס האָבן גענומען פליען און באַפליגלטע ווערטער:

— פאַר אַלעמען האָט שמחה סטאָליאַר דאָס גאַנצע לעבן געהובלט און געקלייעט און געלאַקט, און פאַר זיך — גאָרנישט מיט גאָרניט. ניט קיין באַנק, ניט קיין אַלמער. קיין צייט ניט געווען. קיינמאָל אפילו קיין צייט ניט געהאַט צו פ אַ ר ר י כ ט ן די פּאָר אַלטע קאַסטנס וואו ער און ווייב שלאָפן שוין, אַז עין־הרע, פון דער חתונה אַן. היינט ווער רעדט — מאַכן זיך אַ פּאָר נייע בעטן... ווער האָט דאָס צייט, משה'נקע, און ווער האָט קאָפּ ? דערפאַר, מיין זון, אַז משיח וועט קומען, וועלן אַלע יידן שלאָפן אין הילצערנע בעטן פון פּימסנהאָלץ און פון סאַנדל־האָלץ און שמחה דער סטאָליאַר וועט שלאָפן אין אַ גאָלדענעם בעט מיט אויסגעפּרעגטע לייבן און מיט דימענטענע מגן־דוד'ס. אַלע יידן פון שקלאַוו וועלן זיך דאַמאָלסט צודעקן מיט וואַטאָווע קאָלדרעס און שמחה סטאָליאַר — מיט פּורפּל וואָס איז מיט גאָלד געהאַפטן... אַט וועט זיך שמחה סטאָליאַר אויסרוען, אַז משיח וועט קומען !...

משה'קע שטעלט זיך פּלוצים אויף אַז אויפגערעגטער און שלאָגט איבער שמחה'ס געזאַנג פון משיח'ס צייטן :

— און איכ'ל דאַמאָלסט האָבן אַ מאַמע ? אַן אמת'ע...

שמחה'ן פאַלט שיער ניט אַרויס דער הובל פון האַנט. זיינע טירקיזענע אויגן קוקן אַן זיין קליינעם גאַסט מיט שרעק :

— וואָס... פאַר אַ שאלות פרעגסטו עפּעס ? ווער האָט דיר דאָס... ווער'ט דאָס אַנגערופן... שצערע, משה'לע, איז דיין מאַמע ! אַזוי גוט ווי אַ מאַמע. ווי צוויי מאַמעס... פאַראַן מאַמעס, משה'נקע, וואָס זיינען אַ סך ערגער... וואָס וואַרפן אַוועק די קינדער זייערע ווי אַ פּעקעלע צעריסענע וועש...

משה'קעס אויגן ווערן אָבער נאָך גרעסער. ער טרעט צו צו שמחה'ן נאָך נעענטער און פרעגט מיט אַ געהיימניספולער שטימעלע, ניט ווי אַ קינד פרעגט ער :

— און מיין מאַמע ?... די אמת'ע מאַמע... האָט אויך אַזוי געטאָן ?

— טפו־טפו, משה'נקע ! — שפּייט אויס ר' שמחה און דער פּנים צעקנייטשט זיך ביי אים ווי פון זויערס — וואָס דרומלט זיך דיר אין קאָפּ, וואָס ?... רישע, רישע ! — הייבט ער פּלוצים אַן שרייען צו זיין ווייב אין קיך — קום אַהער, טייערינקע, גיב משה'לען עפּעס אַ גוטע זאַך. גיב אים עפּעס...

די סטאָליערקע, ווי איר שטייגער איז, אַ פאַרהאָרעוועטע און אַביסל אַ פאַרביטערטע, קריכט אַרויס פון קיך מיט איר פאַררויכערטן פאַרוק אוןווישט זיך די נאַסע הענט מיט איר פאַרטוך.

— גיב אים, גיב אים... — קרימט זי איבער איר מאַן — „גוטע זאַכן" פעלן אים טאַקע ביי קיווע דעם לעקעכמאַכער. אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן...

— גיב אים עפּעס, גיב אים!... — שטייט שמחה ניט אָפּ פון זיין ווייב — וואָס רעדסטו, וואָס? וואָלסט וויסן וואָס ער פרעגט... אַ ביטער האַרץ! האָסט דאָך היינט געקויפט פרישע פלוימען, האָסטו דאָך! גיב אים אַ פלוים!

ס'איז אַן אמת. רישע האָט טאַקע היינט אינדערפרי געקויפט פלוימען. און משה'קע באַקומט אין האַנט אַריין אַ בלוי־רויטע פרישע פרי. ער נעמט דאָס אַן און זעט ניט קלאָר וואָס ער נעמט. די בלויע אויגן זיינען אים נאָך פאַרגאָסן מיט צער. ער פילט, אַגב, אַז דאָס ווערט אים געגעבן נאָר כדי איבערצושלאָגן זיינע האַרבע קשיות...

אָבער ווי נאָר ער בייסט אַריין אין דער זאַפטיקער פלוים ביזקל ביינדעלע — ווייסט ער שוין, אַז קיין „גוטע זאַך" אין דער וועלט איז ניט אַזוי געשמאַק ווי דעם סטאָליאַר'ס „גוטע זאַך". אַלע לעקעכער, מאַנדל־ביינעלעד און געהאַקטע קייקלעך ראָזשינקעס, וואָס די מומע שצערע מאַכט, וואָס דער פעטער קיווע פּרעגלט, זיינען אים שוין לאַנג פריקרע געוואָרן מיט זייער טויטער זיסקייט און מיט זייער בייסנדיקער געווירצטקייט. אָבער מיט דער קליינער פלוים וואָס ער נאָגט, איז פּונקט ווי פון סטאָליאַר'ס בוים אָפּגעריסן, פון סטאָליאַר'ס האַרץ... עס האָט דעם זעלבן טעם ווי דעם סטאָליאַר'ס געזאַנגען: ווייך און טרויעריק און זיס...

אויפגעגעסן דעם סטאָליאַר'ס „גוטע זאַך" און אויסגעשפּיט דאָס ביינדעלע, שפּאַרט משה'קען אַן אַ גרויסער געפיל פון דאַנקבאַרקייט. שמחה צעוויגט זיך ווייטער ביי זיין אַרבעט און משה'קע מאַכט זיך שטיל אַרויס פון שטוב. אין אַ מינוט אַרום לויפט ער צוריק אַריין מיט אַ גרויסן דרייעקיקן שטיק לעקעך. אַ גאַנצער פערטל פון אַ סקאָווראָדע.

— נאָט — מאַכט ער — ר' שמחה, לעקעך!

— לעקעך גאָר? — וואונדערט זיך שמחה סטאָליאַר — אינמיטן דינסטיק לעקעך? רישע, רישינקע! — רופט ער זיין ווייב — קום זע, משה'נקע האָט אונז געבראַכט לעקעך.

די סטאָליערקע רוקט אַרויס דעם קאָפּ פון קיך, און דער סטאָליאַר פרעגט אויס משה'קען אויף טשיקאַוועסט:

— די מאַמע דיינע... כ'מיין די מומע שצערע האָט דיר געהייסן?

— די מומע איז אין שטוב ניטאָ... — לאָזט משה'קע אַראָפּ די אויגן.

— ניין, משה'נקע — צעזינגט זיך ר' שמחה איבער זיין אַרבעט און צעוויגט זיך — שמחה דער סטאָליאַר עסט ניט קיין... אַזוי זיך לעקעך. אינמיטן דינסטיק נאָך האַלבן טאָג — לעקעך. שמחה דער סטאָליאַר וועט זיך ניט קאַליע מאַכן זיין עולם־הבא איבער אַ שטיקל לעקעך. זיין גאָלדענע בעט אַז משיח וועט קומען... אָט, מירצעשעם, אַז דו וועסט האַלטן אַ דרשה צו דיין „בר־מצוה", משה'נקע, וועלן מיר צו דיר קומען עסן לעקעך...

משה'לען שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. ער פילט, אז ער האָט דאָ אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט. ר' שמחה איז דיר ניט דאַנקען דער יתומ'ל פון ווייגדער'ס הויז, פאַר וועמען ער לאַטכנט „גוטע זאַכן" פון הויז. שטייט ער אַזוי און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך און מיטן דריי־עקיקן אָפּגע־טיטלעכן שטיק וואָס ער האַלט אין הענטל.

— לייג עס אַוועק צוריק אויף דער סקאַוועראָדע — גיט אים ר' שמחה אַן עצה — נישקשה... לייג אַוועק! דו האָסט אַ גוט האַרץ, משה'נקע. האָב קיין צער ניט. איך ווייס, אַז דו האָסט אַ טייער הערצעלע...

און כדי צו טרייסטן אים, זינגט אים אויס דער סטאָליאַר אַ דרשה וועגן גוטע כוונות, וועלכע זיינען שענער און טייערער ווי יעדע בעסטע מתנה אין דער וועלט. און זיין געזאַנג פלעכט זיך מיט די באַוועגונגען פון זיין הובל. ווערטער פליען געוויקלט אין ווייסע שרויפיקע סטרוזשקעס. ס'איז איינע פון סטאָליאַר'ס לידער, וואָס האָבן קיין אָנהייב ניט און האָבן ניט קיין סוף. ווי אַ וואַסערל, וואָס פּלעטשערט, ווי אַ רעגנדל וואָס טריפט.

הענעך דער פאַרבער

א

וועז משהיקע האָט זיך שוין געהאַט אָנגעזעטיקט מיט דעם סטאָליאַר'ס וואונדערלעכע געזאַנגען, האָט ער געמאַכט אַ טראַט ווייטער און, שמעווע־דיק, מיטן זעלבן פינגערל אין מויל און מיט דערזעלבער נייגעריקייט, אַרי־בערגעטראָטן דעם שוועל פון הענעך דעם פאַרבער, די צווייטע הויז נאָך שמחה'ן און די פּערטע — נאָך קיווען.

ווי שוין פריער דערציילט, האָט הענעך געוואוינט אין אַ שלעכט־פאַר־לאַטעטן פליגל פון אַ חורבה — רעשטלעך פון אַ גביר'ישן מויערל — שלמה מאַנאַזאַנס מויערל, אויף וועמעס נאָמען מען רופט דעם גאַנצן „זאַ־וואולעק" ביז צו היינטיקן טאָג. נאָך דער גרויסער שרפה, מיט אַ סך יאָרן צוריק, איז די גאַנצע פאַמיליע מאַנאַזאַן אַוועק פון שקלאָוו קיין פּיטער־באָרג, וואו ער האָט געפירט זיינע גרויסע געשעפטן, און געלאָזן זיין אָפּ־געברענטן מויער אויף הפקר. האָט זיך אין דער חורבה אַריינגעקליבן אַן אָרעמער ווייטער קרוב זיינער, הענעך האָט מען אים גערופן.

דער פליגל, דאָס הייסט דער צובוי פון מויערל איז כמעט ווי גע־בליבן גאַנץ. האָט אין אים הענעך דער פאַרבער אַריינגעשטעלט נייע פענס־טער, פאַרלאַטעט דעם דאַך מיט אַלטן בלעך און פון דער הרובע געמאַכט אַן אויוון. עטלעכע אַלטע מאַשינעס האָט ער אַהין אויך אַריינגעשטעלט; און געמאַכט אַזוי אַ לעבן שוין באַלד גאַנצע דרייסיק יאָר.

הייסן הייסט ער אפילו „פאַרבער", נאָר פאַרבן פאַרבט ער זעלטן ווען. זיינע הענט און נעגל זיינען אפילו שטאַרק פאַרפלעקט און פאַרסמאַדרעט פון איינגעגעסענע ברודנע קאָלירן; נאָר זיין עיקר פרנסה איז דאָס ניט. דער עיקר פרנסה זיינע איז — קראַצן וואָל. ער אַליין איז אַלט, די קראַץ־מאַשינעס — אַלט. קרעכצט מען זיך אונטער און מען העלפט איינער דעם צווייטן. נישקשה.

אין אַ מאַרק־טאָג, און ווער רעדט — אין אַ יאַריד, קומען צו אים אַן דאָרף־גויים מיט פולע טאָרבעס. און ווען זיי גייען אַרויס, זיינען די טאָרבעס דריי מאָל אַזוי געשוואָלן ווי פריער... האָט דאָס משה'קען שטאַרק פאַר־

אינטערעסירט. האָט ער זיך ביסלעכווייז גענומען שאַרן צום „פּאַרבער״, ביז ער איז אַריבערגעטראָטן אַ נייעם שוועל און אַ שמעק געטאָן אַ נייע לופט, ווי אַ יונגע חיה׳לע וואָס ציט אוים דעם שנוק און טוט אַ צי דעם ריח פון אַן אומבאַקאַנטער נאַרע...

איז אים גלייך באַפאַלן אַן אומעט פון דער וויסטקייט און כמורנעקייט אין דעם דאָזיקן צורעכטגעמאַכטן שטיק חורבה. ס ו מ נ ע ק י י ט איז געווען דער ערשטער איינדרוק. דער רויך פון דער אַמאָליקער גרויסער שרפה איז נאָך, דאַכט זיך, געלעגן איינגעגעסן אין די ווענט. און די שוואַרצע שפּאַלטן, וואָס שלענגלען זיך אין אַלע ווינקעלעך פון סופיט אַראָפּ, האָבן געקענט אָנגענומען ווערן פאַר ברודנע צייכנס פון לעש־וואַסער, סימנים פון דער אַלטער שקלאַווער „פּאַזשאַרנער קישקע״... און אין אָט דער סומנעקייט האָבן זיך באַוועגט נאָך מער סומנערע לעבעדיקע שאָטנס אַן אויסדרוק, ווי פאַרמאַרעטע מייז אין אַ אַלטן שפּייכלער, פון וואַנען מען האָט שוין לאַנג די תבואה אַרויסגעפירט.

משה׳קע האָט זיך אַרומגעקוקט: פון וואַנען אַזאַ חושך? האָט ער דערזען, אַז די אייבערשטע טיילן פון די אַמאָליקע גרויסע פענסטער, מיט די קײלעכדיקע געמויערטע פּריטעלקעס, זיינען מער ווי העלפט פאַרהאַקט מיט ברעטער. אַפנים, כדי צו שפּאָרן שויבן און כדי ווינטער זאָל זיין וואַרעמער. אויך דורכצולאָזן דעם שיין פון טאָג זיינען געבליבן נאָר די אונטערשטע שויבן אין די גראָב־געמויערטע אַלטע ווענט. שפּאַרט זיך אין זיי די זון און קען זיך ניט דורכשפּאַרן. טאָמער וויניק — לאָזט זיך נאָך אַראָפּ דער פאַרצייטיקער, מיט בלעד פאַרלאַטעטער דאַך, אַזוי נידעריק, אַז מען זעט זיין זשאַווערדיקן ראַנד דורך די אונטערשטע שויבן. ווי אַ ברוינער דאַשעק איז ער אָנגערוקט איבער די „אויגן״ פון פאַרלאַטעטן מויערל און האַלט אים, אפילו זומער־צייט, אין שאָטן.

דערפאַר, ווען משה׳קעס נייגעריקע אייגלעך האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו דער קאַרגער ליכטיקייט, האָט ער דערזען, אַז עס האָט אים גריילעך געלוינט צו באַקענען זיך מיט דעם פאַרבער׳ס „מלוכה״. ער האָט דערזען מאַשינעס מיט אַ סך וואַלצן און וואַליקעס און רעדער, וועלכע זיינען טייל־ווייז אַרומגעכאַפּט מיט פאַרשמאַלצעוועטע ברייטע פּאַסן. דער פּאַדעשוועדיקער לעדער פון די דאָזיקע פּאַסן איז אָנגעפּיקעוועט מיט קרומע האָבערטשוועקלעך און מיט מיני שטאָלענע שפּיצעלעך און ציינדעלעך. עס זיינען דאָ גרויסע און שיטערע ציינדלעך, מיטעלע און גאָר קליינינקע און געדיכטע, ווי די קורצע האָר אין אַ באַרשט צו פּוצן שטיוול... קומען אָן די דאַרף־גויים פון מאַרק און שלעפּן אַרוים פון די טאָרבעס מיני מיאוסע פעק פון וואַטע, ברודיקע געלבע קאָלטונס האָר און קרויזן און קרויזעלעך, מיט שטרוי און בלאָטע געמישט. הענעך דער פאַרבער שטייט און דרייט דעם הויפּט־וואַליק, און די גויים וואַרפן זייערע קאָלטונס צווישן די גרעסערע וואַלצן, פון סאַמע פאַרנט.

זשעדנע בייסן זיך אריין די דיקע וואַליקעס מיט זייערע טויזנטער קרומע ציינדלעך אין די געוואָרפענע וואַטאַווע שטיקער. זיי פּליקן דאָס אויף פּיץ־פּיצלעך. אַזוי פאַרצוקן זיי זייער „רויב" און גיבן דאָס איבער אין אַנדערע שטאַלענע מיילער, צו אַנדערע וואַלצן מיט קלענערע און געדיכטערע שפּיצלעך. צעקראַצט און צעפּעדעמט ווערט דאָס איבערגעוואָרפן אין נאָך ענגערע שפּאַלטן, צווישן נאָך פלינקערע וואַליקעס. און אײן ציינדלדיקן באַהעלטער אַריין, פון אַ צווייטן ציינדלדיקן באַהעלטער אַרויס. פּאַס צו פּאַס און וואַלץ צו וואַלץ. יעדער איינער מיט זיין טאַקט, מיט זיין געשווינדקייט און מיט זיין קלאַפּעריי. שטאַמלדיקע, פּאַמעליכע, איילקע, געכאַפּטע... אויבן ווערט דאָס נאָך גנקייט און איבערגעקייט און אונטן פאַלט שוין די פּסולת: הערעלעך, שטרויעלעך, מיסט...

לסוף, נאָך אַ צען־פופצן מינוט בערשטלען און קראַצן און קייען און קעמען, גייען די געוועזענע קאַלטונס אַרויס גאָר פון אַן אַנדער זייט, וואַקסן אַן ווי אַ קלאָרער שוים, ווי געשלאָגענע איי־ווייסלען מיט סמעטענע, וואָס די מומע שצערע גרייט צו פאַר אַ גרויסן מילכיקן טאָרט. עס ווערט אַנגעשוואָלן, עס וואַקסט אַן אין אַ וואונדערלעכער גלייכמעסיקער פוכקייט אין אַ, כמעט, אַפּעטיטלעכער געדיכטער שוימיקייט.

און משה'קע שטייט אַ פאַרגאַפטער און קוקט זיך צו. אַ שאַפונג פון גאָר אַן אַנדער מין שפּילט זיך דאָ אָפּ פאַר זיינע נייגעריקע אייגעלעך. נאָר ער ווייסט ניט גענוי וואָס דאָס איז און צוליב וואָס מען דאַרף עס.

די מאַשין שטעלט זיך אָפּ. אַ הערעלע בלייבט ניט צווישן די וואַלצן. אדרבא: די שטאַלענע טויזנטער און טויזנטער קרומע ציינדלעך גלאַנצן נאָך פרישער, נאָך זשעדנער. די אָנגעלאָפענע הורבע מיט ווייסן, וואַליקן שוים וויקלען די גויים צוזאַמען אין איין גרויסן וויכן וואַליק, ווי אַ פאַרביקע מגילה... ווי אײדל עס קייקלען דאָס צוזאַמען זייערע גראָבע אויסגעהאָרעוועטע פינגער! און מיט וואָס פאַר אַ באַזונדערער, פּויערישער מינע זיי פאַרבינדן דאָס אין ריינעם לייוונט און שטופּן דאָס צוריק אין די טיפע טאָרבעס!...

דעם פאַרבער צאָלן זיי אָפּ עטלעכע קאָפּיקעס און גייען אַוועק פרייִלעכער, מיט ווייגנדיקע טריט. עפּעס ווי זיי וואָלטן אַוועקגעטראָגן גאַנצע פּעק מיט ברכה און האָפענונג אויף די געדולדיקע פּלייצעס. אומעטיקע קומען זיי צו גיין און פרייִלעכע גייען זיי אַוועק. זיי זעען, דאַכט זיך, באַשיינפּערלעך, אַז פון זייער פינסטערער פּראַצע אין פעלד און אין שטאַל איז עפּעס געוואָרן. די פינסטערניש האָט זיך אויסגעלייטערט ביים יידן אין דער מאַשין, די פּסולת איז אַראָפּגעפאַלן, און געבליבן איז אין די טאָרבעס אַ גאָר ריינער מאַטעריאַל, פוכקע און קלאָר, ווי אַ וואָלקנדל נאָך אַ שטורעם, ניט אומזיסט, הייסט דאָס, האָט מען אַזוי געהאָרעוועט אין דאָרף...

ב

דער וואונדער, וואס גייט ארויס פון דעם פארבער'ס מאשינעס, איז אזוי גרויס, אז משה'קע פארגעסט אינגאנצן, אז ער איז נאך א ייִנגעלע, און דערצו נאך א ניט־געבעטענער גאסט. ווארים ער שטייט צו צו הענעכן און קלעפט זיך צו צו אים מיט זיינע קינדיש־אומגעלומפערטע שאלות:

— זעט, זעט... וואס איז דאס?

— אוי, אוי! ווי ווערט דאס דא?...

אין קעגנזאץ צו זיין נאענטן שכן, צום בארעדעוודיקן און „זינגענדיקן סטאליאר", האט הענעך דער פארבער ניט ליב צו ריידן. ער איז שווייגנדיק און סומנע און פארשטויבט, ווי זיין פארלאטעטע שטיק חורבה, וואו ער וואוינט. וואסערדיק און מוטנע זיינען זיינע אויגן; סקריפענדיק, ווי א ניט־געבוימלטער וואליק פון זיינע מאשינעס, איז זיין קול; קארג איז זיין לשון. אפנים, די האלב־פארלאטעטע פענסטער פון זיין משונה'דיקער וואוינונג האבן אים אזוי „אנגעסטראיעט" אין לויף פון צענדליקער יארן, אז סוף־כל־סוף איז ער שווייגנדיק און מרה־שחורה'דיק געווארן. די קנייטשן אויף זיין פארעלטערטן פנים האבן זיך פונקט אזוי צעשלענגלט, ווי די אלטע שפאלטן אין די חורבה־ווינקלען און איבערן סופיט. דער מויל אן ציין איז פארדעקט מיט צעוואקסענע וואנצעס אן א באשטימטער פארב, ווי דער מאך וואס וואקסט אויף די פארשטאפטע רינעס, אין עק פון דער בלעכערנער סטרעכע. און זיין מאגערקייט און קאלטקייט דערמאנען אויך די פארלאטעטע געמויערטע ווענט... און ווי נאר די גויים מיט די טארבעס גייען אוועק, אזוי זעצט ער זיך צוריק צו זיין אלטן תהילים, וועלכער ליגט אלעמאל אן אפענער אויפן אלטן טיש, מיט א פאר אלטע שפאקולן אינדערמיטן. ער כאפט ארויף די שפאקולן, און די ליפן הייבן גלייך אן צו שעפטשען דארטן וואו ער איז פריער שטיין געבליבן. משה'קעס זשעדנע שאלות רירן אים ניט. ער הערט זיי אפילו ניט, אדער ער מאכט זיך אז ער הערט ניט. ער כאפט זיך צו צום תהילים און זשוואקעט דאס אזוי געשמאק, ווי דאס וואלט געווען דער עיקר פון זיין גאנצן סומנעם לעבן. די אלע אנדערע זאכן: פרנסה, גויים, מאשינעס, טארבעס מיט געלייטערטע „קאלטונס" — דאס אלץ איז זיך א ביי־זאך, א נודנער צושפיל צום עיקר... ער פרעפלט אין הילכיקן אלטן מויער. זיין יעדער שעפטשען גיט זיך דא אפ מיט א באזונדער שארפקייט. און די קלעפיקע סומנעקייט פארוועבט אים מיט זיין תהילים און שפאקולן אין איין גרויסן שפינוועבס. זשומזשעט ער און זשומזשעט אין נעץ, און קלערט אפילו ניט צו באפרייען זיך פון איר. רופט מען אים צום עסן — גייט ער זיך וואשן; אפגעגעסן — זיצט ער ווייטער ביים תהילים; קומען גויים — דרייט ער די ראד. נאר ריידן רעדט ער ניט. א מאדנער ייִד!

אַנשטאָט הענעך דער פּאַרבער, האָט משה'קעס נייגעריקייט געשטילט הענעכ'ס אַ בחור'ל פֿון אַ יאָר צען. ניסקע האָט ער געהייסן. אַ לעבעדיקער יאַטל איז דאָס געווען, מיט שוואַרצע אַרומלויפנדיקע אויגן און מיט גאָר אַ גרויסן טאַלאַנט צו... קנאַקן מיט דער צונג.

פּונקט ווי די בערג פֿון טיראָל און שווייץ האָבן מיט זייערע ווידער־קולות אַרויסגערופֿן ביי די בערג־פּעלקער דאָס באַרימטע „יאָדלען", אַדער דאָס זינגען מיט שאַרפֿע האַלז־טענער, פּונקט אַזוי האָט מאַנאַזאַנ'ס חורבה מיט איר פּוסטער שטיינערנער הילכיקייט אַרויסגערופֿן ביי ניסקען דעם טאַלאַנט צו קנאַקן מיט דער צונג און צו־צוהערן זיך צום אָפּקלאַנג. ניסקע גיט נאָר קונציק אַ צי אַריין און אַ וואָרף אַרויס די צונג צווישן די ווייסע ציין, און עס גיט גליַיך אַ שאָל, ווי מיט אַ קינדערשן ביקסל אויסגעשאָסן, ווי מיט אַ לאַנגער בייטש פֿון אַ פֿאַסטוך אַ קנאַל געגעבן. ניסקע האָט שוין זיין קונץ באַוויזן ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר זיבן. שוין דעמאָלט האָט ער געפּרואווט נאָכמאַכן דעם ווידער־קול אין טאַטנ'ס סומנעם חורבה־מויערל און עס איז געלונגען. און אַצינד, וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ שטאַרקער וואַקסט דער כוח פֿון זיין צונג. דער הילכיקער קנאַק דערגרייכט שוין צו אַ שאָס פֿון אַ פּיסטאָל.

די גויים, וועלכע קומען צו הענעכן קראַצן וואָל, קענען שוין ניסקע'ס טאַלאַנטן און וואַרעמען אים אונטער:

— אַ נו־קאַ, ניסקע האַרציקער, באַוויַיז וואָס דו קענסט!

און ניסקע לאָזט זיך ניט בעטן:

— קנאַק!

עס הילכט אָפּ צווישן די הויכע אַלטע ווענט מיט אַ טרויעריקן קלאַנג פֿון דער אַמאָליקער געוועזענער גדולה, מיט דער פֿאַרשוואונדענער עשירות פֿון די מאַנאַזאַנס, וואָס האָבן דאָ אַמאָל געוואוינט. און אַצינדער... אַצינ־דער גראַבלען דאָ מייז אין די שפּאַלטן און הענעך דער פּאַרבער האָט דאָ, ווי אַ גרויע שפּין, צעוואָרפֿן די צווינדלדיקע נעצן פֿון זיינע קראַץ־מאַשי־נעס. אין די נעצן פֿאַלן אַריין גויים מיט ברודיקע טאַרבעס און מיט קאַל־טונעוואַטע פּעק... און פֿון זיי ציט ער דאָס זיין חיונה, דער „פּאַרבער".

דער מרה־שחורה'דיקער טאַטע קען אָבער ניט פֿאַרטראָגן דאָס הילכיקע קנאַקן פֿון זיין חומש־בחור'ל, דאָס אַרויסרופֿן די גייסטער פֿון אַמאָליקע טעג, פֿון פּאַר דער שׂרפֿה... שרייט ער אָן מיט זיין סקריפּענדיקן קול, דער קול פֿון אַ ניט־געבוימלטן וואַליק אין זיין מאַשין:

— ניסקע, אַרויס!

און משה'קע וואונדערט זיך, וואָס הענעך דעם פּאַרבער'ס מרה־שחורה'־דיקער אַנשרייען ווירקט אויף ניסקען, ווי אויפֿרייסן אַ טירל אין אַ פֿינס־טערן שטאָל, וואו אַ פֿריילעכע ציגעלע ליגט איינגעשפּאַרט... ניסקע'ס אייג־

לעד צעלויפן זיך מיט א פריילעכן פייערל. ער רוקט זיך ארוים מיט א זייטל, און פארבייגייענדיק גיט ער משה'קען א שושק אין אויער אריין:

— קום, קום!

משה'קע לויפט אים נאך. ארויס אין „זאוואולעק" אטעמען ביידע קינדער אפ אביסל פרייער. אראפגעווארפן פון זיך די סומנעקייט פון פארבער'ס הויז און פון זיין פרנסה... אבער די נייגעריקייט פייניקט נאך משה'קען. ניט־באפרידיקט פון פארבער'ס שווייגן, שטייט ער אצינד צו צו זיין עלטערן חבר:

— זע, ניסקע, אויף וואס דארפן דאס די גויים?

— וואס דארפן זיי? — פארשטייט ניט ניסקע.

— אט די ו ו י י ס ע, אט די ו ו י י ס ע...

— אה, ו ו א ל מיינסטו? — כאפט זיך ניסקע — דאס קראצן זיי וואל, די גויים. מען שערט דאס פון שעפסן און מען קראצט זיי דאס ביי אונז. די מאשינעס האט דער טאטע אמאל אויסגעשריבן פון אויסלאנד... פון די אויסגעקראצטע וואל שפינען די גויות פאדעם. דערנאך וועבן זיי דערפון „אלינקע זאכן" אין דער וועלט — קליידלעך און לייבלעך און מאגערקעס... נו, איצטער וויסטו שוין?

זיין באהאוונטקייט אין וועלטלעכע זאכן באשטעטיקט ניסקע מיט א נייעם קנאק מיט דער צונג. דא, אין „זאוואולעק", לעבן די ברייטע גערטנער, קלינגט דאס א סך שוואכער, ווי אין מויערל; אבער פריילעכער. ניטא מער די פארסודעטקייט, דער אפקלאנג פון אמאליקע יארן... ווי א קנאק פון א באלעגאלישער בייטש אויף פרייע שליאכן הערט זיך דאס אן. און משה'קע כאפט אונטער דעם נייעם טאן און ווערט נתפעל:

— זע, ניסקע, ווי אזוי מאכסטו דאס?

און ניסקע לערנט אים און לערנט אים „ווי אזוי צו מאכן" און לאכט דערביי. ער ווייסט, דער חברה־מאן, אז קיין יינגל אין דער וועלט קען דאס אים ניט נאכמאכן. און משה'קע לערנט זיך און לערנט זיך און עס קומט ביי אים טאקע גארנישט ניט ארויס. אז מען שמועסט — א טאלאנט ליגט אין ניסקע'ס צינגל, א ברכה פון רבונו של עולם אליין!

און פונדעסטוועגן גלוסט זיך משה'קען צומארגנס די זעלבע גלוסטעניש נאכאמאל אפצו'טובל'ען זיך אין דער סומנעקייט פון הענעכ'ס „קראַצארניע". אזוי ווי שמחה דעם סטאליאר'ס ווארשטאט, איז הענעכ'ס הויז געווארן איינע פון משה'קעס ערטלעך, פונוואנען ער ציט זיין גייסטיקע חיונה, וואו ער טרייסט זיך נאך אלע פארפאלגונגען פון קינדער און פארגעסט די פאראכטונג פון דערוואקסענע. די מענטשלעכע ארבעט, די מענטשלעכע איינפאלן, וואס זיינען פארקערפערט אין אזויפיל קונציקע וואלצן

מיט ציינדלעך, ברענגען אים יעדעס מאָל אַריין אין נייער התפּעלות. ווי אין דעם ערשטן טאָג, ווען ער איז אַריבערגעטראָטן דעם פּאַרבער׳ס שוועל, אַזוי עסט ער אַלע טאָג מיט די לעבעדיקע בלויע אויגן דאָס גוואַלדאַוונע טועכץ, וואָס דאָ ווערט אָפּגעטאָן; ווי אין עטלעכע מינוט ווערט פון שווערע שטיקער מאַטשאַלקעס און פון ברודיקע שעפּסענע קאַלטונס אַזאַ מחיה׳דיקע, אויפגעברויזטע מאַסע פון לייכטע פוכקע וואַטע.

ניט קענענדיק אַליין פאַרדייען אַזויפיל געפילן, האָט ער שטילערהייט אַריינגעפירט צום פאַרבער אויך דאַנקען דעם יתומ׳ל, ווייגדער דעם שכנ׳ס מיזיניק, מיט וועמעס חבר׳שאַפט ער מוז זיך באַהאַלטן פון אַלעמענס אויגן... עס האָט זיך אים מורא׳דיק פאַרגלוסט דאַנקע זאָל אויך הנאה האָבן פון אַזאַ וואונדער.

דאַנקע שטייט אַ בלאַסינקער און באַטראַכט די גאַנצע מאַשינעריע, מיט די גויים, מיט הענעכן. זיינע אייגלעך זיינען פאַר׳חלומ׳טע... שפּעטער פאַרטרויט ער משה׳קען אַ סוד, אַז... הענעך דער פאַרבער איז אַ בייזער ייד... ער איז שטענדיק ברוגז, און אַלע גויים, וועלכע קומען צו אים קראַצן וואָל, הייסט ער באַצאָלן אָפּריער, נאָך איידער זיי פּאַקן אויס זייערע טאָר־בעס...

— ווייסט, משה׳קע, — מאַכט ער — אַז מיר׳ן זיין גרויס, וועלן מיר אויך קויפן אַ מאַשין אַזאַ און מיר׳ן אַלע גויים קראַצן וואָל אומזיסט... ווער עס וויל.

משה׳קע איז מסכים.

דער נחת־רוח וואָס מען האָט פון אַזאַ אַרבעט, איז באמת גרויס. עס צאָלט אָפּ די גאַנצע טרחה... נאָר אין האַרצן איז ער פּאַרט פּראַקטישער ווי דער בלאַסער יתומ׳ל. אין האַרצן טראַכט ער, אַז דאַנקע איז זעהר אַ גוטער ייִנגעלע, אָבער אַ שטיקל יאָלד. קראַצן וואָל איז זיך זעהר אַ פיינע זאַך, און לאָזן באַצאָלן די גויים פאַר דער טרחה איז אויך ניט מיאוס. בפרט אַז פאַר מזומנ׳ע קאָפּיקעס קען מען קויפן אויפן מאַרק אַלץ... אַלץ וואָס מען וויל, אין אַלע קראָמען, אין אַלע קרעמעלעך און ביי אַלע טישלעך.

זלאַטע „עירוב־תבשילין"

א

מיט די קראַץ־מאַשינעם פונם „פאַרבער" ענדיקט זיך ניט די וועלט. ווען משה'קע נודיעט זיך איינער אַליין, האָט ער נאָך אַ שטוב וואו צו פאַרברענגען. דאָס איז די דריטע הייזקע נאָך וויגדער'ס גאַנעק, אין דער צווייטער שורה'לע הייזער פון זאַוואָולעק.

ס'איז אַ נידעריקע הייזקעלע מיט צוויי פענסטערלעך צום זאַוואָולעק און מיט אַנדערע צוויי פענסטערלעך צו דער שול־גאַס. און פאַרקוועטשט איז דאָס הייזקעלע צווישן דעם מלמד פון „טשאַסניק" און צווישן שימעלע דעם סופר'ס הייזקע. די פענסטערלעך זיינען אַזוי נידעריק, אַז די שוועלן זייערע ליגן אָנגעלענט אויפן סאַמע פלאַך פון זאַוואָולעק. דאַכט זיך דערפאַר, אַז די הייזקע ליגט איינגעזונקען „ניין איילן אין דער ערד"... זומער־צייט זיי־נען די פענסטערלעך אָפן. ביי איין פענסטערל זיצט אַלעמאָל אַן עלטערע יידענע, זלאַטע הייסט זי, מיט אַ זיידענעם טיכל איבערן געגאָלטן קאָפּ און מאַכט אַ זאָק. פינק־פונק — לויפן די שפּיזלעך, און זלאַטע'ס מויל שעפּ־טשעט און ציילט די „אויגן"... דורכן אָפענעם פענסטער, איבער זלאַטע'ס קאָפּ, שווימט אַ געזאַנג. דאָס זינגען זלאַטע'ס שכנים, די וועבער, ביים טרעטן די וויג־העלצער פון זייערע וועב־מאַשינעס. זען זעט מען זיי ניט, די שכנים. זיי אַרבעטן הינטער אַ ווענטל, ביי די אַנדערע צוויי פענסטער־לעך, צו דער שול־גאַס, נאָר זייערע זיסע קולות הערט מען יאָ. ציק־צאָק — ציק־צאָק שיסט דאָס וועב־שיפעלע און די וועבערטע ציט פאַרבענקט:

אויפן פריפעטשאָק ברענט אַ פייערל
און אין שטוב שטייט אַ פאַרע, —
אַז איך דערמאָן מיך מיינע יונגע יאָרן
פאַלט אויף מיר אָן אַ כמאַ־אַרע...

פאַרדריסט דאָס דעם וועבער. וואָס האָט זי, זיין יונג ווייבל, צו בענקען אַזוי? קיין פאַרזעסענע מויד איז זי דאָך ניט. פרנסה איז, געלויבט דער אייבערשטער, אויך דאָ... שלאָגט ער איבער מיט אַן אַנדער לידל, פון אַ מכלומר'שט אומגליקלעכער פאַרליבעניש, און צעציקלט זיך הפקר'דיק:

אזוי ווי א קאַ־וואַ־וואַץ (אַ קאַץ)
לעקט סמע־עטענע,
און ווי אַן אינדיק
שלינגט האַלקעס,
אַזוי איז מיין ליִ־ווִ־בע (ליבע)
צעקראַכן געוואָרן,
ווי בוימל אויף וואַסער — —
טראַ־ראַם — טראַ־ראַם...

און ביידע, דער וועבער און די וועבערשע, צעלאַכן זיך הינטער דער ווענטל הויך אויפן קול, דאָס שטאַלענע שיפעלע שטעלט זיך אָפּ און באַלד שיסט ער אויך אוים מיט אַ שניידנדיקן געלעכטערל:

— ציק־צאַק, ציק־צאַק, ציק־צאַק.

סיי די טרויעריקע, סיי די פריילעכע לידלעך פון אירע שכנים, סיי זייער הילכיקער געלעכטער רייסט ניט איבער זלאַטע'ס חשבון. די ליפּן אירע באַוועגן זיך אין דער שטילער אומענדלעכער תפילה פון ציילן „אויגן", און די שפּיזלעך לויפן. אַנשטאָט קוקערס האָט זלאַטע שפּעלטעלעך, און די אויגן־פּאַרטעכלעך זיינען שווער און פויל. פאַררייסט זי דערפאַר דעם באַטיכלטן קאָפּ, ווען זי דאַרף אַ קוק טאָן. ס'איז איר לייכטער ווי אַ הייב טאָן אַן אויגן־לעפל. אַלעמאָל, ווען משה'קע קיווע'ס האָדולניק, גייט צו צום אָפענעם פענסטערל, פאַרוואָרפט זי דעם קאָפּ מיט ביידע אומבאַוועגלעכע שפּעלטעלעך:

— משה'נקע, דו?

— איך, באַבע!

— וואָרט, וואָרט, משה'נקע! איין ווייִלעטשקע...

פון דער פּראַקטיק, ווייסט משה'קע, אַז „וואָרט־וואָרט" הייסט — אַ געבאַקטער עפּל. וואָרט ער.

לאַנג וואַרטן קומט אים קיינמאָל ניט אוים. לעבן דער באַבע זלאַטעס שטייט אַלעמאָל אַ סקאָווערדע מיט אַ סך געבאַקטע אָפּפאַל־עפּעלעך. זי האָט ליב, די אַלטע, צו כאַפּן אַ ווייכן קיי בשעת מאַכן אַ זאַק. עסן, זאָגט זי, רויע עפּל האָט זי מער קיין ציין ניט... שטרעקט זי אוים אַ ווייכינקע פּעטינקע הענטל און טאַפּט, ניט־אומקוקנדיק זיך מיט אירע פוילע אויגן־שפּעלטעלעך, און טאַפּט אריין אין סקאָווערדע.

אין אַ מינוט אַרום נאַגט שוין משה'קע אַ געבאַקט עפּעלע, און זלאַטע הערט זיך צו מיט אַ נחת'דיקן שמייכעלע ווי ער זשוואָקעט, און ציילט אירע „אויגן"... זאַקן שטריקט זי פון האַרטן פּאָדעם, וואָס זי אַליין פאַרבט אָפּ, אַמאָל בלוי, אַמאָל רויט, אַמאָל פּאָפּעליאַטע. די פּאָדעמנע זאָקן אירע שיקט זי אירע קינדער און איינעקלעך קיין אַמעריקע. „אויך מיר, זאָגט

זי, זאָקן אין אַמעריקע!"... די קינדער שרייבן איר, אַז דאָרטן טראָגט מען זיידענע. איינמאָל אַנגעטאָן און אַ צווייטן מאָל ארויסגעוואָרפן... אַ שיינער תּכלית!... זעט זי צו, די שקלאָווער באָבע, אַז קיין געלט זאָל ביי די אַמעריקאַנער קינדער ניט גיין אין ניוועץ און שיקט זיי פּאָדעמנע זאָקן...

בעטן זיך ביי איר די קינדער, זי זאָל מער ניט שיקן. ווייל אַזעלכע גראָבע זאָקן טראָגט מען דאָרט ניט. נאָר זלאַטע פאָלגט ניט און שיקט. אויב, שרייבט זי, די טאַטע־מאַמעס שעמען זיך מיט שקלאָווער זאָקן, וועט דאָס אפשר זיין גוט פאַר די אייניקלעך... אדרבא, זאָלן ז י י אַמאָל אויספּרוּוון אַ שקלאָווער זאָק און זאָלן זיי איר שרייבן, צי עס רייסט זיך צי ניט...

אַ גוטסקייט ליגט אויסגעלייגט אויף זלאַטע'ס ווייסן פּנים און אַן אומעט אין די אויגן־שפּעלטעלעך. אַ נאָמען האָט זי אין זאַוואָלעק פאַר אַ נאַרעשעוואַטע. זלאַטע „עירוב־תּבשילין" רופט מען זי אונטער די אויגן. מען דערציילט וועגן איר, אַז נאָך איר חתונה־האָבן איז זי געוועזן ישוב'ניצע אין דאָרף און דער מאַן אירער פלעגט אַפּטמאָל אַוועקפאָרן אויפקויפן גויעשקע רויע סחורות אין די אַרומיקע דערפער. איז אַט, איינמאָל ווען זי איז געבליבן אַליין אין שטוב, איז מיטן אַקס אַנגעקומען אין דאָרף אַ שיינער ייד מיט לאַנגע געגרייזלטע פּאות און מיט פלאַמענדיקע אויגן און איז פאַרפאָרן צום יידישן ישוב'ניק. דערזען אַזאַ באַ'טעמ'טע דיקע ישוב'ניצע איינע אַליין, האָט דער שיינער ייד גענומען אומגיין איבערן שטוב, מכלומר'שט זעהר פאַרזאָרגט.

— טצ... טצ...! — האָט ער גענומען שמונצערן מיט די פרומע ליפּן — אַ יידישע שטוב און אַן „עירוב־תּבשילין"? סטייטש!

זלאַטע די ישוב'ניצע איז בלאַס געוואָרן. נאָכפאָלגנדיק מיט הייליקן שרעק די האָוואַיעס פון שיינעם יידן, האָט זי גענומען שטאַמלען:

— עירוב... עירוב־תּבשילין? אפשר מיינט דער רבי „מזוזות"? ערשט דאָ ניט לאַנג האָט זיי דער „סופר" דורכגעקוקט...

— וואָס רעדט איר, וואָס? — מאַכט דער גאַסט מיט האַרץ — ווי קען מען פאַרגלייכן?...

— אפשר וועט דער רבי עפּעס צוביסן? — וויל אים די ישוב'ניצע אַפּשוואַכן דעם הייליקן כעס — וועל איך גרייטן צום טיש.

אָבער דער גאַסט שפּרייזט אַרום איבערן שטוב און צופּט זיך די שיינע באָרד:

— וואָס עסן, ווען עסן? ווער קען דאָס עסן אין אַזאַ שטוב? מ'מוז פריער לייגן אַן „עירוב־תּבשילין"...

דערהערט אַזאַ לשון מיט אַזעלכע געהיימניספולע ווערטער, האָט די ישוב'ניצע אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם קאָפּ. „זי הייבט ניט אָן, שטאַמלט זי,

צו וויסן, ווי אזוי מען לייגט דאס... נאר, אדרבא, זאל איר נאר דער הייליקער רבי ווייזן ווי מען לייגט אן „עירוב־תבשילין", וועט זי דאס לייגן גלייך אויף אן ארט, וועט זי..."

האט איר דער שיינער ייד געוויזן, אלץ ווי עס געהערט צו זיין. דערנאך אפגעגעסן און אפגעטרונקען און אוועקגעפארן.

פארנאכט, ווען דער ישוב'ניק קומט אן פון וועג, לויפט אים זלאטע ארויס אקעגן און זאגט אים אן א ווילדע בשורה, אז אט... א פרעמדער ייד איז דא געווען, געקושט די „מזוזות", געגעסן און געטרונקען, געבענטשט און געלייגט אן „עירוב־תבשילין"... ניין, פארקערט, אפריער האט ער געלייגט אן „עירוב־תבשילין", דערנאך ערשט האט ער, אן עין־הרע, געגעסן און געטרונקען... און אן „עירוב־תבשילין" האט ער קיין ביסן אין מויל ניט געוואלט נעמען...

— וועלכער „עירוב־תבשילין"? — לופעט אוים דער ישוב'ניקביידע אויגן — וואס פארהאקסטו מיר א קאפ מיט דיין „עירוב־תבשילין"? ווי אזוי האט דאס דיין שיינער ייד אינמיטן וואך געלייגט דעם „עירוב־תבשילין"?*)

אבער וואס ווייטער איז געשען האט זי אים ניט געוואלט דערציילן...

ב

זלאטע אליין לייקנט שטיין און ביין. א פרעמער ייד, זאגט זי, איז טאקע איינמאל פארפארן צו איר אויפן ישוב, געגעסן און געטרונקען האט ער אויך, נאר קיין „עירוב־תבשילין" האט ער ניט געלייגט. ס'איז אפילו קיין רייד ניט געוועזן פון אן „עירוב־תבשילין"...

נאר אז אקט מיט די שכנים אין זאוואלעק און אין די ארומיקע גאסן! וואס מער זלאטע לייקנט דאס אפ, אלץ מער רופט מען זי „עירוב־תבשילין". אז זי לייקנט די גאנצע מעשה, שמייכלט מען, און אז זי דערציילט ווי זי שיקט זאקן די קינדער אין אמעריקע, שמייכלט מען אויך. אלעמאל דער זעלבער געזאלצענער שמייכעלע.

ערנסטער פון אלעמען באציט זיך צו איר משה'קע, קיווע'ס האדולניק. זי האט שוין, זינט א צייט, אפגעקויפט זיין הארץ מיט אירע מאלינע־ווייכע, מיט צוקער און צימערינג געזיסטע און געבאקענע עפעלעך. און יעטוועדער מאל, ווען משה'קעס הארץ ווערט אויף דאס ניי דערוואַרעמט פון זלאטע'ס

*) כדי צו מעגן קאכן פון יום־טוב אויף שבת, באהאלט מען אין פרומע יידישע הייזער א שטיקל געקעכטס, ביז מען גרייט־צו אויף שבת. דאס הייסט לייגן אן „עירוב־תבשילין".

כיבוד, קוקט זי אים ליבלעך אָן מיט אירע אויגן־שפּעלטעלעך און בעט זיך ביי אים:

— זעץ זיך, משה'נקע, וואָס טויג דיר אַזויפיל אַרומצולויפן? ניט גע־זונט, משה'נקע, אַזויפיל אַרומצולויפן...

צוליב באַקוועמלעכקייט לאָזט זיך משה'קע אַראָפּ אויפן נידעריקן שוועל פון איר אָפענעם פענסטער, די באָרוועסע פיסלעך פאַרוואָרפט ער צו איר אין שטוב אַריין און לאָזט זיי דאָרטן אַראָפּהענגען. מיטן רוקן צום זאַ־וואולעק באַמבלט ער אַזוי מיט די פיסלעך אין די שאָטנס פון זלאָטע'ס הייזקע ווי אין אַ קילער וואַנע, באַמבלט און האָרכט. זי ציילט „אויגן" און רעדט אויס דאָס אַלטינקע האַרץ. אַ רעד און אַ מאַך די זאַק. קייטלען זיך ביי איר אַזוי קיילעכדיקע ווערטער און קיילעכדיקע רעדעלעך פאָדעם. די בלאַנקע שפּיזלען פּערלען זיי ביידן דורך. און אַלע ווילע הייבט צו אים די זאַקנמאַכעריין אויף איר געגאָלטן, מיט זייד באַטיכלטן קאָפּ, כדי ניט מטריח זיין די פּעטע אויגן־שפּעלטעלעך:

— אוי, הערסטו משה'נקע? גוט... באַמבל ניט מיט די פיסלעך! פאַר־וואָס, משה'נקע, קענסטו אַ רגע'לע ניט איינזיצן רואיק?... מיינע קינדער־לעך, משה'נקע, מיינע קינדערלעך אין אַמעריקע, געזונט און שטאַרק זאָלן זיי מיר דאָרטן זיין, שעמען זיך מיט דער אַלטער מאַמען... גערט שיקן זיי מיר אפילו, נאָר צו זיך קיין אַמעריקע נעמען זיי מיך ניט... שעמען זיך מיט מיר... משה'לע, דו מיט דיין מאַמען וואָלסט זיך אויך געשעמט?...

— איך? — דערשרעקט זיך משה'קע און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ — איך... האָב ניט קיין מאַמען.

— ווער האָט דיר דאָס געזאָגט? — הייבט אויף זלאָטע די אויגן־שפּעל־טעלעך מיט גרוים מי — אַ קינד זאָגט מען ניט אַזעלכע ווערטער. שלעכטע מענטשן! די זעלבע וואָס קלערן אויף מיר אוים ניט־געשטויגן ניט־גע־פלויגן... עפּעס תבשילין־סמאַפּשילין... זאָל איך אַזוי וויסן פון שלעכטס, משה'נקע!...

שווייגט מען אַ ווײַלע. זלאָטע ציילט די „אויגן" אין זאָק און משה'קע קוקט אָן אַ זייט. נאָר פון מיטן שעפּטשען זיך מיט די פּאָדעמנע „אויגן" שטייגט ווייטער אויף זלאָטע'ס קול, און אַ טרויעריקע גוטסקייט צעגיסט זיך איבער איר פעטלעכן פּנים:

— פּונקט ווי דו, משה'לע, זיינען דאָ מיינע קינדערלעך אַרומגעלאָפן. אַפּריער אין דאָרף, דערנאָך — דאָ אין זאַוואולעק. ווי נאָר געקומען פון חדר, איז געכאַפּט און אויסגעטאָן די שטיוועלעך און אַרומגעלאָפן באָר־וועס. ניט געקענט צוגעוואוינען זיך צו שיך. בשום־אופן ניט, שטענדיק געקלאָגט זיך, אַז עס קוועטשט... כע־כע־כע... אַזעלכע שקצים, וואָס זאָגסטו, משה'לע? דו זאָגסט עפּעס?

— איך זאָג גאָרנישט...

— גאַרנישט? נו, גוט, נו. איז אַט זעסטו דאָך, זיינען זיי זיך צעפּאָרן און צעלאָפן זיך. אַ לויפעניש איז ביי זיי געוואָרן קיין אַמעריקע. ווי נאָר דער טאַטע עליו־השלום האָט פאַרמאַכט די אויגן... בין איך געבליבן איינינקע אַליין. געקענט חתונה האָבן נאָכאַמאָל און לעבן ווי גאָט האָט געבאָטן. נאָר כ׳האָב ניט חתונה געהאַט, חס־ושלום! געמיינט אַלע די קינדערלעך וועלן מיך אַריבערנעמען קיין אַמעריקע, און אַט! דערוואַרט זיך... אַז אַלטע יידענע געוואָרן. אַז אַלטע באָביצע. ווער דאַרף מיך? אייגענע קינדערלעך שעמען זיך מיט מיר... וואָס וואָלט זיי, דאַכט זיך, געפעלט ווען איך בין מיט זיי צוזאַמען?... אַפּנים די שנורן. אַמעריקאַנער שנורן. קיין שייטל יידיש קענען זיי ניט, משה׳לע, מיין גאָלד. ווען זיי שרייבן אַמאָל אַ געריס, איז דאָס קאַטשערעס מיט לאַפּעטעס. אַז אות צו אַז אות קלעפּט זיך ניט... איז וואָס זאָגסטו צו אַזאַ זאַך, משה׳לע?

— איך? איך... איך זאָג גאַרנישט.

— גאַרנישט? נו, גוט, נו!... קיינער, ברוך־השם, זאָגט גאַרנישט. וואָס מאַכסטו אַזוי מיט די פיסלעך! גענוג דיר צו באַמבלען מיט די פיסלעך, משה׳נקע! עס שווינדלט מיר פאַר מיינע אַלטע אויגן. כ׳האָב פאַרלוירן די צאָל פון די „אויגן". וואָרט אַ ווייליקנע: עלף, צוועלף, דרייצן, פערצן... און פון דער אַנדערער זייט: זיבעצן, אַכצן, ניינצן...

משה׳קע הייבט זיך אָן צו נודיען, פאַלט ער איר אומישנע אַריין אין חשבון מיט אַ קלאָץ־קשיא:

— ע... זאָגט, באָבע, פאַרוואָס רופט מען אייך „תבשילין"? וואָס איז דאָס עפּעס?...

דאָס גיסט זלאַטען אָפּ ווי מיט אַ פליוך קאַלט וואַסער. אירע פעטע אויגן־שפּעלטעלעך עפענען זיך אויף. בלוילעך מוטנע אייגעלעך גיבן אין די שפּעלטעלעך אַ שימער מיט פאַרדאַכט און מיט שרעק פון אַ פאַריאַגטער חיה:

— משה׳נקע, דו אויך? טפו, טפו! ס׳איז אַ מיאוסער וואָרט. שונאים האָבן אויסגעטראַכט. כ׳זאָל אַזוי ניט וויסן פון שלעכטס און אַנגסט, ווי איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן. מיינע אייגענע קינדער האָט מען דערמיט פאַר׳סמ׳ט... שעמען זיך מיט דער אַלטער מאַמען... דרייצן, פערצן, פופצן... זעכצן...

ג

משה׳קע זעט אַז זלאַטען איז פאַריקרע פון מיאוס׳ן וואָרט, אַזוי ווי אים אַליין ווען מען שרייט אים נאָך „ממזר". שווייגט ער און גיט איר צייט איבערצובייטן דעם שמועס. און זי בייט אים טאַקע באַלד איבער:

— עלף, צוועלף, דרייצן, פּערצן. איז הערסטו דאָך, משה'נקע, שיק איך זיי זאָקן, מײַנע קינדערלעך. פּאָדעמנע זאָקן. ניט די פּאַרב קריכט אָפּ, ניט עס רייבט זיך דורך. אַ פּאָדעמנע זאָק קענסטו טראָגן און וואַשן אַבי געזונט! אָבער עס געפעלט זיי דאָרטן ניט... זיי האָבן מיר שוין אַ פּאָר מאָל געשריבן, איך זאָל מער ניט שיקן. אַ סימן, וואָס פּאָר אַ אידעלע פּיס זיי האָבן דאָרטן אין אַמעריקע — האָבן זיי מיר איינמאָל געשיקט אַ פּאָר זײַדענע זאָקן... דין ווי שפּינוועבס. אין אַ פּאַפּירענעם קאָנווערט איז דאָס מיר אָנגעקומען, ווי אַ בריף. העז זאָקן! האָב איך אויף טשיקאַוואָסט געוואָלט אָנטאָן די אַמעריקאַנער זאָקן, איינמאָל יום־טוב אינדערפרי, געוואָלט ווײַזן זיי אין דער ווײַבער־שול. נאָר צו גיין מיט זיי אין שול איז, ברוך־השם, ניט אויסגעקומען. ווי נאָר איך האָב געגעבן דעם ערשטן צי־אַרויף האָבן זיי געפּלאַצט אין נאָט; דערנאָך זײַנען אַרויסגעקראָכן די פּינגער... אויך מיר זאָקן! אפילו וואו זיי בלייבן גאַנץ דאָרטן זעען די פּיס אויס אדם־נאַקעט. אַ חרפה און אַ שאַנדע! אויף אַזעלכע זאָקן דאַרף מען האָבן אַ טיפּע קעשענע און אַ סך צייט צו צירעווען זיי צען מאָל אין טאָג און פונדעסטוועגן בלײַבט מען באָרוועס... און וואָס מיינסטו, משה'נקע, האָבן זיי מיר אָפּגעענטפערט? ניטאָ־שטאָ וואָס די אייניקלעך, אפילו די דינסט־מיידלעך טראָגן דאָ זײַדענע זאָקן. מיר זאָלן די שקלאָווער פּאָדעמנע זאָקן, שרייבן זיי, אָוועקשענקען אונזער שוואַרצער קעכין, וועט זי זיך אויך שעמען אָנצוטאָן... אין אַמעריקע ווייסטו, משה'נקע, זײַנען אַלע קעכינס שוואַרצע, ווי מיט סאַזשע אויסגעשמירט; אַזוי ווערן זיי דאָרטן געבאָרן...

משה'קע קנייטשט אָז זײַן קינדערש שטערן און באַטראַכט אַ ווײַלע דעם ענין:

— הײַנט צוליב וואָס, באָבע, מאַכט איר ווײַטער זאָקן?

— וואָס דען זאָל איך טאָן? — הייבט זלאַטע אויף אירע אומעטיקע אויגן־שפּעלטעלעך — גאָט איז מיט דיר, משה'נקע מײַן גאָלד? די אויגן מײַנע לײַכטן מיר ניט מער. אַ תחינה לייענען קען איך ניט. די פּיטשעמאַנטשיקע אותיות'לעך עסן מיר אויס מײַנע שוואַרצאַפּלען. אַ זאָק מאַכן טרעף איך אויסווייניק. איך גיב אַ טאַפּ מיט איין פּינגער. כאַפּ איך דעם טעות. אין איין „אויג” אפילו... ציינער האָב איך אַמאָל אויך געהאַט... מאַלע וואָס. אַצינד קען איך קיין רויע פּרי אין מויל ניט נעמען. עס איך דערפּאַר געבאַקטע עפּעלעך... ווילסט אפשר נאָך אַן עפּעלע? נעם, משה'נקע, שעם זיך ניט. איך וועל דיר העלפן. מיר איז שוין, שונאי־ישראל, ביטער געוואָרן אין האַלז רעדנדיק. אַז איך דערמאָן זיך ווי איך בין עלנט אויף דער וועלט, ווערט מיר גלײַך ביטער און פינסטער...

אָטכאַיעט זיך מיט אַ געבאַקט עפּעלע, קערט זיך זלאַטע „עירוב־תבשילין” אום צו איר זאָק און צו איר איבערגעריסענעם שמועס. משה'קע קוקט זיך

ארום, ער וויל אַ שפּרונג טאָן און אַנטלויפן פון דער נודאַטע. נאָר זיין אויערל דערכאַפּט גלייך אַ וואָרט וואָס רירט אים אָן אַן אַנגעווייטיקטן פינ־טעלע אין האַרצן, און ער בלייבט זיצן.

— פאַראָן — מאַכט זלאַטע — אַזאַלכענע עלטערן וואָס וואַרפן אַוועק זייערע קינדער און פאָרן אַוועק קיין אַמעריקע. ביי מיר איז פאַרקערט, משה'נקע, מיינע קינדערלעך —

— זעסט, באָבע, —שלאָגט איר משה'קע פּלוצלינג איבער — מיין טאַטע און מאַמע זיינען אויך אין אַמעריקע?

מיט אַנשטרענגונג הייבט זלאַטע אויף דעם באַטיכלטן קאָפּ, און אין אירע אויגן־שפּעלטעלעך שפּיגלט זיך אָפּ אַ קינדערשער פּנים'ל, מיט שטרענגע מויל־ווינקלען און מיט אַנגעכמורעטע רויטלעכע ברעמען. די אייגלעך זיינען שאַרף און דורכדרינגענדיק. די קינדערשע ליפּן זיינען פאַרשנירט.

— האַ? דיינע?... — צעטומעלט זי זיך — ווי האָסטו געזאָגט?

— מיינע טאַטע־מאַמע זיינען אויך אין אַמעריקע?

— אפשר, משה'נקע... מן־הסתמא... וואָס עפּעס מיטאַמאָל?... דיין מומע שצערע און פעטער קיווע, אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי זיי זיינען אַ סך בעסער ווי אַנדערע מאַמעס־לויפּערקעס וואָס... וואָס אַוועקוואַרפן אַ לעבעדיק קינד אונטער אַ גאַנעק איז ביי זיי — ווי ביי מיר אַ ווערעמדיק עפּעלע אַוועקוואַרפן...

— מיין מאַמע האָט מיך אויך אַזוי אַוועקגעוואָרפן?

— טפו, טפו! וואָס דרומלט זיך דיר אין קאָפּ, משה'נקע? נאָר אַזאַלכע מאַמעס זיינען פאַראַן... וועסט עלטער ווערן, וועסטו וויסן.

משה'קע טראַכט אַ ווײַלע. אַן אָקט מיט די דערוואַקסענע מענטשן! אַלע ליגן זיי אים אָפּ אויף שפּעטער. אַלע קשיות — אויף שפּעטער. אים גלוסט צו וויסן אַלץ... אַלץ וואָס מען באַהאַלט פון אים. נאָר ער מוז וואַרטן און וואַרטן.

— באָבע, — גיט ער האַסטיק אַ זאָג — אַז איכ'ל ווערן עלטער, וועל איך אויך פאָרן קיין אַמעריקע...

— וועסט אויך פאָרן?... וואָס וועסטו דאָרטן טאָן?

— כ'וועל דאָרט זוכן מיין מאַמען, מיין אמת'ע מאַמע...

— זוכן וועסטו?... דיין אמת'ע מאַמע?... זיבעצן, אַכצן, ניינצן... מיר פאַר דיין קעפּעלע, משה'נקע, אַ חכם ביסטו! נאָר בלייב שוין בעסער דאָ. אין אַמעריקע איז שלעכט צו לעבן. מען אַרבעט דאָרטן אום שבת. היינט איז דאָרטן גלאַט שלעכט. דאָ איז נאָר דער פּריסטאַוו אַ שונא־ישראל. דאָרטן זיינען זיי אַלע רשעים. פאַר אַ טרונק בראַנפן וועסטו די דאָרטיקע גויים ניט אָפּקויפן. פאַר יעטווועדער גנבה'לע, וואָס מען גנב'עט, הייסט מען דאָרטן אַ קוש טאָן אַן אייזערנע שיקסע... אַ שיקסע אַזאַ איז דאָרטן

געמאַכט פון הוילע אייזן. אַ קראַסאַוויצע... נאָר ווי מען גיט איר אַ קוש, עפנט זי אויף אַן אייזערנעם מויל און בייסט אָפּ דעם קאָפּ. אָט וואָס אַמעריקע איז...

משה'קע איז דערשיטערט פון אַזאַ רשעות. ער קלערט אַ מינוט, דערנאָך זאָגט ער זעהר אַנטשלאָסן:

— איכ'ל... איכ'ל קיין מורא ניט. אַז איכ'ל זיין גרוים, וועל איך פאָרן...

— וועסט פאָרן, וועסט פאָרן! — גיט זלאַטע נאָך — איך וועל שוין ניט פאָרן, משה'נקע מיין גאָלד. אָבער דו וועסט פאָרן. מ'קען פאָרן און קומען צוריק. איך בעט נאָר ביי גאָט, איך זאָל דערלעבן באַגלייטן דיך צום פּאַרעכאָד. קיין גרויסע פעקלעך וועל איך דיר ניט מיטגעבן, נאָר אַ האַלבע טוץ פּאָדעמנע זאָקן פאַר מיינע קינדער וועסטו שוין מוזן נעמען... איין טוץ נאָר. זאָלן זיי דאָרטן פאַרנוצן געזונטערהייט. וועסט דאָס נעמען, משה'נקע?

משה'קע עפנט אויף אַ פּאָר בלויע פאַרוואונדערטע אויגן: ווייטער זאָקן? אַלץ גייט ביי איר אוים צו זאָקן, ביי דער באָבע זלאַטען: —

— כ'על נעמען, כ'על נעמען, באָבע!

און אין האַרצן טראַכט ער, אַז זי איז טאַקע נאַרעשעוואַטע. און אפשר איז אַן אמת, וואָס מען דערציילט, אַז זי האָט זיך באַנאַרישט מיט אַן „עירוב־תבשילין"... אין וואָס די נאַרישקייט באַשטייט ווייסט ער ניט. אַז ער וועט עלטער ווערן, וועט ער דאָס מסתמא אויך וויסן.

פון הינטער דער ווענטל אין זלאַטע'ס הייזקע שאַלט אויף דעם וועבער'ס קול, וועלכער סטאַרעט זיך איבערזינגען דעם ווייבערשן:

אַזוי ווי אַ קאַ־וואַ־וואַץ (אַ קאַץ)
לעקט סמע־טע־נע,
און ווי אַן אינדיק שלינגט האַלקעס...

משה'קע באַנוצט זיך מיטן הפקר'דיקן געזאַנג, וועלכער פאַלט פּלוצלינג אַריין אין זלאַטע'ס בנעימות'דיקע רייד, און איר נודנע ציילעניש פון „אויגן"... מיט איין פלינקער באַוועגונג וואַרפט ער אַריבער די אָראַפּגעהאַנגענע באַרוועסע פיסלעך איבערן פענסטער־שוועל צוריק אויף דער גאַס. האָפּ! אַ שפּרונג און געמאַכט פיס. ער אַנטלויפט פון זלאַטע'ס זאָקן ביז אַ צווייטן מאָל. און דעם וועבער'ס הפקר'דיק געזאַנגעלע יאָגט אים נאָך:

אַזוי איז מיין לי־יי־ווי־בע (ליבע)
צעקראַכן געוואָרן,
ווי בוימל אויף וואַסער
טראַ־ראַם, טראַ־ראַם, טראַ־ראַם...

ר׳ קאַרפּל סופר און זיין טאַטע

א

מער ווי אַלע אַנדערע שכנים אינטערעסירט משה׳קען דער יונגער „סופר״ — קאַרפּל רופט מען אים, ווען מען הייזקע עס שטייט פאַרקוועטשט, מיט אירע בלינדע בערוועַנע ווענט, צווישן וויגדער דעם וואַלד־סוחר און זלאַטע „עירוב־תבשילין״.

אַ סוד הענגט איבער ר׳ קאַרפּלען ווי אַ פאַרהאַנג, און אַלע אין זאַוואָלעק האָבן אַביסל מורא פאַר אים. די שכנים שושקען זיך אויף די פּריזבעס, אַז דער סופר איז „אַ געכאַפּטער״... נאָר וואָס הייסט „געכאַפּטער״? דאָס ווייסט משה׳קע ניט. ניט איינמאָל איז ער שוין צוגעשטאַנען צו מומע שצע־רען זי זאָל אים זאָגן וואָס דאָס מיינט. אָבער עפּעס אַלעמאָל דרייט זיך די מומע אַרויס, און קיין קלאָרן ענטפער גיט זי ניט. אַ „געכאַפּטער״, מאַכט זי, איז אַ שטיקל משוגענער! נו, איצטער ווייסטו שוין!...

נאָר משה׳קע האָט זיך זיינע פאַרדאַכטן. איבער אַ „שטיקל משוגענעם״ דאַרף מען זיך אַזוי ניט שושקען. פון אַ משוגענעם לאַכט מען הויך אויפן קול. יינגלעך וואַרפן אפילו נאָך שטיינער... פאַר ר׳ קאַרפּלען האָט מען אַ קאַפּעלע מורא. ס׳מוז עפּעס זיין גאָר־גאָר אַן אַנדער זאַך.

די צוויי פענסטערלעך ביים סופר זיינען פונקט אַזוי נידעריק ווי ביי זלאַטען זיין שכנ׳טע. אפשר נאָך נידעריקער. וואָרים די פענסטער־שוועלן זיינען איינגעגראָבן אין דער ערד. מען זאָל זיך ניט היטן, ווען אַ פענס־טערל איז אָפן, קען מען אין איר אַריינפאַלן ווי אין אַ גרוב אַריין. נאָר שכנים פון זאַוואָלעק זיינען שוין געוואוינט און האַלטן זיך פון סופר׳ס פענסטערלעך אַן אַ זייט.

צו איין פענסטערל איז צוגעשפּאַרט אַ טישל מיט אַ ברוינער פעלכל פון אַ קעלבל אָנשטאָט אַ טישטוך. אויף דער האָריקייט פון פעלכל ליגט אַ געלבלעכע פאַרמעטענע „יריעה״ פון אַ ספר־תורה, אָדער אַ ניט־דערשרי־בענע מזוזה. פון אויבן איז דאָס שטיק פאַרמעט צוגעפּרעסט מיט אַן אייז־ערנעם פרענט — עס זאָל ליגן גלייך, און פון אונטן — מיטן סופר׳ס אָרעם, אָדער מיט זיין מאָגערער האַנט.

מיט אַ גענזענעם פעדער שרייבט ער, טונקט אין אַ מורא׳דיק שוואַרצן טינט און שרייבט. ס׳איז ניט געשריבן נאָר געפּערלט. שוואַרצע פיר־קאַנטיקע אותיות ציען זיך אַן אויף אַ טיף־אַנגעווירעטער שורה. אותיות מיט דריי ציינדלדיקע קרוינדלעך, מיט צעצוויגענע דעכעלעך... אַזעלכע אותיות זיינען נאָר אין סידור ניטאָ.

ער אַרבעט פליייסיק ר׳ קאַרפּל, און קוקט קיינעם ניט אָן. מעג מען אפילו צוגיין נאָענט און צוקוקן שעות־לאַנג, ווי עס שרייבט זיך ביי אים און ווי עס פּערלט זיך... סיידן מען פאַרשטעלט אים דאָס ליכט פון טאָג. דאַמאָלסט הייבט ער אויף די גענזענע פעדער און גיט אַ פאָך מיט אַ מאָדנער מינע פון פריקרעקייט, אָבער רעדן רעדט ער ניט. טרעט אָפּ דער ניט־געררופענער שאָטן פון זיין פענסטערל, אַזוי טוט ער זיך ווייטער אריין מיט לייב און לעבן אין געווירעטן פּאַרמעט. אַ טונק אין טינטערל און געשריבן, אַ טונק־איין און געשריבן. עפּעס ווי ער וואָלט געוואָלט דערטרינקען אין דער פּלי־סיקער שוואַרצקייט זיין מרה־שחורה, אַ שווערע מחשבה וואָס דריקט אים. ער דערטרינקט זי און זי שווימט אַרויס. אין טינטערל דערטרונקען, אויפן פּאַרמעט אַרויסגעשוואָומען.

— פונקט ווי דער טאַטינקע זיינער, איידער...

אַזוי שושקען זיך די שכנים. דאָס ווייטערדיקע ווערט פאַרשוואָומען אין אַ פּאָר׳סוד׳עטקייט. און וואָס נאָכן „איידער" איז געשען — דאָס ווייסט משה׳קע ניט.

אָפּטמאָל רייסט זיך דער סופר אָפּ פון זיין שרייבן און טוט אַן אַנדער מלאכה; אויך אַ סופר׳שע, אָבער אַ גראָבערע אַרבעט ווי שרייבן. ער קראַצט, למשל, קעלבערנע פעלכלעך, וואָס זיינען אַנגעצויגן אין אַ היל־צערנער ראָם אויף שטיי־פיסלעך. ער שאָבט זיי מיט אַ מין האַלב־קיילעכ־דיקן, שאַרפן האַק־מעסער און שמירט זיי דערנאָך אָפּ מיט שיטערן קאַלך. ער קאָכט שוואַרצע גאַלעש־ניסלעך אין אַ פענדעלע און מאַכט פרישן סופר׳שען טינט. ער שפּינט קעלבערנע אָדערן און מאַכט דערפון אַ גאַנצן קנייכל. דער קנייכל גלאַנצט ווי גרויער זילבער און שווער מוז ער אויך זיין ווי זילבער. וואָרים ווען ר׳ קאַרפל גיט אַזאַ קנייכל אַ לייג אויפן טיש גיט דאָס אַ זעץ, ווי אַ וואָג פון שאָל אַראָפּגעלייגט.

אָפּגעטאָן אַזעלכע זייטיקע מלאכות — כאַפּט זיך ר׳ קאַרפּל ווייטער צו צום שרייבן. ווי אין אַ גרוב זיצט ער אין זיין טיפער הייזקע, אַ האַלב־באַגראָבענער און שעפּטשעט די אותיות וואָס ער שרייבט ווי אַן אומענד־לעכן געבעט: „ממעמקים קראתיך" — פון די טיפענישן רוף איך צו דיר, גאָט!

וואו ער עסט און וואו ער טרינקט זעט מען כמעט קיינמאָל ניט. דאָס געגערבטע קעלבערנע פעלכל אויף זיין טישל ווערט קיינמאָל ניט פאַר־

פלעקט אפילו פון א גלאז ריינע וואסער. זעט דערפאר אויס, אז ר' קארפל לעבט פון הוילע רוחניות. הינטער אים שטייט א טונקעלע ווענטל, וואס צעטיילט זיין שטיבעלע אויף צוויי, און די טונקעלע שאטנס, וואס פאלן פון ווענטל, באוואקסן זיין ארבעט הינטער זיינע פלייצעס. אבער פון פארנט, אויף זיין טיש, איז שטענדיק ליכטיק. דער פירעקיקער שטיק פארמעט לויכט און דעם סופר'ס בלאסער פנים — אויך.

עטלעכע מאל אין טאג ציען אים אבער די שאטנס פארט אריין אין זיך... און קארפל דער סופר פארשווינדט אין דער טונקלקייט, וואס לויערט הינטער אים. אפנים צוליב זיינע ערדישע הצטרכות'ן, צוליב די גראבע באַדערפענישן פון גוף... נאר באלד קומט ער צוריק ארויס פון דער פאר־סוד'עטער טונקלקייט און טונקט איין זיין מאטן פנים אין דער טאג־ליכטיקייט און זיין גענצענע פעדער — אינם וואונדערלעכן טינט. אזוי קעמפן די שאטנס און די מרה־שחורה מיט דער פרייד פון שאפן, און דער נצחון גיסט זיך און פערלט אותיות אויף דער טייערער גלאטקייט פון פארמעט...

פונוואנען נעמט ער דאס אזויפיל כוח, דער סופר'ל ? אזויפיל געדולד ?... אליין זעט ער דאך אויס ווי א דעריקער. זיין ווייכע בערדל איז מאט־שווארץ, זיינע פאות שווארץ, די אויגן שווארץ. די אויסגעריבענע קאפאטע אויך שווארץ. די באקן — איינגעפאלן, די ברוסט איינגעפאלן. נאר די אויגן־עפל זיינען בולט... זעלטן ווען ער גיט א שמייכל. און עפנט ער אמאל יא אויף די ווייכע ליפן, אזוי גיבן פריקרע א בליאסק אביסל צו־ווייסע ציין און צופיל בלאסע יאסלעס. זעט ער דאמאלסט אינגאנצן אויס ווי א דורכ־געברענטע האלאוועשקע, וואס איז איבערגעבליבן נאך א שרפה און האט פון ווינט און רעגן פארלוירן איר שווארצן גלאנץ: ווי איינע פון יענע אלטע האלאוועשקעס, וואס מען געפינט נאך עד־היום אין די אויפגעריסענע קעלערן ביים פארבער, אין דער האלב־אפגעברענטער חורבה פון זאוואלעק, וואו די רייכע מאנאזאנס האבן אמאל געוואוינט.

נאר צוויי פונקעלעך זיינען געבליבן פון אן אמאליקן פייער, צוויי פונ־קעלעך אין די מאטע בולטע אויגן. ניין, ניט צוויי פונקעלעך נאר צוויי משוגעת'לעך. זיי בלאנדזשען ארום ווען קארפל הייבט זיי אויף פון פאר־מעט צום דרויסן. זיי בלאנדזשען דאמאלסט ארום און זעען, דאכט זיך, גארנישט. צי איז דאס ניט דער רעשט פון גרויסן פייער, וואס האט פאר־ברענט זיין טאטן ר' שימעלען פאר דער צייט, דער רעשט פייער פון וועלכן אלע שושקען זיך און קיינער רעדט ניט הויך אויפן קול ?...

פאר דעם דאזיקן פייערל אין סופר'ס אויגן האבן אפנים די שטרויענע שכנים מורא. זיי האבן אנצוציינדן זיך. איבערהויפט ווייבער און דערוואקסענע מיידלעך... זיי גייען אים עפעס ארום, זיי מיידן אים אויס ווי א געפאר. זיי היטן זיך אפילו אריינצוקוקן אין פיר־קאנטיקן לאך פון

פענסטערל, וואו דער „געכאַפּטער" זיצט און שרייבט. ווען אַ קינד פון זאַוואָלעק ווערט צופיל נייגעריק אויפן סופר, דערהערט זיך אַפּטמאָל אַ קול פון אַ מאַמען:

— אַוועק פון דאָרטן — זאָגט מען דיר דאָך!...

זעלטן ווען מען זעט אַ יידן, פון זאַוואָלעק צי פון שול־גאַס, זאָל אַריינגיין צו ר' קאַרפּלען קויפן אַ פּאָר תפילין, באַשטעלן אַ מזוזה, אפילו פסול'ע מזוזות טראָגט מען אים ניט אַריין צום פאַרריכטן. דער טאַטע זיינער האָט געלאָזן אַ שלעכטן נאָמען, גלייבט מען דעם זון אויך ניט...

פון וואָס־זשע לעבט ער, ר' קאַרפּל? פאַר „ימים־נוראים" קומען צו אים אַן ישוב'ניקעס פון דערפער מיט בייטש־שטעקלעך אין די רויטע גאַרטלען און מיט לעדערנע טאָרבעלעך אָנגשטאָפּט טייסטערס. אַזעלכענע גראָבע יידן גייט ווייניק אָן שטרענגע „כשרות" און „זכות אבות", אַבי ס'איז ביליקער און מ'איז יוצא פאַר גאָט. דינגען זיי זיך, מיטן אָרעמען ר' קאַרפּלען, ווי אויפן מאַרק, און פירן אַוועק וואָלוועלע „תפילין" פאַר די פּויערישע קעפּ פון זייערע בר־מצווה־יונגען און האַמעטענע מזוזות פאַר די פּריטעלקעס פון זייערע דאָרפישע כאַטעס. טומלט זיך ביי קאַרפּלען ערב די גרויסע ימים־טובים ווי אויף אַ יאַריד. די ישוב'ניקעס פאָרן אָפּ אויף זייערע פורלעך און זייערע בוזים־קעשענעס זיינען אָנגעשטאָפּט מיט יידישקייט. נאָר די באַהאַוונטע שכנים פון זאַוואָלעק שאָקלען נאָך זיי נאָך מיט די קעפּ...

איינמאָל זיינען אפילו אָנגעקומען אין זאַוואָלעק צוויי מאָדנע יידן פון דער פרעמד אין נייע קורצע גאַרניטערס, מיט האַרטע געגאָלטע מאָרדעס און מיט האַרטע קאַפּעליושן איבער די קעפּ. זיי האָבן גערעדט אַ מאָדנעם יידיש געמישט מיט דייטש און מיט ענגליש. „וואו וואָהנט דאָ, פּליז, דער הער סאָפער? אַד דאָ? אָלראַיט!... האָבן זיי פיל מעזוזאָס?... באַטים אַאוך? פיין!... וועלן מיר מאַכן ביזנעס..."

זיי האָבן אין יענעם גליקלעכן טאָג אַוועקגעקויפט ביי ר' קאַרפּלען אַלץ וואָס ער האָט געהאַט. קיין שטיקל פאַרשריבענעם פאַרמעט אים ניט איבערגעלאָזן. און אַלץ פאַר מזומן־געלט. ער איז דאַמאָלסט, זאָגט מען, נתעשר געוואָרן, קאַרפּל דער סופר. וואָרים זיין ווייב האָט זיך, באַלד נאָכדעם, געקויפט אַ נייע וואָלענע פאַטשיילע אויף די פּלייצעס און אַ נייעם קאַשעק פאָרן מאַרק. אָבער נענטער מיט אים איז מען דערפאַר ניט געוואָרן. ווי פריער מיידן אים די שכנים אַביסעלע אויס. מען גייט אַרום זיין אָפענעם פענסטערל מיט פאַרדאַכט. און יינגלעך טוען נאָך די דערוואַקסענע און מיידן אים אויך אויס.

דער איינציקער, וועלכער מאַכט זיך אַ קנאַפּן צימעס פון קאַרפּל'ס „געכאַפּטקייט", פון זיין בלאַסקייט און פאַר'סוד'עטקייט — דאָס איז ניסקע, ניסקע העגעך דעם וואָל־קראַצער'ס זונדל. ער גנב'עט זיך אונטער צום סופר'ס פענסטערל און שרעקט אים איבער. טאָמער איז משה'קע דאָ אין

דער נאָענט, גיט אים ניסקע אַ וואונק, ער זאָל אָקאָרשט זען וואָס ער וועט דאָ אָפּטאָן. זעט משה'קע ווי ניסקע, זיין גערעטענער חבר, קריכט צו צום אָפענעם פענסטערל, ציט אַריין די צונג טיף אין גומען און וואַרפט זי שנעל אַרויס צוריק, ווי אַן איינגעבויגענער שטיק שטאָל פון אַ קאָרסעט. דערלאַנגט דאָס אַ קנאַל, ווי פון אַ פּיסטאָל אַרויס. ניסקע'ס גאַנצע בריה'שאַפט שיסט דאָס אויס.

ר' קאַרפּל דער סופר שוידערט אויף. ער רייסט זיך אָפּ פון האַלב באַשריבענעם פּאַרמעט און קוקט אַן ניסקע'ס שקאַצעוואַטן פּרצוף־פּנים'ל מיט צוויי מאַטע גרויסע אויגן, אין וועלכע עס בלאַנדזשען אַרום צוויי פונקעלעדמשוגעת'לעך.

גיט ניסקע אַ פרעג עזות־פּנים'דיק און הויך אויפן קול, כדי משה'קע זאָל אויך הערן און הנאה האָבן:

— עי, ר' סופר! פאַרוואָס שרייבט איר אַזוי פיל מזוזות?

גיט קאַרפּל דער סופר אַ שפּאַלט אויף אַ פּאָר שוואַכע ליפּן, גיט פריקרע אַ בליאַסק מיט זיינע צו פיל ווייסע ציין און האַסטיק אַ זאָג מיט אַ מאָדנעם שמייכעלע:

— כדי שדים זאָלן זיך ניט פאַרפירן ביי דיין טאַטן אין שטוב.

— און פאַרוואָס שרייבט איר תפילין?

— כדי שדים זאָלן זיך ניט פאַרפירן אין דיין קאָפּ... צו דיין „בר־מצוה"...

— און ספרי־תורות?

— שדים זאָלן אייך אָלעמען ניט נעמען!

— כי־כי־כי! — צעלאַכט זיך ניסקע אומישנע, כאָטש לאַכן גלוסט זיך אים אַ האָר ניט.

— כי־כי־כי! — ענטפערט אָפּ קאַרפּל דער סופר פונקט אַזוי טרוקן און געמאַכט ווי ניסקע, און לאָזט ווידער אַראָפּ דעם קאָפּ איבער דער „יריעה", אָדער איבערן שטיקל פּאַרמעט פאַר אַ מזוזה, און שרייבט. טונקט איין אין לײמענעם אַלט־מאָדישן טינטערל פול מיט גאַלעש־טינט און שרייבט ווייטער, ווי ניט אים מיינט מען דאָס. און נייע באַקרוינטע אותיות צעשוואַרצלען זיך אויפן געווירעטן פּאַרמעט. אות נאָך אות מיט צעצווייגטע דעכעלעך און מיט גאָפּלדיקע עטרות'לעך. אַזעלכע אותיות וועלכע זיינען גאָר אין סידור ניטאָ.

ב

דעם אמת איבער דער געהיימניס, וואָס שוועבט איבער ר' קאַרפּל סופר, האָט זיך משה'קע דערוואוסט מיט יאָרן שפּעטער, שוין נאָך בר־מצוה, ווען ער איז אונטערגעוואַקסן און פאַריאָגט געוואָרן פון „זאַוואָלעק" אויף קרומע וועגן, פון וועלכע מען קערט זיך קיינמאָל ניט אום אַהיים... אָבער

שטיקלעך ברעקלעך פון די סודות און שושקענייש, ארום סופר און ארום זיין פארשוואונדענעם טאטן, האבן זיך שוין געשטופט אין משה'קעס באַוואוסטזיין, ווען ער איז נאָך געווען קליין. ער האָט נאָך ניט געוואוסט ווי צו אָרדענען זיי, און נאָך אַ סך זאַכן ניט פאַרשטאַנען... און אַט וואָס עס האָט זיך ביי אים צוזאַמענגעשטוקעוועט אין זכרון ווען ער איז עלטער געוואָרן און געקראָגן אַ שם פאַר אַ גנב:

ווען דער שטן האָט פאַרפירט ר' שימעלען, קאַרפּל דעם סופר'ס טאַטן, איז נאָך ר' שימעלע ניט אַלט געווען קיין פינף־און־פערציק יאָר. זיין ווייב האָט זיך אים פּלוצלינג אָוועקגעלייגט און געקראָגן אַ מוח־אָנצינדונג. אַפּריער האָט זי געהאַלטן אין איין ברענען און קרעכצן. דערנאָך — האָט זי געשלאָפן טאָג און נאַכט און דורך די פאַרשטשירעטע ציין ניט דורכגעלאָזן קיין לעפל געטראַנק. אַזוי איז זי געבליבן ליגן ביז זי האָט זיך אויסגעאָטעמט איר לעצטן אָטעם.

די גאַנצע צייט פון איר שווערער קראַנקייט האָט זי באַדינט צירעלע, איר בת־יחיד'קע — אַ באַחנ'טע דרייצן־יאָריקע מיידל. קאַרפּל, דער איצטיקער סופר, איז דאַמאָלסט אינדערהיים ניט געווען. ער האָט געלערנט אין אַ ישיבה אין דער פרעמד. אַזוי האָט שימעלע — דער פרומער טאַטע — געוואָלט: דווקא אין דער פרעמד! כדי זיין זון זאָל גרינטלעך מקיים זיין די מצוה פון לערנען, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן: דאָס איז דער וועג פון דער תורה: „אויף דער הוילער ערד זאָלסטו זיך וואַלגערן און ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן..."*)

נאָך דער מאַמע'ס טויט איז צירעלע, קאַרפּל'ס שוועסטער, געבליבן די גאַנצע באַלעבאַסטעטשקע אין שטוב. און מען קען ניט זאָגן, אַז זי האָט זיך מיט דער קליינער באַלעבאַטישקייט ניט ספּראַוועט. די בעטן האָט זי פאַרבעט, וואַרעמעס געקאָכט, די פּאָדלאָגעס געוואַשן, טשאָלנט פאַררוקט. די פּראַצע אין שטוב האָט צעוואָרעמט אירע יונגע גלידער און די הנאה פון טאָן, דאָס אַלץ וואָס זי טוט, פאַרן טאַטן דעם אַלמן, האָט זי גליקלעך געמאַכט. דאָס אָרעמע עסן איז איר דערפאַר גוט באַקומען. פון שוואַרצן ברויט איז איר יונג לייב פעסט געוואָרן, און פון שיטערן באַרשטש איז ביי איר געוואָרן בלוט און מילך. אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן און איר שלאָף איז געוואָרן טיף. און ווי עס טרעפט אָפטמאָל, אין די גאָר יונגע יאָרן, האָט דאָס דרייצן־יאָריקע, איינגעדאַרטע מיידעלע געגעבן פּלוצלינג אַ בלי־אויף. אין אַ האַלב יאָר אַרום, נאָך דער מאַמע'ס טויט, האָט זי שוין אויסגעזען פופצן־זעכצן יאָריק. אַז אמת'ע כלה־מויד. שכנים האָבן זיך פּשוט ניט געקענט אָפּוואונדערן. דער טאַטע פלעגט זי אָנקוקן מיט אַ ליבלעכן שמייכעל. זי איז געוואָרן זיין איינציקע טרייסט אין פאַר'אַלמנ'טן

*) אַ מימרא אין גמרא: „על הארץ תישן ופת במלח תאכל..."

שטוב. ניט איינמאָל האָט ער זיך אָפּגעריסן אינמיטן שרייבן אַ מזוזה, אַרויפגעלייגט זיינע בלאַסע הענט אויף צירל׳ס קאָפּ און געבענטשט זי:

— די שכינה זאָל אויף דיר רוען, טאָכטערקע, ווי אויף דיין מאַמען עליה־השלום!...

מיט איר ניט־אַנטוויקלטן ווייבערשן חוש האָט צירעלע דערפילט נאָך וועמען דער טאַטע בענקט, ווען ער קוקט זי אָן, פאַרוואָס ער שמייכלט דאַמאָלסט, אַזוי טרויעריק און וועמען ער זעט אין איר... און, כדי אויס־צופילן די פוסטקייט אין טאַטנ׳ס האַרצן, האָט זי גענומען נאָכמאַכן אַלע תנועות פון דער פאַרשטאָרבענער מאַמען: איר רײדן, איר גיין, איר לאַכן, איר צושאָקלען פרום מיטן קאָפּ... אַלע מינעס, וועלכע זי האָט נאָר גע־דענקט, האָט זי נאָכגעמאַכט; אַלע געבליבענע קליידלעך און פאַרטוכער איבערגענוצעוועט און געקירצט און געטראָגן אויף זיך. און אַלץ כדי צו מאַכן גלייבן דעם עלנדן טאַטן, אַז די מאַמע לעבט נאָך, אַז איר אָטעם שוועבט נאָך איבערן שטוב און איר קול קלינגט אָפּ אין אַלע ווינקעלעך.

און איינמאָל שבת־צו־נאַכטס, ווען ר׳ שימעלע סופר האָט זיך אומגע־קערט פון שול אַהיים, האָט ער, ביי דער קאַרגער ליכטיקייט פון די חלב׳נע שבת־ליכטלעך, דערזען זיין געשטאָרבענע ווייב... כדי אָנטאָן דעם טאַטן אַ נייעם נחת־רוח האָט זיך צירעלע אויסגעפּוצט אין דער מאַמע׳ס שבת׳דיקע קאַסינקע, פון גלאַנציקן שוואַרצן זייד געשטריקט, און איז אינגאַנצן גע־וואָרן ענלעך צו דער מאַמען, יונגערהייט, באַלד נאָך דער חתונה...

— גוט... גוט שבת! — האָט זיך שימעלע סופר פאַרזאַיקעט, קוים דעם אָטעם דערכאַפּט פון האַרצקלאַפּעניש. ער האָט זיך צוגעזעצט אַ בלאַסער ווי קרייד, געטאַפּט דעם גרויסן סידור אין האַנט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, אַז דאָס חלום׳ט ער ניט... דערנאָך האָט ער צי־רעלען שוואַך געבעטן זי זאָל דער מאַמע׳ס קאַסינקע אַראָפּנעמען פון קאָפּ.

— ד אָ ס , טאָכטערקע, זאָלסטו מער ניט אָנטאָן... דו הערסט? מען דאַרף ניט...

צירעלע האָט גלייך אַראָפּגעריסן פון קאָפּ די זיידענע קאַסינקע, און מיט גרויסע אויגן אָנגעקוקט דעם טאַטנ׳ס אויפרעגונג. זי האָט דערזען, אַז זי האָט דאָ עפּעס אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט. איבערגעזאָלצן... נאָר מיט וואָס איז די דאָזיקע נאַרישקייט גרעסער ווי אָנטאָן אויף זיך דער מאַמע׳ס פאַר־טוכער — האָט זי פאַרט ניט פאַרשטאַנען... איר כוונה איז דאָך נאָר גע־ווען אָנצוטאָן דעם טאַטן, לכבוד שבת, אַן איבעריקן נחת־רוח. מער גאָר־נישט.

פון אָט די אַלע אומשולדיקע שפּילערייען, וואָס צירעלע האָט געשפּילט מיט דער מאַמע׳ס אָנדענקען, און פון איר גאַנצער בריה׳שאַפט אין דער באַלעבאַטישקייט איז אָבער די אָרעמקייט אין שטוב קלענער ניט געוואָרן. אדרבא, דער מאַמע׳ס קראַנקייט און איר קבורה האָבן אויפגעגעסן וואו

אַז איבעריקע קאָפּיקע. ר׳ שימעלע איז אַריינגעקראָכן אין חובות און אַ סך באַשריבענע פֿאַרמעטענע יריעות געמוזט פֿאַר׳משכנ׳ען... ווי זיין שטייגער איז, האָט ער קיינעם גאָרנישט ניט דערציילט, און מיט פֿרומער אונטער־טעניקייט פֿאַר גאָט געטראָגן זיין גרויסע נויט אַזוי ווי זיין אבלות נאָכן ווייב. מען האָט זיך אָבער פֿאָרט דערוואוסט. אפֿריער נאָענטע, דערנאָך ווייטע. ביז ס׳איז דערגאַנגען צו ישיעלע׳ס אויערן — דער דאַמאָלסטיקער מתנגדישער רב, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען אי אַלס גביר, אי אַלס צדיק אין שטאָט.

ר׳ ישיעלע, עליו השלום, איז ניט געווען גלאַט אַזוי אַ ליאָדער קליינ־שטעטלדיקער רב. אויסגעקנאָטן פֿון יחוס — האָט ער אין די יונגע יאָרן געטאָן אַ רייכן שידוך, אַ גרויסן נדן גענומען און גרויסע ירושות גע׳ירשנ׳ט. פֿון זיין רבנות קיינמאָל ניט געלעבט און זיין שטאָט־שכירות — אַלע ערב שבת צעטיילט אויף אָרעמעלייט. דער דרך־ארץ פֿאַר אים איז געווען זעהר גרויס. אפֿילו באַ׳עוול׳טע גויים פֿלעגן שלעפּן יידן פֿון מאַרק צום „ראַבּי־נעק האַמשייעלע״ און ר׳ ישיעלע פֿלעגט אויף זיי ביידן קלאַפּן מיטן גע־כאַליעטן פֿויסט איבער דער גמרא, זיי זאָלן זאָגן דעם אמת. און גויים און יידן זיינען געשטאַנען בלייכע, ביי זיין משפּט־טיש, און עס האָט זיי גע־קלאַפּט אַ צאָן אַן אַ צאָן.

פֿון ר׳ שימעלע סופֿר האָט דער דאָזיקער ר׳ ישיעלע שטאַרק געהאַלטן. ער האָט געקענט זיין פֿרומקייט, זיין למדנות, זיין באַשיידנקייט. דערוואוסט זיך, פֿון הינטן אַרום, ווי שלעכט עס גייט דעם פֿאַר׳אַלמנ׳טן סופֿר, האָט ער זיך מיישב געווען מיט דער רביצין און ס׳איז ביי זיי באַשלאָסן געוואָרן צו העלפֿן ר׳ שימעלען אויף זעהר אַן איידעלן אופֿן. דהיינו: ער, ר׳ ישיעלע אַליין, זאָל ביי אים באַשטעלן שרייבן „אַ ריייניקייט״. אַזוי אַרום וועט ר׳ שימעלע זיין באַזאָרגט מיט פּרנסה אויף גוטע אַנדערהאַלבן יאָר, ביז ער וועט זיך שטעלן אויף די פֿיס.

דעם זעלבן אָוונט האָט מען געשיקט דעם שמש נאָך ר׳ שימעלען ער זאָל למען־השם קומען צום מרא־דאתרא אויף אַ גלאָז טיי. און אַזוי האָט ר׳ ישיעלע גערעדט צום סופֿר, שמייכלענדיק מיט תקיפֿות אין ברייטן באָרד אַריין: צוויי ספֿרי־תורות האָט ער שוין... איין „ריייניקייט״ האָט ער באַ־קומען אין נדן און איינע — בירושה. איינע שטייט אין דער קאַלטער שול, פֿון דער צווייטער לייענט מען אין אַלטן בית־מדרש. אַצינד, זאָגט ער, האָט ער און די רביצין, זאָל לעבן, באַשלאָסן ניט יוצא צו זיין מיט זכות־אבות און מיט דרשה־געשאַנק און שרייבן אַליין אַ ספֿר־תורה, טאַקע כדי מקיים צו זיין דעם פּסוק: „והחוט המשולש...״ אַ דרייענדיקער פֿאָדעם רייסט זיך ניט איבער אַזוי גיך... און זאָל ר׳ שימעלע אָנהייבן אין אַ מזל׳דיקער שעה.

האָט ר׳ שימעלע גענומען וויינען פאַר שמחה: סטייטש, אַזאַ זכיה און אַזאַ גליק! פאַר וועלכע פאַרדינסטן קומט דאָס אים אַזאַ כבוד?... אַהין־אַהער, — מען האָט גענומען צו גלעזלעך בראַנפן, געווינטשעוועט זיך... אַלץ ווי עס געהערט צו זיין ביי אַזאַ יידישלעכער אונטערנעמונג. די רביצין, זאָל לעבן, אַליין האָט געסאַרווערט ביים טיש. און ר׳ שימעלע סופר איז געווען אויפן זיבעטן הימל.

נאָר שוין פאַרן אַוועקגיין אהיים, ווען דער סופר האָט געהאַלטן ביים זאָגן „אַ גוטע נאַכט", רופט זיך צו אים פלוצלינג אָפּ ר׳ ישיעלע, אַזוי זיך, מכלומר׳שט פון דער זייט... יאָ, וואָס האָט ער אים נאָך געוואָלט זאָגן? עס וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך ר׳ שימעלע זאָל זיך וואָס גיכער נעמען אַ באַלעבאָסטע אין שטוב, חתונה האָבן אַ צווייטן מאָל... זעקס חדשים זיינען שוין, ברוך השם, אריבער נאָך זיין ווייב׳ס טויט. געווען צו פראַווען אבלות. עס וועט זיין גלייכער אי פאַר אים אַליין, אי פאַר דער „ריינקייט" וואָס ער נעמט זיך שרייבן. וואָרים דאָס לייב איז זינדיק. און טאָמער קומט ער חס־ושלום צו שלעכטע מחשבות, ביי שרייבן גאָט׳ס נאָמען, איז דאָס אַלץ איינס ווי חרוב מאַכן די וועלט...

האָט ר׳ שימעלע אַ נעם געטאָן די פעך־שוואַרצע באָרד זיינע אין דער בלאַסער האַנט:

— רבי, ניט אַנדערש איר ווילט מיך אויספּרואוון צי איך בין גענוג שטאַרק... ניין! אויב שוין שרייבן אַ „ריינקייט" פאַרן צדיק הדור, פאַר ר׳ ישיעלען זאָל לעבן, איז שרייבן „בטהרה ופרישות"*). דער ריח פון אַ אשה זאָל זיך אַרום מיר ניט געפינען... אַזוי ווי די עלטערן אונזערע בשעת „מתן תורה". אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: און איר זאָלט וואַשן אייערע קליידער און צו אַ פרויענצימער זאָלט איר ניט גענעהענען!...

ציט זיך ר׳ ישיעלע גאַנץ געלאַסן אַ האָר פון באָרד און מאַכט אַזוי:

— ר׳ סופר! אין פּסוק שטייט אָבער אויך: „אל תנסה את ד׳ אלהיך!" זאָלסט ניט פּרוּווּן דעם אייבערשטן!... און עס שטייט: „אל תהי צדיק הרבה!"... זיי ניט צו פיל פרום!...

האָט זיך אָבער ר׳ שימעלע איינגע׳עקשנ׳ט. ס׳איז ביי אים, אַזוי צו זאָגן, אַריין אין אַמביציע: ניין, רבי, אַזוי לאַנג ווי ער וועט ניט ענדיקן שרייבן די „ריינקייט" פאַר אַזאַ צדיק ווי ר׳ ישיעלע איז, וועט ער נאָכאַמאָל ניט חתונה האָבן. ער וויל די גאַנצע צייט לעבן אין פרישות. און כדי ניט צו קומען צו שלעכטע מחשבות, וועט ער אָפּשוואַכן זיין לייב. ער וועט פאַסטן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק; און יעדן מאָל, איידער שרייבן גאָט׳ס נאָמען, וועט ער לויפן טובל זיין זיך אין מקוה. אַזוי וועט ער אינגאַנצן זיין פריי פון יעדער שפּרינקעלע אומריינקייט... אַנדערש נעמט ער זיך אינגאַנצן ניט אונטער צוצוטרעטן צו אַזאַ הייליקן ענין...

*) אין ריינקייט און אָפּגעזונדערטקייט.

האָט ר׳ ישיעלע דערזען, אַז דער סופר איז אַנטשלאָסן ניט צו ענדערן זיין שווערן נדר, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, האָט ער נאָכגעגעבן. ער האָט אפילו ר׳ שימעלען געבענטשט פאַרן אָוועקגיין און געגעבן אים אַ שיינע מטבע פאַרגעלט, איינצוקויפן וואָס ס׳איז נייטיק.

און שוין צומאָרגן אינדערפרי האָט דער „זאַוואולעק" דערזען ר׳ שימעלע סופר ביי דער אַרבעט. די הכנות צו שרייבן ר׳ ישיעלע׳ס ספר־תורה זיינען געווען גרויס. שאָבן און גלעטן די בעסטע קעלבערנע פעלכלעך, ווירען די פאַרטיקע „יריעות", שפינען אָדערן, קאָכן גאַלעש־ניסלעך. קיין שום געהילף האָט ר׳ שימעלע ניט געוואָלט צולאָזן צו זיך, ניט חס־ושלום מחמת קאַרג־שאַפט, נאָר מחמת גרויס גלולסטעניש אַריינצוכאַפן די גאַנצע מצוה פאַר זיך אַליין. אַ קליינינקייט שרייבן אַ „ריינינקייט" פאַר ר׳ ישיעלע דעם שקלאָווער רב! דעם צדיק פון דור, וועמעס נאָמען עס קלינגט איבער גאַנץ רייסן.

ר׳ שימעלע שלאָגט זיין טאָכטער

א

שימעלע דער סופר האָט געשריבן דעם רב׳ס „ריניקייט״ מיט פרומער כוונה און מיט איבערגעגעבנקייט. אַלע טאָג אינדערפרי געלאָפן אין מקוה. ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן. אַזוי האָט ער אָנגעשריבן „בראשית״ און אַ טייל פון „שמות״. אָבער ווי נאָר ער איז דערגאַנגען צום „עגל הזהב״ — צו דער מעשה מיטן „גאָלדענעם קאַלב״, האָט דער „בעל־דבר״ גענומען אַרומטאַנצן אַרום אים. ר׳ שימעלע האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז רש״י הקדוש פאַרטייטשט דעם אָרט פון „ויקומו לצחק״*) „און זיי זיינען אויפגעשטאַנען צו הולטייעווען...״

דאָס האַרץ האָט אים גלייך גענומען קלאַפּן. אויסגעלאַסענע בילדער האָבן זיך גענומען דרומלען אין זיין קאָפּ, ווי די בני־ישראל טאַנצן אין מדבר נאַקעטערהייט, מיט זייערע ווייבער און קינדער, אַרום גאָלדענעם קאַלב, און אַ רויך פון פאַרברענטע בשמים פאַרשלייערט סוים־קוים די ווילדע מעשים וואָס זיי טוען אָפּ...

איז ר׳ שימעלע גלייך אַוועקגעלאָפן אין מקוה און גע׳טובל׳ט זיך אַזוי לאַנג, ביז ער האָט דערפילט אַ קעלט אין גאַנצן גוף און אַ שוואַכקייט אין האַרצן. די שלעכטע מחשבות האָבן אים אָפּגעלאָזן און אַ דערשלאָגענער און פול מיט חרטה האָט ער זיך אומגעקערט צו דער הייליקער אַרבעט זיינער און ווייטער געפּערלט די גע׳כתיבה׳טע אותיות אויפן פּאַרמעט, ביז די פינגער זיינען אים שטייף געוואָרן און צוגעקלעפּט זיך צום געגזענעם פּעדער.

אין יענער נאַכט איז ער רואיק געשלאָפן און אויפגעשטאַנען אַ פרישער און אַ מונטערער. משמעות דער שטן האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר דער מלחמה, וואָס ר׳ שימעלע האָט מיט אים פאַרפירט און אַ צייט־לאַנג ניט געטשעפּעט אים. אַ צוויי־דריי חדשים זיינען אַזוי פאַרגאַנגען ביים סופר אין טבילות און עסן ברויט מיט קרופּניק, צווישן איין פאַסטן און צווייטן, ביז ער איז אין איין העלן טאָג דערגאַנגען צו דער פרשה „אחרי־מות״ אין

*) וועגן די, וואָס האָבן געמאַכט דאָס גאָלדענע קאַלב, ווערט געזאָגט, אַז זיי זיינען אויפגעשטאַנען „כדי צו שפּילן זיך״. רש״י פאַרטייטשט דאָס אַנדערש.

חומש „ויקרא”. שימעלע'ס אויסגעבלאַסטע האַנט האָט פּלוצלינג גענומען ציטערן, ווען ער איז צוגעקומען צו שרייבן די שטרענגע פּסוקים, אַזוי צו זאָגן:

„קיין מענטש זאָל זיך ניט דערנענטערן צו זיין קרובה־יטע, צו אַנט־פּלעקן איר שאַנד. דיין פאַטערס און מוטערס שאַנד זאָלסטו ניט אַנט־פּלעקן. דיין מוטער איז זי, זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן איר שאַנד... די שאַנד פון דיין שוועסטער — די טאָכטער פון דיין פאַטער אָדער די טאָכטער פון דיין מוטער — זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן זייער שאַנד. די שאַנד פון דיין זוניס טאָכטער אָדער דיין טאָכטעריס טאָכטער — זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן זייער שאַנד. ווייל ס'איז דיין אייגענע שאַנד.”

דאָס האַרץ האָט זיך שימעלען צעקלאַפּט נאָך שטאַרקער, ווי ביי דער מעשה מיטן „גאָלדענעם קאַלב”. ער האָט אַוועקגעלייגט די געזונענע פעדער און גענומען רייבן זיך דעם שטערן. ווי קומט די הייליקע תורה צו אַזעלכע אויסטערלישע זאַכן? ווי קאָן דאָס גאָר געמאָלט זיין — אַ מענטש — מיט אַ לייבלעכער שוועסטער? אַ פאָטער מיט אַ טאָכטער'ס טאָכטער?... מן הסתם קען יאָ געמאָלט זיין... אָט וויטער אַביסל שטייט געשריבן אין דער זעלבער „סדרה”:

„איר זאָלט זיך ניט פאַראומרייניקן אין אָט די אַלע זאַכן. ווייל מיט די אַלע זאַכן האָבן זיך פאַראומרייניקט די פעלקער, וועלכע איך פאַר־טרייב פון אייך.”

ווי אַ בליץ איז אים דורכגעגאַנגען דורכן צעהיצטן קאָפּ, אַז צירעלע, זיין אייגענע טאָכטער, איז נאָך דער מאַמע'ס טויט מאָדנע גיך אויסגעוואַקסן, אַז אמת'ע אשה געוואָרן... האָט ער זיך וויטער געכאַפּט צום אויסגעפּרואווטן מיטל — אַוועקגעלאָפן אין מקוה טובל'ען זיך. און גייענדיק צוריק אַן אויס־געווייקטער, אַן אָפּגעקילטער האָט ער צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט, אם־ירצה־השם, ער וועט פאַרענדיקן ר' ישיעלע'ס ספר־תורה און אָפּנעמען די אַפּותיקי, וועט ער פאַרן רעשט געלט חתונה מאַכן צירעלען. עס וועט אים אודאי בלייבן אַ וועלכענע הונדערט זילבערנע רובל, אויב ניט מער. מען מ ו ז צירעלען חתונה מאַכן! ער, שימעלע, זאָל אפילו בלייבן איינער אַליין אין שטוב...

ב

פון פאַסטן תעניתים און פון ווייקן זיך אין מקוה איז דעם סופר'ס האַרץ שוואַכער געוואָרן. דאָס לייב האָט אָפּגעמאָגערט, די אויגן זיינען אַריין אין קאָפּ. און די האָר פון באָרד, וועלכע זיינען ביזקל דעם ווייב'ס טויט געווען פעך־שוואַרץ, האָבן שטאַרק גענומען גרויען. אַלע טאָג האָט זיך ביי אים

צעגרויט אַ נייער צייל אין די האָר. די פּריצייטיקע עלטער האָט אים קונציק אַרומגענומען, ווי אין אַ ראַם איינגעראַמט די איינגעפאַלענע באַקן זיינע, און אַ סיווע לייכטע קרוין אַנגעטאַן אים איבער קאַרק און שלייפן. אַזוי האָט זי זיך דערנענטערט מיט גנבה׳שע טריט, און גענומען אַפּשיסן ווייסע פיילן אין די וואָנסעס, אין די ברעמען און אינמיטן דער גאָמבע... מ׳האָט באַשיינפּערלעך געזען ווי דער אָדער יענער צייל האָר, וואָס איז נאָך ביים אָנהויבן שרייבן אַ נייע „יריעה", געווען טיף־שוואַרץ, איז מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, נאָכן ענדיקן די זעלבע „יריעה" — אינגאַנצן ווייס געוואָרן. האָט זיך דערפאַר געקענט אויסדרוקן, אַז ניט די גאַלעש־שוואַרצקייט פון זיין ליימענעם טינטערל טונקט ר׳ שימעלע אויס מיט זיין גענזן־פעדער, נאָר די לעבעדיקע שוואַרצקייט פון זיין באָרד און פּאות... ער טונקט זי אויס און טוט זי אריין אין די גלאַנציקע, געפּערלטע אותיות פון ר׳ ישיעלע׳ס ספר־תורה. איין אות ווערט געבוירן און אַ האָר ווערט ווייס. און וואָס מער ער באַשרייבט די גלאַטע פּאַרמעטענע יריעות, אַלץ מער לעשן זיך אויס די לעצטע פאַרבן פון זיין קאָפּ און באָרד. דער פּנים ווערט ווי מיט אַש באַ־דעקט, און אינם גרויען אַש גליען נאָר צוויי קוילן — צוויי אין קאָפּ אַריינ־געפאַרענע אויגן. נאָר ז י י לעשן זיך ניט אויס. אדרבא, וואָס ווייטער ווערן זיי אַלץ הייסער און שרעקלעכער. און די בלאַסע הענט קוים־קוים וואָס זיי ציטערן, מחמת אַ טיפער לײדנשאַפט צו שרייבן נאָך און נאָך; פאַרגעסן די וועלט, פאַרגעסן זיך אַליין, פאַרענדיקן דאָס גרויסע ווערק וואָס ער האָט אָנגעהויבן מיט אַזאַ נדר ביי ישיעלען אין הויז...

איז דאָך גוט!... האָט זיך אָבער זיין דרייצן־יאָריקע טאָכטער צירעלע גענומען קלאָגן פאַר שכנים אין זאַוואָלעק, אַז דער טאַטע אירער איז עפּעס ניט מיט אַלעמען. אינמיטן דער נאַכט שטייט ער אויף און שלאָגט זיך „על חטא", זאָגט „תחנון" אָדער „והוא רחום"...*) און גאַנץ פרי אויפן ניכ־טערן האַרצן לויפט ער אין מקוה און קומט צוריק אַז אָפּגעמאַטערטער, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. נאָר וואָס שוואַכער ער ווערט, אַלץ מער חשק האָט ער צו שרייבן ר׳ ישיעלע׳ס ספר־תורה. רופט זי אים, צי־רעלע, צום עסן אָדער צום טרינקען, אַזוי בייזערט ער זיך אויף איר אָן. אַלעמאָל האַלט ער אינמיטן אַ פּרשה און קען ניט איבעררייסן... צו ווייַן און צו בראָנפן רירט ער זיך ניט צו. אפילו פרייטיק־צו־נאַכט מאַכט ער קידוש אויף קוואַס און „הבדלה" — אויף מילך. און זי ווייס ניט וואָס עס וועט זיין דער סוף. זי האָט מורא...

האָבן באַרעמהאַרציקע שכנים גענומען געבן עצות דער ניט־געניטער טאָכטערל ווי אַזוי צו באַרואיקן דעם טאַטן דעם אַלמן, וואָס האָט זיך אינ־גאַנצן אָפּגעשלאָגן פון „עולם הזה". אפשר וואָלט געווען גלייך רופן דעם רופא און שלאָגן אַז אָדער. געקאָכטע ראַמאַשקע איז אויך זעהר גוט. אַנ־

*) תפילות פון תשובה־טאָן.

ציען באַקסער און פייגן אויף הייסע וואַסער איז נאָך בעסער... מען שלאָפט גוט נאָך אַזאַ געטראַנק. אַ חיות אין דיביינער איז אַזאַ געטראַנק...

נאָר גיי הייל אים, פּילנע־עם אים אַזאַ עקשן אַ ייִד, מיט פאַרגרויטע באָרד און פאות און מיט מאַוים־גליענדיקע אויגן! אַז ווי מען זאָגט אים אַ וואָרט, צינדט ער זיך אָן ווי פייער, און ווי מען דערמאָנט אים אַ רפואה — ציטערט ער פאַר כעס. צירעלע האָט שוין אַ פּאָר מאָל געפּרואווט פּאַרוואַרפן אַ וואָרט וועגן רופן דעם „פּערשל" און האָט פון טאַטן געקראָגן דעם ריכטיקן אָפּשניט.

פאַר ראש־השנה, ווען מען הייבט אָן בלאָזן שופר אין אַלע בתי־מדרשים, ווען אַ פּיש ציטערט אין וואַסער, איז צו ר' שימעלע דעם סופר, אומגעריכטערהייט, אַראָפּגעקומען ר' ישיעלע דער רב, באַלד נאָכן דאַווענען שחרית איז ער אַראָפּגעקומען, און דער שמש זיינער האָט אים נאָכגעטראָגן דעם געהאַפּטענעם טלית־זעקל. געקומען איז ער אַ קוק טאָן אויף די פּאַרטיקע „יריעות", וואָס עס האַלט מיט דער נייער ספר־תורה. די באַשריבענע שיינע שטיקער פּאַרמעט האָט ר' ישיעלע באַטראַכט אויפן סופר'ס טישל, ביים נידעריקן פענסטערל, און זיין פּנים האָט געלויכטן.

— טצ... טצ...! אָן עין־הרע!... — אַזוי האָט ער באַוואונדערט די פיינע מלאכה — אייך קומט אַ יישר־כח, ר' סופר!

האָט זיך ר' שימעלע צעשמאָלצן פון נחת און מיט אַ ציטערדיקן קול געבעטן דער רב זאָל לעבן זאָל אים אָנטאָן אַ צווייטן כבוד און מאַכן ברכה ביי אים אין שטוב נאָכן דאַווענען.

— מהיכי תיתי! — האָט דער רב מסכים געווען.

ווען צירעלע האָט דערלאַנגט לעקעך און בראַנפן צום טיש, האָט אויף איר ר' ישיעלע אַ קוק געטאָן מיט זיינע דורכדרינגענדע, שווער־באַברעמטע אויגן אַזוי, אַז צירעלע איז אינגאַנצן רויט־געוואָרן. נאָכן שיינעם „לחיים" מאַכט דער רב צו ר' שימעלען:

— רב סופר! די גמרא זאָגט „בתך בגרה"... ווען דיין טאָכטער איז געוואָרן אַ בוגרת, באַפריי דיין קנעכט און מאַך איר חתונה!...

ווערט דעם סופר אַביסעלע פינסטער:

— רבי, כ'האָב שוין געטראַכט דערפון. אַנומלטן גייענדיק פון מקוה... נאָר דעם אמת זאָגנדיק, איז זי נאָך אַ קינד. קוים דרייצן און אַ האַלב יאָר אַלט...

קוקט אים ר' ישיעלע זאָל לעבן אָן, אָן אַ שמייכל קוקט ער אים אָן:

— ר' סופר, — זאָגט ער — וואָס טויג אייך ציילן די יאָרן. ביי אייער טאָכטער, אָן עין־הרע, איז מקוים געוואָרן דער פּסוק: „ותרבי ותגדלי" — ביסט גרויס געוואָרן און שיין געוואָרן. דיין ברוסט גרייט און די האָר געוואַקסן... און ווי שטייט ווייטער?...

האָט ר׳ שימעלע סופר גאַרנישט געענטפערט. ער האָט נאָר אָנגעגאָסן נאָכאַמאָל די קעלישקעס.

האָט ר׳ ישיעלע זאָל לעבן געענטפערט זיך אַליין:

— ווייטער שטייט: „ואעבר עליך ואראך״... און איך בין פאַרבייגע־גאַנגען און איך האָב דיך דערזען, אַז דיין צייט איז געקומען חתונה צו האָבן...

— מירצעשעם, מירצעשעם... — זאָגט אָפּ דער סופר גיך, אַביסעלע צו גיך, ווי פון יוצא־וועגן. ער הייבט אויף דעם קעלישאָק און מאַכט נאָך אַמאָל „לחיים״, כאָטש דער שוואַכער קאָפּ זיינער דרייט זיך אים שוין פון ערשטן טרונק משקה. און ווייטער גענומען דאַנקען דעם רב און דעם שמש פאַר דעם גרויסן כבוד, וואָס מען האָט אים דאָ דערוויזן אַראָפּצוקומען צו אים אין שטוב און מאַכן ביי אים ברכה נאָכן דאַווענען.

נאָך אַזאַ הויכן באַזוך האָט זיך צירעלע אַביסל בארואיקט. דער טאַטע האָט טאָקע קיין רחמנות ניט אויף זיין געזונט. נאָר אַלץ וואָס ער טוט, טוט ער דאָך צוליב ר׳ ישיעלען... וועט אים שוין דער אייבערשטער העלפן. נישקשה.

נאָר איין זאַך האָט זי פאָרט ניט געקענט פאַרצייען. איין פראַגעלע האָט איר געעגבערט אין האַלב־קינדישן מוח: פאַרוואָס האָט אויף איר ר׳ ישי־עלע אַזוי שאַרף געקוקט, ווען זי האָט דערלאַנגט צום טיש? אַפּריער אויף איר, דערנאָך — אויף דעם טאַטן אירן... פאַרוואָס?

געטראַכט אַביסעלע און צומאָרגן פאַרגעסן.

ג

צו מאָרגן גאַנץ־פרי, נאָכן אָפּדאַווענען מיט דעם ערשטן מנין, זיצט ר׳ שימעלע סופר ביי זיין טישל און שרייבט. דער קאָפּ איז אים אַ קאַפּעלע שווער פון נעכטיקן דאָפּלטן „לחיים״, וואָס ער האָט געמאַכט מיטן רב זאָל לעבן. שוין לאַנג אָפּגעוואוינט זיך פון שאַרפע משקאות. ער האָט דאָס גע־טאָן נאָר לכבוד ר׳ ישיעלען... און דאָ, ווי אויף צו להכעיס, שיקט אים גאָט צו אַ פרשה, וואָס גיט זיך אָפּ מיט אַ באַזונדער קלונג אין זיין פאַרשמאַכטן מוח. ער שרייבט די פרשה פון דער אומטרייער ווייב, אין „במדבר״:

„און גאָט האָט געזאָגט צו משהין אַזוי צו זאָגן: רעד צו די קינ־דער פון ישראל און זאָג זיי אַזוי: יעטוועדער מענטש וואָס זיין ווייב וועט זיך פון אים אָפּקערן און וועט אין אים פעלשן אַ פעלשונג, און אַ פרעמדער מאַן וועט מיט איר ליגן אַ ליגונג פון זוימען...״

דאָס האַרץ הייבט שימעלען אָן צו קלאַפּן, ווי די לעצטע צייט ביי אַזעלכע פרשיות. ער בלייבט שטיין און האָט בדעה אָוועקלייגן די גענזענע פעדער און לויפן אין מקוה אָפּטונקען זיך. און דאָ הייבט ער אויף זיינע פאַרגרויטע

ברעמען און דערזעט אין זאוואולעק, פונקט אקעגן זיין פענסטערל, צוויי הינט, א זכר און א נקבה, וואס האבן זיך פאראייניקט און קענען זיך ניט פארנאנדערגיין.

ער שפייט אוים מיט כעס, שפרינגט אויף און גיט א שטוים ביידע העלפטן פון זיין פענסטערל.

— וואן! וואן!... — שרייט ער ווי א באנומענער.

נאר די כלבים זיינען ניט בכוח צו רירן זיך פון ארט.

כאפט ר' שימעלע זיין שטעקן און האט בדעה ארויסצולויפן אויף דער גאס, לערנען דאס טמא'דיקע פארל דרך־ארץ, וואס קיין בושה האט דאס ניט און קיין חרפה אויך ניט.

נאר מיטאמאל דערמאנט ער זיך עפעס און לאזט דעם שטעקן פאלן. סטייטש! — טראכט ער זיך — דער אייבערשטער האט באשאפן און איך וויל אים דא זאגן דעות? אין דער תורה, אין סאמע אנהייב, שטייט געשריבן: „פרו ורבו!..." פרוכפערט אייך און מערט אייך! — צו מענטשן אזוי ווי צו חיות איז דאס געזאגט געווארן. היינט ווי קום איך, א סופר'ל פון תפילין און מזוזות, ארייגצומישן זיך בשעת גאט'ס באשעפענישן טוען זיין געבאט און לעכצן צו פרוכפערן און פארמערן זיך?...

זעצט ער זיך אנידער און צווינגט זיך צו שרייבן ווייטער. נאר עפעס שרייבט זיך אים ניט. ער טונקט און טונקט אין טינטערל און האט מורא אוועקצולאזן זיך איבערן ריינעם פארמעט. די גענזענע פעדער ציטערט אין האנט. די צוויי פארליבטע חיות זיינען זיך אצינד צעלאפן, יעדערער אין זיין זייט, און שרייבן שרייבט זיך אלץ ניט.

און ווען ר' שימעלע באהערשט שוין זיין שוואכקייט, הארץ און האנט בארואיקן זיך און זיין פעדער שטעלט א נייעם געפערלטן אות אויף דער „יריעה", דערהערט ער פלוצים א באנומענעם קוואקץ פון אן עוף. ער כאפט א קוק אין האלב־אפענעם פענסטערל און דערזעט א ראבע הון לויפט מיט צעלאזענע פליגלען און מיט צעשויבערטע פעדערן. א האן א מזיק יאגט זיך נאך איר נאך. זיין שנאבל איז אפן. די אויגן פארהולטאיעוועט און דער שווארצער עק — צעפעכערט. די פרומע הון גיט נאכאמאל א געשריי און לייגט זיך פונדעסטוועגן... זי לאזט זיך אפילו א בים טאן פון האן אינמיטן קאם און שווייגט. אזוי שטארק איז דער מאנסבילשער ווילן פון תרנגול.

דאס מאל גיט שוין ר' שימעלע א ווארף זיין פעדער און זיין אויסגעמוטשעטער פנים פארקרימט זיך צום וויינען.

— רבונו־של־עולם! — פארדעקט ער זיינע הייסע אויגן מיט דער בלאסער דלאניע — אין א נסיון ווילסטו מיך שטעלן! שוין צוויי מאל היינט ווי דו שיקסט אויף מיר אן דעם „שטן". פריער אין געשטאלט פון צוויי אומריינע חיות און אצינד אין געשטאלט פון צוויי כשר'ע עופות. פארוואס פרואווסטו מיך אזוי שטארק? איך בין דאך ניט מער ווי א קליינער־קליי־

נינקער סופר׳ל פון דיין הייליקער תורה, ניט מער ווי בלוט און פלייש. פאַרוואָס לאָזטו מיך ניט אויספירן דעם נדר, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען?

אָבער אויך די ציטערדיקע תפילה האָט אים ניט געהאָלפן. אין האַלז איז אים נאָר טרוקן געוואָרן און אין קאָפּ — נעפּלדיק און היים.

— צירל, — שרייט ער פּלוצלינג אויס מיט אַ הייזעריקן קול — דער־לאַנג מיר אַ גלאָז וואַסער!

וואונדערט זיך צירעלע זיין טאָכטער. צום ערשטן מאָל הערט זי, דעם טאַטן זאָל זיך עפּעס ווילן בשעת דער אַרבעט. לויפט זי גיך צו דער קילער פּאַס אין פירהויז, כדי צו טאָן דעם טאַטנ׳ס ווילן.

יענער טאָג איז געווען אַ הייסער, אַזוי ווי עס גיט זיך איין סוף חודש אלול, סליחות־צייט, וואָס ביי נאַכט שטייט אַ קאַלטע פּאַרע איבער דער ערד און בייטאָג היצט די זון. האָט זיך צירעלע אַרומגעדרייט אין שטוב אַ באָר־וועסע אין בלויזן העמד. מיט אונטערקליידל און פּאַרטוך קוים צוגעדעקט. און אַזוי האָט זי דעם טאַטן דערלאַנגט דאָס קילע גלאָז וואַסער.

שטרעקט אויס ר׳ שימעלע זיין האַנט נאָכן טרונק און דערזעט, אַז די אָרעמס ביי זיין טאָכטער זיינען קיילעכדיק און פריש ווי ביי אַן אמת׳ער בוגרות, פּונקט ווי ביי זיין פּאַרשטאָרבענער ווייב נאָך דער חתונה... און אירע יינגינקע בריסט פּרעגן זיך אונטער איר לייכטן העמד, ווי צוויי האַר־טע אָסיען־עפּל. ווערט ער אַ פאַרצאַפּלטער, שפּרינגט אויף פון טישל און הייבט אָן שרייען מיט אַ קוויטש, ווי אַ באַנומענער:

— דו אויך? דו אויך? דו אויך?...

טאָמער וויניק, גיט ער אַ כאַפּ די פולע גלאָז פון צירעלע׳ס האַנט, טוט אַ וואָרף אָן דר׳ערד און צעברעכט זי אויף שטיק־שטיקלעך.

פאַרשטייט ניט צירעלע וואָס מיטן טאַטן טוט זיך דאָ. מיט וואָס, אַשטיי־גער, האָט זי אים דאָ אַזוי דערצאָרנט, און וואָס מיינט ער מיטן „דו אויך, דו אויך״?... צעוויינט זי זיך ווי אַ קינד, אַנטלויפט אין שלאָף־ווינקל הינ־טערן פּאַראַוואַן, טוליעט איין דעם קאָפּ אין דער מאַמע׳ס עלנדער בעט און כליפּעט.

דערהערט אַז צירעלע וויינט און קען זיך ניט באַרויקן, האָט ר׳ שימע־לען דאָס צעקאָכטע האַרץ גענומען ווי טאָן, וואָס ער האָט אַזוי אומזיסט־אומנישט באַליידיקט זיין בת־יחיד׳קע. וואָס ווייסט זי ברוך השם? און וואָס איז זי באמת שולדיק, וואָס דער אייבערשטער פּרוווט אים היינט אַזוי?

איז ער מיט שטילע טריט אַוועק הינטערן פּאַראַוואַן איבערבעטן זי. מיט אַ ציטערדיקער האַנט גענומען גלעטן זי אין דער האַלב־טונקלקייט, ניט ריידנדיק קיין וואָרט. אָבער אינמיטן־דרינען, ווי ער גלעט זי אַזוי איבערן שוואַרצן קאָפּ און בעט זי איבער, האָט אין אים דער בלינדער צאָרן ווייטער

אויפגעברויזט. כאַפּט ער אַן זיין טאַכטערל ביי די שוואַרצע גלאַטע צעפּ און שלאָגט זי קאָפּ אַן קישן, אַן דער מאַמע׳ס קישן:

— זאָלסט זיך מיר מער ניט דערוועגן אומצוגיין איבערן שטוב אַ האַלב־נאַקעטע! דו הערסט, חצופה? ניט דערוועגן זאָלסטו זיך! ווי די מאַמע דיינע וועל איך דיך באַגראָבן! לעבעדיקערהייט וועל איך דיך באַגראָבן!...

ד

האָט זיך צירעלע שטאַרק געשעמט צו דערציילן פאַר לייטן, אַז אַזאַ שיינער ייד ווי דער טאַטע, דער סופר פון דעם צדיק ר׳ ישיעלע, האָט זי געשלאָגן, פראַסט און פשוט — געשלאָגן... זי האָט אויך געגלייבט, אַז זי האָט זיך דאָ שלעכט אויפגעפירט, ניט ווי אַ יידישע טאָכטער פון אַ פרומען סופר, נאָר ווי עפּעס אַ דאָרפישע שיקסע. האָט זי אָראָפּגעשלונגען די טרערן און פון דאַמאָלסט אָן גענומען אָנטאָן אויף זיך וואָו אַ שווער קליידל און וואָו אַ וואַטאָווען לייבל. קיין נפקא־מינה ניט צי זי גייט אַרויס אויף דער גאַס, צי זי אַרבעט אין דער הייסער קיך לכבוד שבת. אַן אָטעם איז זי נעבעך געבליבן אין איר שווערן אָנטועכץ, ביים אויפראַמען אין שטוב און ביים שייערן די מעשענע לייכטער; אַבי דער טאַטע זאָל ניט זאָגן, אַז זי גייט אום אַ האַלב־נאַקעטע...

אָבער דעם טאַטנ׳ס אומזיסטע שנאה צו איר איז דערפון שוואַכער ניט געוואָרן. אדרבא — ער איז נאָך געוואָרן בייזער און צערייצטער. ווי נאָר זי זעצט זיך מיט אים צום טיש הייבט ער אָן קריצן מיט די ציין:

— איך וויים דאָך וואָס דו טראַכסט אין האַרצן, חצופה! מיך וועסטו ניט נאַרן!... טוסט מיר כלומר׳שט אַ צוליב טוסטו...

שפּעטער מיט אַ טאָג האָט ער זיך שוין גענומען טשעפּען און זידלען אויף אַן אַנדער אופן; אָפּענער אַרויסגעזאָגט וואָס ער מיינט:

— וואַרף פון זיך אַראָפּ די מלבושים, טראַנטשעכע! דער מאַמע׳ס קליידער זאָלסטו מיר ניט טראָגן! דו הערסט? דער מאַמע׳ס לייבלעך אויך ניט... זאָלסט מיר אויפהערן צאַפּן מיין בלוט! וואָרים איכ׳ל דיך ממית׳ן... ממית׳ן וועל איך דיך!

און וואָס מער צירעלע האָט געפאָלגט, אַלץ בייזער און ווילדער איז דער טאַטע געוואָרן. דאָס איז זי צו פיל אָנגעטאָן, דאָס — צו ווייניק. דער טאַטע האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע שלאָגן. ווי עפּעס אַ האָר — אַ פּאַטש. ווי עפּעס אַ האָר — געריסן פאַר די צעפּ, אָנגעכאַפּט פאַר אַן אָרעם און געוואָרפן אויף דער פאָדלאָגע. ביז צירעלע האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן און איז געפאַלן דעם טאַטן צו די פיס און גענומען קלאָגן און וויינען און בעטן זיך:

— טאַטע, מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי פאַרזינדיקט וואָס דו האָסט מיך פיינט געקראָגן? וואָס פייניקסטו מיך אַזוי? איך בין דאָך נאָך אַ קליינינקע. איך בין דאָך אַ יתומה...

איז ר' שימעלע געקומען צו זיך פון אזעלכע ביטערע ווערטער. דער פנים האט זיך אים מאדנע צעקרימט און די טיף־פארזונקענע אויגן האבן זיך צעגליט.

— טאכטערקע, מאכט ער — ניט דיך שלאג איך — דעם „יצר־הרע" שלאג איך. דעם „בעל־דבר" וואס לאזט מיך ניט לעבן, וואס לאזט מיך ניט פארענדיקן ר' ישיעלע'ס ספר־תורה. איך זאל דיך ניט שלאגן וועל איך פון זינען אראפגיין. לאז זיך, טאכטערקע, לאז זיך! איך מוז צו אימיצן אויס־לאזן דעם כעס מיינעם. וויין ניט! פייניק מיך ניט...

האט זיך צירעלע געוועזן דערשראקן פאר דעם טאטנ'ס ווילדן קוק. אבער זי האט זיך פארט געשטארקט, באהאלטן דעם פחד אין הארצן און געפאלגט. מיט געדולד פון א דערוואקסענער און מיט טיפער קינדערשער ליבשאפט האט זי, פון דעמאלט אן, אויפגענומען דעם טאטנ'ס באליידיגונגען, דעם טאטנ'ס רייסן זי פאר די צעפ. ניט געקלאגט, ניט געוויינט און ניט גע־זיפצט אפילו. אבי דער טאטע זאל זיך בארואיקן.

אבער דער טאטע האט זיך ניט בארואיקט. ס'איז געווארן נאך ערגער, איר אונטערטעניקייט, איר געדולד און איר פארשוויגן האבן ארויסגערופן א פארקערטע פעולה. די שלאגערייען זיינען געווארן אפטער, דאס שליידערן זי אן דער ערד — בייזער. און איינמאל אינמיטן דער נאכט איז ר' שימעלע נאר אויפגעשפרונגען פון זיין געלעגער און גענומען טראסקען אין טירל פון איר צימערל:

— דיין טיר זאלסטו פארריגלען, חצופה! דיין טיר זאלסטו פארריגלען! דו הערסט? ווארים כ'וועל אריין און כ'וועל דיך ממית'ן...

ניט־טויט ניט־לעבעדיק איז צירעלע צוגעלאפן צום טירל און פארקייטלט.

— דאס איז גארניט! — שרייט ר' שימעלע הינטערן טירל — מיטן קרעדענץ פארשפאר, מיטן קרעדענץ!

האט צירעלע מיט אלע כוחות צוגערוקט דעם אלטן קרעדענץ צום טירל און פארשפארט. פונוואנען עס האט זיך אין איר גענומען אזא גבורה, ווייס זי ניט. אפנים דער ווילדער שרעק האט איר צוגעגעבן אזוי פיל כוח.

א גאנצע נאכט האט זי דערנאך געציטערט אויף איר געלעגער, אן אויג ניט צוגעמאכט. און צומארגנס אינדערפרי, ביים טיי־טרינקען, האט זי זיך געשטארקט און פארט צעוויינט זיך הויך אויפן קול:

— טאטע, גלייבסט שוין מיר אויך ניט? ווי א גנב'טע זאל איך מיך איינשפארן אינמיטן דער נאכט? טא־אטע!

קרעכצט אפ ר' שימעלע א דערשלאגענער:

— חס ושלום, טאכטערקע! ניט דיר — דעם „ניט גוטן" גלייב איך ניט. שפאר זיך איין, צירעלע! אלע נאכט זאלסטו זיך אזוי איינשפארן. דו הערסט? אלינקע נאכט!... ס'איז גלייכער. ס'איז א סך גלייכער.

דער טייוול איז שטאַרקער...

א

צירעלען איז גוט אַריין אין קאָפּ דאָס וואָס דער טאַטע האָט איר אָנגע־זאָגט. און פון דעמאָלט אָן האָט זי געגומען פאַררינגלען איר קאַמערל און פאַרשפּאַרן מיטן אַלטן שווערן קרעדענץ — איידער ליגן זיך שלאָפן; אַבי דער טאַטע זאָל ניט שרייען, אַבי דער טאַטע זאָל זיך באַרואיקן.

אָבער דער טאַטע האָט זיך ניט באַרואיקט. ר׳ שימעלע׳ס ווילדע אויפכאַ־פּענישן אינמיטן דער נאַכט זיינען געוואָרן שטורמישער. ער האָט אימיצן געשאָלטן, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ, געזידלט צירעלען הינטער דעם אָפּגעשלאָסענעם טירל.

דאָס האָט גענומען אויפפאַלן די שכנים אין „זאַוואולעק״: ביינאַכט קולות און געוויין, בייטאָג קולות און געוויין... ביים טאַטן און ביי זיין טאָכטער זיינען די אויגן־לעפּלעך געווען אָנגעשוואָלן. פון ניט שלאָפן צי פון פאַרגיסן טרערן?... האָט מען זיך אָנגעהויבן צו שושקען:

— וואָס טוט זיך דאָס ביים סופר אין שטיבעלע?

— אַ קליאַפּקע אין מוח האָט זיך ביי ר׳ שימעלען געריירט...

— אַ קליינינקייט! אַ מענטש פאַסט תעניתים און שרייבט טאָג און נאַכט.

— און אַז אַ באַלעבאָסטע אין שטוב...

— געדאַרפט זען ער זאָל חתונה האָבן.

— געזען ווי צירעלע זעט אויס?

— גייט אויס ווי אַ ליכט.

— אַ קינד טראָגט אויף זיך אַזא באַלעבאַטישקייט!

— געדאַרפט זען אַריינמישן זיך...

„געדאַרפט״ און „געדאַרפט״ און, ווי דער שטייגער איז ביי אַזעלכע „איי־דעלע זאַכן״, איז אַלץ געבליבן ווי געווען. צירעלע איז אומגעגאַנגען מיט געשוואָלענע אויגן און שימעלע האָט געשריבן ר׳ ישיעלע׳ס ספר־תורה.

עטלעכע טעג פאַר יום־כיפור איז דער סופר דערגאַנגען צום סוף פון פרשת „בלק״. ביים שיין פון קליינעם לעמפּל האָט זיך זיין גענזענע פעדער

ווייך געגליטשט איבערן פּאַרמעט און פאַרשריבן אַז אויפּרייצנדיקע סצענע, אַזוי צו זאָגן:

„האָט דאָס פאָלק געגומען פאַרקערן מיט די טעכטער פון מואָב. האָבן זיי גערופן דאָס פאָלק צו די אָפּפער פון זייערע געטער און דאָס פאָלק האָט געגעסן און געבוקט זיך צו זייערע אָפּגעטער..."

איבערן שטוב האָט צירעלע אַרומגעפּאַדיעט שטילערהייט, ווי אַ קעצל, און געמאַכט די בעטן. אַפריער דעם טאַטנ'ס בעט הינטערן פּאַראַוואַן, דער־נאָך איר אייגענע בעט אין איר קאַמערל. דאָס האַרץ ביים סופר האָט שאַרף גענומען נאָגן, נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט און ווייטער געשריבן:

„האָט דערזען פּינחס, דער זון פון אלעזר, דער זון פון אהרן דער כהן, איז ער אויפגעשטאַנען פון דער פאַרזאַמלונג און גענומען אַ שפּיז אין האַנט. און ער איז געקומען נאָכן מאַן פון ישראל אין אַלקער און האָט דערשטאָכן זיי ביידן, דעם מאַן פון ישראל און די פרויען־צימער אין איר אַלקער..."

אַז אויפגעקאָכטער, ווי פון אַ קייט אָפּגעריסן, איז ר' שימעלע פּלוצלינג אָנגעלאָפן אויף צירעלען זיין טאָכטער אין א י ר אַלקערל, אָנגעכאַפּט זי פאַר די צעפּ און גענומען שרייען:

— דו וועסט ביי מיר היינט ניט נעכטיקן, דו הערסט? היינט וועסטו ביי מיר ניט נעכטיקן!...

אַזוי שרייענדיק האָט ער זי אַרויסגעשטויסן אויף דער גאַס, פאַרהאַקט די לאָדן, פאַרשלאָסן די טיר און אַוועקגעזעצט זיך שרייבן די ניט־פאַר־ענדיקטע „יריעה" ביז טיף אין דער נאַכט אַריין.

צירעלע האָט איבערגענעכטיקט ביי אַ שכן, ביי שמחה דעם סטאָליאַר. און צומאָרגן, אונטערגעוואָרעמט פון גוטהאַרציקע שכנים, איז זי אַוועק צום רב ר' ישיעלען און באַקלאָגט זיך פאַר אים, אַז דער טאַטע באַהאַנדלט זי שלעכט; זי ווייסט ניט פאַר וואָס און זי ווייסט ניט פאַר ווען.

דעם גאַנצן אמת צו דערציילן האָט זי זיך נעבעך געשעמט. וועגן דעם, אַז דער טאַטע שלאָגט זי און ווילדעוועט אינמיטן נאַכט — קיין וואָרט ניט געזאָגט. פאַרשלייערט און פאַרשטעלט און מיט האַלבע ווערטער האָט זי זיך באַקלאָגט. נאָר משמעות — ס'איז געווען גענוג. וואָרים ר' ישיעלע זאָל לעבן האָט אַוועקגעשיקט דעם שמש זיינעם נאָכן סופר. גלייך און אויפן שטעל זאָל ער אים אַהער ברענגען!

איז ר' שימעלע געקומען צו גיין מיט געבראָכענע קני און מיט אַ געבוי־גענעם קאָפּ. געשעמט זיך צו קוקן דעם רב אין די אויגן אַריין. האָט איז אים ר' ישיעלע אַריינגעזאָגט אַ גרויסן שטיק מוסר: סטייטש, ווי קומט דאָס אַ ייד אַ בעל־תורה זאָל פאַרגעסן, אַז זיין טאָכטער איז אי אַ יתומה, אי אַ ניט־דערוואַקסענע? אַרויסיאָגן גאָר אינמיטן דער נאַכט אויף דער גאַס!

ס'איז ניט געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך און ניט געזען געוואָרן. אַזאַ טאַטע איז ווערט מען זאָל אים קנס'ענען!...

שטייט ר' שימעלע אַ געבראָכענער, אַ צערודערטער, ווי אַ שוואַכע פלאַנץ אין שלאַקס־רעגן, און לאָזט איבער זיך פאַלן דעם רב'ס מוסר און ענט־פערט קיין וואָרט ניט.

— ר' סופר! — שרייט אויף אים ר' ישיעלע אַז — וואָס שווייגט איר? ריידן זאָלט איר!

ענטפערט ר' שימעלע אָפּ קוים־קוים. די פאַרגרויטע באָרד ציטערט ביי אים און אין די אויגן שטייען טרערן:

— וואָס זאָל איך זאָגן און וואָס זאָל איך ריידן? אַז איר, רבי, זענט גערעכט ווי דער טאָג... און צירעלע איז אויך גערעכט... אַ רוח־שטות איז אין מיר אַריין. כ'האָב געוואָלט די פּרשה „בלק" ענדיקן איינער אַליין, איינ־גאַנצן אַליין. אַ שאָטן פון אַז אשה זאָל ביי מיר אין שטוב ניט זיין. מיין אייגענע טאָכטער זאָל לעבן מיר ניט זיין...

האָט ר' ישיעלע אַ הייב געטאָן זיינע דורכדרינגענדע אויגן און אַריינ־געשטאָכן זיי אינעם סופר'ס בלאַסן פּנים. דערנאָך אָנגענומען די שיינע באָרד און אַ צי געטאָן זי מיט „תקיפות" ווי אַלעמאָל ביי מאַכן אַ פּשרה, אָדער ביי פּסק'ענען אַ האַרבע שאלה.

— ר' סופר, — מאַכט ער — איך האָב אייך שוין איינמאָל געזאָגט, „אל תהי צדיק הרבה!" — זייט ניט צו פיל פרום!...

און צוגעגעבן אַ ביסעלע שטילער:

— באַדאַרפט פ ר י ע ר חתונה האָבן, ר' סופר, וואָלט געווען אַ סך גלייכער...

האָט אים ר' שימעלע מיט אַ ציטערדיקער שטים צוגעזאָגט, אַז איצט וועט ער פאָלגן. אָט מירצעשעם, נאָך די ימים־טובים וועט ער זען פאַרענ־דיקן דעם חומש „דברים" און וועט נעמען אַ באַלעבאָסטע אין שטוב. ער זעט שוין, זאָגט ער, ברוך־השם, אַליין, אַז ס'איז געווען אַ שווערער „נדר". נאָר... ר' ישיעלע'ס ספר־תורה וויל ער ענדיקן אַזוי ווי ער האָט זי אָנגעהויבן, אין ריינקייט און אין פּרישות...*)

האָט ר' ישיעלע, זאָל לעבן, אַ הייב געטאָן די באַטלעסטע פּלייצעס: „נו!..." ס'הייסט: אויב דער סופן איז אַזוי איינגעשפּאַרט, טאָ זאָל ער טאָן ווי ער וויל.

אין ווילינקע איז ער נאָך געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער, אין זיין רבנישער פאָטער־שטול, מיט דער שיינער באָרד אין האַנט, דערנאָך איז ער פאַוואָליע אויפגעשטאַנען און מיט דער זעלבער פאַרטראַכטקייט אַרויס־באַגלייט דעם סופר און זיין טעכטערל.

*) אָפּגעזונדערטקייט פון ווייבער.

— גייט — מאַכט ער — געזונטערהייט! און דער איבערשטער זאָל אייך ב י י ד ן העלפן...

און וואָס ער האָט מיטן „ביידן" געמיינט, איז ערשט שפּעטער קלאָר געוואָרן.

ב

די פּאָר טעג פאַר יום־כּפּור האָט צירעלע געלעבט אין איינע ציטערנעש. דער טאַטע האָט געשוויגן, נאָר זיין שווייגן איז געווען שרעקלעכער ווי פריער זיין זידלען זי. צוויי מאָל אַ טאָג האָט ער זיך געטובל'ט, אָפּגעקומען מיט טרוקנס און אַ סך געשריבן. די באַקן זיינע זיינען נאָך מער איינגעפאַלן, נאָר די אויגן האָבן געברענט מיט אַ מאָדנעם געלבלעכן פייערל, ווי ביי אַ קאַץ, להבדיל, אין דער פינסטער. יעטוועדער מאָל, ווען זי פלעגט זיך באַגעגענען מיט אַזאַ קוק, פלעגט זי אָפּקערן דעם קאָפּ, אוועקקוקן אַז אַ זייט. און אַליין איז זי אַ גאַנצן טאָג אומגעגאַנגען אויף די ציפּקעלעך, מורא געהאַט ארויסצורעדן אַ וואָרט. צום טיש געגרייט דעם טאַטן, צאַפּלענדיק און ציטערנדיק, און אַליין געגעסן אין קאָכשטוב. ביינאַכט האָט זי אויך קיין רו ניט געהאַט. אין איר אָפּגעשלאָסענער און פאַרשפּאַרטער טירל האָט דער טאַטע מער ניט געקלאַפּט, אָבער לייכטער איז איר דערפון ניט געווען. וואָרים יעדער מאָל, ווען זי פלעגט געבן אַ פאַר־אויף פון שיטערינקן דרעמל, פלעגט זי דערהערן ווי דער טאַטע קרעכצט הינטער זיין פאַראַוואַן און פּרעפּלט מאָדנע פּסוקים. זי וואָלט געמעגט שווערן, אַז אַזעלכע מיני פּסוקים האָט זי שוין, דאָ ניט לאַנג, געהערט פון ישיעלען, ווען ער איז דאָ געווען צו־גאַסט און געמאַכט „לחיים" —

„ותרבי ותגדלי... און ביסט אויסגעוואַקסן און גרויס געוואָרן און ביסט געקומען צו דיין שיינקייט. דיינע בריסט זיינען צוגעגרייט געוואָרן און דיינע האָר האָבן אויסגעשפּראָצט..."

און אינמיטן־דרינען רייסט דער טאַטע איבער זיינע ווילדע תפילות, הייבט אָן קריצן מיט די ציין און שילט אימיצן אין דער פינסטער:

— לילית!... אַ רוח אין דיין טאַטן אריין! לילית...

ערב יום־כּיפּור איז ר' שימעלע רואיקער געוואָרן. ער האָט אויפגעהערט צו ריידן מיט זיך אַליין און איז גאַנץ פרי אַוועקגעלאָפן אין מקוה אריין. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געזאָגט תהילים און פאַרן פאַרפאַסטן ווייטער געלאָפן אין מקוה...

פאַר זיין אוועקגיין אין בית־מדרש האָט אויף אים צירעלע זיין טאָכטער שטאַרק רחמנות געקראָגן, מוחל געווען אים אַלע יסורים, וואָס ער האָט איר אָנגעטאָן די לעצטע עטלעכע וואָכן. בשעת ער האָט גענומען די קליאַמקע

פון טיר אוועקצוגיין, איז צו אים צירעלע צוגעלאָפן און מיט טרערן אין די גרויסע שוואַרצע אויגן געוואונטשן אים פון טיפן האַרצן:

— אַ גרינגן תענית זאָלסטו האָבן, טאַטינקע!

ער האָט איר אָבער גאַרנישט געענטפערט, ניט צוריקגעוואונטשן. ער האָט נאָר פאַרשטעלט דעם אויסגעמאָגערטן פנים מיט אַ ברעג פון קיטל און איז גיך און שווייגנדיק אַוועקגעגאַנגען.

צו „כל־נדרי”, אין אַלטן בית־מדרש, איז ער געשטאַנען אַן איינגעוויקלטער אין קיטל און טלית און אין מורא פאַרן יום־הדין. אַ צעבראָכענער איז ער אַזוי געבליבן שטיין די גאַנצע צייט פון דאַווענען מעריב און פון נאָכזאָגן אַלע לאַנגע יום־כיפור׳דיקע תפילות נאָכן חזן. די אויגן זיינען ביי אים געווען האַלב־געשלאָסן, די באָרד ווייס און דער אויסגעפייניקטער פנים — ווייס. און דער גאַנצער אויסזען — פון אַ הייליקן וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ וואָס געהערט זיך אַן מיט עולם־הזה...

אין יענער נאַכט, נאָך מעריב, איז ר׳ שימעלע אַהיים ניט געקומען. ער האָט גענעכטיקט אין בית־מדרש. צירעלע האָט זיך דאָס ניט איבעריק גענומען צום האַרצן. זי האָט געוואוסט, אַז אַלע פרומע יידן זיינען זיך אַזוי נוהג. זיי בלייבן די גאַנצינקע נאַכט, פון ערב־יום־כיפור אויף יום־כיפור, אין בית־מדרש, און כאַפּן אַ דרימל אויף אַ הייפל שטרוי מיט אַ קולאַק צוקאָפּנס, ביז פאַרטאָג...

פונדעסטוועגן, אינמיטן דער נאַכט, ווען זי האָט געגעבן אַ פאַר־אויף פון שלאָף, ווי איר שטייגער איז די לעצטע צייט, האָבן איר געפעלט דעם טאַטנ׳ס זיפצן הינטערן פאַראַוואַן און זיין פלוכן אימיצן אין דער פינסטער... זי האָט אַ ווײַלע געהאָרכט און דערנאָך צעוויינט זיך און ניט געקענט אויסוויינען זיך. אויפן האַרצן איז איר געווען שווער און פאַרוואָס — האָט זי ניט געוואוסט.

צומאָרגן, יום־כיפור, האָט זי אַ גאַנצן טאָג געפאַסט און צוזאַמען מיט אַלע יידישע טעכטער פון „זאַוואָלעק” געדאַוונט אין דער ווייבערשער שול פון אַלטן בית־מדרש. דורך די הילצערנע גראַטעס האָט זי מיט אירע אומרואיקע אויגן געזוכט און אָפּגעזוכט דעם טאַטן צווישן די דאַוונער. ער איז די גאַנצענע צייט געשטאַנען געבויגן איבערן מחזור און שטענדער, קיין מינוט ניט צוגעזעצט זיך. דער טלית איז אים, ווי אַ שלייער, געהאַנגען איבערן פנים, און די ברייטע פאַלדן פון קיטל זיינען שלאַף געהאַנגען אַרום זיין אויסגעמאָגערטן גוף. אַ הויפן מיט תכריכים — ניט קיין לעבעדיקער מענטש...

פאַר נעילה, ווען די זון האָט זיך קוים־קוים גענומען אַראָפּלאָזן, איז שוין צירעלע אַוועקגעלאָפן אַהיים, כדי צוצוגרייטן אַלץ וואָס מען דאַרף. צום טיש געגרייט, לעקעך אָנגעשניטן, די קאַלטע כפרה אַרויסגענומען פון אַלמערל אין פיר־הויז — דער טאַטע זאָל זיך קענען אָפּפאַסטן ווי נאָר ער

וועט קומען אהיים. מיט אומגעדולד האט זי געוואַרט אויפן ערשטן שטערן, כדי צו מאַכן פייער אין פולן סאַמאָוואַר, טיי פאַרפאַרען. נאָר דער יום־כיפור'דיקער טאָג האָט זיך מאָדנע־לאַנג געצויגן. מיט רויטע וואָלקנס און מיט אַ מאוים'דיקן רויטן גלאַנץ האָט ער אַריינגעקוקט אין די פענסטערלעך און דער רואיקער פאַרנאַכט האָט בשום־אופן ניט געוואָלט קומען.

מיטאַמאָל דערזעט צירעלע דורך איין אָפענעם פענסטערל — דער טאַטע גייט אַהיים! ניט ער גייט, נאָר ער לויפט מיט דריבנע משונה'דיקע טריי־טעלעך... אין אַלע בתי־מדרשים זינגט מען נאָך די לעצטע תפילות פון נעילה און דער טאַטע לויפט שוין אַהיים?... אַ פאַרציטערטע איז זי געוואָרן און, ניט־טויט ניט־לעבעדיק, אַרויסגעלאָפן אים אַקעגן.

— טאַטע, — מאַכט זי און די ליפּן ציטערן איר — דיר איז חס־ושלום ניט־גוט געוואָרן?...

האָט אויף איר ר' שימעלע אָנגעשטעלט אַ פּאָר ווילדע אויגן, אַרומגע־קוקט זיך מיט פאַרדאַכט און שטיל אַ ברום געטאָן: „אין שטוב אַריין!..." מער גאָרנישט.

ווי אַ פּאַר'כישופ'טע פון טאַטנ'ס קוק און באַפעל איז צירעלע אַריין אין שטוב, און שימעלע — נאָך איר. ער האָט גלייך גענומען שליסן טיר און פענסטער און זיין אָטעם איז געוועזן שווער און זיינע נאָזלעכער — אויפ־געבלאָזן.

— טאַטע... וואָס איז? — האָט צירעלע קוים־קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— וואָס איז? — האָט ר' שימעלע איבערגעקרימט מיט אַ קייכנדיקן אָטעם.

און פּלוצלינג האָט ער גענומען קריצן מיט די ציין און טרייסלען מיט דער באָרד:

— טו זיך אויס, לילית! טו זיך אויס, זאָג איך דיר!

און ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט אָפּשפּרעכן פון אַ גרויסן כישוף, האָט ער גיך־גיך גענומען פּרעפּלען אַ פסוק פון מחדש זיין די לבנה:

„מכשפה לא תחיה. לא תחיה מכשפה. תחיה מכשפה לא..."

פון אַזאַ פּלוצלעבקייט און פון אַזאַ שוימענדיקן פּרעפּלען איז צירעלען פינסטער געוואָרן אין די אויגן. זי האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ און גענומען ציען פון זיך וואָס עס האָט זיך געלאָזן.

האָט זיך אָבער שימעלע נאָך מער צעקאָכט:

— ניט דאָ. אין דער מאַמע'ס בעט גיי. דו ביסט דיין מאַמע'ס גלגול. צו איר אין בעט גיי! דו הער־דסט?

טאַפּנדיק די ווענט, אַ האַלב־גע'חלש'טע, האָט צירעלע געפאָלגט.

ארײַנלויפנדיק הינטערן פּאַראָוואַן נאָך זײַן טאָכטער, האָט שימעלע אַ כאַפּ געטאָן פון ספרים־פּאָליצע דעם קרבן־מנחה פון זײַן פאַרשטאָרבענער ווײַב, גיך־גיך, מיט אַ ווילדן אימפּעט גענומען מישן און מישנדיק גע־ברומט:

— ר׳ ישיעלע האָט אַזוי געזאָגט אויף דיר און איך וועל אויך זאָגן...

ער האָט אויפגעמישט דאָס וואָס ער זוכט, מאָדנע צעשאָקלט זיך, און מיט שוים אויף די ליפּן גענומען בראָקן איבער צירעלען. אַ זאָג אָפּ און דײַן צײַט פון חתונה האָבן איז געקומען...

„ואעבר עליך...” און איך בין איבער דיר אַריבערגעגאַנגען און כ׳האָב דיך דערזען ווי דו קויקלסט זיך אין דײַן בלוט. ואמר לך בדמיך חיי! און כ׳האָב צו דיר געזאָגט: אין דײַן בלוט — לעב! און כ׳האָב צו דיר געזאָגט: אין דײַן בלוט — לעב!

„רבבה כצמח השדה...” דו ביסט אויפגעוואַקסן ווי אַ פלאַנץ אין פעלד און ביסט גרויס געוואָרן און געקומען צו דײַן שיינקייט. דײַנע בריסט זײַ־נען צוגעגרייט געוואָרן און דײַנע האָר האָבן אויסגעשפּראָצט...

„ואעבר עליך...” און איך בין איבער דיר אַריבערגעגאַנגען און דערזען אַז דײַן צײַט פון חתונה האָבן איז געקומען...

אינמיטן שאָקלען זיך אַזוי האָט ער אַ הייב געטאָן די ווילדע אויגן פון דער ווײַב׳ס קרבן־מנחה און דערזען אַז צירעלע שטייט אַ האַלב־נאַקעטע לעבן דער מאַמע׳ס בעט און ציטערט. האָט ער גענומען טופּען אויף איר מיט די פיס:

— טו זיך אויס אינגאַנצן האָב איך געזאָגט, גלגול! אינגאַנצן טו זיך אויס, גל—גול!...

צירעלע האָט אָבער מער נישט געפאָלגט. זי האָט נאָר פאַרדעקט דאָס פּנימ׳ל מיט ביידע נאַקעטע אָרעמס און צעוויינט זיך הויך אויפן קול.

פון איר פלוצלעכן געוויין איז שימעלע אינגאַנצן ווילד געוואָרן. ער האָט אַ וואָרף־געטאָן דעם שווערן קרבן־מנחה פון האַנט און אַליין גענומען רײַסן פון איר דאָס לעצטע ביסל אָנטועכץ. געריסן און ווי אַ הונגעריקע חיה איבער איר קרבן צעברומט זיך:

„און איך בין אַריבערגעגאַנגען פאַרבײַ דיר און דערזען ווי דו קייקלסט זיך אין דײַן בלוט. און כ׳האָב צו דיר געזאָגט: אין דײַן בלוט — לעב! און כ׳האָב צו דיר גע־ע־זאָ־אָ־אָגט —.”

פון דעם ברומענדיקן אויסטערלישן „געזאָגט” איז צירעלע אינגאַנצן געקומען צו זיך, אויפגעטרייסלט זיך ווי פון אַ שווערן חלום און גענומען דראַפּען און בײַסן אָרום זיך ווי אַ פאַרבלענדעטע בייזע קאַץ.

ג

די שכנות אין זאוואלעק — ידישע ווייבער און טעכטער, וועלכע זיינען פונקט אזוי ווי צירעלע געקומען פון שול פארפרי, כדי צוצוגרייטן פאר די מאנסבילן אלץ וואס מען דארף צום אפפאסטן זיך, האבן פלוצלינג דער־הערט א גרויס געשריי. עמיצער האט געשריען „געוואלד" און אימיצער האט געברומט ווי א חיה און די געמישטע קולות האבן זיך געטראגן ניט פון קיין אנדער ארט ווי פונם סופר'ס אפגעשלאסענער הייזקע.

אז אנדערש מאל וואלט דאס די שכנות ניט אויפגעפאלן אזוי שטארק. ווארים די לעצטע צייט איז מען שוין, ברוך־השם, געווען געוואוינט צו אזעלכע מיני געשרייען ביי ר' שימעלען... נאר סוף נעילה, ווען גאנץ שטאט האט נאך נישט געענדיקט דעם „יום־הדין" און אלע מאנסבילן זיי־נען נאך אין די שולן, איז דאס אויסגעקומען גאר־גאר מאדנע. זיינען דע־ריבער עטלעכע ווייבער ארויסגעלאפן און גענומען טראסקען אינם סופר'ס אפגעשלאסענער טיר.

קיינער האט זיי נישט געענטפערט, די טיר נישט אויפגעריגלט. די ווילדע קולות זיינען נאר געווארן שטארקער. זיינען די איבערגעשראקענע ווייבער אוועקגעלאפן אין נאענטן אלטן בית־מדרש בעטן ראטונעק. זיינען אין זאוואלעק אין איין מינוט אנגעלאפן מאנסבילן אין קיטלען, אין טליתים, מחלל־יום־כיפור געווען פאר מעריב און אויפגעריסן די טיר מחמת „פקוח־נפש."*)

האט מען געפונען צירעלען דעם סופר'ס טאכטער כמעט אינגאנצן א נאקעטע, א צעביילטע, א צעקנייפטע. ניט אין א שענערן צושטאנד האט מען געפונען ר' שימעלען. זיין קיטל איז אויף אים געווען צעריסן. פון נאז האט זיך געגאסן בלוט איבער דער גרויער צעפליקטער בארד. די באקן און הענט צעדראפעט און די רויטע פינטלדיקע אויגן האבן געסטארטשעט ווי ביי א טירוף. צירעלע האט נאך באוויזן אויסצושרייען:

— ער דארטן... ער האט געוואלט...

און איז אנידערגעפאלן און גע'חלש'ט.

די ווייבער האבן זיך גענומען אפמינטערן צירעלען און די אנגעלאפענע מאנסבילן האבן זיך געווארפן אויף ר' שימעלען, אנגעכאפט אים און ווער פאר די הענט, ווער פארן קאלנער און אוועקגעפירט, דורך דער גאנצער שול־גאס, צום רב, נאך פארן אפפאסטן זיך.

די ערשטע עטלעכע טריט האט מען אים געמוזט שלעפן. שימעלע האט זיך געווארפן, געבריקעט, געוואיעט ווי א גע'סמ'טע חיה. נאר מיטאמאל איז ער שטיל געווארן. א פום געשטעלט, דערנאך א צווייטע און געלאזן זיך פירן ווי א געבונדענער שעפס.

*) כדי צו ראטעווען א נפש. צוליב דעם מעג מען מחלל זיין שבת און יום־טוב.

אַ סך אויפגערעגטע קולות האָט ער געהערט אַרום זיך: „אַ מעשה נורא!" „סדום!" „ערגער ווי אין סדום!" „אינמיטן יום־כיפּור!" „אַ ייד אַ סופר!" אָבער ער, פּונקט ווי ער וואָלט טויב און בלינד געוואָרן; ער האָט געשטומט. זיינע צעקראַצטע אַראָפּגעלאָזענע אויגן האָבן נאָר געזען די רויטע טראָפּנס וואָס קייקלען זיך פון זיין צעבלוטיקטער נאָז איבער זיין גרויער באָרד און פאַלן, ביים גיין, איבער זיינע שיך און זאָקן און אין שטויב אַריין.

ער האָט זיך אַזוי געלאָזן פירן ביז עטלעכע קלאַפּטער פאַרן רב'ס הויז. דאָ האָט זיך שימעלע פּלוצלינג אַ ריס געטאָן מיט אַן איבערמענטשלעכן כוח, איבערלאָזנדיק שטיקער אַטלאַס און לייוונט, פון זיין קאַפּאָטע און קיטל, אין די הענט פון זיינע „אונטערפירער"; און פייל פון בויגן אַנטלאָפן אַראָפּ שול־גאַס, צו די גויעשקע כאַטעס צו.

ערשט אַצינד האָבן זיך יידן געכאַפּט, אַז די חיה האָט זיך נאָר פאַרטאַיעט, אַז די כלומרש'טע נאָכגעביקייט פון האַלב־משוגענעם סופר איז געווען ביטרע אויסגערעכנט... נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט. שימעלע איז געלאָפן מיט אַ פאַרצווייפלטן אימפּעט און מיט אויסגעשרייען פון אַן אונטערגעשאָסענער חיה. און יידן, אָפּגעשוואַכטע פון פאַסטן און פון אַזאַ אויפגערעגטקייט, האָבן אפילו קיין כוח נישט געהאַט נאָכצולויפן אַ גאַנץ, ניט נאָר פאַבריקעווען נאָך אַזאַ ווילדן מענטשן. פונדעסטוועגן איז מען נאָכגעלאָפן... אַ ברירה האָט מען געהאַט? גיי, לאָז איבער אַזאַ רשע אויף דער פריי!...

מ'איז אַזוי נאָכגעלאָפן נאָכן סופר ביזקל דער גרויסער מיל, דאָרטן וואו די אָזערע פאַלט אַריין אין טיפן טאָל פון דניעפּער און דרייט די גרויסע מילשטיינער. דער שטח, צווישן דעם אַנטלאָפענעם און נאָכלויפער, איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער... און מען האָט נאָר פונדערווייטנס געזען ווי ר' שימעלע לויפט אַרויף אויפן הויקערדיקן בריקל, וואָס איבער דער הרעבליע, גיט אַ שפּרונג איבער דער פּאָרענטשע, ווערט פאַרשוואונדן... און אַ מורא'דיקן „שמע־ישראל" האָט מען דערהערט אין דער פאַרנאַכטיקער קילער לופט. דאָס שרעקלעכסטע איז געווען דאָס, וואָס דעם „שמע־ישראל" האָט מען דערהערט אַ רגע'לע שפּעטער, נאָכדעם ווי ר' שימעלע איז אַראָפּ אין הרעבליע אַריין... דאָס טרעפט אָפּטמאָל, ווען דאָס געשעעניש איז בערך נאָענט פאַרן אויג און ווייט פאַרן אויער... מען דערהערט דעם שאָס שפּעטער ווי מען דערזעט דעם רויך. נאָר דאָ האָט דאָס געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ מאוים'דיקן וואונדער, ווי אַ קול פון וואַסער־קבר, וואוהין ר' שימעלע איז אַראָפּ...

ד

יענעם נאָכן יום־כיפור איז גאַנץ שטאָט געווען אויף. חושך איז געווען אין שטאָט. מ׳האָט אפילו פאַרגעסן אַריינצושלאָגן דעם ערשטן פּלעקל פאַר אַ סוכּה, ווי דער מנהג איז ביי פרומע יידן... קוים איבערגעכאַפּט דאָס האַרץ, האָט מען זיך מיט לאַמטערנעס און מיט לאַנגע דראַנגעס אַוועקגעלאָזט צו דער הרעבליע און געשטופּט און גענישטערט אין דער סאַזשלקע אַרום מיל, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז אימיצן האָט זיך איינגעגעבן צו פאַר־טשעפּען אַ ווייכע שווערע זאַך. צוגעשלעפּט „די זאַך״ צום ברעג האָט מען, ביי אַ געלבן שימער פון אַ לאַמטערנע, דערזען אַ שטיק סיווע באָרד שטעקט אַרויס פון וואַסער און אַן אָנגעבלאָזענער פּענכער פון אַ נאַסן קיטל. און ס׳איז מער קיינעם ניט געבליבן ווי אַרויסצושלעפּן דעם דערטרונקענעם, צו־דעקן מיט אַ ליילעך און אָפּזאָגן „ברוך דיין אמת״.

איז מען געקומען צום רב ר׳ ישיעלע און מ׳האָט אים דערציילט אַלץ וואָס ס׳איז געשען און ווי אַזוי ס׳איז געשען.

איז ער, עליו־השלום, בלאַס געוואָרן ווי קאַלך. אַ האַלב־גע׳חלש׳טער איז ער געבליבן זיצן אין זיין פאָטער־שטול. און ווי נאָר ער איז געקומען צו זיך, האָט ער געזאָגט צו זיינע מקורבים אַזוי:

— גייט גלייך און זייט בודק די „יריעות״ פון דער ספר־תורה וואָס ער האָט פאַר מיר געשריבן...

איז מען געקומען צום סופר אין הייזקע און מ׳האָט בודק געווען אַלע „יריעות״ וואָס דער אומגליקלעכער האָט די לעצטע צייט פאַרשריבן מיט די פּרשות פון חומש „במדבר״. האָט מען געפונען, אַז אויף יעדער אָרט וואו עס דאַרף שטיין גאָט׳ס נאָמען, שטייט גאָר „לילית״ אָדער „סמאל״ און יעדער אות פון די טרפה׳נע נעמען איז באַקרוינט מיט דריי־צײנדלדיקע גאָפּלעך, ווי די אותיות שעטנ״ז רחמנא־ליצלן... האָבן אַלע די, וועלכע האָבן די ספר־תורה אונטערזוכט — דער שמש, דער שוחט און אַלע מקורבים פון דעם רב ר׳ ישיעלע, — געריסן „קריעה״ ביזקל העמד אויף אַזאַ מורא־דיקער פאַרשוועכונג פון אַ „ריינקייט״, ווי נאָך אַ פאַרשטאָרבענער מאַמע „קריעה״ געריסן.

און צומאָרגן פאַרנאַכט האָט זיך געצויגן אַ סומנע לויה פון דער גרויסער מיל צו רישקאַקי, צום יידישן בית־עלמין. שמשים האָבן ניט געקלאַפּט אין פּושקעס און ניט אויסגערופן „צדקה תציל ממות״ און חברה׳שע יתומים האָבן ניט אויסגעזונגען: „צדק לפניו יהלך...״ נאָר איין מנין יידן איז נאָכגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אַזוי האָט מען שימעלע דעם סופר באַגלייט צו זיין אייביקער רו.

על פי דין האָט מען אים געדאַרפט מקבר זיין לעבן פּלאַנקען, נאָר אַזוי ווי עס זיינען געווען עדות, אַז שימעלע האָט פאַרן וואַרפן זיך אין הרעבליע

געשריען „שמע ישראל‟, האָט מען אָנגענומען, אַז פאַרן טויט האָט ער חרטה געהאַט אויף אַלע זיינע זינד און געשטאָרבן ווי אויף „קידוש־השם‟... האָט דער רב, זאָל לעבן, געמאַכט אַ פשרה און דערלויבט צו באַגראָבן אים אויף אַ שענערן אָרט — זיבן איילן ווייט פון פּלאָנקען.

אינם זעלבן קבר, וואו ר׳ שימעלע איז באַגראָבן געוואָרן, האָט מען אויך געבראַכט צו קבורה אַלע ניט־פּסול׳ע יריעות וואָס ער האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן פאַר ר׳ ישיעלע׳ס ספר־תורה. אָבער די פּסול׳ע יריעות מיט די מורא׳דיקע לעסטערונגען קעגן גאָט האָט ר׳ ישיעלע געהייסן פאַרברענען און צעשפּרייטן דעם אַש אויף דעם פאַרשאָטענעם פרישן קבר און אויף אַלע פיר זייטן פון בית־עלמין. און אַ מנין יידן האָבן נאָכן אומגעקומענעם געזאָגט תהילים גאַנצע דרייסיק טעג אַלע טאָג נאָכן דאַוונען.

נאָכן אָפּזיצן שבעה האָט דער רב ר׳ ישיעלע געהייסן אוועקשיקן צירעלען — די טאָכטער פון אומגעקומענעם סופר — אין אַ שטאָט וואו מען קען זי נישט, צו ווייטע קרובים, כדי קיינער זאָל אויף איר נישט טייטלען מיט די פינגער און כדי זי זאָל קענען חתונה האָבן אין דער פרעמד — אַזאַ כשר׳ע יידישע טאָכטער, וואָס האָט אַזוי שטאַרק באַשיצט איר כבוד און אַזוי פאַר־צווייפלט געקעמפט מיט דעם בייזן גייסט וואָס איז אריין אין איר טאַטן אינמיטן יום־כיפור; געקעמפט ביז זי איז אים בייגעקומען.

און דעם זון זיינעם, קאַרפּלען, וואָס לערנט אין דער פרעמד אין אַ ישיבה, האָט ר׳ ישיעלע געלאָזן אַראָפּברענגען, חתונה געמאַכט אים און באַזעצט אין זיין טאַטנ׳ס וויסט־געוואָרענער הייזקע, געהייסן אים אויסלערנען זיך דעם טאַטנ׳ס מלאכה, כשר׳ע מזוזות שרייבן, בתים פאַר תפילין מאַכן, כדי „מתקן‟ צו זיין דעם טאַטנ׳ס זינדיקע נשמה. פאַרענדיקן דאָס וואָס דער טאַטע האָט אָנגעפאַנגען...

מען דערציילט אויך, אַז ביזקל זיין פּטירה האָט דער רב ר׳ ישיעלע גע־פאַסט אַלע יאָרצייט נאָכן סופר, אַ צווייטן תענית געפּראַוועט צומאָרגן נאָך יום־כיפור. און שטענדיק באַדויערט וואָס ער האָט נאָכגעגעבן שימעלען דעם סופר, געלאָזן אים נעמען אויף זיך אַזאַ הארבן נדר ווי אָנשרייבן אַ גאַנצע ספר־תורה, פינף חומשים אויף פאַרמעט, אַז אַ ווייב איז שטוב... אַזוי אָרום האָט ער אים דערלויבט צו פּרוּוון גאָט און אריינצופאַלן אין נעץ פון שטן, גאָט זאָל אונז שוין טאָקע אַלעמען שומר ומציל זיין פון אַזאַ פּרוּוו !...

באָרע „די גרויסע אויגן"

א

ווען משהיקע, קיווע'ס האָדולניק, איז אַלט געוואָרן אַכט יאָר, איז געשען אַ זאַך וואָס האָט, שפּעטער מיט יאָרן, צערודערט זיין גאַנצן לעבן, ביז עס האָט אים אומגעבראַכט.

וואָס מער ער האָט זיך באַקאַנט מיט די שכנים אין זאַוואָלעק, אַלץ ענגער איז אים געוואָרן די לופט. די אָפּגעשלאָסענע לופט, צווישן די אַכט פאַרשיידענע שכנים און צווישן די איינטאָניקע קרויטגערטנער, האָט אים גענומען שטיקן. האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצו'גנב'ענען זיך פון זאַוואָלעק אויף דער שול־גאַס און אַלץ מער און מער פאַרלאָזן דעם שמאָלן דורכגאַנג, וואָס צווישן בײדע גרינע גאַנעקעס — ווינגדער דעם וואַלד־סוחר'ס גאַנעק און קיווע דעם לעקעכמאַכער'ס.

אויף דער שול־גאַס, פּונקט אַקעגן קיווע'ס שטוב, לעבן קהל'שן ברונעם וואָס ביים לויה־בית־מדרש, האָט געלויכטן מיט זיין רויער פרישקייט אַ נייער דעמבענער טויער. און געוואוינט האָט הינטערן טויער „באָרע די גרויסע אויגן" — דער הורט־סוחר פון פלאַקס און פון פאַקליע. „גרויסע אויגן" איז געווען זיין צונעמעניש, ווייל סיי ער, סיי זיינע דערוואַקסענע צוויי בנים פון דער ערשטער ווייב, סיי זיין טעכטערל פון דער צווייטער ווייב, האָבן געהאַט זעהר גרויסע, אַביסל בולטע אויגן מיט גרויסע שוואַרצאַפּלען און מיט נאָך גרעסערע ווייסלען — האַרטלעכע און בלוילעך־ווייסע ווי געקאָכטע אייער. און באַשאַטנט זיינען אַט די פאַמיליען־אויגן געווען מיט לאַנגע אַרויפגעבייגטע ווייעס. גיט אימיצער פון דער פאַמיליע אַ קוק מיט די „אויגנעס" — גייט דורך אַ פרעסטל דורכן רוקן פון אַזאַ פלוצליכקייט. דערנאָך געוואוינט מען זיך צו.

זיין הורט־האַנדל פירט באָרע „די גרויסע אויגן" מיט אַ ברייטן פאַרנעם. ער און די בנים קויפן אויף פלאַקס און פאַקליע אויפן דאָרף און מ'שיקט דאָס אָפּ מיטן וואַסער און מיטן אייזנבאַן קיין אויסלאַנד. שוין אין חודש אב הייבן אָן פאָרן גרויסע אָנגעפּאַקטע פורן מיט רויע פאַקליע, וואָס טרייסלען זיך ווי גרויסע אָנגעשוואָלענע לעבערס און צוליב וועלכע מען מוז ברייט פאַנאַנדערפּענען דעם טויער פון הויף. די לעצטע יאָרן זיינען אָבער

די פורן געוואָרן אַ סך גרעסער און געשוואָלענער, אַזוי אַז מען האָט געמוזט צונעמען דעם אַלטן סאָסנאָוון טויער און מאַכן אַ נייעם, אַ העכערן און אַ ברייטערן. זינט דאַמאָלסט האָט באָרע אַ נייעם דעמבענעם טויער.

באַלד נאָך די ימים־טובים, ווען עס ווערט קילבלעך, יאָוועט זיך פון ערגעצוואו אַ דייטש, דערנאָך אַ צווייטער דייטש. ביידע טראָגן גרינע און ווייכע קאַפּעליושן אויף די געגאָלטע פעטע קעפּ. אין איין קאַפּעליושל זיינען אפילו פאַררוקט עטלעכע ברוינע הינערשע פעדערלעך — אַן אמת׳ער פורים־שפּילער! ביידע קלאַפּן זיי ברייטלעך אַן אין דעם טירל פון דעמבענעם טויער, און באָרע׳ס בנים פירן זיי אַריין אין הויף מיט גרויס כבוד. אַנשטאָט „גוט־מאָרגן" זינגען די דייטשן אויס „מאָ־איען!" און אָוועקגייענדיק זינגען זיי אויס „ווידערשאַאוען!" זיי ריידן בכלל עפּעס אַ מאָדנעם לשון מיט לאַנגע פּתח׳ן, מיט ווייכע למד׳ן און מיט צעקראָכענע חית׳ן. מען וואָלט געקענט שווערן, אַז זיי קרימען איבער יידן.

ארוים פון זאַוואָלעק אויף דער שול־גאַס און ארומגעקוקט זיך — האָט משה׳קען גענומען ציען צום דעמבענעם טויער וואָס אַקעגן. דאָס חיות איז אים פּשוט אויסגעגאַנגען צו כאַפּן אַ קוק וואָס עס טוט זיך דאָרטן אין באָרע׳ס הויף. דאָס איז אָבער געוואָרן מעגלעך ערשט אַסיען־צייט, ווען דער פאַר־קער אין באָרע׳ס הויף איז גרויס און דער טויער אָדער די זייטיקע טירל שטייען אָפּטער אָפן. דאַמאָלסט איז משה׳קען טאַקע געלונגען אריינצוקוקן אַהין מיט בלויע זשעדנע אייגעלעך; דעם ערשטן מאָל — קורץ און פלינק ווי אַ מייזל, אַ צווייטן מאָל — לענגער און אַ דריטן מאָל איז ער שוין געבליבן שטיין און מער ניט געשראָקן זיך.

האָט ער אין דער טיף פון הויף דערזען אַ גרויסן אָפענעם שפּייכלער; און דער שפּייכלער, אַזוי ווי אַ האַלבער הויף, איז געווען פאַרפלייצט מיט גרויע כוואַליעס פון פּאַקליע און מיט גאָלדיקע און בלאָסלעכע קופּעס פון פלאַקס, עפּעס ווי אַ סך צעריסענע מאַטראַצן וואָלטן זיך אויסגעשאָטן אין דעם איבערגעפילטן שפּייכלער און אַראָפּגעפלייצט באַרג־אַראָפּ, אין ברייטן הויף אריין. אַ געוויסער פון פּאַקליע האָט זיך אַרויסגעריסן פון שפּייכלער און פאַרגליווערט געוואָרן אין פּלייצן. און אין רעכטן מיטן פאַרגליווערטן אויסגוס שטייט עפּעס אַ מאָדנע מאַשין און פרעסט די הורבעס פּאַקליע און פלאַקס און פרעסט זיי. זי שלינגט איין די האַריקע, אויפגעברויזטע לייכטע בערגלעך און וואַרפט ארויס שווערע פירקאַנטיקע פּעקלעך. דאָס איז אַ מין גרויסער לאַנגער קאַסטן אויף מאַסיווע רעדער מיט אַן אויסגע־שטעלטער אייבערשטער דעק. צו דער פראַנט־וואַנט פון קאַסטן איז צוגע־שמידט אַ ברייטער און צייגערדיקער פרענט אייזן מיט אַ גרויסן הילצערנעם הויבל. אין קאַסטן גופא, ביזקל גאַרטל אין ווייכער פּאַקליע, טאַנצן באָרע׳ס צוויי דערוואַקסענע בנים, איינער שוואַרצער פאַרן אַנדערן, מיט פונקט אַזעל־כע גרויסע אויגן ווי ביים טאַטן. ביידע זיינען זיי אַן רעקלעך, צעהיצטע און פאַרשוויצטע, נאָר טאַנצן טוען זיי אויף וואָס די וועלט שטייט. זיי

דרייען זיך אין קאַסטן און קאַטאַוועסן און זעען אויס פּונדערווייטנס ווי צוויי גרויסע ליאַלקעס פון אַ ריזיקער קינדערשער צאַצקע אויפן יאַריד, וועלכע העצקען זיך ווען מען דרייט דאָס הענטל... באַרע, דער טאַטע זייערער, שטייט דערביי מיט אַ צעפּאַטלטער באָרד און וואַרפט זיי אַלע ווילע צו גרויסע הויפנס פּאַקליע אין קאַסטן אַריין. ער וואַרפט און די בנים באַאַר־בעטן דאָס מיט די פיס. ווי נאָר ער גיט אַ וואָרף, אַזוי ווערט דאָס געטאַנץ לעבעדיקער, ווי אַ פלאַקער ווען מען וואַרפט אים צו טרוקענע שפענער. דאָס טרעטעכץ וואַקסט אין דער טיף פון מאַשין, ביז די כאַליאַוועס פון די בנים באַווייזן זיך דרויסן... ניין, אַזאַ פריילעכע מלאכה פון אַ טאַטן מיט צוויי זין האָט נאָך משה'קע קיינמאָל אין לעבן ניט געזען. אַלע דריי מאַכן זיך נאַריש ווי קליינע יינגלעך און דאָס הייסט ביי זיי אַרבעטן!...

ב

פון שטוב־טיר אין הויף לויפט פּלוצלינג אַרויס אַ שיין מיידעלע מיט אַן אָנגעבּיסענעם רויטן עפּל אין האַנט און מיט רויטע קינדערשע קרעלן אויפן אָפּגעבּרענטן האַלז. זי איז אינגאַנצן ברוינלעך און זיס ווי פון גוטן האָניק־לעקעך געמאַכט. אירע זיינען שוואַרץ און דריבנע געקרייזלט; און אויגן האָט זי ווי דער טאַטע, ווי די ברידער אירע — גרויסע און שוואַר־צע, מיט בלויע ווייסלעך און מיט לאַנגע וויעס. נאָר מחמת איר קלײנקייט זעען זיי אויס דריי מאָל גרעסער און ליכטיקער ווי ביי אירע נאָענטע. דאָס אָנגעבּיסענע עפּעלע אין האַנט און די קרעלן אויפן האַלז גיבן איר צו אַ מאָדנעם חן. זיי באַטאָנען די רויטקייט פון אירע ליפּעלעך, די גלאַנציקע שוואַרצקייט פון אירע האָר און אויגן. זי הייבט אָן גלייך אַרומצוטאַנצן אַרום דער פּרעס־מאַשין; זי פּלאָנטערט זיך דעם טאַטן צווישן די פיס. באַרע „די גרויסע אויגן" וויל וואַרפן אַ הורבע פּאַקליע אין קאַסטן אַריין — שטייט אים די קליינע אין וועג.

— ציפּקע! ציפּקע!... — שרייט ער אויף איר אָן.

און די ברידער אין קאַסטן צעשרייען זיך אויך, אָבער אַ סך ברוגז'ער און גראָבער:

— ציפּקע, אַוועק!

דערמאָנט זיך משה'קע, וואָס ער האָט געהערט ריידנדיק אין זאַוואַלעק, אַז ס'איז אַ שוועסטערל פון איין טאַטן אָבער ניט פון איין מאַמען. אַ מאָדנע פּלאָנטעריש אַזאַ. ס'איז איין משפחה און פּאַרט אַ צעריסענע. אים, משה'־קען איז נאָך ערגער. ניט קיין טאַטן, ניט קיין מאַמען האָט ער; נאָר אַ פעטער און מומע. און וויסן ווייסט ער ניט ביז צו היינטיקן טאָג ווי ער קומט צו זיי. ציט אים דערפאַר אַזוי צו דער מיידעלע, וואָס איז האַלב־פרעמד אירע אייגענע ברידער. עס חלש'ט זיך אים שפּילן מיט איר...

די לאַנגע אָפּגעריבענע כאַליאַוועס פון די בנים וואַקסן דערווייל אינ־גאַנצן אַרויס פון דעם טרעט־קאַסטן. אָפּנים די מאַשין איז שוין פול. מאַכט בארע אַ דעכעלע איבער די „גרויסע אויגן" און שרייט אַרויף צו די זין:

— נאַ, גענוג וועט זיין!

קריכן די בנים אַרויס און לאָזן אַראָפּ די איבערשטע דעק און קייטלען זי צו. דערנאָך שפּרינגען זיי אַראָפּ און הויבן אָן ציען דעם הילצערנעם הויבל אַרויף און אַראָפּ. זיי „פּאָמפּען" אַזוי ווי די פּאָזשאַרניקעס אויף אַ שרפה. נאָר אויף אַ שרפה וואָס ווייניקער וואַסער עס בלייבט אין פאַס אַלץ לייכטער גייט צו דאָס פּאָמפּען און דאָ — פאַרקערט. וואָס ווייטער ווערט אַלץ שווערער. לייגט צו דער טאַטע אויך אַ האַנט און מען פּאָמפּעט אויף טרוקן זאַלבע־דריט. בארע'ס צעשויבערטע, מיט פּאַקליע־פּעדעמער אויסגעמישטע באָרד פּאַרטשעפּעט זיך אָן הויבל און פאָרט מיט אים אַרויף און אַראָפּ. און די בנים זינגען אונטער צום טאַקט, גיבן אונטער חשק איינער דעם צווייטן מיט אַ גראַבלעך לידל:

...איז דאָס בייקל געגאַנגען פאַרלאָרן,
איז נאָר פון אים געבליבן דער האָרן!
איטשע־פּיטשע, פּרא־אדם,
רייב און קוק ניט אין „חיי־אדם"!

— נו! נו! — שרייט כלומר'שט „בארע די גרויסע אויגן" אויף זיי אָן. ס'הייסט: לאָזט אייער שקאַצעוואַטע געזאַנגעכץ אויף אַן אַנדערש מאָל.

נאָר די בנים האָבן קיין דרך־ארץ ניט. ווי אויף צו־להכעיס פאַרדאָפּלען זיי די כוחות ביים „פּאָמפּען" און דעם גראַבלעכן קול ביים זינגען:

איז די רביצין געגאַנגען צום ברונען
און דעם בייקל'ס האָרן געפונען.
איטשע־פּיטשע, פּרא־אדם!
וואָס־זשע קוקסטו אין „חיי־אדם"?

משה'קען פאַרגלוסט זיך אַרויסצופּלאַצן מיט אַ געלעכטער. דער אונ־טערשייד צווישן בארע'ס פאַרזאָרגטן פּנים און צווישן דער פריילעכער אויס־געלאַסנקייט פון זיינע בנים איז צו גרויס... נאָר דאָ פאַרכאַפּט אים דעם אָטעם אַ צווייטער וואונדער. ער דערזעט פּלוצלינג, אַז די אונטערשטע דעק פון קאַסטן, וועלכע איז אָקאָרשט געשטאַנען פעסט איבער די רעדער, פאָרט אַרויף. דער אונטערשטער טייל פון דער מאַשין ווערט הויל, דער ציינער־דיקער אייזערנער פּרעגט קוויטשעט און די הילצערנע וועגט קרעכצן. הפּנים די צוזאַמענגעפּרעסטע פּאַקליע דריקט מורא'דיק, וויל זיך אַרויסרייסן ווי שטאַלענע ספּרוזשינעס. נאָך איין רגע'לע און די הילצערנע ווענטלעך וועלן נעבן אַ פּלאַץ... נאָר אין דער געפערליכסטער מינוט האַקן די בנים אָפּ זייער לידל, לאָזן אָפּ דעם גרויסן הויבל. גיבן עפּעס אַ צי הינטער דער מאַשין און די אונטערשטע אַרויפגעפאָרענע דעק פאַלט אַראָפּ צוריק אויף איר פריער־

דיקן אָרט איבער די רעדער. אַ זייט פון קאַסטן רוקט זיך אַרויס ווי אַ גרוי־סער שופלאַד. און פון שופלאַד שלעפּן דער טאַטע מיט די בנים אַרויס אַ פּירקאַנטיקן און לאַנגן שטיק פּאַקליע, אַפּגעקאַנטיקט ווי אַ פּעקל טיי. נאָר שווער מוז ער זיין!... פון די פריער אָנגעהורבעטע, לייכטע פּענקע איז אַצינד געוואָרן בליי. וואָרים דריי פּלייצעס טראָגן אים אָפּ אַן אַ זייט און זעקס הענט ציען אים איבער מיט אַן אָנגעגרייטן זאַק, וואָס פּאַסט זיך דעם געפּרעסטן שטיק ווי אַ ציבעלע צו אַ קישן. משה׳קעס שאַרפע אייגלעך דערזעען אפילו לעבן די אָנגעלייגטע געפּרעסטע שטיקער פּאַקליע אַ קנײלעכל שפּאַגאַט און אין קנײלעכל שטעקט אַ גרויסע זאַק־נאָדל, אַפּנים אויף צו פאַרנייען די האַלב־אָפענע זעק איידער מען שיקט זיי אַוועק קיין אויסלאַנד...

און כּד־הוה. אין אַ היפּשער ווײלע אַרום, ווען עס קלייבן זיך אַן עט־לעכע פּעקלעך, קלאַפּט באַרע „די גרויסע אויגן" אַן אין פענסטער פון שטוב: קום קאַרשט אַרויס!

אַ ווייבעלע אין אַ געקווייטלטן טיכל אויפן קאָפּ קומט אַרויס און נעמט נייען די אָפענע זייטן פון די פּעק. דער שפּאַגאַט ציט אַן די זעק און גלייכט זיי אויס איבער די עקיקע זייטן פון דער געפּרעסטער פּאַקליע. אַצינד איז דאָס, ווייזט אויס, גרייט אַוועקצופאָרן אין די ווייטע לענדער אַריין.

ג

אָנגעזעטיקט מיט דאָס נײַ געזעענע גייט משה׳קע אַוועק אַהיים. נאָר דער דעמבענער טויער פון אַקעגנאיבער, אויף דער שול־גאַס, לאָזט אים מער ניט צו־רו. פון דאַמאָלסט אַן האָט ער זיך דאָרט פאַרנאַדיעט. און ווען דאָס טירל אין דעם דעמבענעם טויער איז ניט אָפן, עפנט ער עס פּאַוואָליע אויף אַליין. ער שטעלט אַריין אַ פּיסעלע, לויערט און זעט אַלץ נייע און נייע חידושים.

אַזוי, למשל, האָט ער, אין אַ וואָך אַרום, דערזען אין באַרע׳ס הויף אַ הויכן גוי מיט אַ גרינעם קאַפּעליושל אויפן געגאָלטן קאָפּ און מיט אַ הי־נערשער פעדערל אַריינגעשטעקט אין סטענגע פון קאַפּעליושל. משה׳קע וואָלט געקענט שווערן, אַז דער גוי האָט דאָס אויסגעריסן ביי מומע שצע־רע׳ס ראָבער הון פון עק...

דער שפּייכלער אין הויף איז שוין אַצינד געווען האַלב־ליידיק. אַנשטאָט די הורבעס פּאַקליע און פלאַקס זיינען דאָרטן געווען אָנגעהויפט אַ סך לאַנגע פּירקאַנטיקע פּעק, ווי גויעשקע טרומנעס... דער גוי מיטן קאַפּעליושל איז געשטאַנען ביי אַן ענגלישער וואָג מיט אַ ביכעלע אין האַנט. באַרע׳ס צוויי בנים טראָגן אַלע ווײלע צו אַן איינגעשנורעוועטן פּאַק מיט געפּרעסטע פּאַקליע, לייגן דאָס אַרויף אויפן גרינעם פליגל פון וואָג, און באַרע „די גרויסע אויגן" שטעלט אַקעגן דאָס געוויכט אויפן קלענערן פליגל. אָבער

דער גוי פאַרלאָזט זיך ניט איבעריק אויפֿן יידן, ער קוקט גוט נאָך און איז בודק יעדער געוויכט און געוויכטעלע. דערנאָך וואַרט ער אָפּ ביז די מעשענע צינגלעך פֿון וואָג גלייכן זיך אויס און פֿאַרשרייבט אין ביכעלע. כאַפּט באַרע „די גרויסע אויגן״ אַ פּענזל און שמירט־אויף, מיט רויטער פֿאַרב, אַ גרויסן נומער אויפֿן אָפּגעוואויגענעם פּאַק, און דער דייטש קוקט נאָך און פֿאַרשרייבט ווייטער אין ביכעלע.

דער גרעסטער וואונדער פֿאַר משה׳קען איז דאָס, וואָס דער גוי רעדט „יידיש״, אָבער אַ סך אַ שלעכטערן יידיש ווי פֿאַלאַהייקע, די יידישע וואַסער־טרעגעריז... והא־ראיה: ווי נאָר ער כאַפּט דעם יידן ביי עפּעס אַ פּעלערל צעשרייט ער זיך אויף אים מיט גאַלע פּתח׳ן:

— אַ—אַבער... ערלאַובען זי מאַ—אַל!...

און פֿוילט זיך אַ האָר ניט, בייגט זיך אַראָפּ מיטן קאַפּעליושל און הינערשן פּעדערל און טאַפּט איבער אַלע געוויכטן.

פֿאַרשעמט זיך באַרע „די גרויסע אויגן״ און שטעלט אַריין אַ וואָרט. ער איז צעשראָקן און אונטערטעניק, ניט ווי אַ סוחר וואָס פֿאַרקויפֿט סחורה, נאָר ווי אַ משרת מיטן באַלעבאָס. ער סטאַרעט זיך ריידן מיטן גוי מיט הוילע פּתח׳ן, אָבער קומען קומט ביי אים אַרויס, ווייזט אויס, פּידרעך. וואָרים דער גוי מיטן גרינעם קאַפּעליושל קוקט אַז בייזלעך דעם יידן און זינגט אַרויס מיט אַ לאַנגן פּתח:

— ווי מאַ־איינען זי?

קוקט זיך משה׳קע אַרום: וואו איז דאָס די „זי״? און זעט קיין סימן ניט פֿון אַ נקבה. כאַפּט ער זיך באַלד, אַז דער גוי, וואָס רעדט יידיש, מוז זיין אַ דייטש פֿון באַרע׳ס דייטשן. אַ טריאַטער מיט זיין יידיש! אַ באַיאָרנטער ייד מיט אַ באָרד הייסט נאָר ביי אים „זי״...

דער טאַטע ווי דער טאַטע. באַרע ווייסט, אַז ער רעדט שלעכט „דייטש״ און שטאַמלט און ווערגט זיך מיט „פּתח׳ן״. חוצפּה׳דיק זיינען נאָר באַרע׳ס ביידע בנים. זיי מאַכן זיך, אַז זיי ריידן דייטש ווי אַ וואַסער און יעדן מאָל ווען זיי טראָגן צו אַ נייעם געשנורעוועטן פּאַק מיט פּאַקליע האַקן זיי דעם דייטש אַ טשייניק:

— טוען זיי אַ קוק!... וועלכע פּענקאַ זיי האַבן! גאָלד ניכט קיין סכאָירע! (סחורה).

אָבער דער דייטש איז זיי מוחל דאָס גאַנץ ביסל דייטשמעריש. ער פֿאַכעט זיך פֿון זיי אָפּ מיט ביידע אָנגעדראָלענע הענט:

— אַך, לאַ—סען זי דאָך!...

און טאַפּט ווייטער די געוויכטן וואָס באַרע שטעלט, און פֿאַרשרייבט אַלץ אין זיין ביכעלע.

איז משה׳קע ווייטער אויסער זיך. ער באוואונדערט דעם דייטש׳ס לשון: צוויי געזונטע בחורים הייסן ביי אים אויך „זי״... אלע הייסן ביי אים „זי״. א מאָדנע אומה די דייטשן!

ווייטער האָט משה׳קע באַמערקט, אַז ווען באָרע „די גרויסע אויגן״ איז אין הויף האַלטן זיך נאָך די בנים זיינע מיט אביסל דרך־ארץ, אָבער ווי נאָר זיי בלייבן אַליין, שפּרינגט אַרויס זייער פּאַרטאַיעטע חוצפּה, זיי הייבן אָן צו זינגען מאָדנע לידער און מיט אַ הפקר׳דיקן קול; שטופּן אונטער איינער דעם צווייטן מיט די עלנבויגנס און ווינקען מיט די גרויסע פייער־דיקע אויגן. אָט, למשל, דאָס לידל וואָס זיי האָבן, ביים אַרבעטן מיטן טאַטן צוזאַמען, געזונגען אביסעלע איינגעהאַלטן און אַן באַזונדערע העוויות, באַ־קומט אַצינד אַ בולטע אויסגעלאַסנקייט, כאָטש די ווערטער האָבן זיך אַ האָר ניט געביטן:

איז די רביצין געגאַנגען צום ברונען
און האָט דעם בייקעלס האָרן געפונען.
איטשע־פּיטשע, פּרא־אדם!
וואָס־זשע קוקסטו אין „חיי־אדם״?...

דערמאָנט זיך משה׳קע, אַז אין זאַוואָלעק רעדט מען טאַקע פון באָרע׳ס בנים ווי פון גוטע הולטאַיעס, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אַז אַ מאַמען און זאַטשעפּען דערפאַר אַלע מיידלעך פון גאַס. פּאַרנאַכט, ווען דער טאַטע גייט אַוועק צו מעריב, לאָזן זיי זיך אַרויס אויף דער גאַס, פּאַרן טויער, און ווינקען צו אַלע ווייבלעך וואָס גייען פאַרביי און טשעפּען זיך מיט יונגע גויות און מיט דינסטמיידלעך. טאַמער זאָגט זיי אַ באַלעבאָס אַ ייד איין וואָרט — עפּענען זיי אויף אַ מויל, אַז מען מוז פון זיי אַנטלויפן ווי פון שוואַרצן פעפער. באָרע׳ס בנים זיינען מיט דער צייט געוואָרן אַן אַלטע צרה אין גאַס, אויף וועלכער מען באַקלאָגט זיך שוין ניט מער ביים טאַטן „מיט די גרויסע אויגן״. און דערהערט מען עפּעס וועגן אַ סקאַנדאַל אויף דער שול־גאַס ווייסט מען שוין:

— אַה... ווייטער באָרע׳ס בנים!...

און דערביי בלייבט דאָס.

ווען באָרע „די גרויסע אויגן״ איז אין הויף ניטאָ און ציפּקע, זייער שוועסטערל פון אַן אַנדער מאַמען, לויפט אַרויס פון שטוב, ריידן צו איר, די דערוואַקסענע ברידער, גראָבלעך בייז, יאָגן זי ווי אַ שטיף־שוועסטער:

— ציהאַנקע (ציגיינערקע), אַוועק!

— ציהאַנקע, צו דער מאַמען דיינער גיי!

„ציהאַנקע״ גאָר!... עפּעס ווי זיי אַליין, די דערוואַקסענע ברידער, וואָלטן געווען וויים ווי געפּאַלענער שניי... אין דער אמת׳ן זיינען זיי נאָך שוואַר־צער און אָפּגעברענטער ווי ציפּקע — זייער זעקס־יאָריקע שוועסטערל.

רק מע יאָגט זי צו דער מאַמען! די מאַמע אירע איז אָבער שטענדיק פאַרנומען אין דער באַלעבאַטישקייט, היינט וואָס זאָל אַ קליין מיידעלע טאָן ווען די גרויסע פאַרהאַרעוועטע ברידער ווילן מיט איר ניט שפּילן? נודיעט זי זיך נעבעך, פאַדיעט זי אַרום אין הויף, זוכט אין אַלע לעכער. אַזוי האָט זי זיך איינמאָל אָנגעשטויסן אויף משה'קען, וואָס קוקט זשעדנע אַריין אין שפּאַלט פון קוים־אָפענעם טירל.

— דו? — האָט זי אויפגעעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן מיט בולטע ווייסלען — וואָס טוסטו דאָ?

— איך קוק! — מאַכט משה'קע און באַטראַכט זי זעהר נייגעריק מיט זיינע בלויע קוקערס.

משה'קע מיט זיינע פייער־רויטע גרייזעלעך אויפן קאָפּ, מיט זיינע באַגאָלדעטע וויעס און מיט זיין ווייסער הויט פון פּנים'ל זעט ציפּקען אויס ווי אַ חיה פון אַן אַנדער וועלט. טראַכט זי אַ ווײַלע און גיט פּלוצלינג אַ זאָג:

— ווייסט? מיך רופט מען ציפּקע! —

— כ'ווייס — בורטשעט משה'קע — און איך בין... קיווע דעם לעקעכמאַכער'ס... דאָ, פון אַקעגן... ועסט קומען אין זאַוואָלעק צו אונז, וועל איך דיר געבן לעקעך...

ציפּקע קוקט זיך אום אַ דערשראָקענע אין טיף פון הויף און ווייזט ערגעצוואו מיט איין פינגערל:

— זיי וועלן שרייען אויף מיר...

ד

אַזוי זיינען ביידע פרעמדע קינדער צוגעצויגן געוואָרן איינער צום אַנדערן; אפריער שעמעוודיק, מיט אַ פינגערל אין מויל, דערנאָך זיכערער און מוטיקער. ביז ציפּקע האָט זיך איינמאָל דערוועגט און האָט זיך אַרויסגע'גנב'עט פון דעמבענעם טויער צו כאַפּן אַ שפּיל מיט משה'קען אויף דער גאַס. עס איז איר זעהר געפעלן געוואָרן וואָס אַזאַ גרויסער חדר־יינגעלע פון אַקעגנאיבער שעמט זיך ניט צו שפּילן מיט אַזאַ קליינינקער ווי זי איז. דעם יינגעלע'ס נייע פאַרבן פון קאָפּ און הויט זיינען איך זעהר טשיקאַווע. און אים, משה'קען, האָבן פונקט אַזוי צוגעצויגן די גרויסע שוואַרצע אויגן פון באַרע'ס מיזינקע, די ברוינלעכע הויט, אַזאַ זיסע און וואַרעמע און שמעקעדיקע ווי צוגעברענטער האָניק אויף מומע שצערע'ס בלעכן. און דאָס שנירעלע מיט רויטע קרעלן אויף איר העלזל האָבן צו אים געלויכטן מיט אַ באַזונדער פרישקייט. ווי אַ רויט אָדערל אין אַ גוטן עפּל.

איינמאָל האָט איר משה'קע געבראַכט צו טראָגן אַ שטיקל קאַרענעם לעקעך, געפילט מיט איינגעמאַכץ, און האָט דערמיט ציפּקען אינגאַנצן אָפּגעקויפט. מיט אַ באַזונדער הנאה האָט ער צוגעזען ווי דאָס קינד נאַגט און

פּאַסמאַקעוועט זיך. נאָך יעדן אָראָפּגעשלונגענעם ביסן האָט זי קינדיש־געצויגן אויסגעזונגען:

— עי, ס'אַרא — געשמאַ—אַקיט!...

כדי ניט צו בלייבן שולדיק האָט זי אים, נאָכן פּאַרטיק ווערן מיטן לעקעך, געבראַכט אַ מאַטיק פרישן פּלאַקס פון שפּייכלער... משה'קע האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן דערמיט. נאָר, כדי ניט צו פאַרשעמען ציפּקע'ס מתנה האָט ער דאָס הייפל פּלאַקס אַריינגעשטופּט אין קעשענע און האָט איר פייערלעך צוגעזאָגט, אַז אַט... ווען ער וועט זיין אַ גרויסער, וועט ער אויך האַנדלען מיט פּלאַקס און מיט פּאַקליע, און וועט קויפן... אַ גרויסע מאַשין וועט ער קויפן, אַ סך אַ גרעסערע ווי ביי איר טאַטן. אַלע יינגלעך פון גאַס וועלן ביי אים טרעטן פּאַקליע אין מאַשין. ווער עס וועט אָפּצאָלן אַ קאָפּיקע וועט קענען טרעטן וויפל זיין האַרץ גלוסט... און זי, ציפּקע, וועט אָנטאָן אַ טיכל מיט קווייטלעך אויפן קאָפּ, פּונקט ווי די מאַמע אירע, און וועט נייען די זעק מיט שפּאַגאַט... צו דער דאָזיקער מלאכה וועט ער קיין שום אַנדער ווייבל ניט צולאָזן נאָר זי אַליין...

ציפּקע איז געווען זעהר גערירט פון אַזאַ כבוד וואָס משה'קע פּלאַנעוועט דאָ פאַר איר. דאָס חנ'עוודיק פּנימ'ל האָט זיך איר צעשטראַלט. נאָר אינמיטןדרינען האָט זי אַראָפּגעלאָזט די שוואַרצע אויגן און האָט זיך פאַררויטלט:

— אָבער... אָבער אַפּריער מוז מען חתונה־האָבן...

וועגן דעם האָט משה'קע אינגאַנצן פאַרגעסן. זי איז דאָך גערעכט ווי די וועלט!...

איין רגע'לע האָט ער זיך געריבן אַ באַק פון גרויס פאַרלעגנהייט. נאָר באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט און צוגעזאָגט ציפּקען, אַז ווי נאָר ער וועט איינהאַנדלען די מאַשין צו פּרעסן פּאַקליע, וועט ער מירצעשעם שטעלן חופּה. אָט... זאָל ער אַזוי געזונט זיין!... לעקעך צו דער חתונה וועט געבן די מומע שצערע און פּעטער קיווע וויפל מען וועט באַדאַרפן.

פיין מושווה געוואָרן צווישן זיך וועגן דער קומענדיקער חתונה, איז משה'קע, מיט אַ פאַרטאַיעטן סוד אין האַרצן, אַוועק אַהיים. אַ מאָדנע זאַך! אַצינד האָט אים געצויגן צו ציפּקען אַ סך, אַ סך שטאַרקער ווי פריער. ער האָט גערעדט מיט זיך ווען ער פלעגט בלייבן איינער אַליין מיט זיינע פּלענער... און, אַפּנים, ציפּקע האָט פּונקט אַזוי געבענקט נאָך אים. וואָרים אין איין קילבלעכן נאָכמיטאָג, ווען אין שפּייכלער איז שוין געבליבן גאָר ווייניק פּלאַקס און די פאַרהאָוועטע מאַנסביל, באַרע „די גרויסע אויגן" מיט זיינע בנים און מיט זיין דייטש, זיינען ערגעצוואו אַוועק, האָט זיך ציפּקע'ס שוואַרצער און דריבנער געקרויזלטער קאָפּ באַוויזן צווישן די גרינע גאַנעקעס פון זאַוואולעק, און ליכטיק־בלוי האָבן אַ שיין געטאָן אירע גרויסע אויגן־ווייסלען צו משה'קען... זי האָט אים שטילערהייט אַרויסגערופן ער זאָל קומען שפּילן צו איר, אין לײדיקן הויף. און אַ שפּיל האָבן זיי דאַ־

מאַלסט פאַרפירט, וואָס זיין טעם איז דערנאָך געשטאַנען משה'קען אין דיביינער אַ לאַנגע צייט. דהיינו: איבער די איבערגעבליבענע הורבעס פּאַקליע און אַפּפאַל פון פלאַקס האָבן זיי זיך ביידע געקייקלט באַרג־אַראָפּ. איינגעזונקען געוואָרן אין די ווייכע קיצלדיקע כוואַליעס און צוריק אַרויס־געקאַראַבקעט זיך. קיין שום געפאַר איז דאָ ניט געווען. ווייך און נאַכגע־ביק און טרוקן זיינען געווען די כוואַליעס. און שפּילנדיק אַזוי האָט משה'קע אַנגעכאַפּט זיין קליינע חבר'טע פאַר אַ הייסער, נאַקעטער ליטקעלע און אַן אומבאַקאַנטער ציטער האָט אים אַנגענומען און דערשיטערט זיין גאַנצן אַכט־יאָריקן וועזן.

ציפּקע האָט לאַכנדיק אויפגעשריען:

— אוי! דו „קאַציקלסט" מיך!... (דו קיצלסט מיך).

— איך קאַציקל דיך? —מאַכט זיך משה'קע תמ'עוואַטע — וואו קאַציקל איך דיך?

און מכלומר'שט אומגערן אַנגעכאַפּט זי נאָכאַמאָל פאַרן זעלבן אָרט. דאָס מאָל איז דאָס ציפּקען אויך געפעלן געוואָרן..

— קום, — מאַכט זי — לאָמיר זיך נאָכאַמאָל אַראָפּקייקלען, וועסטו מיך ווייטער „קאַציקלען"...

און משה'קע האָט דאָס געטאָן מיט גרויס חשק. צעפלאַמט איז ער געווען און צעזאָדן און אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס. אין גאַנצן גוף איז אים געשטאַנען אַ געשפּאַנטקייט, און אַ זיסע נאָגעניש — אין האַרצן. אָבער פּלוצים, אין רעכטן מיטן ברען, האָט זיך אויפגעריסן דאָס טירל פון טויער און אַריינגעלאָזן באַרע'ס בנים. ציפּקע'ס צוויי דערוואַקסענע ברידער, ניט פון איין מאַמען, זיינען אַנגעקומען מיט זייערע וואָויל־יונגישע פּאַדיאָור־קעס און מיט די היטעלעך אויף אַ זייט קאָפּ. און ווי נאָר זיי האָבן דערזען אַז די קינדער באַברען זיך אין פלאַקס און אין וואָס זיי שפּילן, האָבן זיי אויפגעעפנט די גרויסע העלישע אויגן און די פּיסקעס מיט ווייסע העלישע ציין.

— ווער איז דאָס? דו?... קיווע'ס ממזר?... אררררוים!

— ציפּקע, אווע—עק!

פלינק ווי אַ מייזל האָט זיך משה'קע גלייך אָפּגעטראָגן. קוים מיט גאַנצע ביינער אַרויסגעשפּרונגען פון טויער. אין דעם אָפּ־געבליבענעם טירל האָבן זיך נאָך אַוועקגעשטעלט ביידע בנים און געהלומעט זיך איבער אים:

— אַטו, אַטו!

— כאַפּט אים!

— געזען ווי ס'איז געל?

— ניט פון איין פאָר געלכלעד, כאַ־כאַ!

— אַ סך זאָפּרען אַריינגעשלאָגן אין יאַטל!

— ס'וואָלט געקענט סטאַיען אויף אַ סך שבתים...

ווען אַ פּאַמוניצע וואָלט זיך געוועז אויסגעגאָסן איבער חתן־כלה אונ־טער דער חופּה, וואָלט עס זיי ניט געטראָפן אַזוי שווער ווי ס׳האָט גע־טראָפן משה׳קען. דאָס האַרץ האָט אים ווי געטאָן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. אין באָרע׳ס הויף האָט ער זיך מער ניט דערוועגט אפילו אַריינצוקוקן. ווי אַ פּעסטונג פון שפּאָט און געמיינהייט האָט אים אַצינד אויסגעזען דער דעמבענער נייער טויער. מיט ציפּקען האָט ער זיך געזען נאָר גע׳גנב׳עטער־הייט, אויפן שול־גאַס אין אַ ווינקעלע, אָדער אין זאַוואולעק — צווישן וויסטע גערטנער. און דאָס אויך — שעמעוודיק און דערשלאָגן, ווי אַ פּאָר־שפּייטער און אַרויסגעטריבענער בעטלערל... און די שיינע חופּה, וואָס ער האָט געפּלאָנעוועט צו שטעלן מיט ציפּקען, נאָכדעם ווי ער וועט איינהאַנד־לען די פּרעס־מאַשין, האָט זיך עפּעס אָפּגערוקט ערגעצוואו, אין עק־וועלט...

ציגיינער

א

אין איין העלן פֿאַרנאַכט, סוף תשרי, ווען עס האָט שוין געכאַפּט אונטערפרעסטלען, האָבן זיך, צווישן די אָרשער ברעמלעך אין שקלאָוו, גענומען ציען ביי אַ צענדליק גראָב־צוזאַמענגעמייסטערטע פורן מיט שמאַטעדיקע בוידן, אָנגעצויגן אויף רייפֿן, און אַן בוידן. אַרומגעהאַנגען זיינען די פורן געווען מיט עמערס און מיט בלעכערנע טשאַיניקעס. הינטער זיי און פֿאָרויס זיינען, האַווקענדיק, געלאָפֿן עטלעכע אָפּגעקראָכענע הינט מיט וועלפֿישע שנוקן, מיט זשעדנע אָפֿענע פּיסקעס און מיט בייזע האַלב־פֿאַרווילדעוועטע אויגן. אין די ניט־פֿאַרהאַנגענע בוידן, צווישן ברודיקע בעבעכעס, האָבן זיך געבאָבערט האַלב־נאַקעטע און גאַנץ־נאַקעטע קינדער, ברוינע און שוואַרצע, מיט פֿעטע קוטשעראַווע האָר. די מאָגערע פֿאַרפֿייניקטע פֿערד האָבן אָנגעטריבן משונה'דיקע מאַנסבילן מיט שטרויענע פֿאַררעגנטע קאַפּעליושן, גאָר ניט לויטן סעזאָן, און מיט זילבערנע אוירינגלעך אין איין אויער. אויף די האַרטע ראַנדן פֿון די פורן, מיט נאַקעטע אַראָפּגעהאַנגענע און שטאַרקע פֿיס, האָבן זיך געהוידעט משונה'דיקע ווייבער, אַלטע — מיט העסלעכע מאַנסבילישע נעזער, און יונגע — מיט לאַכעדיקע און שאַרפֿע ציין. אַלע באָרוועס און בלאָטיק.

די וועגענער העצקען זיך אויפֿן שלעכטן שליאַך, גריבל־איין און גריבל־אויס, בערגל־אויף און בערגל־אַפּ; אָבער די מאָדנע ווייבער העצקען זיך מיט און זאָל זיך כאָטש איינע פֿון זיי אַ גליטש טאָן פֿון זיץ, אַ כאַפּ טאָן זיך מיט אַ האַנט פֿאַרן ראַנד, גאָרנישט! ווי ניט זיי מיינט מען דאָס. נאָר זייערע ברוסטן שאָקלען זיך און זייערע שטאַרקע קערפּערס גיבן נאָך דער טרייסלעריי פֿון די פורן, ווי די קערפּערס פֿון געניטע אַקראָבאַטן, ביי זייער קונצנמאַכעריי, אויף די רוקנס פֿון גאַלאָפּירנדע פֿערד.

אויף איין פֿור שפּילט אַ באַלאַלאַיקע און יונגע ציגיינערקעס ציען נאָך און פֿאַרגייען זיך אין טענער, וואָס הערן זיך אָן אי הולטייאיש, אי טרויעריק. זייערע שוואַרצע אויגן לאַכן דערביי און וויינען, אַזוי אַז מען ווייסט ניט מיט וואָס זייער ווילד לידל וועט זיך ענדיקן. אויף אַ צווייטער פֿור זיצט אַן אַלטע מכשפֿה אָן ציין, מיט ברענענדיקע אויגן און רויכערט אַ מאַנסביל־

שע פּיפּקע. אויף איין האַלב־נאַקעטער פּלייצע ביי דער אַלטער זיצט אַ ברוינע מאַלפּעלע, אַנגעטאָן אין קורצע הייזלעך פון רויטן סיץ און לויזט די צעפּלאַשעטע סיווע האָר פון איר באַלעבאָסטע; אַבער, משמעות, דער רויך פון דער פּיפּקע שטערט איר. קרימט זיך דערפאַר דאָס מאַלפּעלע און מאַכט מאָדנע העוויות. אַ זוך מיט פלינקע האַריקע פינגערלעך אין די סיווע קאָלטענעס, אַ פאַרקרים דעם צעפּלעטשטן נעזל און אַ ניס; אַ וואַרף דעם לאַנגן עק אַרויף און אַ לאָז אים אַראָפּ; אַ זשמורע די צוזאַמענגערוקטע מאַלפּישע אייגלעך און אַ קוויטש, און ווייטער אַ זוך ביי דער באַלעבאָסטע אין די האָר... מען דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן ניט אַרויסצופּלאַצן מיט אַ געלעכטער. אָבער די אַלטע מכשפה נעמט דאָס אַן ווי אַ זאַך וואָס קומט איר. זי רויכערט רואיק און באַ׳טעמ׳ט. זי כאַפּט אפילו אַ געניץ... ביי אַ צווייטער, אַביסל יינגערער מכשפה, אויף אַן אַנדער וואָגן, זיצט אויפן קאָפּ אַ שוואַרצע סאָראָקע מיט אונטערגעהאַקטע פליגלען און הוידעט זיך לויט די באַוועגונגען פון וואָגן. גיט זיך אָבער דער וואָגן צו־שטאַרק אַ העצקע, גריבל־איין און גריבל־אויס, אַזוי קלעמט זיך די סאָראָקע שטאַרקער איין ביי דער אַלטער אין פאַרביקן קאָפּ־טיכל. די שוואַרצע נעגל קראַמפּן זיך צוזאַמען און דער בלוט־רויטער פּיסק אין דער טיף פון שנאָבל עפנט זיך אויף און וואַרפט אַרויס אַ כאַרכלדיקן, געצויגענעם „קררראַ־אַ...״ עס הערט זיך אַן ווי זי וואָלט זיך אַביסל געפּיעשטשעט און אַביסל מורא געהאַט:

— אַסטאַראָזשנע!... די גערעדערים קערט איר מיר אויס...

דאָס געפּיעשטשעטע קראַקען פון דער סאָראָקע צערייצט די אויסגעמאַטערטע מאַגערע הינט. בייגן זיי אויס אין לויף זייערע וועלפּישע שנוקן און צעהאַווקען זיך בייז און איפּערזיכטיק:

— האַוו־האַוו! אויך מיר אַ פּרינצעסין... אַן איידעלע זאַך! האַוו־האַוו: אַ טרייסל פון פּור קען דאָס ניט פאַרטראָגן. וואָלט נעפּרוואווט לויפן הונגעריק אַזוי ווי מיר... האַוו־האַוו, אין איר שוואַרצן טאַטן אררריין!...

עס איז אַ געקלאַנג פון בלעך און אַ געקלאַפּ פון העלצער, אַ געקוויטש פון שלעכט־געדזיעגעבצטע אַקסן און אַן אומגעלומפּערטער מיש־מאַש פון כלי־זמר, פון מענטשישע און חיה׳שע קולות... אַ קריע פון שטיין־צייט און אור־מענטש האָט זיך ערגעצוואו אָפּגעריסן און שווימט אַצינד האַסטיק צווישן די אָרשער ברעמלעך אין פאַרנאַכטיקן שקלאָוו אַריין...

ב

דערהערט פונדערווייטנס אַזאַ אומגעוויינלעכן האַרמידער, האָבן יידישע ווייבער אויפגעעפנט די פענסטער און אַרויסגערוקט באַטיכלטע קעפּ; און פוילע קרעמער האָבן אַ טראַט געטאָן צו די שוואַרצע לעכער פון זייערע

קרעמלעך און אָנגעשפּיצט פּאַרגרויטע בערד. קראָמען און הייזער האָבן זיך איבערגעשריען:

— וואַ־אַ־אַ? — און ניט דערפרעגט.

— ווע־ע־ע? — און אָפּגעהאַקט זיך אינמיטן.

אָבער ווי נאָר די כאַפּטע ווענענער איז נענטער צוגעפאָרן, האָבן זיך די נייגעריקע טירן און פענסטער פאַרהאַקט און אָפּגעשניטן די אָנגעבונדענע אויסגעשרייען ווי מיט אַ מעסער:

— ווי־י? ציג—?

— אוי, אַ דונער מיר ניט —

— אַ־אַ־אַ!...

און אַפּנים — די דאָזיקע האַלב־קלאָרע אויסגעשרייען זיינען געווען גע־נוג איבערצוגעבן פון איין עק בראָם ביזקל צווייטן, אַז דאָס זיינען ניט קיין „נשרפים” אין בוידן, ניט ישוב'ניקעס, וואָס קומען אַן מיט סחורות אויף אַ יאַריד... נאָר ניט־געבעטענע געסט פון גאָר אַן אַנדער מין. ווארים פון אַלע פּלויטן זיינען גלייך אַראָפּגעכאַפּט געוואָרן די איבערגעקערטע טעפּלעך און האַלאַטשיקעס, די הינער מיט אָנגעבונדענע צייכנס אויף די פליגלען זיינען גלייך פאַרטריבן געוואָרן אין די פּאַפּליצן, די יידישע ציגן, וואָס שטייען זיך רואיק ביי די הייזער און מעלה־גרה'ן מיט ציגענעם נחת־רוח, זיינען אַן שום ווייטערע צערעמאָניעס אַנגעכאַפּט געוואָרן פאַר די הערנער; מעקענדיקע און איינגעשפּאַרטע, האָט מען זיי געבעטן מוחל זיין און אַריינ־גיין אין די פינסטערע שטעלכעלעך. דינסטמיידלעך זיינען אַרויסגעלאָפן מקבל־פּנים זיין די בהמות, וואָס גייען פון סטאַדע, און מאַמעס — אַקעגן די קינדער זייערע, וואָס קומען אַן פון חדר...

מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער זיינען שוין יידן, וואָס גייען מעריב דאַוו־נען און סתם ליידיק־גייער, געבליבן שטיין אויפן שטאָטישן ברעג פון דער שקלאָווער אַזערע און נייגעריק אַריבערגעקוקט אויף יענער זייט. דאָרטן, הינטער די שיטערע טראָסטינעס, צווישן די ביימעלעך פון פראַנצאָוואָקער וואַלד, האָבן זיך די אָנגעקומענע געסט צעליגט ווי ביים טאַטן אין וויינ־גאָרטן. די האַלאַבליעס פון די רויע ווענענער האָבן זיי אויפגעשטעלט, די געפּענטעטע אָפּגעקראַכענע פערד אַוועקגעלאָזן פּאַשען איבער פרעמדע פּליינען — מיט גרויסע סטויגן ניט־אָפּגעראַמטע היי. איבער רויט־צעציגגל־טע פלאַקערלעך האָבן זיך, אויף אויפגעשטעלטע קאָזלעס, געשאָקלט גרויסע טשאַיניקעס און קעסלען, און רויט־באַלויכטענע שאָטנס האָבן אַרומגע־פּאַדיעט אַרום זיי. מאָדנע שאָטנס! אַט ציען זיי זיך ריזיק אויס און זייערע שוואַרצע הענט דערגרייכן ביזקל האַלב־אַזערע, און אַט קאָרטשען זיי זיך צוזאַמען ביי די פלאַקערן... יידישע הערצער האָבן אַ ציטער געטאָן אין דער שטיל. ווארים עס האָט זיך געדוכט, אַז די פרעמדע, ניט־געבעטענע פאַרשוינען פאַרקאָכן דאָרט אין די פאַררייכערטע קעסלען אַ כישוף פאַר

גאַנץ שטאָט, און ניט היינט־מאָרגן וועלן זיי זי אַריינציען אין זייערע נעצן. נאָר כדי ניט אויפצואוועקן קיין שום פאַרדאַכט ביי די שטאָטישע איינוואוינער, מאַכן די אַנגעפּאַרענע בעל־דבר'ס אַן אָנשטעל, אַז אין די שוואַרצע קעפּ ליגט זיי ניט קיין שום אַנדער זאַך ווי קאַכן וועטשערע... זיי באַלעבעטשען כלומר'שט זעהר פריילעך אַרום די פלאַקערן, זיי צימבלען אפילו צו מיט אַ צימבל און קיצלען די סטרונעס פון אַ באַלאַלאַיקע. זיי לויפן מיט פּליושקענדיקע טריט צווישן טראַסטינעם אַנצושעפּן וואַסער... די בלעכערנע עמערס קלינגען און בולבען ביים אָנשעפּן און אַלץ איז, דאַכט זיך, גוט און שיין; אָבער וואָס ביי דער שוואַרצער חברה איז אויפן האַרצן — פון דעם ווייסט קיינער ניט. דער רוח ווייסט וואָס ביי זיי איז דאָרטן אויפן האַרצן!...

און כד־הוה! צומאָרגנס גאַנץ פרי, ווי נאָר גויעשקע פורלעך האָבן זיך באַוויזן אויף די שליאַכן און די קרעמלעך אויפן מאַרק האָבן אויפגעשלאָסן די אייזערנע פרענטן, האָט זיך די גאַנצע שיינע געזעלשאַפט פון יענער זייט אָזערע, ווי אַ היישעריק אַ לאַז געטאָן אויף שטאָט. די מאַנסבילן זיינען געווען אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. דהיינו: אין בלויע קורטקעס מיט באַזילבערטע קנעפּ און אין קורצע געלאַטעטע סאַמעטענע הייזלעך. איניקע פון זיי האָבן געפירט פאַרן ציימל זייערע אָפּגעקראָכענע פערד. נאָר כדי די סוסים זאָלן אויסזען יינגער און פרישער, האָט מען זיי איבער נאַכט אונטערגעפאַרבט די עקן און צוגעשוואַרצט די גריוועס. זעלטן ווער פון די אויסטערלישע פּאַצעטן, מיט די שטרויענע קאַפּעליושן און בלויע זשאַקעטלעך, עס האָט געטראָגן אַ שטיוול אויפן פוס. כמעט אַלע זיינען זיי געגאַנגען באָרוועס און זייערע פאַרהאַרטעוועטע פיס מיט צענומענע פינגער האָבן געטיאָפּעט אין דער אייז־קאַלטער דורכגעפרעסטלטער בלאָטע פון מאַרק. און זיי... זאָל זיי דאָס אפילו אַרן!... זאָל איינער פון זיי אפילו אַ נאָס טאָן! לעדער, ניט קיין הויט, אויף די פיס...

אַנגעקומען אינמיטן מאַרק, האָט מען זיך גלייך גענומען פאַר פרנסה. איין עלטערער ציגיינער גיט אַ קלאַפּ אין צימבל, אַפּנים דאָס זעלבע צימבל, וואָס האָט נעכטן געקלימפּערט אויף יענער זייט אָזערע... אַ יונגער ציגיינער לאָזט זיך גיין אויף די הענט מיט די באָרוועסע פיס צום הימל. פון אַ וואַרעמען בוזים, ביי אַ דריטן, שפּרינגט אַרויס אַ מאַלפּעלע מיט אַ בלויער נאָז און מיט רויט־סיצענע הייזלעך איבער די ליטקעלעך. זי מאַכט נאָך דעם יונגן ציגיינער און גייט אים נאָך אויף די פאָדערשטע לאַפּקעס. זי פאַררייסט דערביי די רויטע הייזלעך און דעם לאַנגן עק, אַלע דריי צוזאַמען. אַ גרויס געלעכטער דערהערט זיך אין רעדל פון נייגעריקע. שפּרינגט גלייך אונטער דאָס מאַלפּעלע, כאַפּט אַ בלעכענעם טעצל און בעטלט. אירע בייזע צוזאַמענגערוקטע אייגלעך דרייען זיך דערביי אומרואיק און מענטשלעך־פאַרדאַרבן, ווי ביי אַ געניטער בעטלערקע.

די סאַראַקע מיטן אונטערגעשניטענעם עק און פליגלען איז אויך דאָ... זי שטייט אַצינד ביי אַן אַלטן ציגיינער אויפן פלייצע און שלעפּט אַרויס מיטן שנאָבל פּאַרטיקע מזל־צעטעלעך פון אַ לעדערנער טאָרבעלע. נאָך יעדן צעטעלע עפנט זי אויף אַ בלוט־רויטן פּיסק און טוט שאַרף אַ קראַקע. אין יעטוועדן צעטעלע איז פאַרשריבן איינעמס אַ „מזל". אַ קאָפּיקע אַ צעטעלע!... און דאָס צימבל קלימפּערט צו און דער ציגיינער שרייט עפּעס משונה'דיק. דאָס פאַרהאַקט אַזוי די אַנגעלאָפענע דינסטמיידלעך דעם קאָפּ, אַז זיי שטרעקן אויס זייערע פאַרהאָרעוועטע רויטע הענט, מיט שווער־פאַרהאָרעוועטע קאָפּיקעס צווישן די גראָבלעכע פינגער, און קויפן צעטעלעך — גרינינקע, בלויאינקע, רויטינקע צעטעלעך...

און בשעת אינמיטן מאַרק גייט אַן אַזאַ צימבלעניש און אַזאַ טרעפּעניש און אַזאַ קונצנמאַכעריי, קאָכט זיך אַרום באַלעגאַלישן צעד אויך. די וואַזשנע סוחרים מיט די אונטערגעפּאַרבטע פערד שלאָפן אויך ניט. זיי גאַרגלען דאַרטן און צלמ'ען זיך און שווערן זיך און שפּייען אין די שוואַרצע דלאַניעס. מיט אַזעלכע מיטלען ווילן זיי אָפּנאַרן די יידישע באַלעגאַלעס און מאַכן אַ בייט מיט יידישע פערד, אַזוי אַז מען זאָל ז י י נאָך צוצאָלן... ניטאָ ווער עס זאָל לאַכן!

אָבער גיב נאָר אַ קוק! קיין שעה פון שווערעניש און איינרעדעניש גייט ניט אַריבער און אַ פערד ווערט פאַרט אויסגעביטן און אַ פּאָר רובל ווערן אויך צוגעצאָלט. מיט צעפלאַמטע אויגן מאַכן זיך די ציגיינער אַוועק, און אַ יונגער באַלעגאַלע באַטראַכט די מציאה, וואָס ער האָט דאָ איינגעהאַנדלט, און פלוכט און שילט אויף וואָס די וועלט שטייט די ממזריי פון די ציגיינער און זיין אייגענע נאַרישקייט...

ג

אין דער זעלבער צייט ווען די שוואַרצע מאַנסביל האָבן אַזוי פיין געאַרבעט אויפן יידישן מאַרק, האָבן זיך די ציגיינערקעס צעשאָטן פאַרלעכווייז איבער דער גאַנצער שטאָט, מיט פאַרביקע סטענגעס באַהאַנגען איבער די פאַלטיקע קליידלעך און מיט בייטשן פּאַטשערקעס און פאַלשע קרעלן אויף די שוואַרצע העלזער. זיי האָבן אַנגעקלאַפּט אין פאַרשלאָסענע טויערן, האַלב־אָפענע פענסטער אַליין אויפגעריסן און הייזעריק אַריינגעזונגען, אַז זיי ווילן טרעפן אויף קאַרטן, אויף דער דלאָניע, אויף רויטע פאַסאָליעס... און האָבן זיי דערשראָקענע ווייבלעך און מיידלעך אָפּגעזאָגט און געהייסן גיין, זיינען זיי גלאַט צוגעשטאַנען ווי אַ פעד און געבעטלט, געוויזן אויף די מיילער זייערע מיט די ווייסע און שאַרפע ציין ווי ביי די הינטיכעס, אַז זיי ווילן עסן.

— כאַלאַ !...*) — אַזוי האָבן זיי מיט אַ נעבעך־מינע געוויזן אויף די רויטע מיילער און געגלאָצט מיט די בלויע ווייסלען פון די אויגן. — כאַלאַ, קראַסאָוויצע ! די ראַמנים**) ווילן כאַלאַ ! ... באַרבו***) וועט אייך דער־פאַר שענקען אַ סך קינדער און רייכקייט...

זיי האָבן געבעטלט מיט היץ, די ציגיינערקעס, מיט די מיילער און מיט די אויגן און מיט די הענט. און גערעדט האָבן זיי מיט אַ ווילדן לשון, אַ מין געמיש פון געבראָכענעם רוסיש און יידיש און ציגיינעריש. עס האָט מינוטנווייז אויסגעזען, אַז אויב מען רעדט זיי אָפּ, וואַרפן זיי זיך שלאָגן ; אַז באַלד וועלן זיי די אויגן אויסקראַצן די יידישע באַלעבאָסטעס, וואָס זיינען געבליבן אַליין אין שטוב... האָבן זיך יידישע ווייבער אויף אַן אמת דערשראָקן. „כאַלאַ" האָבן זיי אויסגעטייטשט — אַלס „שבת'דיקע חלה"... איז, מילא, וואָס איז די נפקא־מינה ? פּיאַקלע די וואַסער־טרעגערקע, צי אַ „ציהאַנקע" ? אַלע גוים האָבן ליב יידישע חלה !...

כדי אָפּצוטשעפּען זיך פון די שוואַרצע מיילער, האָט מען די ציגיינערקעס געגעבן אַ פּאָר סקאָרינקעס און געוויזן זיי, אַז קיין ח ל ה אין אַלמער איז מער ניט געבליבן. אָט, אָנהייב וואָך, באַלד נאָך שבת, איז עפּעס אַנדערש...

האָבן אָבער די זאַיאַדלע ציגיינערקעס אָנגעוויזן מיט שוואַרצע פינגער אויף די זאַלצבערעטן מיט פליי־ש און אויף די טעפּלעך אין אויוון. אָט האָסטו דאָך „כאַלאַ", קראַסאָוויצע, היינט וואָס זאָגסטו אַז דו האָסט ניט ?

האָבן די צעטומלטע יידישע באַלעבאָסטעס ווייטער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן : העז, אַ שוואַרצע אומה !... אַלץ וואָס מען נעמט אין מויל אַריין הייסט ביי זיי „כאַלאַ". פליי־ש — כאַלאַ ; הערינג — כאַלאַ ; גע־האַקטע ציבעלעס הייסט ביי זיי אויך „כאַלאַ"...

ניט אַלע יידישע ווייבער האָבן אָבער געהאַט כוח ביי־צושטיין אַזאַ נסיון און ניט לאָזן זיך, מען זאָל זיי „טרעפן" אויפן האַנט אָדער וואַרפן קאָרטן. וואָרים צו יונגע און צו אַלטע ווייבער, צו שיינע און צו מיאוסע, צו האַר־באַטע און צו הויכוואוקסיקע, צו פאַרזעסענע מוידן און צו וויסטע עגונות — צו אַלעמען גלייך האָבן די כיטרע ציגיינערקעס זיס געשמייכלט מיט זייערע הינטישע ציין און האָניקדיק געצויגן ווערטער אויף אַ מאָדנעם גע־מיש פון רוסיש־יידיש־ציגיינעריש, געצויגן ווערטער און צוגעזונגען :

— וויז קאָרשט דיין געטאָקטע הענטעלע, טייערינקע, אוגערקעלע, אָד־לערשע אויגן ! שפּרייט אויס דיין דלאָניע, מאַלינע ! לאָמיך דיר זאָגן ווי

*) כאַלאַ — אַ ציגיינעריש וואָרט, באַדייט : עסן.
**) ראַמנים —ציגיינערקעס.
***) באַרבו — דער גאָט פון רחמנות.

דער באַשערטער וואַרט אויף דיר דאָ צי אין ווייטע מדינות... כ'וועל דיך אויסלערנען, קראַסאַוויצע, ווי צו בינדן אים מיט דיינע שיינע האָר, ווי צו פאַר'שיכור'ן אים מיט דעם ריח פון דיינע בריסט...

זייענען פאַרזעסענע מוידן און ווייבער, וואָס די מענער שרייבן זיי ניט קיין בריוו פון אַמעריקע, איינגאַנצן צעשמאָלצן און צעיאָכמערט געוואָרן. טויב זייענען געוואָרן זייערע יידישע אויערן און בלינד — זייערע קלוגע אויגן. ווי צעוואָרעמטע קוואַקעבעס אויף אייער זייענען זיי געבליבן זיצן און געלאָזן זיך וואָרפן קאָרטן און געלאָזן זיך קיצלען די אויסגעשפּרייטע ווייסע דלאָניעס מיט פרעמדע שוואַרצע פינגער, וואָס זייענען אַרומגערייפט מיט גראָבע זילבערנע פינגערלעך.

האָבן די ציגיינערקעס באַאַרבעט אַזעלכע ווייבער ווי עס באַדאַרף צו זיין. געשמידט דאָס אייזן אַזוי לאַנג ווי עס איז היים... קודם־כל האָבן זיי זיך געלאָזן געבן דריי קאָפּיקעס מזומן. אַז דריי קאָפּיקעס פון פאָרן־אַריין, האָבן זיי געזאָגט, קענען זיי ניט אַנהייבן טרעפן. דערנאָך האָבן זיי מיט פלאַמענדע ווילדע ווערטער גענומען אויסמאָלן ווי יענער, דער באַשערטער, דאָ אין אַ נאָענטער שטאָט, אָדער אויף יענער זייט ים, וועט זיי גאָר אין אַ קורצער צייט אַרום צוטוליען צום האַרצן און וועט זיי קושן די טריט... סאַמע אינמיטן טרעפן, ווען די פאַרשטעלונג ביי די פאַרזעסענע מוידן און עגונות האָט זיך שוין צעברענט, האָבן די ציגיינערקעס פאַרלאַנגט נאָך מזומנ'ע קאָפּיקעס, צוקער, גאָמולקעס און וואָס נאָר זייערע שוואַרצע נעזער האָבן דערשמעקט... אַלץ כדי צו קענען „בעסער טרעפן"...

כדי בעסער צו קענען טרעפן, האָט אַפילו אַ יונגע ציגיינערקע אויסגע־נאַרט אַ גאָלדענעם רינגעלע... ווען די אויגן ביי איינער אַ פאַרזעסענער דינסטמויד האָבן גענומען בלאַנדזשען פון אויפרעגונג און זיסער האַרץ־קלאַפּעניש, מאַכט צו איר די טרעפערקע, אַז כדי גוט צו זען דעם באַשערטן, מוז זי האָבן אַ רינגעלע מיט אַ רויטן שטיינדעלע. אָט אַזאַ סאָרט רינגעלע מוז זי האָבן אויף אַ ווייליגקע, וועט זי גלייך זאָגן צי דער „באַשערטער" וועט זיין שוואַרץ ווי אַ „ראַמאַ"*), צי בלאָנד ווי גאָלד... פונקט אַזאַ רינ־געלע האָט זיך אָפּגעזוכט ביי דער גליקלעכער דינסטמויד אויפן קליינעם פינגער פון דער צווייטער האַנט. העז אַ מעשה! און זי האָט וועגן רינגעלע איינגאַנצן פאַרגעסן... אַ ירושה־רינגעלע פון דער פאַרשטאָרבענער מאַמען איז עס געווען, לאַנגע יאָרן געטראָגן אים. דערפאַר איז ער אין פלייש איינ־געוואַקסן... זי האָט אים קוים אַראָפּגעצויגן פון אַנגעדראָלענעם פינגער און מיט ציטערדיקע הענט דערלאַנגט דער טרעפערקע.

די ציגיינערקע האָט זיך מורא'דיק דערפרייט און גלייך גענומען שיטן מיט גליקן ווי פון אַ לעכערדיקן זאַק:

*) ציגיינער.

— איצטער זע איך, טייבעלע, עפּעלע פּרישע, אַ „טשאַאהי״*), אַ רייכער וועט זיין דיין באַשערטער, מיט געלט וועט ער דיך אָפּשיטן, אין זייד און סאַמעט וועט ער דיך אויספּוצן און אין אַ גרויסער שטאָט וועט ער דיך אוועקנעמען. איך זע אַ קאַרטע פּאַרט אין אַ גרויסער שטאָט און דו, אַדלערקע, זיצסט אין קאַרעטע...

אַלץ אַזוי פּיין אויסגעמאָלט און באַפּליטערט מיט בלישטשענדיקע ווערטערלעך... נאָר אינמיטן טרעפן אַזאַ טרעפעניש, איז דאָס רינגעלע מיטן רויטן שטיינדעלע פאַרשוואונדן געוואָרן ביי דער ציגיינערקע. אָקאָרשט האָט זי דאָך אים געהאַלטן און געגלעט מיט שוואַרצע פינגער און פּלוצלינג איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן... מען האָט אים בשום־אופן ניט געקענט מער געפינען; ניט אויפן טיש, ניט אונטערן טיש, ניט ביי דער ציגיינערקע אין די אָנגעפּאַלטעוועטע פאַרביקע קליידלעך. אַזוי האָט זיך די טרעפערקע אוועקגעמאַכט, און די באַטויבטע מויד האָט זיך אפילו געשעמט אויסצוזאָגן דער באַלעבאָסטע אירער וואָס מיט איר איז געשען. ערשט שפּעטער, ווען זי איז געקומען צו זיך און אָנגעהויבן כליפּען, איז שוין געווען צושפּעט נאָכצויאָגן זיך נאָך דער גנב'טע. גיי ווייס וועלכע ציגיינערקע דאָס האָט אָפּגעטאָן. אַלע ציגיינערקעס האָבן דאָך איין פּנים...

עגונות און פאַרלאָזענע ווייבלעך אין שטאָט האָבן די ציגיינערקעס געטראָפן, אַז צווישן זיי און זייערע מענער שטייט אָדער אַ בייזע ברונעטקע, אָדער אַ צוקער־זיסע בלאָנדינקע. און אַן עצה האָבן זיי געגעבן אויסצוקלעפּן אַ נקבה פון וואַקס, צי פון שוואַרצע פּעך. אויב אַ וואַקסענע פיגור — אָפּשמירן מיט סאַזשע; אויב אַ פּעכענע — אָפּגיסן מיט רויטן ראָסל. און שטעכן די פיגור מיט אַן אָנגעגליטן שוסטערשן נאָל, וועט די קאָנקורענטקע אומקומען אויף אַ שרעקלעכן אופן...

זיינען יידישע הערצער פאַרציטערט געוואָרן פון אַזאַ מיטל. עס איז זיי שוואַרץ געוואָרן פאַר די אויגן פון אַזעלכע געצנדינערישע ווערטער... האָבן זיי געזען וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון די שוואַרצע עצה־געבערינס און פון זייערע שוואַרצע עצות. נאָר אַז די אַרויסגעטריבענע זיינען אוועק, האָט מען זיך כמעט אַלעמאָל געכאַפּט אַז עפּעס פעלט אין שטוב. ביי וועמען אַ פּוטערניצע מיט פּוטער, ביי וועמען אַ שבת'דיקער מעשענער לייכטער, ביי וועמען אַ בלעכערנע קוואָרט, אַ האַקמעסער, אַ קעז. בכלל אַלץ וואָס הייבט זיך אָן מיט אַן „אַלף״...

האָבן די אָפּגענאַרטע ווייבער דאָפּלט פאַרהאַקט די טירן און דאָפּלט פאַרקייטלט די פענסטער, און געשוואָרן האָבן זיי זיך, אַז טאָמער וועט אַ „ציהאַנקע״ נאָכאַמאָל דערוועגן זיך אַריינשמעקן אין שטוב, וועט מען זי אָפּפּליוכען מיט זודיק וואַסער... און געוואָרנט האָבן זיי די שכנים זייערע, אַז אַ וועלט זאָגט ציגיינער זיינען גנבים, זאָל מען גלייבן!...

*) אַ בחור.

אָבער די ציגיינערקעס האָבן זיך שוין דאָסמאָל מער ניט באַוויזן אין די באַ'גנב'עטע הייזער. זיי האָבן געלאָזן אויסרועז דעם ווייבערשן כעס פון זייערע קליענטקעס ביז אַ צווייטן מאָל... ביז, אפשר, מיט אַ יאָר שפּעטער, ווען אַ נייער „טאַבאָר" וועט באַזוכן די שטאָט.

פון דער לאַנג־יאָריקער ציגיינערישער פּראַקטיק האָבן זיי געוואוסט, אַז די נייגעריקייט האָט אַ קורצן זכרון. און די דאָזיקע ווייבערישע נייגעריקייט וועט זיך פריער־שפּעטער לאָזן אָפּנאַרן נאָך אַמאָל; אפשר נאָך גרינגלעכער ווי דעם ערשטן מאָל...

פאַרקאָכט אַ קאַשע

א

דעם זאַוואָלעק, וואו משה'קע איז אויפגעצויגן געוואָרן, האָבן די „ציי־האַנקעס" אויך ניט אויסגעמיטן. דער ערשטער קרבן זייערער, אין זאַוואָר־לעק, איז געווען זלאַטע „עירוב־תבשילין".

דערזען אין פענסטערל אַ יידענע מיט אַ זיידענעם טיכל אויפן קאָפּ, זיצט איינע אַליין און מאַכט אַ זאַק, האָבן זיי מיט זייער ציגיינערישן חוש דער־שמעקט מיט וועמען זיי האָבן דאָ צו טאָן:

— קום, — מאַכן זיי — מוטערל, עפן אונז אויף דיין טירעלע, טייערינ־קע, וועלן מיר דיר טרעפן אויף קאָרטן... מיר זעען, אַז דו בענקסט ווי אַ טויביכע נאָך אימיצן. אפשר נאָך דיינע קינדערלעך. מיר ווייסן, אַז דיר שטייט פאָר אַ ווייטער וועג...

דערהערט וואָס איר שטייט פאָר, האָט זיך זלאַטע גלייך גענומען טומלען. אויב אַ לאַנגער וועג, איז דאָס נאָר אַ וועג קיין אַמעריקע. הייסט דאָס, אַז די גאווה'דיקע קינדער אירע, וואָס האָבן ביז איצטער ניט געוואָלט אַראָפּ־ברענגען צו זיך אַזאַ נאַרישע אַלטע מאַמע ווי זי איז, קענען זיך נאָך אַרומ־זען... קינדער בלייבן קינדער. זיי וועלן ניט דערלאָזן די אַלטע מאַמע אינ־דערהיים זאָל, חס־ושלום, שטאַרבן איינע אַליין איבער אירע פאַרעמנע זאַקן...

עס האָט זיך איר מורא'דיק פאַרגלוסט צו אויסהערן אַזאַ נבואה פון די ציגיינערישע מיילער; פּאַדראַבנע, מיט אַלע פּיטשעווקעס. די שוואַרצע, לאַבעדיקע פּנים'ער מיט די שאַרפע ציין אין די טונקעלע מיילער, האָבן איר אויפגעשימערט ווי אַפּגעמאַלטע מלאכים אין ווייבערשן טייטש־חומש... מיט ציטערדיקע הענט האָט זי אויפגעריגלט די טיר פאַר די צוויי ציגיינער־קעס, מכבד געווען זיי מיט געבאַקטע עפּל פון סקאָווערדע, און פינף קאָפּי־קעס מזומן אויך געגעבן זיי. האָבן איר די צוויי מלאכ'טעס געטראָפן אויף קאָרטן און אויפן האַנט, אַז אינגיכן וועט זי באַקומען אַ בריוו מיט געלט, פון ערגעץ ווייט־ווייט. זיי ווייסן ניט וואו, נאָר עפּעס זעהר, זעהר ווייט... דערנאָך וועט זי פאָרן און פאָרן. זיי זעען ניט וואוהין, אָבער זעהר לאַנג וועט זי פאָרן. דערנאָך זעען זיי פרייד און טרערן, טרערן און פרייד. מען קושט זיך און מען האַלדזט זיך...

אין פינף מינוטן ארום, ווען זלאַטע איז, אַ שיכור'ע פון גליק, ווידער געבליבן זיצן איינע אַליין אויף איר אָרט ביים אָפענעם פענסטערל, האָט זי אויפגעהויבן איר געגאַלטן קאָפּ מיט דעם פאַרשאַרטן זיידענעם טיכל, אויפגעעפנט די פעטע שפּעלטעלעך פון די פאַרוויינטע אויגן און דערזען... ערשטנס: אַז די סקאַווערדע מיט די פריש־געבאַקטע עפּל, פון וועלכער זי האָט אַקאָרשט מכבד געווען די „ציהאַנקעס", איז פאַרשוואונדן. צווייטנס: דאָס בייטעלע מיט די פּאָר גילדן, פון וועלכע זי האָט אַקאָרשט אַרויסגע־נומען די פינף קאָפּיקעס, איז אויך ניטאָ. דריטנס: פעלן איר די פיר שפּיזלען מיט דער אָנגעהויבענער פאַדעמנער זאָק מיטן גאַנצן קנייכל פאָ־דעם. ווי אין דער ערד איז דאָס אַלץ אַריין... מער ווי אַלץ האָט זלאַטען פאַרדראָסן אויף די פיר שפּיזלען. מילא, די פּאָר גילדן — אַ שיינע ריינע כפּרה! אַ סקאַווערדע האָט זי אויך אַן אַנדערע, אַ בעסערע. זאָקן וועט זי נאָך מירצעשעם שטריקן און שטריקן, אַבי געלעבט. אָבער די שפּיזלען, אַזאַ מעשה אָפּטאָן איר! צוליב וואָס פּאַר אַ שוואַרץ יאָר דאַרף אַ „צי־האַנקע" שפּיזלען? ווען האָט דאָס אַ „ציהאַנקע" צייט צו אַרבעטן מיט שפּיזלען? אַז טאָג און נאַכט לויפט דאָס אַרום פאַרשמייעט איבער די הייזער... פּשוט ניט געקאָנט איינהאַלטן זיך. געלעגן אונטער דער האַנט — דאַרף מען דאָס ביי אַן אַלטער יידענע אַוועקלאַטכענען! און איצט מוז זי, זלאַטע, גיין אין מאַרק און איינהאַנדלען אַנדערע שפּיזלען, לויט איר גוסט און לויט איר געוואוינהייט. און ביז נייע שפּיזלען גלעטן זיך אויס און אַרבעטן זיך איין, גייען אַוועק שיינע עטלעכע טעג... אַ מיאוס פאָלק די „ציהאַנקעס"! אויף אַ יידישן שוועל טאָר מען זיי ניט אַרויפלאָזן!

אַז אָפּשניט האָבן די ציגיינערקעס געהאַט ביי הירשל דעם מלמד. זיי האָבן שוין ציפּען, זיין ווייב, געהאַלטן ביי דער מעליקער האַנט און אָנגע־הויבן שיטן מיט זיסע ווערטער: „מוטערל גוטינקע, אַדלערשע אויגן, עפּע־לע זיסינקע..." און ציפּען האָט זיך שטאַרק געוואָלט וויסן צי איר משוגע־געוואָרענער איידעמל, זוסקע דער שוחט'ל, וועמען מ'האָט אַוועקגעפירט אַ געבונדענעם קיין מאַהליוו אין גובערנסקן שפּיטאָל, וועט זיך אויסהיילן; און צי דאָבע, איר טאָכטער, וועלכע איז אויך אַ קאַפּעלע געריררט, זינט דער מעשה מיט נעמען איר מאַן „ראַפּטום", וועט, וועט...

נאָר דאָ האָט הירשל דער מלמד דערהערט מיט וואָס די יענטע זיינע פאַרנעמט זיך אין קאַכשטוב, אינמיטן מאַנטאָג און אינמיטן באַקן ברויט, איז ער אַרויסגעלאָפן פּייל פון בויגן פון זיין „חדר" און, מיט די „לאָקשן" אין האַנט, צעפּאַכעט זיך אויף די טרעפּערקעס:

— אַרויס, אַרויס! און „וואַן אַטסיודאַוואַ!"

און אויף זיין ציפּען האָט ער אויך אָנגעשריען:

— שוין גאָר אַזוי? בישוף ווילסטו דאָ ביי מיר פאַרפירן אין שטוב?...

דערזען אזא קאכעדיקן יידליק מיט א רצועה אין האנט, זיינען די „ציי־האנקעס" אנטלאפן. זיי האבן משמעות געמיינט, אז ס'איז א ספעציאליסט אזא אויף צו שמייסן ווייבער...

אומגעקערט זיך צו איר לאפעטע און צו אירע ברויטן, האט זיך ציפע, א פארשעמטע און א פארשוויצטע, געכאפט, אז א גרויסער לאבן ברויט, אקארשט פון אויוון ארויסגענומען, פעלט איר. געזוכט און געגישטערט אין אלע ווינקעלעך און ניטא. ווי אין וואסער אריין. נאר זי האט געמאכט א שוויג, הירשל, איר שטרענגער מאן, זאל זיך דערפון ניט דערוויסן.

פון הענעך דעם פארבער האבן די טרעפערקעס אויך ניט געלעקט קיין האניק. אריין אינם חושך פון דער פארלאטעטער חורבה און דערזען די פינסטערע קראץ־מאשינעס מיט דעם פינסטערן יידן ביים תהילים־זאגן, האבן זיי גלייך פארשטאנען, אז דא איז ניט דער ריכטיגער ארט וואו צו ווארפן קארטן. דער „באדזשע"*) אין מאדנעם הויז שיינט צו זיין א גרעסערער כישוף־מאכער ווי זיי... און אנשטאט צוצושטיין, מיט פריילעכער חוצפה, ווי זייער שטייגער איז, האבן זיי שטילערהייט, מיט בלאנדזשענדיקע אויגן, גענומען בעטן „כאלא"...

אין צו זיי גלייך צוגעשפרונגען ניסקע, הענעך דעם פארבער'ס יינגל, א מזיק א יונג: וואס? חלה ווילן זיי? גוט! ער וועט דרייען א ראד און זיי וועלן אריינשטעקן א האנט, וועט ווערן „חלה"...

געזאגט און געטאן. אז אלטע קראץ־מאשין האט גענומען קוויטשען מיט אירע שלעכט־געבוימלטע רעדער. האבן די ציגיינערקעס אריינגעקוקט מיט די גרויסע אויגן אין די ציינדלדיקע וואלצן, אין די ברייטע פאסן מיט די געדיכטע קרומע נאדלען, ווי אלץ לויפט דארטן און בארשט זיך און פינקלט, זיינען זיי געבליבן טויט מיט די ביינער.

— דעוועל!**) — האט די עלטערע אויסגעשריען, אוןביידע האבן גענומען שטעלן פיס.

ניסקע מזיק האט זיי אבער ניט אפגעלאזן. ער האט זיך געיאגט נאך זיי און געקנאקט מיט זיין שארפער צונג, לויט זיין שטייגער, ארויסבאגלייט זיי, ווי מיט הילכיקע פיסטאל־שאסן, פון דער חורבה און צעלאכט זיך דריבנע און טייוולישע־הילכיק:

— ח—לה... כי־כי־כי־כי! ח—לה!

*) אויף ציגיינעריש — דער „פרעמדער". דאס ווערט געברויכט מיט פאר־אכטונג צו א ניט־ציגיינער.
**) גאט!

ב

קוים לעבעדיקע זיינען די צעשראָקענע ציגיינערקעס אריינגעלאָפן צו שצערע דער לעקעכמאַכעריז, משה׳קעס „מומע״. ווייטער געטראָפן דעם ריכטיקן אָרט... דערזען ווי אַ יידענע זעצט גוטע זאַכן אין אויוון, האָבן זיי זשעדנע צעבלאָזן די שווארצע נאָז־לעכער פונם האָניק־ריח אוןביידע צעזונגען זיך:

— קום, — מאַכן זיי — קראַסאַוויצע, אָדלערשע אויגן! גיב דיין גע־טאַקטע הענטעלע! מיר׳ן דיר טרעפן דעם גאָלדענעם מזל דיינעם. עס קאָסט נאָר פינף קאָפּיקעס...

שצערע האָט זיך אָבער ניט געפוילט, אַ קוק געגעבן אויף איר „גע־טאַכטע הענטעלע״, וואָס דערמאָנט אביסל אַ פּאַרווּיכערטע הראַבליע, און דער ציגיינערישער קאָמפּלימענט האָט איר אויסגעזעזן אַ קאָפּעלע איבערגע־טריבן. האָט זי גאַנץ ניכטער אָפּגעשניטן:

— ניטאָ קיין געלט!

— דריי קאָפּיקעס, אָדלערקע, עפּעלע גאָלדענע, נאָר דריי קאָפּיקעס. פאַר אַלעמען פינף, טייערינקע, פאַר דיר — דריי...

— וועסטו געבן לעקעך, קראַסאַוויצע, אַ שטיקל לעקעך פאַר אונזערע קינדערלעך?...

— ניטאָ ביי מיר קיין לעקעך.

— אָט האָסטו דאָך לעקעך, גוטשינקע! אַ פולן אויוון מיט לעקעך...

— ארויס, ארויס!

— זייט ניט אין כעס, גאָלדענע האַרץ! מיר זיינען ערלעכע „ראָמנים״*). אויף ראָמנים טאָר מען ניט זיין אין כעס. אַ ציגיינערקע זאָגט אַ וואָרט, איז דאָס ווי האָניק זיס! און אַז זי שילט, איז ווי אַ שלאַנג טוט אַ ביס...

פון אזא מענה־לשון פּלאַצט שוין ביי שצערען אינגאַנצן דער געדולד. זי כאַפּט ארויס די הייסע ווילקע פון אויוון און צעוויגט דאָס אויף די ניט־געבעטענע:

— ארויס צו אַלדי קאַדיק!

די ציגיינערקעס טרעטן אָפּ, און שצערע מיט דער ווילקע גייט זיי נאָך ביזקל גאַנעק און היט זיי מיט די אויגן, זיי זאָלן ניט לאַטכענען. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. שצערע האָט פארגעסן, אַז אויף די פּריזבעס קילן זיך עטלעכע סקאָווערדעס מיט פרישן לעקעך. זי טוט אַ קוק — עס פעלט שוין אַ בלעך מיט געפילטן איינגעמאַכץ־לעקעך. געקוקט און געהיט און ניט דערהיט.

*) ציגיינערקעס.

ווערט זי דאָך אַ צעקאַכטע, שצערע, און לויפט אַרויס פון זאַוואָולעק אויף דער שול־גאַס, און וויל שוין מאַכן אַ גרויס געשריי מ׳זאָל איר העלפן אַפּנעמען די גנבה. דערזעט זי אָבער פּונקט אַקעגנאיבער, ביי בּאָרע „די גרויסע אויגן״ אַ סך אַ גרעסערן סקאַנדאַל. פון דעם נייעם דעמבענעם טויער, ביי בּאָרען, זעט זי אַרויסלויפן אַ יונגע באָרוועסע און פאַרווײנטע „ציהאַנקע״, מיט צעפלאָשעטע, ווי רויך אויפגעברויזטע, שוואַרצע האָר, מיט זילבערנע מאַנעטן אויפן שוואַרצן פעסטן האַלז, און מיט אַן אויפ־געריסענער פאַרביקער בלוזע. פון דער בלוזע הענגען אַרויס צוויי אומבאַ־קאַנטע לאַנגלעכע ברוסטן, ווי טונקעלע איבערגעקערטע באַרן. אַ בייטש מיט בּיליקע פּאַטשערקעס באַמבלט זיך צווישן די נאַקעטע בריסט... און אין אַפענעם טירל פון טויער קוקן אַרויס ביידע דערוואַקסענע בנים פון בּאָרע „די גרויסע אויגן״. ביידע לאַכן עפּעס פאַרשעמט, מיט יאַשטשערקעס... ציפּקע, די שוועסטערל זייערע, שטופּט דורך איר געקרויזלטן קעפּל צווישן זייערע לאַנגע פיס און קוקט אויך אַרויס פון טירל. נאָר די דער־וואַקסענע ברידער טרייבן זי צוריק אין הויף אַריין. ציפּקע׳ס נייגעריקייט איז אָבער שטאַרקער ווי די גראַבקייט פון אירע ברידער. וואַרפט זי מיט איין פלייצקע און מיטן געקרייזלטן קעפּל און קוקט אַרויס ווי אַ חיה׳לע...

זעט דאָס שצערע צו און זי איז צופרידן, וואָס כאָטש אַנדערע האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט די שוואַרצע גנב׳טעס פאַר איר לעקעך. די גנב׳טעס זיינען אפילו ניט די זעלבע, אָבער פּאַרט פון איין אומה... רעכט אויף זיי!

פון גרויס דאַנקבאַרקייט שרייט זי אַריבער צו בּאָרע׳ס בנים, כאָטש האַלטן האָט זי קיינמאָל נישט געהאַלטן פון זייערע שיינע מעשים:

— נו, וואָס? גוט אַנגעבראָכן דער גנב׳טע די ביינער? אַ מצוה פאַר־דינט... זייער „דוד״ זאָל דאָ אין גאַס ניט בלייבן! אַ בלעך מיט לעקעך האָבן זיי מיר אַראָפּגעכאַפּט...

אָבער בּאָרע׳ס בנים ענטפערן ניט. זיי כראָבּרען זיך אפילו ניט מיט דער שיינער זאַך, וואָס זיי האָבן דאָ אָפּגעטאָן. זיי לאַכן נאָר פאַרלעגן, זיי כי־ביקען מיט יאַשטשערקעס...

וואונדערט זיך שצערע איין רגע׳לע. נאָר דאָ דערזעט זי פּלוצים, אַז אַקעגן דער „נעשלאָגענער״, יונגער ציגיינערקע לויפט אַן אַלטע, איינ־געבויגן איבער אַ שטעקן מיט אַ מאַנסבילשער פּיפּקע אין מויל, אַ ציין, מיט פאַרגעלבטע סיווע האָר פון אונטער אַ שוואַרצן טיכל מיט קווייטלעך — אַן אמת׳ע מכשפה! ביידע, די אַלטע און די יונגע, צעגאַלאַטשען זיך אויף זייער לשון:

— טשאַ־אַהים גאַדזשע! — ווייזט אַן די יונגע, וויינענדיק, אויף בּאָרע׳ס טויער, — טשאַ־אַהים גאַדזשע!*)

*) די פרעמדע בחורים.

און די אַלטע מכשפה מאַכט גרויסע אויגן און שרייט:

— אָ, אָה, דעוועלאַן! אָה, בּאַראַ דעוועלאַן!*)

זי הייבט אויף איר גרויסן געבויגענעם שטעקן און סטראַשעט עפּעס צום טויער מיט ווילדן כעס, און מיט שוים אויף די ליפּן. אַצינד דערשרעקט זיך ציפּקע, באַרע׳ס מיזינקע, און כאַפּט אַוועק דאָס געקרויזלטע קעפּל פון צווישן די ברידערס פּיס. זי אַנטלויפט צוריק אין הויף אַריין. די ברידער אירע מאַכן זיך אויך אַוועק. זיי פאַרהאַקן אַפילו דעם טויער הינטער זיך...

ביידע ציגיינערקעס באַלעבאַטשען נאָך איין וויילינקע, צערודערטע און צעהיצטע. דערנאָך כאַפּט די „געשלאָגענע" ציגיינערקע לויפן. זי לויפט מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ און כליפּעט. מיט ביידע הענט פאַרדעקט זי איר צעשליסענע בלוזע און איר נאַקעטע ברוסט. און די אַלטע מכשפה, קוים וואָס זי פּאָספּעיעט נאָך דער יונגער, זי הינקט איר נאָך און שילט און פלוכט אויף איר לשון און פּיפּקעט דערביי איר ליולקע און סטראַשעט אימיצן מיט איר שטעקן. און עס דאַכט זיך, אַז אַ שוועבל־רויך זעצט פון איר שוואַרצן מויל אַן ציין...

אַצינד מאַכט שוין שצערע אַ דעכעלע איבער די אויגן. מיט אַ האַלב אָפּגענעם מויל קוקט זי נאָך די ציגיינערקעס ביז זיי פאַרשווינדן הינטער אַ זייטיקן ראָג פון שול־גאַס. נאָך עטלעכע נייגעריקע יידן און יידענעס טוען דאָס זעלבע. זיי מאַכן אויך אַ דעכעלע איבער די אויגן און קוקן אויך נאָך.

ג

שצערע קערט זיך אום אין שטוב אַ פאַרטראַכטע. זי טוט איר אַרבעט און הייבט מיט די סוטולע פּלייצעס. עפּעס ווערט איר פאַרדעכטיק דאָס ביכיקען פון באַרע׳ס בנים ביים טויער... כ׳מיין, און אַז מען ברעכט שוין יאָ אַן די ביינער אַ יונגער „ציהאַנקע" אַ גנב׳טע, דאַרף מען אויך איר די בלוזע צערייסן?... נאָר אַזעלכע הולטאַיעס ווי באַרע׳ס בנים קענען אַזוי שלאָגן אַ יונגע גויע...

צו וואַרעמעס, ווען קיווע קומט פון גאַס, דערציילט זי דאָס אים. ווערליק איר ווייבערשן פאַרשטאַנד, זאָגט זי, איז דאָס ניט גלאַטיק...

אָבער קיווע גיט רואיק אַ הייב מיט די פּלייצעס:

— אין אַלץ דאַרפסטו זיך מישן... וואָלסט בעסער געהיט די לעקעכער, מען זאָל זיי דיר ניט אַראָפּכאַפּן...

*) אָה, גאָט! אָה, גרויסער גאָט!

נאָר פּאַרנאַכט דערוויסט מען זיך אין „זאַוואָלעק", פון באַרע'ס אַ שכנה אויף דער שול־גאַס דערוויסט מען זיך, אַז די בנים פון באַרע „די גרויסע אויגן" האָבן עפּעס אָפּגעטאָן מעשים. אין שפּייכלער מיט פּאַקליע זיינען היינט געשטאַנען מאָדנע קולות, געוואַלדן. וואו שלאָגן, וואָס שלאָגן? צוליב וואָס שלאָגן אַ ציגיינערקע, אַז זיי קענען אָפּטאָן אַ בעסערע זאַך...

— וואָס הייסט אָפּטאָן אַ בעסערע זאַך?

— אַ בעסערע זאַך וואָס הייסט? ביי אַזעלכע הולטאַיעס? אויף באַרע'ס בנים אַ קשיא? — אַזוי וואונדערט זיך די שכנה פון דער שול־גאַס — איר הערט דאָך! אין טויער ביי באַרען האָבן אָנגעקלאַפּטביידע ציגיינערקעס צוזאַמען, די אַלטע און די יונגע... די „בנים" האָבן אָבער אַריינגעלאָזן נאָר די יונגע און פאַרהאַקט די טירל ביי דער אַלטער אונטערן סאַמע נאָז. פאַרריגלט און געכאַכאַטשעט... דערנאָך האָט זי געהערט ווי די בנים וויצלען זיך הויך אויפן קול: „איז ווילסטו אונז טרעפן, קראַסאַוויצע? אדרבא, טרעף! וואָס זיינען מיר? זכרים צי נקבות?" דערנאָך האָט זי געהערט, זאָל זי שוין אַזוי הערן ישועות און נחמות, ווי מען שלעפּט זאַלבעצווייט די יונגע ציגיינערקע און ווי מען שרייט צו דער שוועסטערל: „ציפּקע, אַריין אין שטוב! ציפּקע, אַריין אין שטוב!"... אָפריער האָט די „ציהאַנקע" געלאַכט מיט אַ קוויטשל, געשריען כלומר'שט אויף צופּלייסן. דערנאָך האָט זי גענומען שרייען אויף אַן אמת. קולות, גוואַלדן האָט זי געשריען. נאָר באַלד איז דער קול עפּעס ווי דערשטיקט געוואָרן. מ'האָט זי געמוזט אַריינשלעפּן אין שפּייכלער... זי וואָלט געמעגט שווערן, אַז מען האָט אויף דער ציהאַנקע אָנגעוואָרפן אַ הורבע מיט פּענקע, דעם מויל פאַרשטאָפּט איר. אָט אויף וואָס באַרע'ס בנים זיינען קאַפּאַבל!...

אין זאַוואָלעק איז אַוועק אַ געמורמל. וויגדער, דער וואַלד־סוחר, דאַנקע'ס טאַטע, איז מיט נגידישע טריטעלעך אַראָפּ פון גרינעם גאַנעק, מיט דער זעקס־עקיקער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ. זיין בלאַסלעכער איידעלער פּנים האָט זיך אויסגעצויגן:

— יאָ, וואָס האָט ער געוואָלט זאָגן? ער האָט שוין, געלויבט דער אייבערשטער, אויסגעהאַקט ניט איין וואַלד אין „רייסן", באַגעגנט זיך מיט אַ סך כאַפּטעם ציגיינער פון כל'ערליי מדינות. ער קען גוט די שוואַרצע חברה. זיי וועלן אַזאַ זאַך ניט פאַרשווייגן... זיי האָבן פאַרקאַכט אַ מיאוסע קאַשע — באַרע'ס בנים...

אַצינד האָבן שוין עטלעכע שכנים געפרעגט דערשראָקן:

— וואָס הייסט — פאַרקאַכט אַ קאַשע?

נאָר איין קיווע, דער לעקעכמאַכער, איז ניט נתפּעל געוואָרן:

— עט! — מאַכט ער מיט ביטול און פאַרמאַכט אינגאַנצן זיינע שמאָלינקע אייגעלעך.

זינט דער געפונענער משה'קע האָדעוועט זיך ביי אים אין שטוב, איז צווישן אים און דעם יחוס'דיקן וואַלד־סוחר קיין גרויסע פריינטשאַפט ניטאָ. ר' ווינגדער איז ניט צופרידן, וואָס זיין דאַנקע חבר'ט זיך מיטן „ממזר", און די שכנים־לעקעכמאַכער בלאָזן זיך און זיינען אין כעס פאַר אַזאַ גאוה. מען פאַרטשעפּעט איינער דעם צווייטן וואו מען קען. ווינגדער דער וואַלד־סוחר קערט זיך, מייסטנס, אָפּ מיט פאַראַכטונג. אָבער דאָס מאָל האָט ער גלייך אויפן אָרט געגעבן אויסגאַב, אַפּנים די זאַך איז געווען זעהר ערנסט.

— ר' קיווע, — מאַכט ר' ווינגדער צו די שכנים ווי וועגן איינעם אַ דריטן, וואָס איז גאָר דאָ ניטאָ — ר' קיווע איז זיינע לעקעכער פאַרשטייט זיך אפשר זעהר גוט, נאָר אין מיינע וועלדער פאַרשטיי איך בעסער... כ'האָב זיך אָנגעזען און אָנגעהערט, געלויבט דער אייבערשטער. מען מיינט, אַז ביי ציגיינער איז ניטאָ קיין האָנאָר, אַז פאַר אַ ווייבל, צי פאַר אַ טאָכטער אַרט זיי ניט. מיינע — דיינע, דיינע — מיינע... ס'איז אַ טעות! אַ ציגיי־נער, אַז ער פאַרטשעפּעט אין „טאַבאָר" אַ ווייב פון אַ צווייטן, מאַכט מען פון אים אַ קאַליקע. דער עלטסטער אַליין משפּט אים און שיסט אים דורך אַ קני. אויב איר זעט אַ הינקענדיקן ציגיינער זאָלט איר ניט גלייבן, אַז ער איז, נעבעך, אַראָפּגעפאַלן, רייטנדיק פון אַ פערד. גיכער האָט מען אים דאָס אָפּגעטאָן פאַר אַ מעשה מיט זייערער אַן אשת־איש.

ווינגדער דעם וואַלד־סוחר'ס ווערטער האָבן געקלונגען אַזוי זיכער און געלאַסן, אַז דער איינדרוק פון קיווע'ס „עט" און פון זיין ביטול־שמייכעלע איז אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן. נייגעריקע העלזער האָבן זיך אַצינד געצויגן צו ר' ווינגדער'ן:

— איז וואָס, אַ שטייגער, מיינט איר, וועלן זיי טאָן?

— טאָן?... זיי וועלן שוין געפינען וואָס צו טאָן. אונטערצינדן אַ „גאַ־דזשע"*) פאַר אַזאַ זאַך איז ביי זיי גאָר אַ קליניקייט. אָפּקוילען מיט אַ גאַל־מעסער אין אַ ווינקעלע קענען זיי אויך. פאַר באָרע'ס יונג ווייבל בין איך אייך ניט ערב. זיי קענען אָפּטאָן מיט איר דאָס וואָס באָרע'ס בנים מיט אַ זייעריקער...

— באַדאַרפט צו וויסן געבן באָרען...

— וואָס איז דאָ „באָרע די גרויסע אויגן" שולדיק?... בשעת זיינע טייערע בחורים האָבן אַזוי שיין געראַבאַטעוועט אין שפּייכלער, איז ער גאָר אינדערהיים ניט געווען. ניט ער, ניט זיין ווייב...

— ביי די ציגיינער, — ציילט ווינגדער ווערטער — זאָלט איר קיין יושר ניט זוכן. ווילדע מענטשן...

אין יענעם פאַרנאַכט האָבן יידן טאַקע דערהערט אַ ניט־געוויינלעכן טומל אויף יענער זייט אַזערע. דער טומל האָט זיך געטראָגן פון ציגיינערישן

*) אַ פרעמדן.

„טאַבאָר”. די האַלאַבליעס פון די רויע וועגענער זיינען דאָרטן געווען אַראָפּגעלאָזן, גרייט צום איינשפּאַנען. אויף איין וואָגן, אינמיטן, איז אַרויפגעקראָכן דער עלטסטער ציגיינער אין אַ בלויען סאַמעטענעם ראָק מיט זילבערנע קנעפּ און עפּעס גע׳דרשנ׳ט און געמאַכט מיט די הענט. ער דרש׳נט און אַלע ציגיינער און ציגיינערקעס ענטפערן אים מיט ווילדע אויסגעשרייען.

נייגעריקע שניידער־יונגען האָבן זיך אפילו געווען צעכוואַטעוועט, אַוועק אויף יענער זייט אָזערע, איבער דעם מיל־בריק: געהאַט בדעה נענטער צוזען און צוהערן זיך וואָס ביי די „ציהאַנעס” קומט פאָר. מ׳האָט זיי אָבער פונדערווייטנס געסטראַשעט מיט בלאַנקע מעסער און נאָענט צום „טאַבאָר” ניט צוגעלאָזן.

די „בוזשאַנקע"

א

אַנגסטן זיינען אַוועקגעקראָכן איבער דער שטאָט. מ'האָט מורא געקראָגן די ציגיינער זאָלן עפּעס ניט אָפּטאָן אַ מעשה איידער זיי פאַרלאָזן דאָס וועלדל הינטער דער אָזערע, זיי זאָלן זיך ניט אָפּרעכענען, פאַר די זינד פון באָרע'ס בחורים, מיט אַנדערע, מיט אומשולדיקע; שטאָט זאָל חס־ושלום ניט אַוועקגיין מיט רויך אינמיטן דער נאַכט...

נאָר צומאָרגן גאַנץ פרי, ווען דאָס צענדליק רויע ציגיינערישע פורן מיט ביידלעך האָבן גענומען דעם וועג צוריק צום אָרשער שליאַך, האָט זיך אין שטאָט באַרואיקט און מ'האָט אויסגעלאַכט דעם נעכטיקן שרעק: „מילא, ברוגז איז ברוגז! קיין גרעסערן אומגליק זאָל שוין שקלאָוו ניט האָבן!... שקלאָוו איז ביז אַהער אויסגעקומען אָן ציגיינער, וועט זי מירצעשעם ווייטער אויך אויסקומען..."

די גראָבע פורן האָבן זיך געצויגן מיט דער זעלבער קלימפּעריי פון פּוסטע עמערס און בלעכענע טשאַיניקעס און מיט דער זעלבער האַווקעניש פון הונגעריקע הינט; פּונקט ווי ביים אַריינפאָרן... אמת — אָן זינגעריי און ביכיקעריי פון די יונגע ציגיינערקעס און אָן די פאָנפאַטע טענער פון באַלאַלאַיקעס און געשפּאָלטענע פּיאָלן. כמורנע איז דער שוואַרצער עולם געזעסן אויף די וועגענער און אָן אַ ברעקל פריילעכקייט אָנגעטריבן די מאָגערע פערד מיט די אונטערגעפּאַרבטע עקן. די מאַנסבילן האָבן טיף פאַררוקט די גליענדיקע אויגן אונטער די שטרויענע קאַפּעליושן מיט די האַלב־אָפּגעריסענע ראַנדן. און די ווייבער זייערע האָבן זיך געטוליעט צוזאַמען און געשושקעט זיך אויף זייער לשון.

דערפון איז מען אויך קנאַפּ וואָס נתפּעל געוואָרן: מילא — איז אָן מוזיק! אַבי פּטור געוואָרן...

באַלעבאָסטעס האָבן אָפּגעאָטעמט. און ווי נאָר דאָס לעצטע ציגיינערישע ביידל איז פאַרשוואונדן געוואָרן הינטער די אָרשער ברעמלעך, זיינען אויף די פלעקענער פון די צוימען ווידער אַרויסגעהאַנגען געוואָרן איבערגעקערטע טעפּ און קרוגן און האַלאַטשיקעס צום טריקענען; שטאָטישע ציגן האָבן זיך געשטעלט ביי די טירן פון זייערע יידישע באַלעבאַטים און געשמאַק

מעלה־גרה געווען; הינער האָבן זיך צעקודאַכטעט אויף די קהל'שע מיסטן...
ניטאָ, הייסט דאָס, מער פאַר וועמען מורא צו האָבן: קו־קו־רע־קו!

דאָס איינציקע וואָס איז געבליבן לזכר, נאָך די אוועקגעפאָרענע שוואַרצע געסט, איז געווען דאָס, וואָס מיידלעך אין שטאָט האָבן זיך אַ נעם געטאָן זינגען אַלטמאָדישע ציגיינערישע ראָמאַנסן. דאָס פּלוצלינגע אָנקומען פון די ציגיינער האָט אַן עפּעס דערמאָנט, און זייער פּלוצלינגער אוועקפאָרן אין די פרייע פעלדער האָט אַרויסגערופן בענקעניש אין דער געדיכטער לופט פון די ברוונע־הייזקעס, אונטער דער אייביקער השגחה פון טאַטעס און מאַמעס... נו, נו! האָט מען זיך צעזונגען. יידישע מיידלעך זיינען פּשוט אָנגעשטעקט געוואָרן מיט ציגיינערישקייט. גרוניע'ס מיידל, למשל. גרוניע דער נייטערקע'ס מיידל, וועלכע זאָווע דעם מילנער'ס בן־יחיד האָט אוועק־געוואָרפן, האָט זיך קלאָגעדיק צעזונגען ביי דער ניי־מאַשין און אַ גאַנ־צינקן טאָג געצויגן הארצרייסנדיקע טענער, צוגעבנדיק אַ יידישן טעם דעם ציגיינערשן ראָמאַנס:

„מאַי קאָסטיאָר ווי טומאַניע סוועטיט,
איסקרי גאַסנוט נאַ ליעטו..."

ס'הייסט:

מיין קליין־פלאַקער לויכט אין נעפּל,
פונקען לעשן זיך אין פליק;
נאַכט — וועט קיינער אונז דערזעען,
מירין זיך זעגענען אויפן בריק...

אפילו באַלעבאַטישע פאַרזעסענע מוידן, מיט צעשוואָומענע געזעסן און מיט געלבלעכע שלייפן, האָבן זיך גענומען דרייען ביי די אָפּגענוצטע שפּיג־לען מעשה זומער־פלעדערלעך און קאָקעטירט מיט זיך אַליין:

יאַ ציגאַנקאַ מאַלאַ־דיעלאַ;
מניע ניעט ני גאָריאַ, ני זאַבאָט..."

ס'הייסט:

איך ציגיינערקע — אַ ווינט־קאָפּ,
ניט קיין האַרצווייטאָג, ניט זאָרג.
נאָר געליבט און נאָר געזונגען,
אומעטום געלעבט אויף באָרג...

מען קען ניט זאָגן, אַז די פאַרוועלקטע פּנים'ער פון די אָפּגעפאָרענע מוידן ביי די אָפּגעקראַכענע שפּיגלען זאָלן זיך זעהר האָבן געפּאַסט צו די פריש־פרייליכע געזאַנגעכצן פון פרייע ציגיינערקעס. איז טאָקע קיין וואונ־דער ניט וואָס די פאַרהאָרעוועטע מאַמעס פון אַזעלכע זינגערקעס זיינען צעררייצט געוואָרן פון די „שדים־ווייסן־וואָס־פאַר־אַ־לידער", און געגעבן אַ פאַל אַריין אין רעכטן מיטן פון די דערהויבנסטע טענער:

— גיכער, גיכער, דאָס טעפּל לויפט אויס!
אָדער:
— גיי שוין, גיי! קער בעסער אויס די שטוב!...

ב

שטעלט זיך אָבער אַרויס, אַז מ'איז פון דער כּאַפּטע ציגיינער גאָר אינגאַנצן ניט פּטור געוואָרן. דער „טאַבאָר" איז טאַקע אַוועקגעפאָרן צוריק אויף אַרשע; נאָר אַ וועלכענע הונדערט קלאַפטער הינטער די געמויערטע ברעמלעך, צווישן צוויי ליפּע־ביימער, האָט זיך פּאַרטאַיעט איין ציגיינע־רישער וואָגן מיט אַביידל; און לעבן ביידל, ביי אַן אויפגעשפּרונגענעם וואָרצל פון אַ בוים, איז אויסגעגראָבן אַ מין זעמליאַנקעלע מיט אַ לאָך צום קאָכן. אַ רויכעלע רייכערט און אַ פייערל זעצט פון לאָך, און אַ קעסעלע אָנגעבונדן צום וואָרצל, שאָקלט זיך איבערן פייער. און אין נאָענטן פעלד פּאַשעט זיך אַ געפּענטעטער פערד. דער בעסטער פערד פון אַוועקגעפאָרענעם „טאַבאָר".

אַרום דעם איין איינציקן ביידל מיט די אויפגעשטעלטע האָלאַבליעס און אַרום דער פייערקע פּאָדיען אַרום די אַלטע מכשפה וואָס פּיפּקעט אַ מאַנס־בילשע פּיפּקע, אַ יונגער ציגיינער מיט אַ האַרטן פּנים און מיט אַ שראַם איבער דער ניט־געגאָלטער מאָרדע — ווי מיט אַ האַק געטראָפן און שלעכט פאַרהיילט. און נאָך איינע, אַ יונגינקע „ציהאַנקע", אַ באָרוויסע, אַ שיינע, מיט ביסטרע גנב'ישע אויגן און מיט אַ קורצן פאַרביקן קליידל. אויבן אויפן שפּיץ ביידל, צוגעשמידט צו אַ לאַנגער קייט, שפּילט זיך די גוט באַקאַנטע מאַלפּעלע מיט די רויטע סיצענע הויזלעך. זי טענצלט אַרום ווי אַ וועווערקע, וואָרעמט זיך אויף דער לעצטער אָסיען־זון און מאַכט משונה'דיקע העוויות.

דער יונגער ציגיינער מיטן שראַם איז מיט ביידע ווייבער זייער שטרענג. ער דרייט מיט די בלויע ווייסלען פון די אויגן און שרייט. די אַלטע און די יונגע האָבן פּאַר אים, ווייזט אויס, מורא ווי פאַר אַ גזלן און פאָלגן אַלץ וואָס ער הייסט. ווי נאָר ער גיט אַ לייכטן „ציש" צווישן די ציין, ווערן זיי ביידע פאַרשטומט און לאָזן אַראָפּ די קעפּ, ווי געשלאָגענע הינטיכעס. אפילו דאָס מאַלפּעלע דערשרעקט זיך, מאַכט גיך אַ קאָזשעלאָק, שפּרינגט אַריין אין בויד און באַהאַלט זיך.

לכתחילה איז דאָס געווען אָביסל פאַרדעכטיק. צוליב וואָס, אַ שטייגער, זאָלן זיך דריי ציגיינער מטריח זיין און היטן דעם אַרשער שליאַך?... צי האָבן זיי ניט עפּעס, טשאַסאָם, אויפן זינען?... בפרט אַז אין דער מכשפה מיט דער פּיפּקע האָט מען דערקענט יענע אַלטע ציגיינערקע, וואָס האָט גע־

בעטלט מיט דער יונגער ביי בארעס טויער, און וועמען בארעס בנים האבן אזוי באליידיקט... יא, „בארע די גרויסע אויגן" מיט זיינע פיינע בחורים מעגן זיך היטן!...

האבן זיך טאקע געפונען יידן מיט סומנע ברעמען און נייגעריקע יידע־נעס מיט גרויע פאטשיילעס איבער די קעפ, וואס זיינען צוגעשטאנען צו די ציגיינער אין ביידל, אויסגעפרעגט זיי: פארוואס, א שטייגער, זיינען זיי געבליבן איינינקע אליין אין פעלד? פארוואס ניט מיטגעפארן מיטן טא־באר?...

האט זיי די אלטע מכשפה מיט דער פיפקע פארענטפערט אלע קשיות מיט א האניקדיקן שמייכל אויף די טונקעלע ליפן, דערציילט זיי פיפקענדיק אז די „ראמניטשל"*) זיינען אויף זיי ברוגז געווארן, אויף זיי אויך... דער־פאר וואס זיי האבן זיך געשטעלט אקעגן און געזאגט אז מען דארף זיך ניט קריגן מיט שטאט, אז מען דארף דא איבערווינטערן...

און דער יונגער ציגיינער מיטן שראם אויף דער גאמבע האט די נייגעריקע יידן פון ארשער בראם באוויזן זיינע שניי־ווייסע שארפע ציין און געטרייסט זיי:

— נישאווא! די „ראמנים" וועלן זיך נאך איבערבעטן, זיי וועלן נאך קומען צוריק...

די טרייסט איז אפילו געווען גאר א קליינע, אבער אלץ בעסער ווי צו טאפן אין דער פינסטער...

און אין א פאר טעג ארום האט מען זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם איין איינציקן ביידל. כ'מיין, וואס קענען דא אויפטאן צוויי ציגיינערקעס מיט זייער באשיצער צוזאמען? קושן א בער קענען זיי! מיט איין קליינ־טשינקן פינגערל וועלן זיי בארעס בנים אוועקלייגן...

און אויפן דריטן טאג האט מען זיך איינגאנצן בארואיקט. די אפגעשטא־נענע פארשוינען אין ציגיינערישן ביידל האבן זיך געהאלטן פיין און שטיל. קיינעם ניט געטשעפעט. א פאקרישקע פון א פלויט ניט אראפגעלאטכנט, א פארלוירענע איי פון א הון ניט צוגעכאפט. זיי האבן זיך נאר ארומגע־דרייט איבער די נאענטסטע גאסן, ביי די ארשער ברעמלעך, און „כשר" פארדינט זייער ביסן ברויט. דהיינו: דער יונגער ציגיינער מיטן שראם האט געדרייט אז אלטע כריפענדיקע קאטערינקע, וואס עטלעכע טענער פעלן אין איר. די אלטע ציגיינערקע מיט דער פיפקע האט געהאלטן איר מאלפעלע אויף א לאנגער קייט און קאמאנדעוועט איבער איר; און די יונגע האט געטאנצט אין איין לאסטיקענעם קליידל. כאטש ס'איז שוין געווען גוט קילבלעך.

*) דאס ציגיינער־פאלק.

ווארעמעס־צייט, ווען די מאנסבילן קומען פון קראם און די קינדער פון חדר, שטעלן זיך די דריי זאיאדלע ציגיינער אוועק אינמיטן גאס און שפרייטן־אויס אן אפגעקראכענעם טעפיכל. די קאטערינקע דרייט זיך און כריפעט און היפט איבער עטלעכע טענער מיט אמאל און מאכט „פא־טא־טא" דארטן וואו ס'פעלט א פייפל. די יונגע ציגיינערקע טאנצט און באווייזט אירע שלאנקע פיס ווייט איבער די קני. אירע זילבערנע גרויסע אוירינגלעך באמבלען זיך אין אירע טונקעלע אויערן. אירע גנב'ישע אויגן גלאנצן, אירע ציין גלאנצן. און דאס מאלפעלע אויף דער קייט גייט מעשה מענטש אויף די הינטערשטע לאפקעס, וואס זעען אויס ווי פארגרעבטע הענטלעך. אירע קליינע הייזלעך גיבן איר צו א מאדנעם חן פון א קליינעם קאמעדיאנטשיק... שטילע ציגיינער — וואס איז דא וואס צו ריידן? קינדער פאטשן לאדאזשקעם און האבן הנאה, און דערוואקסענע — אויך; כאטש אן אנשטעל מאכט מען, אז אזעלכע מיני קאמעדיעס זיינען לחלוטין אן איבעריקע זאך אינמיטן וואך. מיט כלומרשט אנגעכמורעטע ברעמעןווארפט מען גראשנדלעך אין ציגיינערישן ציגענעם טעצל און אין הארצן קווענקט מען אן פון דער בריאה משונה, און מ'איז צופרידן וואס דער אייבערשטער האט אויסגעהיט אלע יידן פון זיין ענלעך צו אט דעם האריקן וואלד־מענטשעלע מיט דער בלויער נאז...

ג

אומבאמערקט האבן זיך די קאמעדיאנטשיקעס מיט דער מאלפעלע גענומען רוקן אין שטאט אריין. וואס א טאג אלץ ווייטער פון די ארשער ברעמלעך, וואס א טאג אלץ נענטער צום שול־גאס, ביז זיי זיינען אזוי פאוואלינקע דערגאנגען צום „זאוואולעק".

אין איין קילבלעכן נאך־ווארעמעס האבן זיי געגעבן א שפרייט־אויס זייער טעפיכל פונקט אקעגן ביידע גרינע גאניקעס און אקעגן דעם דעמבענעם טויער פון „בארע די גרויסע אויגן". און ס'איז אוועק א טאנץ, א דרייען די קאטערינקע און א מענטשן־נאכקרימעניש פון דער מאלפעלע.

קיין שלעכטע געשעפטן האבן דא די ציגיינער ניט געמאכט. אין זאוואולעק זיינען דא צוויי חדרים. איינער — הירשל דעם מלמד'ס, פול מיט דרדקי־יינגלעך; און א צווייטער — דעם מלמד'ס פון טשאסניקי. ניין באלעבאטישע בעלי־גאוה'ס לערנען ביי אים, אלע מיט פארריסענע נעזלעך, וואס האלטן זיך שטענדיק פון אלע תלמידים'לעך אן א זייט... אבער די מאלפעלע האט אפגעווישט אלע גרענעצן צווישן ארעם און רייך, צווישן אלף־בית־יינגלעך און חומש־בחורים. די הייזעריקע קאטערינקע האט זיי אלעמען ארויסגעמאניעט אויף דער שול־גאס. עס האבן ניט געהאלפן הירשל דעם מלמד'ס „לאקשן"; דאס וואזשנע אנבייזערן זיך פונם טשאסניקער מלמד

האט אויך ניט געהאָלפן — די לעצטע גראָשנס האָבן זיינע נגידישע תלמי־דים׳לעך געוואָרפן אין ציגיינערישן טעצל...

אַזאַ גרינגע פּרנסה׳לע איז אַפּנים דער חברה קאָמעדיאַנטשיקעס שטאַרק געפעלן געוואָרן. וואָרים אויב ניט דאָס, הײַנט צוליב וואָס האָבן זיי זיך דאָ פאַרנאַדיעט טאָג איין, טאָג אויס מיט זייער מאַלפּעלע און מיט זייער קאַטערינקע, און פּונקט אַקעגן מאַנאַזאַנס זאַוואָולעק? וואו מער בײַנער דאַרטן מער הינט.

וואָרעמעס־צײַט, אינמיטן עסן דעם מילכיקן שקלאָווער קרופּניק, דערהערט משה׳קע — קיווע׳ס האָדולניק — די כריפּענדיקע קולות פון דער קאַטע־רינקע. איבערהיפּנדיק עטלעכע טענער מאַכט זי: „פּאַ־טאַ" און „פּאַ־פּאַ" ביז זי הייבט אָן צו ציען אַ שטיקל נגינה. שטופּט משה׳קע אָפּ זײַן שיסעלע, לויפט אַרויס אַ פאַרסאָפּעטער און אַ פאַרהאָוועטער און הייבט אָן גלייך צו שרייען:

— דאַנקע, דאַנקע! גיכער...

דאָס רופט ער ווײַגדער דעם וואַלד־סוחר׳ס יתום׳ל פון קעגנאיבער, און טאָמער איז דאַנקע אינדערהיים ניטאָ און רופט זיך ניט אָפּ, צעשרײַט זיך משה׳קע פון גרויס אויפרעגונג צו אַלע יינגלעך פון די אַרומיקע שטיבער:

— אוי, אוי, קינדער! די „בוזשאַנקע"*) איז טאַקע געקומען...

הייבן אָן קלאַפּן טירן אין זאַוואָולעק און פענסטער רײַסן זיך אויף. פלינקע קינדערשע פיסלעך פאַבריקעווען און פוילע מיידלעך אין פּאַטשיי־לעס באַווײַזן זיך אין די טירן־לעכער.

און ס׳איז באמת דאָ וואָס צו זען. אינמיטן שול־גאָס, פּונקט אַקעגן קיווע׳ס גאַניק, טוט זיך מעשים. משוגע געוואָרענע טענער דרייען זיך און ווייבערשע טונקעלע פיס. נאָר ווער קוקט אויף אַזעלכע נאַרישקייטן? דאָס אַלץ איז נאָר אַ צושפּיל... קוקן קוקט מען אויף דער „בוזשאַנקע", וואָס אַ נאָז האָט זי אַ בלויאינקע און הייזלעך טראָגט זי רויטינקע, און פון שפּענ־צער קריכט אַרויס אַ לאַנגער עק. אַפּנים דער אייבערשטער אַליין האָט איר באַשאַפן אַזאַ עק, כדי צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן מענטשעלע און חיה׳לע. אָן ניט וואָלט מען באמת געקענט אַ טעות האָבן... די זלידנע צו־זאַמענגערוקטע אייגלעך לויפן אַרום און דאָס רירעוודיקע פּרצוף־פּנים׳ל לאַכט און וויינט, און וואונדערט זיך און האָט מורא — אַלץ צוזאַמען. אַלע אויסדרוקן בײַטן זיך אין איר, אָן שום איבערגאַנג, ווי בײַ אַ ליאַ, אַ קונצנ־מאַכער אויפן יאַריד. אָבער אַ סך פלינקער און קיצלדיקער, נאָך פלינקער און אויסטערלישער זיינען אירע נאַקעט־פליישיקע הענטעלעך. זי כאַפּט מיט זיי, די „בוזשאַנקע", אַלץ וואָס מען וואַרפט איר צו: ניסלעך, סע־

*) „בוזשאַנקע" — פאַרגרייזט פון „אָבעזיאַנקע". אַזוי רופט מען אַן אַ מאַל־פּעלע אין ווײַס־רוסלאַנד.

מעטשקעס, צוקערלעך, שטיקלעך בייגל. גיך־גיך גיט זי יעטוועדער ברעקל א שמעק מיטן בלויען נעזל און שלינגט דאס האלב אראפ אין אירע האלז־זעקעלעך... באהאלטן אין טארבעלע, ווי א געניטער בעטלערל — קוקט זי אוים ווייטער אויף א ברעקל.

לאזט מען זי איין רגע'לע צורו, אזוי גיט זי זיך א זעץ אויפן עק־ווארצל און גיט א קוועטש מיטן גראבן פינגערל אין האלז, ווי א חזנדל וואס פרואווט אוים די „כלי" איידער ער צעציקלט זיך... פונם דאזיקן קוועטש שפרינגט ארויס פון האלז־טארבעלע, גלייך אין מויל אריין, א באהאלטענער ביסן. קייט דאס די „בוזשאנקע" גיך־גיך מיט שרעקעוודיקע העוויות פון א בא'גזל'טער; און די ברוינע אייגעלעך, ווי גלעזערנע פאטשערקעס אין א צ ו ו י ש ן, לויפן בשעת מעשה ארום, כדי ניט צו פארפעלן, חס ושלום, א נייעם געווארפענעם ברעקל. קליין ווי דאס איז האט דאס א קישקע אן א דעק. און קיין רגע'לע זיצט דאס ניט רואיק. א כאפ און א טענצל און א שלונג און א קראץ און א קיי און א ווייז די שארפע ציין און א שמעק און א ווארף און א הייב דעם עק. א מאדנע באשעפעניש! א פארשאלטענע מענטשישע נשמה, וואס ציגיינער האבן געפאנגען, צוגעבונדן צו א קייט און געמאכט פאר א בעטלער...

ד

די קינדערשע התפעלות, דאס פאטשן לאדאזשקעס ארום דעם „פאר־שאלטענעם מענטשעלע" האט אזוי איינמאל נאך א ווארעמעס דערגרייכט דעם העכסטן פונקט. דער פריילעכער טומל איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז דער דעמבענער טויער פון „בארע די גרויסע אויגן" האט ניט אויסגעהאלטן זיין פארשלאסנקייט, זינט דעם סקאנדאל פון די בנים מיט דער ציגיינערקע... דאס געשמידטע טירל האט אויפגעפראלט, און פון טירל איז ארויסגעשפרונ־גען ציפקע — בארעס זעקס יאריקע מוזינקע, מיט די שווארצע גרייזעלעך אויפן קאפ און מיט די קרעלן אויפן אפגעברענטן העלזל. האסטיק איז זי ארויסגעלאפן און מיט שרעקעוודיקע טריטעלעך צוגערוקט זיך צום אנגעלאף אינמיטן גאס. די מאמע אירע איז געשטאנען אין טויער און שארף נאכ־געקוקט.

זינט ציפקע'ס ברידער האבן משה'קען ארויסגעיאגט פון בארע'ס הויף האט ער זי נאך ניט געזען אזוי פריי און אזוי נאענט. פארגעסן אלע חרפות, וואס ער איז אויסגעשטאנען איבער זיין קליינער חבר'טע, האט ער, פון גרויס התפעלות, גענומען שפרינגען און שרייען און כאכאטשען:

— אוי, אוי, ציפקע, כא־כא! קום, זע, ציפקע!...

אין פריילעכן טומל האט אפילו קיינער ניט באמערקט, אז די ציגיינער, וואס האבן שוין געהאלטן ביים אוועקגיין, זיינען מיטאמאל לעבעדיקער

געוואָרן. דער צונויפגעוויקלטער טעפּיכל האָט זיך ווייטער אויסגעשפּרייט, און די שטאַמלענדיקע קאַטערינקע האָט זיך ווייטער צעשפּילט און מיט גאָר אַ נייער פרישקייט, כאָטש בעלנים אויף צו וואַרפן נייע גראָשנס אין צינענעם טעצל זיינען שוין מער ניט געווען. דאָס מאַלפּעלע האָט ווייטער גענומען ווייזן קונצן...

משה׳קע האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שטיק לעקעד און געקאָרמעט דאָס „וואַלד־מענטשעלע". און נאָכדעם ווי ער האָט ציפּקען מקבל פּנים געווען מיט אַזאַ ברויזנדיקער פרייד, האָט ער אָפּגעבראָכן אַ שטיקל און איר אויך דערלאַנגט.

— נאַ — מאַכט ער — ציפּקע! ווילסט קאָרמענען די „בוזשאַנקע"? אוי, אוי, וועסט זען!...

מיט ציטערדיקע הענטעלעך האָט ציפּקעלע אָפּגעברעקלט פון לעקעד און אויסגעשטרעקט דער מאַלפּעלע. די משונה׳דיקע בריאה האָט אַ וואָרף געטאָן אַ האַריק הענטל מיט אַ גלאַטער דלאָניעלע און געוואָלט אַ כאַפּ טאָן. פון אַזאַ פּלוצלעכקייט האָט זיך ציפּקע דערשראָקן און אַ שפּרונג געטאָן אויף צוריק. דאָס ברעקל לעקעד איז אַראָפּגעפאַלן און די מאַלפּעלע איז מורא׳דיק אין כעס געוואָרן.. צעקוויטשעט האָט זי זיך מיט אַ שאַרפן גרילצנדיקן קול׳כל און באַוויזן ציפּקען אירע שאַרפע ציין... האָט אויף איר די אַלטע ציגיינערקע אָנגעשריען און אַ שמיץ געטאָן מיטן עק פון קייט. אָבער גלייך נאָכדעם שלום געמאַכט צווישן חיה און קינד. מיט אַ האַניקדיקער מינע האָט זי אָנגענומען ציפּקען פאַר אַ הענטל און פּאַוואָליע צוגעפירט זי צו דער מאַלפּעלע.

— האַב — מאַכט זי — קיין מורא ניט, עפּעלע! „מאַטרעשקאַ" איז אַ קלוגע. האָט ליב קינדערלעך...

אפילו דער יונגער ציגיינער מיטן ניט־פאַרהיילטן שראַם אויף דער מאָרדע האָט איין וויילינקע אָפּגעשטעלט די הייזעריקע קאַטערינקע זיינע און גע־רעדט צו ציפּקען מיט אַ זיסן שמייכל און אויף געבראָכענעם יידיש גע־מונטערט זי:

— דו, מיידל... ניט מירע!... קאַראַש מאַטרעשקאַ...*)

און ווייטער צעשפּילט זיך אויף דער קאַטערינקע און געשאָטן מיט ווילדע פריילעכע אויסגעשרייען, גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַפּנים כדי צו אָנ־מאַכן וואָס מער טומל:

— העי, ליאַטשי, מאַשי, קראַשי!... העי, העי, מאַטרעשקאַ!

אַפריער האָט זיך ציפּקעלע געווען איינגעשפּאַרט מיט די פיסלעך. מורא געהאַט נעענטער אַ טראָט צו טאָן. נאָר משה׳קע, איר אַלטער פריינדל, האָט איר אויך אונטערגעגעבן חשק: „עי, ציפּקע! וואָס׳טו מורא?..."

*) האַב קיין מורא ניט, מיידעלע. מאַטרעשקאַ איז אַ גוטע...

און זי האָט זיך געלאָזן איבעררײדן.

אַלע קינדער, װעלכע האָבן דאָס צוגעזען, זײַנען אױסגעגאַנגען פאַר קנאה. זײ האָבן ציפּקען פּשוט ניט פאַרגונען דעם כבוד, װאָס די ציגײַנער האָבן איר אָנגעטאָן, און ציפּקע האָט זיך טאַקע דערפילט האָפערדיקער, כראָבריע אױסגעשטרעקט אַ שטיקעלע לעקעך דער מאַלפּעלע:

— נאַ, נאַ!

אַ האַריקע הענטל האָט דאָס גלײַך אַ כאַפּ געטאָן און באַהאַלטן אין פונקט אַזאַ האַריקער טאָרבעלע, אונטער דער גאָמבע.

— זעסט — שרײַט משה'קע אױסער זיך פאַר פרײד — כאַ־כאַ, זי טוט גאָרניט! זי טוט גאָרניט!

ער איז גליקלעך, משה'קע, װאָס אין אַזאַ פרײַלעכער „קאָמעדיע" אײַנמיטן גאַס, מיט אַ קאַטערינקע און מיט אַ „בוזשאַנקע", שפּילט ער אױך אַזאַ נישקשה'דיקע ראָל מיט זײַן שטיקל לעקעך, ער און זײַן קלײנע חבר'טאָריז. אױף צעפּוקעניש אַלע באַלעבאַטישע ײנגלעך, װאָס װילן מיט אים ניט שפּילן...

נאָר אינמיטן אַזאַ ברױזנדיקער שמחה פאַלט אַרײַן אַ װײַבערשער ניכטערער קול; פון באָרע'ס טױער רופט ער:

— ציפּקע, ציפּקע, ציפּקע!

דאָס רופט ציפּקע'ס מאַמע. אַביסל אומרואיק קלינגט איר רוף. צי האָט איר מאַמע־האַרץ ניט דערשפּירט אין דער ציגײַנערישער פאַרפירערישער מוזיק אַ באַהאַלטענע סכנה?

ערשט שפּעטער מיט יאָרן האָט משה'קע אָפּגעשאַצט דעם דאָזיקן קװאַקצענדיקן רוף פון אַ הון אַ סעדעכע צו איר פּיסקליאַטע...

אַצינד, בשעת מעשה, האָט ער אַ צעקאָכטער און צעזאָטענער פון פרײד זיך אָפּגערופן אַנשטאָט זײַן קלײנער חבר'טאָרין:

— אָט־אָ גײט זי, ציפּקע! אָט־אָ, נאָך אײן װײַלעטשקע!...

אַוועקגעכאַפּט ציפּקען

א

עטלעכע טעג האָט אַזוי געדויערט משה'קעס גליק. אַלע טאָג דאָסזעלבע. נאָכן אַרומשליאָנדערן זיך און אַרומשנאָרן אין שטאָט, זיינען די ציגיינער אַלעמאָל צוריקגעקומען צום שול־גאָס און געפּראַוועט קאָמעדיעס אויפן זעלבן אָרט. עס האָט זיך זיי פּאַליובעט דער „זאַוואָלעק"... אומגערן, צי אומישנע, נאָר אַלע טאָג זיינען זיי געקומען אַביסעלע שפּעטער. אַזוי אַרום האָבן זיי איינמאָל דאָנערשטאָג געכומען דרייען די קאַטערינקע, ווען די זון האָט זיך שוין גענומען אַראָפּלאָזן. נאָר אַזוי ווי ס'איז שוין געווען נאָך אַלע ימים־טובים, אינמיטן חשוון, ווען די טעג זיינען קורץ און אַזייגער פינף טונקלט שוין, האָט מען אין דעם קיין שום בייזע כוונה ניט באַמערקט. פּשוט, דער טאָג סטאַיעט ניט די שוואַרצע קאָמעדיאַנטשיקעס צו באַפרידיקן אַלע קינדער אין שטאָט. פאַרשפּעטיקן זיי דערפאַר אויף דער שול־גאָס; ס'הייסט אויפן וועג אַהיים, צו זייער איינזאַמער בויד, הינטער די אָרשער ברעמלעד...

די קינדער פון זאַוואָלעק און פון קעגנאיבער קענען שוין דעם דאָזיקן מאַרשרוט און וואַרטן אַלע טאָג מיט אומגעדולד אויף דער מאַלפּעלע און אויף דער קאַטערינקע. ביי באַרע'ס טויער שטייט ציפּקעלע, און ביים איינגאַנג פון זאַוואָלעק — משה'קע און אַנדערע יינגלעך. זיי קוקן זיך די אייגלעך אויס:

— זיי גייען שוין?

— נאָך ניט... אָט! זע, זע!

— ס'איז ניט די קאַטערינקע... ס'איז אַ נאָסקע־טרעגער!...

— קינדער, קינדער, אָט גייען זיי טאַקע!

און אַ ווילדע שמחה צעטאַנצט זיך, מיט טופּען פון פיסלעך און מיט אויסגעשרייען פון איין יידישן טויער צום צווייטן.

צומאָרגן, פרייטאָג, האָט זיך עפּעס די ציגיינערישע קאָמעדיע אינגאַנצן פאַרשפּעטיקט. משה'קע און ציפּקע און דאַנקע וויגדער'ס זיינען געוואָרן אומרואיק: „צי זיינען זיי שוין אינגאַנצן ניט אַוועקגעפאָרן?" משה'קע

איז אפילו געלאָפן אַ קוק טאָן ארויף שול־גאַס. אַ אַרויסגעוואָרפענע טרחה! די מאַלפּעלע איז ניטאָ.

אין די אַרומיקע הייזער האָבן זיך, דאָ און דאָרטן, גענומען צינדן שבת'דיר קע ליכטלעך. עלטערע מאַנסבילן, אין לאַנגע פּאַלטנס און מיט צוגעקאַמטע ווייסע בערד איבער די שוואַרצע לאַצן, האָבן זיך שוין געלאָזן גיין אין די נאָענטע בתי־מדרשים; צום אַלטן בית־מדרש, אין דער קאַלטער שול אַריין און צום לויה־בית־מדרש. און די ציגיינער זיינען נאָך אַלץ ניטאָ!... יינגלעך פון זייטיקע געסלעך האָבן פאַרלאָרן יעדע האָפנונג אויף דער היינטיקער „קאָמעדיע" און צעלאָפן זיך אהיים. געבליבן זיינען נאָר די קינדער פון זאַוואָלעק און ציפּקע פון אַקעגנאַיבער. זייער היים איז דאָ אויף אַן אָרט — האָבן זיי זיך ניט וואָס צו איילן.

גראָד אַצינד האָבן זיך באַוויזן באַקאַנטע שאָטנס אין עק גאַס. „די ציר גיינער, די ציגיינער גייען!" אין דער פאַרנאַכטיקייט זעען זיי אויס שוואַר־צער און פרעמדער ווי אַלעמאָל. און ניט אין דרייען קומען זיי דאָס מאָל אָן, נאָר אין צווייען: די אַלטע מכשפה מיט דער מאַלפּעלע אויף אַ קייט און דער יונגער ציגיינער מיט דער קאַטערינקע אויפן פּלייצע. די יונגע טענ־צערקע מיטן קורצן פאַרביקן קליידל איז דאָס מאָל ניטאָ... מילא, איז ניט; וועט מען זיך היינט באַגיין אָן באַרוויסע טענץ אויפן פאַרדריפּעטן טעפּיכל. דער עיקר איז דאָס מאַלפּעלע. און דאָס מאַלפּעלע איז דאָ! זיצט ביי דער אַלטער מכשפה אויף דער פּלייצע און מאַכט העוויות אַז ס'איז אַ מחיה צו קוקן...

די קינדער פון זאַוואָלעק האָבן גענומען טאַנצן פאַר פרייד. „אהאָ — שרייט משה'קע ווי אַ באַנומענער — איכ'ל געזאָגט זיי וועלן קומען!..." ציפּקע פון אַקעגנאַיבער האָט אַזש גענומען פּאַטשן מיט די הענטלעך. אָבער באַלד נאָכדעם האָבן זיך די קינדערשע געזיכטער אויסגעצויגן. זיי האָבן דערזען, אַז די צוויי שוואַרצע קאָמעדיאַנטשיקעס קלערן אפילו ניט צו פּראָוון אַזוי שפּעט „קאָמעדיעס". זיי שטעלן זיך אפילו ניט אָפּ. זיי גייען פאַרביי דעם זאַוואָלעק, איבערוואָרפנדיק זיך מיט עטלעכע ווערטער אויף זייער לשון, לאַכנדיק צו די קינדער מיט ווייסע ציין. ס'הייסט: „קאָמעדיעס ווילט זיך אייך? אָבער אונז ווילט זיך ניט"... דער ציגיינער מיטן שראַם אויף דער מאָרדע ווינקט אפילו מיט איין אויג... אַזוי לאָזן זיי זיך גיין ווייטער, אומדרייענדיק אַלע ווילע דעם קאָפּ צו די קינדער, ווי זיי וואָלטן זיי איינגעלאַדן נאָכצוגיין, נאָכצוגיין שטילערהייט, די טאַטעס און מאַמעס זאָלן ניט זען...

פאַר'כישופ'ט און מורא'דיק נייגעריק פון אָט די תנועות און ווינקען און שמייכלען, האָבן זיך משה'קע און ציפּקע און דאַנקע, און נאָך אַ פּאָר קינ־דער, גענומען נאָכשלעפּן נאָך די קאָמעדיאַנטשיקעס, און ניט אַלע צוזאַמען, נאָר פאַרלעכווייז, כדי קיינעם פון די עלטערע לייט אין גאַס זאָל אַזאַ נאָכגיין

ניט אויפפאלן. זיכערער זיינען די קינדער געווארן אביסל ווייטער, אראפ שול־גאס, וואו עס הייבן זיך אן די גרויסע גערטנער און וואו דורכגייער זיינען זעלטן. דארטן האבן זיי אלע אנגעיאגט די ציגיינער און בקאמפאניע גענומען ווייזן דער מאלפעלע די גוטע זאכן וואס זיי האבן פאר איר אנגע־גרייט: שטיקלעך צוקער, סעמעטשקעס, געקאכטע ארבעס.

— נא, נא, בוזשאנקעלע!

— נא, נעם!

דאס מאלפעלע ביי דער אלטער מכשפה אויפן פלייצע איז געווארן אומ־רואיק. זי האט גענומען טענצלען און פיסקען און ציען די האריקע הענטלעך צו די קינדער, זשעדנע אריינקוקנדיק דער אלטער באלעבאסטע אין די אויגן. ס'הייסט: „דו זעסט דאך מיט וואס מען וויל מיך דא מכבד זיין! בלייב שטיין!"

אנשטאט לאזן זי אראפשפרינגען פון פלייצע, האט אבער די מכשפה גיפ־טיק א שיפע געטאן אויף איר מאלפעלע מיטן רויך פון דער פיפקע, קורץ און גרילצנדיק אנגעשריען אויף איר און נאך שטארקער פארצויגן די קייט אין האנט, אזוי אז דאס מאלפעלע אין די רויטע הייזלעך האט זיך מער ניט געקענט רירן פון ארט. און באלד, נאך אזא בייזער מינע, האט די מכשפה אומגעדרייט דעם קאפ און האניקדיק צעצויגן דעם שווארצן מויל אז ציין צו די נאכגייענדיקע קינדער. דאס האט געזאלט באדייטן, אז דאס אוים'־מוסר'ן „מאטרעשקען" געהערט זיך מיט די קינדער נישט אן. אויב זיי ווילן, קאנען זיי נאכגיין...

און אזוי טאקע האבן דאס די קינדער פארשטאנען. זיי האבן אלץ גע־האפט, אז די ציגיינער וועלן זיך באלד אפשטעלן און אביסל א שפיל טאן פאר זיי. אז ניט, וואלט דאך דער קאטערינשטשיק ניט צוגעוואונקען מיט איין אויג און די אלטע „ציהאנקע" וואלט אזוי ניט געשמייכלט... מען פארשטייט זיך, געליבט דער אייבערשטער, אויפן וואונק: וואס ווייטער פון די שטרענגע טאטעס און מאמעס!...

נאר אט איז מען שוין דערגאנגען צום עק שול־גאס און די ציגיינער שטעלן זיך נאך אלץ ניט אפ. א פוסטער ארט פארוואקסן מיט קראפיווע און מיט ווילדע גראזן צעשפרייט זיך דא, ווי א נאטירלעכער גרענעץ צווישן יידישע און גויעשקע הייזער, אין עק שטאט. די קינדער זיינען געווארן אומ־רואיק. און משה'קע, דער אנפירער פון חברה קינדער, האט זיך גענומען בעטן אויף א געבראכענעם לשון:

—זעט, זעט! אביסעלע „קאמעדיע"...

דער יונגער ציגיינער האט עפעס א בורטש געטאן צו דער אלטער מכשפה. יענע האט גלייך ארויסגעבאפט די פיפקע פון מויל און גענומען ריידן הא־ניקדיק, נאכמאכנדיק א גוטינקע באבעצע אן ציין:

— ני! ני טוטאטשקי!... טאמאשקי!...

ס׳הייסט: ניט דאָ, נאָר דאָרטן.

און אַנגעוויזן ערגעצוואו הינטערן פּוסטן אָרט, דאָרטן וואו עס ציט זיך אַוועק די שיטערע גויעשקע געסקע.

די סומנעקייט פון די גויעשקע שטיבער און די פרייל״עכע שבת׳דיקע ליכט אין די יידישע האָבן זיך געאַמפּערט אויף ביידע זייטן פון ווילד־באַוואַקסע־נעם פּלאַץ.

ס׳האָט זיך ניט געגלוסט איבערצוטרעטן דעם דאָזיקן גרענעץ, אַוועקגיין פון דער היימישקייט אין דער פרעמדקייט אריין... האָבן טאַקע אַ פּאָר קינ־דער גענומען אַפּשטיין. אומגעקוקט זיך מיט ווייטיק אין האַרצן נאָך דער מאַלפּעלע און אַוועק צוריק אַהיים. געבליבן איז נאָר משה׳קע דער אַנפירער און ציפּקעלע זיין חבר׳טאָריז, וועלכע ער האָט גענומען אונטער זיין שוץ און אַנגעטיילט מיט זיין כראַברעקייט. אויסער דעם — דאַנקע זיין פריינדל, וועלכער האָט זיך נאָך געשעמט צו אַנטלויפן. אָבער אויך ער האָט גענומען אַפּשטיין: איין טריטעלע פאָראויס און צוויי צוריק.

ב

דערזען אַז די קינדער האָבן פאַרלוירן דעם צוטרוי צו זיי, האָבן די ציגיינער גענומען גיין פּאַמעלעכער. איין רגע׳לע האָבן זיי זיך אפילו אָפּגע־שטעלט, און די אַלטע מכשפה האָט צוגעלאָזן די קינדער צו דער מאַלפּעלע. פאַרכלינענדיק זיך פון גליק און איבערשלאָגנדיק איינער דעם צווייטן, האָבן משה׳קע און ציפּקע און דאַנקע גענומען שטופּן אין די האָריקע הענט־לעך פונם „פאַרשאָלטענעם מענטשעלע" אַלץ וואָס זיי האָבן מיט זיך מיט־גענומען. ס׳מאַלפּעלע האָט געכאַפּט און געשטעקט אין די האַלז־טאָרבעלעך און די קינדער האָבן געקוויטשעט. אין פרייל״עכן טומל האָט זיך אפילו די אַלטע ציגיינערקע דערלויבט אַ גלעט צו טאָן מיט צוויי שוואַרצע פינגער ציפּקע׳ס בעקל.

— ביבי — צעציט זי האַניקדיק די שוואַרצע ליפּן — עפּעלע מיינע!...

און דער יונגער ציגיינער מיטן שראַם שאָקלט־צו מיט זיין קוטשעראַוון קאָפּ.

— קאַראַש טשאַהי, קאַראַש!*).

ער וויל אויך צושמייכלען ווי די אַלטע, נאָר קומען קומט ביי אים אַרויס אַ פריקרע מינע. הערינג־ראָסל מיט האָניק. די קינדער שפּיצן זיך אָן.

וועלנדיק, אָפּנים, פאַרגלעטן דעם שלעכטן איינדרוק, פירט די אַלטע אי־בער אירע שוואַרצע פינגער אויף דאַנקע׳ס בעקל:

*) אַ שיינע מיידל, אַ שיינע!

— דיין שוועסטערל? — פרעגט זי שלימיק־זים און קוקט אים אין די אויגן.

— ניין, ניין! — טרעט דאַנקע אָפּ אויף צוריק.

— ניט דיינע? — וואונדערט זיך די אַלטע.

אירע גלעטנדיקע פינגער בלייבן הענגען אין דער לופטן. נאָר באַלד לאָזט זי זיי ווידער אַראָפּ אויף ציפּקען. דאָס מאָל אויף ציפּקע׳ס קעפּל:

— ווילסט אַ גלעט טאָן „מאַטרעשקען״?

— ניין, ניין! — רוקט זיך ציפּקע אָפּ און באַהאַלט זיך הינטער משה׳קען, איר חבר׳ל.

— קענסט זי אַ גלעט טאָן — זוכט די אַלטע נאָך מיט די גרויסע, אַביסל צו גרויסע אויגן.

— קאַראָש מאַטרעשקאַ!*) — שאָקלט צו דער ציגיינער מיט זיין קוטשעראַוון קאָפּ, זיין שטרויענער קאַפּעליושל מיטן אָפּגעריסענעם ראַנד שאָקלט זיך מיט.

די אַלטע נעמט אַרויס פון אַ קעשענע אַ פּאָר וואַלד־ניסלעך.

— האָסט שוין געזען — שטייט זי צו צו ציפּקען — ווי מאַטרעשקאַ קנאַקט ניסלעך? נאַ, נאַ, גיב איר, ועסטו זען.

מיט אַ ניט־זיכערער הענטל נעמט אָן ציפּקע די פּאָר ניסלעך און דערלאַנגט זיי איינס נאָך איינס דער „בוזשאַנקעלע״. יענע כאַפּט צו זשעדנע, מיט אַ ציטערדיקער האַריקער לאַפּקע, צעקנאַקט זיי פלינק און אומרואיק, ווי אַ פּאַריאַגטע נשמה׳לע, שלינגט זיי גיך אַראָפּ אין די האַלז־טאָרבעלעך און קוקט אָן די קינדער מיט צעטראָגענע מענטשלעכע אייגלעך.

משה׳קע און דאַנקע קוקן אָן די סצענעלע און זיינען ציפּקען מקנא. די אַלטע „ציהאַנקע״ פילט אָפּנים זייער האַרץ. וואָרים זי כאַפּט אַרויס פון קליידל נאָך אַ פּאָר ניסלעך און גיט זיי אויך; יעדערן אַ ניסל:

— נאַט, נאַט! פּאָר מאַטרעשקען.

די גליקלעכע חדר־ייִנגלעך שטרעקן אויס די הענט, יעדער איינער מיט זיין ניסל... נאָר דאָ ריזן זיךביידע גוטע ציגיינער פון אָרט און לאָזן זיך גיין. דאָס מאַלפּעלע, ביי דער אַלטער אויף דער פּלייצע, וויל דערכאַפּן אַ ניסל און קען ניט. צו קורץ זיינען די אויסגעשטרעקטע הענטלעך... און די קינדער גייען נאָך און באַמערקן אפילו ניט ווי זיי זיינען טיף אין דעם גויעשקן געסל, אָן שבת־ליכט, מיט פרי־פאַרמאַכטע טויערלעך און מיט געדיכט אָפּגעצוימטע גערטעלעך.

אַ פאַרשפּאַרטער הונט גיט ערגעצוואו אַ ביל הינטער אַ נידעריקן טויער. און דער שרעקעוודיקער דאַנקע בלייבט מיטאַמאָל שטיין:

*) מאַטרעשקאַ איז אַ גוטע!

— אוי, אוי! — מאַכט ער גרויסע אויגן — זע, משה׳קע, ס׳איז שפּעט. קום צוריק!

די גרופּקע קינדער קוקט זיך אום און דערזעט, אַז זי איז שוין אין עק פון דער גויעשקער גאַסקע. די שפּיצן פון די אַרשער ברעמלעך גרינען זיי אַקעגן מיט זייער געפּאַרבטן בלעד... משה׳קען טוט אַ טיאַכקע אין האַרצן. נאָר ער איז שוין געוואוינט צו שפּילן אומעטום דער כוואַט, פּאַסט אים ניט אַרויסצואווייזן זיין פּאַרטאַיעטע שרעקעוודיקייט; בפרט אַצינד, ווען אַזאַ שיינינקע מיידעלע ווי ציפּקע טוליעט זיך צו אים און גליבט אין זיין שוץ... אַדרבא, כדי זי צו באַרואיקן צעכראַבערעט ער זיך נאָך מער.

— כיבי־כי! — מאַכט ער, אַנווייזנדיק מיט איין פינגער אויפן אַפּגעשטאַנענעם דאַנקען — זע, ציפּקע, זע!... ער האָט מורא...

— כי־כי־כי! — מאַכט ציפּקע נאָך איר פריינדל, כאָטש דאָס האַרץ ציטערט ביי איר — זע, זע, ער האָט מורא!...

דאַנקע ווערט רויט ווי פייער. עס גלוסט זיך אים אויך צו שפּילן דעם כוואַט פאַר דער שיינינקער מיידעלע מיט די רויטע קרעלן אויפן העלדזל, נאָר די סומנעקייט אין עק שטאָט איז שטאַרקער. ער וואַקלט נאָך איין רגע׳לע און פלוצלינג צעקרימט זיך זיין בלאַסער פּנים׳ל ווי פון אַ זויערס.

— איכ׳ל, איכ׳ל... — הייבט ער אָן צו שטאַמלען און פאַרענדיקט אַנטשלאָסענער:

— איכ׳ל ניט גיין!

און ניט אָפּוואַרטנדיק משה׳קעס ענטפער, דרייט ער זיך אום און מאַכט פיס, צוריק צו דער שול גאַס.

משה׳קען נעמט אָן אַ קינדערשער חשק נאָכצוטאָן זיין דערשראָקענעם חבר׳ל, נאָר ער האַלט זיך איין, זיך אַליין אויף צו להכעיס. די פאַלשע כראַבערקייט האַלט אים אָפּ. „דאַנקע! דאַנקע!" — שרייט ער נאָך דעם אַנטלאָפענעם, און דערביי בלייבט דאָס.

דאַנקע דרייט אַפילו דעם קאָפּ ניט אום אין זיין האַסטיקן לויף. ניט־ווילנדיק כאַפּט משה׳קע אַן ציפּקעלען ביים הענטל און האַלט זי פעסטער און וואַרעמער לעבן זיך. זיינע בלויע אויגן קוקן אַן פאַרשנדיק די צוויי שמייכלענדיקע ציגיינער. נאָר די אַלטע מכשפה לאָזט אים קיין מינוטקעלע ניט באַטראַכטן זיך. זי טראָגט אים אונטער דאָס רירעוודיקע מאַלפּעלע אונטערן סאַמע נאָז, און ציט מחיה׳דיק זיס, אַנווייזנדיק אויף אַן ערגעצוואו, גאָר נאָענט:

—טוטאַשקי, טוטאַשקי!...

און לאָזט זיך ווייטער גיין. דער ציגיינער מיטן שראַם אויף דער מאָרדע שאָקלט־צו מיטן קוטשעראַוון קאָפּ. ער מאַכט מיט איין האַנט גיך־גיך, פּונקט ווי ער וואָלט געדרייט אַ קאַטערינקע, כאָטש די אמת׳ע קאַטערינקע איז אים

פארוואָרפן אויפן רוקן... דאָס דאַרף באַדייטן, אַז אַט באַלד וועט ער זיך אָפּשטעלן און אויסשפּילן די קינדער עפּעס אַזוינס, אַזעלכענעס... הכלל, נאָר איין ביסעלע וווּיטער!

משה'קע און ציפּקעלע טרעטן אַריבער דעם גרענעץ פון שטאָט, צווישן ביידע געמויערטע ברעמלעך, און די ווייטקייט פון פעלד אַנטפּלעקט זיך זיי ווי דורך אַן אַוועקגעצויגענעם פאָרהאַנג. אַן אָסיענדיקע קילע רויטקייט שפּרייט זיך איין עק הימל נאָך דער פאַרגאַנגענער זון. די שפּיצן פונם ווייטן וואַלד זיינען נאָך באַגילדט און פון זיינע צוזאַמענגעגאָסענע שטאַמען לויערט שוין די נאַכט ווי אַ בעריכע... די קינדערשע הערצער פאַרקוועטשן זיך און זייערע גיכע טריטעלעך פאַרלירן זייער זיכערקייט. נאָר דער ציגיינער דער־פילט דאָס באַלד. ציט ער אַראָפּ די קאַטערינקע פון פּלייצע און לאָזט זי הענגען אויפן בויך. ער בייגט זיך אויס מיטן רוקן אויף צוריק אונטער איר משא. נאָר ער שטרענגט זיך אָן און שפּילט גייענדיק. אַ כאַליאַסטרע פון פרייליכע און הייזעריקע טענער צעטאַנצן זיך אין דער סומנעקייט פון פעלד. דאָס צעטומלט משה'קען אַזוי, אַז ער ווייסט ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. די באַהאַלטענע מורא פאַר דער ווייטקייט און די צעהוליעטע טענער פון דער קאַטערינקע מישן זיך אין אים צוזאַמען. דריקט ער נאָך בעסער ציפּקע'ס הענטל אין זיין האַנט, און גייט נאָך ווי אַ פאַר'חלום'טער.

ג

די מכשפה לאָזט פּלוצלינג אַרויס אַ שאַרפן געשריי אין פעלד אַריין, ווי אַן אַלטע סאָראָקע צעקראַקעט זי זיך:

— קרי—ווי—צי—יאָ!

אַ טעמפּער בילן פון הינט ענטפערט איר אָפּ. און פון הינטער צוויי ביימער אין פעלד רייסט זיך אָפּ אַ שטיק שאָטן. אַ געשפּאַן פון פערד און בויד לאָזט זיך ווייך אַראָפּ פון גראָז צום האַרטן שליאַך. ערשט דאָ הייבן די רעדער אָן צו קלאַפּן. דער ציגיינער שטעלט זיך אָפּ און שפּילט נאָך גיכער און פרייסיקער, ניט אַראָפּנעמענדיק די לאַכעדיקע אויגן און ציין פון די צוויי קינדער. לויט דער רואיקייט פון פור און קלימפּערניש פון די אָנגעבונ־דענע עמערס דערקענט משה'קע, אַז ס'איז איינער פון די ציגיינערישע וועג־נער, וואָס האָבן נאָך דאָ ניט לאַנג געהויערט אויף יענעם זייט אָזערע, ווען דער גאַנצער טאָבאָר האָט זיך דאָ געוווען באַזעצט. „אַפּנים ס'לעצטע ביידל פאָרט שוין אויך אַוועק", גיט משה'קע אַ טראַכט, „היינט צוליב וואָס האָבן זיי אונז אַהער פאַרבעטן?"

און די אַלטע ציגיינערקע, פּונקט ווי זי וואָלט טרעפן מיט איין שוואַרצן קוק זיינע פאַרדאַכטן, צעשמייכלט זיך צו אים מיטן ברייטן מויל און ציט ווערטער ווי פּאַטאָקע־פּעדימער:

— אזוי, אזוי, אדלערל! גראט בודים! פראשטשאטסיא בודים! (*

די הינט בילן נאענטער. צוויי כלבים זיינען דאס, מיט מאגערע איינגע־פאלענע בייכער. זיי פארלויפן דעם וואגן און ווארפן מיט די וועלפישע מארדעס אויף די קינדער, ווי זיי וואלטן זיי הינטיש גע׳מוסר׳ט: האוו, האוו! וואס ווילט איר דא? האוו, האוו, וואס דארפט איר דא? נאר דער יונגער ציגיינער גיט אויף זיי א סיקע דורך די ווייסע ציין און גיט גזלנ׳יש א גלאנץ מיט די אויגן. און דיביידע הינט ציען איין די עקן און טרעטן אפ אויף צוריק.

אויף דער רויער קעלניע זיצט א ציגיינערישע שיקסל און ציט האסטיק די לייצעס. ניט זי זיצט, נאר זי שטייט אויף די קני. משה׳קע וואלט קענען שווערן, אז ס׳אי די יונגע „ציהאנקע" אין קורצן פארביקן קלידל, וואס האט אלע טאג געטאנצט אויפן טעפיכל לעבן זאוואולעק און וועלכע האט גראד היינט געפעלט. אפנים, זי איז דאס די „קריוויציא", וועלכע די אלטע ציגיי־נערקע האט אקארשט ארויסגערופן פון הינטער די צוויי ביימער אין פעלד... נאר דער ציגיינער מיטן שראם לאזט אים ניט קלערן. ער פארשפילט אים א קאפ גיד־גיד מיט דער הייזעריקער קאטערינקע. עפעס הפקר׳דיקס, שיכור־פריילעכס רייסט זיך אצינד פון אירע לופט־פייפלעך. דאס פאסט זיך א האר ניט צו דער סומנעקייט אין אפענעם פעלד און צו דער פארנאכטיקער שטיל־קייט אין עק שטאט... און מיטאמאל צעזינגט ער זיך אויף זיין שטימע, דער יונגער ציגיינער, ווי ער וואלט אריין אין מורא׳דיקער התפעלות פון זיין אייגענעם ניט־פאסנדיקן שפילן: „העי, העי, מאטרעשקא, ליעשקא, טיעש־קא..." ווערטער אויך גלאט אין דער וועלט אריין, אויך אפנים צו פארהאקן א קאפ.

ציפקע׳ס הענטל רייסט זיך פאוואלינקע פון משה׳קעס האנט אויף צוריק. איר קינדערשער חוש שעפטשעט איר, אז דא איז עפעס ניט אלץ ווי עס באדארף צו זיין. משה׳קע איז אויך ניט מיט אלעמען, נאר ער שעמט זיך איבערצורייסן אזא פיינע גאסטפריינטשאפט מיט מוזיק, כאפן אינמיטן־דרינען די פיס אויף די פלייצעס און אנטלויפן... האלט ער דערפאר ציפקען צוריק און בארואיקט זי:

— אט דא וועלן זיי באלד שפילן „קאמעדיע"... אט וועסטו זען!...

צו „קאמעדיע" קומט דאס אבער ניט מער... ווי נאר די בויד מיט דער „קריוויציא" שטעלט זיך אפ, ברעכט אויס א גאנצער מיש־מאש פון האס־טיקע באוועגונגען און ברוטאלע קולות, וואס פארפלאנטערט יעדע רעכענונג און צעמישט יעדן איבערגאנג פון איין געשעעניש צו דער צווייטער: די פריילעך צעיושעטע קאטערינקע שטעלט זיך פלוצים אפ. און דער ציגיינער גיט זי א טו אויס פון שווארצן האלז און א ווארף אריין אין בויד. זיין

*) מיר׳ן שפילן, מיר׳ן זיך געזעגענען!

שמייכלענדיקער פּנים צעקרימט זיך מיט רציחה, און צו די אָקאַרשט אָפּ־געטריבענע הינט גיט ער אַ פייף און אַ רייץ־אָן, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף משה׳קען: „קום־קוסי־קוסי!...” די צוויי הינט מיט די וועלפּישע פּיס־קעס גיבן זיך אַ לאָז אויף ביידע קינדער מיט אַ בייזן קייכנדיקן בילן: „האַוו־האַוו־האַוו! פריער האָט דער באַלעבאָס ניט דערלויבט, איצטער וועלן מיר זיך מיט אייך אָפּרעכענען!...” ציפּקע לאָזט אַרויס אַ ניט־מענטשלעכן קוויטש פאַר גרויס שרעק און ציטערט... כאַפּט זי אָן די אַלטע מכשפה, מכלומרשט פון גרויס רחמנות, וועלנדיק ראַטעווען אַ קינד פון געפאַר, און גיט זי אַ ריס צו זיך... משה׳קעס האַנט, וואָס האָט פעסט געהאַלטן ציפּקע׳ס קלענערע הענטלע, בלייבט הענגען אין דער לופטן, פאַרשטייפט, איבעריק... ער פאַספּעיעט נאָך צו זען ווי ציפּקע וואַרפט זיך ביי דער אַלטער ציגיינערקע אויפן אָרעם און ווי איין צעווילדעוועטער הונט רייסט זיך צו איר, כדי אָנ־צוכאַפּן זי פאַר איין באַמבלדיק פיסל. די אַלטע טופּעט מיטן פוס אויפן הונט און דאָס מאַלפּעלע האַלט אָפּן דאָס מויל פאַר שרעק און גראַבלט אין דער לופט מיט ביידע לאַפּקעס... אין דער צווייטער רגע׳לע איז שוין משה׳קע פאַרנומען מיט אָפּטרייבן פון זיך דעם אַנדערן אַנגערייצטן הונט, און ער זעט ניט וואָס מיט ציפּקען קומט ווייטער פאָר. משה׳קע אַנטלויפט ניט, ער רוקט זיך אפילו ניט אויף צוריק, כאַטש דאָס האַרץ קלאַפּט אים זעהר שטאַרק. אדרבא, ער בלייבט שטיין ווי איינגעטשוועקעט אויף איין אָרט און קוקט דעם כלב גלייך אין די בלוטיקע אויגן אַריין. ס׳איז ביי אים אַן אויסגעפּרואוווטער מיטל אָפּצושרעקן אַ בייזן הונט. און דאָס העלפט אויך איצט. אָבער ווען דער גרויסער כלב שטייט אָביסל אָפּ און משה׳קע כאַפּט ווידער אַ קוק, דערזעט ער מער קיינעם ניט הינטער זיך; ניט די אַלטע ציגיינערקע, ניט ציפּקען. ביידע זיינען ווי אין דער ערד אַריין. ער דערזעט נאָר ווי דער יונגער ציגיינער מיטן שראַם אויף דער מאָרדע שטעלט האַסטיק איין אָנגעשטיוולטן פוס אויפן אַקס פון אַ פאָדערשטער ראָד און שפּרינגט אַרויף אויף דער קעלניע, ווי אויף אַ ספּרוזשינע. ער גיט גלייך אַ ריס די לייצעס פון קריוויציעס הענט און הייבט אָן ציען און שמייסן דעם פערד אָן רחמנות. אַזוי קירעוועט ער אויס די פור אויפן שליאַך. אין דער טיף פון דער בויך דערכאַפּט משה׳קע אַ באַקאַנטן קוויטש. אים דאַכט זיך, ציפּקע׳ס שאַרפער קול׳כל איז דאָס, און באַלד שפּרינגט שוין דער גאַנצער געשפּאַן אין גאַלאָפּ אַראָפּ־שליאַך צו אָרשער זייט. אָביסל העכער פון בויך העצקעט זיך נאָך דער ציגיינערישער קאָפּ אין שטרויענעם קאַפּעליושל. דאָס קומט אַפּנים פון האַסטיקן אָנטרייבן און שלאָגן מכות־רצח דעם פערד, ער זאָל לויפן וואָס גיכער. דאָס בילן פון ביידע הינט דערווייטערט זיך...

ד

דאָס אַלץ שפּילט זיך אָפּ אַזוי משונה׳דיק גיך, ווי אין אַ שווערן טרוים פון אַ הויכן שווינדל־טרעפּ געפאַלן... משה׳קע טשוכעט זיך אויס; און די ערשטע באַוועגונג זיינע וואָס ער מאַכט איז נאָכצולויפן דער אַנטרונענער בויד. נאָך די ערשטע ניט־זיכערע און וואַקלדיקע שפּרונגען צעלויפט ער זיך מיטאַמאָל און צעיאָגט זיך מיט אימפּעט און מיט מסירות־נפש. זיינע פלינקע פיסלעך טראָגן אים ווי אַ רוח. דער ווינט פייפט אין די אויערן און באַלד דערזעט ער ווידער לעבן זיך די וועלפּישע פּיסקעס פון די הינט. צום בויד לאָזן זיי אים נאָענט ניט צו, אָבער אים אַליין כאַפּן זיי אויך ניט אָן. זיי גערענקען, די כלבים, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ יאַטל אַ כוואַט...

משה׳קעס כוחות הייבן אָן נאָכצולאָזן, אָבער די פאַראַנטוואָרטונג פאַר דעם מיידעלע, וואָס ער אַליין האָט פאַרפירט אין פעלד אַריין, ברענט אים ווי אַ פייער, היצט אים אונטער. „ציפּקע! ציפּקע! ציפּקע!״... שרייט ער קייכנדיק, ווי אַ באַנומענער, און אַזוי שאַרף, אַז זיין קול שרייט איבער דאָס בילן פון ביידע כלבים. ביי אַ פאַרבייגן זיך פון שליאַך געלינגט משה׳קען אָנצוכאַפּן זיך אָן אַ קורצן דראַנג, וואָס שטעקט אַרויס אונטערן בויד, אָבער דעם ציגיינער׳ס קאָפּ מיטן שטרויענעם קאַפּעליושל הענגט זיך גלייך אַרויס פון קעלניע, קוקט זיך אום מיט פאַרסקאַליעטע ציין און אַ שווערער שמיץ פון אַ בייגיקן און אַ פאַרקניפּלטן בייטש טרעפט משה׳קען איבערן האַלץ און נאַקן, ווי אַן אָנגעגליטער אייזערנער רוט מיט צעשמאָל־צענע טראָפּנס בליי. — אײ־אײ! — שרייט משה׳קע אויף און קוליעט זיך אַראָפּ אין קאַלטן אָסיענדיקן שטויב אויפן שליאַך, אַ האַלב־גע׳חלש׳טער. איין רגע צעזידט זיך אַרום אים דאָס בילן פון ביידע הינט ווי אַ קאָכעדיקער קעסל און קילט זיך באַלד אָפּ...

אַ שאַרפער קיצלען אין נאָז לאָזט אים ניט חלש׳ן. ער שפּרינגט אויף, גיט אַ פּיר מיט דער דלאָניע איבערן פּנים און דערזעט בלוט. צעקלאַפּט זיך די נאָז אָנידערפאַלנדיק. אָבער דער וואָגן איז שוין ווייט. קוים צו זען דאָס שטויב־וואָלקנדל אויפן שליאַך. נאָר דאָס בילן פון די הינט הערט זיך נאָך גאַנץ דייטלעך. און איבער דער גאַנצער אָוועקגעשוואומענער געשעעניש שטייט אַ רויטקייט פון דער פאַרגאַנגענער זון, און איין אָנגעגליט וואָלקנדל שווימט און לאַכט...

משה׳קעס צעשלאָגענער קעפּל באַגרייפט נאָך אַלץ ניט קלאָר וואָס דאָ איז געשען, ווי אַזוי און צוליב וואָס? ער פילט נאָר, אַז ס׳איז געשען אַן אומגליק, אַ גרויסער אומגליק, וואָס מען קען ניט פאַרריכטן... שיסט ער אויס מיט אַ געוויין און קוקט זיך אַרום. זוכט עפּעס מיט די אויגן. נאָר קיינער הערט אים ניט און זעט אים ניט. וויסט איז דער שליאַך און די ידישע הייזער, הינטער די ברעמלעך, זיינען ווייט. ער איז זיך פאַרלאָפן...

לויפן האָט ער שוין מער קיין כוח ניט. לאָזט ער זיך גיין מיטן שליאַך אויף צוריק און וויינט ביטער און הויך אויפן קול. דער גאַנצער כוח פון

די פיס איז אים איצטער אריין אין האלז. שפּרייזט ער און שרייט היסטעריש, אַז אַ שום זינען, מיט דער זעלבער מסירות־נפש ווי ער איז אַקאָרשט גע־לאָפן. „ציפּקע! ציפּקע! ציפּקע!" שרייט ער נאָכאַנאַנד און פאַרגייט זיך אין געוויין. אַלע ווײַלע דרייט ער אום דעם קאָפּ און בלייבט שטיין: אפשר האָבן די ציגיינער חרטה און ברענגען ציפּקען אָפּ?... איינרעדעניש! די ציגיינער טראַכטן אפילו ניט פון חרטה האָבן. דער שליאַך איז ערב־שבת'דיק וויסט און רויטלעך באַלויכטן פון אַ לאַכנדיקן וואָלקנדל.

ווי נאָר משה'קע טרעט ווידער אַריין אין די אָרשער ברעמלעך, דערהערן מענטשן זיינע געשרייען. יידענעם נאָך ליכט־בענטשן מיט זיידענע טיכלעך אויף די קעפּ רייסן אויף די פענסטער; אויסגעצוואָגענע יינגלעך, מיט די סדורים'לעך אין די הענט, לויפן פון די טויערן. מען פרעגט משה'קען און מען שרייט צו אים און מען צופּט אים:

— יינגעלע, וואָס וויינסטו? יינגעלע, וועמענס ביסטו? יינגעלע, ווער האָט דיך געשלאָגן?

אויף אַלע שאלות ענטפערט נאָר משה'קע מיט צוויי וויינענדיקע האַרצ־רייסנדיקע געשרייען:

— דאָרטן!... ציפּקע!...

און ווייזט אַן מיטן הענטל אויפן ווייטן שליאַך.

ביסלעכוויז ווערט אַרום אים אַ רעדל. אימיצער טרייסלט אים אומגע־דולדיק, אימיצער ווישט אים מיט אַ נאַס טיכל דעם געשוואָלענעם האַלז־און־נאַקן, דעם צעבלוטיקטן נעזל... דאָס פרישט אים אַביסל אָפּ. נאָר ער פּאַספּעיעט ניט צו ענטפערן אַלעמען מיט אַ טאַלק. וואָרים איינער שלאָגט איבער דעם אַנדערן און דער טומל איז גרויס.

— וועמענס ביסטו?

— קיווע'ס בין איך...

— אַ! קיווע'ס... ווער האָט דיך צעבלוטיקט?

— נעמט אָפּ ציפּקען!...

— וועלכע ציפּקע?

— ציפּקע באָרע'ס... די ציגיינער האָבן זי צוגעכאַפּט...

— ווי? צוגעכאַפּט?

— ציפּקע באָרע'ס... „באָרע מיט די גרויסן אויגן"...

— וואָס רעדסטו, וואָס?

— די ציגיינער מיט דער „בוזשאַנקע"...

וואָס ווייטער ווערן די שאלות און תשובות האַסטיקער, אומגעלומפּערטער און משה'קע בלייבט אַן אָטעם. צו אַ וואָווינקל פון אַ יידישער שטוב, מיט אַנגעצונדענע ליכטלעך אין פענסטער, דריקט ער זיך צו, ווי אַ געשלאָגענער הינטל, און כליפּעט. מען קען פון אים מער קיין וואָרט ניט אַרויסבאַקומען.

וואו איז ציפקע?

א

אין יענעם פרייטיק־צו־נאכט האבן יידן פארגעסן אויף דער פעטער יויך מיט לאקשן, אויף דער געפילטער קישקע מיט מעל, אויפן מערן־צימעס, הכלל — אויף דער גאנצער שבת'דיקער וועטשערע. מ'איז געשטאנען אין הודזשענדיקע רעדלעך איבער דער לענג פון שול־גאס און ס'האט זיך געטאן חושך. שניידער־בחורים אין קראגנס, מיט איין בלישטשענדיקן קנעפעלע אין העמד ביים האלז, זיינען געלאפן געוואויר ווערן וואס עס הערט זיך, אזש ביז איבער די ארשער ברעמלעך איז מען געלאפן. דארטן — וואו ציפקע איז צוגעכאפט געווארן. בארע דעם פלאקס־סוחר'ס בנים האבן פארשוועכט דעם הייליקן שבת בפרהסיה, ארויפגעכאפט זיך אויף גוט־געזאטלטע פערד און מיט די באשטיוולטע פיס, וועלכע זיינען געוואוינט צו טרעטן פאקליע אין דער פרעס־מאשין, האבן זיי צעקיצלט די קיילעכדיקע פערדישע באקעס און אוועק אין א ווילדן גאלאפ, אראפ ארשער שליאך, כדי אנצויאגן די אנטרונענע ציגיינערישע בויד. דער שקלאווער פריסטאוו האט פאנאנדער־געקלאפט טעלעגראמעס אפצוהאלטן יעדע ציגיינערישע פור, וואס מ'וועט אנטרעפן אויפן וועג קיין ארשע און ווייטער. נאר ביז שפעט אין דער נאכט איז קיין שום תשובה פון קיין ארט ניט אנגעקומען.

האבן אויפגערעגטע יידן פון שול־גאס און פון די זייטיקע געסלעך געהאט געננג צייט ארויסצוזאגן כל'ערליי סברות. הינטער די אוועקגעריטענע בנים — בארע'ס בחורים — איז אוועק א געמורמל, אז זיי, נאר זיי, זיינען שול־דיק אין אומגליק. זיי האבן געפייניקט א יונגע „ציהאנקע" אין שפייכלער, נארוהאיעט זיך איבער איר, און אזא זאך פארשוויגן ניט די האלב־ווילדע מענטשן. זיי מאכן נאר אן אנשטעל, אז זיי האבן שוין פארגעסן, נאר אין הארצן קאכט דאס ציגיינערישע בלוט...

אצינד האט מען זיך דערמאנט אן וויגדער דעם וואלד־סוחר'ס קלוגע רייד. ער האט געווארנט... וויגדער דער וואלד־סוחר האט ניט איין וואלד אויסגעהאקט אין רייסן. אים איז אויסגעקומען ארויסצוטרייבן ניט איין איינגעזעסענעם „טאבאר" פון וואלד, מיט גוטן און מיט בייזן, און ער קען אלע זייערע הינטער־שטיקלעך.

אצינד האט מען פארשטאנען צוליב וואס דער גאנצער טאבאר איז אנט־לאפן פון וועלדל, הינטער דער אזערע, און צוליב וואס זיי האבן איבער־געלאזט נאר איין בויד ביים ארשער שליאך, דעם קאטערינשטשיק מיט דער „בוזשאנקע" מיט דער אלטער מכשפה, מיט דער יונגער טענצערקע. אצינד איז קלאר געווארן צוליב וואס די איבערגעבליבענע דריי ציגיינער האבן אלע טאג געשפילט „קאמעדיע" און צוליב וואס זיי האבן זיך אזוי איינ־געגעסן אין „זאוואולעק", פונקט אקעגן בארע'ס טויער. ס'איז אלץ געווען אויסגערעכנט און צוגעגרייט: אויסקוקן דעם קרבן, צוגעוואוינען ציפקען צו דער „בוזשאנקע" און דערנאך פארמאניען זי הינטערן שטאט, ווען די מאמעס און טאטעס וועלן זיין פארהאוועט מיט צוגרייטן אויף שבת... אצינד זיינען אלע יידן און יידענעס פון שול־גאס ביז די ארשער ברעמלעך גע־ווארן קלוג ווי דער טאג. איינער האט איבערגעשריען דעם אנדערן און איי־נער איז דעם צווייטן אריינגעפאלן אין די רייד: „איך האב אבער געזאגט..." „אז מען וואלט מיך געפאלגט"... „ניט געדארפט לאזן די בויד הינען ביי די ברעמלעך"... וכדומה. וואס קומט אבער ארויס פון די אלע חכמות, אז ציפקע איז ניטא, צוגעכאפט ציפקען. פארפאלן געווארן ציפקע.

צומארגן, שבת בייטאג, שוין נאך טשאלנט, זיינען ציפקע'ס ברידער גע־קומען צו רייטן מיטן זעלבן וועג וואס זיי זיינען נעכטן אוועק. מיט אראפ־געלאזטע קעפ זיינען זיי צוריקגעקומען און מיט פארשווימטע פערד. א גאנצע כאפטע שבת'דיקע מוידן און יינגלעך איז זיי נאכגעגאנגען פון די ארשער ברעמלעך ביז בארע'ס טויער. די נייעס וואס זיי האבן געבראכט זיינען געווען ניט פון די פריילעכע. אויפן גאנצן שליאך, צווישן שקלאוו און קאפוסט און פון קאפוסט ביז ארשע, האט מען ניט געפונען קיין ברעקל סליאך פון דער פארלוירענער מיידעלע. קיין שום ציגיינערישע בויד האט מען דארטן ניט באגעגנט, און קיין סימן פון א ציגיינער מיט א שראם אויף דער מארדע האט קיינער אין די אויגן ניט געזען.

ערשט מיט א סך טעג שפעטער, ווען די האפנונג אויף צו געפינען ציפקען א לעבעדיקע איז געווען אינגאנצן פארלארן, האבן גויים פון פארווארפענע דערפער אין ארשער געגנט דערציילט, אז אזא און אזא ביידל, אזא און אזא אנטרייבער אויף דער קעלניע האבן זיי יא געזען, אבער ניט מיטן שליאך איז דאס ביידל געפארן, נאר מיט זייטיקע ווילדע און קוטיקע וועגן, איבער וועלכע מען פירט געהילץ אום ווינטער. נאר דאמאלסט איז שוין געווען צו שפעט נאכצולויפן די קינדער־גנבים. יעדער סליאך איז שוין געווען פאר־ווישט און פארוויעט מיט די ערשטע כסלו־שנייען.

אין א דריי טעג ארום, נאכן טרויעריקן צוריקקומען פון ציפקע'ס ברידער, האט דער פריסטאוו באקומען א טעלעגראמע און דערנאך אן אויספירלעכן פאפיר, אז דעם ציגיינערישן טאבאר, וואס האט זיך נאך סוכות געהאט באזעצט אין שקלאוו, אויף יענעם זייט אזערע, האט מען אפגעזוכט הינטער

וויטעבסק, ביי דער דווינע, אבער ניט דעם יונגן ציגיינער מיט דער קאטע־רינקע, ניט די טענצערקע, ניט די אלטע מכשפה מיט דער מאלפעלע, ניט דאס גע׳גנב׳עטע יידישע מיידעלע האט מען צווישן זיי ניט געפונען. מ׳איז נאר אין טאבאר דערגאנגען, אז דער יונגער ציגיינער מיטן שראם איז געווען דער „טשאאהי״*) פון יענער שיינער ציהאנקע, וועלכער די צוויי יידישע בחורים האבן שלעכטס געטאן אין שפייכלער מיט פלאקס... האט ער זיך געשוואוירן, דער יונגער ציגיינער, צו נעמען נקמה פאר זיין כלה — ער, זיין יונגע שוועסטער, די טענצערקע, און די מאמע זיינע — די אלטע מיט דער פיפקע, און דערפאר האט זיי דער טאבאר ארויסגעשטויסן פון זיך און איבערגעלאזן אליין. די ציגיינער זיינען בלומרשט א פאלק וואס האט האלט שלום און האט פיינט צו האבן צו טאן מיט ווילדער נקמה און דערנאך מיט סטראזשניקעס... זיי, די ציגיינער, הייסט דאס, זיינען א פאריאגט פאלק, פונקט אזוי ווי די „יודאס״**) וואס טשעפען זיך אצינד צו זיי. בעטן זיי אצינד... נאר איין זאך בעטן זיי: מען זאל זיי לאזן צורו מיט דער יידישער מיידעלע, ווייל זיי ווייסן ניט פון וואס צו זאגן...

מ׳האט זיך פונדעסטוועגן ניט באנוגנט מיט אזעלכע תירוצים. מ׳האט ארעסטירט דעם עלטסטן פון טאבאר און גענומען אים אויפן צימבל: וואס, למשל, פאר א רעדע האט ער דאס געהאלטן צו די „ראמניטשעל״***) איי־דער דער גאנצער טאבאר איז אנטלאפן? אויב ער, דער עלטסטער, איז אזא גרויסער רודף־שלום׳ניק, היינט פארוואס האט ער באצייטנס ניט צו וויסן געגעבן וואס דער באליידיקטער „חתן״ קלייבט זיך אפצוטאן? און וואו איז דאס עפעס די „כלה״ פון ציגיינער מיט דער קאטערינקע, צוליב וועל־כער ס׳איז אויסגעבראכן אזא גרויסע שנאה? וואו איז זי אהינגעקומען?...

האט דער פארהאלטענער סטאראסטע פון טאבאר גע׳טענה׳ט, אז טאקע צוליבן שלום האט ער דאס גע׳דרשנ׳ט צו זיינע ציגיינער. געווארנט האט ער זיי ניט איינצורייסן זיך מיט א גאנצער שטאט, וואוהין מ׳וועט פריער אדער שפעטער מוזן קומען צוריק... און פאר׳מסר׳ן אימיצן פון די ציגיינער, וואס פאלגט ניט, איז אויך ניט זייער עסק. די „ראמניטשעל״, אז זיי שטויסן אימיצן ארויס פון חברה איז ער פאר זיי ווי געשטארבן. די באליידיקטע „כלה״ וואו איז? זי איז אויך אוועק, פארלאזן דעם טאבאר צוזאמען מיט איר „חתן״... עס וואונדערט אים, דעם סטאראסטע, וואס מ׳האט זי מער ניט געזען. זי איז דאך געבליבן אין זעלבן בויד, וואס איז געבליבן הינטערן שטאט...

— און ווי הייסט זי, די באליידיקטע ציגיינערקע? ניט קריוויציא?

*) חתן.
**) יידן.
***) ציגיינער.

— ניין. קריוויציא איז א סך יינגער. קריוויציא, דאס איז דעם חתנ׳ס שוועסטער. די באליידיקטע „כלה" הייסט גאר זשאנדא. און קיין טענצערקע איז זי קיינמאל ניט געווען. זי איז גאר א קארטן־וואַרפּערקע... ניט אנדערש, אז זשאנדא האט געהאלפן דעם חתן אירן אין דער מיאוסער מעשה. זי איז אוועק פריער פון שטאט, כדי ניט אויפצואוועקן קיין שום פארדאכט און ערגעצוואו אפגעווארט דעם חתן מיט דער גע׳גנב׳עטער מיידעלע...

מ׳האט דעם סטאראסטע פון טאבאר אפגעהאלטן אין תפיסה א גוטע פאר מעת לעת, גערעדט צו אים מיט גוטן און געסטראשעט און מער גארנישט ניט געקענט ארויסבאקומען פון אים. האט מען אים ארויסגעלאזן אויף דער פריי.

ערשט אצינד, ווען די לעצטע האפנונגען וואס מען האט געלייגט אויף דעם פריסטאוו און אויף זיינע טעלעגראמעס זיינען פארשוואונדן, האבן זיך אנגעהויבן די רעכטע לויפעניש, זוכעניש, בעטעניש און פראשעניע־שרייבעניש. בארע „די גרויסע אויגן" איז ווי פון זינען אראפ. מיט צע־פודלטע האר און בארד האט ער גענומען ארומלויפן איבערן שטאט בעטן רחמים. איינמאל פאר אלעמאל — אלע מוזן אים העלפן ראטעווען זיין קינד. ער איז געלאפן אין סטאן. אין דומע. צום קאזיאנעם ראבין און צום רב, אין חברה־יתומים און צו די פייערלעשער... דערזען, אז קיינער אין שטאט קען אים ניט העלפן, האט ער גענומען ארומפארן ווי א פאר׳סמ׳טער אין אלע דערפער און דערפלעך, צווישן שקלאוו און ארשע, געגישטערט, געקומען אהיים נאר אויף שבת, מיטן דישעל אין „לכו־נרננה" אריינגעפארן. נאר אויך שבת האט ער קיין רו ניט געהאט. אין גאנצן „זאוואולעק" האט מען געהערט די קולות, וואס גייען פון בארע׳ס שטוב. א גאנצן שבת האט זיך בארע געקריגט מיט זיינע דערוואקסענע בנים, אויסגעלאזט זיין ביטער הארץ צו זייער קאפ, באשולדיקט זיי, אז זיי און ניט קיין אנדערע זיינען שולדיק אין זיין אומגליק. מ׳האט אפילו גערעדט שטילערהייט, אז דער טאטע און די בנים שלאגן זיך... אין די דאזיקע בהלה־טעג זיינען בארע׳ס קונדן, די דייטשן מיט די גרינע קאפעליושלעך, ניט איינמאל געקומען און געטראסקעט אין טויער און קיינער האט זיי ניט אויפגעמאכט. דער דעמבענער טויער איז געווען געשלאסן. און מיט אנגעגאסענע בייזע פנימ׳ער און מיט בלוט־רויטע קארקן פון אויפרעגונג זיינען די דייטשן צוריק אוועקגעגאנגען, שילטנ־דיק איבער דער גאנצער גאס אויף זייער צעקאליעטשעטן „יידישן לשון":

— דאננער־וועטטער נאך א־מא־אל!

ב

ווער עם האָט באַקומען זײַן גאַנצן לויז, און גלײַך אויף אַן אָרט, פאַר אַרויסשלעפּן ציפּקען הינטערן שטאַט, דאָס איז געווען משה׳קע, קיווע דעם לעקעכמאַכער׳ס האָדולניק.

שוין באַלד נאָכן אומגליק, ווען ער איז געשטאַנען און געוויינט אינמיטן אָנגעלאָף ביי די אָרשער ברעמלעך, האָט ער פונדערווייטנס דערהערט אַ ווילדן קוויטש פון אַ יידענע. ציפּקע׳ס מאַמע איז אויף אים אָנגעפאַלן ווי אַ האַלב-משוגענע קאַץ, איינגעגעסן זיך אין אים מיט די נעגל און געטרייסלט:

— ממזר, וואו איז ציפּקע? ממזר, וואו איז ציפּקע?

פרעמדע יידן האָבן אים קוים אַ לעבעדיקן אַרויסגעריסן פון אירע הענט.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע פון שלאָגן און פּאַטשן יעדער איינער, וואָס האָט עפּעס אַ שייכות צו דער פאַרשוואונדענער מיידעלע, האָט צוגעלייגט אַ האַנט און ניט געזשאַלעוועט. אומזיסט האָט זיך משה׳קע פאַרענטפערט, אַז ניט ער איז שולדיק, נאָר... נאָר די ציגיינער, דאָס מאַל-פּעלע... די קאַטערינקע... ער איז דאָך נאָך אַ קליינינקער, אַ קליינינקער איז ער... ס׳האָט ניט געהאָלפן. אין דער ערשטער הייסער שעה האָבן אַלע צע-קאָכטע הערצער געמוזט האָבן אימיצן אויף וועמען אויסצולאָזן דעם כעס. האָט מען עס אויסגעלאָזן צו משה׳קען. איינמאָל פאַר אַלעמאָל: וואָס האָט ער, אַזאַ ממזר, צו שלעפּן פרעמדע מיידעלעך הינטערן שטאַט? אמאי איז ער אין עק שול-גאַס ניט אַנטלאָפן צוריק, ווי אַנדערע קינדער האָבן געטאָן, ווי ווייגדער׳ס יתומ׳ל האָט געטאָן?... דאַנקען ווייגדער׳ס האָט זיך דאָך ביי אים געבעטן ער זאָל לויפן צוריק...

אמאי און אמאי?... און גיי דערצייל זיי, די בייזע יידן און יידענעס, אַז ער ווייסט אַליין ניט וואָס מיט אים איז געווען; אַז מ׳האָט אים אַ כישוף אָנגעטאָן מיט שמייכעלעך, מיט וואונקעלעך און מיט ניסעלעך, וואָס די אַלטע ציגיינערקע האָט אים געגעבן פאַר דער מאַלפּעלע... די עטלעכע קינדערשע ווערטער אין פאַרבלוטיקטן מויל און פאַרקראַמפּטן האַלז זיינען געווען צו שוואַך און צו נישטיק אַקעגן אַזעלכע האַרבע טענות פון דער-וואַקסענע. אין דער ערשטער הייסער שעה האָבן אפילו קיווע און שצערע געשלאָגן, אָדער געמאַכט זיך, אַז זיי שלאָגן. אפשר האָבן זיי דאָס געטאָן, כדי איבערצובעטן ציפּקע׳ס אומגליקלעכע עלטערן און דערמיט טאַקע גע-ראַטעוועט אים פון פרעמדע, שווערע הענט. וואָרים מ׳האָט אים געוואָלט צערייסן אויף שטיקער, דעם קליינעם פאַרפירער.

שפּעטער אַביסל, ווען די צעהיצטע געמיטער האָבן זיך אַביסעלע באַ-רואיקט, האָט משה׳קען גענומען אויפן פאַרהער דער קליגסטער שכן פון

זאוואָלעק, ניט קיין אַנדערער ווי ווינגדער דער וואַלד־סוחר, דער גרויסער ידען אין ציגיינערישע זאַכן. ווי אַז אמת'ער דעטעקטיוו האָט ער ביים צעשראָקענעם האָדולניק אויסגעפרעגט יעדער פּיצעלע און יעדער ברעקל: וואו, למשל, איז דער ציגיינערישער וואָגן געשטאַנען אין פעלד? ווי אַזוי איז ער אַפּגעפאָרן אויפן שליאַך און ווי האָט ער זיך אויסגעקירעוועט אויף צוריק? און וואָס פאַר אַ תנועות יעטווידער ציגיינער האָט געמאַכט בשעת אריינכאַפּן ציפּקען אין בויד?... אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן סיי דעם אויסגעפרעגטן משה'קען, סיי די צוהערער, אויסגעזען איבעריק און נישטיק. נאָר ווינגדער האָט זיך אויף משה'קען אַנגעזעצט. וואָס מער, מאַכט ער, מ'עט וויסן אַזעלכע איינצלהייטן, אַלץ לייכטער וועט זיין צו געפינען די גנבים... אָבער נאָך אַלעמען האָט זיך ווינגדער אַליין פאַרקלערט. ער האָט לאַנג געצופּט די געכאַליעטע באָרד זיינע און דערנאָך גע'פסקנ'ט, אַזוי צו זאָגן:

— איר הערט, יידן? הלואי זאָל איך ליגן זאָגן. ס'איז אַז אַפּגעמאַכטע זאַך צווישן טאַבאָר און צווישן די גנבים. ס'איז אַ נקמה פון אמת'ן סאָרט. אַ מיידל פאַר אַ מיידל... ס'איז אַלץ אַזוי קונציק אַפּגעאַרבעט געוואָרן, אַז קיין הונט וועט זיי שוין ניט אויסשמעקן. די ציגיינער מיט דער גע'גנב'עטער מיידעלע זיינען שוין ווייט. צופיל נאָכיאָגן זיך נאָך זיי איז אויך אַ סכנה. וואָרים זיי וועלן דאָס קינד אומברענגען אָדער זיי וועלן דאָס מאַכן פאַר אַ קאַליקע... שאַ! באָרע „די גרויסע אויגן" טאָר מען אפילו דעם גאַנצן אמת ניט זאָגן...

און כך הוה: ווי מען זוכט אַזוי אַרום טאָג און נאַכט דאָס מיידעלע, און ווי מען יאָגט זיך אַזוי נאָך דער גנב'ישער בויד איבער אַלע שליאַכן, איז אַרום אַ קלאַנג, אַז ביי קאַפּוסט, אַ צוועלף וויאָרסט פון שקלאָוו, האָבן פישער אַרויסגעפישט פון דניעפּער אַ קערפּערל פון אַ קינד, וואָס האָט שוין פון צופיל פוילן אין וואַסער פאַרלוירן יעדע מענטשלעכע געשטאַלט. לויט דער לענג פון קערפּערל און לויט די יאָרן, האָט דאָס אָבער געשטימט מיט דער צוגעכאַפּטער מיידעלע. ערטערוויין איז נאָך די הויט פון קערפּערל געבליבן גאַנץ און איז געווען ברוינלעך און אויך דערמאָנט אָן ציפּקען. באָרע „די גרויסע אויגן" איז אַוועקגעלאָפן מיט אַ פור קיין קאַפּוסט און האָט דעם אויפגעבלאָזענעם קערפּערל פון זיין טעכטערל „דערקענט"... ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז די קינדער־גנבים האָבן זיך דערשראָקן פון דעם טומל וואָס מ'האָט אויפגעהויבן איבער דעם גאַנצן געגנט, און כדי צו פאַרווישן יעדן סליאַד האָבן זיי דאָס קינד אומגעבראַכט און געלאָזן אַראָפּשטראָם...

איז אין באָרע'ס הויז אויסגעבראָכן אַ נייער קלאָג. די גאַנצע שול־גאַס האָט אויפגעציטערט. און משה'קע האָט זיך פונדאַסניי באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע, הינטער שצערעס בעט, און האָט אַ גאַנצינקן טאָג מורא געהאַט אַרויסצוגיין אויף דער גאַס, מורא געהאַט מ'זאָל צו זיין קאָפּ ניט אויס־

לאָזן דעם נייעם בראָד. ווייל ער, ער אַליין איז שולדיק. ער האָט דאָך פאַרפירט ציפּקען הינטער די ברעמלעך...

די איינציגע טרייסט, וואָס ווינדער דער וואַלד־סוחר האָט אַצינד געהאַט פאַר ציפּקע׳ס עלטערן איז געווען דאָס, וואָס לויט זיין מיינונג איז עס פאַרן קינד גלייכער... איר האָט דען אַ ידיעה, האָט ווינדער דערציילט, וואָס די שוואַרצע חברה טוט אָפּ מיט קינדער וואָס פאַלן זיי אַריין אין די הענט? מאַכן פאַר אַ קאַליקע און שיקן איבער די הייזער איז גאָרנישט! פאַרקויפן אין אַ צירק פאַר אַ דראָט־טענצערין איז גאָרנישט! ס׳זיינען נאָך דאָ ערגערע זאַכן...

מילא, אַז קיין בעסערע טרייסטן זיינען ניטאָ, איז דאָס אויך אַ שטיקל טרייסט. ביסלעכווייז איז דער שטורעם אַריבערגעגאַנגען. שוואַרץ ווי די ערד און פאַרעלטערט פאַר דער צייט האָט זיך באַרע „די גרויסע אויגן" אומגעקערט צו זיינע געשעפטן. די בנים האָבן געטראָטן פלאַקס אין דער פּרעסמאַשינע. שצערע האָט געבאַקן לעקעך און אַלץ איז דאַכט זיך אַוועק ווי געווען. ניטאָ ציפּקע: פאַרפאַלן.

דער איינציקער, וועלכער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט צוגעוואוינען צו ציפּקע׳ס אומקום איז געווען משה׳קע. אין זיין פאַרשטעלונג האָט זי געלעבט פּונקט אַזוי ווי פאַרן אומגליק. טרוימערישקייט איז ניט געווען דער יסוד פון משה׳קעס נאַטור. גיכער איז ער געווען וואַך און פלינק, אויגן אָפן און אויערן פאַרשפּיצט אויף אַלץ וואָס קומט פאַר אַרום אים: צו זיין פאַר׳חוש׳ט און פאַר׳חלום׳ט האָט מען אים אַצינד געצוואונגען...

פאַריאָגט און דערנידעריקט איז ער געווען אויך פריער, אַלס אַ „האָדולניק" אַן אַ שטאַם, אונטער אַ גאַניק געפונען... מ׳האָט דאָס אָבער געטאָן שטילערהייט, אונטער די אויגן, מיט אַ שושק און מיט אַ וואונק און מיט אַ צוויי־דייטיקער מינעלע. אַצינד, נאָך דער מעשה מיט ציפּקען, האָט מען עס געטאָן בפרהסיה. מאַמעס און שוועסטער, אין זאַוואָלעק און אין שולגאַס, האָבן הויך אויפן קול געוואָרנט די קינדער און ברידער זייערע:

— שפּיל ניט מיט א י ם!

— גיי אַוועק פון א י ם!

— ער וועט דיך פאַרפירן ווי ציפּקען...

אפילו שצערע, וועלכע האָט אומעטום, מיט ציין און נעגל, באַשיצט משה׳קעס כבוד, האָט אַקעגן אַזעלכע גערעכטע וואָרנונגען גאָרנישט ניט געקענט מאַכן. דאָס האַרץ קאָכט און אַליין מוז זי אָננעמען אַ מויל מיט וואַסער און שווייגן. קוים־קוים וואָס זי דערלויבט זיך אַ בורטש צו טאָן צו איר פאַרשטויסענעם האָדולניק:

— שפּיל זיך אַליין, משה׳נקע! דו דאַרפסט זיי אויף כפרות...

און משה׳קע שפּילט זיך אַליין. ניט גאַנץ אַליין... נאָר מיט ציפּקען צוזאַמען. ער געפינט איר געשטאַלט אין טונקעלע ווינקעלעך, ער זעט די רויטע קרעלן אויף איר אָפּגעברענט העלזל. ער שושקט זיך מיט איר...

גראָד אַצינד איז ער דערגאַנגען אין חומש צו דער פּרשה „וישב". די ברידער פאַרקויפן יוסף'ן און ברענגען זיין זיידענע העמדל איינגעטונקט אין בלוט. יעקב אבינו דערקענט דאָס העמדל פּונקט ווי באַרע „די גרויסע אויגן" האָט דערקענט דעם דערטרונקענעם קערפּערל אין קאַפּוסט... ער קלאַפּט זיך קאָפּ אין דער ערד און שרייט פּונקט אַזוי ווי מ'האָט גאַנצענע טעג געשריען ביי באַרען אין שטוב: פּאַרצוקט איז געוואָרן יוסף! אַ בייזע חיה האָט אים אויפגעפרעסן!... ער קלאָגט אַזוי אַ סך צייט, דער אַלטער יעקב, און וויל זיך ניט טרייסטן, און אין דער זעלבער צייט ווערט גאָר יוסף אַ גאַנצער מאַכער אין מצרים...

די וואונדערלעכע מעשה האָט צוגעגעבן אַ נייעם שוואונג און אַ נייע וואַרעמקייט משה'קעס חלומות. אויב אַזאַ זאַך קען טרעפן מיט יוסף'קען, היינט פאַרוואָס ניט מיט ציפּקען? דאָ ניט ווייט, הינטער באַרע'ס דעמ־בענעם טויער, האָט מען זי שוין לאַנג באַקלאָגט ווי אַ געפּייניקטע און דערטרונקענע, און אין דער אמת'ן וועט זי אַרגעצוואו אַרויסשפּרינגען אַלס אַן אויסגעוואַקסענע בת־מלכה פון ציגיינער, מיט רויטע קרעלן און מטבעות אויפן האַלז און מיט אַ זילבערנער קרוין אויף די קוטשעראַווע האָר. שפּע־טער, אפשר, ערגעץ ווייט אין מצרים... אַלע זאָגן דאָך, אַז די ציגיינער שטאַמען פון מצרים. נאָר וויל זיי האָבן אַמאָל געפּייניקט די יידן, האָט זיי גאָט פאַרשאָלטן און פאַרטריבן פון זייער לאַנד...

דערפאַר, וואָס די יידישע ווייבלעך לאָזן ניט, אַז ער, משה'קע, זאָל שפּילן מיט זייערע קינדער, וועט נאָך אַמאָל אין שקלאָוו אויסברעכן אַ גרויסער הונגער... וועט ער אַראָפּפאָרן, מיט אַ יידישן באַלעגאָלע און מיט אַ יידישער בויד, גלייך קיין מצרים אַריין אויפצוקויפן תבואה... וועט אים דאָרטן ציפּקע דערקענען און מאַכן אַן אַנשטעל, אַז זי ווייסט ניט ווער ער איז און פון־וואַנען ער קומט... זי וועט אים נאָר קונציק אויספרעגן וועגן דער היים, וועגן זאַוואָלעק און וועגן דער שול־גאָס. נאָר ביזקל סוף וועט זי ניט אויסהאַלטן. פּלוצלינג און אינמיטן־דרינען וועט זי אים אַרויספאַלן אויפן האַלז און וועט זיך צעוויינען הויך אויפן קול: איך בין ציפּקע! צי לעבט נאָך דער טאַטע מיינער, באַרע „די גרויסע אויגן?"... צי באַקט נאָך קיווע דיין פעטער לעקעך אין זאַוואָלעק?... וועט ער, משה'קע, אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און וועט זיך צעוויינען. און דאָס האַרץ וועט אים קלאַפּן פּונקט אַזוי ווי איצטער, טראַכטנדיק וועגן דעם. עס קלאַפּט אים אַזוי שטאַרק, אַז ער מוז אויפעפענען דאָס מויל כדי צו כאַפּן דעם אָטעם...

און ניט נאָר אין זיינע טרוימערייען, אפילו אויפן וואָר דערזעט ער זי וועץ ניט ווען. אין עק שול־גאָס, וואָס פאַרקערט זיך אויף די אַרשער ברעמ־לעך, דערשיינט ווען ניט איז אַ געקרויזלט קעפּל פון אַ מיידעלע און אַ רויטלעכע פאַרב פון אַ קליידעלע טוט דאָרטן אַ שימער... כאַפּט משה'קע לויפן איר אַקעגן. קוים־קוים וואָס ער האַלט זיך איין אויסצושרייען איבער דער גאַנצער גאָס: „זעט, אָט גייט זי דאָך, ציפּקע!..."

נאָר נאָך עטלעכע שפּרונג־טריט צעגייט דער צויבער ווי אַ רויך. פון ציפּקען ווערט גאָר אַ פרעמד מיידעלע, אַ מכוערת, ניט קיין רויטע קרעלן, ניט קיין אָפּגעברענט העלזל... לאָזט משה׳קע אַראָפּ דעם קאָפּ און שלעפּט זיך צוריק אַהיים מיט אַ פּוסטקייט אין האַרצן. אים דוכט זיך, אַז אָקאָרשט האָבן זי די ציגיינער צוגעכאַפּט. און ער מוז, אַמאָל אין אַ נאָווינע, אָפּגעבן דין וחשבון פאַר באַרען מיט די בנים און פאַר סתם יידן מיט בערד און מיט בייזע טאַבאַק־נעזער:

— משה׳קע ממזר! וואו איז ציפּקע? וואָס האָסטו געטאָן מיט ציפּקען? וואו איז ציפּקע אהינגעקומען?

טייטש־חומש

א

פאַרשוואונדן ציפּקע, ווי אַ מת פאַרגעסן געוואָרן פון הארצן, און די וועלט פירט זיך ווי ביז אַהער. דער ווינטער איז אַוועק און דער זומער איז געקומען. אין מאַרק האָט מען אויפגעהערט צו ריידן וועגן די ציגיינער, און אין די בית־המדרש־רעדלעך, צווישן מנחה און מעריב — אויך. די בנים פון באַרע „די גרויסע אויגן" טרעטן זייער פלאַקס ווי פריער און ציפּקע'ס מאַמע גייט מיט אַ קאַשעק אין מאַרק. אַלץ ווי געווען. ווי פאַרב וואָס איז אויסגעזעצט דעם רעגן און ווינט, אַזוי נוצט זיך אויס דער מענטשלעכער זכרון. אַלע קאָלירן ווערן שוואַכער מיט דער צייט, נאָר איין זאַך ווערט ניט אָפּגעשוואַכט אין באַרע'ס הויז — די שנאה צו משה'קע קיווע'ס. אויפן שוועל לאָזט מען אים ניט אַרויף. אפילו דורך אַ שפּעלטעלע אין דעמבענעם טויער טאָר ער ניט קוקן ווי די פּרעס־מאַשינע אַרבעט. ווי נאָר די בנים דערשמעקן אים, שפּרינגט מען אַראָפּ פון דער מאַשין און מען יאָגט אים ווי אַ פוקס פון אַ קאַטוך. אפילו באַרע „די גרויסע אויגן" אַליין, וואָס אַזוי, דאַכט זיך, איז ער אַ שטילער, מיושב'דיקער ייד, נאָר זינט דעם אומגליק מיט ציפּקען קאָן ער דעם „ממזר" ניט אָנקוקן. אַלע האָבן פאַרגעסן ווי ער, אַ קוים ניין־יאָריקער יינגל, האָט זיך געשטעלט אין סכנה נאָכצוזאָגן דעם אַנטרונענעם ציגיינערישן וואָגן, כדי צו ראַטעווען דאָס קינד; אַלע האָבן פאַרגעסן די געפּערלעכע שמיץ, וואָס ער האָט מיט אַ שווערער בייטש באַקומען איבערן האַלז־און־נאַקן, די צעבלוטיקטע נאָז. מען געדענקט נאָר, אַז ער, משה'קע, איז ווי אַ גאַסן־יונג נאָכגעלאָפן, אין שבת אַריין, נאָך דער קאַטערינקע און אַזוי אַרום פאַרפירט ציפּקען הינטערן שטאָט... „גיי, גיי!..." אַזוי שרייט אויף אים אָן באַרע „די גרויסע אויגן" ווי נאָר ער דערזעט אים. משה'קע וואַרט ניט אויף כבוד און אַנטלויפט.

קיווע דער לעקעכמאַכער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו לערנען מיט משה'קען אַנשטאָט אַ מלמד. זיינע קענטעניש האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעלאָזן ביי חומש־מיט־רש"י און זיין גדולד — אויך. קיווע האָט זיך שוין לאַנג איבערצייגט, אַז זיין האַדולניק איז אַ שווערער יונג, וואָס הערט ניט און פאָלגט ניט וואָס מען זאָגט אים. ניט איינמאָל, פאַר דער לעצטער צייט,

האט ער זיך געקריגט מיט שצערען זיין ווייב, וואס זי צעלאזט אים אזוי שטארק און גיט אים נאך.

— א נײַן־יאריקער יונגאטש — טענה'ט קיווע — דארף וויסן דארף ער...

און וואס א נײַן־יאריקער יונגאטש באדארף צו וויסן? — דאס דערזאגט קיווע קיינמאל ניט. נאר משה'קע פארשטייט „מיטן אייגענעם שכל", אז מען גיט דא אנצוהערעניש... אזא האדולניק טאר ניט פארגעסן, אז קיין טאטן האט ער ניט און קיין אמת'ע מאמע אויך ניט. און דאס גערענקט ער אליין זייער גוט.

סוף־כל־סוף האט זיך קיווען אײַנגעגעבן צו דאקאזשען פארן האדולניק א פראסטן מלמד, אן פרעטענזיעס, וואס וואוינט ווייט פון זאוואולעק און לערנט מיט גראבע־יונגעו און וואוינט צווישן גראבע־יונגען — אזש אויף דער קצב'ישער גאס. דארטן האט מען זיך מיט משה'קען יחוס ווייניק וואס גערעכנט, אוועקגעקוקט אז א זייט פון זיין שטאם.

פונדעסטוועגן האט אים קיווע אנגעזאגט ער זאל למען־השם ניט פאר־געסן, אז פון הירשל'ס חדר האט מען אים ארויסגעטריבן. זאל ער למען־השם זען מ'זאל אים פון קצב'ישן חדר אויך ניט ארויסטרייבן...

משה'קע האט אויף קיווען אנגעשטעלט א פאר בלויע אפענע אויגן.

— פארוואס טרייבט מען אנדערע יינגלעך ניט ארויס?

— פארוואס, אנדערע?...

קיווע דער לעקעכמאכער האט א ווײַלע באטראכט די אייגענע נעגל, ווי בשעת הבדלה מאכן:

— הכלל, פרעג ניט קיין קשיות און לערן גוט!... ווייטער גארנישט.

ס'איז גרינג צו זאגן: „פרעג ניט קיין קשיות". עס פרעגט זיך אבער פון זיך אליין קשיות אז אן אנהייב און אן א סוף. אפנים — אויף אלע קשיות איז דא איין תירוץ, איין מיאוסער ווארט אזא — „ממזר".

דער נייער רבי, בונים האט ער געהייסן, א געזעצטער ייד מיט אן אנגע־גאסענעם פנים און מיט אונטערגעשווירענע וואנצעס, האט דעם נייעם תלמיד מתרה געווען, באלד ביים אריינגעמען אים אין חדר:

— כ'האב געהערט, אז ער איז א גרויסער שגץ...

— ער האט א גוטן קאפ! — האט אים קיווע פארענטפערט.

דער קצב'ישער מלמד האט זייער ערנסט אויפגעשפיזט די אונטערגע־שווירענע וואנצעס:

— פאר שקאצעריי שמיים איך ניט אין קאפ, איך שמיים אין ת...

און זיין ווארט האט בונים געהאלטן. ער האט געהאלטן אין איין שמייסן און באשטראפן. דער שרעק פון זיין פליישיקער האנט מיט פאר־טאבאקטע פינגער איז געהאנגען איבער אלע תלמידים, נאר קיינער האט דאס ניט אויפגענומען אזוי שווער ווי משה'קע קיווע'ס. ער איז שטענדיק

געוועז געוואוינט צו דער פרייקייט אין זאוואולעק, צו קיווע׳ס ווייכער האַנט און צו שצערע׳ס איינשטעלן זיך פאַר אים, און האָט בשום אופן ניט גע־קאָנט פאַרדייען די אומגעלומפּערטע אכזריות פונם נייעם רבין. פאַרקוקט מען זיך איין רגע׳לע אויף אַ פליג — פליט אַ פּאַטש. ווייסט מען ניט וואו מען האַלט — שמייסט ער. פאַרגעסט מען וואָס מ׳האָט ערשט איינגע־טייטשט — רייסט ער פאַר די אויערן. אין די זוניקסטע, הייסעסטע שבת׳דיקע טעג, ווען גויעשקע הינט און יידישע ציגן באַהאַלטן זיך אין שאָטן, מוז מען קומען לערנען פּרק אין חדר. טאָמער פאַרפעלט מען אַ שבת — שלאָגט בונים. עס גייט אים פּשוט אין לעבן די תלמידים זיינע זאָלן זיך מוטשען אום שבת אויך. דער גרעסטער וואונדער איז, וואָס קיווע האַלט מיטן רבין. זינט דער מעשה מיט ציפּקען, איז קיווע אויך האַרטער געוואָרן. און מומע שצערע שווייגט־אונטער. זי שאָקלט נאָר צו מיטן דאַרן קאָפּ.

זיצט אַזוי איינמאָל משה׳קע אין חדר, נאָכן שבת׳דיקן שלאָף און לערנט „פּרק״. אין רבינס שטיבעלע איז דושנע. דער רבי אַליין איז זויער. ער שלוקערצט מיט שלעכט־פאַרדייטע ציבעלעס און וואַרט אויף אַ גלאָז טיי פון הליאַק. נאָר קיין צייט פאַרלירט ער אויך ניט און טייטשט איין מיט זיינע קצב׳ישע תלמידים דעם אָנהייב פון דריטן „פּרק״, אַזוי צו זאָגן:

„עקביא, דער זון פון מהללאל, זאָגט: קוק זיך איין אין דריי זאַכן וועסטו ניט קומען צו אַן עבירה. געדענק פון וואַנעט דו קומסט און וואוהין דו גייסט און וועמען דו וועסט אַמאָל אָפּגעבן חשבון. דו קומסט פון אַן אומריינעם טראָפּן, גייסט אין אַן אָרט פון ווערים און דאַרפסט אָפּגעבן חשבון פאַרן קעניג פון אַלע קעניגן...״

מיט אַ פאַרקוועטשט האַרץ פילט משה׳קע, אַז עקביא דעם זון פון מהללאל׳ס חכמה איז זייער טיף, זי פּאַסט זייער גוט צום רבינ׳ס זויערקייט, צו זיינע שלעכט־פאַרדייעטע ציבעלעס און צו דער דושנעקייט אין שטוב, אָבער זי פּאַסט זיך בשום אופן ניט צום זומערדיקן טאָג. די אָפענע פענצ־טערלעך אין רבינ׳ס הויז שניידן אַרום, ווי טונקעלע רעמלעך — וואונדער־לעכע פאַרביקע בילדלעך: פּירקאַנטיקע שטיקלעך פול מיט בלויען הימל, מיט ווייסע וואָלקענדלעך, מיט באַגראָזטע בערגלעך, מיט גענזעלעך... אַ גאַנער גייט פאָראויס און פירט די גענזעלעך אין איין שערענגע, ווי אַ גענעראַל. אַ קו שטייט פאַרטראַכט און איז מעלה־גרה מיט פאַרמאַכטע אויגן. איר רויטלעכע פעל גליט אין דער זון ווי גינגאָלד. אפילו דער פאַדעמ־שליים, וואָס ציט זיך איר פון מויל, לויכט ווי טייערער קרישטאָל.

— וואו האַלט מען?

דעם רבינ׳ס שאַרפער קול פאַלט איבער משה׳קעס קעפּל ווי אַ שטיין, און ווי אַ געשליידערטער שטיין צעברעכט דאָס די פאַרביקע בילדער אויף שטיק־שטיקלעך. פון בלוי און גרין און גינגאָלד און קרישטאָל ווערט איין מיש־מאַש.

און איידער משה'קע האָט נאָך צייט צו געבן אַ ענטפער, גיט אים איבערן האַלז־און־נאַקן אַ שניט אַ צעפּאַכעטע רצועה. לויטן טעם דערמאָנט דאָס אַן דער ציגיינערישער בייטש, הינטער די אָרשער ברעמלעך...

— אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין! אָט דאָ האַלט מען!...

משה'קע טוט אַ כליפּע פון ווייטיק און גיט אַ צי, דורך אַ מין שפּינוועבס פון טרערן, די הענטל זיינע, כדי אָנצוכאַפּן אין „פּרק" דעם אָרט, וואו דעם רבינ'ס פאַרטאַבאַקטער פינגער ווייזט אים אָן.

ער האַלט פעסט מיטן פינגער דעם אָנגעוויזענעם אָרט, און אין די אויערן קלינגט אים דעם רבינ'ס שילטן זיך ווי אַ ניט־פאַרדינטע טרייסט: „אין דיין טאַטן אַריין?"... אים, משה'קען? הייסט דאָס, אַז ערגעצוואו איז יאָ פאַראַן אַ טאַטע, נאָר וואו ער איז — ווייסט קיינער ניט...

דער רבי פון די קצבים־יונגען איז אָבער אַ ייד אַ קאַטאָרזשניק, ער לאָזט זיך ניט אָטכאַיען אפילו מיטן געדאַנק, אפילו איין רגע'לע אויך ניט... ער יאָגט און פּלאָגט אָן אויפהער:

— קוקסט שוין ווייטער אויפן באַלקן? פון חדר וועל איך דיך אַרויסוואַרפן...

„פון חדר וועט ער אים אַרויסוואַרפן"... שטענדיק, ווען דער קצב'ישער רבי ווערט אין כעס, גיט ער אים אַזעלכע אָנצוהערענישן. קיינעם פון זיינע תלמידים סטראַשעט ער ניט אַזוי. מיט יענע וואַרפט ער זיך ניט... יענע האָבן טאַטעס און מאַמעס. פאַר אים, משה'קען, וויל זיך קיינער מער ניט איינשטעלן. אָט!... אפילו עקביא דער זון פון מהללאל האַלט אויך מיטן קצב'ישן רבין: דע מאין באת! וויים פונוואַנען דו ביסט געקומען! אונטער אַ גאַניק, משה'לע, האָט מען דיך געפונען! אונטער אַ גאַניק...

ב

וועז משהיקע גייט צוריק אַהיים, איז ער מאַט און מיד פון אַזאַ פּאָרציע שבת'דיקן פּרק. דער קאָפּ איז אים אָנגעהיצט און פאַרנעפּלט פון דער דושנער חדר־לופט. אַצינד ציט אים שוין מער ניט צו די ווייסע גענזעלעך אויפן ברעג אָזערע, צו דער רויטער קו וואָס גליט אויף דער זון. פאַרדאָרבן איז חדר דעם אַפּעטיט צו דער אַרומיקער וועלט און צום שטיפן. דער שבת איז אים מער ניט ניחא. דאָס פריי־זיין — אויך ניט ניחא. ער ווייסט מער ניט וואָס צו טאָן מיט דעם רעשטל פרייקייט פון מנוחה־טאָג. שלעפּט ער זיך אַהיים, ווי נאָך אַ צו הייסער באָד, און קלערט צו ווען אויסצולאָזן זיין שווער האַרץ.

אין שטוב געפינט ער די מומע שצערע איינע אַליין. זי זיצט אויף דער קאַנאַפּע און לייענט טייטש־חומש דורך אַ פּאָר אַלטע מאַנסבילשע שפּאַ־

קולן. לכבוד שבת איז זי אויסגעפוצט אין איר צעהאקטן און אנגעפאלדעטן קלייד, וועלכע איז שוין צוויי מאל איבערגענייט פון איר חתונה־צייט אן, און וועלכע הענגט אויף איר דארן גוף ווי אויף א טשוואק. די אלטע בראשקע פון געבלאזענעם גאלד מיט בלוי־גרינע טירקיזן, ווי שמחה דעם סטאליאר'ס אויגן, זיצט קרום אויף איר איינגעפאלענער ברוסט. אירע הראבליע־הענט, מיט איינגעגעסענעם האניק אין די קנייטשן, האלטן זשעדנע דעם לעדערנעם טייטש־חומש. מען זעט באשיינפערלעך, אז ס'איז איר איינציקער גייסטיקער פארגעניגן אין איר טרוקענעם עקרה'שן לעבן. און זי זעט ארויסצונעמען פון טייטש־חומש אלץ וואס מען קאן, דעם לעצטן טראפן זאפט פון היינטיקער סדרה... אבער אירע שווארצע אויגן, וועלכע זיינען אפגעשוואכט פון די הייסע קוילן אין באק־אויוון, זעקס טעג אין דער וואך, און וועלכע זיינען אצינד פארגרעסערט דורך די מאנסבילשע שפאקולן, כאפן ניט גוט אויף די קליינע משונה'דיקע אותיות'קעס פון עברי־טייטש, אותיות'־קעס, וועלכע זיינען ניט ענלעך ניט צו חומש־כתב, ניט צו רש"י־כתב. לייענט זי דערפאר פאוואליע מיט אן איינטאניקן געצויגענעם ניגון, אז א שום אפזאץ און אן באטראפונג. דערצו חזר'ט זי נאך אפטמאל איבער א שווערן פסוק איינמאל און צוויימאל, ביז זי לייענט זיך איין. זשומזשעט דערפאר איר ניגון ווי אן איבערגעגעסענע, האלב־איינגעדרעמלטע שבת'דיקע פליג. דוכט זיך דערפאר, אז דער עיקר ביי שצערען איז ניט די מעשה, נאר דאס לייענען גופא. צי עס ווערט דערציילט פון יוסף'ן מיט די ברידער, צי פון בארג סיני, צי פון מלחמה־האלטן מיט עמלק'ן — איז איר אלץ איינס. דער עיקר איז לייענען און ציען ווי פאטאקע די טייערע ווערטער, איבערקייען ווי לעקעך דארטן וואו אלע ווייבער שלינגען אראפ ווי לעבלעכע לאקשן. פון דער אום־דערוואכן פארהארטעוועטער און גרייצטער יידענע ווערט איצט איין שטיק געדולד, וואס לאזט זיך ניט שטערן פון קיין זאך אין דער וועלט. די מאטקייט פון א וואך הארעוואניע און די שבת'דיקע מנוחה גיסן זיך צוזאמען אין איר לייענען. רעדט מען צו איר — ענטפערט זי, ניט אויפהייבנדיק די שפאקולן פון טייטש־חומש, ניט איבעררייסנדיק דעם סקארבאוון ניגון... קומט אריין א שכנה זאגן „גוט שבת", זאגט שצערע „גוט יאר" און לייענט ווייטער. פארפירט די שכנה א שמועס — מישט שצערע רכילות און „סדרה", אז א שום איבערגאנג פון הייליקייט צו וואכעדיקייט, און פארקערט.

נאר עפעס איינמאל, אזוי דערציילן בייזע צינגער אין זאוואלעק, האט זיך שצערע יא אפגעשטעלט אין עברי־טייטש און געוואונדט זיך אן א שום ניגון צום רבונו־של־עולם אליין... געשען איז דאס שבת־„בראשית", סוף חודש תשרי.

אן איבערגעהארעוועטע פון די גרויסע ימים־טובים האט שצערע געלייענט אזוי:

— והאדם ידע... און אדם האט באשלאפן חוה'ן זיין ווייב און... און...

דאַ איז אויף דער לעקעכמאַכעריַן אָנגעשוואָומען אַ דרימל. זי האָט אַ פּיק געטאָן מיט דער נאָז און דער שווערער טייטש־חומש האָט זיך איר אַרויס־געגליטשט פון האַנט. זי האָט זיך אָבער גלייך אויסגעטשוכעט, אַ כאַפּ געטאָן דעם ספר. ניט באַמערקנדיק, אַז עטלעכע בלעטלעך האָבן זיך איבערגעמישט, האָט זי ווייטער געלייענט מיטן זעלבן פאַרשלאָפענעם ניגון:

— און ער האָט זי געלאָזן באַקלעפּן מיט פּעך פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק...

דאָסמאָל איז שצערען געוואָרן אַביסל קשה. זי האָט אויסגעטאָן די שפּאַ־קולן און פאַרגלאָצט די מאַטע אויגן צום באַלקן. אדמ׳ס גראָבקייט האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן.

— אוי, מאַכט זי, גאָטעניו! אַ יון וואָלט דאָך דאָס אויך ניט געטאָן...

און ווייטער אַוועקגעלאָזן זיך לייענען און קיין קשיות ניט געפרעגט. ערשט אַ סך שפּעטער האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז זי איז אַריינגעפאַרן מיטן דישעל אין גאָר אַן אַנדער סדרה, וואו דער צדיק נח בויט דעם קאַסטן...

צי אַן אמת, צי אַ ליגן, אָבער אַ גוטער ביישפּיל פון שצערע׳ס לייענען טייטש־חומש איז דאָס פאַרט. און אויך דאָס מאָל, ווען משה׳קע איז געקומען אַהיים, האָט ער נאָך אינדרויסן דערהערט ווי מומע שצערע ציט טענער. אַריין אין שטוב, האָט ער זי געטראָפן אין רעכטן מיטן סדרה פון דער וואַד. געלייענט האָט זי ווי אַזוי קרח ווערט איינגעזונקען אין דער ערד מיט זיין גאַנ־צער געמיינדע. און זאָל זיך ביי איר כאַטש איין אָדערל אַ ציטער טאָן, זאָל זיך כאָטש אַ ליפּ אַ קרים טאָן... גאָרניט! דער זעלבער פאַרקילטער שמייכעלע אויפן שפּיץ נאָז און דער זעלבער סקאַרבאָווער ניגון, ווי בשעת לייענען וועגן יוסף׳ס גדולה אָדער וועגן פּרעה׳ס מכות, מיט וואַכן צוריק...

איז דאָס משה׳קען שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן. עס האָט זיך אים מורא׳דיק פאַרגלוסט צו טאָן אימיצן אויף צו להכעיס, אַפּצורעכענען זיך פאַר דעם רבינ׳ס סטראַשונקעס אַרויסצוטרייבן אים פון חדר, קילן דאָס האַרץ פאַר דער שבת׳דיקער דושנעקייט ביים רבין אין שטוב און פאַר זיין איינזאַמקייט צווישן אַלע יידישע קינדער...

דערהערט שצערע אַז איר תכשיט איז אַריין, נאָר קוקן קוקט זי זיך ניט אום. אירע מאַנסבילשע שפּאַקולן זיינען אַראָפּגעבויגן איבערן טייטש־חומש און זי לייענט, ריידנדיק אין דער זעלבער צייט מיט משה׳קען, אַזוי צו זאָגן:

— דער בחיי שרייבט... „אַזוי שפּעט פון חדר?" דער בחיי שרייבט פון וועגן דעם רמב"ן: וואָרום זאָגט די תורה צום ערשטן... „גוט געלערנט פּרק?" ותבקע הארץ — די ערד איז געוואָרן צעשפּאָלטן? און דערנאָך זאָגט די תורה: די ערד האָט גע—גע—געעפנט...

אָבער משה׳קע לאָזט זי מער ניט אויסלייענען וואָס די ערד האָט „געעפנט". ער פאַלט איר אומישנע אַריין מיט אַ גרויס געשריי. די געעפנטע ערד אַליין וואָלט בעסער ניט געקענט שרייען:

— מומ... גיב מיר עסן!

זינט משה׳קע איז געקומען צום שכל, רופט ער שצערען ניט „מאמע" און ניט „מומע", נאר ביידע זאכן צוזאמען. קומט ביי אים שטענדיק ארויס א פארשוואומענער „מומ..."

ווערט שצערע א האר ניט נתפעל פון זיינע קולות און ענטפערט אים מיטן זעלבן איינטאניקן ניגון, ניט אויפהייבנדיק די שפאקולן פון טייטש־חומש:

— די ערד האט געעפנט איר מויל... „וואס ווילסטו עסן, זונעלע?..." דער תירוץ איז צו וויזן, אז דאש צעשפאלטן פון דער ערד, וואס ביי קרח, איז ניט געווען ווי אנדערע שפאלטן... „דו שפאלסט מיר אויך דעם קאפ שפאלטסטו מיר..." דען עס טרעפט זיך צו צייטן... „אז מ׳וויל עסן דארף מען שרייען?" צו צייטן דאש די ערד ווערט צעשפאלטן פון וועגן איין גרוישן שטורעם־ווינט...

משה׳קען ווילט זיך עסן פונקט אזוי ווי דעם קצב׳ס הונט. ער ווייס אליין ניט וואס אים גלוסט זיך. נאר ער טרעט ניט אפ:

— זע, זע! מומ... גיב מיר עסן!

ענטפערט אים שצערע מיט איר רואיקן שבת׳דיקן ניגון:

— און עס ווערט דורך דעם איין גרוישער גרוב אין דער ערד... „דו טרייבסט מיך אויך אין גרוב, דו משה׳נקע..." און די גרוב בלייבט אפן... „לעבעדיקערהייט טרייבסטו מיך..." אבער די גרוב פון קרח... „נעם א פלעצל אין אלמערל און לאז מיך לייענען..." אבער די גרוב פון קרח איז געווען איין נס... „וואס איך לעב נאך פון דיר, משה׳נקע, איז אויך א נס..." דאש... דאש עס האט זיך געעפנט...

— כ׳וויל ניט קיין פלעצל! — שרייט משה׳קע ווי א באנומענער — אלע טאג פלעצלעך...

ענטפערט אים שצערע פון טייטש־חומש:

— געעפנט איין גרוישע גרוב און האט איינגעשלונגען פיל לייט און געצעלטן. און דערנאך האט זי זיך צוגעמאכט, אזוי ווי מען מאכט צו איין מויל... „מאגסט שוין אויך צומאכן דיין מויל, משה׳נקע"... און עס איז ניט געווען צו דערקענען, וואו עס איז געווען די גרוב... „טא נעם א געקאכטע איי אין טישקעסטל מיט א שטיקל חלה..." דער בחיי... דער בחיי שרייבט...

— איך וויל ניט קיין איי! איך וויל עסן, מומ!...

ענטפערט שצערע פון טייטש־חומש, אלע ענטפערס שטייען ביי איר אין טייטש־חומש אין דער פרשה קרח:

— היינט וואס־זשע ווילסטו?... דער בחיי שרייבט, די קינדער פון קרח זיינען ניט געווארן געטייט. דען זיי זיינען אויך אין דער גרוב אריינגעפאלן... „זעסט ווי שלעכטע קינדער פאלן אריין?..." נאר גאט האט געמאכט איין הויכן בארג אין דער גרוב. זיינען דערויף געבליבן די קינדער פון קרח...

משה׳קען אליין ווערט שוין נמאס צו טשעפען זיך צו דער מומען אומזיסט־אומנישט, שטערן איר אין איר שבת׳דיקער מנוחה, פון וועלכער זי

וויל בשום אופן ניט אַרויס. נאָר אָפּטרעטן אינגאַנצן פּאַסט אים אויך ניט. שטייט ער און בורטשעט נאָך אַ ווײַלע. אין האַרצן איז אים פּוסט, אין קאָפּ שווער און ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך... טוט גאָט אַ נס און שיקט אים צו הילף אַ הון... אַ ראַבע הון, פון אַ שכן אין זאַוואולעק, טרעט זיך אַריבער דעם שוועל. מיט אַ שבת'דיקער געמיטלעכקייט שפּאַצירט זי אַרײַן און מיט אַ הינערשן, בנעימות'דיקן געזאַנגעלע. „קכאַ־קכאַ־קכאַ־אַ" ציט זי ווי אַ גוטע שכנ'טע וואָס איז געקומען אָפּצוגעבן גוט־שבת און אַגב כאַפּן אַ רכילות'ל.

רופט זיך אָפּ שצערע אויף אַזאַ פּלוצלינגן וויזיט, פון סאַמע מיטן טייטש־חומש רופט זי זיך אָפּ:

— אויך שרייבט דער בחיי... „קיש, קיש, צו אַלדי קאַדיק!" קרח איז געוואָרן פאַרברענט אין דעם פייער... „אַ פייער רבונו־של־עולם זאָל זי אויך נעמען!" אין דעם פייער מיט די צוויי הונדערט און פופציק מאַן וואָש האָבן מקטיר געווען... „זי וועט מיר דאָ באַלד אויך מ ק ט י ר ז ײ ַ ן אויפן פּאָל...", וואָש האָבן מקטיר געווען קטרת. האָט זיי אײַן פייער פאַרברענט... „קיש, קיש! משה'נקע, מיין גאָלד, טרייב אַרויס די הון. ס'איז ניט אונ־זערע..." און... און קרח — אויך צווישן זיי. אַזוי האָט גאָט קרח'ן געטייט מיט צוויי מיתות...

משה'קע איז זיך פּשוט מחיה. ער דערפילט זיך פּלוצלינג שטייפער אויף די פיס. אין קאָפּ ווערט אים פרישער. פלינק און מיט אַ ברען גיט ער זיך אַ יאָג נאָך דער ניט־געבעטענער אורח'טע און פאַרטרייבט זי אונטער דער קאַנאַפּע. פון אונטער קאַנאַפּע אונטערן טיש, און פון אונטערן טיש אין פירהויז. אַ קוואַקצעניש און אַ טופּען פון פיסלעך. און דער אימפּעט טראָגט זיי ביידן אַרויס אין זאַוואולעק. אָבער משה'קעס האַרץ איז נאָך אַלץ ניט געשטילט. די הון לויפט מיט צעשפּרייטע פיסלעך און מיט צעלאָזענע פליג־לעך: „קאַ—קאַ—קאַ! יידן, וואָס האָט ער צו מיר? קאַ—קאַ! איך בין גלאַט אַזוי אַריינגעגאַנגען!..." און משה'קע לויפט נאָך מיט אַ ברען און מיט הייליקן צאָרן און מיט טויטע קללות:

— קיש, קיש, כאָליערע! קיש־קיש, אַ ניכפּע אין דיר!... קיש־קיש!

דעם אימפּעט שלאָגט אים איבער אַ שאַרפער קנאַק, ווי פון אַ קינדערשן פּיסטאָל אַרויס. משה'קע בלייבט שטיין און קוקט זיך אום. ער דערזעט ניסקען דערזעט ער. הענעך דעם פאַרבער'ס יינגל — אַ מזיק אויף קנאַקן מיט דער צונג. דאָס היטעלע איז ניסקען אַנגערוקט איבער די אויגן. און פון אונטערן דאַשעק ווינקט ער צו משה'קען גנב'יש און געהיימניספול:

— נו, משה'קע, מיר'ן גיין?

— וואוהין גיין?

— טרייסלען בארעלעך ביי זאַוועז... ביי זאַוועז דעם מילנער.

באַרעלעך און סכנת־נפשות

א

שוין ניט צום ערשטן מאָל רעדט ניסקע צו קיווע'ם האָדולניק צו גיין טרייסלען באַרעלעך בקאָמפּאַניע. פּשוט'ער גערעדט: גנב'ענען באַרעלעך אין פרעמדע סעדער. נאָר משה'קע זאָגט זיך אָלעמאָל אָפּ. אים ליגט נאָך גוט אין מאָגן די מעשה מיט דאַנקע'ס זילבערנעם לייכטערל, ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ קלייניקער... ער ווייסט גוט, אַז וואו אַנדערע יינגלעך וועט מען אַנרייסן אַן אויער, וועט מען אים שלאָגן און אראָפּכאַפּן דאָס היטעלע פון קאָפּ; וואו אַן אַנדער יינגל וועט מען זידלען „יונגאַטש!", וועט מען אים נאָכשרייען „ממזר!"... צו אַלע פריערדיקע שבחים איז נאָך אַצינד צוגעקומען די מעשה מיט ציפּקען, און דאָס וועט מען אים אויך דערמאָנען... ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון גיין טרייסלען באַרעלעך אפילו איינמאָל אַ פאַרנאַכט, ווען ניסקע האָט אים געוויזן אַ פולע קעשענע מיט גרינע עפּעלעך און מיט פלוימען — האַרטע און גליטשיקע ווי גלאָז.

נאָר אַצינד, נאָכן שוויציקן „פּרק" אין חדר, איז אים דאָס האַרץ געווען באַזונדערס פאַרביטערט. אפילו דאָס נאָכיאָגן זיך, מיט אַזאַ ברען, נאָך דעם שכנ'ס הון, האָט אים די ביטערקייט ניט פאַרזיסט, ניט אָפּגעשוואַכט זיין צערייצטקייט. ס'איז אים געווען אַצינד אַלצאיינס וואוהין צו גיין און וואָס פאַר אַ שטיקל אָפּצוטאָן, אַבי אויסלאָזן די פאַרטייעטע בייזקייט זיינע צו אימיצנס קאָפּ, מעג אפילו זיין — צו די האָלציקע באַרעלעך, וואָס מען קאָן אין מויל ניט נעמען. דערפאַר האָט ער זיך נאָר איין רגע'לע איבערגעלייגט, ארומגעקוקט זיך און אַנטשלאָסן אַ בורטש געטאָן:

— קום, מיר'ן גיין!

צוליב כראַברעקייט האָט משה'קע פעסטער אַנגערוקט זיין קאַשקעטל אי־בערן פאַרשוויצטן שטערן, פאַרביסן די ציין און אַ טופּ געטאָן מיט איין פיסל. און ניסקע זיין חבר האָט אים אַוועקגעפירט מיט הינטער־געסלעך, צווישן צוימען פון פאַרזייטע גערטנער, אַלץ ווייטער און ווייטער פון זאַ־וואָלעק און אַלץ נעענטער צו די גויעשקע געסלעך, צום דניעפּער און צו דער מיל.ביידע שווייגנדיקע, מיט די אַנגערוקטע היטעלעך, האָבן זיי אויס־

געזען ווי קליינע פארשווערער, וואס גייען אפטאן ווער ווייסט וואס פאר א מעשה...

וואס ווייטער פונדערהיים אלץ קילער זיינען געווארן די שאטנס, אלץ זאפטיקער די ערד, אלץ געדיכטער דאס גרינס פון דיביימער, אלץ שטילער און העכער די פארקנס ארום די סעדער. די מחיה'דיקע פייכטקייט פון נאענטן דניעפער האט זיך אויך גענומען פילן.

און פלוצלינג איז ניסקע שטיין געבליבן. „זעסט?" מאכט ער שטילערהייט צו משה'קען. און משה'קע האט דערזען:

א הויכן פלאנקן פון קליינע בערווענעס, וועלכע זיינען מיט די עקן פארקלעמט צווישן ברייטע סלופעס, און טורעמען זיך אזוי — איין בערווענקע איבער דער צווייטער. אויפן סאמע הייך פון פלאנקן זיינען אנגעשלאגן פלאכע לאטעס (דראנגען) און די לאטעס זיינען קונציק אנגעפיקעוועט מיט גרויסע טשוועקעס, אלע מיט די שפיצן ארויף, ווי א שיטערע זאג. און איבער אט די אייזערנע שפיצן הענגט אראפ די גאנצע ניט־צייטיקע רייכקייט פון זומער אינמיטן חודש תמוז: ניט־צייטיקע בארעלעך, גרין ווי פלאשן־גלאז, מיט א ניט־נאטירלעכער בוריקעס־רויטקייט אויף די בעקלעך, ווי פארב אויף קינדערשע פורים'דיקע שלח־מנות; עפעלעך בלאס־גרינע, צוזאמענגעטוליעטע, ווי בלינדע קעצעלעך ביים זייגן, מיט פאלטיקע הינטנס, וואו אינמיטן זיצן נאך דאס פארוועלקטע בליעכל. לאנגע ארמס פון פלוימיכעס, אנגעצירעוועט מיט פלוימעלעך — האלב־בלויע, האלב־גרינע, מיט איין געשלאסענעם פאלד אין דער לענג, ווי אין א ניט־דערבאקטער צוקער־פלעצל. שפעט־קארשן — האלב געלבע, האלב־ראזעווע, ווי פון פארצעליי געגאסן... א מלוכה!

משה'קעס גומען, וואס איז איבערגעזעטיקט פון דער מומע שצערע'ס גוטע זאכן, פון די אלע האניקדיקע, מאנדלדיקע און צימרינגדיקע געפרעגלעכצן, האט זיך מיטאמאל צעקיצלט, דאס מויל איז אים פול געווארן מיט וואסער, און די אויפגעציטערטע נאזלעכער האבן גענומען ציען די נייע ריחות פון ערד און גארטן. דער ביטערער גערוך פון צעטראטענעם פאלין, ביים סאמע פלאנקן, האט אים אינגאנצן פאר'שיכור'ט. זיין מורא איז אוועק. און, אנווייזנדיק אויף די ניט־צייטיקע אויבסט אינדערהייך, האט ער זיין טיפע התפעלות אויסגעדריקט נאר מיט איין אייז־זילביקן, געצויגענעם און זיסן אויסגעשריי:

— אוי־אוי־אוי־אוי!

ניסקע — א געניטער בארעלעך־טרייסלער — האט מיט א שטרענגער מינע צוגעלייגט א פינגער צום מויל:

— ששששא, ס'איז דעם מילנער'ס סאד!

— דעם מי־ילנער'ס? — פרעגט איבער משה'קע. ערשט איצטער כאפט ער זיך, אז דער מילנער איז אים אביסל באקאנט. אין זכרון שטייט אויף

א בילד, ווי די מומע שצערע וואשט אים א ווייטאגדיק אייגל איבער דער קרענעצע, אונטער זאווע׳ס מיל; און זאווע׳ס בן־יחיד שטייט אויפן בריקל, אינדערהייך, און הלומעט זיך איבער אים און איבער דער מומען: „וועמען האט איר דארטן די אייגעלעך געוואשן? דעם ממזר אייערן? כא־כא־כא...״

משה׳קען גיט א ציטער א ליפ. ער מאכט א טראט אויף צוריק. נאר ניסקע כאפט אים אן פארן ארבל:

— האב ניט מורא! זאווע איז איצטער אין בית־מדרש...

— און דע... דע... — שטאמלט משה׳קע — דער זון זיינער?

— מסתמא ניטא אינדערהיים. שלעפט זיך ארום מיט גייטערקעס...

„מסתמא״... און טאמער ניט? נאר ניסקע איז אין אלץ באהאוונט. ניט נאר ער ווייסט מיט וועמען זאווע׳ס בן־יחיד שלעפט זיך איצטער ארום, ער קען אפילו אלע שוואכקייטן פון זיין יינגערן חבר׳ל. ער לאזט אים א רגע ניט טראכטן. „קוק!״ — מאכט ער שטילערהייט און שטעקט אריין די שפיצן פינגער אין א שפאלט צווישן די בערווענקעס פון פלאנקן. די שיך־שפיצן באפעסטיקט ער אביסל נידעריקער. אזוי דראפעט ער זיך שטיל און פלינק ווי א קאטער. ער סאפעט נאר אביסל אונטער מיט דער נאז...

צעווארעמט פון אזא שיינעם ביישפיל טוט אים משה׳קע נאך. דאס הארץ קלאפט נאך אביסל, אבער באלד גייט דאס רעשטל שרעק איבער אין א מין כוואטסקער אויפרעגונג, אין א וועט־געלויף. ניסקע א קלעטער און א סאפע, ער — א קלעטער און א סאפע. ביי אזא שוואכן אנהאלט, ווי די פעציקע שפעלטלעך צווישן די בערווענקעס, איז גאר שווער צו האלטן גלייכגעוויכט פון גוף. עס ציט מורא׳דיק צו דער ערד. נאר דער באזונדערער כוח פון נייגעריקייט און דער באזונדערער חשק צו עסן פרעמדע און פארבאטענע זויערע פרוכט, איז שטארקער פון אלץ אין דער וועלט. די בלעטער־חופה מיט גירליאנדעס פון קאלירטע פירות׳לעך הענגען שוין איבערן קאפ. די זשאווערדיקע טשוועקעס, אויף דער אייבערשטער לאטע פון פלאנקן — נאר זיי שרעקן א ביסל אפ.

אבער ניסקע דערכאפט דעם שרעק אין משה׳קעס אויגן און פארגלעט אים.

— קוק!... — גיט ער א שעפטש.

ניט־ווילנדיק מאכט ער נאך, מיט זיין שעפטשען, דעם שארך פון די בלעטער... הארט צענעמט ער דערביי די פינגער פון דער לינקער האנט, קרימט זיי אוים ווי קרוקעס און כאפט מיט זיי ארום דעם אונטערשטן זיץ פון צוויי־דריי טשוועקעס אויף איין מאל, ניט אנרירנדיק זייערע פאר־זשאווערטע שפיצן. אזוי ווערט ביי אים א גוטער מיטל אנצוהאלטן זיך פון דער געפאר — צעשטאכן צו ווערן... אצינד באפרייט ניסקע די רעכטע האנט און פליקט די ניט־צייטיקע גלאזיקע פלוימעלעך און די פארצעלייענע זויערע עפעלעך: א פליק און א רוק אין קעשענע, א פליק און א רוק.

משה׳קע טוט אים נאָך ווי אַ פאַר׳כישוף׳טער. ער צעפינגערט אויך די לינקע האַנט און כאַפּט זיך אָן. די טשוועקעס שניידן אומ׳ברחמנות׳דיק אין די פינגער־קנעכלעך. נאָר משה׳קע הערט זיך צום ווייטיק ניט צו. איינגעקלעמט מיט די שפּיצן שיך אין אַ שפּאַלט הענגט ער אויפן לינקן אָרעם און פּליקט מיט דעם רעכטן הענטל. כדי עס זאָל אים ניט שווינדלען אין זײַן הייך — באַהאַלט ער דעם צעפּלאַמטן פּנים אין די קילע גלאַנציקע בלעטער פון עפּל־און־פלוימענביימער. און די האַנט אַרבעט ווי בײַ אַ בלינדן. אַ טאַפּ־אָן און אַ פּליק און אַ רוק אין די מייטקעלעך.

אָבער אינמיטן־דרינען ברומט אַרויף אַ בייזער יונגער קול פון דער טיף גאָרטן אַרויס:

— העי, ווער איז דאָס דאָרטן?

ניסקע גיט שטילערהייט אַ קנאַק מיט דער צונג — אַ סימן אַז מ׳איז אין סכנה און מען מוז אַפּטרעטן. קונציק גליטשט זיך בײַ אים אַרויס די לינקע האַנט פון צווישן די טשוועקעס און רוקט זיך אַרײַן אין אַן אונטערשטן שפּאַלט. אין אַ רגע׳לע אַרום קריכט ער שוין אַראָפּ־פּלאַנקן.

ניט אַזוי גלאַט לויפט דאָס אָפּ בײַ משה׳קען. וועלנדיק נאָכמאַכן דעם זעלבן קונץ, שטעכט ער זיך אָפּ, פּאַרט אַרויף מיטן לינקן אָרעם און פאַרכאַפּט זיך מיטן אַרבל אָן די טשוועקעס, ווי אַ צאַפּלדיק פישל מיט די זשאַברעס אין אַ צו־ענגער לאָך פון נעץ. די פיסלעך ברעכן זיך אים אונטער, און ער בלייבט כמעט הענגען אינדערלופטן, איבער אַ תהום פון קראָפּיווע אונטערן הויכן פּלאַנקן. אַט־אַט רייסט ער זיך אײַנגאַנצן אָפּ און פאַלט קאָפּ־אַראָפּ, מיט די אַפּצאַסן צו די בלעטער־קרוינען... אַ מורא׳דיקער געשריי קויקלט זיך אים צו פון אָפּגעשטאַרבענעם האַרצן צום האַלז. נאָר ער דערשטיקט אים מיט צוזאַמענבייסן די ציין און זוכט מיט פאַרציטערטע הענט און פיס אַ באַקוועמערן אָנהאַלט. ער איז אָבער פאַרטומלט פון שרעק און בלינד פונם געדיכטן בלעטער־שלייער. און דאָ שטערט נאָך ניסקע מיט זײַנע אומגעלומפּערטע קולות. יענער איז שוין גאַנץ ווייט פון פּלאַנקן, איז ער בײַ זיך זיכער און זשאַלעוועט ניט דעם האַלז:

— משה׳קע, שפּרינג אַראָפּ! משה׳קע, שפּרינג אַראָפּ!

ברענען מעג ער מיט זײַנע גוטע עצות! גיי שפּרינג מיטן קאָפּ אויף צוריק און לאָז נאָך דערצו איבער אַ האַלבן אַרבל אויף די טשוועקעס!

ב

אין דער דאָזיקער מינוט פון פאַרבלענדעניש און צאַפּלעניש און פאַרצווייפלונג, האָט אַפילו משה׳קע ניט דערהערט ווי מען שטעלט צו אַ לייטערל אויף יענעם זייט פּלאַנקן. ער האָט נאָר אויפגעריסן אַ פּאָר אויגן און אַ

געשריי־געטאָן, ווען צווישן די גערדיכטע גירליאַנדעס מיט ניט־צייטיקן אויבס איז אַרויסגעוואַקסן אַ צוגעקעמטער קאָפּ, וואָס גלאַנצט פון פּאָמאַדע און אַ חוצפּה׳דיקער געזונטער פּנים מיט טונקעלע באַקנבאַרדן. ערגעצוואו האָט ער שוין אַמאָל געזען אַזאַ קאָפּ... נאָר וואו?

מ׳האָט אים אָבער ניט געגעבן צייט צו דערמאָנען זיך. אַ יונגע שטאַרקע לאַפּע איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ ווייסן מאַנזשעט, אָנגעכאַפּט אים ביי זיין דאַרער פּלייצע און אים אַ טרייסל געטאָן ווי אַ לולב.

ניט־קוקנדיק אויפן טיפן שרעק איז משה׳קע כמעט ווי געווען דאַנקבאַר דער ברוטאַלער האַנט, וואָס האָט אים אין ריכטיקן מאָמענט גערעטעוועט פון דער געפאַר אָפּצורייסן זיך פון רעשט אַרבל און אַראָפּפאַלן מיטן קאָפּ אויף צוריק אין קראָפּעווע אַריין.

— ווועמענס ביסטו?

אַצינד דערמאָנט זיך משה׳קע. ער דערקענט זיין אַלטן שונא... דער קול, די באַקנבאַרדן, די פּאַרשטשירעטע ווייסע ציין. ס׳איז אויך אַ משה׳קע. זאַווע דעם מילנער׳ס בנ׳אַק, וועלכער האָט זיך אַמאָל געהלומעט איבער אים און איבער דער מומע שצערען, אַריבערשרייענדיק דעם גערויש פון דער הרעבליע... אין הארצן האָט ער זיך אויך היינט געשראָקן פאַר אים, נישט געוואָלט דראַפּען זיך אויפן מילנער׳ס פּלאָנקן. און אָט! ניט אומ־זיסט געשראָקן זיך. דער בייזער חלום איז מקוים געוואָרן...

— אַ־נו! — שטשירעט זאַווע׳ס בנ׳אַק די גרויסע ציין — דו רעדסט, צי ניט?

— קי—קיווע׳ס... — שטאַמלט משה׳קע און באַפרייט דערווייל פאַר־וואַלינקע דעם צעריסענעם אַרבל פון די טשוועקעס. די צעקראַצטע הויט פון אָרעם טוט אים ווי, און משה׳קען דאַכט זיך, אַז ניט די הויט, נאָר דער געוואַלד־ריס פון אַרבל טוט וויי, אַז דער צעריסענער שבת׳דיקער גאַר־ניטערל גופא שמאַרצט און ברענט ווי פייער...

— קיווע׳ס? — פרעגט איבער דער חוצפּה׳דיקער קאָפּ צווישן בלע־טער — דעם לעקעכמאַכער׳ס?

און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער צעהירזשעט ער זיך, דעם מילנער׳ס תכשיט. די האַנט איבער משה׳קעס פּלייצע פאַרקלעמט ער נאָך שטאַרקער און שרייט אַראָפּ אין סאָד אַריין:

— הינדע, דו הערסט? קיווע׳ס „ממזר"...

— לאָז אים, לאָז אים! — בעט זיך אַ מיידלשער קול פון סאָד אַרויס — אַן עסק האָסטו מיט די פּאָר באַרעלעך...

דערפילט משה׳קע, אַז אַצינד איז געקומען די ריכטיקע צייט פון דער־וועקן רחמנות. די מיידלשע זינגענדיקע שטים צענעמט אים. הייבט ער זיך אָן וואַרפן ווי אַ געפאַנגען פישל, און צעקלאָגט זיך הויך אויפן קול:

— זעט, זעט! לאָזט מיך!... לאָזט מיך אָפּ...
זאַוועס בן־יחיד האָט אָבער קיין רחמנות ניט.
— „פּערוּוים דיעלאָם!" — זידט ער דורך די ציין — דאָס היטעלע!
און רייסט משה'קען אַראָפּ דעם טיף־אַנגערוקטן קאַשקעטל און וואַרפט אַראָפּ אין סאָד אַריין. משה'קעס געקרויזטע און גאָלד־רויטע האָר שפּרינגען אַרויס ווי אַ פלאַם און ברענען רויט צווישן די גרינע בלעטער, ווי אַ וואָר־נונג... נאָר דעם מילנער'ס בן־יחיד אַרט דאָס ניט. אדרבא, די רויטע האָר פון קיוועס „ממזר" דערמאַנען אים, ווי דער טאַטע האָט אים אַמאָל גע־זידלט אין מיל פאַר טשעפּען זיך מיט אָט דעם שנעק... פאַרקריצט ער די הינטישע ציין נאָך שטאַרקער און מאַכט אַזוי:
— ווטאַראַיע דיעלאָ — אין באָק!
און לאָזט משה'קען, מיט דער פרייער האַנט, אַראָפּ אַ פּאַטש, אַז פונקען צעטאַנצן זיך פאַר זיינע פאַרוויינטע אייגלעך און ביידע אויערן ווערן אים פאַרקלונגען.
—טרעטיע דיעלאָ — גיי קאָ ווסיעם טשערטיאַם! (און דריטנס — גיי צו אַל־די שוואַרץ־יאָר!).
שפּריצנדיק אַזוי מיט רוסיש, ווי אַ האַרבער שופט ביים אַרויסגעבן אַ פּסק־דין, הייבט אים זאַוועס בנ'אָק אויף אָביסעלע העכער, וויגט אים איין רגע'לע איבערן תהום און לאָזט אָפּ די פאַרקלעמטע האַנט, ניט קי־מערנדיק זיך אפילו צי משה'קע וועט זיך ברעכן האַלז־און־נאַקן צי ניט.
משה'קע איז אָבער פלינק. די פּלוצלעכע געפאַר איינגאַנצן גע'ניזוק'ט צו ווערן פאַרשאַרפט זיינע חושים. אין פליען אַראָפּ־פלאַנקן דרייט ער זיך אום און פאַלט, ווי אַ יונגער קאָטער, אויף אַלע פיר. דאָס שוואַכט אָפּ דעם קלאַפּ. נאָר אַ ווייטיק אין איין קני פילט ער פאָרט און איין באַק איז אים ווי אָפּגעסמאַליעט פון קראָפּעווע.
ער בלייבט אַזוי שטיין ראַקאַם און קלאָגט אַ דערנידעריקטער, אַ גע־פּאַטשטער, מיט אַ ווייטיק אין קני און מיט אַ סמאַליען אין פּנים, אַז אַ היטעלע אויפן קאָפּ. ניסקע, זיין פאַרפירער, טרעט צו אים פּאַוואָליע צו, אַ פאַרשעמטער, אַ שולדיקער. ער פּרוּווט אים טרייסטן — זיין פאַראומ־גליקטן חבר'ל פון זאַוואָלעק... אָבער משה'קע שפּרינגט אויף און גיט אים אַ בריק מיט ברוגזנדיקן כעס: „אַוועק!"... און זעצט זיך צוריק אונטערן פּלאַנקן און קלאָגט. ער איז פעסט אַנטשלאָסן ניט אָפּצוטרעטן, ביז ער וועט ניט באַקומען צוריק זיין קאַשקעטל. וואָרים לויפן אַהיים דורך אַלע יידישע גאַסן, אום שבת, מיט אַנטבלויזטע רויטע האָר, איז אַ סך פיינלעכער ווי לויפן מיט אַ פלאַם־פייער אויפן שאַרבן... גאַנץ שטאָט וועט דאָך דערקענען וואָס מיט אים איז געשען און וועט אים אויפהייבן „נאָ־אורא"... זיצט ער דערפאַר און יאָמערט מיט אַנגעדראָלענע ליפּן:
— מאַ—מאַ — מיין הי—יטל! אוי, אוי, מיין היטל.

דער חוצפה'דיקער קאָפּ מיט די באַקנבאַרדן און ווייסע ציין באַווייזט זיך ווייטער איבערן פּלאַנקן, צווישן די קאַלירטע גירליאַנדעס פון אומ־צייטיקע אויבס און בלעטער. דער געמיינער קול פון זאָווע'ם בן־יחיד וואָרנט:

— עי, ממזר! וואָיעסט נאָך דאָ? מיט אַן עמער פּאָמינעס וועל איך דיך באַלד אָפּגיסן!...

און באַלד נאָך דער גרויסער זידלעריי זינגט אויף אין גאָרטן די פריער־דיקע זיסע שטים, ווי אַ גרויסער פויגל פון נעסט זינגט זי. הינדע'ס שטים אָפּנים:

— משה, הער שוין אויף! מ—שה!

אַזאַ נייער געמיש, פון זודיקער באַליידיקונג און פון דער מחיה'דיקער מיידלשער שטים, ווירקט אויף משה'קען גאָר מאָדנע. עס צערייצט זיין צעטראָטענעם האָנאָר. אַן אַ שום איבערגאַנג פון שוואַכקייט צו גבורה, שפּרינגט ער אויף, כאַפּט אַ שווערן שטיין און גיט אים אַ שליידער איב־דערהייך פון פּלאַנקן. דעם מילנער'ס בן־יחיד טרעפט ער ניט, אָבער יענעמס קאָפּ פאַרשווינדט ווי דורך אַ כישוף. נאָר משה'קע האָט זיך שוין צעברענט און לאָזט ניט אָפּ. שטיין נאָך שטיין וואַרפט ער איבערן פּלאַנקן און זידלט זיך הויך אויפן קול מיט אַ קוויטשעקל. אים אַרט אפילו ניט וואָס זיינער אַ שטיין קאָן טרעפן אין אַן אַנדער קאָפּ, דער גוטינקער הינדען אפשר... ער איז איצטער אריין אין אַ מין שיכור'ער הפקרות און אים איז אַלצאיינס. איין משפחה'לע — אַ רוח אין זייער בײדנס טאַטן אריין!...

אין סאָד ווערט אַ געפּילדער און אַ גרויס געשריי, און משה'קע האַלט אין איין וואַרפן שטיינער איבערן פּלאַנקן. ער שליידערט און שרייט מיט שוים אויפן מויל:

— כאַליערעס!... מיין היטל!... אַלע שויבן וועל איך אייך אויסשלאָגן!...

דערזען אַזאַ גבורה — פאַרשעמט זיך ניסקע פאַר זיין פּחדנות און קומט זיין פאַראומגליקטן חבר'ל צו הילף. ביידע באָמבאַרדירן אַצינד מיט שטיי־נער דעם הויכן פּלאַנקן, די אויבס־ביימער, דעם טיפן סאָד... ניט־צייטיקע פלוימעלעך און בארעלעך שיטן זיך אַצינד איבערן פּלאַנקן, ווי צעריסענע שנירלעך קרעלן, און ביידע חברה־לייט רירן זיי אפילו ניט אָן. אוועק די זשעדנעקייט. אַ שטאַרקערער געפיל האָט זיי אַרומגעכאַפּט. אין ביידן ברויזט אַ ווילדע נקמה אָפּצורעכענען זיך מיטן צעװישעטן מילנער'ס בן־יחיד, פאַר שלאָגן זיך און פאַר די בזיונות איבער עטלעכע בארעלעך... זיי מוזן מיט אים אויסגלייכן דעם חשבון — איינמאָל פאַר אַלעמאָל!...

אַרומגעזען האָבן זיי זיך ערשט דאַמאָלסט, ווען פון הינטערן פּלאַנקן, מיט אַ גרויסן שטעקן אין האַנט, איז אַרויסגעלאָפן דעם מילנער'ס בנ'אָק און געטומען יאָגן זיך נאָך זיי, ווי אַ ריז נאָך קאַרליקלעך... ניסקע איז געווען גרעסער און פרישער, אים איז דערפאַר באַלד געלונגען צו אַנטלויפן פון דער

נייער סכנה. משה'קע איז געווען יינגער און מאטער, זיין קני האט נאך שטארק ווי געטאן און זיין ליב איז געווען צעשלאגן און איבערגעהיצט. האט ער באלד פארלארן דעם אטעם, אנידערגעפאלן און באהאלטן דעם נאקעטן קאפ צווישן די ארמעס, ווי א שטרויס־פויגל באהאלט דעם קאפ אין זאמד, ווען דער אומ'ברחמנות'דיקער יעגער יאגט אים אן... דער דיקער שטעקן האט זיך שוין געווען צעפאכעט; אט־אט לאזט ער זיך אראפ איבער זיין צוזאמענגעקארטשעטן רוקן...

נאר ס'איז געשען א נס. א נייער אומבאקאנטער קול האט זיך פלוצלינג צעברומט אין דער נאענט, און דער שטעקן איז געבליבן הענגען אין דער לופטן.

— שארלאטאן! — האט דער קול נאכאמאל א ברום געטאן, אצינד הארט לעבן משה'קען.

געדעוועט האט דאס זאווע דער מילנער. פון מנחה־דאווענען צו „שלש־סעודות" איז ער אנגעקומען און דערזען ווי זיין בנ'אק יאגט זיך מיט א גרויסן שטעקן נאך צוויי קליינע יינגלעד. דער דיקער בויך האט אים ניט דערלויבט צו פארלויפן זיין צעיושעטן בן־יחיד דעם וועג. ער האט אבער באוויזן אנצוכאפן אים ביים ארעם אין דער לעצטער רגע. א האלב־אפגע־שטארבענער האט משה'קע דערהערט איבער זיך דעם קייכנדיקן אטעם פון זיין באשיצער:

— א קינד שלאגן?... דו, שארלאטאן!... א קינד מיט א שטעקן גאר?

— א „קינד"... — קרימט איבער דער בן־יחיד — צו גנב'ענען בארעלעך האט דאס „קינד" געגוג כוח... ס'איז קיווע'ס „ממזר"...

— וואַ־אַ־אַם? — צערעוועט זיך ווייטער דער באסאווער קול פון באַ־שיצער.

ליגנדיק אויף דער ערד באפט משה'קע א קוק פון צווישן די ארעמס, ווי א חיה'לע פון נארע ארויס. ער ווייסט ניט וועמען מיינט מען דאס מיטן רעווענדיקן „וואס". אים אליין, צי דעם דערוואקסענעם משה'קע... דערזעט ער ווי זאווע'ס דיקער פנים גיסט זיך אן מיט בלוט, דער שווערער גוף און שבת'דיקער סורדוט ציטערט פאר כעס. און פלוצלינג גיט דעם מילנער'ס האריקער קולאק א שטוים דעם בן־יחיד אין הארצן. דער צעפיעסטשעטער בן־יחיד גיט אזש א שלוקערץ פון פלוצלעכקייט און שפרינגט אפ אויף הינטן... באלד נאכדעם בייגט זיך איין איבערן צעשראקענעם משה'קען א ברייטע בארד ווי א גרוי־ברוינע פאמעלע; דער אנגעגאסענער פנים ווערט נאך רויטער, כמעט בלוי, ווי דער קראפ פון אן אינדיק נאכן שלאגן זיך מיט א צווייטן אינדיק. פון דעם אקארשט צוזאמענגעפרעסטן האריקן קו־לאק ווערט א ווייכע לאפע, און די לאפע גיט אים ציטערדיק א גלעט איבער די פלאמנדיקע קוטשעראווע האר. פון דעם לייבן־קול ווערט א שעמעוודיק שעפטשען:

— ביסט טאקע... קיווע'ס?

אזא איבערגאנג פון בייזער הארטקייט צו ווייכקייט צענעמט משה'קעס פארבּיסנקייט. ער צעוויינט זיך און דערציילט עפּעס... ער ווייזט אַז אויפן קאָפּ... דאָס היטעלע האָט מען אים אַראָפּגעכאַפּט, אַראָפּגעכאַפּט און גע־געשלאָגן...

זאַזווע גלייכט זיך אויס און שרייט נאָך דעם בן־יחיד זיינעם:

— שאַרלאַטאַן! אַט שוין זאָלסטו אים אָפּגעבן דאָס היטעלע!...

— זע נאָר, זע נאָר!... — רייצט זיך דער בן־יחיד מיטן טאַטן און טרעט פונדעסטוועגן אָפּ וואָס ווייטער אויף הינטן — וואָס קאָכסטו זיך אַזוי?... געפונען פאַר וועמען איינשטעלן זיך... פאַר קיווע'ס ממזר...

— דאָס היטעלע! — רעוועט זאַזווע נאָך העכער, און טופּעט מיט די פיס — דו הערסט צי דו הערסט ניט?

— נעכטן — טרעט אָפּ דער בן־יחיד אַלץ מער אויף צוריק — נעכטן, אַז אַן אַנדער יינגעלע האָט ביי אונז געטרייסלט באַרעלעד האָסטו זיך פאַר אים אַ האָר ניט איינגעשטעלט... האָסט געזען ווי מ'האָקט אים אַז אַ הינטער־חלק און געשוויגן...

— שווייג, דו מופקר! — גיט זאַזווע אַ ברום, אָבער שוין אַ סך שוואַכער, פאַרשעמטער. ער קערט אפילו אָפּ דעם קאָפּ אַן אַ זייט.

— מ'וואָלט געקאָנט מיינען — שטשירעט דער בן־יחיד אויס זיינע ווייסע ציין — מ'וואָלט געקאָנט מיינען, אַז... כאַ־כאַ־כאַ, אַז ס'איז אויך דיינער אַ משה'קע...

זאַזווע'ס רויטער פּנים ווערט אַצינד אינגאַנצן בלאַס. ער בורטשעט נאָר אין זיך און ווייזט דעם אַנטלאָפענעם בן־יחיד אַ קולאַק.

אין אַ מינוט אַרום פליט אַ צעקנייטשט קאַשקעטל איבערן הויכן פּלאָנקן. זאַזווע אַליין איז זיך מטריח, הייבט אים אויף פון גראָז און טוט דאָס אַז משה'קען אויפן קוטשעראַוון גאָלד־רויטן קעפּל. ער פּעטשלט אפילו אונטער משה'קען אין אויסגעמאַטערטן רוקן:

— נו, נו, יינגעלע! וויין ניט. גיי אַהיים!

איכ׳ל זײַן אַ גנבֿ!...

א

פון דער ניט־געלונגענער עקספּעדיציע נאָך אומציטיקע בארעלעד, האָט זיך משה׳קע קיווע׳ס אומגעקערט איינער אַליין, מיט אַ צעריסענעם אַרבל, מיט אַ צעהאַקטער קני און מיט אַן אָפּגעצערט פּנים׳ל. די פּאַרטריקנטע טרערן האָבן זיך געצויגן ווי ברודיקע פּאַסן איבער זיינע פאַרשטויבטע בעקלעך, און די אויגן האָבן געבלאַנדזשעט. ניט־קוקנדיק אויפן גוטן אויסגאַנג פון די גרויסע סכנות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אויף דער סאַמע הייד פון זאַווע׳ס פּלאַנקן און אונטערן פּלאַנקן, איז ער געווען צערייצט און צעזאָטן. דאָס האַרץ האָט אין אים געקאָכט ווי אַ קעסל. שוין צום צווייטן מאָל ווי ער ווערט אַזוי בלוטיק באַליידיקט פון זאַווע׳ס תכשיט — אויך אַ משה׳קע. אָבער גאָר אַן אַנדער סאָרט משה׳קע! אַן אויסגעפּאַטשעטער, אַ צעיושעטער, אַ הפקר׳דיקער... וואָס האָט ער זיך אויף אים אָנגעזעצט, אָט דער באַיבאַק מיט די באַקנבאָרדן? פאַרוואָס הלומעט ער זיך איבער אים אַזוי הויך אויפן קול?... מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז עס פּאַרדריסט אים מורא׳דיק, וואָס ער, קיווע׳ס האָדולניק, הייסט אויך משה׳קע... און טאַקע! ווי האָט דאָס אַ העזה אַ „ממזר", אַ געפונענער אין שנײַ, צו אָנרופן זיך מיטן זעלבן הייליקן נאָמען ווי דעם מילנער׳ס בן־יחיד?... ניט אַנדערש אַז ד אָ ס פאַרדריסט אים... ווען ניט זאַווע׳ס רחמנות, וואָלט ער היינט געמוזט קומען אַהיים אַן אַ היטעלע אויך...

מיטן ערשטן שטערן טרעט משה׳קע אַריין אין קיווע׳ס שטוב. אין שטוב איז פינסטער. און אין דער פינסטערניש ציט זיך מומע שצערע׳ס אומעטיקער ניגון:

„גאָט פון אַברהמ׳ען, פון יצחק׳ן און פון יעקבֿ׳ן..."

די שבת׳דיקע רואיקייט האָט זיך נאָך אינגאַנצן ניט אויסגעוועפּט פון שטוב. און מומע שצערע ציט אָפּנים אומישנע די האַלב־וואָכעדיקע, האַלב־שבת׳דיקע ווערטער, כדי אויסצוציען די מנוחה וואָס לענגער. פאַר די ווייסע פרענזן פון איר מלכות׳דיקן קלייד האַלט זי די מלכה־שבת, זי זאָל נאָך ניט אַוועקגיין... אַלעמאָל האָט אָט דער מוצאי־שבת׳דיקער ניגון פאַר־

בישופ׳ט משה׳קעס האָרץ. היינט — נ י ט. היינט האָט זיך אים אויס־געדוכט, אַז די מומע שצערע פּיעסטשעט זיך און שפּילט אין באַהעלטערלעך מיט דער מנוחה וואָס גייט אַוועק. אַנגעלייענט זיך „טייטש־חומש" ווי אַ פּויק, און אַצינד זינגט זי נאָך. עס זינגט זיך איר... זי ווייסט אַ האָר ניט און וויל ניט וויסן וואָס אים — איר האָדולניק — איז אויסגעקומען אויס־צושטיין פאַר היינטיקן טאָג... אָ, יאָ! ס׳איז אַ גרויסער ליגן! דער „מור־מען" אַזוי ווי דעם „פעטער" אַרט אַ האָר ניט פאַר אים. זיי האָדעווען אים נאָר מיט זיסע פּלעצלעך אין שטוב און מיטן רבינ׳ס קאַנטשיק אין חדר — מער גאָרניט. אויף א י ם א ל י י ן קוקן זיי זיך ניט אום.

מיט אַ קורצן אָטעם, ווי אַ פאַריאָגטער הונט, און מיט בייזע פאַרדאַכטן גייט משה׳קע אָן אויף שצערען אין דער פענסטער:

— זאָג, זאָג!... ווער איז מיין מאַמע?

שצערע בלייבט אַ רגע׳לע שטיין אינמיטן געבעט.

— וואַ־אַ־אַ? — רייסט זיך ביי איר אַרויס אַ ברומיקע פראַגע, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ קוויטש. נאָר באַלד פאַרכאַפּט זי זיך. „נו, אָה!"... — מאַכט זי אויף שטום־לשון. ס׳הייסט: זי קען ניט איבעררייסן איר געבעט פאַר אָנצינדן פייער.

אָבער משה׳קע טרעט צו נאָך בייזער. ער קריצט אַזש מיט די ציין פאַר אומגעדולד:

— נו, אָה... — קרימט ער איבער — מ י י ן מאַמע ווער איז?

— איך בין דיין מאַמע! — דערשרעקט זיך שצערע.

— אַ ליגן! — שרייט משה׳קע היסטעריש — אַלע לאַכן פון מיר!

מיט נערוועזישע הראַבליע־הענט שאַרט שצערע אין דער פענסטער. זי זוכט אַ שוועבעלע:

— מיט בלוט, רבונו־של־עולם, און מיט אייטער זאָלן זיי לאַכן...

— זאָלסט מיר זאָגן! — שרייט משה׳קע ווי אַ באַנומענער — אַז ניט, וועל איך... איך וועל... או־או־או!...

— וואָס וועסטו, זונעלע?

— זאָווע׳ס שטוב וועל איך אונטערצינדן!...

אַנשטאָט שאַרן נאָך אַ שוועבעלע, כאַפּט שצערע אַרום משה׳קעס קאָפּ אין דער פענסטער און פאַרמאַכט אים, מיטביידע דלאָניעס, דעם קייכנדיקן מויל:

— משה׳נקע, וואָס רעדסטו?

— כ׳וועל ריידן! — רייסט זיך משה׳קע אַרויס פון אירע הראַבליע־הענט.

— קיווע זאָל דאָס דערהערן...

— כ'וועל זאָגן קיווען אויך!...

— משה'קע! וועגן אַ טאַטן?...

— ער איז ניט מיין טאַטע!

—משה'קע, משה'קע! — לויפט שצערע נאָך נאָך איר האָדולניק אין דער פינסטער. זי שלאָגט זיך אָפּ אָן טיש. זי קערט איבער אַ שטול.

אָבער משה'קע אַנטלויפט פון איר און שרייט:

— איכ'ל... איכ'ל זיך שמד'ן!

— ביסט היינט פון זינען אַראָפּ, משה'קע? לאָז, איכ'ל דיר אַ טאָפּ טאָן דעם שטערן...

— אָדער איכ'ל זיין אַ גנב! — שרייט משה'קע — אַ גנב ווי פּראַיקע וועל איך ווערן!

שצערע איז שטיין געבליבן אינמיטן פּלאָנטערן זיך אַרום טיש, צווישן די צערוקטע שטולן. דער סטראַשונעק צו ווערן אַ גנב ווי פּראַיקע האָט זיך אָנגעהערט ממשות'דיקער, וואָגיקער. ס'איז עפּעס ניט אַזוי גלאַט אַ סטראַשונעק ווי שמד'ן זיך, אָדער אונטערצידן... דאָס האַרץ איז איר פּלוצלינג שוואַך געוואָרן, די אויסגעצויגענע אָרעמס — אָפּגעשטאָרבן. האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן ערשטן בעסטן שטול און זיך צעוויינט, ווייבעריש-אומגליקלעך, מיט קורצע און טיפע שלוכצן.

פון אַזאַ פּלוצלעכן איבערגאַנג, פון וועלן אים באַרואיקן, צו ביטערן געוויין, איז משה'קען געוואָרן אַביסל קאַלעמוטנע. און ווער ווייסט? ער וואָלט אפשר חרטה געקראָגן אויף זיין גראָבקייט און וואָלט צוגעגאַנגען צו שצערען איבערבעטן זי. נאָר דאָ האָט זיך אויפגעריסן די טיר און אַן אָטעם געטאָן מיט פרישער קילקייט פון זאַוואולעק און מיט וואָכעדיקייט. קיווע איז אָנגעקומען פון מעריב דאַוונען. נאָר ער האָט אָפּנים ניט דער-וואָרט אַזאַ פינסטערניש אין שטוב.

— אַ גו...גוט וואָך! — האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט — קיין פייער ניט אָנגעצונדן?

קיינער האָט אים ניט געענטפערט. משה'קע האָט זיך פאַרטייעט. שצערע האָט דערשטיקט איר געוויין.

— שצערע, דו? — האָט זיך קיווע גענומען צוהערן — וואָס טוט זיך דאָס דאָ?

און נאָך איידער שצערע האָט באַוויזן אויסצוטריקענען אירע טרערן האָט שוין קיווע אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און באַלד נאָכדעם אַ חלב'נע ליכטל.

ב

ביים ערשטן פלאַטערדיקן בלענד־שיין פון ליכטל האָט קיווע דערזען אַ מאָדנע סצענע: שצערע זיין ווייב זיצט איינגעבויגן אויף אַ נידעריקן שטול און בליפּעט שטילערהייט, און משה'קע שטייט אָנגעלענט אין אַ ווינקל און פּינטלט. די רויטע האָר זיינע זיינען ביי אים צעשויבערט און דער גאַרניטער ניט אין אָרדנונג, און זיין אָנגעשטרענגטער פּנים האָט דעם שאַרפסטן אויסדרוק פון אַ יונגאַטש, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ מעשה... די צערוקטע שטולן אַרום טיש און דער איין אומגעוואָרפענערביינקל האָבן נאָך צוגעגעבן אַ באַזונדער גרונט דעם גאַנצן בילד.

מיט דעם וואַכעדיקן חוש, וואָס פאַרשאַרפט זיך ביי יידן שבת נאָך מעריב, האָט קיווע דערשמעקט, אַז שצערע וויינט דאָס צוליב דעם האָדולניק. די גאַנצע וויסטע סצענע אין שטוב, אויף דער פּולער וואָד, האָט אים אויך צערייצט, אַבערגלויבש צערייצט: „נאַ, נאַ! מען הייבט שוין אָן צו האָבן דעם אמת'ן נחת פון תכשיט!"

— וואָס איז דאָס? — גיט ער שטיל אַ פרעג, ניט צו שצערען, ניט צום האָדולניק געווענדט.

ער כאַפּט זיך צום פּאַסעק פון די הייזן און סאָפּעט מיט דער נאָז:

— קיין הבדלה־ליכט אפילו ניט אָנגעגרייט? קיין וויין אויפן טיש?

שצערע גיט זיך אַ הייב אויף און רייבט זיך די אָנגעשוואָלענע אויגן. זי וויל דעם מאַן האָווירן און משה'קען וויל זי אויך ניט באַשולדיקן, און איז אינגאַנצן צעטומלט פון קיווע'ס פּלוצלעכן אַריינפאַלן אין שטוב מיט זיין „גוט־וואָך" און מיט זיין באַלעבאַטישער שטרענגקייט.

לאָזט אויס קיווע זיין האַרץ צום האָדולניק:

— דו! וואו ביסטו דאָס געווען?

משה'קע שווייגט.

— וואו ביסטו דאָס געווען? פרעג איך! — טרעט צו אים קיווע צו.

זינט מ'האָט משה'קען אַריינגעגעבן אין קצב'ישן חדר, צו אַ רבי'ן אַ „קאַט"*) איז קיווע אויך אַ סך שטרענגער געוואָרן. עפּעס ווי ער וואָלט געוואָלט אונטערשטיצן דעם מלמד'ס שיטה, משה'קע זאָל צו שטאַרק ניט פילן דעם גרויסן אונטערשייד צווישן היים און חדר... און אפילו אַצינד, אין אַזאַ שווערער מינוט, אַנשטאָט אָפּצוואַרטן אַ ווײַלעטשקע ביז אַלע וועלן זיך באַרואיקן, אַנשטאָט פאַנאַנדערצופרעגן וואָס דאָ איז געשען, כאַפּט ער אַז משה'קען פאַרן גאַרניטער און טרייסלט אים:

*) אַ תליון, ספּעציעל אויף שמייסן.

— מען פרעגט דאך עפעס ביי דיר!

אזא אומגעלומפערטן מיטל אויפצוקלערן די צערודערונג אין שטוב האט שוין שצערע ניט געקענט פארטראגן. זי האט זיך א ריס געטאן צו קיווען און אנגעכאפט אים ביי אן ארעם:

— לאז אים שוין, לאז אים!

אבער קיווע האט שוין באמערקט, אז משה'קעס ארבל איז צעריסן, קוים־קוים וואס ער האלט זיך אויף עטלעכע פעדעם ביים איילנבויגן.

— און דאס וואס איז? — שרייט ער נאך שטארקער.

משה'קעס בלויע אויגן לופען זיך אוים מיט א מאדנעם אויסדרוק פון צו־להכעיס, מיט א ווילדן גלאנץ פון א פאריאגטן אמת־זוכער, וואס שפרינגט אין פייער אריין, אויף קידוש־השם.

— כ'האב גע'גנב'עט בארעלעך! — רעדט ער רואיק, כמעט שטילערהייט, און שטעכט דורך קיווען מיט זיין קוק.

קיווע טרעט אפ אויף הינטן. א קוק אויף משה'קען, א קוק אויף שצערען. זיין קול ווערט פלוצלינג הייזעריק:

— דו הערסט וואס דיין תכשיט זאגט?

— מיינער אזוי ווי דיינער! — זידט שצערע ווי א שלאנג — לאז אים, לא־אז אים!

— לא־אז אים? — קרימט קיווע איבער — פאר אזא זאך לאזן אים?

ער כאפט זיך צום פאסעק פון די הויזן און סאפעט מיט דער נאז:

— וואַרט, וואַרט! איך וועל אים שוין באלד לאזן, וועל איך!...

מיט בולטע אויגן און מיט אן אפלאכערישן פונקל אין פארשטארטן קוק גלאצט משה'קע און רירט זיך ניט פון ארט. זיינע קוטשעראווע האר רייסן זיך ווי א פלאם־פייער פון אונטער זיין פארשארטן היטעלע.

קיווע גיט א הייב דעם באפרייטן פאסעק... און דא געשעט א מאדנע זאך. ווי א משוגענער הינטל גיט משה'קע א שפרונג קיווען אין די אויגן.

— איר! — שרייט ער — שמייסט זיך ניט! איר זענט ניט מיין טאטע! מיטן פאסעק אין האנט, מיט א גולמ'שן אויסדרוק און מיט אן אפענעם מויל בלייבט קיווע שטיין א ווייל־עטשקע; דערנאך קומט ער צו זיך און גיט א רעווע ווי אן אקס:

— וואַ־אַ־אַס?

— וואס? — קרימט משה'קע איבער — א ממזר בין איך. א ממזר!... און... אונטער... אונטער...

ער וויל נאָך אויסשרייען, אַז מען האָט אים געפונען אונטער אַ גאַנעק, נאָר ער דערשרייט ניט. דער מומע'ס אויסזען נעמט אים אָפּ דעם לשון.

זי איז אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן, שצערע. אויף אַזאַ וואַנדלונג אין מוסר־זאָגן דעם האַדולניק האָט זי זיך בשום אופן ניט גערעכט. צוויי פאַרשידענע עלטערס, צוויי האַנאָרס — אַ ווילד־יונגער און אַן אַלטער איינגעשפּאַרטער האַנאָר — האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעקנוילט ווי די שלאַנגען. און כדי פאַרנאַנ־דערקניפּלען אַט דעם לעבעדיקן געפּערלעכן פּלאָנטער, האָט זיך שצערע אַראָפּגעלאָזן אויף די קני, ווי בשעת כורעים־פאַלן, און אָנגעכאַפּט איר האַדולניק ביי זיינע מאָגערע לענדן.

— משה'נקע, מייז... זון!... — אַזוי שעפּטשעט זי מיט אָפּגעשטאָרבענע ליפּן. — וואָס רעדסטו? זע, זע!...

און פּלוצלינג קריגט זי צוריק איר כוח און איר קול פון אַ באַלעבאָסטע אין שטוב. זי שטייט אויף אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ גיפטיקע, און אירע הראַבליע־הענט ציען זיך ווי צוויי אויפגעעפנטע צוואַנגען צו קיווע'ס באָרד.

— גזלן, רצחן! — שרייט זי — וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צום קינד? זעסט ניט וואָס עס טוט זיך מיט אים?

— קי־ינד? — קרימט איר איבער קיווע; דאָס וואָרט „קינד" צערייצט אים נאָך מער. — איך וועל דיר באַלד ווייזן וואָס מען טוט מיט אַזאַ קינד!

מיט אַ פריש־אויפגעברויזטן כעס צעפּאַכעט קיווע זיין אַראָפּגענומענעם פּאַסעק. אַ פאַרבלענדעניש און באַטויבעניש רינגלען אים אַרום. ער זעט ניט משה'קען, ער הערט ניט שצערע'ס געשרייען, אַרויף און אַראָפּ גייט דער פּאַסעק און רעכנט זיך מיט אימיצן אָפּ... ער רעכנט זיך אָפּ פאַר דער צערודערונג אין שטוב פאַר הבדלה־מאַכן, פאַר דער מורא אין האַרצן, אַז אַזאַ קריגעריי מוצאי־שבת וועט זיך אָפּרופן אויף דער קומענדער וואָך... שמיץ ווי האָגל פאַלן אויף משה'קעס פּלייצעס — אַ מיאוסע זאַך, וואָס קיווע האָט נאָך קיינמאָל ניט געטאָן מיט זיין האַדולניק. און דאָס מיאוסטע דערפון איז דאָס, וואָס משה'קע אַנטלויפט ניט פון די שמיץ, נאָר ער בייגט זיך אַלץ מער און מער... און גאָר פּלוצלינג גיט ער היסטעריש אַ געשריי און אַ פאַל אויף אַ זייט. מיט איין האַנט, דערנאָך מיט ביידע הענט, הייבט ער אָן צו גראַבלען ווי אַ מטורף אין די קעשענעס, האַסטיק שלעפּט ער אַרויס ניט־צייטיקע באַרעלעך און פּלוימעלעך און וואַרפט זיי אויף דער פּאָדלאָגע. אַ שלעפּ און אַ וואַרף, אַ שלעפּ און אַ וואַרף. עס איז דאָס איי־גענע ביסל אומצייטיקע אויבס, וואָס ער האָט היינט באַוויזן אָנצורייסן אין זאַווע'ס סאָד איבערן פּלויט, איידער מען האָט אים דאָרטן געכאַפּט.

— נאָט אייך! — שרייט ער און וואַרפט — נאָט אייך, אַלץ! טאַקע גע'גנב'עט! אַלץ גע'גנב'עט!...

די ווילדע חוצפה פון אזא נייז־יאריקן שנעק דערשיטערט קיווען. ער בלייבט ווייטער שטיין מיטן פאסעק אין האנט און מיט אן אפענעם מויל. נאר משה'קע ווארט שוין מער ניט אצינד ביז קיווע וועט קומען צו זיך. ווי א שרעטעלע שפרינגט ער אויף, שטעלט זיך אוועק, גיט א ריס־אפ און א ווארף צו קיווע'ס פיס דעם צעריסענעם אראפגעהאנגענעם ארבל. עס איז א מין שטומע ארויספאדערונג צום קאמף אויף לעבן און טויט:

— א גנב וועל איך טאקע זיין! א גנב!

שצערע כאפט אים אן ביי א פאלע. נאר משה'קע רייסט זיך ארויס פון אירע הראבליע־הענט און לויפט צו דער האלב־אפענער טיר. ער גיט זי א פראל־אויף און, אומדרייענדיק זיין צעהיצטן פנים צו דעם אלטן פאר־פאלק שרייט ער אוים נאך אמאל:

— איכ'ל זיין א גנב! אט דווקא!

און אנטלויפט אין דער נאכט אריין.

פארפלעפט פון אזא האסטיקייט און פון אזא קאכנדיקער שנאה, בלייב שטיין קיווע און שצערע ביי דעם חלב'נעם אנגעצונדענעם ליכטל. געמייני האבן זיי, אז מען האט ניין יאר נאכאנאנד געהאדעוועט א הענדעלע אי שטוב; ערשט עס איז גאר א סאראקע!... א קראקע געטאן און אוועק געפלויגן...

אין דער ערשטער מינוט האבן זיי אפילו קיין כוח ניט געהאט צו זידלע זיך, צו ארויפווארפן איינער אויפן אנדערן די שולד. ווי א בייזע נבואו האט זיי אפגעקלונגען משה'קעס סטראשונעק און פארקלונגען די אויערן אבער ניט זיי ביידע און ניט אפילו דער צו־להכעיס־אנטלאפענער משה'קי האבן געוואוסט, אז די נבואה וועט גאר אינגיכן מקוים ווערן.

א י נ ה א ל ט

זייט

9	—	אַ שטרויענער אלמן
22	—	אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס
33	—	אין דעם פעלצקאַמערל
43	—	לייבעטשקע בונטעוועט זיך
54	—	דאָס צעטעלע
66	—	בעזדיעטניקעס
75	—	די מציאה
82	—	ברית־קאַמעראַדן
91	—	גאַניק קעגן גאַניק
100	—	יתום און ממזר
111	—	אַ שטיין פון האַלדז
123	—	צוויי משה׳קעס
136	—	ביי הירשל דעם מלמד
144	—	דו ווייסט, איך בין אַ ממזר
154	—	אַן איידעלע פרנסה
167	—	דער געקוילעטער צאַפּ
176	—	מען נעמט אים ראַפּטעם
188	—	דער זינגענדיקער סטאָליער
200	—	הענעך דער פאַרבער
207	—	זלאַטע „עירוב־תבשילין"
216	—	ר׳ קאַרפּל סופר און זיין טאַטע
226	—	ר׳ שימעלע שלאָגט זיין טאָכטער
235	—	דער טייוול איז שטאַרקער
246	—	באָרע „די גרויסע אויגן"
257	—	ציגיינער
266	—	פאַרקאָכט אַ קאַשע
275	—	די „בוזשאַנקע"
284	—	אַוועקגעכאַפּט ציפּקען
295	—	וואו איז ציפּקע ?
304	—	טייטש־חומש
312	—	באַרעלעך און סכנת־נפשות
321	—	איכ׳ל זיין אַ גנב !...

פאַרן יאָר תשי״ז

יצחק באַשעוויס

מיין טאַטנ'ס בית־דין שטוב

זלמן שניאור

דער ממזר

ש. י. עגנון

אַ פשוטע געשיכטע

ספור פשוט

יידיש: א. רובינשטיין ❧ אַריינפיר: אהרן צייטלין

ערנסט העמינגוועי

דער אַלטער און דער ים

THE OLD MAN AND THE SEA

יידיש: מאיר שטיקער ❧ אַריינפירוואָרט יצחק באַשעוויס

I. LONDON, *Publisher*

228 EAST 45TH STREET NEW YORK 17, N. Y.

געזעצט און געדרוקט ביי
מאַרסטין פרעס, אינק.,
228 איסט 45 סט., ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאַנדאַן